STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04616

MAYN LEBN

Leon Trotsky

Permanent preservation of this book was made possible
by Alan & Arlene Alda
in honor of
Kay Goodman

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לעוו טראָצקי

מיין לעבן

יידיש:

פועה ראַקאָווסקי

פאַרלאַג „ביבליאָן״, ווארשע

1930

Warszawa 1 9 3 0
Printed in Poland

Druk. G Piment, Sierakowska 4

פירונצוואַנציקסטער קאַפּיטל

אין פּעטראָגראַד

דער וועג פון האַליפאַקס קיין פּעטראָגראַד איז אַדורכגעגאנגען אומבאַמערקט, ווי אַ טונעל. דאָס איז טאַקע געווען אַ טונעל—אין דער רעוואָלוציע אַריין. אין שוועדן זענען מיר געבליבן אין זכרון נאָר די ברויטקאַרטן: איך האָב עס דעמאָלט געזען צום ערשטן מאָל. אין פינלאַנד האָב איך מיך אין וואַגאָן באַגעגנט פּנים אל פּנים מיט וואַנדערוועלדען און דע מאַן, וואָס זיינען געפאָרן קיין פּעטראָגראַד.

—איר דערקענט אונז?—האָט דע מאַן אַ פרעג געטאָן.

—אָ, יאָ,—האָב איך געענטפערט,—הגם מענטשן ענדערן זיך שטאַרק אין דער צייט פון קריג. מיט דערדאָזיקער נישט זייער העפלעכער אָנצוהערעניש האָט זיך אונזער דיאַלאָג פאַרענדיקט. אין דער יוגנט האָט דע מאַן געפרואווט ווערן אַ מאַרקסיסט און האָט אפילו נישט שלעכט אַטאַקירט וואַנדערוועלדען. אין דער צייט פון קריג האָט ער פּאָליטיש ליקווידירט זיינע אומשולדיקע יוגנט־פאַנטאַזיעס און נאָכן קריג האָט ער זיי ליקווידירט טעאָרעטיש. ער איז פּשוט געוואָרן אַן אַגענט פון זיין רעגירונג, און נישט מער. וואָס אָנבעלאנגט וואַנדערוועלדען, האָט ער אין דער אָנפירנדיקער גרופּע פון אינטערנאַציאָנאַל פאָרגעשטעלט מיט זיך אַ גאַנץ אומבאַדייטנדיקע פיגור. אַ פאָרזיצער איז ער געווען נאָר צוליב דעם, ווייל מען האָט נישט געקאָנט אויסקלויבן נישט קיין דייטש, נישט קיין פראַנצויז.

טעאָרעטיש איז וואַנדערוועלדע געווען נישט מער, ווי אַ קאָמפּיליאַ־טאָר. בנוגע די אידעאישע שטרעמונגען פון סאָציאַליזם האָט ער פונקט אַזוי מאַנעווורירט, ווי זיין רעגירונג אין באַצוג צו די גרויס־מאַכטן, צווישן די רוסישע מאַרקסיסטן האָט ער קיינמאָל נישט גע־גאָלטן ווי אַן אויטאָריטעט. ווי אַן אָראַטאָר האָט זיך וואַנדערוועלדע קיינמאָל נישט אויפגעהייבן העכער פון אַ גלאַנצפולער מיטל־מעסיקייט. בעתן קריג האָט ער געטוישט דעם פּאָסטן אַלס פּאָרזיצער פון אינטערנאַציאָנאַל אויפן אַמט פון אַ קיניגלעכן מיניסטער. איך האָב אין מיין פּאַריזער צייטונג געפירט קעגן אים אַ פּאַרביסע־נעם קאַמף. וואַנדערוועלדע האָט געענטפערט דערמיט, וואָס ער האָט אויפגעפּאָדערט די רוסישע סאָציאַליסטן צו מאַכן שלום מיטן צאַריזם. איצט איז ער געפאָרן אייַנבעטן די רוסישע רעוואָלוציע, זי זאָל פאַרנעמען דעם אָרט פון צאַריזם אין דער גרופּע פון די פאַרביג־דעטע. מיר האָבן נישט געהאַט וועגן וואָס צו רעדן.

אין ביעלאָאָסטראָוו איז אַרויסגעפּאָרן אונז אַנטקעגן אַ דעלע־גאַציע פון די פאַרייניקטע אינטערנאַציאָנאַליסטן און פון דעם באָל־שעוויסטישן צענטראַל־קאָמיטעט. פון די מענשעוויקעס, אפילו פון די „אינטערנאַציאָנאַליסטן" (מאַרטאָוו און אַנדערע) איז קיינער נישט געווען. איך האָב אַרומגענומען מיין אַלטן פריינט אוריצקין, מיט וועלכן איך האָב זיך צום ערשטן מאָל געטראָפן אין סיביר, אין אָנ־הייב פון יאָרהונדערט. אוריצקי איז געווען אַ שטענדיקער מיטאַרבע־טער פון דער פּאַריזער „נאַשע סלאָוואָ" אין סקאַנדינאַוויע און האָט אונז בעתן קריג פאַרבונדן מיט רוסלאַנד. אין אַ יאָר אַרום נאָך דער־דאָזיקער באַגעגעניש איז אוריצקי דערהרגעט געוואָרן דורך אַ יונגן סאָציאַל־רעוואָלוציאָנער. צום ערשטן מאָל האָב איך זיך אין דער־דאָזיקער דעלעגאַציע באַגעגנט מיט קאַראַכאַנען, וואָס איז שפּעטער שטאַרק מפורסם געוואָרן אַלס סאָוויעטישער דיפּלאָמאַט. פון די באָל־שעוויקעס איז געקומען פיאָדאָראָוו, אַ מעטאַל־אַרבעטער, וואָס איז באַלד נאָכדעם געוואָרן פּאָרזיצער פון דער אַרבעטער־סעקציע אין דעם פעטראָגראַדער סאָוויעט. נאָך פּאַר ביעלאָאָסטראָוו האָב איך זיך פון אַ פרישער רוסישער צייטונג דערוואוסט, אַז טשערנאָוו, צערע־טעלי און סקאָבעליעוו זענען אַריין אין דער פּראָוויזאָרישער קאָאַ־ליציע־רעגירונג. די דיספּאָזיציע פון די פּאָליטישע גרופּעס איז באַלד בענוג קלאָר געוואָרן. פון דעם ערשטן טאָג אָן האָט מען געדאַרפט

אָנהייבן אַ געמיינזאַמען אומאויפהערלעכן קאַמף צוזאַמען מיט די באָלשעוויקעס קעגן די מענשעוויקעס און די נאַראָדניקעס.

אויפן פינלענדישן וואָקזאַל אין פעטראָגראַד האָט מען אונז צוגעגרייט אַ גרויסן קבלת־פּנים. אוריצקי און פּיאַדאַראָוו האָבן גע־האַלטן רעדעס. איך האָב גערעדט אויף דער טעמע וועגן די הכנות פון אַ צווייטער רעוואָלוציע, וואָס וועט זיין אונזערע. אַז מען האָט מיך פּלוצלונג אונטערגעכאַפּט אויף די הענט, האָב איך זיך תיכף־ומיד דערמאַנט אָן האַליפאַקס, וואו איך האָב מיך אויך געפונען אין אַזאַ לאַגע. דאָסמאָל זענען אָבער די הענט געווען פריינטלעכע. איך האָב דערזען דאָס צעהיצטע פּנים פון מיין פרוי, די בלייכע און אומרואיקע פּנימער פון די יינגלעך, וואָס האָבן נישט געוואוסט, צי איז עס גוט אָדער שלעכט: די רעוואָלוציע האָט זיי שוין איין מאָל אָפּגענאַרט. הינטער אונז, ביים עק פון וואָקזאַל־פּעראָן, האָב איך דערזען וואַנדערוועלדען און דע מאַן. זיי האָבן זיך מיט אַ פּיוון אָפּגערוקט, נישט געוואָלט, קענטיק, ריזיקירן זיך אויסצומישן מיטן המון. די נייע מיניסטאָרן־סאָציאַליסטן האָבן נישט צוגעגרייט פאַר זייער בעלגישן חבר קיין שום קבלת־פּנים. צו־פריש איז נאָך געווען ביי אַלעמען אין זכרון וואַנדערוועלדעס נעכטיקע ראָל.

גלייך נאָכן פאַרלאָזן דעם וואָקזאַל האָט זיך פאַר מיר אָנגע־הייבן אַ מין ווירבל, אין וועלכן מענטשן און עפּיזאָדן האָבן זיך פאַרבייגעטראָגן, ווי שפּענדלעך אין אַ שנעלן וואַסערשטראָם. די גרעסטע געשעענישן זענען אַממייסטן אָרעם מיט פּערזענלעכע זכרונות. אַזויאַרום שיצט זיך דער זכרון פאַר אַ צו גרויסער באַ־לאַסטונג. מיר דאַכט זיך, אַז איך בין גלייך אַוועק אויף אַ זיצונג פון דער עקזעקוטיווע. טשכעאידזע, דער שטענדיקער פאָרזיצער פון יענער צייט, האָט מיך טרוקן באַגריסט. די באָלשעוויקעס האָבן אַריינגעטראָגן אַ פאָרשלאַג, אַז איך זאָל אַריינגענומען ווערן אין דער עקזעקוטיווע, אַלס פריערדיקער פאָרזיצער פון סאָוויעט אין יאָר 1905. עס איז געוואָרן אַ צעמישעניש. די מענשעוויקעס האָבן זיך געשושקעט מיט די נאַראָדניקעס. אין יענעם פּעריאָד האָבן זיי נאָך געהאַט אין אַלע רעוואָלוציאָנערע אינסטיטוציעס אַן איבערוועגנדיקע מערהייט. עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז איך זאָל אַריינגענומען ווערן מיט באַראַטונגס־רעכט. איך האָב באַקומען מיין פּאַרטיי־בילעט און מיין גלאָז טיי מיט שוואַרץ ברויט.

נישט בלויז די ייִנגלעך, נאָר אויך איך און מײַן פֿרוי האָבן זיך אויף די פּעטראָגראַדער גאַסן שטאַרק געחידושט פֿון דער רוסישער שפּראַך און די רוסישע שילדן. מיר האָבן פֿאַרלאָזן די הויפּטשטאָט מיט צען יאָר צוריק, דער עלטערער איז דעמאָלט אַלט געווען עפּעס מער ווי אַ יאָר, דער ייִנגערער איז געבוירן געוואָרן אין ווין.

אין פּעטראָגראַד איז אפילו געשטאַנען אַ גרויסער גאַרניזאָן, אָבער אינגאַנצן אַ צעקראָכענער. די זעלנער האָבן מאַרשירט איבער די גאַסן מיט רעוואָלוציאָנערע לידער און רויטע בענדלעך אויף דער ברוסט. דאָס האָט אויסגעזען אומגלויבלעך, ווי אין חלום. די טראַמוואַיען זײַנען געווען געפּאַקט מיט זעלנער. אויף די ברייטע פּראָספּעקטן האָט מען נאָך געמאַכט מיליטערישע איבונגען. די שיסער האָבן זיך אויסגעלייגט. איבערגעלאָפֿן רייענווייז פֿאָרויס און ווידער זיך אויסגעלייגט. הינטערן רוקן פֿון דער רעוואָלוציע איז נאָך געשטאַנען דאָס גיגאַנטישע פֿאַרזעעניש פֿון קריג און האָט געוואָרפֿן אַ שאָטן אויף דער רעוואָלוציע. די מאַסן האָבן שוין אָבער מער נישט געגלייבט אין קריג און עס האָט אויסגעזען, אַז די מיליטערישע איבונגען האַלטן נאָך אָן, ווײַל מען האָט פֿאַרגעסן זיי אָפּצושטעלן. דער קריג איז שוין געוואָרן אַן אוממעגלעכקייט. דאָס האָבן נישט פֿאַרשטאַנען די קאַדעטן, און דאָס האָבן אויך נישט פֿאַרשטאַנען די פֿירער פֿון דער אַזוי־גערופֿענער „רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַטיע". זיי זענען אַדורכגענומען געוואָרן פֿון טויטשרעק, ווען זיי איז נאָר אײַנגעפֿאַלן, אַז מען דאַרף זיך אָפּרייסן פֿון דער ספּאָדניצע פֿון דער אַנטאַנט.

צערעטעלין האָב איך געקענט ווײַניק, קערענסקין אינגאַנצן נישט, טשכעאידזען עפּעס נעענטער, סקאָבעליעוו איז געווען מײַן תּלמיד, מיט טשערנאָוון האָב איך זיך נישט איינמאָל געפּעכט אויף די אויסלענדישע רעפֿעראַטן, גאָצן האָב איך געזען צום ערשטן מאָל. דאָס איז געווען די אָנפֿירנדיקע סאָוויעט־גרופּע פֿון דער דעמאָקראַטיע.

צערעטעלי איז אָן שום ספק געשטאַנען מיט אַ קאָפּ העכער פֿון אַלע אַנדערע. איך האָב זיך מיט אים צום ערשטן מאָל געטראָפֿן אויפֿן לאָנדאָנער קאָנגרעס אין יאָר 1907, וואו ער האָט פֿאַרטרעטן די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פֿראַקציע פֿון דעם צווייטער דומע. שוין דעמאָלט, אין די יונגע יאָרן, איז ער געווען אַ גוטער רעדנער מיט אַ סימפּאַטישן עטישן אונטערטאָן. די קאַטאָרגע־יאָרן האָבן אויפגע־

הייבן זיין פּאָליטישן אויטאָריטעט. אויף דער אַרענע פון דער רעוואָ־לוציע איז ער צוריקגעקומען ווי אַ רייפער מענטש און האָט גלייך פאַרנומען דעם ערשטן אָרט אין דער ריי פון זיינע פּארטיי־חברים און פאַרבינדעטע. צווישן די קעגנער איז ער געווען דער איינציקער, וועלכן מען האָט געקאָנט נעמען ערנסט. אָבער ווי עס טרעפט נישט זעלטן אין דער געשיכטע, האָט מען געמוזט האָבן אַ רעוואָלוציע, כּדי צו באַווייזן, אַז צערעטעלי איז נישט קיין רעוואָלוציאָנער. כּדי זיך נישט צו פאַרפּלאָנטערן אין איר נעץ, האָט מען צו דער רוסי־שער רעוואָלוציע געדאַרפט צוגיין נישט פון אַ רוסישן, נאָר פון אַ וועלט־שטאַנדפּונקט. צערעטעלי אָבער איז צוגעגאַנגען צו איר פון שטאַנדפּונקט פון זיינע דערפאַרונגען אין גרוזיע, וואָס זענען דער־גאַנצט געוואָרן מיט די דערפאַרונגען פון דער צווייטער דומע. זיין פּאָליטישער האָריזאָנט האָט זיך אַרויסגעוויזן געוואַלדיק שמאָל, זיין בילדונג—אויבערפלעכלעך ליטעראַריש. ער האָט געפילט גרויס יראת־הכּבוד פאַרן ליבעראַליזם. אויף דער אומאָפּוועןדבאַרער דינאַמיק פון דער רעוואָלוציע האָט ער געקוקט מיט די אויגן פון אַ האַלב־געביל־דעטן בורזשוי, וואָס דאגהט פאַר דער קולטור. די דערוואַכטע מאַסע האָט אים כּסדר אויסגעזען ווי אַ צובונטעוועטער המון. פון זיינע ערשטע ווערטער איז געווען קלאָר, אַז ער איז אַ שונא. לענין האָט אים אָנגערופן „טעמפער מוח״. דאָס איז געווען אַ האַרבע, אָבער זייער אַ טרעפלעכע כאַראַקטעריסטיק. צערעטעלי איז געווען אַ באַ־גאַבטע און ערלעכע באַגרענעצטקייט.

קערענסקין האָט לענין אָנגערופן „באַרימערל״. דערצו קאָן מען אויך איצט נישט קיין סך צוגעבן. קערענסקי איז געווען און געבליבן אַ צופעליקע פיגור, אַ בר־מזל פון אַ היסטאָרישן מאָמענט. יעדער נייע, מעכטיקע רעוואָלוציע־כוואַליע, וואָס רייסט מיט די תּמימותדיקע מאַסן, וועלכע קענען זיך נאָך נישט פאַנאַנדערקלויבן אין די געשעענישן, הייבט תּמיד אויף אינדערהויך אַזעלכע שעה־העלדן, וואָס ווערן באַלד פאַר־בלענדט פון זייער אייגענעם גלאַנץ. קערענסקי איז געווען דער יורש פון גאַפּאָנען און כרוסטאַליעוון. ער האָט פּערזאָניפיצירט דאָס צופע־ליקע אין דעם געזעצמעסיקן. זיינע בעסטע רעדעס זענען געווען נישט מער ווי אַ מין שטויסן וואַסער אין אַ סטעמפּע. אין יאָר 1917 האָט דאָסדאָזיקע וואַסער געזאָדן און פון אים איז אויפגעגאַנגען אַ דאַמף. די דאַמפכוואַליעס האָבן אויסגעזען, ווי אַ מין אָרעאָל.

אַלס סטודענט אין ווין, איז סקאָבעליעוו, אונטער מיין לייטונג,
אַריין אין דער פּאָליטיק. פון דער רעדאַקציע פון דער ווינער
„פּראַוודאַ“ איז ער אַוועקגעפאָרן צו זיך אויף קאַווקאַז, כדי זיך אַריינ-
צוקריגן אין דער IV-טער דומע. דאָס האָט זיך איינגעגעבן. אין דומע
איז סקאָבעליעוו אַרונטערגעפאַלן אונטער דער השפּעה פון די מענשע-
וויקעס און צוזאַמען מיט זיי איז ער שפּעטער אַריין אין דער
פעברואַר-רעוואָלוציע. אונזערע באַציונגען זענען שוין לאַנג געווען
איבערגעריסן. איך האָב אים געטראָפן אין פּעטראָגראַד אַלס פריש-
אויסגעבאַקענעם אַרבעטס-מיניסטער. אין עקזעקוטיוו-קאָמיטעט איז ער
צו מיר ברייטלעך צוגעגאַנגען און געפרעגט, וואָס טראַכט איך „וועגן
דעם“. איך האָב אים געענטפערט: „איך מיין, אַז מיר וועלן זיך מיט
אייך גאַנץ גיך אַן עצה געבן“. גאָרנישט לאַנג האָט מיר סקאָבעליעוו
לאַכנדיק דערמאָנט אין דעם דאָזיקן פריינטלעכן פּראָגנאָז, וואָס איז
אין אַ זעקס חדשים אַרום מקויים געוואָרן. גאָר גיך האָט זיך סקאָ-
בעליעוו נאָכן אָקטאָבער-נצחון דעקלאַרירט אַלס באָלשעוויק. איך און
לענין זענען געווען קעגן דעם, אַז מען זאָל אים אַריינגעמען אין
דער פּאַרטיי. איצט איז ער, נאַטירלעך, אַ סטאַליניסט. אין דער היינ-
זיכט איז אַלץ אין אָרדענונג.

איך האָב זיך איינגעאָרדנט מיט דער פרוי און קינדער אין
עפּעס אַזעלכע „קיעווער נומערן“; מיר האָבן דאָרט גענומען אַ צימער,
און דאָס איז אונז אויך נישט אַזוי לייכט אָנגעקומען.

אויפן צווייטן טאָג איז אַריינגעקומען צו אונז אַן אָפיציר מיטן
גאַנצן שיק.—„איר דערקענט מיך נישט?“ איך האָב אים נישט דערקענט.—
„לאָגינאָוו“. דאַן האָט זיך פון דעמדאָזיקן אויסגעפּוצטן אָפיציר אויסגע-
שיילט אין מיין זכרון אַ יונגער שלאָסער פון יאָר 1905. ער איז געווען אַ
מיטגליד אין דער קאַמפס-דרוזשינע, האָט פון הינטער די טומבעס גע-
קעמפט מיט די פּאָליציאַנטן, און איז געווען צוגעבונדן צו מיר מיט אַ
הייסער יונגער טריישאַפט. נאָכן יאָר 1905 האָב איך אים פאַרלאָרן פון
אויג. ערשט איצט בין איך פון אים געוואָר געוואָרן, אַז פאַקטיש איז ער
גאָרנישט געווען קיין פּראָלעטאַריער לאָגינאָוו, נאָר אַ סטודענט-טעכנאָלאָג,
מיטן פאַמיליע-נאָמען סערעבראָווסקי, וואָס האָט געשטאַמט פון אַ רייכן
הויז און וואָס האָט זיך אָבער אין די יונגע יאָרן גוט אַסימילירט
דער אַרבעטער-סביבה. אין דעם רעאַקציע-פּעריאָד איז ער געוואָרן אַן
אינזשיניער, איז שוין לאַנג אַוועק פון דער רעוואָלוציע און אין דער

צייט פון דעם קריג איז ער געווען אַ רעגירונגס־דירעקטאָר פון די
צוויי גרעסטע מעטאַל־פאַבריקן אין פעטראָגראַד. די פעברואַר־רעוואָלוציע
האָט אים אַ ביסל אַ טרייסל געטון, און ער האָט זיך דערמאָנט אין
זיין עבר. וועגן מיין קומען האָט ער זיך דערוואוסט פון די צייטונ-
גען. איצט איז ער געשטאַנען פאַר מיר און האָט מיט מיר הייס איינ-
געטענהט, אַז איך זאָל זיך מיט דער פאַמיליע באַזעצן ביי אים אין
דער וואוינונג, און טאַקע שוין, גלייך אויפן אָרט. נאָך אַ געוויסער
וואַקלעניש האָבן מיר איינגעשטימט. דאָס איז געווען אַ גרויסע, רייכע
דירה פון אַ דירעקטאָר, אין וועלכער סערעבראָווסקי האָט געוואוינט
מיט זיין יונגער פרוי. קיין קינדער האָט ער נישט געהאַט. אַלץ איז
דאָ געווען צוגעגרייט. אין דער האַלב־רואינירטער, אויסגעהונגערטער
שטאָט האָבן מיר זיך דאָ, אין דערדאָזיקער וואוינונג, געשפּירט ווי אין
אַ גן־עדן. דער ענין איז אָבער באַלד קאַליע געוואָרן, ווי נאָר מען
האָט גענומען שמועסן פון פּאָליטיק. סערעבראָווסקי איז געווען אַ
פּאַטריאָט. ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, האָט ער פיינט
געהאַט די באָלשעוויקעס תּכלית־שנאה און האָט געהאַלטן לענינען פאַר
אַ דייטשן אַגענט. זיך אָנשטויסנדיק ביי די ערשטע ווערטער אויף אַ
ווידערשטאַנד, איז ער, אמת, תּיכּף געוואָרן פאָרזיכטיקער, אָבער דאָס
געמיינזאַמע לעבן מיט אים איז פאַר אונז געוואָרן אוממעגלעך. מיר
האָבן פאַרלאָזן די וואוינונג פון די גאַסטפריינטלעכע, אָבער פאַר אונז
פרעמדע מענטשן און זיך אַריבערגעפּעקלט צוריק אין די „קיעווער
נומערן.” סערעבראָווסקי האָט שפּעטער געפּאַקט די יינגלעך און אַריינ-
געפירט זיי צו זיך אין געסט. ער האָט זיי מכבד געווען מיט טיי
און איינגעמאַכץ, און די יינגלעך האָבן אים מיט דאַנקבאַרקייט דער-
ציילט פון לענינס אַרויסטריט אויף אַ מיטינג. זייערע פּנימער האָבן
זיך געראַויטלט, זיי זענען געווען צופרידן מיטן שמועס און מיטן
איינגעמאַכץ. „יאָ, אָבער לענין איז דאָך אַ דייטשער שפּיאָן,” האָט
דער באַלעבאָס אַ זאָג געטאָן. וואָס? שוין זשע זענען דידאָזיקע
ווערטער אַרויסגערעדט געוואָרן? די יינגלעך האָבן געלאָזן די טיי
מיטן איינגעמאַכץ און אויפגעשפּרונגען פון די ערטער. „נו, דאָס איז
שוין אַ חזירײַ”, האָט אַ זאָג געטאָן דער עלטערער. ער האָט נישט
געפונען אין זיין לעקסיקאָן קיין אַנדער וואָרט, וואָס זאָל זיין גוט צו-
געפּאַסט צו דעמדאָזיקן מאָמענט. דאָ אָבער האָט זיך שוין דער באַ-
לעבאָס געפונען שטאַרק באַליידיקט. דערמיט האָט זיך די באַקאַנט-

שאַפט איבערגעריסן. נאָך אונזער נצחון אין אָקטאָבער האָב איך צו־געצויגן סערעבראָווסקין צו דער סאָוויעטישער אַרבעט. ווי אַ סך אַנ־דערע, איז ער דורך דעם סאָוויעטן־דינסט אַריין אין דער פּאַרטיי. איצט איז ער אַ מיטגליד פון סטאַלינס צ. ק., איינער פון די זיילן פון רעזשים. אויב אין יאָר 1905 האָט ער געקאָנט גילטן פאַר אַ פּראָלעטאַריער, קאָן ער איצט אַ סך לייכטער פיגורירן אַלס באָלשעוויק.

נאָך די „יולי־טעג", פון וועלכע איך וועל נאָך רעדן שפּעטער, האָט די רכילות־טרייבעריי קעגן די באָלשעוויקעס ממש פאַרפלייצט די גאַסן פון דער הויפּטשטאָט. איך בין דורך קערענסקיס רעגירונג אַרעסטירט געוואָרן, און אין צוויי חדשים אַרום נאָך מיין צוריקקומען פון דער עמיגראַציע בין איך ווידער אַריינגעפאַלן אין דער מיר גוט באַקאַנטער „קרעסטי"־תּפיסה. דער פּולקאָווניק מאָריס פון אַמהערסט האָט אַוודאי מיט פאַרגעניגן איבערגעלייענט דידאָזיקע ידיעה אין זיין מאָרגן־צייטונג און איז זיכער נישט געווען דער איינציקער, וואָס האָט געהאַט אַזאַ געפיל. די יינגלעך אָבער זענען געווען אומצופרידן. וואָס איז עס פאַר אַ רעוואָלוציע, האָבן זיי געמוסרט דער מוטער, אַז מען פאַרשפאַרט דעם טאַטן דאָ אין קאָנצענטראַציע־לאַגער און דאָ אין תּפיסה? די מוטער איז טאַקע מיט זיי מסכּים געווען, אַז דאָס איז נאָך נישט די ריכטיקע רעוואָלוציע. אין זייערע נשמות זענען שוין אָבער אַריינגעפאַלן די ביטערע טראָפּנס פון סקעפּטיציזם.

נאָכדעם, ווי איך בין אַרויס פון תּפיסה פון דער „רעוואָלוציאָ־נערער דעמאָקראַטיע", האָבן מיר זיך איינגעאָרדנט אין אַ קליינער וואוינונג, וואָס די אַלמנה פון אַ ליבעראַלן זשורנאַליסט האָט אונז פאַר־דונגען אין אַ גרויסן בורזשואַזן הויז. די הכנות צו דער אָקטאָבער־איבערקערעניש זענען צוגעגאַנגען זייער אינטענסיוו. איך בין געוואָרן פאָרזיצער פון דעם פּעטראָגראַדער סאָוויעט. מיין נאָמען איז אין דער פּרעסע געבויגט געוואָרן אויף אַלע אופנים, אין אונזער הויז זענען מיר אַלץ מער און מער אַרומגערינגלט געוואָרן פון שנאה און האַס. אונזער קעכין אַנאַ אָסיפּאָוונאַ איז אַטאַקירט געוואָרן פון די באַלע־באָסטעס, ווען זי איז געקומען אין הויז־קאָמיטעט נאָך ברויט. מיין זון האָט מען אין שולע שטאַרק פאַרפאָלגט, גערופן נאָכן פאָטער „פּאָרזיצער". אַז מיין פרוי פלעגט קומען אַהיים פון דער אַרבעט אין פּראָפעסיאָנעלן פאַריין פון האָלצאַרבעטער, פלעגט זי דער עלטערער סטרוזש באַגלייטן מיט פיינטלעכע בליקן. אַרויפגיין אויף די טרעפּ

איז געווען אַן אָפּקומעניש. אונזער באַלעבאָסטע האָט זיך כּסדר אינפאָרמירט דורכן טעלעפאָן, צי האָט מען נאָך נישט דעמאָלירט איר מעבל. מיר האָבן זיך געוואָלט אַרויסציען, אָבער וואוהין? קיין ליידיקע דירות זענען אין שטאָט נישט געווען. די לאַגע איז געוואָרן אַלץ אומדערטרעגלעכער. אָבער אין איין באמת שיינעם טאָג האָט די וואוינונג־בלאָקאַדע פּלוצלונג אויפגעהערט, פּונקט ווי עמעץ וואָלט זי אַראָפּגענומען מיט אַן אַלמעכטיקער האַנט. דער עלטערער סטרוזש האָט שוין באַגעגנט מיין פרוי מיט אַזאַ בכבודער באַגריסונג, וועלכע עס זענען נאָר זוכה געווען די סאַמע איינפלוסרייכע שכנים. אין הויז־קאָמיטעט האָט מען שוין אָנגעהייבן אַרויסגעבן ברויט אָן אַ שום אָפּהאַלט און אָן שום דראָונגען. קיינער האָט שוין איצט נישט פאַרהאַקט די טיר סאַמע פאַר אונזער נאָז. ווער, וואָסער מכשף האָט עס אַלץ געמאַכט? דאָס האָט געמאַכט ניקאָלאַי מאַרקין. וועגן אים מוז מען רעדן, ווייל דורך אים — דורכן קאָלעקטיוון מאַרקין — האָט די אָקטאָבער־רעוואָלוציע מנצח געווען.

מאַרקין איז געווען אַ מאַטראָס פון באַלטישן פלאָט, אַן אַרטילעריסט און אַ באָלשעוויק. ער איז נישט באַלד אַנטפּלעקט געוואָרן. אין זיין כאַראַקטער איז גאָרנישט געלעגן — זיך אַרויסצורוקן פאָרויס. מאַרקין איז נישט געווען קיין אָראַטאָר, ריידן איז אים געווען שווער. חוצדעם, איז ער געווען אַ בּיישן און אַן אָנגעברוגזטער, אָבער דאָס איז געווען אַן אָנגעברוגזטקייט פון אַ כּוח, וואָס איז פאַריאָגט טיף אין זיך. מאַרקין איז געווען געמאַכט פון איין שטיק און דערצו פון עכטן מאַטעריאַל. איך האָב קיין שום אַנונג נישט געהאַט, אַז ס'איז דאָ אַ מאַרקין אויף דער וועלט, בעת ער האָט שוין געהאַט גענומען אויף זיך די זאָרג וועגן מיין פאַמיליע. ער האָט זיך באַקענט מיט מיינע יינגלעך, פלעגט זיי אינם סמאָלני־בופעט מכבד זיין מיט טיי און פּוטערברויט און בכלל זיי פאַרשאַפן קליינע תּענוגים, אין וועלכע יענע ביטערע צייט איז געווען אַזוי אָרעם. אומבאַמערקט פלעגט ער זיך קומען אינפאָרמירן, צי איז אַלץ אין אָרדענונג. איך האָב וועגן אים קיין אַנונג נישט געהאַט. פון די יינגלעך, פון אַנאַאָסיפּאָווגאַן, האָט ער זיך דערוואוסט, אַז מיר וואוינען אין אַ פּיינטלעכן לאַגער. מאַרקין האָט אָפּגעשטאַט אַ וויזיט דעם עלטערן סטרוזש, דעם הויז־קאָמיטעט און, ווי עס ווייזט אויס, נישט אַליין, נאָר מיט אַ גרופּע מאַטראָסן. ער האָט, אפנים, געפונען אַזעלכע שטאַרק־איבער־

צ יגנדיקע ווערטער, ווייל אַלץ אַרום אונז האָט זיך פּלוצלונג געענדערט. נאָך פּאַר דער אָקטאָבער-איבערקערעניש האָט שוין אין אונזער בורזשואַזן הויז זיך איינגעשטעלט אַ מין פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור. ערשט שפּע־טער האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז דאָס אַלץ האָט געמאַכט מאַרקין, דער מאַטראָס פון באַלטישן פלאָט, דער פריינט פון אונזערע קינדער.

זיך שטיצנדיק אויף די דרוקעריי-אייגנטימער, האָט דער ציק, וואָס איז געווען פיינטלעך צו אונז, צוגענומען ביים פּעטראָגראַדער סאָוויעט די צייטונג, ווי נאָר דער סאָוויעט איז געוואָרן באָלשעוויס־טיש. מען האָט געמוזט האָבן אַ נייע צייטונג. איך האָב צוגעצויגן מאַרקינען. ער איז פאַרשוואונדן געוואָרן, ווי אין וואַסער אַריין, גע־ווען, וואו מען האָט געדאַרפט זיין, געזאָגט די דרוקער, וואָס מען האָט געדאַרפט זאָגן און אין משך פון עטלעכע טעג איז אַנטשטאַנען אַ צייטונג. מיר האָבן זי גערופן „דער אַרבעטער און דער זעלנער“. מאַרקין איז אָפּגעזעסן טעג און נעכט אין דער רעדאַקציע און גע־לאָזט דעם אַפּאַראַט אין גאַנג. אין די אָקטאָבער-טעג פלעגט מאַרקינס פעסט-געבויטער גוף מיטן טונקעלן אָנגעבלוזטן קאָפּ, תמיד אַרויס־שווימען אין די געפערלעכסטע ערטער און אין די סאַמע קריטישע מאָמענטן. צו מיר פלעגט מאַרקין קומען, נאָר כדי צו מעלדן, אַז אַלץ איז אין אָרדענונג—און צי נויטיק איך מיך נישט אין עפּעס. מאַרקין האָט פאַרברייטערט זיינע עקספּערימענטן,—ער האָט איינגעפירט אין פּעטראָגראַד די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט.

די גאַסן-אויסוואורפן האָבן אָנגעהייבן באַפאַלן די גרויסע וויין־לאַגערן אין דער הויפּטשטאָט און אין די פּאַלאַצן. עמעץ האָט אָנגע־פירט מיט דעראָזיקער געפערלעכער באַוועגונג, זיך געפּרואווט מיטן אַלקאָהאָל-פייער אונטערצוצינדן די רעוואָלוציע. מאַרקין האָט באַלד דערשפּירט די געפאַר און זיך געוואָרפן אין קאַמף. ער האָט געשיצט, און—וואו עס איז נויטיק געווען,—פאַרניכטעט די וויין-לאַגערן. אין הויכע שטיוול איז ער געקראָכן איבער די קני אין טייערן וויין, צונויפגעמישט מיט שטיקלעך גלאָז. דורך די רינשטאָקן איז דער וויין געפלאָסן אין דער נעוואַ אַריין, אָנטרינקנדיק מיט זיך דעם שניי. די שיכורים האָבן געזשליאָקעט גלייך פון רינשטאָק. מיטן רעוואָלווער אין דער האַנט האָט מאַרקין געקעמפט פאַרן ניכטערן אָקטאָבער. דורכ־גענעצט ביזן ביין, אָנגעזאַפּט מיט די ריחות פון די בעסטע ווייגען, פלעגט ער קומען אַהיים, וואו צוויי יינגלעך האָבן אים אָפּגעוואַרט

מיט גרויס האַרצקלאַפּעניש. מאַרקין האָט אָפּגעשלאָגן דעם אַלקאָהאָל־אָנגריף פון דער קאָנטער־רעוואָלוציע.

ווען מיר איז איבערגעגעבן געוואָרן דאָס מיניסטעריום פון אויסערן, האָט עס אויסגעזען, אַז ס'איז גאָר אוממעגלעך צוצוטרעטן צו דער אַרבעט. אָנהייבנדיק פון די געהילפס־מיניסטאָרן ביז די מאַשינעסטקעס — האָבן אַלע געפירט אַ סאַבאָטאַזש. די שאַפעס זענען געווען פאַרשלאָסן. מען האָט קיין שליסלען נישט געהאַט. איך האָב זיך געווענדט צו מאַרקינען, וואָס האָט געוואוסט דעם סוד פון דירעקטער ווירקונג. אַ צוויי־דריי דיפּלאָמאַטן זענען אָפּגעזעסן אַ מעת־לעת פאַרשפאַרט, און אויפן צווייטן טאָג האָט מאַרקין געבראַכט די שליסלען און האָט מיך איינגעלאַדן אין מיניסטעריום. איך בין אָבער געווען פאַרנומען אין סמאָלני מיט די אויפגאַבן פון דער אַלגעמיינער רעוואָלוציע. דאַן איז מאַרקין אויף אַ געוויסער צייט געוואָרן דער אומאָפיציעלער מיניסטער פון אויסערן. ער האָט זיך תּיכּף אויף זיין שטייגער אָריענטירט אינם מעכאַניזם פון קאָמיסאַריאַט, מיט אַ פעסטער האַנט דורכגעפירט די רייניקונג צווישן די ראַסאָווע און גנבישע דיפּלאָמאַטן, האָט איינגעאָרדנט אויף אַ נייעם אופן די קאַנצעלאַריע, קאָנפיסקירט לטובת די אומהשגחהדיקע די געשמוגלטע זאַכן, וואָס זענען אין דיפּלאָמאַטישע וואַליזעס כּסדר אַריינגעבראַכט געוואָרן פון אויסלאַנד, האָט אפּגעקליבן די אַממייסטן ווערטפולע געהיימע דאָקומענטן און אַרויסגעגעבן זיי אויף זיין פאַראַנטוואָרטלעכקייט מיט אייגענע באַמערקונגען אַלס באַזונדערע בראָשורן. מאַרקין האָט נישט געהאַט קיין אַקאַדעמישן צייכן און האָט אפילו געשריבן מיט גרייזן. זיינע באַמערקונגען האָבן אָבער אָפטמאָל איבערראַשט מיט אַן אומגעריכטן שאַרפן געדאַנק. בכלל אָבער האָט מאַרקין פעסט אַריינגעהאַקט זיינע דיפּלאָמאַטישע טשוועקעס אויפן היכּטיקן אָרט. באַראָן קולמאַן און גראַף טשערנין האָבן זיך אין ברעסט־ליטאָווסק מיט גרויס דורשט אַרויפגעוואָרפן אויף מאַרקינס געלע ביכלעך.

דערנאָך האָט זיך אָנגעהייבן דער בירגערקריג. מאַרקין האָט פאַרשטאָפּט די לעכער, וועלכע זענען געווען זייער פיל. איצט האָט ער איינגעפירט די דיקטאַטור ווייט אויפן מזרח. מאַרקין האָט אָנגעפירט מיט אַ פלאָטיליע אויף דער וואָלגע און געיאָגט דעם שונא. קוים האָב איך מיך דערוואוסט, אַז מאַרקין געפינט זיך אויף אַ געפערלעכן אָרט, פלעגט מיר ווערן רואיק און וואַרעם אויף דער נשמה.

עס האָט אָבער געשלאָגן די שעה. אויפֿן טייך אַקמאָ האָט אַ פֿײַנט־לעכע קויל אָנגעיאָגט ניקאָלײַ געאָרגיעוויטש מאַרקינען און אים אומגעוואָרפֿן פֿון זײַנע פֿעסטע מאַטראָסן־פֿיס. די טעלעגראַמע וועגן זײַן טויט האָט אויף מיר געמאַכט אַזאַ אײַנדרוק, פּונקט ווי אַ קאָ־לאָנע פֿון גראַניט וואָלט אומגעפֿאַלן אויף מײַנע אויגן. אויפֿן טישל בײַ די קינדער איז געשטאַנען זײַן פֿאָטאָגראַפֿיע אין אַ מאַטראָסן־היטל מיט בענדלעך.—„ייִנגלעך, ייִנגלעך, מאַרקין איז טויט!“ אויך איצט זע איך נאָך די צוויי בלײַכע פּנימלעך, אויסגעקרימט מיטן קראַמף פֿונעם אומגעריכטן ווייטיק. מיט די ייִנגלעך האָט זיך דער אָנגעברוגזטער ניקאָלײַ געחברט, ווי מיט גלײַכע חברים. ער האָט זיי אַרײַנגעצויגן אין זײַנע פּלענער, אין זײַן לעבן. דעם בײַניאָריקן סעריאָזשאַן האָט ער מיט טרערן אויף די אויגן דערציילט, אַז די פֿרוי, וועלכע ער האָט לאַנג און שטאַרק ליב געהאַט, האָט אים פֿאַר־לאָזן און אַז דעריבער איז אים שטענדיק אַזוי אומעטיק און שווער אויפֿן האַרצן. סעריאָזשאַ האָט מיט אַן איבערגעשראָקענעם פֿליסטערן און מיט טרערן אויף די אויגן פֿאַרטרויט דעמדאָזיקן סוד דער מו־טער, און דערדאָזיקער צערטלעכער פֿרײַנט, וואָס האָט פֿאַר די קינדער, ווי פֿאַר זײַנס אַ גלײַכן, געעפֿנט זײַן נשמה, איז אין דערזעלבער צײַט געווען אַן אַלטער ים־וואָלף און אַ רעוואָלו־ציאָנער, אַ העלד פֿון קאָפּ ביז די פֿיס, ווי אין דעם וואונדער־לעכסטן מעשהלע. צי דען איז טאַקע אומגעקומען דערזעלבער מאַרקין, וואָס האָט זיי אין קעלער פֿון מיניסטעריום געלערנט שיסן פֿון אַ בולדאָג און אַ קאַראַבין. צוויי קליינע גופּימלעך האָבן געשוידערט בײַנאַכט אונטער דער קאָלדרע, בעת עס איז אָנגעקומען דידאָזיקע שוואַרצע ידיעה. בלויז די מוטער האָט געהערט זייערע אומטרייסט־לעכע טרערן.

דאָס לעבן האָט זיך געדרייט אין אַווירבל פֿון מיטינגען. איך האָב געפֿונען אין פּעטערבורג אַלע רעוואָלוציע־רעדנער מיט הייזעריקע שטימען אָדער גאָר אָן שטימען. די רעוואָלוציע פֿון יאָר 1905 האָט מיך אויסגעלערנט צו זײַן פֿאָרזיכטיק מיט מײַן אייגענעם האַלז. אַ דאַנק דעם בין איך כּמעט קיינמאָל נישט אַרויס פֿון פֿראָנט. מיטינגען זענען פֿאָרגעקומען אין פֿאַבריקן, אין שולן, אין טעאַטערס, אין צירקן, אויף די גאַסן און פֿרײַע פּלעצער. אַן אויסגעמאַטערטער פֿלעג איך קומען אַהיים נאָך אַ האַלבער נאַכט, און האָב אויסגעפֿונען אינם אומ־

טראָצקי שמועסט מיטן איטאליענישן דעלעגאט סעראטי.

יואיקן דרימל די בעסטע אַרגומענטן קעגן די פּאָליטישע קעגנער, און זיבן אַ זייגער אינדערפרי, טיילמאָל נאָך פריער, האָט מיך שוין אויפגעריסן פון שלאָף דער פאַרהאַסטער, אומדערטרעגלעכער קלאַפּ אין טיר: מען רופט מיך אויף אַ מיטינג אין פעטערהאָף. אָט האָבן די קראָנשטאַטער אַרויסגעשיקט נאָך מיר אַ מאָטאָרשיפל. יעדעס מאָל האָט זיך מיר געדאַכט, אַז דעמדאָזיקן נייעם מיטינג וועל איך שוין נישט קאָנען באַהערשן. אָבער אָט עפנט זיך עפּעס אַ נייער נערוון־רעזערוו, און איך רעד אַ שעה, צוויי, און בעת מיין רעדע רינגלען מיך שוין געדיכט אַרום דעלעגאַציעס פון אַנדערע פאַבריקן און ראַיאָנען. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז אין אַנדערע דריי אָדער פינף ערטער וואַרטן שוין טויזנטער אַרבעטער, וואַרטן אַ שעה, צוויי, דריי. ווי געדולדיק האָט אין יענע טעג די אויפגעוואַכטע מאַסע געוואַרט אויף אַ ניי וואָרט.

גאָר אַ באַזונדערן אָרט האָבן פאַרנומען די מיטינגען אין צירק מאָדערן. צו דידאָזיקע מיטינגען האָבן זיך נישט בלויז מיר, נאָר אויך די קעגנער גאָר אַנדערש באַצויגן. זיי האָבן געהאַלטן, אַז דער צירק איז מיין פעסטונג און האָבן קיינמאָל נישט געפּרואווט אַרויסטרעטן. דערפאַר אָבער, ווען איך האָב אין סאָוועט אַטאַקירט די פשרה־מאַכער, האָט מען מיך טיילמאָל איבערגעריסן מיט פאַרביסענע צווישנרופן: „דאָס איז אייך נישט דער צירק מאָדערן!" דאָס איז געוואָרן אַ מין רעפרען. אין צירק פלעג איך געוויינלעך אַרויסטרעטן אין אָוונט, טיילמאָל אפילו ביינאַכט. די צוהערער זענען געווען אַרבעטער, זעלנער, האָרעפּאַשנע מאַמעס, גאַסן־ייִנגלעך, די געדריקטסטע אונטערשטע שיכטן פון דער הויפּטשטאָט. יעדער קוואַדראַט־צאָל איז געווען באַזעצט, יעדער מענטשלעכער קערפּער צונויפגעפּרעסט. די ייִנגלעך זענען געזעסן ביי די פאָטערס אויף די פּלייצעס. זויגקינדער זענען געלעגן ביי דער ברוסט פון די מוטערס. קיינער האָט נישט גערויכערט. די גאַלעריעס האָבן יעדע מינוט געדראָט זיך איינצוברעכן אונטער דער שווערער מענטשן־לאַסט. צו דער טריבונע האָב איך מיך געקאָנט אַדורכקריגן נאָר דורך אַ שמאָלן טראַנשיי פון קערפּער, טיילמאָל דורכגעטראָגן אויף די הענט. אין דער לופט, אָנגעשפּאַנט פון מענטשלעכן אָטעמען און וואַרטן, האָבן זיך דורכגעריסן געשרייען, אייגנאַרטיקע, ליידנשאַפטלעכע יאָמער־קולות פון צירק מאָדערן. אַרום מיר און איבער מיר זענען געווען

געדיכטע צונויפגעדריקטע עלנבויגנס, ברוסטן, קעפ. איך האָב גערעדט ווי פון אַ וואַרעמער הייל פון מענטשלעכע לייבער. אַז איך האָב געמאַכט אַ ברייטן זשעסט, האָב איך אומפאַרמיידלעך עמעצן אָנגע־רירט, און אַ דאַנקבאַרע ענטפער־באַוועגונג האָט מיר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז איך באַדאַרף מיך נישט באַאומרואיקן, נישט אומקוקן דערויף און רעדן ווייטער. קיין שום מידקייט האָט נישט געקאָנט איינשטיין קעגן דער עלעקטרישער שפּאַנונג פון דערדאָזיקער ליידנ־שאַפטלעכער מענטשן־מאַסע. זי האָט געוואָלט וויסן, פאַרשטיין, געפי־נען איר וועג. ווײַלעוויז האָט זיך געדאַכט, אַז דו שפּירסט מיט די ליפּן די דרינגענדיקע וויסן-גיריקייט פון דערדאָזיקער צונויפגעשמאָל־צענער איינהייטלעכער מאַסע. דעמאָלט האָבן די פריער אָנגעמערקטע אַרגומענטן און ווערטער נאָכגעלאָזט, צוריקגעטרעטן אונטער דעם דרינגענדיקן דרוק פון מיטגעפיל, און פון דער טיפעניש זענען אין דער גאַנצער באַוואָפענונג אַרויסגעשוואומען אַנדערע ווערטער, אַנדע־רע אַרגומענטן, אומגעריכטע פאַרן רעדנער אַליין, אָבער זייער נויט־ווענדיקע פאַר דער מאַסע. און דעמאָלט האָט זיך געדוכט, אַז דו הערסט זיך אַליין צו צום אָראַטאָר ערגעץ פון דער זייט, אַז דו באַוויזט אים נישט נאָכצויאָגן מיט דיין געדאַנק און שרעקסט זיך בלויז, אַז ער זאָל, ווי אַ נאַכט־וואַנדלער נישט אַראָפּפאַלן פון דאַך־קאַרניז אונטערן קלאַנג פון זיינע אייגענע ווערטער. דאָס איז געווען דער צירק מאָדערן. ער האָט געהאַט זיין אייגן פּנים—אַ פייערדיק, צאַרט און ווילד פּנים. די זויגקינדער האָבן פרידלעך געזויגן די ברוסטן, פון וועלכע עס האָבן זיך אַרויסגעריסן געשרייען פון הסכמה אָדער דראָונג. אָבער דער המון גופא איז נאָך ענלעך געווען צו אַ זויגקינד, וואָס איז מיט פאַרטרוקנטע ליפּן צוגעפאַלן צו די ברוסט־וואָרצעלעך פון דער רעוואָלוציע. דאָסדאָזיקע זויגקינד איז אָבער גיך רייף געוואָרן. זיך אַרויסצוקריגן פון צירק מאָדערן איז נאָך געווען שווערער, ווי אַהין זיך אַריינצוקריגן. דער המון האָט נישט געוואָלט צושטערן זיין צונויפגעשמאָלצנקייט. ער איז זיך נישט פאַנאַנדערגע־גאַנגען. אין אַ כּמעט אָנמעכטיקער אויסשעפּונג האָט מען געדאַרפט שווימען צו דער טיר אויף אומצייליקע הענט איבער די קעפּ פון המון. טיילמאָל האָב איך צווישן המון דערקענט די פּנימער פון מיינע צוויי מיידעלעך. זיי האָבן געוואוינט דערביי מיט זייער מוטער. די עלטערע איז אַלט געווען קנאַפּע זעכצן יאָר, די ייִנגערע קנאַפּע

פּופּצן. איך האָב קוים באַוויזן אַ שאָקל צו טאָן מיטן קאָפּ אויף זייערע אומרואיק־אויפגעפלאַמטע בליקן, אָדער אין וועג אַ דריק צו טאָן אַ הייסע, צאַרטע האַנט. און אָט האָט אונז דער המון שוין ווידער צעריסן. ווען איך האָב מיך שוין געפונען הינטערן טויער, האָט זיך דער ציַרק געריַרט פון אָרט באַלד נאָך מיר. די נאַכט־גאַס איז געוואָרן באַלעבט פון געשרייען און פון הילכיקע טריט. עפּעס אַ טויער טוט זיך אַן עפן, שלינגט מיך איין און פאַרמאַכט זיך צוריק. דאָס האָבן מיך די פריינט אַריינגעשטופּט אין פּאַלאַץ פון דער באַלערינע קשעסינסקאַ, וואָס ניקאָלאַי II האָט עקסטרע פאַר איר געלאָזט אויסבויען. דאָ האָט זיך באַפעסטיקט דער צענטראַל־שטאַב פון די באָלשעוויקעס. אויפן זיידענעם מעבל זיצן די גרויע שינעלן, און אויף דער שוין לאַנג נישט פּראָטירטער פּאָדלאָגע טרעטן שווערע שטיוול. דאָ קאָן מען איבערוואַרטן ביז דער המון וועט זיך פאַנאַנדערגיין און זיך לאָזן ווייטער אין וועג.

גייענדיק איינמאָל נאָך אַ מיטינג איבער די ליידיקע גאַסן, הער איך הינטער זיך טריט. דאָס האָב איך שוין באַמערקט נעכטן, און, ווי מיר שיינט, אויך אייערנעכטן. מיט דער האַנט אויפן ברוינינג דריי איך מיך אויס און גיי עטלעכע טריט צוריק. „וואָס ווילט איר?" פרעג איך שטרענג. איך זע פאַר זיך אַ יונג, טרייַ פּנים. „דערלויבט מיר אייך צו באַשיצן, אין ציַרק קומען אויך שונאים". דאָס איז געווען דער סטודענט פּאָזנאַנסקי. פון יענער צייט אָן האָט ער זיך מיט מיר שוין נישט געשיידט. די גאַנצע יאָרן פון דער רעוואָלוציע איז פּאָזנאַנסקי געווען מיין געהילף ביי אַלע מיינע פאַרשידנאַרטיקסטע, אָבער תּמיד פאַראַנטוואָרטלעכע דירעקטיוון. ער האָט געזאָרגט פאַר מיין פּערזענלעכן שוץ, האָט געשאַפן אַ פעלד־קאָמיסאַריאַט, האָט אָפּגעזוכט פאַרגעסענע מיליטער־לאַגערן, האָט געקריגן נויטיקע ביכער, האָט פון גאָרנישט געשאַפן מאַרש־עסקאַדראָנען, האָט געקעמפט אויפן פראָנט און שפּעטער אין די רייען פון דער אָפּאָזיציע. איצט איז ער פאַרשיקט. איך האָף, אַז די צוקונפט וועט אונז נאָך צוזאַמענפירן.

דעם 3־טן אָקטאָבער האָב איך אין ציַרק מאָדערן אָפּגעגעבן אַ באַריכט וועגן דער טעטיקייט פון דער סאָוויעט־רעגירונג. איך האָב דערקלערט די באַדייטונג פון דעם, ווען מען זאָל פאַרעפנטלעכן די דיפּלאָמאַטישע קאָרעספּאָנדענץ פונם צאַריזם און פון קערענ־

סקין. איך האָב דערציילט מיינע געטרייע צוהערער, אַז אויף מיינע ווערטער וועגן דעם, אַז אַ פאָלק קאָן נישט פאַרגיסן זיין בלוט פאַר קאָנטראַקטן, וואָס עס האָט נישט געשלאָסן, נישט געלייענט און נישט געזען האָבן די פשרה-מאַכער אין ראַט געמאַכט קולות: „רעדט נישט צו אונז מיט אַזאַ לשון, דאָ איז אייך נישט דער צירק מאָדערן". אויך איך חזר איבער מיין ענטפער צו די פשרה-מאַכער: איך האָב נאָר איין שפראַך, די שפראַך פון אַ רעוואָלוציע. אין דערדאָזיקער שפראַך רעד איך אויף פאָלקס-פאַרזאַמלונגען, און וועל אויך רעדן מיט די פאַרבינדעטע און מיט די דייטשן. דאָ ווערן אָנגעמערקט אינם ציי-טונגס-באַריכט רוישיקע אַפּלאָדיסמענטן. מיין פאַרבינדונג מיטן צירק מאָדערן האָט זיך איבערגעריסן ערשט אין פעברואַר, בעת איך בין איבערגעפאָרן קיין מאָסקווע.

פינף און צוואַנציקסטער קאַפּיטל

וועגן די רכילות־טרייבער

תחילת מאַי 1917, בעת איך בין אָנגעקומען קיין פּעטראָגראַד, האָט די קאַמפּאַניע מכּוח דעם „פּלאָמבירטן" וואַגאָן, אין וועלכן עס איז געקומען לענין, אָנגעהאַלטן אין פולן גאַנג. די שפּאָגל־נייאינקע מיניסטאָרן־סאָציאַליסטן זענען געשטאַנען אין אַ בונד מיט לאָיד־דזשאָרזשן, וואָס האָט נישט געוואָלט דורכלאָזן לענינען קיין רוסלאַנד. און דיזעלבע הערן האָבן איצט געפירט אַ העצע קעגן לענינען דער־פאַר, וואָס ער איז געפאָרן דורך דייטשלאַנד. די דערפאַרונג פון מיין נסיעה האָט דערגאַנצט לענינס דערפאַרונג, אַלס באַווייז פון דעם היפּוך. דאָס האָט אָבער גאָרנישט געשטערט, אַז איך זאָל אויך ווערן דער אָביעקט פון דעמזעלבן מין רכילות. דער ערשטער האָט זי גע־לאָזט אין גאַנג ביוקענען. אין דער פאָרם פון אַן אָפענעם בריוו צום מיניסטער פון אויסערן—אין מאַי איז עס שוין געווען טערעשטשענקאָ, נישט מיליוקאָוו — האָב איך פאַרעפנטלעכט די באַשרייבונג פון מיין אַטלאַנטישער אָדיסייע. דער אויספיר האָט געהאַט די פאָרם פון אַזאַ מין פראַגע:

„צי האַלט איר עס, הער מיניסטער, פאַר ריכטיק, וואָס ענגלאַנד איז פאַרטרעטן דורך אַ פּערזאָן, וועלכע האָט זיך באַפלעקט מיט אַזאַ אומפאַרשעמטער רכילות און וואָס האָט אַפילו נישט אַ ריר געטאָן מיט אַ פינגער פאַר איר אייגענער רעהאַביליטאַציע?"

קיין ענטפער איז נישט געקומען אויף דער פראַגע. איך האָב

באַרנישט געוואָרט אויף אַן ענטפער. פאַרן געזאַנדטן פון די פאַר־בינדעטע האָט זיך אָבער איינגעשטעלט מיליוקאָווס צייטונג, וואָס האָט איבערגעחזרט די באַשולדיקונג שוין פון זיך גופא. איך האָב באַשלאָסן צוצונעגלען דידאָזיקע רכילות־טרייבער צו דער וואַנט וואָס פיירלעכער. עס איז געווען דער ערשטער אַלרוסישער סאָוויעטן־צוזאַמענפאָר. דעם 5־טן יולי איז דער זאַל געווען איבערגעפאַקט איבער דער מאָס. צום סוף פון דער זיצונג האָב איך גענומען אַ וואָרט פאַר אַ פערזענלעכער דערקלערונג. אָט ווי אַזוי עס האָט אויפן צווייטן טאָג געשילדערט גאָרקיס צייטונג, וואָס האָט זיך באַצויגן פיינטלעך צו די באָלשעוויקעס, מיינע שלוסווערטער און בכלל דעם גאַנצן עפּיזאָד:

„מיליוקאָוו באַשולדיקט אונז אין דעם, אַז מיר זענען געדונגענע אַגענטן פון דער דייטשער רעגירונג. פון דערדאָזיקער טריבונע פון דער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַטיע ווענד איך זיך צו דער ערלעכער רוסישער פרעסע (טראָצקי דרייט זיך אויס צום טיש פון די זשורנאַליסטן) מיט דער בקשה איבערצוגעבן מיינע ווערטער: כל־זמן מיליוקאָוו וועט נישט צוריקנעמען דידאָזיקע באַשולדיקונג, בלייבט אויף זיין שטערן דער חותם פון אַן אומ־ערלעכן רכילות־טרייבער.״

„טראָצקיס דערקלערונג, וואָס איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן מיט קראַפט און חשיבות, איז אויפגענומען געוואָרן מיט אָוואַציעס פון גאַנצן זאַל. דער גאַנצער צוזאַמענפאָר, אָן אונטערשייד פון די פראַקציעס, האָט שטורמיש אַפּלאָדירט אין פאַרלויף פון עטלעכע מינוט.״

מען דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז דער צוזאַמענפאָר איז נייַן צענטל באַשטאַנען פון אונזערע קעגנער. אָבער דערדאָזיקער דערפאָלג, ווי עס האָבן דערוויזן די ווייטערדיקע געשעענישן, האָט געהאַט בלויז אַ פאַרבייגייענדיקן כאַראַקטער. דאָס איז געווען אַ מין פאַראַדאָקס פונם פאַרלאַמענטאַריזם.

די צייטונג „ריעטש״, וואָס האָט זיך געפּרוּווט אויפצוהייבן די־ העגטשקע, האָט אויפן צווייטן טאָג געמאָלדן, אַז איך האָב באַקומען פון אַ דייטשן פאַטריאָטישן פאַריין אין ניו־יאָרק 10.000 דאָלאַר פאַר דער ליקווידאַציע פון דער פראָוויזאָרישער רעגירונג. דאָס איז, לכל־הפחות, געווען קלאָר. די מעשה איז, וואָס מיט אַ צוויי טעג פאַר

מיין אָפּפאָרן קיין אייראָפּע, האָבן מיר די דייטשע אַרבעטער, פאַר וועלכע איך האָב נישט איינמאָל געהאַלטן רעפעראַטן, צוזאַמען מיט די אַמעריקאַנישע, רוסישע, לעטישע, יידישע, ליטווישע און פינישע פריינט און אָנהענגער, איינגעאָרדנט אַ געזעגנונגס-מיטינג, אויף וועלכן עס איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ געלטזאַמלונג פאַר דער רוסישער רע-וואָלוציע. די זאַמלונג האָט געגעבן 310 דאָלאַר. אין חשבון פון דערדאָזיקער סומע האָבן די דייטשע אַרבעטער אַריינגעטראָגן דורך זייער פאָרזיצער 100 דאָלאַר. די 310 דאָלאַר, וואָס זענען מיר איבער-געגעבן געוואָרן אויפן צווייטן טאָג, האָב איך מיטן הסכם פון די מיטינג-אָרגאַניזאַטאָרן איינגעטיילט צווישן פינף עמיגראַנטן, וואָס האָבן זיך אומגעקערט קיין רוסלאַנד און וואָס זיי האָט געפעלט אויף הוצאות-הדרך. דאָס איז געווען די גאַנצע געשיכטע מיט די 10.000 דאָלאַר.״ איך האָב טאַקע דעמאָלט געשריבן וועגן דעם אין גאָרקיס צייטונג „נאָוואַיאַ זשיזן״ (דעם 27-סטן יוני) און פאַרענדיקט מיט פאָלגנדי-קער סענטענץ:

„כדי אַריינצופירן פאַר די שפּעטערדיקע צייטן דעם נויטיקן אויסבעסערונגס-קאָעפיציענט אין די אויסגעטראַכטע מעשיות וועגן מיר פון די הערן ליגנער, רכילות-טרייבער, קאַדעטישע צייטונגס-שרייבער און בכלל אויסוואורפן, האַלט איך פאַר נוצלעך צו מעלדן, אַז אין מיין גאַנץ לעבן האָב איך נישט געהאַט צו מיין דיספּאָזיציע נישט נאָר קיין 10.000 דאָלאַר, נאָר אַפילו נישט קיין איין צענטל פון דערדאָזיקער סומע. אמת, אַזאַ מין דערקלערונג קאָן אפשר, אין די אויגן פון אַ קאַדעטישער אוידיטאָריע אַוועקהרגענען מיין רעפּוטאַציע אַ סך מער, ווי די אַלע אינסינואַציעס פונם הער מיליוקאָוו. אָבער איך בין שוין לאַנג שלום געוואָרן מיטן געדאַנק אַדורכצומאַכן מיין לעבן אָן די צייכנס פון אַנערקענונג מצד די ליבעראַלע בורזשויען.״

נאָכדעם איז געוואָרן שטיל מיט דער רכילות-העצע. אַ סך-הכל פון דערדאָזיקער קאַמפּאַניע האָב איך אונטערגעפירט אין מיין בראָשור „צו די רכילות-טרייבער!״ און איבערגעגעבן זי אין דרוק. אין אַ וואָך אַרום זענען אויסגעבראָכן די יולי-טעג, און דעם 23-סטן יולי האָט מיך די פּראָוויזאָרישע רעגירונג אַריינגעזעצט אין תפיסה אונטער דער באַשולדיקונג, אַז איך שטיי אין דינסט ביים דייטשן קייזער. די אויספאָרשונג האָבן געפירט די גוט אויסגעפּרוּווטע יוריסטן פון

צאַרישן רעזשים. זיי זענען נישט געוואוינט געווען זיך צו צערע־מאָניען מיט פאַקטן אָדער אַרגומענטן, דערצו איז די צייט געווען זייער אַ הייסע. ווען איך האָב מיך באַקענט מיטן אויספאָרשונגס־מאַטעריאַל, האָט זיך מיין אויפרעגונג איבער דער געמיינהייט פון דערדאָזיקער באַשולדיקונג אויסגעווייזט דורך מיין געלעכטער, וואָס עס האָט אַרויסגערופן די אומבאַהאָלפענע טיפּשות פון דער באַשול־דיקונג. אָט וואָס איך האָב אָנגעשריבן אין פּראָטאָקאָל פון דער פאָר־אויספאָרשונג דעם 1־שטן סעפּטעמבער:

„נעמענדיק אין באַטראַכט, אַז דער ערשטער פאָרעפנטלעכטער דאָקומענט (דאָס עדות זאָגן פונם פּראַפּאָרשטשיק יערמאָלענקאָ), וואָס האָט ביז איצט געשפּילט די הויפּטראָל אין דער העצע, וועלכע איז מיט דער הילף פון עטלעכע באַאַמטע אין יוסטיץ־מיניסטעריום געטריבן געוואָרן קעגן מיין פּאַרטיי און קעגן מיר פּערזענלעך — איז אָן שום ספק באַוואוסטזיניק פאַבריצירט געוואָרן און איז אויסגערעכנט נישט דערויף, כּדי אויפצוקלערן דעם ענין, נאָר כּדי בייזוויליק אים צו פאַרטושן; נעמענדיק אין באַטראַכט, אַז אין דעמדאָזיקן דאָקומענט האָט דער הער אויספאָרשונגס־ריכטער אַלעקסאַנדראָוו מיט אַ גאַנץ דייטלעכער כּוונה אויסגעמיטן אַלע וויכטיקסטע פראַגן און אומשטענדן, וואָס זייער אויפקלערונג וואָלט זיכער אויפגעדעקט די אַלע פאַלשע באַווייזן פון דעם מיר לגמרי אומבאַקאַנטן יערמאָלענקאָ; נעמענ־דיק אין באַטראַכט דידאָזיקע אַלע פאַקטן, האַלט איך פּאָליטיש און מאָראַליש פאַר אַ בזיון פאַר מיר אַנטייל צו נעמען אין דעמדאָזיקן אויספאָרשונגס־פּראָצעס, און לאָז מיר איבער דאָס רעכט דורך אַלע מעגלעכע מיטלען, וואָס וועלן זיך נאָר געפינען אין מיין רשות, אויפצודעקן פאַר דער עפנטלעכער מיינונג פון לאַנד דעם אמתן מהות פון דערדאָזיקער באַשולדיקונג".

די באַשולדיקונג איז באַלד דערטרונקען געוואָרן אינם שטראָם פון די גרויסע געשעענישן, וועלכע האָבן איינגעשלונגען נישט בלויז די אויספאָרשונגס־ריכטער, נאָר אויך דאָס גאַנצע אַלטע רוסלאַנד מיט זיינע „נייע" העלדן פון קערענסקיס שניט.

* *
*

איך האָב נישט געטראַכט, אַז מיר וועט אויסקומען זיך אומ־צוקערן צו דערדאָזיקער טעמע. עס האָט זיך אָבער געפונען אַ שרייבער,

וואָס האָט אין יאָר 1928 פונדאָסניי אויפגעהייבן און אונטערגעהאַלטן דאָסדאָזיקע אַלטע רכילות. דער נאָמען פון דעם שרייבער איז — קערענסקי. אין יאָר 1928, ד. ה. אין עלף יאָר אַרום נאָך די רעוואָלוציאָנערע געשעענישן, וואָס האָבן אים אומגעריכט אויפגעהייבן און גצוזעצלעך אַראָפּגעשווענקט, פּאַרזיכערט קערענסקי, אַז לענין און אַנדערע באָלשעוויקעס זענען פּלומרשט געווען אַגענטן פון דער דייטשער רעגירונג, האָבן געהאַט באַציונגען מיטן דייטשן שטאַב, באַקומען פון אים געלט־סומעס און אויסגעפירט זיינע געהיימע דירעקטיוון מיטן צוועק צו ברענגען אַ מפּלה דער רוסישער אַרמעע און צעב־עקלען די רוסישע מלוכה. דאָס אַלץ ווערט געשילדערט אויף צענדליקער זייטלעך פון דעמדאָזיקן שרעקלעכן בוך, בפּרט אָבער אויף די זייטלעך 290—310. לויט די געשעענישן פון יאָר 1917 האָב איך מיר געגנוג קלאָר פאָרגעשטעלט קערענסקיס גייסטיקן און מאָראַלישן וואוקס, דאָך אָבער וואָלט איך בשום אופן נישט געגלויבט, אַז ער זאָל זיין פעאיק איצט, נאָך דעם אַלעמען, וואָס עס איז געשען, זיך צו דערוועגן אויף אַזאַ מין „באַשולדיקונג״. אָבער עס איז דאָך אַ פאַקט.

קערענסקי שרייבט: „לענינס בגידה קעגן רוסלאַנד, וואָס איז באַגאַנגען געוואָרן אין אַ מאָמענט פון דער העכסטער קריגס־אָנשטרענגונג, איז אַ בולט פעסטגעשטעלטער, אומבאַשטרייטבאַרער היסטאָרישער פאַקט״ (זייט 293). ווער זשע און וואו זענען דידאָזיקע באַווייזן בולט פעסטגעשטעלט געוואָרן? קערענסקי הייבט אָן פון אַ פיל־הבטחהדיקער דערציילונג וועגן דעם, אַז דער דייטשער שטאַב פלעגט אויסגעפינען צווישן די רוסישע געפאַנגענע קאַנדידאַטן אויף שפּיאָנען און זיי אַריינשמוגלען אין דער רוסישער אַרמעע. איינער פון דידאָזיקע פאַקטישע אָדער פּלומרשטע שפּיאָנען (נישט זעלטן האָבן זיי עס אַליין נישט געוואוסט) איז געקומען דירעקט צו קערענסקין, כדי צו אַנטפּלעקן פאַר אים די גאַנצע טעכניק פון דעם דייטשן שפּיאָנאַזש. דאָך, באַמערקט קערענסקי מעלאַנכאָליש, האָבן דידאָזיקע „רעוועליאַציעס״ נישט געהאַט קיין שום באַזונדערע „באַדייטונג״ (זייט 295). דאָס איז עס טאַקע! אַפילו פון קערענסקיס שילדערונג איז גאַנץ קלאָר, אַז עפּעס אַ קליינטשיק אַוואַנטוריסטל האָט אים געוואָלט פירן פאַר דער נאָז. צו האָט אָבער דערדאָזיקער עפּיזאָד געהאַט עפּעס אַ שייכות צו לענינען און צו די

באָלשעוויקעס בכלל? קיין שום שייכות נישט. היינט צו וואָס דערציילט ער אונז וועגן דעם? פּראָסט-פּשוט, כּדי אויפצובלאָזן זיינע בבא-מעשׂיות און צוצוגעבן מער ווירקלעכקייט זיינע ווייטערדיקע רעוועלאַציעס.

יאָ, זאָגט ער, דער ערשטער פּאַל טאַקע האָט נישט געהאַט קיין באַדייטונג, דערפאַר אָבער האָבן מיר באַקומען פון אַן אַנדער קוועלע אַן אינפאָרמאַציע. וואָס האָט געהאַט גאָר אַ „הויכן ווערט". דידאָזיקע אינפאָרמאַציע האָט „ענדגילטיק דערוויזן", אַז צווישן די באָלשעוויקעס און דעם דייטשן שטאַב האָט עקזיסטירט אַ קאָנטאַקט (295). באַמערקט אייך: ענדגילטיק דערוויזן, און ווייטער קומט: „אויב די מיטלען און וועגן, וואָס האָבן אונטערגעהאַלטן דעמדאָזיקן קאָנטאַקט, וואָלטן געקאָנט פעסטגעשטעלט ווערן" (295). וואָלטן געקאָנט פעסטגעשטעלט ווערן? — דאָס קלינגט צווייטייטיק. צי זענען זיי פעסטגעשטעלט געוואָרן? דאָס אַלץ וועלן מיר באַלד געוואָר ווערן. אַ ביסל געדולט: עלף יאָר האָט אַלץ געהאַלטן אין רייף ווערן די דאָזיקע רעוועלאַציע אין די גייסטיקע טיפענישט פון איר שאַפער.

„אין אַפּריל איז געקומען אין דער הויפטקוואַרטיר צום גענעראַל אַלעקסייעוו אַן אוקראַינישער אָפיציר, מיטן נאָמען יאַרמאָלענקאָ. דעמדאָזיקן נאָמען האָבן מיר שוין געהערט פריער. פאַר אונז שטייט די דעצידירנדיקע פיגור אין דעם גאַנצן ענין. עס איז נישט איבעריק צו באַמערקן, אַז קערענסקי קאָן נישט זיין פּינקטלעך אַפילו דאָרט, וואו ער איז אין דער אומפּינקטלעכקייט נישט פאַראינטערעסירט. דער פאַמיליע-נאָמען פון דעמדאָזיקן קליינעם אַוואַנטוריסט, וואָס ער פירט אַרויס אויף דער סצענע, איז נישט יאַרמאָלענקאָ, נאָר יערמאָלענקאָ: אונטער דעמדאָזיקן נאָמען פיגורירט ער, לפּחות, אין די אַקטן פון הער קערענסקיס אויספאָרשונגס-ריכטער. און אַזוי איז, הייסט עס, דער פאַרפאָרשטשיק יערמאָלענקאָ (קערענסקי זאָגט מיט אַ באַוואוסטזיניקער אומבאַשטימטקייט „אָפיציר") געקומען אין דער הויפטקוואַרטיר, אַלס כּלומרשטער דייטשער אַגענט, כּדי צו דעמאַסקירן די פאַקטישע דייטשע אַגענטן. דאָס עדות זאָגן פון דעמדאָזיקן גרויסן פּאַטריאָט, וועלכן אַפילו די ערגסטע אַנטי-באָלשעוויסטישע בירגערלעכע פּרעסע איז איינגיכן געוווען געצוואונגען צו כאַראַקטעריזירן אַלס טונקעלן און פאַרדעכטיקן פּאַרשוין, האָט אומבאַשטרייטבאַר און ענדגילטיק דערוויזן, אַז לענין איז נישט געווען איינע פון די גרעסטע היסטאָרישע

געשטאַלטן, נאָר פּשוט לודענדאָרפס אַ געדונגענער אַגענט. אויף וואָס פאַר אַן אופן איז אָבער דער פּראַפּאָרשטשיק יערמאָלענקאָ דערגאַנגען דעמדאָזיקן סוד, און וואָס פאַר אַ באַווייזן האָט ער געבראַכט, כּדי צו קענען פאַנגען קערענסקין? יערמאָלענקאָ האָט, לויט זיין באַריכט, באַקומען פון דייטשן שטאַב די שליחות — צו פירן אין אוקראַינע פּראָפּאַגאַנדע פאַר דער סעפּאַראַטישער באַוועגונג. „מען האָט אים גע-געבן, דערציילט קערענסקי, אַלע (!) נויטיקע אינפאָרמאַציעס בנוגע די וועגן און מיטלען, וואָס מיט זייער הילף דאַרף מען אויפהאַלטן דעם קאָנטאַקט מיט די אָנפירנדיקע (!) דייטשע פּערזענלעכקייטן בנוגע די בענק (!), דורך וועלכע עס זענען איבערגעוויזן געוואָרן די נויטווענדיקע פאָנדן, און בנוגע די נעמען פון די אַממיינסטן באַ-דייטנדיקע אַגענטן, צווישן וועלכע עס האָבן זיך געפונען אַ סך אוקראַינער סעפּאַראַטיסטן און לענין". דאָס אַלץ איז בוכשטעבלעך אָפּגעדרוקט אויף די זייטלעך 295—296 פון דעם גרויסן ווערק. איצט ווייסן מיר, לפּחות, ווי אַזוי דער דייטשער גענעראַל-שטאַב איז זיך באַגאַנגען מיט זיינע שפּיאָנען. ווי נאָר ער פלעגט פּאַקן אַן אומבאַ-קאַנטן, האַלב-עם-הארצישן פּראַפּאָרשטשיק אַלס קאַנדידאַט אויף אַ שפּיאָן, האָט ער אים נישט איבערגעשיקט אויף אָבסערוואַציע צו אַן אָפיציר פון דער דייטשער שפּיאָנאַזש-אָפּטיילונג, נאָר זיך געאיילט וואָס גיכער אים צו פאַרבינדן מיט די „אָנפירנדיקע דייטשע פּער-זענלעכקייטן", גלייך אויפן אָרט אים איבערגעגעבן דעם גאַנצן סיסטעם פון דעם דייטשער אַגענטור און אַפילו אויסגערעכנט אים אַלע בענק— נישט איין באַנק, נאָר טאַקע אַלע — דורך וועלכע עס ווערן איבער-געוויזן די געהיימע דייטשע פאָנדן. זאָל זיין אַזוי, אָבער מען קאָן זיך דאָך בשום אופן נישט באַפרייען פון דעם איינדרוק, אַז דער דייטשער גענעראַל-שטאַב האָט געהאַנדלט אויף דער העכסטער שטופּע נאַריש. דערדאָזיקער איינדרוק באַקומט זיך אָבער נאָר דערפאַר, ווייל מיר זעען דאָ דעם דייטשן שטאַב נישט אַזעלכן, ווי ער איז געווען אין דער ווירקלעכקייט, נאָר ווי ער שטעלט זיך פאַר מאַקסן און מאָריצן — צוויי פּראַפּאָרשטשיקעס: דעם מיליטערישן פּראַפּאָרשטשיק יערמאָלענקאָן און דעם פּאָליטישן פּראַפּאָרשטשיק קערענסקין.

אפשר אָבער, קען געמאָלט זיין, האָט דערדאָזיקער יערמאָלענקאָ נישט געקוקט דערויף, וואָס ער איז געווען אַ מענטש אַן אומבאַקאַנ-טער, פאַרדעכטיקער און געהאַט אַ נידעריקן ראַנג, דאָך פאַרנומען

עפּעס אַן אָנגעזעענעם פּאָסטן אין דעם סיסטעם פון דייטשן שפּיאָ-
נאַזש? קערענסקי וואָלט אונז אַפילו געוואָלט צווינגען, אַז מיר זאָלן
אַזוי טראַכטן. מיר קענען דאָך אָבער נישט בלויז קערענסקיס בוך,
נאָר אויך זיינע אורקוואַלן. יערמאָלענקאָ אַליין איז פּשוטער פון
קערענסקין. אין זיינע באַווייזן, וואָס זענען איבערגעגעבן געוואָרן אין
אַ טאָן פון אַ קליינעם און נאַרישן אַוואַנטוריסט, גיט יערמאָלענקאָ
אַליין אָן זיין פּרייז: דער דייטשער שטאַב האָט אים אַרום און אַרום
געגעבן 1500 רובל, וואָס האָבן דעמאָלט, אין יענע צייטן, פאַרלאָרן אַ
סך פון זייער ווערט; מיט אָט דער סומע האָט ער דאָס געדאַרפט
דעקן די אַלע הוצאות אויף אָפּצורייסן אוקראַינע און אַראָפּצוואַרפן
קערענסקין. יערמאָלענקאָ דערציילט אָפן אין זיינע באַווייזן — זיי
זענען איצט פאַרעפנטלעכט, — אַז ער האָט זיך ביטער, אָבער אומ-
זיסט באַקלאָגט אויף דער דייטשער קאַרגשאַפט. „פאַרוואָס אַזוי ווי-
ניק?" האָט יערמאָלענקאָ פּראָטעסטירט. די „אָנפירנדיקע פּערזענלעכ-
קייטן" זענען אָבער געווען הארט ווי די שטיינער. איבעריקנס,
זאָגט אונז נישט יערמאָלענקאָ, צי ער האָט געפירט די אונטערהאַנ-
דלונגען דירעקט מיט לודענדאָרפן, הינדענבורגן, מיטן קרוינפּרינץ
אָדער מיטן עקס-קייזער. יערמאָלענקאָ שווייגט עקשנותדיק וועגן די
„אָנפירנדיקע פּערזענלעכקייטן", וואָס האָבן איהם געגעבן 1500 רובל
אויף צעשמעטערן רוסלאַנד, אויף הוצאות-הדרך, אויף טאַבאַק און
אויף שנאַפּס. מיר נעמען זיך דעם מוט אַרויסצוזאָגן דידאָזיקע
השערה, אַז דאָס געלט איז אַוועק בעיקר אויף שנאַפּס, און אַז נאָכ-
דעם, ווי די דייטשע „פאָנדן" זענען אין די קעשענעס פונם „פּראַ-
פּאָרשטשיק צערונען געוואָרן, האָט ער זיך נישט געווענדט אין די
בענק, וואָס זענען אים אָנגעוויזן געוואָרען אין בערלין, נאָר ער
איז העלדיש אַראָפּגעקומען אין רוסישן שטאַב, כדי צו געפינען דאָ
פּאַטריאָטישע פאַרשטאַרקונג.

ווער זשע זענען די „פיל אוקראַינישע סעפּאַראַטיסטן", וואָס
יערמאָלענקאָ האָט זיי דעמאַסקירט פאַר קערענסקין? וועגן דעם איז
אין בוך נישט דערמאַנט. כדי צוצוגעבן מער געוויכט יערמאָלענקאָס
שקרים, איז קערענסקי נאָך מוסיף אַ פּאָר אייגענע ליגנס. פון די
סעפּאַראַטיסטן, ווי עס איז באַוואוסט פון זיינע פּאַקטישע באַווייזן,
האָט יערמאָלענקאָ אָנגערופן נאָר סקאָראָפּיס-יאָלטוכאָווסקין. דעמדאָזיקן
נאָמען דערמאַנט נישט קערענסקי; ווען ער זאָל אים אָנרופן, וואָלט

ער געמוזט מודה זיין, אַז יערמאָלענקאָ האָט בכלל נישט געמאַכט קיין שום רעוועליאַציעס. יאָלטוכאָווסקיס נאָמען איז פֿאַר קיינעם קיין סוד נישט געווען. ער האָט בעתן קריג צענדליקער מאָל פֿיגורירט אין די צייטונגען. יאָלטוכאָווסקי האָט נישט געמאַכט קיין סוד פֿון זיינע באַציונגען מיטן דייטשן שטאַב. אין דער פּאַריזער צייטונג „נאַשע סלאָוואָ" האָב איך נאָך אין יאָר 1914 געשטעלט צום שאַנדסלופּ אַ קליינע גרופּע אוקראַינישע סעפּאַראַטיסטן, וואָס זענען געקומען אין קאָנטאַקט מיט דער דייטשער מיליטערמאַכט. איך האָב זיי אַלע, צוזאַמען מיט יאָלטוכאָווסקין, אָנגערופֿן ביי די נעמען. מיר האָבן שוין אָבער געהערט, אַז יערמאָלענקאָן האָט מען אָנגערופֿן אין בערלין נישט נאָר „אַ סך אוקראַינער סעפּאַראַטיסטן", נאָר אויך — לענינען. וואָס מען האָט אים אָנגערופֿן די סעפּאַראַטיסטן, קאָן מען נאָך פֿאַרשטיין: יערמאָלענקאָ האָט זיך דאָך אַליין אַוועקגעלאָזט אויף דער סעפּאַראַטיסטישער פּראָפּאַגאַנדע. אָבער צו וואָסער צוועק האָט מען אים אָנגערופֿן לענינען? אויף דערדאָזיקער פֿראַגע ענטפֿערט קערענסקי נישט. און דאָס איז נישט צופֿעליק. די מעשה דערפֿון איז, וואָס יערמאָלענקאָ פֿלעכט אַריין אין זיינע פֿלאָנטערדיקע באַווייזן אָן שום זין און צוזאַמענהאַנג אויך לענינס נאָמען. קערענסקיס אינספּיראַטאָר דערציילט, ווי אַזוי מען האָט אים פֿאַרווערבירט אַלס דייטשן שפּיאָן מיט „פּאַטריאָטישע" צילן; ווי אַזוי ער האָט געפֿאָדערט אַ הוספֿה אויף זיינע „געהיימע פֿאָנדן" (1500 קריגסרובל), ווי מען האָט אים דערקלערט זיינע קינפֿטיקע פֿליכטן: שפּיאָנאַזש, בריקן-אויפֿרייס א.אַז.וו. אָן אַ שום צוזאַמענהאַנג מיט דערדאָזיקער גאַנצער געשיכטע, האָט מען אים, לויט זיינע ווערטער, מודיע געווען (ווער?), אַז ער וועט אַרבעטן אין רוסלאַנד „נישט אַליין", אַז „אין דערזעלבער ריכטונג"(!) אַרבעט אין רוסלאַנד לענין מיט זיינע פּאַרטיי־חברים". דאָס איז דער וואָרטלעכער טעקסט פֿון זיינע באַווייזן. עס קומט, אַלזאָ, אויס, אַז עפּעס אַ קליינעם אַגענט, וואָס דאַרף אויפֿרייסן בריקן, גיט מען איבער אָן אַ שום פּראַקטישער נויטווענדיקייט אַזאַ סוד, ווי לענינס פֿאַרבינדונג מיט לודענדאָרפֿן... צום סוף פֿון זיינע באַווייזן, און ווידעראַמאָל אָן אַ שום צוזאַמענהאַנג מיט די אַלע מעשיות זיינע, נאָר קענטיק, אַז עמעצער האָט אים אומגעלומפּערט אונטערגעזאָגט — גיט יערמאָלענקאָ פּלוצלונג צו: „מען האָט מיר מיטגעטיילט (ווער?), אַז לענין האָט זיך אין בערלין באַטייליקט אין קאָנפֿערענצן (מיט

פאָרשטייער פון שטאַב) און האָט זיך אויפגעהאַלטן ביי סקאָראָפּיס־יאָלטוכאָווסקין, אין וואָס איך האָב מיך שפּעטער אַליין איבערצייגט". פונקט. ווי אַזוי ער האָט זיך איבערצייגט, וועגן דעם איז מיט קיין איין וואָרט נישט דערמאַנט. אין באַצוג צו דעם־דאָזיקן איינציקן „פאַקטישן" באַווייז פון יערמאָלענקאָן האָט דער אויספאָרשונגס־ריכטער אַלעקסאַנדראָוו נישט אַרויסגעוויזן קיין שום נייגיריקייט. ער האָט נישט געשטעלט די פּשוטסטע פראַגע, ווי אַזוי האָט זיך דער פּראָפאָרשטשיק איבערגעצייגט אין דעם, אַז לענין איז בעתן קריג געווען אין בערלין און האָט זיך אויפגעהאַלטן ביי סקאָ־ראָפּיס־יאָלטוכאָווסקין. אָדער אפשר האָט טאַקע אַלעקסאַנדראָוו אַזאַ פראַגע געשטעלט (ער האָט דאָך זי געמוזט שטעלן!), נאָר ער האָט מסתמא באַקומען אַלס ענטפער אַ מין אומקלאָר פּלעטשען מיט דער צונג, אַזוי, אַז ער האָט בעסער באַשלאָסן נישט אַריינצוטראָגן אינגאַנצן אין פּראָטאָקאָל דעמדאָזיקן עפּיזאָד. ס'איז זייער מעגלעך! צי האָבן מיר נישט דאָס רעכט בנוגע דערדאָזיקער גאַנצער מאַכעריי צו פרעגן: וואָס פאַר אַ שוטה וועט עס גלויבן אין דעם? אָבער עס זענען פאַראַן, ווי עס שטעלט זיך אַרויס, „מלוכה־לייט", וואָס מאַכן דעם אָנשטעל, אַז זיי גלויבן יאָ אין דעם, און לאַדן איין זייערע לעזער, אַז יענע זאָלן נאָך אויך גלויבן.

און דאָס איז אַלץ?—יאָ, דער מיליטערישער פּראָפאָרשטשיק ווייס נישט מער. אָבער דער פּאָליטישער פּראָפאָרשטשיק פאַרמאָגט נאָך, להיפּוך, היפּאָטעזן און השערות. מיר וועלן זיי באַטראַכטן.

„די פּראָוויזאָרישע רעגירונג", דערציילט קערענסקי, „איז גע־שטעלט געוואָרן פאַר אַ שווערער אויפגאַבע,—אויסצופאָרשן ווייטער יערמאָלענקאָס אָנגעגעבענע שפּורן, נאָכצוגיין נאָך די פּיענטעס פון די אַגענטן, וואָס זענען אַרומגעפאָרן אַהין און צוריק צווישן לענינען און לודענדאָרפן און כאַפּן זיי אויפן אָרט פון פאַרברעכן מיט מעג־לעכסט מער הימלשרייענדיקע באַשולדיקונגס־מאַטעריאַלן" (זייט 296).

דידאָזיקע גרויסאַרטיקע פראַזע איז צונויפגעפלאָכטן געוואָרן פון צוויי פעדעם: שקר און פּחדנות. דאָ ווערט צום ערשטן מאָל אַריינ־געצויגן אין דער געשיכטע לודענדאָרף. ביי יערמאָלענקאָן איז נישטאָ קיין איינציקער דייטשער נאָמען: דעם פּראָפאָרשטשיקס קאָפּ האָט אַ צו קליינעם פאַרנעם. וועגן די אַגענטן, וואָס זענען אַרומ־געפאָרן אַהין און צוריק צווישן לענינען און לודענדאָרפן, רעדט

קערענסקי מיט אַ בכיוונדיקער צווײדײטיקײט. פון אײן זײט קאָן מען מײנען, אַז דאָ האַנדלט זיך װעגן באַשטימטע, שױן באַװאוסטע אַגענטן, װעלכע מען דאַרף זײ בלויז כאַפּן בײ דער האַנט. פון דער צװײטער זײט אָבער באַקומט זיך דער אײנדרוק, אַז בײ קערענסקין אין קאָפּ האָט זיך בלויז אויפגעהאַלטן עפּעס אַ פלאַטאָנישע אידעע װעגן אַגענטן. אויב ער האָט געהאַט בדעה נאָכצוגײן זײ „נאָך די פּיעַנטעס", האָט זיך עס לעת-עתה געהאַנדלט װעגן אומבאַקאַנטע, אַנאָנימע, טראַנסצענדענטאַלע פּיענטעס. מיט זײנע הינטעראַרומיקע װערטער אַנטפּלעקט דער רכילותניק בלויז זײן אײגענע... אַכילעס-פּיענטע, אָדער, װײניקער קלאַסיש געזאָגט, זײן אײזל-קאָפּיטע.

די אויספאָרשונג פון דעם ענין האָט זיך, לויט קערענסקין, געפירט אַזױ געהײם, אַז װעגן איר האָבן געװאוסט בלויז פיר מיניסטאָרן. אפילו דעם אומגליקלעכן יוסטיץ-מיניסטער פּערעװערזעװ האָט מען דעמדאָזיקן סוד נישט מגלה געװען. אָט דאָס הײסט אַן אמתער מלוכה-צוגאַנג! בעת דער דײטשער שטאַב פלעגט אַרויסגעבן דעם ערשטן בעסטן פאַרשוין נישט נאָר די נעמען פון זײנע פאַרטרויונגס-בענק, נאָר אפילו זײן פאַרבינדונג מיט די פירער פון דער גרעסטער רעװאָלוציאָנערער פאַרטײ, האַנדלט קערענסקי פּונקט פאַרקערט: חוץ זיך געפינט ער בלויז נאָך דרײ מיניסטאָרן, װאָס זענען געװען פאַרהאַרטעװעט, כדי צו קענען נאָכלויפן נאָך די פּיענטעס פון לודענדאָרפס אַגענטן.

„די אויפגאַבע איז געװען אויף דעם העכסטן גראַד אַ שװערע, אַ קאָמפּליצירטע און אַ דויערהאַפטע" (ז. 297), קלאָגט זיך קערענסקי. דאָסמאָל גלויבן מיר אים גערן. דערפאַר האָט אָבער דער דערפאָלג פולשטענדיק געקרוינט די פּאַטריאָטישע אָנשטרענגונגען. קערענסקי זאָגט עס טאַקע: „דער דערפאָלג איז, לכל-הדעות, געװען פאַר לענינען ממש אַ פאַרניכטנדיקער. לענינס קאָנטאַקטן מיט דײטשלאַנד זענען קלאָר פעסטגעשטעלט געװאָרן (ז. 297). מיר בעטן עס גוט צו געדענקען: „קלאָר פעסטגעשטעלט".

דורך װעמען און װי אַזױ? אויף דעמדאָזיקן אָרט פירט קערענסקי אַרײן אין זײן קרימינעלן ראָמאַן צװײ געװנג באַקאַנטע פּוילישע רעװאָלוציאָנערן, גאַנעצקין און קאָזלאָװסקין, װי אויך עפּעס אַ פרוי סומענסאָן, װעגן װעלכער קײנער האָט קײנמאָל נישט געקאָנט עפּעס מיטטײלן און, װאָס איר עקזיסטענץ גופא איז נאָך לגמרי נישט

דערוויזן געוואָרן. דידאָזיקע דריי זענען כּלומרשט געווען די פאַר־בינדונגס־אַגענטן. אויף וואָס פאַר אַ סמך שטעלט קערענסקי אַריין דעם פאַרשטאָרבענעם קאָזלאָווסקין און דעם געזונטן און פרישן גאַ־נעצקין אין די פאַרמיטלער צווישן לענינען און לודענדאָרפן? דאָס איז נישט באַוואוסט. יערמאָלענקאָ האָט דידאָזיקע פּערזאָנען נישט אָנגערופן. זיי האָבן זיך באַוויזן אויף די זייטלעך פון קערענסקיס בוך, ווי זיי האָבן זיך בשעתו פּלוצלונג באַוויזן אין די יולי־טעג אויף די שפּאַלטן פון די צייטונגען, ווי געטער פון דער מאַשין, דערביי האָט די ראָל פון דער מאַשין דייטלעך אויסגעפירט דער צאַרישער קאָנטר־שפּיאָנאַזש. אָט וואָס קערענסקי דערציילט: „דער באָלשעוויסטישער דייטשער אַגענט פון שטאָקהאָלם, וואָס האָט מיט זיך געפירט דאָקומענטן, וועלכע האָבן אומבאַשטרייטבאַר דערוויזן דעם קאָנטאַקט צווישן לענינען און דער דייטשער קאָמאַנדע, האָט געזאָלט אַרעסטירט ווערן אויף דער רוסיש־שוועדישער גרענעץ. די דאָקומענטן זענען אונז געווען געטרוי באַקאַנט” (ז. 298). דערדאָזיקער אַגענט, ווי עס שטעלט זיך אַרויס, איז געווען גאַנעצקי. מיר זעען, אַז די פיר מיניסטאָרן, וואָס דער קלוגסטער פון זיי איז, נאַטירלעך, געווען דער מיניסטער־פּרעזידענט, האָבן זיך נישט אומזיסט געמיט: דער באָלשעוויסטישער אַגענט האָט געפירט פון שטאָקהאָלם דאָקו־מענטן, וואָס זענען שוין קערענסקין געווען פון פריער באַקאַנט („געטרוי באַקאַנט!”) און וואָס האָבן אומבאַשטרייטבאַר דערוויזן, אַז לענין איז געווען לודענדאָרפס אַן אַגענט. פאַרוואָס־זשע אַנטפּלעקט אונז נישט קערענסקי דעם סוד בנוגע דידאָזיקע דאָקומענטן! פאַר־וואָס באַלויכט ער נישט, לפּחות, גאַנץ קורץ זייער אינהאַלט? פאַר־וואָס זאָגט ער נישט, כאָטש בלויז מיט אַ רמז, ווי אַזוי ער איז געוואָר געוואָרן דעם אינהאַלט פון דידאָזיקע דאָקומענטן? פאַרוואָס דערקלערט ער נישט, צו וואָסער צוועק האָט, אייגנטלעך, דער באָל־שעוויסטישער אַגענט געפירט מיט זיך די דאָקומענטן, וואָס האָבן דערוויזן, אַז די באָלשעוויקעס זענען דייטשע אַגענטן? וועגן דעם אַלעמען רעדט קערענסקי קיין איין וואָרט נישט. מען מוז אים צום צווייטן מאָל פרעגן: וועלכער שוטה וועט אים גלייבן?

אָבער, ווי עס שטעלט זיך אַרויס, איז דער שטאָקהאָלמער אַגענט גאָרנישט אַרעסטירט געוואָרן. דידאָזיקע מערקווירדיקע דאָקומענטן, וואָס זענען אין יאָר 1917 געווען „געטרוי באַקאַנט”

קערענסקין, און וואָס זענען אין יאָר 1928 ווייטער אומבאַקאַנט זיינע לעזער, זענען גאָרנישט אָפּגענומען געוואָרן. דער באָלשעוויסטישער אַגענט איז געפאָרן, אָבער נישט דערפאָרן צו דער שוועדישער גרע־נעץ. פאַרוואָס? בלויז דערפאַר, ווייל דער יוסטיץ־מיניסטער פּערע־ווערזעוו, וואָס איז נישט געווען פעאיק נאָכצולויפן נאָך די פּיענטעס, האָט צופרי אויסגעפּלוידערט פאַר די צייטונגען דעם גרויסן סוד פון דעם פראַפּאָרשטשיק יערמאָלענקאָ. און דאָס גליק איז דאָך געווען אַזוי מעגלעך, אַזוי נאָנט...

„די צוויי־חדשימדיקע אַרבעט פון דער פּראָוויזאָרישער רעגירונג (בעיקר טערעשטשענקאָס) וועגן דער דעמאַסקירונג פון די באָלשע־וויסטישע אינטריגעס, האָבן זיך געענדיקט מיט אַ דורכפאַל" (ז. 298). יאָ, אַזוי ווערט טאַקע געזאָגט ביי קערענסקין: „האָבן זיך געענדיקט מיט אַ דורכפאַל". אויף דעם זייטל 297 ווערט בפירוש געזאָגט, אַז „דער דערפאָלג פון דערדאָזיקער אַרבעט האָט זיך אַרויסגעוויזן ממש פאַרניכטנדיק פאַר לענינען"; זיינע באַציונגען מיט לודענדאָרפן זע־נען בולט פעסטגעשטעלט געוואָרן", — און אויף דעם זייטל 298 לייענען מיר, אַז „די צוויי־חדשימדיקע אַרבעט האָט זיך געענדיקט מיט אַ ד ו ר כ פ אַ ל". צי איז דאָס אַלץ נישט ענלעך צו עפּעס אַ לעכערלעכן שפּאַס?

אָבער דאָס איז נאָך נישט דער סוף. אַמבולטסטן ווייזן זיך אפשר אַרויס קערענסקיס שקרים און זיין פּחדנות אין דער פראַגע וועגן מיר. ביי סוף פון זיין רשימה פון די דייטשע אַגענטן, וואָס האָבן לויט זיין באַפעל געדאַרפט אַרעסטירט ווערן, באַמערקט קערענ־סקי באַשיידן: „אין עטלעכע טעג אַרום זענען אַרעסטירט געוואָרן אויך טראָצקי און לונאַטשאַרסקי" (ז. 309). דאָס איז דער איינציקער אָרט, וואו קערענסקי טראָגט מיך אויך אַריין אין דעם סיסטעם פון דעם דייטשן שפּיאָנאַזש. ער מאַכט עס אָבער זייער פאַרנעפּלט, אָן שום מליצה, נישט פאַרשווענדנדיק דערביי זיינע „ערנווערטער". אויף דעם איז דאָ אַ גענוגער גרונט. קערענסקי קאָן דאָך מיך נישט איינ־גאַנצן אַדורכלאָזן, ווייל ווי נישט איז, האָט דאָך מיך זיין רעגירונג אַרעסטירט אונטער דערזעלביקער באַשולדיקונג, וואָס ער וואַרפט פאָר לענינען. ער האָט אָבער נישט קיין חשק און קיין מעגלעכקייט זיך אַריינצולאָזן אין די באַווייזן קעגן מיר, ווייל זיין רעגירונג האָט אין דער פראַגע וועגן מיר באַזונדערס בולט אַרויסגעוויזן די אויבנ־

דערמאָנטע אייזל-קאָפּיטע. דער איינציקער באַווייז קעגן מיר, וואָס איז אַרויסגעשטעלט געוואָרן דורכן אויספאָרשונגס-ריכטער אַלעקסאַנדראָוון, איז געווען דער, אַז איך בין מיט לענינען געפאָרן דורך דייטשלאַנד אין אַ פּלאָמבירטן וואַגאָן. דער אַלטער קייטן-הונט פון דער צאַרישער יוסטיץ האָט קיין אַנונג נישט געהאַט, אַז צוזאַמען מיט לענינען איז אין פּלאָמבירטן וואַגאָן געפאָרן דורך דייטשלאַנד נישט איך, נאָר דער פירער פון די מענשעוויקעס, מאַרטאָוו. איך בין גאָר געקומען פון ניו-יאָרק דורכן קאַנאַדישן קאָנצענטראַציע-לאַגער און דורך סקאַנדינאַוויע אין אַ חודש אַרום נאָך לענינען. די באַשולדיקונגען קעגן די באָלשעוויקעס, זענען צונויפגעשטעלט געוואָרן דורך אַזעלכע צרהדיקע, מיאוסע פאַלסיפיקאַטאָרן, אַז דידאָזיקע אדונים האָבן אפילו נישט געהאַלטן פאַר נויטיק זיך צו אינפאָרמירן אין די צייטונגען ווען און אויף וועלכן וועג טראָצקי איז געקומען קיין רוסלאַנד. איך האָב טאַקע דעמאָלט דעם אויספאָרשונגס-ריכטער געפּאַקט אויפן אָרט. איך האָב אים אַ שליידער געטאָן אין פּנים אַריין זיינע שמוציקע פאַפּירלעך, זיך אויסגעדרייט צו אים מיטן רוקן און נישט געוואָלט מער מיט אים רעדן. און טאַקע דעמאָלט בין איך אַרויס מיט אַ פּראָטעסט קעגן דער פּראָוויזאָרישער רעגירונג. קערענסקיס שולד, זיין קרימינעלער פאַרברעכן בנוגע דעם לעזער שטעקט באַזונדערס גראָב אַרויס אין דעמדאָזיקן פּונקט. קערענסקי ווייס, ווי העסלעך זיין יוסטיץ איז דורכגעפאַלן אין דער באַשולדיקונג קעגן מיר. אָט פאַרוואָס, — איינשליסנדיק מיך כלאחר-יד אינם סיסטעם פון דעם דייטשן שפּיאָנאַזש, — ער דערמאָנט נישט מיט קיין איין וואָרט וועגן דעם, ווי אַזוי ער און זיינע דריי מיניסטאָרן זענען מיר גאָלגעלאָפן נאָך די פּיענטעס איבער דייטשלאַנד, אין דער צייט, ווען איך בין גאָר געזעסן אין קאַנאַדער קאָנצענטראַציע-לאַגער.

„ווען לענין וואָלט נישט געהאַט דעם אָנהאַלט פון דער גאַנצער מאַטעריעלער און טעכנישער מאַכט פון דעם דייטשן פּראָפּאַגאַנדע-אַפּאַראַט און דעם דייטשן שפּיאָנאַזש", פאַראַלגעמיינערט דער רכילותניק זיינע געדאַנקען, „וואָלט זיך אים בשום אופן קיינמאָל נישט איינגעגעבן צו מאַכן אַ תל פון רוסלאַנד" (ז. 299). קערענסקין ווילט זיך גלויבן, אַז דער אַלטער רעזשים (און ער גופא צוזאַמען מיט אים) איז אומגעוואָרפן געוואָרן נישט דורכן רעוואָלוציאָנערן פאָלק, נאָר דורך דייטשע שפּיאָנען. ווי טרייסטפול עס איז דידאָזיקע היסטאָרישע

פילאָזאָפיע, וואָס לויט איר שטעלט מיט זיך פאָר דאָס לעבן פון אַ גרויס לאַנד נישט מער ווי אַ שפּילצייג אין די הענט פון דעם שכנס שפּיאָנען-אָרגאַניזאַציע. אויב אָבער דייטשלאַנדס מיליטערישע און טעכנישע מאַכט האָט אין משך פון עטלעכע חדשים געקאָנט אומוואַרפן קערענסקיס דעמאָקראַטיע און קינסטלעך איינפלאַנצן דעם באָלשעוויזם, הײַנט פאַרוואָס איז דער מאַטעריעלער און טעכנישער אַפּאַראַט פון אַלע אנטאַנט-לענדער נישט געווען בכוח אין משך פון 12 יאָר אומצוּוואַרפן דעמדאָזיקן קינסטלעך אַנטשטאַנענעם באָלשעוויזם? לאָמיר זיך אָבער נישט אַרײַנלאָזן אינם געביט פון היסטאָרישער פילאָזאָפיע. לאָמיר פאַרבלײַבן אינם געביט פון פאַקטן. אין וואָס האָט זיך אויסגעדריקט דייטשלאַנדס טעכנישע און פינאַנציעלע הילף? וועגן דעם זאָגט קערענסקי קיין איין וואָרט נישט.

קערענסקי איז זיך, אמת, סומך אויף לודענדאָרפס מעמואַרן. פון דידאָזיקע מעמואַרן איז אָבער קלאָר בלויז איין זאַך: לודענדאָרף האָט געהאָפט, אַז די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד וועט דעמאָראַליזירן די צאַרישע אַרמעע, — לכתחילה די פעברואַר-רעוואָלוציע, נאָכדעם די אָקטאָבער-רעוואָלוציע. כדי צו דעמאַסקירן דעמדאָזיקן פּלאַן לודענדאָרפס, זענען גאָרנישט נויטיק זײַנע מעמואַרן. עס קלעקט שוין גענוג דער פאַקט, וואָס אַ גרופּע רוסישע רעוואָלוציאָנערן זענען דורכגעלאָזט געוואָרן דורך דייטשלאַנד. מצד לודענדאָרפן איז עס געווען אַן אַוואַנטורע, וואָס האָט געשטאַמט פון דייטשלאַנדס שווערער מיליטערישער לאַגע. לענין האָט זיך באַנוצט מיט לודענדאָרפס חשבון, האָבנדיק דערבײַ זײַן אייגענע אויסרעכענונג. לודענדאָרף האָט זיך געזאָגט: לענין וועט אומוואַרפן די פּאַטריאָטן, נאָכדעם וועל איך קומען און דערשטיקן לענינען מיט זײַנע פרײַנט. לענין האָט זיך געזאָגט: איך וועל פאָרן דורך דייטשלאַנד אין לודענדאָרפס וואַגאָן, און פאַר דערדאָזיקער טובה וועל איך מיך אָפּרעכענען מיט אים שפּעטער אויף מײַן שטייגער.

די צוויי קעגנזעצלעכע פּלענער האָבן זיך געקרייצט אין איין פּונקט, און אַז דערדאָזיקער פּונקט איז געווען דער פּלאָמבירטער וואַגאָן—דערויף זענען דאָך גאָרנישט נויטיק קערענסקיס שפּיאָנישע טאַלענטן, כדי צו דערווייזן עס. דאָס איז אַ היסטאָרישער פאַקט. די געשיכטע האָט שוין נאָכדעם באַוויזן צו קאָנטראָלירן ביידע חשבונות. דעם 7-טן נאָוועמבער 1917 האָבן די באָלשעוויקעס דעראָבערט די

מאָלט. פונקט אין אַ יאָר אַרום האָבן די דייטשע רעוואָלוציאָנערע מאַסן, אונטער דער מעכטיקער השפּעה פון דער רוסישער רעוואָלוציע, אומגעוואָרפן לודענדאָרפן און זיינע באַלעבאַטים. און נאָך אין צען יאָר אַרום פּרואווט זיך דער דעמאָקראַטישער נאַרציס, וואָס איז, נעבעך, באַעוולט געוואָרן פון דער געשיכטע, צוריק אָפּצופרישן אַ נאַרישע רכילות — נישט אויף לענינען, נאָר אויף אַ גרויס פאָלק און זיין רעוואָלוציע.

זעקס און צוואַנציקסטער קאַפּיטל

פֿון יולי צום אָקטאָבער

דעם 4-טן יולי האָט די באָלשעוויסטישע פּראַקציע פֿאַרעפֿנטלעכט אויפֿן צוזאַמענפֿאָר פֿון די סאָוויעטן די דורך מיר אַריינגעטראָגענע דעקלאַראַציע וועגן דעם אָנגריף וואָס קערענסקי האָט צוגעגרייט אויפֿן פֿראָנט. מיר האָבן אָנגעוויזן, אַז דער אָנגריף, איז אַן אַוואַנטורע, וואָס באַדראָט די עקזיסטענץ פֿון דער אַרמעע גופֿא. די פּראָוויזאָרישע רעגירונג האָט זיך אָבער פֿאַרשיכּורט מיט אירע פּוסטע רייד. אויף דער זעלנער-מאַסע, וואָס די רעוואָלוציע האָט זי צעטרייסלט ביזן גרונט, האָבן די מיניסטאָרן געקוקט ווי אויף אַ מין ליים, פֿון וועלכן מען קאָן מאַכן אַלץ, וואָס מען וויל. קערענסקי איז אַרומגעפֿאָרן איבערן פֿראָנט, האָט באַשוואוירן, געדראָט, געקניט, געקושט די ערד, מיט איין וואָרט, געפּאַיאַצעוועט אויף כּלערליי אופֿנים, און נישט געגעבן די זעלנער קיין ענטפֿער אויף קיין איין פֿראַגע, וואָס האָט זיי געפּייניקט. פֿאַרבלענדט מיט די ביליקע עפֿעקטן און פֿאַרגאַראַנטירט מיט דער שטיצע פֿון סאָוויעטן-צוזאַמענפֿאָר, האָט ער געהייסן, מען זאָל אָנגרייפֿן. ווען דאָס אומגליק, וואָס די באָלשעוויקעס האָבן פֿאָרויסגעזאָגט, איז אויסגעבראָכן, האָט מען באַשולדיקט די באָלשעוויקעס. די העצע איז זיך ווילד צעוואַקסן. די רעאַקציע, געדעקט דורך דער קאַדעטן-פּאַרטיי, האָט אָנגעדריקט פֿון אַלע זייטן און געפֿאָדערט אונזערע קעפּ.

דער צוטרוי צו דער פּראָוויזאָרישער רעגירונג איז ביי די מאַסן

אינגאַנצן אונטערגעגראָבן געוואָרן. פעטראָגראַד האָט זיך אויך אין דעם צווייטן עטאַפ פון דער רעוואָלוציע אַרויסגעוויזן פאַר דעם ווייט פאָרויסגייענדיקן אַוואַנגאַרד. אין די יולי-טעג האָט זיך דערדאָזיקער אַוואַנגאַרד אָפן צוזאַמענגעשטויסן מיט קערענסקין. דאָס איז נאָך נישט געווען קיין אויפשטאַנד, נאָר אַ טיפע פאַרטרולן-אויסשפּירונג. אָבער שוין בעתן יולי-צוזאַמענשטויס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז הינטער קערענסקין שטייט נישט קיין שום „דעמאָקראַטישע" אַרמעע; אַז די כּוחות, וואָס שטיצן אים קעגן אונז, זענען נישט מער ווי כּוחות פון דער קאָנטער-רעוואָלוציע.

וועגן דעם אַרויסטריט פון דעם פּוליעמיאָטן-פּולק און זיין אויפרוף צו די אַנדערע מיליטער-טיילן און פאַבריקן האָב איך מיך דערוואוסט דעם 3-טן יולי, אין בנין פון טאַווערישן פּאַלאַץ, בעת דער זיצונג. די דאָזיקע ידיעה איז פאַר מיר געווען אַן אומגעריכטע. די דעמאָנסטראַציע איז אַנטשטאַנען פון זיך אַליין, לויט דער אַנאָנימער איניציאַטיוו פון אונטן. אויפן צווייטן טאָג האָט זיך די דעמאָנסטראַציע אויסגעשפּרייט נאָך ברייטער, און שוין מיטן אַנטייל פון אונזער פּאַרטיי. דער טאַווערישער פּאַלאַץ איז געווען פאַרפּלייצט פון המון. דער לאָזונג איז געווען איינער: „די מאַכט פאַר די סאָוויעטן!" פאַרן פּאַלאַץ האָט עפּעס אַ פאַרדעכטיק הייפל מענטשן, וואָס איז געשטאַנען אָפּגעזונדערט פון המון, פאַרהאַלטן און אַריינגעזעצט אין אַן אויטאָ טשערנאָוו'ן דעם מיניסטער פאַר ערד-אַרבעט. דער המון האָט זיך צו דעם גורל פון דעם מיניסטער באַצויגן גלייכגילטיק, די סימפּאַטיעס זענען, לכּל-הדעות, נישט געווען אויף זיין זייט. די ידיעה וועגן טשערנאָווס אַרעסט און זיין באַדראָטער לאַגע איז אַריינגעדרונגען אין פּאַלאַץ. כּדי צו ראַטעווען זייער פירער, האָבן די נאַראָדניקעס באַשלאָסן זיך צו באַנוצן מיט די געפּאַנצערטע קוילנוואַרפער-אויטאָס. זיי זענען געווען נערוועיש, ווייל ס'איז געפאַלן זייער פּאָפּולערקייט: איצט האָבן זיי געוואָלט ווייזן זייער שטאַרקע האַנט. איך האָב באַשלאָסן אַרויסצופאָרן פון המון צוזאַמען מיט טשערנאָוון אין אויטאָ, כּדי שפּעטער אים צו באַפרייען. אָבער דער באָלשעוויק ראַסקאָלניקאָוו, דער לייטענאַנט פון באַלטישן פלאָט, וואָס האָט געבראַכט אויף דער דעמאָנסטראַציע די קראָנשטאַטער מאַטראָסן, האָט זייער אַן אויפגערעגטער דורכאויס געפאָדערט, מען זאָל טשערנאָוון גלייך באַפרייען, כּדי מען זאָל נאָכדעם נישט קאָנען זאָגן, אַז די קראָנשטאַטער מאַטראָסן

האָבן אים אַרעסטירט. איך האָב באַשלאָסן נאָכצוגעבן ראַסקאָלניקאָוון.
דאָ ווייטער גיב איך דאָס וואָרט אים אַליין. „עס איז שווער צו
זאָגן, ווי לאַנג עס וואָלט נאָך געדויערט די שטורמדיקע אויפרודע-
רונג פון דער מאַסע", דערציילט דער עקספּאַנסיווער לייטענאַנט אין
זיינע זכרונות, „ווען חבר טראָצקי זאָל נישט געווען קומען צו הילף.
ער האָט געמאַכט אַ שאַרפן שפּרונג אויפן פאָדערשטן בויד-טייל פון
אויטאָמאָביל, און מיט אַ ברייטער, ענערגישער האַנטבאַוועגונג פון אַ
מענטשן, וואָס אים איז נמאס געוואָרן צו וואַרטן, האָט ער געגעבן
אַ סיגנאַל צו שווייגן. כהרף-עין האָט זיך אַלץ איינגעשטילט; עס האָט
געהערשט אַ טויטע שטילקייט. מיט אַ הויכער, קלאָרער, מעטאַלישער
שטימע... האָט ליעוו דאַווידאָוויטש געהאַלטן אַ קורצע רעדע (פאַר-
ענדיקנדיק מיט דער פראַגע: „ווער עס איז פאַר אָנווענדן געוואַלט
קעגן טשערנאָוון, זאָל אויפהייבן די האַנט?")... „קיינער האָט אַפילו
נישט געעפנט דאָס מויל", דערציילט ווייטער ראַסקאָלניקאָוו, „קיינער
האָט נישט איינגעווענדט מיט קיין איין וואָרט. — בירגער טשערנאָוו,
איר זענט פריי, — האָט טראָצקי פייערלעך אַ זאָג געטאָן, און זיך
אויסדרייענדיק מיטן גאַנצן קערפּער צו דעם מיניסטער פאַר ערד-
אַרבעט, האָט ער אים מיט אַ זשעסט איינגעלאַדן אויסצושטייגן פון
אויטאָ. טשערנאָוו איז געווען נישט טויט, נישט לעבעדיק. איך האָב
אים געהאָלפן אַרויסשטייגן פונם אויטאָ; מיט אַ שלעפּעריקן אויסגע-
מאַטערטן פּנים און מיט אַן אומזיכערן וואַקלדיקן גאַנג איז ער אַרויף
אויף די שטיגן און פאַרשוואונדן אין וועסטיבול פון פּאַלאַץ. באַפרי-
דיקט מיטן נצחון, איז ליעוו דאַווידאָוויטש אַוועק צוזאַמען מיט אים".
אויב מען זאָל אָפּוואַרפן די איבערפלּיסיקע פּאַטעטישע באַפאַר-
בונג, איז די סצענע איבערגעגעבן געוואָרן ריכטיק. דאָס האָט נישט
געשטערט דער פּיינטלעכער פּרעסע צו באַהויפּטן, אַז איך האָב אַרעס-
טירט טשערנאָוון, כדי אויסצופירן איבער אים אַ זעלבסטגעריכט. טשער-
נאָוו גופא האָט שמעוודיק געשוויגן. עס פּאַסט דאָך נישט פאַר אַ
„פאָלקס"-מיניסטער זיך מודה צו זיין, אַז דאָס, וואָס ער איז פאַר-
בליבן מיט אַ גאַנצן קאָפּ, האָט ער צו פאַרדאַנקען נישט זיין פּאָפּו-
לערקייט, נאָר דער אינטערווענץ פון אַ באָלשעוויק.
איין דעפּוטאַציע נאָך דער אַנדערער האָט געפאָדערט אין נאָמען
פון די דעמאָנסטראַנטן, אַז דער עקזעקוטיוו-קאָמיטעט זאָל איבערנעמען
די מאַכט. טשכעאידזע, צערעטעלי, דאַן, גאָץ זענען געזעסן אויבנאָן,

אין פרעזידיום ווי אויסגעמאָלטע געטשן. זיי האָבן נישט געענטפערט די דעפוטאַציעס, געקוקט אין חלל אַריין אָדער אומרואיק און געהיים־בישפּול זיך איבערגעקוקט איינער מיטן צווייטן. די באָלשעוויקעס האָבן גענומען אַ וואָרט, כּדי אונטערצושטיצן די דעלעגאַציעס פון די אַרבעטער און זעלנער. די מיטגלידער פון פרעזידיום האָבן געשוויגן. זיי האָבן געוואַרט. אויף וואָס?.. אַזוי זענען אַוועק גאַנצע שעהן. שפּעט אינדערנאַכט זענען די געוועלבונגען פון פּאַלאַץ פאַרהילכט געוואָרן פון די נצחון־קלאַנגען פון די מעשענע טרומייטערס. דאָס פרעזידיום איז אויפגעשטאַנען תּחית־המתים, פּונקט ווי אונטער דער ווירקונג פון אַן עלעקטרישן שטראָם.

עמעצער האָט פייערלעך געמאָלדן, אַז דער וואָלינער פּולק איז געקומען פון פראָנט און זיך געשטעלט צו דער דיספּאָזיציע פון צענטראַלן עקזעקוטיוו־קאָמיטעט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די „דעמאָקראַטיע" האָט נישט געהאַט אין דעם גאַנצן ריזיקן פּעטראָ־גראַדער גאַרניזאָן קיין איין איינציקן זיכערן אַרמעע־טייל. מען האָט געמוזט וואַרטן ביז עס איז געקומען פון פראָנט אַ באַוואָפנטע מאַכט. איצט האָט זיך פּלוצלונג געענדערט די גאַנצע סיטואַציע. די דעלע־גאַציעס האָט מען אַרויסגעיאָגט, די באָלשעוויקעס האָט מען נישט געגעבן מער קיין וואָרט. די פירער פון דער דעמאָקראַטיע האָבן באַשלאָסן אָן אונז זיך נוקם צו זיין פאַרן פחד, וואָס די מאַסע האָט אויף זיי אָנגעוואָרפן. פון דער טריבונע פונם עקזעקוטיוו־קאָמיטעט האָבן זיך דערהערט רעדעס וועגן אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד, וואָס איז היינט דערשטיקט געוואָרן דורך די טרייע מיליטער־טיילן. די באָל־שעוויקעס זענען דערקלערט געוואָרן פאַר אַ קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע פאַרטיי. דאָס אַלץ איז געשען אַ דאַנק דעם, וואָס ס'איז אָנגעקומען דער איינציקער וואָלינער פּולק. אין דריי און אַ האַלבן חודש אַרום האָט דערדאָזיקער פּולק, ווי איין מענטש, מיטגעהאָלפן אומצווואַרפן קערענסקיס רעגירונג.

דעם 5־טן אינדערפרי האָב איך זיך געזען מיט לענינען. דער אָנגריף פון די מאַסן איז שוין אָפּגעשלאָגן געוואָרן. „איצט וועלן זיי אונז צעשיסן", האָט לענין געזאָגט. „דער פּאַסנדסטער מאָמענט פאַר זיי." לענין האָט אָבער איבערגעשאַצט דעם קעגנער — נישט זיין ווילדן כּעס, נאָר זיין אַנטשלאָסנקייט און פעאיקייט צו פירן אַן אַקציע. זיי האָבן אונז נישט צעשאָסן, כאָטש זיי זענען נישט געווען ווייט

דערפון. אויף די גאַסן האָט מען געממיתט און דערהרגעט באַל-שעוויקעס, די יונקערס האָבן געשטורמט קשעסינסקאַס פּאַלאַץ און די דרוקעריי פון דער „פּראַוודאַ". די גאַנצע גאַס פאַר דער דרוקעריי איז געווען פאַרפלייצט מיט מאַנוסקריפּטן. צווישן פיל אַנדערע איז אויך אומגעקומען מיין פּאַמפלעט „צו די רכילות-טרייבער". די טיפע פּאַטרולן-אויסשפּירונג האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַן איינזייטיקער שלאַכט. דער קעגנער איז אָן שום מי געבליבן דער זיגער, ווייל מיר זענען נישט אַריינגעטרעטן אין קאַמף. די פּאַרטיי האָט זיך האַרב באַצאָלט. לענין און זינאָוויעוו האָבן זיך באַהאַלטן. עס האָבן זיך אָנגעהייבן אומצייליקע אַרעסטן, וואָס זענען באַגלייט געוואָרן מיט קלעפּ. די קאָזאַקן און יונקערס האָבן צוגענומען ביי די אַרעסטירטע דאָס געלט, מיטן תּירוץ, אַז דאָס איז „דייטשע". פיל מיטלויפער און האַלבע פריינט האָבן זיך אויסגעדרייט צו אונז מיטן רוקן. אין טאַוו-רישן פּאַלאַץ זענען מיר פּראָקלאַמירט געוואָרן אַלס קאָנטער-רעוואָלוצי-אָנערן און זענען אין פלוג אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויסערן געזעץ.

אויף די שפּיצן פון דער פּאַרטיי איז די לאַגע געווען נישט פּייגלדיק. לענין איז נישט געווען. קאַמעניעוו פליגל האָט אויפגע-הייבן דעם קאָפּ. אַ סך צווישן זיי, דערינען אויך סטאַלין, זענען פּשוט געזעסן מיט פאַרלייגטע הענט און אָפּגעוואַרט די געשעענישן, כּדי אַרויסצוווייזן אויפן צווייטן טאָג זייער חכמה. די באָלשעוויסטישע פראַקציע פון צענטראַלן עקזעקוטיוו-קאָמיטעט האָט זיך אין בנין פון טאַווורישן פּאַלאַץ געשפּירט פאַריתומט. זי האָט געשיקט נאָך מיר אַ דעלעגאַציע מיט דער בקשה צו האַלטן אַ רעפעראַט וועגן דער גע-שאַפענער לאַגע, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס איך בין נאָך אַלץ נישט געווען קיין מיטגליד פון דער פּאַרטיי: דער פאָרמעלער אַקט איז אָפּגעלייגט געוואָרן ביז צו דעם פּאַרטיי-צוזאַמענפאָר, וואָס האָט געדאַרפט איינגיכן פאָרקומען. איך בין, נאַטירלעך, גערן איינגעגאַנגען דערויף. דורך מיין שמועס מיט דער באָלשעוויסטישער פראַקציע האָט זיך איינגעשטעלט יענער מאָראַלישער קאָנטאַקט, וואָס ווערט על-פּי-רוב געשאַפען נאָר אונטער די שווערע קלעפּ פון שונא. איך האָב געזאָגט, אַז נאָך דעמדאָזיקן קריזיס וועט קומען אַ שנעלע עליה, אַז די מאַסע וועט זיך נאָך פעסטער אָנשליסן אָן אונז, ווען זי וועט איינזען אונזער טריי-שאַפט אין דער ווירקלעכקייט; אַז מען מוז אין דידאָזיקע טעג שאַרף נאָכקוקן נאָך יעדן רעוואָלוציאָנער, ווייל אין אַזעלכע מאָמענטן

ווערן די מענטשן געוואויגן אויף אַן אומפּעלבּאַרער וואָגשאָל. נאָך איצט דערמאָן איך מיך מיט שמחה, ווי וואַרעם און דאַנקבּאַר די פּראַקציע האָט מיך באַגלייט. „לעניך איז נישטאָ", האָט מוראַלאָוו געזאָגט, „און פון די איבעריקע האָט זיך איין טראָצקי נישט פּאַר-לאָרן." ווען איך זאָל שרייבּן דידאָזיקע מעמואַדן אונטער אַנדערע אומשטענדן, — ס'איז נאָך אַ ספק, צי איך וואָלט בכלל געשריבּן דידאָזיקע מעמוארן אונטער אַנדערע אומשטענדן—וואָלט מיר גע-ווען שווער איבּערצוגעבּן פיל פון דעם, וואָס איך גיב איבּער אויף דידאָזיקע זייטלעך. איך קאָן מיך אָבּער איצט נישט אָפּווענדן פון יענער ברייט-אָרגאַניזירטער פּאָלסיפיקאַציע פונם עבר, וואָס איז איינע פון די הויפּטזאָרגן פון די עפּיגאָנען. מיינע פריינט זענען אין די תפיסות אָדער אין פּאַרשיקונג. איך בין געצוואונגען צו רעדן וועגן זיך דאָס, וואָס איך וואָלט אונטער אַנדערע אומשטענדן נישט גערעדט. עס גייט מיר דאָ נישט בלויז וועגן דעם היסטאָרישן אמת, נאָר אויך וועגן דעם פּאָליטישן קאַמף, וואָס פירט זיך ווייטער.

פון יענער צייט אָן האָט זיך אָנגעהייבּן מיין שטענדיקע פריינטשאַפט מיט מוראַלאָוון, אַ פריינטשאַפט, וואָס האָלט אָן סיי אין דער פּאָליטיק און סיי אין קאַמף. וועגן דעמדאָזיקן מענטשן מוז איך דאָ זאָגן כאָטש עטלעכע ווערטער. מוראַלאָוו איז אַן אַלטער באָלשעוויק, וואָס האָט דורכגעמאַכט אין מאָסקווע די רעוואָלוציע פון יאָר 1905. אין יאָר 1906 איז מוראַלאָוו אָנגעקומען קיין סערפּוכאָוו, ווען דאָרט איז געווען אַ פּאָגראָם פון דער שוואַרצער מאה, וואָס איז, ווי תמיד, געשיצט געוואָרן פון דער פּאָליציי. מוראַלאָוו איז אַ העָרלעכער ריז, וואָס ווייס נישט פון שרעק, און דידאָזיקע אייגנשאַפט זיינע ווערט אויסגעגלייכט מיט זיין גרויסמוט און גוטסקייט. צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע לינקע איז ער אַריינגעפאַלן אין אַ רינג פון שונאים, וואָס האָבּן אַרומגערינגלט דעם בנין פון דער זעמסטווע-פּאַרוואַלטונג. מוראַלאָוו איז אַרויס פון בנין מיט אַ רעוואָל-ווער אין דער האַנט און מיט געמאָסטענע טריט אַוועק גלייך אויפן המון. דער המון איז אָפּגעטרעטן, אָבּער די אָנגריף-גרופּע פון די שוואַרצע מאהניקעס האָט אים אָפּגעשניטן דעם וועג, די דראָשקאַ-זשעס האָבּן צוגעהעצט זינגענדיק. „זיך פּאַנאַנדערגיין!" האָט דער ריז באַפוילן. ער איז געגאַנגען ווייטער מיט אַן אויפגעהייבּענעם רעוואָלווער אין דער האַנט. דעמאָלט איז מען אים באַפאַלן. האָט

ער איינעם אַוועקגעלייגט טויט אויפן אָרט און דעם צווייטן פאַר־וואונדעט. דער המון איז אָפּגעשפרונגען, נישט פאַרשנעלערנדיק די טריט, האָט מוראַלאָוו, ווי אַן אייזברעכער, דורכגעשניטן דעם המון און איז אַוועק צופוס קיין מאָסקווע. זיין פּראָצעס האָט זיך געצויגן העכער צוויי יאָר און, נישט געקוקט אויף דער צעבושעוועטער רע־אַקציע, האָט מען אים דאָך באַפרייט. אַן אַגראָנאָם לויט זיין בילדונג, אַ זעלנער פון דער אויטאָמאָביל־ראָטע אין דער צייט פון דעם אימ־פּעריאַליסטישן קריג, אַן אָנפירער פון די אָקטאָבער־קאַמפן אין מאָסקווע, איז מוראַלאָוו נאָכן נצחון געוואָרן דער ערשטער קאָמאַנ־דיר פון דעם מאָסקווער מיליטער־ראַיאָן. ער איז געווען דער אומ־דערשראָקענער מאַרשאַל פון רעוואָלוציאָנערן קריג, תּמיד אַ געזעצ־טער, אַ פּשוטער, אָן שום פּאָזע. בעת די פעלדמאַרשן האָט ער גע־פירט אַן אומדערמידלעכע פּראָפּאַגאַנדע דורך מעשים: ער האָט געגעבן אַגראָנאָמישע עצות, געשניטן תּבואה און אין אַ פרייער מינוט געהיילט מענטשן און קי. אין די שווערסטע סיטואַציעס האָט פון אים אויסגעשטראַלט אַ רואיקייט, אַ זיכערקייט און אַ וואַרעמקייט.

נאָכדעם, ווי דער קריג האָט זיך געענדיקט, האָבן מיר זיך באַמיט צו פאַרברייננגען אינאיינעם די פרייע טעג. אונז האָט אויך באַהעפט די ליידנשאַפט צו יאַגד. מיר האָבן צוזאַמען אויסגעמאָסטן דעם צפון און דרום, שטאַרק אַריינגעטאָן אין יאַגד דאָ אויף בערן און וועלף, און דאָ אויף פאַזאַנען און טראַפּן. איצט גייט מוראַלאָוו אויף יאַגד אין סיביר אַלס פאַרשיקטער אָפּאָזיציאָנער...

אין די יולי־טעג 1917 האָט מוראַלאָוו קיין ציטער נישט געטאָן און אויפגעמונטערט די אַנדערע. און דעמאָלט האָט זיך יעדער פון אונז געגוויטיקט אין אַ סך זעלבסטבאַהערשונג אויף דורכצוגיין די קאָ־רידאָרן און זאַלן פון טאַווּרישן פּאַלאַץ, זיך בעת־מעשה נישט איינ־בויגן אין דרייען און נישט אַראָפּלאָזן דעם קאָפּ אונטער די ווילדע בליקן, בייז־פאַרביסענעם שעפּטשען, דעמאָנסטראַטיווע אונטערשטויסן איינאָנדער מיט די עלנבויגנס („זע נאָר, זע נאָר!") און אָפענער ציין־קריצעריי. עס איז נישטאָ מער קיין משונה־ווילד בילד, ווי אַן איינ־געבילדעטער, אָנגעבלאָזענער „רעוואָלוציאָנערער" פיליסטער, ווען ער הייבט אָן צו באַמערקן, אַז די רעוואָלוציע, וואָס האָט אים אומ־געריכט אויפגעהייבן אין דער הויך, הייבט אָן צו באַדראָען זיין צייטווייליקע גדולה. דער וועג צום בופעט פון עקזעקוטיוו־קאָמיטעט

איז אין יענע טעג געווען אַ קליינע גאָלגאָטע. דאָרט האָט מען געטיילט טיי און שוואַרצע פּוטערברויטן מיט קעז אָדער מיט גראָבקערנערדיקן רויטן קאַוויאַר: דערדאָזיקער קאַוויאַר איז געווען אין אַ גרויסער צאָל אין סמאָלני און שפּעטער אויך אין קרעמל. צו מיטאָג האָט מען געגעבן קרויט־באָרשט און אַ שטיקל פלייש. דער באַלעבאָס פון בופעט אינם עקזעקוטיוו־קאָמיטעט איז געווען דער זעלנער גראַפאָוו. אין רעכטן ברעג פון דער העצע קעגן אונז, בעת לענין איז פּראָקלאַמירט געוואָרן פאַר אַ דייטשן שפּיאָן, און ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן ערגעץ אין אַ הוטע, האָב איך באַמערקט, ווי גראַפּאָוו רוקט מיר אונטער אַ הייס גלאָז טיי און אַ בעסער פּוטערברויט. קוקנדיק דערביי נישט אויף מיר, נאָר אין אַ זייט. עס איז געווען קלאָר: גראַפאָוו האָט סימפּאַטיזירט מיט די באָלשעוויקעס און האָט עס פאַרבאָרגן פון זיין נאַטשאַלסטווע. גראַפּאָוו איז נישט געווען אַליין. דער גאַנצער נידעריקער פּערסאָנאַל פון סמאָלני—די סטרוזשעס, קוריערן, וואַכזעלנער—האָבן אָפן סימפּאַטיזירט מיט די באָלשעוויקעס. דעמאָלט האָב איך זיך געזאָגט, אַז אונזער זאַך איז האַלב געוואונען. אָבער לעת־עתה בלויז האַלב.

די פּרעסע האָט געפירט קעגן די באָלשעוויקעס אַ קאַמפּאַניע, וואָס איז געווען איינציק אין איר פאַרביסנקייט און אומערלעכקייט און וואָס איז ערשט אין עטלעכע יאָר אַרום איבערגעשטיגן געוואָרן דורך סטאַלינס קאַמפּאַניע קעגן דער אָפּאָזיציע. לונאַטשאַרסקי האָט אָפּגעגעבן אין יולי עטלעכע צווײדייטיקע דערקלערונגען, וואָס די פּרעסע האָט, נישט אָן אַ גרונט, אויסגעטייטשט, ווי אַן אָפּווענדונג פון די באָלשעוויקעס. עטלעכע צייטונגען האָבן אויך מיר צוגעשריבן אַזעלכע דערקלערונגען. דעם 10־טן יולי האָב איך זיך געווענדט מיט אַ בריוו צו דער פּראָוויזאָרישער רעגירונג, אין וועלכן איך האָב דערקלערט מיין פולשטענדיקע סאָלידאַרקייט מיט לענינען און געענדיקט מיט די דאָזיקע ווערטער: „איר קאָנט נישט האָבן קיין שום מאָטיוון דערויף, אַז אויף מיר זאָל נישט חל זיין דער דעקרעט, לויט וועלכן לענין, זינאָוויעוו און קאַמעניעוו ווערן אונטערגעוואָרפן אַן אַרעסט... איר קאָנט נישט האָבן קיין שום גרונט צו צווייפלען אין דעם, אַז איך בין דערזעלבער פאַרביסענער קעגנער פון דער אַלגעמיינער פּאָליטיק פון דער פּראָוויזאָרישער רעגירונג, פונקט ווי די אָנגערופענע חברים." די הערן מיניסטאָרן האָבן געמאַכט פון דעמ־

דאָזיקן בריוו דעם געהעריקן אויספיר: זיי האָבן מיך אַרעסטירט אַלס דייטשן שפּיאָן.

אין מאַי, בעת צערעטעלי האָט געהעצט קעגן די מאַטראָסן און אַנטוואָפּנט די קוילן־וואַרפער, האָב איך אים פאָרויסגעזאָגט, אַז עס איז שוין אפשר נישט ווייט דער טאָג, ווען ער וועט מוזן זוכן הילף ביי די מאַטראָסן קעגן יענעם גענעראַל, וואָס וועט אָנזייפן דעם שטריק פאַר דער רעוואָלוציע. אין אויגוסט האָט זיך געפונען אַזאַ גענעראַל אין דער פּערזאָן פון קאָרנילאָוון. צערעטעלי האָט זיך גע־ווענדט נאָך הילף צו די קראָנשטאַטער מאַטראָסן. זיי האָבן אים נישט אָפּגעזאָגט אין הילף. אין די וואַסערן פון דער נעוואַ איז אַריין דער קרייצער „אויראָראַ". מיין נביאות, וואָס איז אַזוי שנעל מקוים געוואָרן, איז מיר שוין אויסגעקומען צו באַאָבאַכטן פון דער תּפיסה „קרעסטי". די מאַטראָסן פון „אויראָראַ" האָבן מיר צוגעשיקט אין תּפיסה אַ דעלע־גאַציע אויף אַ זעונג. מען איז געקומען נאָך אַן עצה: „צי זאָל מען דעם ווינטערפּאַלאַץ באַשיצן, אָדער איינעמען אים דורך אַן אָנגריף?" איך האָט זיי געעצהט אָפּצולייגן די חשבונות מיט קערענ־סקין, ביז זיי וועלן פאַרטיק ווערן מיט קאָרנילאָוון. — „אונזערס וועט נישט אַוועק פון אונז". — „וועט נישט אַוועק?" — „ניין, וועט נישט אַוועק!"

מיין פרוי מיט די יינגלעך איז געקומען צו מיר אין תּפיסה אויף אַ זעונג. זיי, די יינגלעך, האָבן שוין צו דער צייט געהאַט אַן אייגענע פּאָליטישע דערפאַרונג. דעם זומער האָבן די קינדער פאַר־בראַכט אויף אַ זומערוואוינונג, אין אַ באַקאַנטער פאַמיליע פונם פּול־קאָווניק אויסערן דינסט וו. דאָרט זענען זיך צונויפגעקומען געסט, על־פּי־רוב אָפיצירן, און ביים שנאַפּס האָט מען געזידלט די באָלשע־וויקעס. אין די יולי־טעג האָבן די זידלערייען דערגרייכט דעם קולמינאַציע־פּונקט. עטלעכע אָפיצירן זענען טאַקע באַלד אַוועקגעפאָרן קיין דרום, וואו עס האָבן זיך פאַרזאַמלט די שפּעטערדיקע ווייסע קאַדרעס. איינער אַ יונגער פאַטריאָט האָט ביים טיש אָנגערופן לעגינען און טראָצקין אַלס דייטשע שפּיאָנען. מיין עלטערער יינגל האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף אים מיט אַ שטול, דער יינגערער איז אים געלאָפן צו הילף מיט אַ טישמעסער. די דערוואַקסענע האָבן זיי פאַ־נאַנדערגענומען, די יינגלעך האָבן זיך פאַרשפּאַרט אין זייער צימער און זיך היסטעריש צעוויינט. זיי האָבן זיך מכין געווען אַוועקצולאָזן

ויך צופוס קיין פעטראָגראַד, כּדי זיך צו דערוויסן, וואָס מען טוט דאָרט מיט די באָלשעוויקעס. צום גליק, איז אָנגעפאָרן די מוטער, האָט זיי באַרואיקט און מיטגענומען מיט זיך. אָבער אויך אין שטאָט איז איצט געווען נישט זייער פייגלדיק. די צייטונגען זענען ווילד באַפאַלן די באָלשעוויקעס. דער פאָטער איז געזעסן אין תּפיסה. די רעוואָלוציע האָט לגמרי אָפּגענאַרט זייערע האָפענונגען. דאָס האָט פונ־דעסטוועגן נישט געשטערט די ייִנגלעך זיך צוצוקוקן מיט באַגייסטע־רונג, ווי אַזוי די מוטער האָט מיר אין זעונגס־צימער בגניבה דורכ־געשמוגלט דורך די קראַטן אַ פּעדערמעסערל. איך האָב זיי, ווי פריער, געטרייסט דערמיט, וואָס די רעוואָלוציע איז נאָך אַלץ אונטערוועגס.

מיינע טעכטער האָבן זיך שוין פיל ערנסטער אַריינגעצויגן אין פּאָליטישן לעבן. זיי פלעגן קומען אויף די מיטינגען אין צירק „מאָדערן" און האָבן זיך באַטייליקט אין דעמאָנסטראַציעס.

אין די יולי־טעג זענען זיי אַריינגעפאַלן אין אַ מהומה, זענען צעדריקט געוואָרן פון המון, איינע האָט פאַרלוירן די ברילן, ביידע די היט, און ביידע האָבן זיך געשראָקן, אַז זיי זאָלן נישט פאַרלירן דעם פאָטער, וואָס האָט זיך נאָר וואָס באַוויזן אויף זייער האָריזאָנט.

אין די טעג פון קאָרנילאָווס אָנגריף אויף דער הויפּטשטאָט איז דער תּפיסה־רעזשים געהאַנגען אויף אַ דינעם פאָדעם. אַלע האָבן פאַרשטאַנען, אַז ווי נאָר קאָרנילאָוו וועט אַריין אין שטאָט, וועט ער קודם־כּל אויסשעכטן אַלע באָלשעוויקעס, וועלכע קערענסקי האָט אַרעסטירט. דער צ י ק האָט נאָך, חוצדעם, מורא געהאַט פאַר אַן אָנפאַל אויף דער תּפיסה מצד די ווייסגוואַרדייאישע עלעמענטן פון דער הויפּטשטאָט. אויף צו באַשיצן די תּפיסה „קרעסטי" האָט מען געשיקט אַ גרויסע מיליטער־אָפּטיילונג. זי האָט זיך, נאַטירלעך, אַרויס־געוויזן נישט קיין „דעמאָקראַטישע", נאָר אַ באָלשעוויסטישע און איז יעדן מאָמענט געווען מוכן־ומזומן אונז צו באַפרייען. אָבער אַזאַ אַקט האָט געקאָנט דינען פאַר אַ סיגנאַל צו אַ באַלדיקן אויפשטאַנד, און אויף דעם איז נאָך נישט געקומען די שעה. בינו־לבינו האָט די רעגירונג אַליין אָנגעהייבן אונז צו באַפרייען—צוליב דעמזעלבן טעם, וואָס זי האָט פריער גערופן די באָלשעוויסטישע מאַטראָסן צו באַ־שיצן דעם ווינטערפּאַלאַץ. איך בין גלייך אַוועק פון דער תּפיסה אין דעם נישט לאַנג געגרינדעטן קאָמיטעט צו פאַרטיידיקן די רעוואָ־לוציע, וואו איך בין געזעסן ביי איין טיש מיט דיזעלבע הערן,

וואָס האָבן מיך אַריינגעשיבעט אין תפיסה אַלס אַ האָהענצאָלערישן אַגענט, און האָבן נאָך נישט באַוויזן אַראָפּצונעמען פון מיר דידאָזיקע באַשולדיקונג. איך בין מיך מודה ומתודה, אַז די נאַראָדניקעס און מענשעוויקעס, האָבן אפילו בלויז מיט זייער אויסזען אַרויסגערופן דעם פאַרלאַנג, אַז קאָרנילאָוו זאָל זיי אָננעמען פאַרן קאַרק און גוט אַ טרייסל טאָן זיי אינדערלופטן. אָבער דערדאָזיקער פאַרלאַנג איז געווען נישט באָר נישט גאָטספאָרלטיק, נאָר אויך נישט פאָליטיש. די באָלשעוויקעס האָבן זיך איינגעשפּאַנט אין דער פאַרטיידיקונג און זענען אומעטום געווען אויפן ערשטן אָרט. די דערפאַרונג פון קאָרנילאָווס אויפשטאַנד האָט דערגאַנצט די דערפאַרונג פון די יולי-טעג. ווידעראַמאָל האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז קערענסקי און זיינע שותפים האָבן נישט הינטער זיך קיין שום זעלבסטשטענדיקע קרעפטן. יענע אַרמעע, וואָס איז אויפגעשטאַנען קעגן קאָרנילאָוון, איז געווען די קינפטיקע אַרמעע פון דער אָקטאָבער-איבערקערעניש. מיר האָבן אויסגענוצט די געפאַר, כדי צו באַוואָפענען די אַרבעטער, וועלכע צערעטעלי האָט פריער בסדר געהאַלטן אין איין אַנטוואָפענען.

די שטאָט האָט אין יענע טעג געשוויגן. מען האָט געוואַרט אויף קאָרנילאָוון, די מיט האָפענונג, יענע מיט שרעק, די יינגלעך האָבן געהערט: „ער קאָן קומען מאָרגן". אינדערפרי, נאָך נישט קיין אָנגעטאָנענע, האָבן זיי אומגעדולדיק אַרויסגעקוקט דורכן פענסטער: איז ער געקומען, צי איז ער נישט געקומען? אָבער קאָרנילאָוו איז נישט געקומען. די רעוואָלוציאָנערע עליה פון די מאַסן איז געווען אַזוי מעכטיק, אַז קאָרנילאָווס בונט איז פשוט צערונען געוואָרן, זיך אויסגעדאַמפט. אָבער נישט אָן שפורן: ער איז אינגאַנצן אַוועק לטובת די באָלשעוויקעס.

„די נקמה לאָזט אויף זיך נישט וואַרטן", האָב איך געשריבן אין די קאָרנילאָוו-טעג. „אַ געהעצטע, אַ גערודפטע, אַ באַרכילותטע, איז אונזער פאַרטיי נאָך קיינמאָל אַזוי שנעל נישט געוואַקסן, ווי פאַר דער לעצטער צייט. און דערדאָזיקער פּראָצעס וועט זיך באַלד אַריבערוואַרפן פון די הויפּטשטעט אויף דער פּראָווינץ, פון די שטעט אין די דערפער און אין דער אַרמעע... נישט אויפהערנדיק אויף קיין איין מאָמענט צו זיין אַ קלאַסן-אָרגאַניזאַציע פון פּראָלעטאַריאַט, וועט זיך אונזער פאַרטיי, אין פייער פון די רעפּרעסיעס, פאַרוואַנדלען

אין דער אמתער פירערין פון אַלע אונטערגעדריקטע, דערשלאָגענע, אָפּגענאַרטע און געררודפטע מאַסן"...

מיר האָבן זיך קוים אַן עצה געגעבן מיטן צופלוס. די צאָל באָלשעוויקעס אין פּעטראָגראַדער סאָוויעט האָט געוואַקסן פון טאָג צו טאָג. מיר האָבן שוין דערגרייכט אַ העלפט, און אין פּרעזידיום איז נאָך אַלץ נישט געווען קיין איין באָלשעוויק. עס איז אויפגעהייבן געוואָרן די פראַגע וועגן נייע פּרעזידיום-וואַלן. מיר האָבן פאָרגעשלאָגן די מענשעוויקעס און נאַראָדניקעס אַ קאָאַליציע-פּרעזידיום. לענין, ווי מיר האָבן זיך שפּעטער דערוואוסט, איז דערמיט געווען אומצופרידן, מורא האָבנדיק, אַז דאָ שטעקן באַהאַלטענע פּשרה-טענדענצן. אָבער צו קיין שום קאָמפּראָמיס איז נישט געקומען. נישט געקוקט אויפן געמיינזאַמען קאַמף קעגן קאָרנילאָוון האָט צערטעלי אָפּגעוואָרפן דעם פאָרשלאַג וועגן אַ קאָאַליציע-פּרעזידיום. אויף דעם האָבן מיר טאַקע געוואַרט. איצט האָט מען געדאַרפט שטימען לויט די ליסטעס. איך האָב געשטעלט די פראַגע: צי פיגורירט קערענסקי אויף דער ליסטע פון אונזערע קעגנער, צי נישט? פאָרמעל האָט ער געהערט צום פּרעזידיום, אָבער אין סאָוויעט פלעגט ער נישט קומען און פלעגט כסדר דעמאָנסטרירן זיין נאָכלעסיקע באַציונג צו אים. דידאָזיקע פראַגע האָט דעם פּרעזידיום מיטאַמאָל איבערראַשט. קערענסקין האָט מען נישט ליב געהאַט און נישט געאַכט, מען האָט דאָך אָבער בשום אופן נישט געקאָנט דעזאַוואואירן דעם אייגענעם מיניסטער-פּרעזידיום. האָבן זיך די פּרעזידיום-מיטגלידער אַ ווײַלע געשושקעט און נאָכדעם געענטפערט: „נו, געוויס פיגורירט ער." אָט דאָס האָבן מיר טאַקע געדאַרפט. אָט איז אַן אויסצוג פון פּראָטאָקאָל: „מיר זענען געווען איבערצייגט, אַז קערענסקי געהערט שוין מער נישט צום פּרעזידיום פון סאָוויעט (שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן)" ווי עס שטעלט זיך אָבער אַרויס, האָבן מיר זיך טועה געווען. צווישן טשכעאידזען און זאַוואַדיען שוועבט דער גייסט פון קערענסקין. בעת מען לייגט אייך פאָר, איך זאָלט אַנערקענען די פּאָליטישע ליניע פון פּרעזידיום, טאָ גדענקט זשע — נישט פאַרגעסט — אַז דערמיט גופא לייגט מען אייך אויך פאָר צו אַנערקענען קערענסקיס פּאָליטיק (שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן)". דאָס האָט אַריבערגעוואָרפן אויף אונזער זייט פון איינס ביז צוויי הונדערט וואַקלענדיקע דעלעגאַטן. דער סאָוויעט האָט געציילט איבער טויזנט מיטגלידער. די אָפּשטימונג איז

פֿאַרגעקומען דורך אַרויסגיין פֿון טיר. אין זאַל האָט געהערשט אַן אומגעהייערע אויפֿרעגונג. עס האָט זיך נישט געהאַנדלט וועגן פּרעזידיום, עס איז געגאַנגען וועגן דער רעוואָלוציע. איך האָב אַרומגעשפּאַצירט אין די קולואַרן מיט אַ גרופּע פֿריינט. מיר האָבן געהאַלטן, אַז עס וועט אונז פֿעלן ביי אַ הונדערט שטימען צו אַ העלפֿט, און מיר זענען אַפֿילו געווען גרייט צו זען אויך אין דעם אַ דערפֿאָלג. עס האָט זיך אָבער אַרויסגעשטעלט, אַז מיר האָבן באַקומען מיט העכער הונדערט שטימען מער, ווי די קאָאַליציע פֿון די סאָציאַל-רעוואָלוציאָנערן און מענשעוויקעס. מיר זענען געווען די זיגער. איך האָב פֿאַרנומען דעם פּלאַץ פֿון פֿאָרזיצער. ביים געזעגענען זיך האָט אונז צערעטעלי געוואונשן, אַז מיר זאָלן זיך האַלטן אין סאָוויעט כאָטש אַ העלפֿט פֿון דער צייט, וואָס זיי האָבן געפֿירט די רעוואָלוציע. מיט אַנדערע ווערטער, די קעגנער האָבן אונז געעפֿנט אַ קרעדיט נישט מער, ווי אויף דריי חדשים. זיי האָבן געהאַט אַ מיאוסן טעות. מיר זענען מיט זיכערע טריט געגאַנגען צו דער מאַכט.

זיבן און צוואַנציקסטער קאַפּיטל

די נאַכט, וואָס דעצידירט

עס האָט זיך דערנענטערט די צוועלפטע שעה פון דער רעוואָלוציע. דער סמאָלני־בנין האָט זיך פאַרוואנדלט אין אַ פעסטונג. אויפן בוידעם האָבן זיך געפונען ביי אַ פּאָר צענדליק קוילנוואַרפער — אַ ירושה פון דעם אַלטן עקזעקוטיוו־קאָמיטעט. דער קאָמענדאַנט פון סמאָלני, קאַפּיטאַן גרעקאָוו, איז געווען אונזער אָפענער שונא. דערפאַר אָבער איז צו מיר געקומען דער שעף פון דער קוילנוואַרפער־קאָמאַנדע, כּדי מיר איבערצוגעבן: די זעלנער זענען פאַר די באָלשעוויקעס. איך האָב איבערגעגעבן עמעצן — אפשר מאַרקינען? — ער זאָל קאָנטראָלירן די קוילנוואַרפער. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיי געפינען זיך אין אַ שלעכטן צושטאַנד: קיינער האָט זיך נישט אומגעקוקט אויף זיי. די זעלנער זענען געוואָרן פויל טאַקע צוליב דעם, וואָס זיי האָבן נישט געהאַט בדעה צו פאַרטיידיקן קערענסקין. איך האָב אַרויסגערופן קיין סמאָלני אַ פרישע, זיכערע קוילנוואַרפער־קאָמאַנדע.

עס איז געווען אַ גרויער פרימאָרגן פון 24־סטן אָקטאָבער*).

*) לויטן אַלטן סטיל, וואָס איז נאָך דעמאָלט אין רוסלאַנד געווען דער אָפיציעלער. לויטן מערב־קאַלענדאַר — דער 6־טער נאָוועמבער. דערמיט דערקלערט זיך דער פאַקט, וואָס די רעוואָלוציע הייסט אַמאָל אָקטאָבער־רעוואָלוציע, אַמאָל נאָוועמבער־רעוואָלוציע.

איך בין געגאַנגען פון איין שטאָק אויפן צווייטן, טיילווייז דערפאַר, כּדי נישט צו זיצן אויף איין אָרט, טיילווייז, ווידער, דערפאַר, כּדי נאָכצוזען, צי אַלץ איז אין אָרדענונג און אויך כּדי אויפצומונטערן די־יעניקע, וואָס האָבן זיך געגוויטיקט אין אויפמונטערונג. איבער די שטיינערנע פּאָדלאָגעס פון די אומענדלעכע און נאָך האַלב פינסטערע קאָרידאָרן פון סמאָלני האָבן די זעלנער מיט אַ מונטערן געהילך און טופּעריי געקויקלט זייערע קוילנוואַרפערס. דאָס איז געווען די בייע אָפּטיילונג, וואָס איך האָב אַרויסגערופן. פון די טירן האָבן אַרויסגעקוקט האַלב־פאַרשלאָפענע צעשראָקענע פּנימער פון דער קליי־נער צאָל מענשעוויקעס און עסערן, וואָס זענען נאָך געבליבן אין סמאָלני. דידאָזיקע מוזיק האָט זיי לגמרי נישט מבשר געווען קיין שום גוטס אויף להבא. אין איילעניש האָבן זיי זיך איינער נאָכן אַנ־דערן אַרויסגעטראָגן פון סמאָלני. מיר זענען געבליבן די פולשטענ־דיקע באַלעבאַטים פון בנין, וואָס האָט זיך געגרייט אויפצוהייבן זיין באָלשעוויסטישן קאָפּ איבער דער שטאָט און איבערן לאַנד.

באַלד אינדערפרי האָב איך מיך באַגעגנט אויף די טרעפּ מיט אַן אַרבעטער און אַן אַרבעטערין, וואָס זענען אָן אַן אָטעם געקומען צולויפן פון דער פּאַרטיי־דרוקעריי. די רעגירונג האָט אָפּגעשטעלט דעם צענטראַל־אָרגאַן פון דער פּאַרטיי און די צייטונג פון דעם פּעטראָ־גראַדער סאָוויעט. די דרוקעריי איז פאַרחתמעט געוואָרן דורך אומ־באַקאַנטע רעגירונגס־אַגענטן, וואָס זענען אַראָפּגעקומען אין דער באַגלייטונג פון די יונקערס. אין דעם ערשטן מאָמענט מאַכט דידאָ־זיקע ידיעה אַן איינדרוק: אַזוי איז שוין די מאכט פון פּאָרמולן אי־בערן שכל! —„מען טאָר דען נישט אַראָפּרייסן די חתימה?" פרעגט די אַרבעטערין. —„רייסט אַראָפּ", ענטפער איך, „און כּדי עס זאָל אייך גאָרנישט געשען, וועלן מיר אייך געבן אַ זיכערע וואַך". —„מיר האָבן טאַקע דערבײַ אַ סאַפּיאָרן־באַטאַליאָן, די זעלנער וועלן אונז באַשיצן", זאָגט די דרוק־אַרבעטערין מיט אַ זיכערער מינע. דער רעוואָלוציאָנערער קריגס־קאָמיטעט האָט טאַקע גלייך אויפן אָרט אַרויסגעגעבן אַ דעקרעט: „1) די רעוואָלוציאָנערע צייטונגען זאָלן געעפנט ווערן; 2) פאָרלייגן די רעדאַקציעס און די זעצער אַרויס־צוגעבן ווייטער די צייטונגען; 3) די חשובע פליכט צו שיצן די רע־וואָלוציאָנערע דרוקערייען קעגן די קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע אַטענ־טאַטן ווערט אַרויפגעלייגט אויף די העלדישע זעלנער פון ליטווישן

פּולק און אויפן זעקסטן רעזערוו־באַטאַליאָן פון די סאַפּיאָרן." די דרוזערקריי האָט נאָכדעם אומגעשטערט געאַרבעט און ביידע צייטונגען זענען ווייטער דערשינען.

אויף דער טעלעפאָן־סטאַציע זענען דעם 24־סטן אַנטשטאַנען שוועריקייטן: דאָרט האָבן זיך באַפעסטיקט די יונקערס און אונטער זייער שוץ האָבן זיך די טעלעפאָניסטקעס געשטעלט אין אָפּאָזיציע צום סאָוויעט. זיי האָבן לגמרי אויפגעהערט אונז צו פאַרבינדן. דאָס איז געווען די ערשטע—דערווייל נאָך עפּיזאָדישע—דערשיינונג פון סאַבאָטאַזש. דער מיליטערישער רעוואָלוציע־קאָמיטעט האָט אַרויסגעשיקט אַן אָפּטיילונג מאַטראָסן צו דער טעלעפאָן־סטאַציע: די אָפּטיילונג האָט ביים אַריינגאַנג אַוועקגעשטעלט צוויי קליינע האַרמאַטלעך. די טעלעפאָנען האָבן ווידער געאַרבעט. אַזוי האָט זיך אָנגעהייבן די דעראָבערונג פון די פאַרוואַלטונגס־אָרגאַנען.

אויפן דריטן שטאָק פון סמאָלני, אין אַ קליין ווינקלצימער, האָט אומאויפהערלעך געאַרבעט דער קאָמיטעט. דאָרט האָבן זיך קאָנצענטרירט אַלע ידיעות וועגן די אַרמעע־באַוועגונגען, וועגן דער שטימונג פון די זעלנער און אַרבעטער, וועגן דער אַגיטאַציע אין די קאַזאַרמעס, וועגן די פּלענער פון די פּאָגראָמשטשיקעס, וועגן די אינטריגעס פון די בורזשואַזע פּאָליטיקער און די אויסלענדישע געזאַנדשאַפטן, וועגן דעם לעבן פון ווינטערפּאַלאַץ, וועגן די באַראַטונגען פון די פריערדיקע סאָוויעט־פּאַרטייען. אינפאָרמאַטאָרס האָבן זיך געשאָטן פון אַלע זייטן. עס זענען געקומען אַרבעטער, זעלנער, אָפיצירן, סטרוזשעס, סאָציאַליסטישע יונקערס, דינסטן, ווייבער פון קליינע באַאַמטע. אַ סך זענען געקומען מיט פּשוטע שטותערייען, אַנדערע אָבער האָבן געבראַכט ערנסטע און וויכטיקע אָנווייזונגען. איך פאַרלויף פון דער לעצטער וואָך האָב איך שוין כמעט נישט פאַרלאָזן סמאָלני, גענעכטיקט אין אָנטאָן אויף אַ לעדערנעם דיוואַן, געשלאָפן נאָר בעת די קליינע הפסקות, און כסדר אויפגעוועקט געוואָרן פון די קוריערן, פאַטרולן־אויסשפּירער, מאָטאָרפירער, טעלעגראַפיסטן און אומאויפהערלעכע טעלעפאָן־רופן. עס האָט זיך אָנגערוקט דער דעצידירנדיקער מאָמענט. עס איז געווען קלאָר, אַז דער וועג אויף צוריק איז שוין אָפּגעהאַקט.

אין דער נאַכט פון דעם 24־סטן האָבן זיך די מיטגלידער פון רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט אַוועקגעלאָזט איבער די ראַיאָנען. איך בין

געבליבן אַליין, שפּעטער איז געקומען קאַמעניעוו. ער איז געווען אַ קעגנער פון אויפשטאַנד. אָבער דידאָזיקע דעצידירנדיקע נאַכט האָט ער געוואָלט פאַרברענגען צוזאַמען מיט מיר; מיר זענען געבליבן זאַלבעצוווייט אין קליינעם ווינקלצימער אויפן דריטן שטאָק, וואָס איז אין דער דעצידירנדיקער נאַכט פון דער רעוואָלוציע געווען ענלעך צו דעם אָבסערוואַציע־בריקל פון אַ קאַפּיטאַן. אין דעם דערבייאיקן גרויסן און ליידיקן צימער איז געווען אַ טעלעפאָן־קאַבינע. געקלונגען האָט מען אָן אויפהער וועגן וויכטיקע זאַכן און וועגן נאַרישקייטן. דאָס קלינגען פון טעלעפאָן האָט נאָך שאַרפער אונטערגעשטראָכן די לויערנדיקע שטילקייט. מען האָט זיך לייכט געקאָנט פאָרשטעלן די וויסטע, שלעכט באַלויכטענע נאַכט־הויפּשטאָט, וואָס ווערט אַדורכגעשניטן פון האַרבסטיקע ים־ווינטן. די בורזשואַזיע און די באַאַמטע האָבן זיך געקאָרטשעט אין זייערע בעטן און זיך משער געווען, וואָס עס פּאַסירט איצט, אַ שטייגער, אויף די סודותפולע און געפערלעכע גאַסן. מיטן אָנגעשטרענגטן שלאָף פון אַ קריגס־לאַגער שלאָפן די אַרבעטער־קוואַרטאַלן. די קאָמיסיעס און באַראַטונגען פון די רעגירונגס־פּאַרטייען פּאַלן אַוועק אָן כוחות אין די צאַרישע פּאַלאַצן, וואו די לעבעדיקע געשפּענסטער פון דער דעמאָקראַטיע שטויסן זיך אָן אויף די נאָך נישט צעזייטע געשפּענסטער פון דער מאָנאַרכיע. זיידנס און גאָלד־באַפּוצונג פון די זאַלן פאַרזינקען ווילעוויז אין חשך: עס פעלן קוילן. אין די שטאָט־ראַיאָנען וואַכן אָפּטיילונגען פון אַרבעטער, מאַטראָסן, זעלנער. די יונגע פּראָלעטאַריער טראָגן ביקסן און קוילנוואַרפער־לענטעס אַרום אַקסל. די גאַסן־פּאַטרולן וואַרעמען זיך ביי די צעלייגטע פייערן. ביי אַ צוויי צענדליק טעלעפאָנען קאָנצענטרירט זיך דאָס גייסטיקע לעבן פון דער הויפּט־שטאָט, וואָס שטופּט דורך איר קאָפּ, אין דערדאָזיקער האַרבסט־נאַכט, פון איין עפּאָכע אין דער אַנדערער.

אין צימער פון דריטן שטאָק קומען אָן ידיעות פון אַלע ראַיאָנען, פאָרשטעט און צוגאַנגען צו דער הויפּטשטאָט. עס שיינט, אַז אַלץ איז ווי פאָרויסגעזען, די פירער זענען אויף די ערטער, די פאַרבינדונגען זענען געזיכערט, קיין זאַך איז נישט פאַרגעסן. לאָמיר נאָכאַמאָל קאָנטראָלירן אין געדאַנק. דידאָזיקע נאַכט דעצידירט. מיט איין אָוונט פריער האָב איך אין מיין באַריכט מיט דער פולסטער איבערצייגונג געזאָגט פאַר די דעלעגאַטן פון צווייטן צוזאַמענפאָר

פון די סאָוויעטן. „אויב איר וועט נאָר קיין ציטער נישט טאָן, וועט קיין בירגערקריג נישט זיין, אונזערע שונאים וועלן גלייך קאַפּיטולירן, און איר וועט פאַרנעמען דעם אָרט, וואָס עס קומט אייך לויטן רעכט". וועגן אַ נצחון קאָן קיין שום ספק נישט זיין. ער איז אויף אַזויפיל געזיכערט, וויפל מען קאָן בכלל זיכערן דעם נצחון פון אַן אויפשטאַנד. דאָך אָבער זענען עס שעהן פון טיפער און געשפּאַנטער זאָרג, ווייל די אָנקומענדיקע נאַכט דעצידירט.

מאָביליזירנדיק די יונקערס, האָט די רעגירונג מיט אַ טאָג פריער באַפוילן דעם קרייצער „אויראָראַ" זיך צו דערווייטערן פון דער נעוואַ. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דיזעלבע מאַטראָסן-באָלשעוויקעס, וועלכע סקאָבעליעוו איז אין אויגוסט, מיטן הוט אין האַנט, געקומען בעטן, אַז זיי זאָלן באַשיצן דעם ווינטערפּאַלאַץ קעגן קאָרנילאָוון. די מאַטראָסן האָבן זיך אינפאָרמירט ביים מיליטערישן רעוואָלוציע-קאָמיטעט, וואָס זיי האָבן צו טאָן. און „אויראָראַ" שטייט היינט ביינאַכט דאָרט, וואו זי איז נעכטן געשטאַנען. מען טעלעפאָנירט מיר פון פּאַוולאָווסק: די רעגירונג פאָדערט אַרויס פון דאָרט די אַרטילעריע, פון צאַרסקאָיע סעלאָ — דעם שטורעם-באַטאַליאָן, פון פּעטערהאָף — די יונקער-שולע. אין ווינטערפּאַלאַץ האָט קערענסקי אַראָפּגעבראַכט יונקערס, אָפיצירן און דעם פרויען-שטורעם-באַטאַליאָן. איך גיב די קאָמיסאַרן אַ באַפעל אויפצושטעלן אויף די וועגן קיין פּעטראָגראַד זיכערע מיליטערישע פאַרשפּאַרונגס-פּאָסטנס און אַרויסשיקן אַגיטאַטאָרן מקבל פּנים צו זיין די מיליטער-אָפּטיילונגען, וואָס די רעגירונג האָט אַרויסגערופן. אַלע אונטערהאַנדלונגען ווערן געפירט דורכן טעלעפאָן און זענען פולשטענדיק צוטריטלעך פאַר די רעגירונגס-אַגענטן. צי זענען זיי נאָך אָבער בכלל בכוח צו קאָנטראָלירן אונזערע געשפּרעכן? „אויב איך וועט נישט געלינגען אָפּצוהאַלטן זיי מיט ווערטער, — טאָ נעמט אייך צום געווער. איר ענטפערט דערפאַר מיט אייערע קעפּ." דידאָזיקע פראַזע חזר איך איבער עטלעכע מאָל. אָבער איך גלויב נאָך אַליין נישט גענוג פעסט אין דער מאַכט פון מיין באַפעל. די רעוואָלוציע איז נאָך צו פאַרטרוילעך, צו גוטמוטיק, אָפּטימיסטיש און לייכטזיניק. זי דראָט מיטן געווער מער, ווי זי באַנוצט זיך מיט אים. זי האָפט נאָך אַלץ, אַז אַלע פראַגן קאָנען געלייזט ווערן דורך ווערטער. דערווייל געלינגט עס איר. די אָנזאַמלונגען פון פיינטלעכע עלעמענטן ווערן אויטאָמאַטיש אויסגעראָט פון איר הייסן אָטעם. שוין ביי טאָג,

דעם 24-סטן איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ באַפעל צו לאָזן אין גאַנג דאָס געווער און האַנדלען אומברחמנותדיק ביי דעם ערשטן פרואוו פון גאַסן-פאָגראָמען. אָבער די שונאים דערוועגן זיך אַפילו נישט צו טראַכטן פון דער גאַס. זיי האָבן זיך באַהאַלטן. די גאַס געהערט אונז. אויף אַלע וועגן קיין פעטראָגראַד וואַכן אונזערע קאָמיסאַרן. די יונקער-שולן און אַרטילעריסטן האָבן נישט רעאַגירט אויפן רוף פון דער רעגירונג. נאָר איין טייל פון די אָראַניענביימער יונקערס האָט זיך אינדערנאַכט אַדורכגעקריגן דורך אונזערע פאַרשפאַרונגס-פאָסטנס, און איך האָב נאָכגעפאָלגט טעלעפאָניש זייער ווייטערדיקע באַוועגונג. געענדיקט האָבן זיי דערמיט, וואָס זיי האָבן געשיקט אין סמאָלני זייערע פאַרלאַמענטאַריער. אומזיסט האָט די פראָוויזאָרישע רעגירונג געזוכט אַ שטיצפונקט. דער באָדן האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון אונטער אירע פיס.

די דרויסנדיקע וואַך פון סמאָלני איז פאַרשטאַרקט געוואָרן דורך אַ נייער קוילנוואַרפער-קאָמאַנדע. די פאַרבינדונג מיט אַלע טיילן פון גאַרניזאָן איז אַ כסדרדיקע. דעזשור-ראָטעס שטייען ביי אַלע פולקן. די קאָמיסאַרן זענען אויף די ערטער. דעלעגאַטן פון יעדער מיליטער-אָפטיילונג געפינען זיך אין סמאָלני, צו דער דיספאָזיציע פון מיליטערישן רעוואָלוציע-קאָמיטעט אויפן פאַל, טאָמער וועט אַ פאַרבינדונג איבערגעריסן ווערן. פון די ראַיאָנען באַוועגן זיך איבער די גאַסן באַוואָפנטע אָפטיילונגען, זיי קלינגען אין די טויערן אָדער עפענען זיי גאָר אָן אַ קלונג און פאַרנעמען איין אינסטיטוציע נאָך דער אַנדערער. דידאָזיקע אָפטיילונגען באַגעגענען אומעטום פריינט, וואָס וואַרטן אויף זיי מיט אומגעדולט. ספעציעל באַשטימטע קאָמיסאַרן היטן גוט נאָך אויף די וואָקזאַלן די אָנקומענדיקע און אָפגייענדיקע צוגן, דער עיקר — די זעלנער-טראַנספאָרטן. קיין שום באַאומרואיקנדיקע זאַכן. אַלע וויכטיקסטע פונקטן פון דער שטאָט גייען איבער אין אונזערע הענט כמעט אָן אַ שום ווידערשטאַנד, אָן קאַמף, אָן קרבנות. דער טעלעפאָן קלינגט: „מיר זענען דאָ”.

אַלץ איז גוט. בעסער דאַרף מען גאָרנישט. מען קאָן אַוועקגיין פון טעלעפאָן. איך זעץ מיך אַנידער אויפן דיוואַן. די נערוון-שפאַנונג ווערט שוואַכער. און טאַקע דעריבער גיט אַ זעץ אין קאָפ אַ שטומפיקע כוואַליע פון מידקייט. „גיט אַ פאַפיראָס!” זאָג איך צו קאַמעראַד ביעוון. אין יענע יאָרן האָב איך נאָך גערויכערט, כאָטש נישט רעגל-

מעסיק. איך פאַרצי מיך אַ פּאָר מאָל און באַוויז מיר קוים צו זאָגן אין געדאַנק: „דאָס האָט נאָך געפעלט״ — און פאַרליר באַלד דאָס באַוואוסטזיין. די נייגונג צו פאַלן אין חלשות ביי פיזישע וויטיקן אָדער מחלות האָב איך געירשנט פון מיין מוטער. אויף דעם סמך האָט אַן אַמעריקאַנישער דאָקטאָר באַשלאָסן, אַז איך לייד אויף עפּילעפּסיע. ווען איך קום צו זיך, זע איך איבער מיר קאָמעניעוס איבערגעשראָקן פּנים. „אפשר זאָל מען אַריינברענגען עפּעס אַ רפואה?״ פרעגט ער. „אַ סך גלייכער וואָלט געווען״, ענטפער איך, טראַכטנדיק אַ ווײַלע, „אַריינצוברענגען עפּעס עסן״. איך פּרוּוו מיך דערמאָנען, ווען איך האָב דאָס לעצטע מאָל געגעסן — און קאָן נישט. לכל-הדעות, איז עס נישט געווען נעכטן.

אינדערפרי וואַרף איך מיך אַרויף אויף דער בירגערלעכער און פשרותדיקער פּרעסע. וועגן אויפשטאַנד, וואָס האָט זיך אָנגעהייבן, איז נישטאָ קיין וואָרט. די צייטונגען האָבן אַזויפיל און אַזוי ווילד געיאָמערט וועגן דעם פאָרשטייענדיקן אויפשטאַנד פון די באַוואָפנטע זעלנער, וועגן רויבערייען, וועגן אומפאַרמיידלעכע טייכן בלוט, וועגן איבערקערענישן, אַז איצט האָבן זיי דעם אויפשטאַנד, וואָס איז פאָרגעקומען אין דערווירקלעכקייט, פּשוט נישט באַמערקט. די פּרעסע האָט אָנגענומען אונזערע אונטערהאַנדלונגען מיטן שטאַב פאַרן ריינעם אמת און אונזערע דיפּלאָמאַטישע דערקלערונגען—פאַר אַ וואַקלעניש. דערווייל האָבן אָפּטיילונגען פון זעלנער, מאַטראָסן און רויטאַרמעער דעראָבערט, לויט די באַפעלן פון סמאָלני אינסטיטוט, איין אינסטיטוציע נאָך דער צווייטער, אָן שום כאַאָס, אָן גאַסן-צוזאַמענשטויסן, כמעט אָן שיסערייען און בלוטפאַרגיסונגען.

דער בירגער האָט אויסגעריבן זיינע צעשראָקענע אויגן אונטערן נייעם רעזשים. צי דען האָבן די באָלשעוויקעס באמת דעראָבערט די מאַכט? צו מיר איז אַראָפּגעקומען אַ דעלעגאַציע פון דער שטאָט-דומע און געשטעלט מיר עטלעכע אומגעוויינלעך-לעכערלעכע פראַגן: צי קלערן מיר וועגן אַרויסטרעטונגען, וואָס וועלן עס זיין פאַר אַרויסטרעטונגען און ווען וועלן זיי זיין? די שטאָט-דומע מוז עס אומבאַדינגט ווייסן נישט „וויניקער, ווי מיט 24 שעה פריער.״ וואָס פאַר אַ מיטלען האָט אָנגענומען דער סאָוויעט, כדי אָפּצוהיטן די זיכערקייט און די אָרדענונג? און אַזוי ווייטער און אַזוי ווייטער. איך האָב געענטפערט מיט דעם, וואָס איך האָב זיי אויסגעטייטשט דעם דיאַלעקטישן בליק אויף

רעוואָלוציע און פאַרגעלייגט דער דומע זיך צו באַטייליקן דורך אַ דעלעגאַט אין דער אַרבעט פון דעם מיליטערישן רעוואָלוציע־קאָמיטעט. דערפאַר האָבן זיי זיך דערשראָקן מער, ווי פאַר דער איבערקערעניש גופא. פאַרענדיקט האָב איך, ווי תמיד, אין גייסט פון אַ באַוואָפנטער פאַרטיידיקונג: „אויב די רעגירונג וועט זיך פאַרמעסטן מיט אייזן, וועט מען אייך ענטפערן מיט שטאָל.“ „צי וועט איר אונז צעיאָגן דערפאַר, וואָס מיר זענען קעגן דעם איבערגאַנג פון דער מאַכט צו די סאָוויעטן?“ איך האָב געענטפערט: „די הייַנטיקע שטאָט־דומע שפיגלט אָפּ דעם נעכטיקן טאָג; אויב עס וועט אַנטשטיין אַ קאָנפליקט, וועלן מיר פאָרשלאָגן דער באַפעלקערונג דורכצופירן נייע וואַלן פון דער דומע, און זיי וועלן באַשליסן די פראַגע וועגן דער מאַכט.“ די דעלעגאַציע איז אַוועק מיט דעם, וואָס זי איז געקומען. זי האָט אָבער איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ זיכער געפיל פון נצחון. עפּעס וואָס האָט זיך פאַר דערדאָזיקער נאַכט געענדערט. מיט דריי וואָכן צוריק האָבן מיר אינם פעטראָגראַדער סאָוויעט דעראָבערט די מערהייט. מיר זענען כמעט געווען נישט מער ווי אַ פאָן — אָן אַ דרוקעריי, אָן אַ קאַסע, אָן אָפּטיילונגען. אין דער פאָריקער נאכט האָט נאָך די רעגירונג באַשלאָסן צו אַרעסטירן דעם מיליטערישן רעוואָלוציע־קאָמיטעט און געזאַמלט אונזערע אַדרעסן און איצט קומט אַ דעפּוטאַציע פון דער שטאָטישער דומע צום „אַרעסטירטן“ מיליטערישן רעוואָלוציע־קאָמיטעט זיך צו אינפאָרמירן וועגן איר גורל.

די רעגירונג האָט נאָך, ווי פריער, אָפּגעהאַלטן אירע זיצונגען אין ווינטערפּאַלאַץ. זי האָט זיך שוין אָבער פאַרוואַנדלט אין איר אייגענעם שאָטן. פּאָליטיש האָט זי שוין נישט עקזיסטירט. דער ווינטערפּאַלאַץ איז אין משך פון 25־סטן אָקטאָבער כסדר אַרומגערינגלט געוואָרן פון אונזערע מיליטער־אָפּטיילונגען. איינס אַ זייגער נאָך מיטאָג האָב איך פאַרן פעטראָגראַדער סאָוויעט רעפערירט וועגן דער לאַגע. אָט ווי עס שילדערט דעמדאָזיקן רעפעראַט דער צייטונגס־באַריכט: „אין נאָמען פון מיליטערישן רעוואָלוציע־קאָמיטעט דערקלער איך, אַז די פּראָוויזאָרישע רעגירונג עקזיסטירט נישט מער (אַפּלאָדיסמענטן). איינצלנע מיניסטאָרן זענען אַרעסטירט געוואָרן („בראַוואָ!“). די אַנדערע וועלן אַרעסטירט ווערן אין די נאָענטסטע טעג אָדער שעהן (אַפּלאָדיסמענטן). דער רעוואָלוציאָנערער גאַרניזאָן, וואָס שטייט צו דער דיספּאָזיציע פון מיליטערישן רעוואָלוציע־קאָמיטעט, האָט פאַ־

באַנדערגעלאָזט די פאַרזאַמלונג פונם פאָר־פאַרלאַמענט (רוישיקע אַפּלאָדיסמענטן). מיר האָבן דאָ דורכגעוואַכט די נאַכט און אויף די טעלעפאָן-דראָטן נאָכגעפאָלגט, ווי אַזוי די אָפּטיילונגען פון די רעוואָלוציאָנערע זעלנער און פון דער אַרבעטער־גוואַרדיע האָבן אָן שום רעש דורכגעפירט זייער זאַך. דער בירגער האָט רואיק געשלאָפן און האָט נישט געוווּסט, אַז אין דערדאָזיקער נאַכט ווערט איין מאַכט פאַרביטן אויף דער צווייטער. די וואָקזאַלן, די פּאָסט, דער טעלעגראַף, די פּעטראָגראַדער טעלעגראַפן־אַגענטור, די מלוכה-באַנק,— אַלץ איז באַזעצט (רוישיקע אַפּלאָדיסמענטן). דער ווינטערפּאַלאַץ איז נאָך נישט באַזעצט, אָבער זיין גורל וועט אין די נאָענטסטע טעג דעצידירט ווערן" (אַפּלאָדיסמענטן).

דערדאָזיקער נאַקעטער באַריכט קאָן געבן אַ פאַלשע פאָרשטעלונג וועגן דער שטימונג פון דער פאַרזאַמלונג. אָט וואָס עס זאָגט מיר אונטער מיין זכרון. ווען איך האָב איבערגעגעבן וועגן דעם רעגירונגס־טויש, וואָס איז פאָרגעקומען אין דער נאַכט, האָט אַ קליינע ווײַלע אַלעמען באַהערשט אַן אָנגעשטרענגט שטיל־שווייגן. דערנאָך האָבן זיך אָנגעהייבן אַפּלאָדיסמענטן, אָבער נישט קיין שטורמישע, נאָר פאַרטראַכטע. די מענטשן אין זאַל האָבן עפּעס איבערגעלעבט און אויסגעוואַרט. זיך גרייטנדיק צום קאַמף, איז דער אַרבעטער-קלאַס געווען פאַרכאַפּט פון אַן אומבאַשרייבלעכן ענטוזיאַזם. מיטן מאָמענט אָבער, וואָס מיר האָבן אַריבערגעטרעטן די שוועל פון דער מאַכט, האָט דער עלעמענטאַרער ענטוזיאַזם אָפּגעטרעטן זיין פּלאַץ פאַר די אומרואיקע רעיונות. און אין דעם האָט זיך אויסגעדריקט דער ריכטיקער היסטאָרישער אינסטינקט. וואָרים עס האָט נאָך געקענט קומען דער גרעסטער ווידערשטאַנד פון דער אַלטער וועלט, קאַמף, הונגער, קעלט, חורבן, בלוט און טויט. צי וועלן מיר זיין בכוח דאָס אַלץ מנצח צו זיין? האָבן זיך אַ סך געפרעגט אין רעיון. אָט פון דאַנען נעמט זיך עס די אומרו און די זאָרג. מיר וועלן עס מנצח זיין— איז געווען דער ענטפער פון אַלע. נייע סכנות האָבן זיך געזען אין דער ווייטער פּערספּעקטיוו. איצט אָבער האָט געהערשט דאָס געפיל פון גרויסן נצחון, און דאָסדאָזיקע געפיל האָט געזונגען אין בלוט. עס האָט געפונען זיין אויסוועג אין דעם שטורמישן קבלת־פּנים, וואָס מען האָט געמאַכט לענינען, וועלכער האָט זיך צום ערשטן מאָל באַוויזן אויף דערדאָזיקער פאַרזאַמלונג נאָך דער אָפּוועזנהייט פון קנאַפּע פיר חדשים.

שפּעט אין אָוונט, וואַרטנדיק אויף דער עפענונג פונם סאָוויעטן־צוזאַמענפאָר, האָב איך מיך אָפּגערוט מיט לענינען אינאיינעם פון די ליידיקע צימערן ביים זיצונגס-זאַל, וואו חוץ שטולן איז דאָרט מער גאָרנישט געווען. עמעצער האָט אונז אַוועקגעלייגט אויף דער פּאָדלאָגע אַ קאָלדרע, עמעצער, דוכט זיך, לענינס שוועסטער, האָט אונז געבראַכט אַ קישן. מיר זענען געלעגן זייט ביי זייט, דער גוף און די נשמה האָבן עטוואָס נאָכגעלאָזט, ווי אַ צו שטאַרק אָנגעצויגענע סטרונע. דאָס איז געווען אַן ערלעך פאַרדינטער אָפּרו. שלאָפן האָבן מיר נישט געקאָנט. מיר האָבן אין דער שטיל געשמועסט. לענין איז ערשט איצט שלום געוואָרן מיטן געדאַנק וועגן אָפּשלעפן דעם אויפשטאַנד. זיינע זאָרגן זענען צערונען געוואָרן. אין זיין שטימע האָבן זיך געהערט טענער פון זעלטענער באַהאַרצטקייט. ער האָט מיך אויסגעפרעגט וועגן די געמישטע וואַכטפּאָסטנס פון רויטאַרמייער, מאַטראָסן און זעלנער, וואָס זענען אומעטום אויסגעשטעלט געוואָרן. „וואָס פאַר אַ הערלעך בילד: דער אַרבעטער מיטן געווער לעבן דעם זעלנער ביים שייטערהויפן!" האָט ער איבערגעחזרט מיט אַ טיפן געפיל. „צוזאַמענגעפירט סוף־כל־סוף דעם זעלנער מיטן אַרבעטער!" דערנאָך האָט ער זיך פלוצלונג אַ כאַפּ געטאָן: „און דער ווינטער־פאַלאַץ? נאָך אַלץ נישט איינגענומען? זאָל ווידעראַמאָל עפּעס נישט פּאַסירן?" איך האָב מיך אויפגעהייבן, כדי צו פרעגן אין טעלעפאָן וועגן דעם גאַנג פון דער אָפּעראַציע, אָבער ער האָט מיך אָפּגעהאַלטן. „ליגט, איך וועל עס באַלד איבערגעבן עמעצן אַנדערש." אָבער ליגן לאַנג האָט מען נישט געקאָנט. אין דערביי־איקן זאַל האָט זיך געעפנט די זיצונג פונם סאָוויעטן-צוזאַמענפאָר. לענינס שוועסטער, אוליאַנאָוואַ, איז אַריינגעלאָפן מיך רופן. „דאַן טרעט אַרויס, מען רופט אייך." מיט אַ רייסנדיקער שטימע איז דאַן אָנגעפאַלן אויף די פאַרשווערער, און פאָרויסגעזאָגט אַן אומפאַרמיידלעכן דורכפאַל פון אויפשטאַנד. ער האָט געפאָדערט, מיר זאָלן שליסן אַ קאָאַליציע מיט די עסערן און מענשעוויקעס. די פאַרטייען, וואָס האָבן אונז ערשט נעכטן, שטייענדיק ביי דער מאַכט, געטרודפּט און אַריינגעזעצט אונז אין די תפיסות, האָבן היינט, נאָכדעם, ווי מיר האָבן זיי אַראָפּגעוואָרפן, געפאָדערט, מיר זאָלן זיך מיט זיי פאַרשטענדיקן. איך האָב געענטפערט דאַנען און אין זיין פּערזאָן אויך דעם נעכטיקן טאָג פון דער רעוואָלוציע: „דאָס, וואָס עס איז געשען, איז אַן אויפשטאַנד

און נישט קיין פאַרשווערונג. אָן אויפשטאַנד פון די פאָלקסמאַסן נויטיקט זיך נישט אין קיין פאַרענטפערונג. מיר האָבן פאַרהאַרטעוועט די רעוואָלוציאָנערע ענערגיע פון די אַרבעטער און זעלנער. מיר האָבן אָפּן געשמידט דעם ווילן פון די מאַסן פאַרן אויפשטאַנד. אונזער אויפשטאַנד האָט געזיגט. און איצט שלאָגט מען אונז פאָר: זאָגט זיך אָפּ פון נצחון, גייט איין אויף פשרות. מיט וועמען? איר—צרה-דיקע יחידים, איר—אָנזעצער, אייער ראָל איז אויסגעשפּילט, גייט אייך אַהין, וואו איר דאַרפט טאַקע פון היינט אָן זיין: אין מיסט-קאַסטן פון דער געשיכטע". דאָס איז געווען די לעצטע רעפּליק אין יענעם גרויסן דיאַלאָג, וואָס האָט זיך אָנגעהייבן דעם 3־טן אַפּריל, אין דעם טאָג און אין דער שעה, ווען לענין איז אָנגעקומען קיין פּעטראָגראַד.

אַכט און צוואַנציקסטער קאַפּיטל

דער טראָצקיזם אין יאָר 1917

זינט דעם יאָר 1905 בין איך געשטאַנען מחוץ פון ביידע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פראַקציעס. די רעוואָלוציע פון 1905—7 האָב איך אַדורכגעפירט האַנט ביי האַנט מיט די באָלשעוויקעס. אין די יאָרן פון דער רעאַקציע האָב איך פאַרטיידיקט אין דער אינטער־נאַציאָנאַלער מאַרקסיסטישער פרעסע די מעטאָדן פון דער רעוואָלוציע קעגן די מענשעוויקעס. איך האָב אָבער נישט פאַרלוירן די האָפענונג, אַז די מענשעוויקעס וועלן מאַכן אַ ווענדונג אויף לינקס און האָב אונטערגענומען געוויסע שריט צו אַ פאַראייניקונג. ערשט בעתן קריג האָב איך מיך פולשטענדיק איבערצייגט אין זייער אויסזיכטסלאָזיקייט. אין ניו־יאָרק האָב איך אָנהייב מערץ געשריבן אַ סעריע אַרטיקלען, געווידמעט די קלאַסן־כוחות און די פערספעקטיוון פון דער רוסישער רעוואָלוציע. אין דערזעלבער צייט האָט לענין צוגעשיקט פון גענף קיין פעטראָגראַד זיינע „בריוו פונדערווייטנס". געשריבן אין צוויי פונקטן, וואָס זענען אָפּגעטיילט דורכן אָקעאַן, גיבן אָבער אונזערע אַרטיקלען דעמזעלבן אַנאַליז און דעמזעלבן פּראָגנאָז. אַלע גרונט־לייגנדיקע פאָרמולירונגען — די שטעלונג צום פויערטום, צו דער בורזשואַזיע, צו דער פּראָוויזאָרישער רעגירונג, צום קריג, צו דער אינטערנאַציאָנאַלער רעוואָלוציע—זענען פונקט דיזעלבע. אויפן שלייפ־שטיין פון דער געשיכטע איז דאָ דורכגעפירט געוואָרן אַ קאָנטראָל איבער דער באַציונג פונם „טראָצקיזם" צום לעניניזם. דערדאָזיקער

קאָנטראָל איז געמאַכט געוואָרן אונטער די באַדינגונגען פון אַ כעמיש ריינעם עקספּערימענט. איך האָב לענינס קורס גענוי נישט געקענט. איך בין אַרויסגעגאַנגען פון מיינע אייגענע השערות און פון מיין אייגענער רעוואָלוציאָנערער דערפאַרונג. און איך האָב געגעבן די־זעלבע פּערספּעקטיוון, דיזעלבע סטראַטעגישע ליניע, וואָס לענין.

אָדער אפשר איז שוין דידאָזיקע פראַגע צו יענער צייט געווען קלאָר פאַר אַלעמען און פונקט אַזוי אויך אָננעמבאַר פאַר אַלעמען די לייזונג פון דער פראַגע? ניין, פונקט פאַרקערט. אין יענעם פּעריאָד—ביז דעם 4־טן אַפּריל 1917, ד. ה. ביז דעם מאָמענט, ווען לענין האָט זיך באַוויזן אויף דער פּעטראָגראַדער אַרענע — איז זיין קורס געווען אַזעלכער, וואָס האָט נאָר אים אַליין געהערט. קיין איינעם פון די פּאַרטייפירער, וואָס האָבן זיך געפונען אין רוסלאַנד—קיין איין איינציקן—איז אַפילו אויפן רעיון נישט געקומען צו האַלטן דעם קורס אויף דער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט, אויף דער סאָציאַ־ליסטישער רעוואָלוציע. די פּאַרטיי-קאָנפערענץ, וואָס האָט אַ טאָג פאַר לענינס קומען, פאַרזאַמלט עטלעכע צענדליק באָלשעוויקעס, האָט באַוויזן, אַז קיינער איז נישט געגאַנגען ווייטער פון דער דעמאָ-קראַטיע. נישט אומזיסט ווערן די פּראָטאָקאָלן פון דערדאָזיקער קאָנ־פערענץ עד־היום געהאַלטן בסוד. סטאַלינס קורס איז געווען — אונ־טערצושטיצן די פּראָוויזאָרישע רעגירונג פון גוטשקאָוון און מיליוקאָוון און פאַרייניקן די באָלשעוויקעס מיט די מענשעוויקעס. אויף אַן ענלעכער, אָדער נאָך אָפּאָרטוניסטישער פּאָזיציע, זענען געשטאַנען: ריקאָוו, קאַמעניעוו, מאָלאָטאָוו, טאָמסקי, קאַלינין און אַלע איבעריקע היינטיקע פירער און האַלבפירער. יאַראָסלאַווסקי, ראָדזשאָניקידזע, פּעטראָווסקי, דער פאָרזיצער פון דעם אוקראַינישן צ י ק, און אַנ־דערע, האָבן בעת דער פעברואַר-רעוואָלוציע אין יאַקוטסק צוזאַמען מיט די מענשעוויקעס אַרויסגעגעבן די צייטונג „סאָציאַל-דעמאָקראַט", אין וועלכער זיי האָבן אַרויסגעזאָגט די באַנאַלסטע מיינונגען פון פּראָווינציעלן אָפּאָרטוניזם. איבערדרוקן איצט די אַרטיקלען פון דעם יאַקוטסקער „סאָציאַל-דעמאָקראַט", רעדאַקטירט דורך יאַראָסלאַווסקין, וואָלט עס פּשוט געווען אַן אידעישער טויט פאַר דעמדאָזיקן מענטשן, אויב פאַר אים איז נאָך בכלל מעגלעך אַן אידעישער טויט. אַזוי זעט אויס די היינטיקע גוואַרדיע פונם „לעניניזם". אַז זיי האָבן אין פאַרשיידענע צייטן פון זייער לעבן איבערגעחזרט נאָך לענינען זיינע

וואָרטער אָדער זשעסטן, דאָס ווייס איך. אָבער אָנהייב יאָר 1917 זענען זיי איבערגעלאָזט געוואָרן אויף זיך אַליין. די פאַרהעלטענישן זענען געווען שווערע. דאָ האָט מען געדאַרפט באַווייזן, וואָס מען האָט זיך אין לענינס שולע אויסגעלערנט און אויף וואָס מען איז פעאיק—אָן לענינען. זאָל מען כאָטש אָנרופן איין מענטשן פון זייערע רייען, איינאיינציקן, וואָס איז זעלבסטשטענדיק צוגעגאַנגען צו יענער פּאָזיציע, וועלכע איז אויף איין אופן פאָרמולירט געוואָרן דורך לענינען אין גענף און דורך מיר אין ניו־יאָרק. זיי וועלן נישט אָנ־רופן. די פעטראָגראַדער „פּראַוודאַ”, וואָס איז ביז לענינס קומען רעדאַקטירט געוואָרן דורך סטאַלינען און קאַמעניעוון, איז פאַרבליבן אַן אייביקער דאָקומענט פון באַגרענעצטקייט, בלינדקייט און אָפּאָר־טוניזם. די פּאַרטיי אָבער, אין איר מאַסע, ווי דער ארבעטער־קלאַס בכלל, זענען סטיכיש געגאַנגען אין דער ריכטונג צום קאַמף פאַר דער מאַכט. קיין אַנדער וועג איז בכלל נישט געווען — נישט פאַר דער פּאַרטיי, נישט פאַרן לאַנד.

כדי צו פאַרטיידיקן אין די יאָרן פון דער רעאַקציע די פּער־ספּעקטיוו פון דער פּערמאַנענטער רעוואָלוציע — דערצו האָט מען געדאַרפט קענען טעאָרעטיש פּאָרויסזען; כדי אין מערץ 1917 אַרויס־צורוקן דעם לאָזונג פון קאַמף פאַר דער מאַכט — דערצו האָט מען אפשר געדאַרפט האָבן נישט מער ווי אַ פּאָליטישן חוש. אָבער נישט בלויז די פעאיקייט פּאָרויסצוזען, נאָר אַפילו דעם פּאָליטישן חוש האָט קיין איינער — ממש קיין איין איינציקער!—פון די היינטיקע פירער לגמרי נישט אַרויסגעוויזן. קיין איינציקער פון זיי איז אין מערץ 1917 נישט אַוועק ווייטער פון דער פּאָזיציע פון אַ לינקן קליינבירגערלעכן דעמאָקראַט. קיין איינציקער האָט נישט אויסגעהאַלטן דעם היסטאָרישן עקזאַמען.

איך בין געקומען קיין פעטערבורג מיט אַ חודש שפעטער, ווי לענין. לאָיד דזשאָרזש האָט מיך גראַדע אָט דעם חודש פאַרהאַלטן אין קאַנאַדע. איך האָב געפונען אין דער פּאַרטיי אַ שטאַרקע ענדע־רונג. לענין האָט אַפּעלירט צו די פּאַרטיי־מאַסן קעגן די קלאָגעדיקע פירער. ער האָט געפירט אַ סיסטעמאַטישן קאַמף קעגן יענע „אַלטע באָלשעוויקעס, וועלכע, — ווי ער האָט אין יענע טעג געשריבן, — האָבן שוין נישט איינמאָל געשפּילט אַ טרויריקע ראָל אין דער גע־שיכטע פון אונזער פּאַרטיי, איבערחזרנדיק אָן אַ שום זין די אויס-

געלערנטע פאָרמול, אָנשטאָט צו שטודירן די אייגנאַרטיקע זייטן פון דער נייער לעבעדיקער „ווירקלעכקייט". קאַמעניעוו און ריקאָוו האָבן זיך נאָך געפּרוּווט ראַנגלען. סטאַלין איז שווייגנדיק אַוועק אָן אַ זייט. עס איז נישטאָ קיין איין איינציקער אַרטיקל פון יענער צייט, אין וועלכן סטאַלין זאָל מאַכן דעם קלענסטן פּרוּוו צו אַנאַליזירן זיין נעכטיקע פּאָליטיק און זיך דורכצוברעכן אַ וועג צו דער לענינישער פּאָזיציע. ער איז פּשוט שטום געוואָרן. ער איז דורך זיין אומגליקלעכער פירונג אין פאַרלויף פון דעם ערשטן חודש פון דער רעוואָלוציע צו שטאַרק קאָמפּראָמעטירט געוואָרן. ער האָט געהאַלטן פאַר גלייכער זיך אַוועקצורוקן אין שאָטן. ער איז אין ערגעץ נישט אַרויסגעטרעטן אויף צו פאַרטיידיקן לענינס מיינונגען. ער האָט זיך אָפּגערוקט און האָט אויסגעוואַרט. אין די סאַמע פאַראַנטוואָרטלעכע חדשים פון די טעאָרעטישע און פּאָליטישע הכנות צו דער איבערקערעניש האָט סטאַלין פּאָליטיש פּשוט נישט עקזיסטירט.

צו דער צייט, ווען איך בין אָנגעקומען קיין פּעטראָגראַד, זענען נאָך אין לאַנד געווען אַ סך סאָציאַל-דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן פאַראייניקט די באָלשעוויקעס מיט די מענשעוויקעס. דאָס איז געווען דער נאַטירלעכער פּועל-יוצא פון יענער פּאָזיציע, וואָס סטאַלין, קאַמעניעוו און אַנדערע האָבן פאַרנומען נישט בלויז ביי דער התחלה פון דער רעוואָלוציע, נאָר אויך בעתן קריג, כאָטש מען מוז מודה זיין, אַז סטאַלינס פּאָזיציע אין דער צייט פון קריג איז בכלל קיינעם נישט באַקאַנט: וועגן דערדאָזיקער פראַגע, וואָס איז אין פלוג אַ גאַנץ וויכטיקע, האָט ער זיך אַפילו נישט אָפּגערופן מיט קיין איין וואָרט. אַלע לערנביכער פון קאָמאינטערן אויף דער גאַנצער וועלט — די קאָמסאָמאָלצעס אין סקאַנדינאַוויע און די פּיאָנערן אין אַוסטראַליע — חזרן כסדר איבער און האַקן אַריין אין קאָפּ, אַז אין אויגוסט 1912 האָט טראָצקי געמאַכט אַ פּרוּוו צו פאַראייניקן די באָלשעוויקעס מיט די מענשעוויקעס. דערפאַר אָבער ווערט אין ערגעץ מיט קיין איין איינציקן וואָרט נישט דערמאָנט, אַז אין מערץ 1917 האָט סטאַלין אַגיטירט פאַר אַ פאַראייניקונג מיט צערעטעליס פּאַרטיי, און אַז פּאַקטיש איז לענינען ביזן מיטן יאָר 1917 נישט געלונגען צו באַפרייען די פּאַרטיי פון יענעם זומפּ, וואוהין עס האָבן זי אַריינגעשלעפּט די דעמאָלדיקע צייטווייליקע פירער און די היינטיקע עפּיגאָנען. דער פאַקט, וואָס קיינער פון זיי האָט בעת דער התחלה פון דער רעוואָלוציע

נישט פאַרשטאַנען—נישט איר זין און נישט איר ריכטונג, ווערט איצט פאָרגעשטעלט ווי אַ מין באַזונדערע דיאַלעקטישע טיפקייט אַלס קעגנ-גיפט צו דער אפיקורסות פון טראָצקיזם, וואָס האָט זיך דערוועגט נישט בלויז צו באַגרייפן דעם נעכטיקן טאָג, נאָר אויך פּאָרויסצוזען דעם מאָרגעדיקן.

ווען איך האָב נאָך מיין קומען קיין פּעטראָגראַד געזאָגט קאַמעניעוון, אַז קיין זאַך טיילט מיך נישט אָפּ פון לענינס באַרימטע „אפּריל-טעזיסן", וואָס באַשטימען דעם נייעם קורס פון דער פּאַרטיי, האָט ער בלויז געענטפערט: „נו, אוודאי!" איידער איך בין פאָרמעל אַריין אין דער פּאַרטיי, האָב איך מיך פריער באַטייליקט ביי דער באַאַרבעטונג פון די וויכטיקסטע דאָקומענטן פון באָלשעוויזם. קיינעם איז גאָרנישט איינגעפאַלן צו פרעגן, צי האָב איך מיך אָפּגעזאָגט פון „טראָצקיזם". די קאַשענס, טעלמאַנס און די איבעריקע נאָכשלעפּערס פון דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע, האָבן עס טויזנטער מאָל געפרעגט אין דער צייט פון דער עפּיגאָנישער ירידה. אויב מען האָט צומאָל אין יענער צייט אַנטקעגנגעשטעלט דעם טראָצקיזם קעגן דעם לעניניזם, איז עס נאָר געווען אין דעם זין, וואָס אויף די שפּיצן פון דער פּאַרטיי האָט מען באַשולדיקט לענינען אין טראָצקיזם. קאַמעניעוו האָט עס געמאַכט אָפן און מיט עקשנות. אַנדערע—פאָרזיכטיקער און הינטער די קוליסן. צענדליקער „אַלטע באָלשעוויקעס" האָבן מיר געזאָגט נאָך מיין קומען קיין רוסלאַנד: „איצט איז אויף אייער גאַס אַ יום-טוב". איך האָב זיי געמוזט אָנווייזן, אַז לענין איז נישט „אַריבער" אויף מיין פּאָזיציע, אַז ער האָט אַנטוויקלט זיין אייגענע פּאָזיציע און אַז דער גאַנג פון דער אַנטוויקלונג, וואָס האָט פאַרטוישט די אַלגעבּרע אויף דער אַריטמעטיק, האָט אַנטפּלעקט די אַנאַלאָגיע פון אונזערע אָנשויונגען. אַזוי איז עס טאַקע אינדעראמתן געווען.

אין די ערשטע טעג, ווען מיר האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן, און דער עיקר—נאָך די יולי-טעג, האָט לענין געמאַכט דעם איינדרוק פון דער העכסטער קאָנצענטרירטקייט, פון אַ געוואַלדיקער איינערלעכער אָנזאַמלונג—אונטער אַ מאַנטל פון רואיקייט און „פּראָזאַישער" פּשטות. די קערענסקיאַדע האָט אויסגעזען אין יענע טעג אַלמעכטיק. דער באָלשעוויזם האָט זיך פאָרגעשטעלט ווי אַ „נישטיקע הייפל מענטשן". אַזוי האָט מען אים טאַקע אָפיציעל טרעטירט. די

פּאַרטיי גופא האָט נאָך נישט געשפּירט איר מאָרגעדיקע מאַכט. און אין דערזעלבער צייט האָט זי לענין זיכער געפירט צו אירע העכסטע אויפגאַבן. איך האָב זיך איינגעשפּאַנט אין דער אַרבעט און אים מיטגעהאָלפן.

מיט צוויי חדשים פריער פאַר דער אָקטאָבער־איבערקערעניש האָב איך געשריבן: „דער אינטערנאַציאָנאַליזם איז פאַר אונז נישט קיין אַבסטראַקטע אידעע, וואָס עקזיסטירט בלויז דערויף, אַז מען זאָל זי ביי יעדער פּאַסנדיקער געלעגנהייט פאַרראַטן (ווי פאַר צערע־טעלין אָדער טשערנאָוון), נאָר אַן אוממיטלבאַר־אָנפירנדיקער און טיף־פּראַקטישער פּרינציפּ. אַ זיכערער, אַנטשיידנדיקער דערפאָלג איז פאַר אונז אָן דער אייראָפּעישער רעוואָלוציע אוממויספירבאַר.” לעבן די נעמען פון צערעטעלין און טשערנאָוון האָב איך נאָך דעמאָלט נישט געקאָנט אַוועקשטעלן דעם נאָמען סטאַלין, דעם פילאָזאָף פון „סאָציאַליזם אין איין לאַנד”. איך האָב פאַרענדיקט מיין אַרטיקל מיט די ווערטער: „אַ פּערמאַנענטע רעוואָלוציע קעגן אַ פּער־מאַנענטער שחיטה! דאָס איז דער קאַמף, ביי וועלכן עס ווערט געשטעלט אין קאָן דער גורל פון דער מענטשהייט”. דאָס איז געווען געדרוקט אין צענטראַל־אָרגאַן פון אונזער פאַרטיי, דעם 7־טן סעפּ־טעמבער, און איז דערנאָך דערשינען אין אַ באַזונדער בראָשור. פאַרוואָס האָבן מיינע היינטיקע קריטיקער געשוויגן וועגן מיין אַפּי־קורסישן לאָזונג וועגן דער פּערמאַנענטער רעוואָלוציע? וואו זענען זיי דעמאָלט געווען? אייניקע האָבן פאָרזיכטיק אויסגעוואַרט און זיך אַרומגעקוקט אויף אַלע זייטן, ווי סטאַלין, אַנדערע האָבן זיך פאַר־שטעקט אונטערן טיש, ווי זינאָוויעוו. וויכטיקער איז דאָ אָבער אַן אַנדער פראַגע: ווי אַזוי האָט לענין רואיק געקאָנט פאַרשווייגן מיין אַפּיקורסישע פּראָפּאַגאַנדע? אין טעאָרעטישע פראַגן האָט ער נישט געוואוסט פון נאַכלעסיקייט און נאָכגיביקייט. ווי אַזוי זשע האָט ער אַדורכגעלאָזט די דרשה פון „טראָצקיזם” אין צענטראַל־אָרגאַן פון דער פאַרטיי?

דעם 1-שטן נאָוועמבער 1917, אויף דער זיצונג פונם פּעטראָגראַ־דער קאָמיטעט—דער פּראָטאָקאָל פון דערדאָזיקער, אין אַלע הינזיכטן היסטאָרישער זיצונג, ווערט נאָך עד-היום געהאַלטן בסוד—האָט לענין געזאָגט, אַז נאָכדעם, ווי טראָצקי האָט זיך איבערצייגט אין דער אוממעגלעכקייט פון אַ פאַראייניקונג מיט די מענשעוויקעס, איז נישט

געווען קיין בעסערער באָלשעוויק״, ער האָט דערמיט דייטלעך באַוויזן, און נישט צום ערשטן מאָל, אַז נישט די טעאָריע פון דער פּערמאַנענטער רעוואָלוציע האָט אונז צעשיידט, נאָר די מער באַגרענעצטע, הגם אויך זייער וויכטיקע פראַגע וועגן דער שטעלונג צום מענשעוויזם.

צוויי יאָר נאָך דער איבערקערעניש האָט לענין, זיך אַרומקוקנדיק אויף צוריק, געשריבן: „אינם מאָמענט פון דער מאַכט־דעראָבערונג און דער שאַפונג פון דער סאָוויעטן־רעפּובליק, האָט דער באָלשעוויזם צוגעצויגן צו זיך דאָס בעסטע פון די אַלע נאָענטע שטרעמונגען פון דעם סאָציאַליסטישן געדאַנק״. צי קאָן דאָ זיין דער קלענסטער שאָטן פון אַ ספק, אַז דערמיט, וואָס לענין האָט אַזוי שטאַרק באַטאָנט די בעסטע פאַרטרעטער פון יענע שטרעמונגען, וואָס זענען אַמנאָענטסטן געשטאַנען צום באָלשעוויזם, האָט ער קודם־כל געהאַט אין אויג דאָסזעלבע, וואָס ווערט איצט באַצייכנט אַלס „היסטאָרישער טראָצקיזם״. וואָרים וואָס פאַר אַן אַנדער שטרעמונג איז דאַן געווען נעענטער צום באָלשעוויזם, ווי יענע, וואָס איך האָב פאַרטרעטן? און וועמען דען האָט לענין געמיינט? אפשר מאַרסעל קאַשענען? אָדער טעלמאַנען? בעת לענין האָט זיך פאַרזונקען אין דער עברדיקער אַנטוויקלונג פון דער פאַרטיי בכלל, איז פאַר אים דער טראָצקיזם נישט געווען קיין פיינטלעכע און פרעמדע שטרעמונגען, נאָר, פאַרקערט—אַ שטרעמונג פון סאָציאַליסטישן געדאַנק, וואָס איז געשטאַנען אַמנאָענטסטן צום באָלשעוויזם.

דער ווירקלעכער גאַנג פון דער אַנטוויקלונג האָט נישט געהאַט, ווי מיר זעען, קיין שום שייכות מיט יענער פּאָליטישער קאַריקאַטור, וואָס די עפּיגאָנען האָבן געשאַפן, אויסנוצנדיק לענינס טויט און די כוואַליעס פון דער רעאַקציע.

נײַן און צוואַנציקסטער קאַפּיטל

בײַ דער מאַכט

יענע טעג זענען געווען אומגעוויינלעכע, ווי אין לעבן פון לאַנד, אַזוי אויך אין פּערזענלעכן לעבן. די שפּאַנונג פון די סאָציאַלע ליידנשאַפטן, ווי פון די פּערזענלעכע כּוחות, האָט דערגרייכט דעם קולמינאַציע-פּונקט. די מאַסן האָבן געשאַפן אַן עפּאָכע, די פירער האָבן געפילט, אַז זייערע טריט גיסן זיך צוזאַמען מיט די טריט פון דער געשיכטע. אין יענע טעג זענען אָנגענומען געוואָרן באַשלוסן און אָפּגעגעבן געוואָרן באַפעלן, פון וועלכע עס איז געווען אָפּהענגיק דער גורל פון פאָלק אויף אַ גאַנצער היסטאָרישער עפּאָכע. די דאָזיקע באַשלוסן אָבער זענען כּמעט נישט ארומגערעדט געוואָרן. מיר וואָלט אַפילו געווען שווער צו זאָגן, צי זיי זענען, ווי געהעריק, אָפּגעשאַצט און דורכגעטראַכט געוואָרן. זיי זענען אייגנטלעך אימפּראָוויזירט געוואָרן. דערפון זענען זיי אָבער נישט געווען ערגער. דער שטורעם פון די געשעענישן איז געווען אַזוי מעכטיק און די אויפגאַבן אַזוי קלאָר, אַז די סאַמע פאַראַנטוואָרטלעכע באַפעלן זענען אָפּגעגעבן געוואָרן לייכט, אין גאַנג, ווי עפּעס זעלבסטפאַרשטענדלעכס און זענען אויך אַזוי לייכט אויפגענומען געוואָרן. דער וועג איז געווען פאָרויסבאַשטימט, מען האָט נאָר געדאַרפט די אויפגאַבן אָנרופן ביים נאָמען, דערווייזן זיי איז שוין נישט געווען נויטיק און מען האָט אויך כּמעט נישט געדאַרפט מער קיינעם רופן און וועקן. אָן וואַקלעניש און ספקות האָט די מאַסע אונטערגעכאַפּט דאָס, וואָס עס איז פאַר איר

אַרויסגעפלאָסן פון דער סיטואַציע גופא. אוגטער דער לאַסט פון די געשעענישן האָבן די „פירער" פאָרמולירט נאָר דאָס, וואָס עס האָט אַנטשפּראָכן די באַדערפענישן פון דער מאַסע און די פאָדערונגען פון דער געשיכטע.

דער מאַרקסיזם באַטראַכט זיך פאַר דעם באַוואוסטזיניקן אויסדרוק פון דעם אומבאַוואוסטזיניקן היסטאָרישן פּראָצעס. אָבער דער „אומבאַוואוסטזיניקער" — נאָר אין דעם היסטאָריש-פילאָזאָפישן און נישט אין פסיכאָלאָגישן זין — פּראָצעס פאַלט צוזאַמען מיט זיין באַוואוסטזיניקן אויסדרוק אויף זיינע העכסטע שפּיצן, ווען די מאַסע ברעכט דורך מיט אַ סטיכישן שטורעם די טירן פון דער סאָציאַלער רוטין און גיט אַ זיגרייכן אויסדרוק די טיפסטע באַדערפענישן פון דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג. דאָס העכסטע טעאָרעטישע באַוואוסטזיין פון דער עפּאָכע גיסט זיך צונויף אין אַזעלכע מאָמענטן מיט דער אוממיטלבאַרער ווירקונג פון די מאַסן, וואָס זענען אַממערסטן אונטערגעדריקט און אַממערסטן דערווייטערט פון דער טעאָריע. די שעפערישע פאַראייניקונג פון באַוואוסטזיניקן מיטן אומבאַוואוסטזיניקן איז דאָס, וואָס הייסט געוויינלעך באַ ג ײ ס ט ע ר ו נ ג. רעוואָלוציע הייסט ווילדפייערדיקע באַגייסטערונג פון דער געשיכטע.

יעדער אמתער שריפטשטעלער איז באַקאַנט מיט אַזעלכע מאָמענטן פון זיין שאַפן, ווען עפּעס אַן אַנדערער, אַ שטאַרקערער, פירט אָן מיט זיין האַנט. יעדער אמתער רעדנער איז באַקאַנט מיט אַזעלכע מאָמענטן, ווען פון זיין מויל רעדט אַרויס עפּעס שטאַרקערס, ווי ער אַליין רעדט אין אַ געוויינלעכער שעה. דאָס איז „באַגייסטערונג". זי דרינגט אַרויס פון דער העכסטער שעפערישער שפּאַנונג פון אַלע כוחות. דאָס אומבאַוואוסטזיניקע הייבט זיך אויף פון די טיפענישן, נעמט געוועלטיקן איבער דער באַוואוסטזיניקער אַרבעט פון געדאַנק און גיסט אים צוזאַמען מיט זיך אין דער העכסטער איינהייט.

שעהן פון העכסטער שפּאַנונג פון די גייסטיקע קרעפטן פאַרכאַפּן אין באַשטימטע מאָמענטן אַלע זייטן פון פערזענלעכער טעטיקייט, וואָס איז פאַרבונדן מיט דער באַוועגונג פון די מאַסן. אַזעלכע טעג זענען געווען פאַר די „פירער" די אָקטאָבער-טעג. די פאַרבאָרגנסטע כוחות פון אָרגאַניזם, זיינע טיפע אינסטינקטן, דער חוש, וואָס איז געירשנט געוואָרן פון די חיהשע עלטערן — דאָס אַלץ האָט זיך אויפגעהייבן, האָט איינגעבראָכן די טירן פון דער פסיכישער

רוטין און — צוזאַמען מיט די העכסטע היסטאָרישע פאַראַלגעמיינערונגען — זיך געשטעלט אין דינסט פון דער רעוואָלוציע. דידאָזיקע ביידע פּראָצעסן, דער אינדיווידועלער און דער קאָלעקטיווער, האָבן באַזירט אויף דער צונויפגיסונג פון באַוואוסטזיין מיטן אומבאַוואוסטזיניקן, פון אינסטינקט, וואָס איז די פּרוזשינע פון ווילן, מיט די העכסטע פאַראַלגעמיינערונגען פון געדאַנק.

אויסערלעך האָט עס אויסגעזען לגמרי נישט פּאַטעטיש: די מענטשן זענען אַרומגעגאַנגען מידע, הונגעריקע, אומגעוואַשענע, מיט רויטע אויגן און אומגעראַזירטע פּנימער. און יעדערער פון זיי האָט שפּעטער געקאָנט גאַנץ ווייניק דערציילן וועגן די סאַמע קריטישע טעג און מאָמענטן.

אָט איז אַן אויסצוג פון מיין פּרויס נאָטיצן, וואָס זענען, אײבעריקנס, געמאַכט געוואָרן אַ סך שפּעטער: „די לעצטע טעג פון די הכנות צום אָקטאָבער האָבן מיר געוואוינט אויף דער טאַורישער גאַס. ל. ד. האָט די גאַנצע טעג פאַרבראַכט אין סמאָלני. איך האָב נאָך אַלץ געאַרבעט אין פאַרבאַנד פון די האָלץ-אַרבעטער, וואו די באָלשעוויקעס זענען געווען די אָנפירער און די אַטמאָספערע איז געווען אַן אָנגעגליטע. אין די אַלע אַרבעטס-שעהן האָט מען נאָר געטאָן און דיסקוסירט וועגן דעם אויפשטאַנד. דער פאָרזיצער פון פאַרבאַנד האָט פאַרטרעטן דעם „שטאַנדפּונקט לענין-טראָצקי״ (אַזוי האָט עס דעמאָלט געהייסן), מיר האָבן מיט אים צוזאַמען געפירט די אַגיטאַציע. וועגן אויפשטאַנד האָט מען אומעטום גערעדט: אויף די גאַסן, אין עסצימער, ביים אָנבאַגעגענען זיך אויף די טרעפּ פון סמאָלני. געגערט האָט מען זיך שלעכט, געשלאָפן ווייניק, געאַרבעט כמעט 24 שעה אין מעת-לעת. פון אונזערע יינגלעך זענען מיר געווען אָפּגעריסן, און די אָקטאָבער-טעג זענען פאַר מיר געווען אויך טעג פון זאָרג פאַר זייער גורל. אין דער גאַנצער שולע, וואו זיי האָבן געלערנט, זענען סך-הכל געווען צוויי „באָלשעוויקעס״—ליאָוואַ און סיעראָזשאַ, און אַ דריטער—אַ „סימפּאַטיזירנדיקער״, ווי זיי פלעגן זאָגן. קעגן דעמדאָזיקן דריילינג איז אַרויסגעטרעטן אַ קאָמפּאַקטע גרופּע יורשים פון דער הערשנדיקער דעמאָקראַטיע, קאַדעטן און עסערן. ווי תמיד ביי ערנסטע חלוקי-דעות, איז די קריטיק דערגאַנצט געוואָרן דורך פּראַקטישע אַרגומענטן. דעם דירעקטאָר איז נישט איינמאָל אויסגעקומען צו באַפרייען מיינע זין פון אונטער דער קופּע „דעמאָקראַטן״, וואָס

האָבן זיך אויף זיי אַרויפגעוואָרפן. די ייִנגלעך האָבן פּאַקטיש געטאָן בלויז דאָס, וואָס עס האָבן געטאָן זייערע פאָטערס. דער דירעקטאָר איז געווען אַ קאַדעט. דעריבער פלעגט ער כסדר באַשטראָפן מיין זון: „נעמט אייער היטעל און גייט אייך אַהיים". פאַרבלייבן אין דער שולע נאָך דער איבערקערעניש — איז ממש געוואָרן אוממעגלעך. די ייִנגלעך זענען אַריבער אין אַ פאָלקס־שולע. דאָרט איז אַלץ געווען פרימיטיווער און גראָבער. אָבער מען האָט געקענט לייכטער אָטעמען.

„איך און ל. ד. זענען כמעט קיינמאָל נישט געווען אינדערהיים. ווען די ייִנגלעך זענען געקומען פון דער שולע און האָבן אונז נישט געפונען, האָבן זיי אויך נישט געהאַלטן פאַר נויטיק צו בלייבן צווישן די פיר ווענט. דעמאָנסטראַציעס, צוזאַמענשטויסן, אָפטע שיסערייען האָבן תמיד דערוועקט אין מיר אַ פחד פאַרן גורל פון די קינדער: געשטימט זענען זיי געווען אַרכי־רעוואָלוציאָנער... בעת צופעליקע באַגעגענישן פלעגן זיי מיר מיט שמחה דערציילן: „געפאָרן היינט אין טראַמוואַי צוזאַמען מיט קאָזאַקן. געזען, ווי זיי האָבן געלייענט דעם טאַטנס אויפרוף: „ברידער־קאָזאַקן!" — „נו, און וואָס?" — „זיי האָבן געלייענט, איבערגעגעבן איינער דעם צווייטן, גוט..." ל. ד.ס אַ באַקאַנטער, אינזשיניער ק., וואָס האָט געהאַט אַ גרויסע פאַמיליע, קינדער פון פאַרשיידענעם עלטער, אַ באָנע א. אַז. וו., האָט אונז פאָרגעלייגט איינצואָרדענען די ייִנגלעך צייטווייליק ביי אים, וואו מען וואָלט אויף זיי אַכטונג געגעבן. מען האָט זיך געמוזט אָנכאַפּן אָן דעמדאָזיקן פּלאַן, ווי אָן אַ ישועה. מחמת ל. ד.ס פאַרשיידענע שליחותן פלעג איך אַמאָל פינף אין טאָג קומען אין סמאָלני. שפּעט ביינאַכט פלעגן מיר קומען אויף דער טאַווּרישער גאַס און באַגינען זיך פאַנאַנדערגיין: ל. ד. אין סמאָלני און איך אין פאַרבאַנד. מיטן גאַנג פון די געשעענישן איז מען כמעט פון סמאָלני נישט אַרויסגעגאַנגען. ל. ד. איז עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד נישט געקומען אויף דער טאַווּרישער גאַס אַפילו איבערצונעכטיקן. אָפט פלעג איך אויך בלייבן נעכטיקן אין סמאָלני. מען האָט געשלאָפן אויף דיוואַנעס, אויף פאָטעלן, אין אָנטאָן. דאָס וועטער איז געווען נישט וואַרעם, אָבער טרוקן, האַרבסטלעך, אָנגעוואָלקנט, מיט קאַלטע ווינטן. אויף די צענטראַלע גאַסן איז געווען שטיל און ליידיק. אין דערדאָזיקער שטילקייט איז געלעגן עפּעס אַ מוראדיקע אָנגעשפּאַנטקייט. סמאָלני

האָט געקאָכט. דער ריזיקער אָקט־זאַל האָט געגלאַנצט מיט טויזנטער פייערן פון די פּרעכטיקע לוסטרעס און איז טאָג און נאַכט געווען איבערפולט מיט מענטשן. אַן אָנגעשטרענגט לעבן האָט געאָטעמט אין די פאַבריקן און זאַוואָדן. אָבער די גאַסן זענען זענען אַנטשוויגן, פאַרשטומט געוואָרן, פּונקט ווי די שטאָט וואָלט פאַר שרעק אַריינגעצויגן דעם קאָפּ אין די אַקסלען...

„איך געדענק, אויפן צווייטן אָדער דריטן טאָג נאָך דער איבערקערעניש בין איך איינדערפרי אַריין אין אַ צימער פון סמאָלני, וואו איך האָב דערזען וולאַדימיר איליטשן, ליעוו דאַווידאָוויטשן, שיינט מיר, דזשערזשינסקין, יאָפען און נאָך אַ סך אַנדערע. אַלע פּנימער זענען געווען גרוי־גרינע, נישט אויסגעשלאָפענע, די אויגן רויטע, די קעלנערס שמוציקע, אין צימער איז געווען אָנגערויכערט... עמעצער איז געזעסן ביים טיש, אַרום טיש איז געשטאַנען אַן עולם מענטשן, געוואַרט אויף דירעקטיוון. לענינען, טראָצקין האָט מען אַרומגערינגלט. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז די דירעקטיוון ווערן געגעבן ווי פון שלאָף. אין די באַוועגונגען, אין די ווערטער איז געלעגן עפּעס פון אַ סאָמנאַמבול, פון אַ לונאַטיקער. ביי אַ מאָמענט האָט מיר אויסגעוויזן, אַז איך זע דאָס אַלץ אַליין אויך נישט אויפן וואָר, און אַז די רעוואָלוציע קאָן פאַרלוירן גיין, אויב „זיי" וועלן זיך נישט גוט אויסשלאָפן און נישט אָנטאָן קיין ריינע קעלנער. דער חלום־צושטאַנד איז געווען ענג פאַרבונדן מיט דידאָזיקע קעלנער. איך געדענק, אַז אַ טאָג נאָכדעם האָב איך געטראָפן מאַריאַ איליינישנען, לענינס שוועסטער, און האָב איר אין איילעניש דערמאָנט, אַז וולאַדימיר איליטש מוז איבערבייטן דעם קאָלנער. „יאָ, יאָ," האָט זי מיר לאַכנדיק געענטפערט. אָבער אויך אין מיינע אויגן האָט שוין די פראַגע וועגן די ריינע קעלנער פאַרלוירן איר שרעקלעך־פיינלעכע וויכטיקייט".

די מאַכט איז דעראָבערט, לפּחות, אין פּעטראָגראַד, לענין האָט נאָך נישט באַוויזן איבערצובייטן זיין קאָלנער. אויפן אויסגעמאַטערטן פּנים וואַכן נאָך די לענינשע אויגן, ער קוקט אויף מיר פריינטלעך, ווייך, מיט עפּעס אַן אומגעלומפּערטער שעמעוודיקייט, אויסדריקנדיק דערביי אַן אינערלעכע נאָענטקייט. — „איר ווייסט," זאָגט ער אומאַנטשלאָסן, „מיט איין מאָל נאָך די אַלע רדיפות און דער אומלעגאַלקייט צו דער מאַכט..." ער זוכט אַן אויסדרוק. „es schwindelt" גייט ער אומגעריכט איבער אויף דייטש און באַווייזט מיט דער האַנט

פרום קאָפּ. מיר קוקן איינער אויפן צווייטן און שמייכלען צו.

דאָס אַלץ דויערט אַ מינוט, צוויי. דערנאָך—אַ פּשוטער איבער־גאַנג צו די לויפנדיקע ענינים.

מען מוז פאָרמירן די רעגירונג. מיר זענען עטלעכע מיטגלידער פון צענטראַל־קאָמיטעט. אַ פלוג־זיצונג אין ווינקל פון צימער.

— וואָס גיט מען זיי פאַר אַ נאָמען? — ישובט זיך לענין אויפן קול. — נאָר נישט מיניסטאָרן: אַ געמיינער, אויסגעדראָשענער נאָמען.

— אפשר קאָמיטאַרן, — לייג איך פאָר, — איצט זענען אָבער פאַראַן צופיל קאָמיסאַרן. אפשר אויבערקאָמיסאַרן?.. ניין, „אויבער" קלינגט שלעכט. אפשר גאָר פאָלקסקאָמיסאַרן?

— פאָלקסקאָמיסאַרן? יאָ, ס'קען אפשר זיין גוט, — איז לענין מסכים. — און די רעגירונג אין כלל?

— סאָוויעט, נאַטירלעך, סאָוויעט... סאָוויעט פון פאָלקסקאָמי־סאַרן, האַ?

— סאָוויעט פון פאָלקסקאָמיסאַרן? — כאַפּט אונטער לענין. — דאָס איז אויסגעצייכנט: עס שמעקט מוראדיק מיט רעוואָלוציע!..

לענין איז געווען גאָר ווייניק געניינגט זיך צו פאַרנעמען מיט דער עסטעטיק פון דער רעוואָלוציע אָדער הנאה צו האָבן פון איר „ראָמאַנטיק". אָבער וואָס טיפער ער האָט געשפּירט די רעוואָלוציע בכלל, אַלץ אומטעותדיקער האָט ער באַשטימט מיט וואָס זי „שמעקט".

— און וואָס וועט זיין, אַ שטייגער, — האָט מיך וולאַדימיר אילאיטש גאָר אומגעריכט אַ פרעג געטאָן אין יענע ערשטע טעג, — ווען די ווייסגוואַרדייער וועלן מיך און אייך דערהרגענען, צי וועלן זיך סווערדלאָוו און בוכאַרין קאָנען אַן עצה געבן?

— נישקשה, מען וועט נישט דערהרגענען, — האָב איך לאַכנדיק געענטפערט.

— דער רוח ווייסט זיי, — האָט לענין אַ זאָג געטאָן און אַליין זיך צעלאַכט.

דעמדאָזיקן עפּיזאָד האָב איך איבערגעגעבן צום ערשטן מאָל אין מיינע זכרונות וועגן לענינען אין יאָר 1924. ווי איך האָב זיך שפּעטער דערוואוסט, האָבן זיך די מיטגלידער פונם דעמאָלדיקן „דרייאינג" — סטאַלין, זינאָוויעוו און קאַמעניעוו געפילט בלוטיק גע־קרענקט פון דערדאָזיקער ידיעה, כאָטש זיי האָבן זיך נישט דערוועגט זי אָפּצולייקענען. דער פאַקט בלייבט אָבער אַ פאַקט: לענין האָט

אָנגערופן נאָר סווערדלאָוון און בוכאַרינען. קיין אַנדערע נעמען זענען אים גאָרנישט איינגעפאַלן.

לענין האָט, מיט קורצע הפסקות, פאַרבראַכט אין צוויי עמיגראַציעס גאַנצע פופצן יאָר און האָט גוט געקענט די נישט-עמיגראַנטישע קערנדיקע קאַדרעס פון דער פאַרטיי; ער האָט זיי געקענט פון דער קאָרעספּאָנדענץ און פון די קורצע באַגעגענישן אין אויסלאַנד. ערשט נאָך דער רעוואָלוציע האָט ער באַקומען די מעגלעכקייט זיי צו באַטראַכטן נעענטער ביי דער אַרבעט. ער האָט זיך געמוזט שאַפן וועגן זיי אַ נייע מיינונג, אָדער רעווידירן די מיינונגען, וואָס ער האָט זיך פריער געשאַפט דורך אַ דריטער האַנט. אַלס מענטש פון אַ גרויסער עטישער ליידנשאַפט, האָט לענין נישט געוואוסט פון אַ גלייכגילטיקער באַציונג צו מענטשן. אין דער טבע פון דעם־דאָזיקן דענקער, באַאָבאַכטער און סטראַטעגיקער איז געלעגן אַ געוואַלדיקע התפעלות פאַר מענטשן. וועגן דעם רעדט אין אירע זכרונות אויך קרופּסקאַיאַ. לענין האָט קיינמאָל נישט געשאַפן גלייך אויפן ערשטן קוק אַ מיטל-באַדאַכטע מיינונג וועגן אַ מענטשן. לענינס אויג איז געווען ווי אַ מיקראָסקאָפּ. ער האָט פילפאַכיק פאַרגרעסערט יענע אייגנשאַפט, וואָס איז גראַדע ביי דעם מאָמענט און ביי די באַדינגונגען אַריינגעפאַלן אין זיין ראיה-קרייז. לענין פלעגט זיך אָפט אין בוכשטעבלעכן זין פון וואָרט פאַרליבן אין מענטשן. אין אַזעלכע פאַלן פלעג איך מיך מיט אים רייצן: „איך ווייס, איך ווייס, איר האָט שוין אַ נייעם ראָמאַן". לענין האָט אַליין געקענט זיין דאָזיקן כאַראַקטער-שטריך און אַלס ענטפער דערויף פלעגט ער לאַכן עטוואָס שעמעוודיק, עטוואָס בייז.

לענינס באַציונג צו מיר האָט אין פאַרלויף פון יאָר 1917 דורכגעמאַכט עטלעכע סטאַדיעס. ער האָט מיך באַגעגנט צוריקגעהאַלטן און אויסוואַרטנדיק. די יולי-טעג האָבן אונז מיט איינמאָל דערנענטערט. אַז איך האָב, קעגן דער מערהייט פון די פירנדיקע באָלשעוויקעס, אַרויסגערוקט דעם לאָזונג וועגן באָיקאָט פון פאָר-פּאַרלאַמענט, האָט לענין פון זיין מקום-מקלט געשריבן: „בראַוואָ, חבר טראָצקי!" צוליב מאַנכע צופעליקע און פעלערהאַפטע סימנים האָט זיך אים שפעטער געדאַכט, אַז אין דער פראַגע פון באַוואָפנטן אויפשטאַנד פיר איך כלומרשט אַ צופיל אָפּוואַרטנדיקע ליניע. די־דאָזיקע מורא האָט זיך אויסגעדריקט אין לענינס עטלעכע בריוו אין משך פון חודש

אָקטאָבער. דערפאַר האָט זיך דייטלעכער, וואַרעמער און האַרציקער אַרויסגעוויזן זיין באַציונג צו מיר אין טאָג פון דער איבערקערעניש, בעת מיר האָבן זיך אָפּגערוט אויף דער פּאָדלאָגע אין האַלב-פינסטערן לײדיקן צימער. צומאַרגנס אויף דער זיצונג פון צענטראַל-קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי האָט לענין פאָרגעשלאָגן, מען זאָל מיך באַשטימען פאַרן פּאָרזיצער פון סאָוויעט פון די פאָלקסקאָמיסאַרן. איך בין אויפגעשפּרונגען פון אָרט מיט אַ פּראָטעסט—אַזוי ווייט האָט מיר דערדאָזיקער פאָרשלאַג אויסגעוויזן אומגעריכט און נישט אויפן געהעריקן אָרט. „פאַרוואָס טאַקע נישט?" האָט זיך לענין געעקשנט. „איר זענט געשטאַנען בראש פונם פּעטראָגראַדער סאָוויעט, וואָס האָט דעראָבערט די מאַכט." איך האָב פאָרגעלייגט אָפּצוואַרפן דעמדאָזיקן פאָרשלאַג אָן אַ דיסקוסיע. אַזוי האָט מען טאַקע געטאָן.

דעם 1-טן נאָוועמבער, בעת די הייסע וויכּוחים אין דעם פּעטראָגראַדער פּאַרטיי-קאָמיטעט, האָט לענין אויסגעשריען: „נישטאָ קיין בעסערער באָלשעוויק, ווי טראָצקי." דידאָזיקע ווערטער אין לענינס מויל האָבן באַטייט אַ סך. נישט אומזיסט ווערט דער פּראָטאָקאָל פון דעררדאָזיקער זיצונג, אויף וועלכער זיי זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרן, עד-היום באַהאַלטן פון דער עפנטלעכקייט.

די דעראָבערונג פון דער מאַכט האָט אויך אַוועקגעשטעלט די פראַגע וועגן מיין רעגירונגס-אַרבעט. אַ מערקווירדיקע זאַך: וועגן דעם האָב איך קיינמאָל נישט געטראַכט. קיין איינציק מאָל איז מיר נישט איינגעפאַלן צו פאַרבינדן די פראַגע וועגן מיין צוקונפט מיט דער פראַגע וועגן מאַכט. פון מיינע יינגסטע יאָרן, ריכטיקער געזאָגט, פון מיינע קינדעריאָרן אָן האָב איך כּסדר געחלומט צו ווערן אַ שריפטשטעלער. אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָב איך די שריפטשטעלעריי פונקט ווי אַלע אַנדערע זאַכן, אונטערגעוואָרפן דעם תּכלית פון דער רעוואָלוציע. די פראַגע וועגן דער מאַכט-דעראָבערונג פון דער פּאַרטיי איז אָבער שטענדיק פאַר מיר געשטאַנען. איך האָב צענדליקער און הונדערטער מאָל געשריבן און גערעדט וועגן דעם פּראָגראַם פון דער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג. אָבער די פראַגע וועגן מיין פּערזענלעכער אַרבעט נאָכן דעראָבערן די מאַכט האָט זיך אין מיר קיינמאָל נישט דערוועקט. דעריבער האָט זי מיך אַזוי שטאַרק איבערראַשט. נאָך דער איבערקערעניש האָב איך אפילו געפּרואווט בלייבן מחוץ פון דער רעגירונג. איך האָב געמאַכט דעם פאָרשלאַג איבערצו

נעמען די לייטונג פון דער פּאַרטיי-פּרעסע. מעגלעך, אַז דערדאָזיקער פּרואוו איז אין אַ געוויסן זין אַרויסגערופן געוואָרן דורך דער נערוון-רעאַקציע נאָכן נצחון. די פאַרגאַנגענע חדשים זענען פאַר מיר געווען צו אוממיטלבאַר פאַרבונדן מיט די הכנות צו דער איבערקערעניש. יעדער נערוו איז געווען אָנגעשטרענגט. לונאַטשאַרסקי האָט דערציילט ערגעץ אין דער פּרעסע, אַז טראָצקי איז דעמאָלט אַרומגעגאַנגען, ווי אַ לײדענע פלאַש*), און יעדע באַרירונג מיט אים האָט אַרויסגערופן אַן אויסלאָדונג. דער 7-טער נאָוועמבער האָט געבראַכט דעם פינאַל. איך האָב געהאַט דאָסזעלבע געפיל פון אַ כירורג, וואָס האָט פאַרענ-דיקט אַ שווערע און געפערלעכע אָפּעראַציע: צוואַשן די הענט, אַראָפּוואַרפן דעם כאַלאַט און זיך אויסרוען. לענין, להיפוך, האָט זיך נאָר וואָס געהאַט אומגעקערט פון זיין באַהעלטעניש, וואו ער האָט זיך דריי מיט אַ האַלבן חודש נאָכאַנאַנד שטאַרק געפייניקט צוליב דעם, וואָס ער איז אָפּגעריסן פון דער אוממיטלבאַרער פּראַקטישער אָנפירונג. איינס איז צונויפגעפאַלן מיטן צווייטן, און דאָס האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט מיין חשק אָוועקצוגיין אויף אַ קורצער צייט הינטער די קוליסן. אָבער לענין האָט גאָרנישט געוואָלט הערן פון דעם. ער האָט געפאָדערט, איך זאָל מיך שטעלן בראש פון די אינערלעכע ענינים: דער קאַמף קעגן דער קאָנטר-רעוואָלוציע איז איצט די וויכ-טיקסטע אויפגאַבע. איך האָב איינגעווענדט און צווישן אַנדערע אַרגו-מענטן האָב איך אויך אַרויסגערוקט דעם נאַציאָנאַלן מאָמענט: צי לוינט עס זיך צו געבן אין די הענט פון די שונאים אַזאַ מין צוגאָב-געווער, ווי מיין יידישקייט? לענין איז כמעט געווען אויסער זיך: „מיר האָבן אַ גרויסע אינטערנאַציאָנאַלע רעוואָלוציע—וואָס פאַר אַ באַ-דייטונג קאָנען דאָ האָבן אַזעלכע שטותים?" אויף דערדאָזיקער טעמע האָבן מיר זיך אַ ביסל געשפּאַרט אין אַ האַלב וויציקן טאָן.—„די רעוואָלוציע איז טאַקע אַ גרויסע", האָב איך געענטפערט, „אָבער טיפּשים זענען נאָך דאָ גענוג". „יאָ, אָבער צי דען דאַרפן מיר זיך צופאַסן צו די טיפּשים?" „צופאַסן וועלן מיר זיך נישט, אָבער דער טיפּשות מוז מען אַמאָל אויך געבן אַ קליינע קאָנצעסיע. צו וואָס זאָלן מיר טאַקע באַלד אין אָנהייב שאַפן אַן איבעריקע קאָמפּליקאַציע?..."

איך האָב שוין דערמאַנט, אַז דער נאַציאָנאַלער מאָמענט, וואָס

---

*) אַפּאַראַט אויף אָנצוזאַמלען עלעקטריע.

איז געווען אַזוי ווילטיק אין לעבן פון רוסלאַנד, האָט אין מיין פּער־זענלעכן לעבן לגמרי נישט געשפּילט קיין שום ראָל. שוין אין מיין פריסטער יוגנט האָבן די נאַציאָנאַלע ליידנשאַפטן און פאָראורטיילן דערוועקט אין מיר ראַציאָנאַליסטישע שטימונג, וואָס האָט זיך אין געוויסע פאַלן פאַרוואַנדלט אין אַ געפיל פון עקל, אפילו אין אַ מין מאָראַלישן קערן צום ברעכן. די מאַרקסיסטישע דערציונג האָט פאַר־טיפט דיזאָזיקע שטימונגען, און זיי פאַרוואַנדלט אין אַן אַקטיוון אינטערנאַציאָנאַליזם. דאָס לעבן אין פאַרשיידענע לענדער, די באַקאַנט־שאַפט מיט זייער שפּראַך, פּאָליטיק און קולטור האָבן מיטגעווירקט, אַז מיין אינטערנאַציאָנאַליזם זאָל זיך מיר מער איינזויגן אין פלייש און בלוט. אויב איך האָב אין יאָר 1917 און שפּעטער אָפּטמאָל אַרויסגערוקט מיין יידישקייט, אַלס אַרגומענט קעגן די אָדער יענע באַשטימונגען, האָב איך עס געטאָן אויסשליסלעך צוליב געוויסע פּאָ־ליטישע טעמים.

איך האָב אַריבערגעצויגן אויף מיין זייט סווערדלאָוון און נאָך אַ פּאָר מיטגלידער פון צ י ק. לענין איז געבליבן אין דער מינדער־הייט. ער האָט געקוועטשט מיט די אַקסלען, אָפּגעזיפצט, מיט פאַר־וואורף צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און זיך געטרייסט בלויז דערמיט, אַז מיר וועלן סיי־ווי־סיי קעמפן מיט דער קאָנטער־רעוואָלוציע און זיך בעת מעשה נישט רעכענען מיט די רעגירונגס־אַמטן. אָבער אויך סווערדלאָוו איז געווען קעגן דעם, אַז איך זאָל מיך ווידמען דער פּרעסע: „דאָרט וועלן מיר אַוועקזעצן בוכאַרינען. ליעוו דאַווידאָוויטשן מוזן מיר אַנטקעגנשטעלן אייראָפּע, ער זאָל איבערנעמען די אויסער־לעכע ענינים.״ „וואָס פאַר אַן אויסערלעכע ענינים וועלן מיר איצט האָבן?״ האָט לענין איינגעווענדט. מיט אַ שווער האַרץ איז ער דאָך מסכים געווען דערצו. אַזויאַרום בין איך, לויט סווערדלאָווס איני־ציאַטיוו, אויף אַ פערטל יאָר אַוועקגעשטעלט געוואָרן בראש פון דער סאָוויעטישער דיפּלאָמאַטיע.

דער קאָמיסאַריאַט פאַר אויסערלעכע ענינים האָט פאַר מיר פּאַקטיש געהייסן די באַפרייונג פון אַמט־אַרבעט. די חברים, וואָס האָבן מיר פאָרגעלייגט זייער מיטאַרבעט, האָב איך כמעט תמיד גע־ראַטן צו זוכן אַ מער דאַנקבאַרן באָדן פאַר זייערע פעאיקייטן. איינער פון זיי האָט שפּעטער אין זיינע זכרונות גענוג זאַפטיק איבערגעגעבן אַ שמועס מיט מיר באַלד נאָכדעם, ווי עס האָט זיך פאַרמירט די

סאָוויעטישע רעגירונג. „וואָס פאַר אַ דיפּלאָמאַטישע אַרבעט וועלן מיר דאָס, אַ שטייגער, האָבן?" האָב איך אים, ווי ער דערציילט, גע־פרעגט. „אָט וועל איך גאָר נעמען און אַרויסגעבן עטלעכע רעוואָלו־ציאָנערע פּראָקלאַמאַציעס צו די פעלקער און פאַרמאַכן מיין געוועלבל". מיין מיטשמועסער האָט זיך באמת שטאַרק מצער געווען דערפון, וואָס עס פעלט מיר דיפּלאָמאַטיש זעלבסטבאַוואוסטזיין. איך האָב, פאַרשטייט זיך, מיט אַ פּיוון קאַריקאַטוריש צעבלאָזן מיין שטאַנדפּונקט, וועלנדיק אונטערשטרייכן, אַז דער שווערפּונקט ליגט איצט לגמרי נישט אין דער דיפּלאָמאַטיע.

די הויפּטאַרבעט איז איצט באַשטאַנען אין דער וויטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער אָקטאָבער־איבערקערעניש, אין איר פאַרשפּריי־טונג איבערן גאַנצן לאַנד: מען האָט געדאַרפט אָפּשלאָגן דעם איבער־פאַל פון קערענסקין און דעם גענעראַל קראַסנאָוו אויף פּעטראָגראַד, און מען האָט געדאַרפט ווייטער פירן דעם קאַמף מיט דער קאָנטער־רעוואָלוציע. דידאָזיקע אויפגאַבן האָבן מיר געלייזט אויסערהאַלב די אַמטן, און מיין מיטאַרבעט מיט לענינען איז די גאַנצע צייט געגאַנ־גען האַנט ביי האַנט און אָן הפסקות.

אונזערע אַרבעטסצימערן אין סמאָלני האָבן זיך געפונען אין צוויי עקן פון בנין, ווייט איינס פון צווייטן. דער קאָרידאָר, וואָס האָט אונז פאַרייניקט, אָדער ריכטיקער צעשיידט, איז געווען אַזוי לאַנג, אַז לענין האָט אין שפּאַס געזאָגט, אַז מען דאַרף איינפירן אַ וועלאָסיפּעדן־פאַרקער. מיר זענען געווען פאַרבונדן דורך אַ טעלעפאָן. עטלעכע מאָל אין טאָג פלעג איך אַדורכמאַרשירן דעם אומענדלעכן קאָרידאָר, וואָס האָט דערמאָנט אין אַ מוראַשניק, צו לענינען אין קאַבינעט אויף אַ ישוב־הדעת מיט אים. אַ יונגער מאַטראָס, וואָס האָט געהייסן לענינס סעקרעטאַר, האָט געהאַלטן אין איין אַרומלויפן פון לענינען צו מיר. ער פלעגט מיר יעדעס מאָל ברענגען צעטעלעך, אין וועלכע די וויכטיקסטע ווערטער זענען געווען אַ צוויי־דריי מאָל אונטערגעשטראָכן און צולעצט — אַ שאַרף פאָרמולירטע פראַגע. צו די צעטעלעך זענען אָפטמאָל צוגעגעבן געוואָרן פּראָיעקטן פון דעקרעטן, וואָס האָבן געפאָדערט אַ באַלדיקע מיינונג וועגן זיי. אין די אַרכיוון פון סאָוונאַרקאָם געפינט זיך אַ היפּש ביסל דאָקומענטן פון יענער צייט, געשריבן טיילווייז פון לענינען, טיילווייז פון מיר: לענינס טעקסטן מיט מיינע אויסבעסערונגען, אָדער מיינע פאַרשלאָגן מיט לענינס דערגאַנצונגען.

אין ערשטן פּעריאָד, אומגעפער ביז אויגוסט 1918, האָב איך גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין די אַרבעטן פון סאָוויעט פון די פאָלקסקאָמיסאַרן. אין דעם פּעריאָד פון סמאָלני האָט לענין מיט אַ גיריקער אומגעדולט געשטרעבט צו ענטפערן מיט דעקרעטן אויף אַלע פראַגן פוןווירטשאַפטלעכן, פּאָליטישן, אַדמיניסטראַטיוון און קולטורעלן לעבן. באַוואויגן דערצו האָט אים לגמרי נישט די לייַדנ־שאַפט צו ביוראָקראַטישער רעגלאַמענטירונג, נאָר די שטרעבונג צו אַנטוויקלען דאָס פּראָגראַם פון דער פּאַרטיי אין דעם לשון פון מאַכט. ער האָט געוואוסט, אַז פון די רעוואָלוציאָנערע דעקרעטן ווערט פאָרלויפיק דורכגעפירט בקויז אַ קליינער טייל. אָבער כדי צו זיכערן די דורכפירונג און דעם קאָנטראָל, האָט מען געדאַרפט האָבן אַ רעגלמעסיק פונקציאָנירנדיקן אַפּאַראַט, דערפאַרונג און צייט. קיינער האָט אָבער נישט געקאָנט זאָגן, וויפל צייט מיר האָבן צו אונזער דיספּאָזיציע. די דעקרעטן האָבן אין דעם ערשטן פּעריאָד געהאַט אַ מער פּראָפּאַגאַנדיסטישע, ווי אַן אַדמיניסטראַטיווע באַדייטונג. לענין האָט זיך געאײַלט צו זאָגן דעם פאָלק, וואָס דאָס איז אַזוינס די נייע מאַכט, וואָס זי וויל, און ווי אַזוי זי האָט בדעה צו רעאַליזירן אירע אויפגאַבן. ער איז איבערגעגאַנגען פון איין פראַגע צו דער צווייטער מיט אַן אויסגעצייכנטער אומדערמידלעכקייט, האָט צונויפגערופן קליינע באַראַטונגען, באַשטעלט בײַ ספּעציאַליסטן אינפאָרמאַציעס און אַליין זיך געגראָבן אין ביכער. איך האָב אים מיטגעהאָלפן.

אין לענינען איז געווען גוואַלדיק שטאַרק דאָס געפיל איבערצו־לאָזן בירושה די אַרבעט, וואָס ער האָט געפירט. ווי אַ גרויסער רע־וואָלוציאָנער, האָט ער פאַרשטאַנען, וואָס דאָס איז אַזוינס היסטאָרי־שע טראַדיציע. צי וועלן מיר בלייבן בײַ דער מאַכט, אָדער מען וועט אונז אַראָפּוואַרפן — דאָס קאָן מען נישט פאָרויסזען. מען מוז אָבער בײַ אַלע באַדינגונגען אַרײַנטראָגן וואָס מער קלאָרקייט אין דער רעוואָלוציאָנערער דערפאַרונג פון דער מענטשהייט. עס וועלן קומען אַנדערע און, שטיצנדיק זיך אויף דעם, וואָס מיר האָבן אָנגע־מערקט און אָנגעהייבן, וועלן זיי מאַכן אַ נייעם שריט פאָרויס. דאָס איז געווען דער זין פון דער געזעצגעבערישער אַרבעט אין דעם ערשטן פּעריאָד. באַוועגט פון דעמזעלבן געדאַנק, האָט לענין אומ־געדולדיק געפאָדערט, וואָס גיכער אַרויסצוגעבן אין רוסיש די קלאַ־סיקער פון כאַציאַליזם און מאַטעריאַליזם. ער האָט זיך באמת וועגן

דעם, מען זאָל אויפשטעלן וואָס מער רעוואָלוציאָנערע מאָנומענטן, אפילו די סאַמע פרימיטיוועסטע, ביוסטן, געדענק־טאָוולען אין אַלע שטעט, און אויב מעגלעך — אויך אין די דערפער: פאַרפעסטיקן אין דער פאָרשטעלונג פון די מאַסן דאָס, וואָס עס איז געשען; איבערלאָזן וואָס מער טיפערע שפורן אין זכרון פון פאָלק.

יעדע זיצונג פון סאָווגאַרקאָם, וואָס איז אין דער ערשטער צייט טיילווייז אָפט באַגייט געוואָרן, האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ בילד פון דער העכסטער געזעצגעבערישער אימפּראָוויזאַציע. לענין האָט געמוזט אָנהייבן פון אָנפאַנג. געפינען „פרעצעדענטן" האָט מען נישט געקאָנט, ווייל די געשיכטע האָט אַזעלכע נישט פאַרמאָגט. לענין האָט אומדערמידלעך געפירט דעם פאָרזיץ אין סאָווגאַרקאָם צו פינף—זעקס שעה נאָכאַנאַנד, און די זיצונגען פון סאָווגאַרקאָם זענען דאַן פאָרקומען טאָג־טעגלעך. די פראַגען זענען, לויט דער אַלגעמיינעם אינסטרוקציע געשטעלט געוואָרן אָן אַ שום צוגרייטונג און האָבן כמעט שטענדיק געטראָגן אַ כאַראַקטער פון דרינגלעכקייט. זייער אָפט איז דער תוך פון דעם ענין געווען אומבאַקאַנט סיי פאַר די מיטגלידער און סיי פאַרן פאָרזיצער פון סאָווגאַרקאָם. די דיסקוסיעס זענען תמיד געווען קורצע, דער איינלייטונגס־באַריכט האָט געדאַרפט געדויערן נישט מער ווי צען מינוט. און דאָך פלעגט לענין אָנטאַפּן דעם קערן פון דער זאַך. כדי צו פאַרשפאָרן צייט, פלעגט ער די אָנטיילנעמער פון דער באַראַטונג צושיקן קורצע צעטעלעך, פאָדערנדיק די אָדער יענע אינפאָרמאַציע. די דאָזיקע צעטעלעך האָבן פאָרגעשטעלט מיט זיך אַ זייער ברייטן און זייער אינטערעסאַנטן עפּיסטאָלאַרישן עלעמענט אין דער געזעצגעבערישער טעכניק פון לענינס סאָוונאַרקאָם. דער גרעסטער טייל פון זיי איז, לײדער, פאַרלוירן געגאַנגען, ווייל מייסטנס איז דער ענטפער געווען געשריבן אויף דער לינקער זייט פון דער פראַגע, און דער פאָרזיצער האָט דאָס צעטעלע געוויינלעך גלייך אויפן אָרט פאַרניכטעט. אויסגעקליבן אַ פּאַסיקן מאָמענט, האָט לענין איבערגעלייענט זיינע רעזאָלוציע־פונקטן, וואָס זענען תמיד געווען פאָרמולירט מיט אַ בכיוונדיקער שאַרפקייט, און נאָכדעם האָבן די דעבאַטן אָדער אינגאַנצן אויפגעהערט, אָדער זיי זענען אַוועק מיט דער קאָנקרעטער ריכטונג פון פּראַקטישע פאָרשלאָגן. די לענינישע „פונקטן" זענען געוויינלעך געוואָרן דער באַזיס פון דעקרעט.

פאַר דער פירונג פון דערדאָזיקער אַרבעט האָט זיך אויסער־

לענין און טראָצקי בעת אַ דעמאָנסטראַציע. ווינטער 1920.

אַנדערע אײגנשאַפֿטן, געפֿאָדערט אויך אַ ריזעדיקער שעפֿערישער כּוח־הדמיון. אײנע פֿון די װערטפֿולסטע אײגנשאַפֿטן פֿון אַזאַ מין כּוח־הדמיון איז — די פֿעאיקײט זיך פֿאָרצושטעלן מענטשן, זאַכן, דער־שײנונגען טאַקע װי זײ זענען אין דער װירקלעכקײט, אַפֿילו װען דו האָסט זײ קײנמאָל נישט געזען. צו קענען מיט דער הילף פֿון דער גאַנצער לעבנסדערפֿאַרונג און דער טעאָרעטישער באַגרינדונג פֿאַרײניקן באַזונדערע קלײנע שטריכן, אױפֿגעכאַפּט אין פֿלוג, נאָכ־דעם דערגאַנצן זײ דורך עפּעס אומפֿאָרמולירטע, אַנטשפּרעכנדיקע און װאַרשײנלעכע געזעצן און אַזױאַרום אױפֿשטעלן אין זײן גאַנצער קאָנקרעטקײט אַ באַשטימטן געביט פֿון מענטשלעכן לעבן — דאָס איז דער כּוח־הדמיון, װאָס איז אומבאַדינגט נױטיק פֿאַר אַ געזעצגעבער, אַדמיניסטראַטאָר, פֿירער, בפֿרט אין דער עפּאָכע פֿון אַ רעװאָלוציע. לענינס כּוח איז אין אַ גרױסער מאָס געװען דער כּוח פֿון אַ רעאַ־ליסטישער פֿאָרשטעלונגס־פֿעאיקײט.

עס איז איבעריק צו זאָגן, אַז אין רעכטן ברעגן פֿון דער געזעצגעבערישער שאַפֿונג האָבן זיך געקאָנט אַרײנכאַפּן נישט װײניק פֿעלערן און סתּירות. בכּלל אָבער װעלן לענינס דעקרעטן פֿון דער עפּאָכע אין סמאָלני, ד. ה. פֿון דעם סאַמע שטורמישן און כאַאָטישן רעװאָלוציע־פּעריאָד, אַרײנגײן אױף שטענדיק אין דער געשיכטע, װי אַ פּראָקלאַמירונג פֿון אַ נײער װעלט. נישט בלױז סאָציאָלאָגן און היסטאָריקער, נאָר אױך געזעצגעבער פֿון דער צוקונפֿט װעלן זיך נישט אײנמאָל אומקערן צו דעמדאָזיקן קװאַל.

אױפֿן ערשטן אָרט האָבן זיך אָבער דערװײל כּסדר אַרױסגערוקט די פּראַקטישע אױפֿגאַבן, קודם־כּל די אױפֿגאַבן פֿונם בירגער־קריג, פֿון פּראָװיאַנטירונג און טראַנספּאָרט. פֿאַר די אַלע פֿראַגן זענען געשאַפֿן געװאָרן ספּעציעלע קאָמיסיעס, װאָס האָבן געדאַרפֿט צום ערשטן מאָל אַרײנקוקן אין די אױגן פֿון די נײע אױפֿגאַבן און אַ רוק טאָן פֿון פֿלעק דעם אָדער יענעם אַמט, װאָס האָט זיך אומבאַ־האָלפֿן אַרומגעטאָפּטשעט בײ דער שװעל. אין יענע חדשים איז מיר אױסגעקומען זיך אָנצוקלושטעלן בראש פֿון אַ גאַנצער רײ קאָמיסיעס: פֿאַר פּראָװיאַנטירונג, צו װעלכער עס האָט געהערט ציורופּאַ, װאָס איז דעמאָלט צום ערשטן מאָל צוגעצױגן געװאָרן צו דער אַרבעט, פֿאַר טראַנספּאָרט, פֿאַרלאַג און אַ סך אַנדערע.

װאָס אַנבאַלאַנגט דעם פּאָליטישן אַמט, האָט ער, אָפּגעזען פֿון

די בריסקער פאַרהאַנדלונגען, נישט אָפּגענומען ביי מיר קיין סך צייט. דער ענין איז אָבער דאָך געווען קאָמפּליצירטער, ווי איך האָב מיר עס פאָרגעשטעלט. שוין ביי דער התחלה האָב איך אומגעריכט גע־מוזט אַריינטרעטן אין דיפּלאָמאַטישע אונטערהאַנדלונגען מיטן... אייפל־טורעם.

אין די טעג פון אויפשטאַנד איז אונז נישט געלעגן אין קאָפּ זיך צו אינטערעסירן מיטן אויסלענדישן ראַדיאָ. אָבער איצט, אין מיין ראָל פון אַ פּאָלקסקאָמיסאַר פאַר אויסערלעכע ענינים, האָב איך מיך געמוזט צוהערן, ווי אַזוי עס באַציט זיך צו דער איבערקערע־ניש די קאַפּיטאַליסטישע וועלט. עס איז איבעריק צו זאָגן, אַז קיין באַגריסונגען זענען פון ערגעץ נישט אָנגעקומען. ווי די בערלינער רעגירונג איז נישט געווען נוטה צו פלירטעווען מיט די באָלשעוויקעס, האָט זי דאָך פון דער נאָענטער סטאַציע אַרויסגעשיקט אַ פיינטלעכע כוואַליע, וויבאַלד מען האָט נאָר פון דער סטאַציע צאַרסקאָיע סעלאָ איבערגעגעבן מיין ראַדיאָ וועגן דעם נצחון איבער קערענסקיס חיילות. אויב בערלין און ווין האָבן זיך נאָך כסדר געוואַקלט צווישן דער שנאה צו דער רעוואָלוציע און דער האָפענונג אויף אַ גינסטיקן שלום, האָבן אָבער אַלע אַנדערע לענדער, נישט בלויז די קריגפירנ־דיקע, נאָר אויך די נייטראַלע, איבערגעגעבן אויף פאַרשיידענע לשונות די געפילן און געדאַנקען פון די הערשנדיקע קלאַסן אין אַלטן רוסלאַנד, וואָס מיר האָבן זיי אומגעוואָרפן. אין דעמדאָזיקן כאָר האָט זיך אָבער אויסגעצייכנט מיט זיין ווילדן גרימצאָרן דער אייפל־טורעם, וואָס האָט אין יענע טעג גענומען רעדן רוסיש, זוכנ־דיק, אפנים, אַן אוממיטלבאַרן וועג צום האַרצן פון רוסישן פאָלק. בעת איך פלעג לייענען די ווענדונגען פונם פאַריזער ראַדיאָ, פלעגט מיר טיילמאָל אויסווייזן, אַז קלעמאַנסאָ אַליין זיצט אויפן שפּיץ פון טורעם. איך האָב אים גענוג גוט געקענט אַלס זשורנאַליסט, כדי צו דערקענען אויב נישט זיין סטיל, איז, לפחות, זיין גייסט. אין דידאָזיקע ראַדיאָ־ווענדונגען האָט זיך די פיינטשאַפט געוואָרגן פון איר אייגענער שפע און די פאַרביסנקייט האָט דערגרייכט איר העכסטע אָנשטרענגונג. טיילמאָל האָט זיך געדאַכט, אַז דער ראַדיאָ איז אַ מין סקאָרפּיאָן אויפן אייפל־טורעם, און ער וועט זיך אַליין איינבייסן מיטן עק אין קאָפּ.

צו אונזער דיספּאָזיציע איז געשטאַנען די ראַדיאָ־סטאַציע אין

צאַרסקאָיע סעלאָ און מיר האָבן נישט געהאַט קיין שום גרונט צו שווייגן. אין פאַרלויף פון עטלעכע טעג האָב איך כסדר דיקטירט די תשובות אויף קלעמאַנסאָס זידלערייען. מיינע קענטענישן אין דער פאָליטישער געשיכטע פון פראַנקרייך האָבן גאַנץ גענוג געקלעקט צו געבן נישט זייער קיין פיינע כאַראַקטעריסטיק פון די דאָרטיקע הויפּט-טוער און דערמאָנען טאַקע בעת-מעשה אין מאַנכע פאַרגעסענע פּרטים פון זייער ביאָגראַפיע, אָנהייבנדיק פון דער פּאַנאַמע. אין משך פון עטלעכע טעג איז צווישן די טורעמס פון פּאַריז און צאַרסקאָיע סעלאָ געגאַנגען אַ העפטיקער דועל. דער עטער, ווי אַ נייטראַלע מאַטעריע, האָט זייער ערלעך איבערגעגעבן די אַרגומענטן פוןביידע צדדים. און וואָס איז געשען? איך האָב זיך אַליין נישט גערעכנט אויף אַזעלכע שנעלע רעזולטאַטן. פּאַריז האָט לגמרי געענדערט דעם טאָן: ער האָט זיך אויך ווייטער פיינטלעך פאַרהאַלטן, דערפאַר אָבער העפלעך. אָבער איך האָב זיך שפּעטער נישט איינמאָל מיט פאַרגעניגן דערמאָנט אָן דעם, ווי מיר איז אויסגעקומען אָנצוהייבן מיין דיפּלאָמאַטישע קאַריערע מיט לערנען דעם אייפל-טורעם גוטע מאַניערן.

דעם 18-טן נאָוועמבער האָט מיך פּלוצלונג באַזוכט אין סמאָלני גענעראַל דזשעדסאָן, דער שעף פון דער אַמעריקאַנער מיסיע. ער האָט אַפילו געוואָרנט, אַז ער האָט נאָך נישט די מעגלעכקייט צו רעדן אין נאָמען פון דער אַמעריקאַנישער רעגירונג, אָבער ער האָפט, אַז אַלץ וועט זיין all reght. צי שטרעבט די סאָוועט-רעגירונג צוזאַמען מיט די אַליאירטע צו ליקווידירן דעם קריג? איך האָב געענטפערט, אַז מחמת דער פולשטענדיקער עפנטלעכקייט פון די קינפטיקע פאַרהאַנדלונגען, וועלן די אַליאירטע האָבן די מעגלעכקייט צו קאָנטראָלירן זייער אַנטוויקלונג און צו יעדער צייט אָן זיי זיך אָנצושליסן. צום סוף האָט דער פרידלעכער גענעראַל געמאָלדן: „די צייט פון פּראָטעסטן און דראָונגען אויפן אַדרעס פון דער סאָוועטן-מאַכט איז שוין פאַרביי, אויב זי האָט בכלל אַמאָל עקזיסטירט". עס איז אָבער באַוואוסט, אַז איין שוואַלב, מעג זי אַפילו באַזיצן דעם ראַנג פון אַ גענעראַל, מאַכט נאָך אויך נישט קיין פרילינג.

אָנהייב דעצעמבער איז צושטאַנד געקומען מיין ערשטע און לעצטע באַגעגעניש מיטן פראַנצויזישן געזאַנדטן נולאַנס (Noulens), אַ געוועזענעם ראַדיקאַלן דעפּוטאַט, וואָס איז געשיקט געוואָרן מיטן צוועק זיך צו דערנענטערן צו דער פעברואַר-רעוואָלוציע, אָנשטאָט דעם

אָפּנהאַרציקן מאָנאַרכיסט פּאַלעאָלאָג, אַ ביזאַנטינער נישט נאָר לויטן נאָמען, וועלכן די רעפּובליק האָט אויסגענוצט פאַר דער פּריינטשאַפט מיטן צאַר. פאַרוואָס האָט מען דווקא געשיקט נולאַנסן און נישט קיין אַנדערן, איז מיר נישט באַוואוסט. אָבער ער האָט נישט געהערט מיין מיינונג וועגן די ליינקער פון די מענטשלעכע שיקזאַלן. דער שמועס איז פאָרגעקומען לויט דער איניציאַטיוו פון נולאַנסן און האָט צו קיין שום רעזולטאַט נישט דערפירט. נאָך קורצע וואַקלענישן איז שוין קלעמאַנסאָ אינגאַנצן נוטה געווען צו דעם רעזשים פון שטעכעדיקן דראָט.

דער שמועס צווישן מיר און דעם גענעראַל ניסעל (Niessel), דעם שעף פון דער פראַנצויזישער מיסיע, וואָס איז פאָרגעקומען אין סמאָלני, איז שוין גאָרנישט געווען קיין פּייערלעכער. דערדאָזיקער גענעראַל האָט אויסגעבילדעט זיין אָפּענסיווע־גייסט אין די אָפּעראַציעס הינטערן פראָנט. אונטער קערענסקין האָט ער זיך צוגעוויינט צו קאָמאַנדעווען און האָט זיך גאָרנישט געוואָלט אָפּזאָגן פון דער־דאָזיקער שלעכטער געוויינהייט. קודם־כל האָב איך אים געמוזט אויפפאָדערן, ער זאָל פאַרלאָזן סמאָלני. באַלד האָבן זיך די באַציונגען מיט דער פראַנצויזישער מיליטערישער מיסיע נאָך מער קאָמפּליצירט. ביי דער מיסיע האָט עקזיסטירט אַן אינפאָרמאַציע־ביוראָ, וואָס איז געוואָרן אַ פאַבריק פון די העסלעכסטע אינסינואַציעס קעגן דער רעוואָלוציע. אין אַלע פיינטלעכע צייטונגען זענען טאָג־טעגלעך דערשינען טעלעגראַמעס „פון שטאָקהאָלם", איינע פאַנטאַסטישער, גאַליקער, נאַרישער פון דער צווייטער. ווען מען האָט אויסגעפרעגט די צייטונגס־רעדאַקטאָרן וועגן די קוועלן פון די „שטאָקהאָלמער" טעלעגראַמעס, האָבן זיי אָנגעוויזן אויף דער פראַנצויזישער מיליטערישער מיסיע. איך האָב אָפיציעל אָנגעפרעגט וועגן דעם ביים גענעראַל ניסעל. ער האָט מיר געענטפערט דעם 22־סטן דעצעמבער מיט אַ דאָקומענט, וואָס איז באמת מערקווירדיק:

„פיל זשורנאַליסטן פון פאַרשיידענע ריכטונגען ווענדן זיך אין דער מיליטער־מיסיע נאָך אינפאָרמאַציעס", האָט געשריבן דער גענעראַל. „איך בין באַפולמעכטיקט צו געבן זיי אינפאָרמאַציעס וועגן די קריגס־געשעענישן אויפן מערב־פראָנט, אין סאַלאָניקי, אין אַזיע און וועגן דער לאַגע אין פראַנקרייך. בעת איינעם (?) פון די דאָזיקע וויזיטן האָט זיך איין (?) יונגער אָפיציר דערלויבט איבערצוגעבן אַ

קלאַנג, וואָס ווערט פאַרשפּרייט אין שטאָט (?) און וואָס זאָל כּלומרשט שטאַמען פון שטאָקהאָלם...״ צום סוף האָט דער גענעראַל אויף אַן אומבאַשטימטן אופן צוגעזאָגט אָנצונעמען די נויטיקע מיטלען, אַז אויף להבא זאָלן זיך נישט קאָנען איבערחזרן אַזעלכע נאַכלעסיקייטן (?). דאָס איז שוין געווען צופיל. נישט דערויף האָבן מיר דעם פּאַריזער ראַדיאָ־טורעם געלערנט אָנשטענדיקייט, כּדי צו דערלויבן דעם גענעראַל ניסעל, אַז ער זאָל זיך שאַפן אין מאָסקווע אַ הילפסטורעם פון פאַלסיפיקאַציעס. דעמזעלבן טאָג האָב איך ניסלען געשריבן:

1) נעמענדיק אין באַטראַכט, אַז דאָס פּראָפּאַגאַנדע־ביוראָ, וואָס הייסט אינפאָרמאַציע־ביוראָ ביי דער פראַנצויזישער מיליטער־מיסיע, האָט געדינט פאַר אַ מקור צו פאַרשפּרייטן באַוואוסטזיניק פאַלשע קלאַנגען, וואָס האָבן געהאַט דאָס ציל אַריינצוטראָגן אַ צעטומלעניש און אַ כאַאָס אין דער עפנטלעכער מיינונג, ווערט דאָסדאָזיקע ביוראָ געשלאָסן; 2) דעם „יונגן אָפיציר״, וואָס האָט פאַבריצירט פאַלשע ידיעות, ווערט פאָרגעלייגט תיכף־ומיד צו פאַרלאָזן די גרענעצן פון רוסלאַנד. דער נאָמען פון דעמדאָזיקן אָפיציר באַדאַרף מיר גלייך מיטגעטיילט ווערן; 3) דער אויפנעמער פון דעם דראָטלאָזן טעלעגראַף דאַרף פון דער מיסיע גלייך באַזייטיקט ווערן; 4) די פראַנצויזישע אָפיצירן, וואָס געפינען זיך אינם געביט פון בירגערקריג, מוזן תיכף אָפּגערופן ווערן קיין פּעטראָגראַד דורך אַ ספּעציעלן באַפעל, וואָס ווערט פאַרעפנטלעכט אין דער פּרעסע; 5) וועגן די אַלע שריט, וואָס די מיסיע וועט אונטערנעמען אין צוזאַמענהאַנג מיט דעמדאָזיקן בריוו, בעט איך מיר גלייך מיטצוטיילן. פאָלקסקאָמיסאַר פאַר אויסערלעכע ענינים, ל. טראָצקי.״

דער „יונגער אָפיציר״ איז אַרויסגעפירט געוואָרן פון זיין באַהעלטעניש, און האָט אַלס „שעיר לעזאָזל״ פאַרלאָזט רוסלאַנד. דעם אויפנעמער האָט מען באַזייטיקט. דאָס אינפאָרמאַציע־ביוראָ געשלאָסן. די אָפיצירן זענען אָפּגערופן געוואָרן פון דער פּעריפעריע אינם צענטער. דאָס אַלץ זענען בלויז געווען קליינע פאָרפּאָסטן־צוזאַמענשטויסן. זיי זענען אויף אַ קורצער צייט, נאָכדעם, ווי איך בין שוין אַריבער אין קריגס־אַמט, פאַרביטן געוואָרן אויף אַ וואַקלדיקן וואָפנשטילשטאַנד. דער צופיל קאַטעגאָרישער גענעראַל ניסעל האָט איבערגעלאָזט זיין פּאָסטן פאַר דעם גנביש־פריינטלעכן גענעראַל

לאַווערן (Lavergne). דער וואָפנשטילשטאַנד האָט אָבער נישט לאַנג געדויערט. די פראַנצויזישע מיליטער־מיסיע, ווי די פראַנצויזישע דיפּלאָמאַטיע, האָט זיך באַלד געפונען אין צענטער פון אַלע פאַר־שווערונגען און באַוואָפנטע אַרויסטריטן קעגן דער סאָוויעטישער מאַכט. דאָס איז אָבער אַנטפּלעקט געוואָרן ערשט נאָך בריסק, אין מאָסקווער פּעריאָד, אין פרילינג און זומער 1918.

דרייסיקסטער קאַפּיטל

אין מאָסקווע

מיטן אונטערשרייבן פונם בריסקער שלום האָט די דערקלערונג וועגן דעם, אַז איך פאַרלאָז דאָס מיניסטעריום פאַר אויסערלעכע ענינים, פאַרלוירן איר פּאָליטישע באַדייטונג. פאַר דער צייט איז גע־קומען פון לאָנדאָן טשיטשערין און איז געוואָרן מיין פאַרטרעטער. טשי־טשערינען האָב איך שוין לאַנג געקענט. אין די יאָרן פון דער ער־שטער רעוואָלוציע איז ער פון אַ דיפּלאָמאַטישן באַאַמטן געוואָרן אַ מיטגליד פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און, אַלס מענשעוויק, אַריין אינגאַנצן אין דער אַרבעט פון די אויסלענדישע „הילפס־גרופּעס" פון דער פּאַרטיי.ביים אָנהייב פון קריג האָט ער פאַרנומען אַ ראַ־דיקאַל פּאַטריאָטישע פּאָזיציע און האָט זי אַפילו געפּרואווט באַגרינדן אין זיינע צאָלרייכע בריוו פון לאָנדאָן. אַ פּאָר בריוו זיינע זענען אויך אויסגעפאַלן אויף מיין גורל. אָבער גאַנץ גיך לפי ערך האָט ער זיך דערנענטערט צו די אינטערנאַציאָנאַליסטן און איז געוואָרן אַן אַקטיווער מיטאַרבעטער פון דער צייטונג „נאַשע סלאָוואָ", וואָס איך האָב רעדאַקטירט אין פּאַריז. סוף־כל־סוף איז ער אַריינגעפאַלן אין אַן ענגלישער תּפיסה. איך האָב געפאָדערט, מען זאָל אים באַפרייען. די אונטערהאַנדלונגען האָבן זיך פאַרשלעפּט. איך האָב געדראָט מיט רע־פּרעסיעס קעגן די ענגלענדער. „אין טראָצקיס אַרגומענטאַציע", אַזוי האָט געשריבן דער ענגלישער געזאַנדטער ביוקענען אין זיין טאָגבוך, „איז דאָך פאַראַן אַ געוויסע גערעכטיקייט: אויב מיר פּרעטענדירן

אויפן רעכט צו אַרעסטירן רוסישע מענטשן פאַר פּאַציפיסטישע פּראָפּאַגאַנדע אין לאַנד, וואָס וויל ווייטער פירן דעם קריג, האָט ער דיזעלבע רעכט צו אַרעסטירן ענגלישע אינטערטאנען, וואָס פירן אַ פּראָפּאַגאַנדע פאַרן ווייטערדיקן קריג אין אַ לאַנד, וואָס וויל שלום". טשיטשערינען האָט מען באַפרייט. ער איז געקומען קיין מאָסקווע אַקוראַט צו דער ריכטיקער צייט. מיט אַ געפיל פון דערלייכטערונג האָב איך אים איבערגעגעבן דעם דיפּלאָמאַטישן רודער. אין מיניסטעריום האָב איך זיך לגמרי נישט געוויזן, אָפטמאָל פלעגט זיך טשיטשערין באַראַטן מיט מיר טעלעפאָניש, ערשט דעם 13-טן מערץ איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן, אַז איך פאַרלאָז דעם נאַרקאָמינדעל און אַז איך ווער באַשטימט פאַרן קריגסקאָמיסאַר און פאַרן פאָרזיצער פון העכסטן קריגסראַט, וואָס איז מיט אַ קורצער צייט פריער, לויט מיין איניציאַטיוו, געגרינדעט געוואָרן.

אויף דעם אופן האָט לענין סוף-כל-סוף דערגרייכט דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט. מיין פאָרשלאַג וועגן דעמיסיע אין צוזאַמענהאַנג מיט די בריסקער חלוקי-דעות האָט ער אויסגענוצט בלויז דערויף, כדי צו פאַרווירקלעכן זיין ערשטן פּלאַן, וועלכן ער האָט עטוואָס געענדערט לויט די פאַרהעלטענישן. אַזוי ווי דער אינערלעכער שונא איז פון די פאַרשווערונגען איבערגעגאַנגען צו דער שאַפונג פון אַרמעען און קאַמפּספּראָנטן, האָט לענין געוואָלט, אַז איך זאָל זיך שטעלן בראש פונם קריגס-ווען. איצט האָט ער שוין אַריבערגעצויגן סווערדלאָוון אויף זיין זייט. איך האָב אפילו געפּרואווט איינווענדן. — „ווער זאָל אָבער גיין אויף אייער אָרט? רופט אָן אַ נאָמען!" איז מיך לענין באַפאַלן. איך האָב מיך באַדאַכט און האָב געגעבן מיין הסכמה.

צי בין איך געווען צוגעגרייט צו דער מיליטערישער אַרבעט? ס'פאַרשטייט זיך, אַז נישט. מיר איז אַפילו זיינערצייט נישט באַשערט געווען צו דינען אין דער צאַרישער אַרמעע. די מיליטער-יאָרן האָב איך פאַרבראַכט אין תּפיסה, אין פאַרשיקונג און עמיגראַציע. אין יאָר 1906 האָט דאָס געריכט צוגענומען ביי מיר מיינע בירגערלעכע און מיליטערישע רעכט. צו די פראַגן פון מיליטאַריזם בין איך נעענטער צוגעגאַנגען אין דער צייט פון דעם באַלקאַנישן קריג, בעת איך האָב פאַרבראַכט עטלעכע חדשים אין סערביע, בולגאַריע און רומעניע. דאָס איז אָבער דאָך געווען בלויז אַן אַלגעמיין-פּאָליטישער און נישט קיין ריין מיליטערישער צוגאַנג. דער וועלטקריג האָט בכלל אַלע מענטשן אויף

דער וועלט דערנענטערט צו די פראַגן פון מיליטאַריזם און צווישן זיי אויך מיך. די אַלטעגלעכע אַרבעט אין „נאַשע סלאָוואָ" און די מיטאַרבעט אין „קיעווסקאַיאַ מיסל" האָבן מיך באַוואויגן צו שאַפן אַ געוויסן סיסטעם פון די נייע ידיעות און באַאָבאַכטונגען. דערביי האָט זיך אָבער קודם-כּל געהאַנדלט וועגן אַ קריג, וואָס איז אַ המשך פון דער פּאָליטיק, און וועגן אַן אַרמעע, וואָס איז אין געווער. די אָרגאַניזאַציאָנעלע און טעכנישע פּראָבלעמען פון מיליטאַריזם זענען אָבער נאָך אַלץ פאַר מיר געשטאַנען אין הינטערגרונט. דערפאַר אָבער האָט מיך די פּסיכאָלאָגיע פון דער אַרמעע — קאַזאַרמעס, טראַנשייען, שלאַכטן, שפּיטאָלן — אומגעהייער אינטערעסירט. שפּעטער איז עס מיר שטאַרק צונוץ געקומען.

אין די פּאַרלאַמענטאַרישע מלוכות האָבן זיך בראש פון קריג- און פלאָט-מיניסטעריום נישט איינמאָל געשטעלט אַדוואָקאַטן און זשורנאַליסטן, וואָס האָבן, פּונקט ווי איך, אָבסערווירט די אַרמעע דורכן פענסטער פון דער רעדאַקציע, וועלכע איז נאָר געווען רייכער פון אונזערער. דער אונטערשייד האָט זיך אָבער געוואָרפן אין די אויגן. אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער האַנדלט זיך בעיקר וועגן דערהאַלטן אַן עקזיסטירנדיקע אַרמעע, דאָס הייסט אין פלוג נאָר וועגן דער פּאָליטישער דעקונג פון אַ זעלבסט-פאַראַנקערטן מיליטאַריסטישן סיסטעם. ביי אונז אָבער האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַראָפּקערן אינגאַנצן די רעשטלעך פון דער אַלטער אַרמעע און אויפשטעלן, אונטערן פייער, אויף איר אָרט אַ נייע, וואָס אירע סכעמען האָט מען נאָך לעת-עתה נישט געקאָנט געפינען אין קיין שום בוך. דערמיט דערקלערט זיך עס, וואָס איך בין נישט זיכער צוגעגאַנגען צו דער מיליטערישער אַרבעט און האָב זי אָנגענומען בלויז דערפאַר, ווייל עס איז נישט געווען קיין אַנדערער, ווער עס זאָל זיך נעמען פאַר איר.

איך האָב מיך לגמרי נישט געהאַלטן פאַר אַ סטראַטעגיקער און האָב מיך זייער האַרב באַצויגן צו דעם מבול פון סטראַטעגישן דילעטאַנטיזם, וואָס די רעוואָלוציע האָט אַרויסגערופן אין דער פּאַרטיי. אמת, אין דריי פאַלן — אין קריג קעגן דעניקינען, ביי דער פּאַרטיי-דיקונג פון פּעטראָגראַד און אין קריג מיט פּילסודסקין — האָב איך פאַרנומען אַ זעלבסטשטענדיקע סטראַטעגישע פּאָזיציע און געקעמפט פאַר איר דאָ מיט דער מיליטערישער לייטונג, דאָ מיטן צ י ק. אָבער אין דידאָזיקע פאַלן איז מיין סטראַטעגישע פּאָזיציע באַשטימט

געוואָרן נישט פון אַ ריין סטראַטעגישן שטאַנדפּונקט — נאָר פון אַ פּאָליטישן אוןווירטשאַפטלעכן שטאַנדפּונקט. מען מוז, איבעריקנס, זאָגן, אַז פראַגן פון גרויסער סטראַטעגיע קאָנען גאָר אַנדערש נישט געלייזט ווערן.

דער טויש פון מיין אַרבעט איז צונויפגעפאַלן מיטן טויש פון דער רעגירונגס-רעזידענץ. דאָס אַריבערפירן די צענטראַל-מאַכט קיין מאָסקווע איז, נאַטירלעך, געווען אַ קלאַפּ פאַר פּעטראָגראַד. קעגן דעם האָט זיך אויפגעהייבן אַ גרויסע, כמעט אַלגעמיינע אָפּאָזיציע. בראש פון דער אָפּאָזיציע איז געשטאַנען זינאָוויעוו, וואָס איז צו יענער צייט אויסגעוויילט געוואָרן פאַר אַ פּאָרזיצער פונם פּעטראָגראַדער סאָוועט. מיט אים האָט געהאַלטן לונאַטשאַרסקי, וואָס האָט אין עטלעכע טעג אַרום נאָך דער אָקטאָבער-איבערקערעניש דעמיסיאָנירט, ווייל ער האָט נישט געוואָלט נעמען אויף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער (כלומרשטער) טעמפּל-צעשטערונג פון וואַסילי דעם רומווירדיקן אין מאָסקווע, און איצט, צוריקקומענדיק אויף זיין פּאָסטן, האָט ער זיך נישט געוואָלט צעשיידן מיטן בנין פון סמאָלני, אַלס „סימבאָל פון דער רעוואָלוציע". אַנדערע האָבן געבראַכט זאַכלעכערע אַרגומענטן. די מערהייט האָט בעיקר מורא געהאַט פאַר אַ שלעכטן איינדרוק אויף די פּעטערבורגער אַרבעטער. די שונאים האָבן אַרויסגעלאָזט אַ קלאַנג, אַז מיר האָבן זיך מתחייב געווען אָפּצוגעבן פּעטערבורג ווילהעלמען. איך האָב געהאַלטן מיט לענינען, אַז דאָס אַריבערציען זיך קיין מאָסקווע איז, להיפוך, נישט בלויז אַ פאַרזיכערונג פאַר דער רעגירונג, נאָר אויך פאַר פּעטראָגראַד גופא. דער נסיון צו פאַרכאַפּן מיט איין קורצן קלאַפּ די רעוואָלוציאָנערע הויפּטשטאָט צוזאַמען מיט דער רעגירונג האָט פאַר דייטשלאַנד, ווי פאַר דער אַנטאַנט, געמוזט זיין זייער גרויס. גאָר אַן אַנדער זאַך איז — פאַרכאַפּן די הונגעריקע שטאָט פּעטראָגראַד אָן דער רעגירונג. סוף-כל-סוף איז דער ווידערשטאַנד איינגעבראָכן געוואָרן, די מערהייט פון צענטראַל-קאָמיטעט האָט זיך אַרויסגעזאָגט פאַר אַריבערציען זיך, און דעם 12-טן מערץ (1918) איז די רעגירונג אַרויסגעפאָרן קיין מאָסקווע. כדי אָפּצושוואַכן דעם איינדרוק פון דער דעגראַדירונג פון דער אָקטאָבער-הויפּטשטאָט, בין איך נאָך אַ וואָך אַנדערטהאַלבן פאַרבליבן אין פּעטראָגראַד. די אייזנבאַן-אַדמיניסטראַציע האָט מיך בעתן אָפּפאָרן אויפגעהאַלטן אויפן וואָקזאַל עטלעכע איבעריקע שעה: דער סאַבאָטאַזש האָט זיך אַפילו

פאַרקלענערט, אָבער ער איז נאָך געווען גענוג שטאַרק. קיין מאָסקווע בין איך אָנגעקומען אויפן צווייטן טאָג נאָך מיין באַשטימונג אַלס קריגסקאָמיסאַר.

מיט זיין מיטלאַלטערלעכער וואַנט און זיינע אומצייליקע באַגילדעטע קופּאָלן האָט דער קרעמל, אַלס פעסטונג פון דער רעוואָלוציאָנערער דיקטאַטור, געמאַכט דעם איינדרוק פון אַן אמתן פּאַראַדאָקס. אמת, אויך סמאָלני, וואו עס האָט זיך פריער געפונען דער אינסטיטוט פאַר מיוחסדיקע מיידלעך, איז מיט זיין עבר לגמרי נישט געווען באַשטימט פאַר אַרבעטער-, זעלנער- און פויערים-דעפּוטאַטן. ביזן מערץ 1918 בין איך אין קרעמל קיינמאָל נישט געווען, און בכלל נישט געקענט מאָסקווע, אויסער איין איינציקן בנין: די בוטירער עטאַפּן-תפיסה, וואָס אין איר טורעם האָב איך פאַרבראַכט זעקס חדשים אין קאַלטן ווינטער פון די יאָרן 99—98. אַ געוויינלעכער באַזוכער קען זיך פּשוט אַנטציקן מיט דער היסטאָרישער אַלטקייט פון קרעמל, מיטן פּאַלאַץ פון איוואַן גראָזני און דער גראַניט-פּאַלאַטע. אָבער מיר האָבן זיך דאָ געדאַרפט איינאָרדנען אויף אַ לאַנגער צייט. די ענגע טאָג-טעגלעכע באַרירונג פון צוויי היסטאָרישע פּאָליוסן, פון צוויי פיינטלעכע קולטורן האָט אי פאַרוואונדערט, אי געוויילט. ווען איך בין איבער דעם האָלצברוק פאַרבייגעפאָרן ניקאָלאַיס פּאַלאַץ, האָב איך נישט איינמאָל געכאַפּט מן הצד אַ קוק אויפן „האַרמאַט-צאַר" און אויפן „גלאָק-צאַר". די שווערע מאָסקווער באַרבאַריי האָט אַרויסגעקוקט דורכן לאָך פון דער גלאָק און דורכן מויל פון האַרמאַט. דער פּרינץ האַמלעט וואָלט אוודאי אויף דעמדאָזיקן אָרט איבערגעחזרט: „עס האָט זיך איבערגעריסן דער פאָדעם פון די צייטן, און צו וואָס בין איך געבוירן געוואָרן, אַז איך זאָל אים צונויפבינדן?" אָבער מיר האָבן נישט געהאַט אין זיך קיין שום זכר פון האַמלעטן. אפילו ווען עס זענען באַהאַנדלט געוואָרן וויכטיקערע פראַגן, האָט לענין נישט זעלטן געגעבן די רעדנער נישט מער ווי צוויי מינוט צייט. אַריינדרינגען מיטן רעיון אין די סתירות פון דער אַנטוויקלונג אין דעם פאַרשפּעטיקטן לאַנד האָט מען נאָר געקאָנט אפשר אַ מינוט אַנדערטהאַלבן, — בעת מען האָט זיך געטראָגן איבער דעם עבר פון קרעמל נאָך איין זיצונג צו אַ צווייטער, אָבער נישט מער.

אינעם קאַוואַליערן-קאָרפּוס, קעגנאיבער דעם „פּאָטשעשני פּאַלאַץ", האָבן פאַר דער רעוואָלוציע געוואוינט די קרעמל-באַאַמטע. דעם

גאַנצן אונטערשטן שטאָק האָט פאַרנומען דער הויך־ראַנגיקער קאָ־מענדאַנט. פון זיין דירה האָט מען איצט געמאַכט עטלעכע דירות. איך האָב זיך באַזעצט אין איינער פון די דאָזיקע דירות, איבערן קאָרידאָר מיט לענינען. דאָס עסצימער איז געווען אַ געמיינזאַמעס. געגעסן האָט מען דעמאָלט אין קרעמל ערגער, ווי שלעכט. אָנשטאָט פלייש האָט מען באַקומען געזאַלצן חזיר־שמאַלץ. דאָס מעל און די קאַשע איז געווען געמישט מיט זאַמד. נאָר רויטער קעט־קאַוויאַר איז געווען איבערגענוג צוליב דעם מאַנגל פון עקספּאָרט. נישט נאָר אין מיין זכרון אַליין זענען מיט דעם דאָזיקן אומפאַרמיידלעכן קאַוויאַר באַפאַרבט די ערשטע יאָרן פון דער רעוואָלוציע.

דעם מוזיק־זייגער אויפן ספּאַסקי־טורעם האָט מען איבערגע־מאַכט. איצט האָבן די אַלטע גלאָקן אָנשטאָט „גאָט, שיץ דעם צאַר", לאַנגזאַם און ערנסט אויסגעשפּילט אַלע פערטל שעה דעם „אינטער־נאַציאָנאַל". דער צופאָר פאַר אויטאָמאָבילן איז געווען איינגעאָרדנט אונטערן ספּאַסקי־טורעם, דורך אַ געוועלבטן טונעל. איבערן טונעל איז געשטאַנען אַן אַלט הייליק בילד אונטער אַ צעבראָכענעם גלאָז. פאַרן הייליקן בילד — אַ לאַנג אויסגעלאָשן לעמפּעלע. טיילמאָל ביים אַרויספאָרן פון קרעמל האָט זיך דאָס אויג אָנגעשטויסן אויפן היי־ליקן בילד, און דאָס אויער האָט גלייכצייטיק אויפגעכאַפּט פון אויבן דעם אינטערנאַציאָנאַל. איבערן טורעם מיט זיין גלאָק האָט זיך, ווי פריער, געהייבן דער באַגילדעטער צווייקעפּיקער אָדלער. אָבער די קרוין האָט מען פון אים אַראָפּגענומען. איך האָב געראַטן, מען זאָל אַרויפשטעלן איבערן אָדלער אַ סערפּ און אַ האַמער, כדי דער איבער־רייס מיט דער צייט זאָל אַראָפּקוקן פון דער הויך פונעם ספּאַסקי־טורעם. אָבער דערצו איז אַלץ קיין צייט נישט געווען.

מיט לענינען פלעגן מיר זיך צענדליקער מאָל אין טאָג באַגע־גענען אין קאָרידאָר און אָפּט אַריינגיין איינער צו דעם אַנדערן זיך אַדורכשמועסן, וואָס עס האָט אָפּגענומען אַ צען, פופצן מינוט — דאָס איז דעמאָלט פאַר אונז ביידע געווען אַ גרויסע צייט־איינהייט. לענין איז אין יענעם פעריאָד געווען זייער באַרעדעוודיק, נאַטירלעך, אין לענינשן מאַסשטאַב. ס׳איז געווען צופיל נייעס, צופיל אומבאַקאַנטע זאַכן זענען פאָרגעשטאַנען, מען האָט געמוזט איבעראַנדערשן זיך און אַנדערע אויף אַ נייעם שטייגער. עס איז דעריבער געווען אַ באַדער־פעניש איבערצוגיין פון פּרט צום כּלל, און פאַרקערט. דאָס וואָלקנדל

פון די בריסקער חלוקי־דעות איז איינגאַנצן אַנטרונען געוואָרן. לע־נינס באַציונג צו מיר און צו די מיטגלידער פון מיין פאַמיליע איז געווען אויסערגעוויינלעך האַרציק און אויפמערקזאַם. גאַנץ אָפט פלעגט ער פּאַקן אונזערע ייִנגלעך אין קאָרידאָר און זיך אַרומ־פּאָרען מיט זיי.

אין מיין צימער איז געשטאַנען מעבל פון קאַרעלישן בזשאָזע־האָלץ. דער זייגער איבערן קאַמין מיט די סטאַטועטקעס פון אַמאָר און פּסיכע האָט אויסגעשלאָגן די שעהן מיט אַ זילבערן שטימעלע. פאַר דער אַרבעט איז אַלץ געווען אומבאַקוועם. אַ ריח פון פּריצישער בטלה האָט זיך געטראָגן פון יעדן פאָטעל. אָבער אויך צו דער וואוינונג בין איך צוגעגאַנגען ווי צו אַ זייטיקער זאַך, בפרט, אַז אין די ערשטע יאָרן איז מיר אויסגעקומען בלויז איבערצונעכטיקן דאָ, ווען איך פלעג מיך אויף אַ קורצער ווײַלע אַריבערכאַפּן פון פּראָגט קיין מאָסקווע.

כמעט דעם ערשטן טאָג נאָך מיין קומען פון פּעטראָגראַד האָב איך מיך אַדורכגעשמועסט מיט לענינען, שטייענדיק צווישן דער קאַ־רעלישער בזשאָזע, אַמאָר און פּסיכע האָבן אונז איבערגעשלאָגן מיט זייער זילבערנעם קלאַנג. מיר האָבן אַ קוק געטאָן איינער אויפן צווייטן, ווי מיר וואָלטן זיך געכאַפּט ביי דעמזעלבן געפיל: פון ווינקל האָט אונז אונטערגעהערט דער עבר, וואָס האָט זיך דאָ ערגעץ פאַרבאָרגן. אַרומגערינגלט דורך אים פון אַלע זייטן, האָבן מיר זיך באַצויגן צו אים אָן רעספּעקט, אָבער אויך אָן שנאה, בלויז מיט אַ טראָפּעלע איראָניע. עס וואָלט געווען נישט ריכטיק, ווען איך זאָל זאָגן, אַז מיר האָבן זיך צוגעוויינט צו דער קרעמל־סביבה—דערויף איז געווען צופיל דינאַמיק אין די באַדינגונגען פון אונזער עקזי־סטענץ. „און צוגעוויינען זיך" האָבן מיר קיין צייט נישט געהאַט. מיר האָבן באַטראַכט די סביבה פון דער זייט, און אינדערשטיל געזאָגט מיט איראָנישער אויפמונטערונג צו די אַמאָרס און פּסיכעס: נישט געריכט זיך אויף אונז? ס'וועט אייך אָבער גאָרנישט העלפן, געוויינט אייך צו. מיר האָבן צוגעוויינט די סביבה צו אונז.

די נידעריקערע באַאַמטע זענען געבליבן אויף זייער אָרט. זיי האָבן אונז באַגעגנט שטאַרק צערודערט. דער רעזשים איז דאָ געווען זייער אַ האַרבער, אַ מין לייבאייגנשאַפט, וואָס איז איבערגעגאַנגען פון פאָטער צום זון. צווישן די אומצייליקע לאַקייען און אַנדערע באַ־

דינטע פון קרעמל זענען געווען נישט ווייניק זקנים, וואָס האָבן געדינט פאַר עטלעכע מלכים. איינער פון זיי מיטן נאָמען סטופּישין, נישט קיין הויכער, גלאַטראַזירטער זקן, אַ מענטש פון פּליכט, איז זיינער צייט געווען די סטראַשידלע פון די באַדינער. איצט האָבן די יונגע געקוקט אויף אים מיט אַ געמישט געפיל פון אַלטער אַכ-טונג און נייער אַרויספאָדערונג. ער האָט כסדר אַרומגעשאַרט מיט די פיס איבער די קאָרידאָרן, אַוועקגעשטעלט אויפן ריכטיקן אָרט די פּאָטעלן, אַראָפּגעווישט דעם שטויב און אַזויאַרום דערהאַלטן דעם אָנזען פון דער פריערדיקער אָרדענונג. צו מיטאָג האָט מען אונז דערלאַנגט שיטערן קרויטבאָרשט און גריקענע קאַשע מיטן שאָלעכץ— אין די הויף־טעלער, באַפּוצט מיט אָדלערס. „וואָס טוט ער, זע נאָר?״ האָט סעריאָזשאַ איינגערוימט דער מוטער. דער אַלטער איז ווי אַ שאָטן אַרומגעגאַנגען הינטער די פּאָטעלן און האָט עטוואָס אויסגע־דרייט די טעלער דאָ אין איין זייט, דאָ אין אַ צווייטער זייט. סע-ריאָזשאַ האָט זיך דער ערשטער געכאַפּט: דער צווייקעפּיקער אָדלער אויפן ראַנד פון טעלער האָט געמוזט שטיין פאַרן גאַסט אין רעכטן מיטן.

— האָט איר באַמערקט דעם אַלטן סטופּישינען? — האָב איך אַ פרעג געטאָן לענינען.

—ווי זשע קאָן מען אים נישט באַמערקן?—האָט ער געענטפערט מיט אַ מילדער איראָניע.

אויף דידאָזיקע זקנים, וואָס זענען אַרויסגעריסן געוואָרן מיטן וואָרצל, איז באמת געווען אַ רחמנות. סטופּישין האָט זיך באַלד שטאַרק צוגעבונדן צו לענינען, און ווען דער לעצטער האָט זיך איבערגעצויגן אין אַן אַנדער בנין, נעענטער צום סאָווּנאַרקאָם, האָט דער אַלטער אַריבערגעטראָגן דידאָזיקע צוגעבונדענקייט אויף מיר און מיין פרוי, איינזעענדיק, אַז מיר היטן די אָרדענונג אין שטוב און שעצן זיינע באַמיונגען.

דעם דינסט־פּערסאָנאַל האָט מען אינגיכן אויפגעלייזט. די יונגע האָבן זיך גיך צוגעפּאַסט צו די נייע אָרדענונגען. סטופּישין האָט נישט געוואָלט איבערגיין אויף פּענסיע. האָט מען אים געמאַכט פאַר אַן אויפזעער אין גרויסן פּאַלאַץ, וואָס מען האָט פאַרוואַנדלט אין אַ מוזיי, און ער פלעגט אָפּט קומען אין קאַוואַליערן־קאָרפּוס—„געוואָר וערן״. שפּעטער האָט סטופּישין דעזשורירט אין שלאָס פאַרן אַנ־

דרייעוו־זאַל בעת די צוזאַמענפאָרן און קאָנפערענצן. אַרום אים האָט
ווידער געהערשט אַן אָרדענונג, און ער גופא האָט אויסגעפירט די־
זעלבע אַרבעט, ווי בעת די אויפנאַמעס פון די צאַרן און גרויס־
פירשטן, אָבער איצט האָט זיך עס געהאַנדלט וועגן קאָמוניסטישן
אינטערנאַציאָנאַל. ער האָט געהאַט דעמזעלבן גורל, ווי די גלאָקן
אויפן ספאַסקי־טורעם, וואָס זענען פון צאַרן־הימן איבערגעגאַנגען צו
דעם הימן פון דער רעוואָלוציע. אין יאָר 1926 איז דער זקן לאַנג־
זאַם אויסגעגאַנגען אין שפּיטאָל. מיין פרוי פלעגט אים אַהינשיקן
קליינע מתנות, און ער האָט געוויינט פון דאַנקבאַרקייט.

סאָוויעט־מאָסקווע האָט אונז באַגעגנט מיט אַ כאַאָס. עס האָט
זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָ עקזיסטירט אַן אייגענער סאָוויעט פון
פאָלקסקאָמיסאַרן, אונטערן פאָרזיץ פונם היסטאָריקער פּאָקראָווסקי,
וואָס האָט פון אַלע מענטשן אויף דער וועלט זיכער צום ווייניקסטן
געפּאַסט פאַר דערדאָזיקער ראָל. די מאַכט פון מאָסקווער סאָווגאַר־
קאָם האָט זיך פאַרשפּרייט אויפן גאַנצן מאָסקווער געביט, וואָס זיינע
גרענעצן האָט קיינער נישט געקאָנט באַשטימען. אויף צפון האָט צו
אים געהערט די אַרכאַנגעלסקער גובערניע, אויף דרום—די קורסקער.
אויף דעם אופן האָבן מיר אין מאָסקווע אַנטפּלעקט אַ רעגירונג,
וואָס האָט פאַרשפּרייט איר מאַכט, אמת, אַ גאַנץ פּראָבלעמאַטישע,
אויפן הויפּט־טייל פון דער סאָוויעטישער טעריטאָריע. דער היסטאָרי־
שער אַנטאַגאָניזם צווישן מאָסקווע און פּעטראָגראַד האָט איבערגע־
לעבט די אָקטאָבער־איבערקערעניש. מאָסקווע איז אַמאָל געווען אַ
גרויס דאָרף, פּעטראָגראַד—אַ שטאָט. מאָסקווע איז געווען אַ שטאָט
פון גוטבאַזיצער און קופּצעס, פּעטראָגראַד—אַ שטאָט פון מיליטער
און באַאַמטע. מאָסקווע האָט געגאָלטן פאַר אַן עכט רוסישער, סלאַ־
וואָפילישער, גאַסטפריינטלעכער שטאָט, פאַר דאָס האַרץ פון רוסלאַנד.
פּעטערבורג איז געווען דער פאַרבלאָזער איראָפּייער, דער עגאָאיסט,
דער ביוראָקראַטישער מוח פון לאַנד. מאָסקווע איז געוואָרן דער צענ־
טער פון דער טעקסטיל־אינדוסטריע, פּעטראָגראַד—פון דער מעטאַל־
אינדוסטריע. אַזעלכע קעגנשטעלונגען האָבן פאַרגעשטעלט מיט זיך די
ליטעראַרישע גוזמאות פון ווירקלעכע קעגנזאַצן. מיר האָבן זיי טאַקע
גלייך דערשפּירט. דער לאָקאַלער פּאַטריאָטיזם האָט פאַרכאַפּט אפילו
די איינגעבאָרענע מאָסקווער באָלשעוויקעס. כדי צו רעגולירן די
קעגנזייטיקע באַציונגען מיטן מאָסקווער סאָווגאַרקאָם, איז געשאַפן

געוואָרן אַ קאָמיסיע אונטער מיין פאָרזיץ. דאָס איז געווען אַ קוריאָזע אַרבעט. מיר האָבן געדולדיק צעגלידערט די געביטס-קאָמיסאַריאַטן, און אויסגעטיילט דעם צענטער דאָס, וואָס עס געהערט צו זיין קאָמפעטענץ. לויטן ווייטערדיקן גאַנג פון דערדאָזיקער אַרבעט האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז פאַר אַ צווייטער מאָסקווער רעגירונג איז נישטאָ קיין אָרט. די מאָסקווער האָבן צולעצט אַליין אָנערקענט די נויטווענדיקייט צו ליקווידירן זייער סאָוונאַרקאָם.

דער מאָסקווער פעריאָד איז צום צווייטן מאָל אין דער רוסישער געשיכטע געוואָרן אַ פעריאָד פון צונויפזאַמלען די מלוכה און שאַפן אָרגאַנען פאַר איר פאַרוואַלטונג. איצט האָט זיך שוין לענין אומגעדולדיק, איראָניש, טיילמאָל ממש מיט חוזק אָפגעשאָקלט פון די יעניקע, וואָס האָבן כסדר געהאַלטן אין איין ענטפערן אויף אַלע פראַגן מיט אַלגעמיינע פראָפּאַגאַנדע-פאָרמולעס. „וואָס האַקט איר, פּאָטערל. אין סמאָלני זענט איר, וואָס?" האָט זיך לענין אויף זיי אַרויפגעוואָרפן מיט אַ געמישטן געפיל פון רציחה און גוטמוטיקייט. „דאָס איז אַן עכטער סמאָלנער", פלעגט ער איבערהאַקן דעם אָראַטאָר, וואָס האָט נישט גערעדט צו דער זאַך, — „באַרואיקט זיך, איך בעט אייך, מיר זענען נישט אין סמאָלני, מיר זענען שוין אַוועק ווייטער."

לענין האָט קיינמאָל נישט געשפּאָרט קיין ענערגישע ווערטער קעגן דעם נעכטיקן טאָג, בעת עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן צוגרייטן דעם מאָרגעדיקן. און אין דערדאָזיקער אַרבעט זענען מיר געגאַנגען האַנט ביי האַנט. לענין איז געווען זייער פּינקטלעך, איך אפילו פּעדאַנטיש. מיר האָבן אָנגעהייבן אַן אומדערמידלעכן קאַמף קעגן שמוץ און צעלאָזנקייט. איך האָב דורכגעפירט שטרענגע פאַראָרדענונגען קעגן די פאַרשפּעטיקונגען און קעגן דעם, וואָס מען עפנט נישט פּינקטלעך די זיצונגען. טריט ביי טריט האָט דער כאַאָס אָפּגעטרעטן זיין אָרט פאַר דער אָרדענונג.

פאַר די זיצונגען, אויף וועלכע עס זענען באַהאַנדלט געוואָרן פּרינציפּיעלע פראַגן, אָדער אַזעלכע פראַגן, וואָס זענען געוואָרן באַזונדערס וויכטיק צוליב דעם צוזאַמענשטויס פון די אַמטן, האָט מיך לענין טעלעפאָניש אויפגעפאָדערט, איך זאָל מיך אומבאַדינגט באַקענען פריער מיט דער פראַגע, וואָס דאַרף באַהאַנדלט ווערן; די הייננטיקע ליטעראַטור איבער די חלוקי-דעות צווישן לענינען און טראָצקין איז איבערגעלאָדן מיט אַפּאָקריפן. עס זענען, נאַטירלעך, געווען

מיינונגס-פאַרשיידנהייטן. אָבער אַ סך עפטער זענען געווען די פאַלן, ווען מיר זענען געקומען צו איין און דערזעלבער מסקנה נאָך אַ קורצן שמועס דורכן טעלעפאָן, אָדער אומאָפּהענגיק איינער פון צווייטן. קוים האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מיר האָבן וועגן אַ פראַגע ביידע די־זעלבע מיינונג, האָבן מיר שוין ביידע נישט געצווייפלט, אַז מיר וועלן דורכפירן דעם נויטיקן באַשלוס. אין אַזעלכע פראַגן, ווען לע־נין האָט זיך געשראָקן, אַז עפעס אַ צד וועט אויפהייבן אַן ערנסטע אָפּאָזיציע קעגן זיינע פלענער, האָט ער מיר טעלעפאָניש דערמאָנט: „קומט דורכאויס צו דער זיצונג, איך וועל אייך דעם ערשטן געבן דאָס וואָרט". איך האָב גענומען אַ וואָרט אויף עטלעכע מינוט, לענין האָט בעת מיין רעדן אַ פאָר מאָל געזאָגט „ריכטיק", און דאָס האָט דעצידירט די פראַגע. און דאָס איז נישט געווען דערפאַר, ווייל די איבעריקע האָבן מורא געהאַט אַרויסצוטרעטן קעגן אונז. דעמאָלט איז נאָך קיין זכר נישט געווען פון דער היינטיקער קריכעריי פאַר באַ־טשאַלסטווע, און ס'איז אויך נישט געווען דער עקלהאַפטער פחד זיך צו קאָמפּראָמעטירן דורך אַן אומגעשיקטן וואָרט אָדער אָפּשטימונג. אָבער וואָס קלענער עס איז געווען די ביוראָקראַטישע קריכעריי, אַלץ גרעסער איז געווען דער אויטאָריטעט פון דער פירונג. ווען איך בין מיט לענינען נישט געווען איינשטימיק, האָבן געקאָנט אויסברעכן, און עס זענען טאַקע אויסגעבראָכן, גרויסע וויכּוחים. קוים זענען מיר אָבער געווען איינשטימיק, האָבן אונזערע שמועסן גערדויערט זייער קורץ. ווען מיר האָבן נישט געהאַט די מעגלעכקייט זיך צו פאַרשטענדיקן פריער, האָבן מיר זיך בעת דער זיצונג צונויפגערעדט דורך צעטע־לעך. אויב עס האָט זיך דערביי אַרויסגעוויזן אַ מיינונגס-פאַרשיידנהייט, האָט לענין געפירט די וויכּוחים אין דער ריכטונג, אַז די פראַגע זאָל אָפּגעלייגט ווערן.

דאָס צעטעלע וועגן אַ חלוקי-דעות מיט אים איז טיילמאָל אָנ־געשריבן געוואָרן אין אַ שפּאַסיקן טאָן, און דעמאָלט פלעגט לענין ביים לייענען זיך אַ צאַפּל טאָן מיטן גאַנצן קערפּער. ער האָט גע־האַט אַ טבע צו לאַכן, דער עיקר דעמאָלט, ווען ער איז געווען שטאַרק מיד. דאָס איז אין אים געווען עפּעס אַ קינדערשער שטריך. דערדאָזיקער מענטשלעכסטער פון אַלע מענטשן האָט בכלל געהאַט אַ סך קינדערשע שטריכן. טריומפירנדיק פלעג איך מיך צוקוקן, ווי ער ראַנגלט זיך קונציק מיט אַן אָנפאַל פון געלעכטער, פירנדיק ווייטער

שטרענג דעם פּאַרזיץ. פון אָנשטרענגונג האָבן דעמאָלט זיינע קינבאַק באַלמער אַרויסגעסטאַרטשעט.

דער קריגס-קאָמיסאַריאַט, וואו עס האָט זיך קאָנצענטרירט מיין אַרבעט, נישט בלויז די מיליטערישע, נאָר אויך די פּאַרטייאישע, ליטעראַרישע און אַנדערע, האָט זיך געפונען מחוץ פון קרעמל. אין קאַוואַליערן-קאָרפּוס איז געבליבן נאָר די וואוינונג. דאָ אַהער איז צו אונז קיינער נישט געקומען. אַז עמעץ האָט געהאַט אַ ענין, איז ער געגאַנגען אין קאָמיסאַריאַט. קומען צו אונז „צו געסט" איז פּשוט קיינעם נישט איינגעפאַלן: דערצו זענען מיר געווען צופיל באַשעפטיקט. פון דער אַרבעט פלעגן מיר קומען פינף אַ זייגער. אַרום זיבן האָב איך מיך שוין ווידער געפונען אין קאָמיסאַריאַט, וואו עס זענען פאָרגעקומען די אָוונט-זיצונגען. אַז די רעוואָלוציע האָט זיך פאַרפעסטיקט, ד. ה. אַ סך שפּעטער, האָב איך מיינע אָוונט-שעהן געווידמעט דער טעאָרעטישער און ליטעראַרישער אַרבעט.

מיין פרוי האָט געאַרבעט אין בילדונגס-קאָמיסאַריאַט, וואו זי האָט פאַרוואַלטעט מיט די מוזייען און מאָנומענטן פון אַלטע צייטן. זי האָט געמוזט קעמפן פאַר די מאָנומענטן פונם עבר אונטער די פאַרהעלטענישן פון אַ בירגערקריג. דאָס איז נישט געווען קיין לייכטע אַרבעט. נישט די ווייסע, נישט די רויטע אַרמעען זענען גאָרנישט גענייגט געווען שטאַרק צו זאָרגן וועגן היסטאָרישע בנינים, וועגן אַ פּראָווינצער קרעמל אָדער אַלטע צערקוועס. אויף דעם אופן זענען צווישן דעם קריגס-אַמט און דעם פאַרוואַלטונג פון די מוזייען פאָרגעקומען אָפטע קאָנפליקטן. די באַשיצער פון די פּאַלאַצן און צערקוועס האָבן באַשולדיקט דאָס מיליטער, אַז עס האָט ווייניק אַכטונג פאַר דער קולטור, און די קריגס-קאָמיסאַרן, ווידער, האָבן באַשולדיקט די באַשיצער פון די קונסט-מאָנומענטן, אַז טויטע זאַכן שטייען ביי זיי העכער פון לעבעדיקע מענטשן. פאָרמעל איז אויסגעקומען, אַז איך געפין זיך אין כסדרדיקע אַמטס-קאָנפליקטן מיט מיין פרוי. אויף דערדאָזיקער טעמע האָט מען זיך נישט ווייניק געוויצלט.

מיט לעניגען האָב איך מיך איצט דער עיקר פאַרקערט טעלעפאָניש. זיינע טעלעפאָנען צו מיר און מיינע צו אים זענען איצט געווען זייער אָפטע און האָבן באַריהרט די פאַרשיידנאַרטיקסטע פראַגן. די אַמטן האָבן אים נישט זעלטן געפייניקט מיט זייערע אָנקלאַגעס

אויף דער רויטער אַרמעע. דאַן האָט מיר לענין תּיכּף טעלעפאָנירט, אין פינף מינוט אַרום האָט ער געפרעגט: אפשר קען איך מיך באַקענען מיטן נייעם קאַנדידאַט אויפן פּאָסטן פון אַ פאָלקסקאָמיסאַר פאַר ערדאַרבעט אָדער פאַר דער אינספּעקציע, כּדי צו זאָגן מיין מיינונג וועגן אים. אין אַ שעה אַרום האָט ער זיך אינפאָרמירט, צי אינטערעסיר איך מיך מיט דער טעאָרעטישער פּאָלעמיק וועגן דער פּראָלעטאַרישער קולטור און צי האָב איך נישט בדעה זיך אַריינצומישן און אַרויסצוטרעטן קעגן בוכאַרינען? דערנאָך האָט געפאָלגט די פראַגע: „אפשר וועט דער קריגסקאָמיסאַריאַט אַרויסגעבן אויפן דרום-פראָנט לאַסט-אויטאָס, וואָס זאָלן צופירן פּראָדוקטן צו די באַנישטאַציעס?" און אין אַ האַלבער שעה אַרום האָט זיך לענין אינטערעסירט, צי ווייס איך פון די חלוקי-דעות אין דער שוועדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי? און אַזוי אַלע טאָג, ווען איך האָב נאָר פאַרבראַכט אין מאָסקווע.

מיטן מאָמענט פון דעם דייטשן אָנגריף האָט זיך די האַלטונג פון די פּראָווינציזן, לפּחות, פון דעם קליגערן טייל, שאַרף געענדערט: זיי האָבן פאַרשטאַנען דעם גאַנצן שטות פון די טענות וועגן אונזער געהיימען אָפּמאַך מיט האָהענצאָלערן. פאַר זיי איז אויך נישט ווייניקער קלאָר געוואָרן, אַז מיר קאָנען נישט פירן קיין מלחמה. עטלעכע פּראָווינציזישע אָפיצירן האָבן אַליין אונז צוגעזאָגט, אַז מיר זאָלן אונטערשרייבן דעם שלום, כּדי צו געווינען צייט: דעמדאָזיקן געדאַנק האָט באַזונדערס שטאַרק פאַרטיידיקט אַ פּראָווינציזישער קריגס-אַגענט, אַן אַריסטאָקראַט, אַ ראָיאַליסט, מיט אַן אַריינגעשטעלטן אויג, וואָס האָט מיר פאָרגעלייגט זיין דינסט פאַר די געפערלעכסטע שליחותן.

דער גענעראַל לאַווערן, וואָס האָט פאַרנומען ניסעלס אָרט, האָט מיר אויף אַ פאָרזיכטיקן און גנביש-חניפהדיקן אופן מהנה געווען מיט עצות, וואָס זענען אין תּוך געווען ווייניק נוצלעכע, דערפאַר אָבער גוטווינטשנדיקע לויט דער פאָרם. לויט זיינע ווערטער רעכנט זיך איצט די פּראַנצויזישע רעגירונג מיטן פאַקט פון בריסקער שלום-טראַקטאַט, און זי וויל אונז קומען צו הילף אָן שום אייגננוציקע כּוונות ביים שאַפן אַ נייע אַרמעע. ער האָט מיר פאָרגעלייגט צוצושטעלן צו מיין דיספּאָזיציע אָפיצירן פון דער צאָלרייכער פּראַנצויזישער מיסיע, וואָס איז צוריקגעקומען פון רומעניע. צוויי פון זיי, אַ פּולקאָווניק און אַ קאַפּיטאַן, האָבן זיך איינגעאָרדענט קעגנאיבער דעם בנין פון קריגס-

קאָמיסאַריאַט, כּדי איך זאָל זיי שטענדיק האָבן ביי דער האַנט. איך בין מיך מודה ומתודה, אַז איך האָב זיי חושד געווען, אַז זיי זענען גרעסערע מומחים אינם קריגס-שפּיאָנאַזש, ווי אין דער קריגס-אַדמיניסטראַציע. זיי האָבן מיר פאָרגעשטעלט שריפטלעכע באַריכטן, וואָס איך האָב אין דער מהומה פון יענע טעג אַפילו נישט באַוויזן דורכצוזען.

צו די עפּיזאָדן פון דעמדאָזיקן קורצן „וואָפנשטילשטאַנד" געהערט דער באַזוך פון די מיליטער-מיסיעס פון דער אַנטאַנט. געווען זענען זיי אַ סך און צאָלרייך לויט זייער צוזאַמענשטעל. אין מיין קליין קאַבינעטל זענען אַריין אַ מאַן צוואַנציק. לאַווערן האָט זיי פאָרגעשטעלט. עטלעכע פון זיי האָבן געמאַכט קליינע קאָמפּלימענטן. באַזונדערס האָט זיך אויסגעצייכנט אַ שיטער-לייביקער איטאַליענישער גענעראַל, וועלכער האָט מיך באַגריסט דערמיט, וואָס מאָסקווע איז מיט גרויס דערפאָלג אָפּגעריינִיקט געוואָרן פון די באַנדיטן-עלעמענטן. „איצט", האָט ער געזאָגט מיט אַ כּישופדיקן שמייכל, „קאָן מען לעבן אין מאָסקווע פּונקט אַזוי רואיק, ווי אין אַלע הויפּטשטעט פון דער וועלט". איך האָב געהאַלטן, אַז דאָס איז אַ ביסל אַ גוזמא. ווייטער האָבן מיר פּשוט נישט געוואוסט וואָס צו זאָגן איינאַנדער. די געסט האָבן זיך נישט געקענט באַשליסן אויפצושטיין און אַוועקגיין. און איך האָב נישט געוואוסט, ווי אַזוי ווערט מען פון זיי פּטור. סוף-כּל-סוף האָט אונז דער גענעראַל לאַווערן אַרויסגעפירט פון דער פאַרלעגנהייט און אַ פרעג געטאָן, צי וועל איך גאָרנישט האָבן דאַקעגן, ווען די מיליטערישע פאַרטרעטער וועלן מער נישט צונעמען מיין צייט. איך האָב געענטפערט, אַז ווי שווער מיר זאָל נישט זיין זיך צו שיידן מיט אַזאַ אויסדערוויילטער געזעלשאַפט, דערוועג איך מיך אָבער נישט איינצווענדן קעגן דעם. יעדער מענטש מאַכט דורך אין זיין לעבן אַזאַ מין סצענע, אין וועלכער ער קאָן זיך נישט דערמאָנען אָן אַ שעמעוודיקן שמייכל. צו דידאָזיקע סצענעס געהערט אויך דער באַזוך פון די מיליטערישע מיסיעס פון דער אַנטאַנט.

דאָס מיליטער-וועזן האָט אַלץ מער און מער פאַרשלונגען מיין צייט, בפרט, אַז איך אַליין האָב געמוזט אָנהייבן פון אַלף. אויפן טעכנישן און אָפּעראַטיוון געביט האָב איך געזען מיין אויפגאַבע קודם-כּל דערין, וואָס איך זאָל קענען אַוועקשטעלן די געהעריקע מענטשן אויפן געהעריקן פּלאַץ און געבן זיי די מעגלעכקייט אַרויסצוווייזן

זייערע פעאיקייטן. מיין פּאָליטישע און אָרגאַניזאַטאָרישע אַרבעט ביים שאַפן די אַרמעע האָט זיך אינגאַנצן צונויפגעגאָסן מיט דער פּאַרטיי-אַר-בעט. נאָר אויף דעם וועג איז מעגלעך געווען אַ דערפאָלג.

צווישן אַנדערע פּאַרטיי-אַרבעטער האָב איך געפונען אין קריגס-אַמט דעם מיליטערישן דאָקטאָר סקליאַנסקי. נישט געקוקט דערויף, וואָס ער איז נאָך געווען גענוג יונג — אין יאָר 1918 איז ער קוים אַלט געווען 26 יאָר — האָט ער זיך אויסגעצייכנט מיט זיין טיכטי-קייט, אומדערמידלעכקייט און מיט דער פעאיקייט אָפּצושאַצן מענטשן און אומשטענדן, ד. ה. מיט אַלע אייגנשאַפטן, וואָס זענען נויטיק פאַר אַן אַדמיניסטראַטאָר. איך האָב מיך מיישב געווען מיט סווערד-לאָוון, וואָס האָט געהאַט אַ געוואַלדיקן חוש אין אַזעלכע ענינים, און האָב אויסגעקליבן סקליאַנסקין פאַר מיין פאַרטרעטער. שפּעטער האָט זיך קיינמאָל נישט געמאַכט אַזאַ פאַל, אַז איך זאָל דאַרפן חרטה האָבן אויף מיין אויסוואַל. דער פּאָסטן פון אַ פאַרטרעטער איז גע-וואָרן אַלץ מער און מער פאַראַנטוואָרטלעך, ווייל דעם גרעסטן טייל פון מיין צייט האָב איך פאַרבראַכט אויף די פראָנטן. סקליאַנסקי האָט בעת מיין אָפּוועזנהייט געפירט דעם פּאָרזיץ אין רעוואָלוציאָנערן קריגס-ראַט, האָט אָנגעפירט מיט דער לויפנדיקער אַרבעט אין קאָמי-סאַריאַט, ד. ה. אין דער ערשטער ליניע מיטן פאַרזאָרגן די פראָנטן און צולעצט פאַרטראָטן דעם קריגסאַמט אין סאָוועט פון דער לאַנד-פאַרטיידיקונג אונטערן פּאָרזיץ פון לענינען. אויב מען קאָן עמעצן פאַרגלייכן מיט לאַזאַר קאַרנאָ פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, איז עס טאַקע נאָר סקליאַנסקין. ער איז תמיד געווען פּינקטלעך, אומדערמידלעך, וואַכזאַם, תמיד באַהאַוונט אין יעדן ענין. דאָס רוב באַפעלן, וואָס זענען אַרויסגעגאַנגען פון קריגסאַמט, האָבן געטראָגן סקליאַנסקיס חתימה. אַזוי ווי דידאָזיקע באַפעלן זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין די צענטראַל-אָרגאַנען און אין דער אָרטיקער פּרעסע, איז סקליאַנסקיס נאָמען מפורסם געוואָרן אומעטום. ווי יעדער ערנסטער און ענערגישער אַדמיניסטראַטאָר, האָט סקליאַנסקי געהאַט נישט ווייניק קעגנער. זיין באַגאַבטע יונגקייט האָט דענערווירט נישט ווייניק חשובע מיטלמעסיקייטן. סטאַלין האָט זיי הינטער די קוליסן אונטערגעהעצט. סקליאַנסקין פלעגט מען אַטאַקירן פאַרבאָרגענערהייט, באַזונדערס אין מיין אָפּוועזנהייט. לענין, וואָס האָט אים גוט געקענט פון דעם פאַר-טיידיקונגס-ראַט, איז פאַר אים געשטאַנען שטאָל און אייזן. „אַן אויס-

געצייכנטער אַרבעטער", פלעגט ער תמיד זאָגן, „אַ זעלטענער אַר-בעטער". סקליאַנסקי האָט זיך נישט אינטערעסירט מיט די אַלע אינ-טריגעס. ער האָט געאַרבעט: האָט אויסגעהערט די באַריכטן פון די אינטענדאַנטן; געזאַמלט אינפאָרמאַציעס אין דער אינדוסטריע; קאָנ-טראָלירט די צאָל פּאַטראָנעס, וואָס זענען אַלעמאָל געווען ווייניק; תמיד מיטן פּאַפּיראָס אין מויל, האָט ער גערעדט דורך דער דירעקטער לייטונג; האָט אַרויסגערופן צום טעלעפאָן דעם אָדער יענעם שעף און געזאַמלט אינפאָרמאַציעס פאַר דעם פאַרטיידיקונגס-ראַט. צו סקליאַנסקין האָט מען געמעגט קלינגען צוויי, דריי אַזייגער בײַנאַכט — סקליאַנסקי איז שטענדיק געווען אין קאָמיסאַריאַט ביים שרייבטיש.

— ווען שלאָפט איר? — פלעג איך אים פרעגן, און ער פלעגט ענטפערן מיט אַ וויך.

מיט צופרידנהייט דערמאָן איך זיך, אַז דער קריגסאַמט האָט כמעט נישט געהאַט קיין פּערזענלעכע גרופּירונגען און קיין קליקעס, וואָס האָבן זיך אַזוי שווער אָפּגערופן אויף דער עקזיסטענץ פון די אַנדערע אַמטן. דער אָנגעשטרענגטער כאַראַקטער פון דער אַרבעט, דער אויטאָריטעט פון דער לייטונג, דער ריכטיקער אויסוואַל פון מענטשן, אָן מעקלער און אָן זייטיקע טובהלעך — אָט דאָס האָט פאַר-זיכערט דאָס כסדרדיקע פונקציאָנירן פון דעם מאַסיוון, נישט גאָר האַרמאָנישן און לויטן צוזאַמענשטעל — זייער פאַרשיידנאַרטיקן מעכאַ-ניזם. צום גרעסטן טייל איז עס געווען סקליאַנסקיס פאַרדינסט.

דער בירגערקריג האָט מיך דערווייטערט פון דער אַרבעט אין סאָוונאַרקאָם. איך האָב געלעבט אין וואַגאָן אָדער אין אויטאָ. פאַר די וואָכן און חדשים פון מיינע כסדרדיקע נסיעות האָב איך מיך צופיל אָפּגעריסן פון די לויפנדיקע רעגירונגס-אַרבעטן, אַז איך זאָל מיך קאָנען אין זיי באַטייליקן, בעת איך פלעג אויף אַ קורצער צייט אָנפאָרן קיין מאָסקווע. די וויכטיקסטע פראַגן זענען דאָך באַשלאָסן געוואָרן אין פּאָליטביוראָ *). טיילמאָל פלעג איך אויף לענינס רוף ספּעציעל אַראָפּקומען צו אַ זיצונג פון פּאָליטביוראָ, אָדער פאַרקערט — איך פלעג מיטברענגען פון פראָנט אַ ריי פּרינציפּיעלע פראַגן, און פלעג דורך סווערדלאָוון לאָזן צונויפרופן אַן אויסעראָרדנטלעכע זיצונג פון פּאָליטביוראָ. מיין קאָרעספּאָנדענץ מיט לענינען פאַר יענע יאָרן

*) פּאָליטישע ביוראָ.

איז בעיקר געווען געווידמעט די לויפנדיקע פראַגן פון בירגערקריג: קורצע צעטעלעך אָדער לאַנגע טעלעגראַמעס האָבן דערגאַנצט די פריערדיקע שמועסן אָדער צוגעגרייט די קינפטיקע. נישט געקוקט אויף דער זאַכלעכער קורצקייט, גיבן דאָך דידאָזיקע דאָקומענטן אַ גענוי בילד פון די פאַקטישע באַציונגען אינערהאַלב פון דער פירנ־דיקער גרופּע באָלשעוויקעס. דידאָזיקע ברייטע קאָרעספּאָנדענץ וועל איך אין דער נאָענטער צוקונפט פאַרעפנטלעכן מיט די נויטיקע קאָמענטאַרן. חוץ אַלעמען וועט זי געבן אַ טויט־קלאַפּ די געשיכטע־שרייבער פון דער סטאַלינשער שולע.

ווען ווילסאָן האָט צוזאַמען מיט זיינע איבעריקע בלוטאָרעמע פּראָפעסאָרישע אוטאָפּיעס געפּלאַנט אויך אַ פאַרשטענדיקונגס־קאָנפערענץ פון אַלע רעגירונגען אין רוסלאַנד, האָט מיר לענין דעם 24־סטן יאַנואַר 1919 אַרויסגעשיקט אויפן דרום־פראָנט אַ שיפרירטע טעלע־גראַמע: „ווילסאָן לייגט פאָר וואָפנשטילשטאַנד און רופט אַרויס אויף אַ קאָנפערענץ אַלע רעגירונגען פון רוסלאַנד... צו ווילסאָנען וועט איר מסתמא מוזן אַרויספאָרן". ווי מען זעט, האָט די עפּיזאָדישע מיינונגס־פאַרשיידנהייט פון דער בריסקער עפּאָכע נישט געשטערט לענינען, אַז ער זאָל זיך ווידער ווענדן צו מיר, ווען אויף דער טאָגאָרדענונג איז געשטאַנען אַ גרויסע דיפּלאָמאַטישע אויפגאַבע, הגם איך בין אין יענעם פעריאָד געווען פאַרזונקען ביז איבערן קאָפּ אין דער מיליטערישער אַרבעט. פון ווילסאָנס שלום־איניציאַטיוו איז, ווי מיר ווייסן, גאָרנישט אַרויסגעקומען, פּונקט ווי פון זיינע אַלע איבע־ריקע פּלענער, אַזוי, אַז פאָרן האָב איך שוין נישט געדאַרפט.

ווי אַזוי לענין, אַ שטייגער, האָט זיך באַצויגן צו מיין מילי־טערישער אַרבעט, דערויף האָבן מיר, אויסער הונדערטער באַווייזן פון לענינען גופא, אויך זייער אַ לעבעדיקע שילדערונג פון מאַקסים גאָרקין:

אַ קלאַפּ טוענדיק מיט דער האַנט איבערן טיש, האָט ער (לענין) געזאָגט: „אַט ווייזט אָן נאָך אויף איין מענטשן, וואָס זאָל זיין פעאיק אין משך פון אַ יאָר צו אָרגאַניזירן כמעט אַ מוסטערהאַפטע אַרמעע, און דערצו נאָך דערוואָרבן די אַכטונג פון מיליטערישע ספּעציאַליסטן. מיר האָבן אַזאַ מענטשן. מיר האָבן אַלץ. און — עס וועלן נאָך וואונ־דער געשען".

אין דעמזעלבן שמועס האָט לענין, לויט גאָרקיס ווערטער, אים

געזאָגט: „יאָ, יאָ, — איך ווייס. דאָרט האַקט מען ליגנס וועגן מיינע באַציונגען צו אים. מען פאַרשפּרייט פיל שקרים, און דער עיקר, שיינט מיר, האַקט מען אַ סך שקרים וועגן מיר און טראָצקין". וואָס וואָלט געזאָגט אויף דערדאָזיקער טעמע לענין ביי היינטיקן טאָג, ווען די שקרים וועגן אונזערע קעגנזייטיקע באַציונגען זענען, אויף צו להכעיס אַלע פאַקטן, דאָקומענטן און לאָגיק, דערהייבן געוואָרן צו אַ מלוכה־קולט.

אַז איך האָב מיך אויפן צווייטן טאָג נאָך דער איבערקערעניש אָפּגעזאָגט פונם קאָמיסאַריאַט פאַר אינערלעכע ענינים, האָב איך מיך צווישן אַנדערן, אויך סומך געווען אויפן נאַציאָנאַלן מאָמענט. אינם קריגסוועזן, האָט מען געקאָנט גלויבן, וועט אפשר דערדאָזיקער מאָמענט אַרויסרופן נאָך גרעסערע קאָמפּליקאַציעס, ווי אין דער ציוויל־פאַרוואַלטונג. אָבער לענין איז געווען גערעכט. אין די יאָרן פון דער רעוואָלוציאָנערער עליה האָט דידאָזיקע פראַגע נישט געשפּילט קיין שום ראָל. די ווייסע האָבן זיך אַפילו געפּרואווט ביי זייער אַגיטאַציע צווישן דער רויטער אַרמעע אויסצונוצן די אַנטיסעמיטישע מאָטיוון, קיין דערפאָלג האָבן זיי אָבער נישט געהאַט. אויף דעם זענען פאַראַן געננוג באַווייזן. אפילו אין דער ווייסער פּרעסע גופא, אין „אַרכיוו פון דער רוסישער רעוואָלוציע", וואָס דערשיינט אין בערלין, דערציילט אַ ווייסגוואַרדייאישער מחבר פאָלגנדיקן פאַרביקן עפּיזאָד: „עמעצער האָט אומישנע אַ פּיקע געטאָן דעם קאָזאַק, וואָס איז געקומען זיך זען מיט אונז, אַז איצט דינט ער און גייט אין קאַמף אונטער דער קאָמאַנדע פון דעם יידן — טראָצקין. „נישט אמת!"... האָט דער קאָזאַק מיט גרויס ברען און איבערצייגונג איינגעווענדט, „טראָצקי איז נישט קיין ייד. טראָצקי איז אַ קעמפער!... אַן אונזעריקער... אַ רוס... אָט לענין, יאָ, דער איז טאַקע אַ קאָמוניסט... אַ ייד. אָבער טראָצקי איז אַן אונזעריקער... אַ קעמפער... אַ רוס... אַן אונזעריקער!"

אַזאַ מין מאָטיוו קאָן מען אויך געפינען ביי באַבעלן, דעם טאַלאַנטפולסטן פון אונזערע יונגע שריפטשטעלער, אין זיין „קאָנאַרמעע". די פראַגע וועגן מיין יידישקייט האָט באַקומען אַ באַדייטונג ערשט ביי דעם אָנהייב פון דער פּאָליטישער העצע קעגן מיר. דער אַנטיסעמיטיזם האָט אויפגעהייבן דעם קאָפּ צוגלייך מיטן אַנטי־טראָצקיזם. ביידע האָבן זיי זיך געשפּייזט פון איין און דעמזעלבן מקור: פון דער קליינבירגערלעכער רעאַקציע קעגן דעם אָקטאָבער.

איין און דרייסיקסטער קאַפּיטל.

די אונטערהאַנדלונגען אין בריסק

דער דעקרעט וועגן שלום איז אָנגענומען געוואָרן פון סאָוויעטן־
צוזאַמענפאָר דעם 26־סטן אָקטאָבער, בעת אין אונזערע הענט האָט
זיך געפונען בלויז פּעטראָגראַד. דעם 6־טן נאָוועמבער האָב איך מיך
דורכן ראַדיאָ־טעלעגראַף געווענדעט צו די אַנטאַנט־מלוכות און צו
די צענטראַל־מאַכטן מיטן פאָרשלאַג צו שליסן אַן אַלגעמיינעם שלום.
די רעגירונגען פון די אַליאירטע האָבן דורך זייערע אַגענטן גע־
מאָלדן דעם הויפּט־קאָמאַנדיר, גענעראַל דוכאָנין, אַז די ווייטערדיקע
שריט אויפן וועג פון סעפּאַראַטע שלום־אונטערהאַנדלונגען וועלן
ברענגען די „שווערסטע פאָלגן“. אויף דערדאָזיקער דראָונג האָב איך
געענטפערט מיט אַן אויפרוף צו אַלע אַרבעטער, זעלנער און פּויערים.
דער זין פון דעמדאָזיקן אויפרוף איז געווען אַ קאַטעגאָרישער: נישט
צוליב דעם האָבן מיר אַראָפּגעוואָרפן אונזער בורזשואַזיע, אַז אונזער
אַרמעע זאָל פאַרגיסן איר בלוט אונטערן שטעקן פון דער אויס־
לענדישער בורזשואַזיע. דעם 22־סטן נאָוועמבער איז אונטערגעשריבן
געוואָרן דער הסכם אָפּצושטעלן די קריגס־אָפּעראַציעס אויפן גאַנצן
פראָנט, פון באַלטישן ביזן שוואַרצן ים. מיר האָבן זיך אויפדאָסניי
געווענדעט מיט אַ פאָרשלאַג צו די אַליאירטע, אַז זיי זאָלן פירן צו־
זאַמען מיט אונז די אונטערהאַנדלונגען וועגן שלום. קיין ענטפער
האָבן מיר נישט באַקומען, אָבער עס האָבן זיך שוין אויך מער נישט
געהערט קיין דראָונגען. עפּעס וואָס האָבן די רעגירונגען פון דער

אַנטאַנט דאָך פאַרשטאַנען. די שלום-אונטערהאַנדלונגען האָבן זיך אָנגעהייבן דעם 9-טן דעצעמבער, אין אָנדערטהאַלבן חדשים אַרום נאָכן אָננעמען דעם דעקרעט וועגן שלום: אַ גענוגער טערמין פאַר די אַנטאַנט-לענדער, כּדי צו באַשטימען זייער שטעלונג צו דער דאָזיקער פראַגע. אונזער דעלעגאַציע האָט גלייך אין אָנהייב אַריינגעטראָגן אַ פּראָגראַם-דעקלאַראַציע וועגן די יסודות פון אַ דעמאָקראַטישן שלום. דער קעגנערישער צד האָט געפאָדערט צו מאַכן אַ הפסקה. די באַנייונג פון דער אַרבעט איז כּסדר אָפּגעלייגט געוואָרן. די דעלעגאַציעס פונם פירפאַכן פאַרבאַנד האָבן ביים פאָרמולירן דעם ענטפער אויף אונזער דעקלאַראַציע איבערגעלעבט פאַרשיידענע אינערלעכע שוועריקייטן. דעם 25-סטן דעצעמבער האָט מען געגעבן דעם ענטפער. די רעגירונגען פונם פירפאַכן פאַרבאַנד האָבן זיך „אָנגעשלאָסן" אָן דער דעמאָקראַטישער שלום-פאָרמולע: אָן אַנעקסיעס און אָן קאָנטריבוציעס, אויף די יסודות פון זעלבסטבאַשטימונג פון די פעלקער. דעם 28-סטן דעצעמבער איז אין פּעטראָגראַד פאָרגעקומען אַ ריזן-דעמאָנסטראַציע לכּבוד דעם דעמאָקראַטישן שלום. נישט טרויענדיק דעם דייטשן ענטפער, האָבן אים אָבער די מאַסן דאָך אויפגענומען, ווי אַ גרויסן מאָראַלישן נצחון פון דער רעוואָלוציע. אויפן צווייטן טאָג אינדערפרי האָט אונזער דעלעגאַציע געבראַכט אונז פון ברעסט-ליטאָווסק די משונה-ווילדע פאָדערונג, וואָס קילמאַן האָט אַרויסגעשטעלט אין נאָמען פון די צענטראַל-מאַכטן. „כּדי צו פאַרשלעפּן די אונטערהאַנדלונגען, איז נויטיק אַ פאַרשלעפּער", האָט לענין געזאָגט. אויף זיין עקשנותדיקן פאַרלאַנג בין איך אַרויסגעפאָרן קיין ברעסט-ליטאָווסק. איך בין מיך מודה, אַז איך בין געפאָרן, ווי צו דער אינקוויזיציע. אַ פרעמדע סביבה און ווייטע מענטשן האָט מיך שטענדיק אָפּגעשראָקן, און דאָ אוודאי און אוודאי. איך קאָן בשום אופן נישט פאַרשטיין יענע רעוואָלוציאָנערן, וואָס ווערן אַזוי גערן געזאַנדטע און שווימען אין דער נייער סביבה, ווי אַ פיש אין באַסיין. אַרום דער ערשטער סאָוויעטישער דעלעגאַציע, מיט יאָפען בראש, האָט מען שטאַרק אַרומגעטאַנצט אין ברעסט-ליטאָווסק. דער באַיערישער פרינץ לעאָפּאָלד האָט זיי אויפגענומען ווי זיינע „געסט". מיטאָג און אָוונט-ברויט האָבן אַלע דעלעגאַציעס געגעסן צוזאַמען. גענעראַל האָפמאַן האָט אוודאי געמוזט מיט אַ געוויסן אינטערעס אָנקוקן די חברטע ביצענקאָ, וואָס האָט אַמאָל דערהרגעט דעם גענעראַל סאַכאַראָוו.

די דייטשן האָבן זיך צעזעצט אין אַן אויסגעמישטער ריי מיט אונזערע און זיך באַמיט „פריינטלעך" אַרויסצוקריגן דאָס, וואָס זיי האָבן געדאַרפט. אין צוזאַמענשטעל פון דער ערשטער דעלעגאַציע איז אַריינגעגאַנגען אַן אַרבעטער, אַ פּויער און אַ זעלנער. דאָס זענען געווען צופעליקע פיגורן, וואָס זענען געווען ווייניק צוגעגרייט צו אַזעלכע אינטריגעס. דעם אַלטן פּויער פלעגט מען ביי מיטאָג אפילו אַ ביסל אָנשיכּורן.

דער שטאַב פון גענעראַל האָפמאַן האָט אַרויסגעגעבן פאַר די געפאַנגענע אַ צייטונג „רוסקי וויעסטניק", וואָס האָט זיך אין דער ערשטער צייט אָפּגערופן וועגן די באָלשעוויקעס נישט אַנדערש, ווי מיט אַ רירנדיקער סימפּאַטיע. „אונזערע לעזער", האָט האָפמאַן דערציילט די רוסישע געפאַנגענע, „פרעגן אונז, ווער איז טראָצקי?" און ער האָט זיי מיט התפעלות דערציילט וועגן מיין קאַמף קעגן צאַריזם און וועגן מיין דייטשן בוך „Russland in der Revolution". „די גאַנצע רעוואָלוציאָנערע וועלט איז געווען אַנטציקט פון זיין געלונגענער פּליטה." און ווייטער: „ווען דער צאַריזם איז איינגעבראָכן געוואָרן, האָבן די געהיימע פריינט פון צאַריזם, גלייך ווי טראָצקי איז נאָר געקומען פון זיין לאַנגיעריקער פאַרשיקונג, אים אַריינגעזעצט אין תפיסה." מיט איין וואָרט, עס זענען נישט געווען קיין פייערדיקערע רעוואָלוציאָנערן, ווי לעאָפּאָלד פון באַיערן און האָפמאַן פון פּרייסן. די דאָזיקע אידיליע האָט אָבער נישט לאַנג אָנגעהאַלטן. אויף דער זיצונג פון דער בריסקער קאָנפערענץ, דעם 7־טן פעברואַר, וואָס איז שוין גאָרנישט געווען ענלעך צו אַן אידיליע, האָב איך באַמערקט, זיך אַרומקוקנדיק אויף צוריק: „מיר זענען גרייט צו באַדויערן יענע פריצייטיקע קאָמפּלימענטן, וואָס די אָפיציעלע דייטשע און עסטרייך-אונגאַרישע פּרעסע האָט אונז געמאַכט. דאָס האָט זיך לחלוטין נישט געפאָדערט פאַרן דערפאָלגרייכן פאַרלויף פון די שלום-אונטערהאַנדלונגען."

די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע איז אויך אין דער דאָזיקער פראַגע געווען בלויז אַ שאָטן פון דער האָהענצאָלערישער און האַבסבורגער רעגירונג. שיידעמאַן, עבערט און אַנדערע האָבן זיך לכתחילה אפילו געפּרואווט אָנצוקלאַפּן אונז אין פּלייצע, מעשה־אַפּוטרופּסים. די ווינער „Arbeiter-Zeitung" האָט דעם 15־טן דעצעמבער פּאַטעטיש געשריבן, אַז דער „דועל" צווישן טראָצקין און ביוקענען איז דער סימבאָל

פֿון דעם גרויסן קאַמף פֿון אונזער צייט: „דער קאַמף פֿון פּראָלעטאַריאַט מיטן קאַפּיטאַל". אין יענע טעג, בעת קילמאַן און טשערגין האָבן אָנגעכאַפּט די רוסישע רעוואָלוציע פֿאַרן גאָרגל, האָבן די עסטרייך־מאַרקסיסטן געזען אין דעם נישט מער ווי אַ „דועל" צווישן טראָצקין און... בּיוקענען. נאָך איצט קאָן מען אָן אַ געפֿיל פֿון עקל נישט דערמאָנען דידאָזיקע צביעות. „טראָצקי," אַזוי האָבן געשריבן די האַבּסבּורגער מאַרקסיסטן, „איז דער באַפּולמעכטיקטער פֿון דעם פֿרידנסווילן פֿון דעם רוסישן אַרבעטער־קלאַס, וואָס שטרעבט צו צערייסן די באַגילדעטע אייזן־קייט, מיט וועלכער עס האָט אים איינגעשמידט דער ענגלישער קאַפּיטאַל." די פֿירער פֿון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע זענען פֿרייוויליק געזעסן אויף דער קייט פֿונם עסטרייך־דייטשן קאַפּיטאַל און געהאָלפֿן זייער רעגירונג מיט געוואַלט אָנצוטאָן דידאָזיקע קייט אויף דער רוסישער רעוואָלוציע. אין די שווערסטע צייטן פֿון בריסק, ווען מיר אָדער לעינינען זענען אַריינגעפֿאַלן אין די הענט דער בערלינער „Vorwärts" אָדער די ווינער „Arbeiter-Zeitung", האָבן מיר איינאַנדער געוויזן די מיט אַ קאָלירטער בלייפֿעדער אונטערגעשטראָכענע שורות, געשווינט אַ קוק געטאָן איינער אויפֿן צווייטן און אָפּגעווענדט די אויגן מיט אַן אומבאַשרייבלעכן געפֿיל פֿון חרפּה פֿאַר דידאָזיקע הערן, וואָס זענען, ווי נישט ווי, ערשט נעכטן נאָך געווען אונזערע חברים אין אינטערנאַציאָנאַל. ווער עס איז מיט אַ קלאָרן באַוואוסטזיין דורכגעגאַנגען דעמדאָזיקן פּעריאָד, דער האָט שוין אויף שטענדיק פֿאַרשטאַנען, אַז ווי עס זאָלן נישט זיין די וואַקלענישן פֿון דער פּאָליטישער קאָניונקטור—אָבער די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע איז שוין היסטאָריש טויט.

כּדי צו מאַכן אַ סוף מיטן דאָזיקן אומפּאַסיקן מאַסקאַראַד, האָב איך אין אונזער פּרעסע געשטעלט די פֿראַגע, צי וועט אויך דער דייטשער שטאַב נישט דערציילן די דייטשע זעלנער פֿון קאַרל ליבקנעכט און ראָזאַ לוקסעמבורג? אויף דערדאָזיקער טעמע האָבן מיר אַרויסגעלאָזט אַן אויפֿרוף צו די דייטשע זעלנער. דער „וויעסטניק" פֿון גענעראַל האָפֿמאַן האָט פֿאַרלאָרן דעם לשון. גלייך נאָך מיין אָנקומען קיין בריסק האָט האָפֿמאַן אויפֿגעהייבן אַ פּראָטעסט קעגן אונזער פּראָפּאַגאַנדע אין דער דייטשער אַרמעע. איך האָב מיך אָפּגעזאָגט צו שמועסן אויף דערדאָזיקער טעמע און האָב פֿאָרגעלייגט דעם גענעראַל צו פֿירן ווייטער זיין אייגענע פּראָפּאַגאַנדע אין דער

רוסישער אַרמעע: די באַדינגונגען זענען גלייכע, דער חילוק איז נאָר אין כאַראַקטער פון דער פּראָפּאַגאַנדע. איך האָב ביי דערדאָזיקער געלעגנהייט דערמאָנט, אַז דאָס, וואָס אונזערע מיינונגען פאַלן נישט צוזאַמען וועגן געוויסע אומוויכטיקע פראַגן, איז שוין אַ באַקאַנטע זאַך פון לאַנג און איז אַפילו באַשטעטיקט געוואָרן דורך איינעם פון די דייטשע געריכטן, וואָס האָט מיך בעתן קריג אין מיין אָפּוועזנהייט פאַראורטיילט צו תּפיסה. אַזאַ אומטאַקטישע ערינערונג האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַן אומגעהייערן סקאַנדאַל. ביי אַ סך הויכגעשטעלטע מלוכה-לייט האָט פאַרכאַפּט דער אָטעם. קילמאַן (זיך ווענדנדיק צו האָפמאַנען): „צי ווילט איר אַ וואָרט?" האָפמאַן: „ניין, גענוג!"

אַלס פאָרזיצער פון דער סאָוויעטישער דעלעגאַציע, האָב איך באַשלאָסן שאַרף איבערצורייסן דידאָזיקע פאַמיליערע באַציונגען, וואָס האָבן זיך אומבאַמערקט איינגעשטעלט אין דעם ערשטן פּעריאָד. דורך אונזערע מיליטערלייט האָב איך געגעבן צו פאַרשטיין, אַז איך האָב גאָרנישט בדעה זיך פאָרצושטעלן פאַר דעם בייערישן פּרינץ. דאָס איז גענומען געוואָרן צו קענטעניש. איך האָב געפאָדערט באַזונדערע מיטאָגן און אָוונטברויטן, מאָטיווירנדיק עס דערמיט, וואָס בעת די הפסקות מוזן מיר אָפּהאַלטן באַראַטונגען. אויך דאָס איז אָנגענומען געוואָרן שטילשווייגנדיק. דעם 7-טן יאַנואַר האָט טשערנין פאַרצייכנט אין זיין טאָגבוך: „פאַרמיטאָג זענען אָנגעקומען אַלע רוסן אונטער דער אָנפירונג פון טראָצקין. זיי האָבן גלייך געגעבן צו וויסן, אַז זיי אַנטשולדיקן זיך, וואָס זיי וועלן מער נישט קאָנען קומען צו די געמיינזאַמע מאָלצייטן. מען זעט זיי בכלל נישט אָן. דאָסמאָל בלאָזט גאָר אַן אַנדער ווינט, ווי דאָס לעצטע מאָל (ז. 316). די פאַלש-פריינטשאַפטלעכע באַציונגען זענען איצט געוואָרן טרוקן-אָפיציעלע. דאָס איז אַוודאי געווען פונקט צו דער רעכטער צייט, ווייל פון די אַקאַדעמישע גערעדערייען וועגן אַ הסכם האָט מען איצט געמוזט איבערגיין צו קאָנקרעטע פראַגן וועגן שלום-אָפּמאַך.

קילמאַן איז געווען מיט אַ קאָפּ העכער פון טשערנינען און אפשר אויך פון די איבעריקע דיפּלאָמאַטן, מיט וועלכע מיר איז אויסגעקומען זיך צו באַגעגענען אין די נאָכמלחמהדיקע יאָרן. אין אים האָט זיך געפילט אַ כאַראַקטער, אַן אומגעוויינלעכער פּראַקטישער שכל און אַ גענוגלעכע מאָס בייזקייט, וואָס ער האָט אַרויסגעוויזן נישט בלויז קעגן אונז—דאָ האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף אַ ווידערשטאַנד—

נאָר איך קעגן זיינע טייערע פאַרבינדעטע. ווען קילמאַן האָט, ביים באַהאַנדלען די פראַגע וועגן די טעריטאָריעס, וואָס זענען אָקופּירט געוואָרן דורך דער אַרמעע, זיך אַ שטעל אויף געטאָן און מיט אַן אויפגעהייבענער שטימע זיך אָנגערופן: „אונזער דייטשע טעריטאָריע איז, גאָט צו דאַנקען, פון קיינעם און אין ערגעץ נישט אָקופּירט", האָט זיך גראַף טשערנין מיטאַמאָל אײַנגעשרומפּן און געוואָרן גרין און געל. קילמאַן האָט דירעקט געצילט אין אים. זייערע באַציונגען האָבן צום ווייניקסטן דערמאָנט אין אַן אויפריכטיקער פריינטשאַפט. שפּעטער, ווען דער שמועס האָט זיך איבערגעטראָגן אויף פּערסיע, וואָס איז פון צוויי זייטן אָקופּירט געוואָרן דורך די אויסלענדישע אַרמעען, האָב איך באַמערקט, אַז אַזוי ווי פּערסיע איז מיט קיינעם נישט פאַרבונדן, ווי עסטרייך—אונגאַרן, גיט זי נישט קיינעם פון אונז קיין שום גרונט פאַר פרומער שאָדנפרייד, וואָס זי, פּערסיע, און נישט אונזער אייגן לאַנד, איז אָקופּירט. טשערנין איז אַפילו אויפגעשפּרונגען מיטן אויסרוף: "unerhört" לויט דער פאָרם האָט זיך דערדאָזיקער אויסרוף באַצויגן צו מיר. אין דער ווירקלעכקייט אָבער— צו קילמאַנען. אַזעלכע עפּיזאָדן זענען געוועזן נישט ווייניק.

ווי אַ גוטער שאַכשפּילער, וואָס ווערט קאַליע, ווייל ער איז אַ לאַנגע צייט געצוואונגען צו שפּילן מיט שוואַכע קעגנער, אַזוי איז אויך קילמאַן, וואָס האָט זיך בעתן קריג געפונען אויסשליסלעך אין קרייז פון זיינע עסטרייך-אונגאַרישע, טערקישע, בולגאַרישע און נייטראַלע דיפּלאָמאַטישע וואַסאַלן, לכתחילה געוועזן געניגט אונטערצושאַצן זיינע רעוואָלוציאָנערע קעגנער און צו פירן דאָס שפּיל זייער פּושעריש. ער האָט מיך אָפּט, באַזונדערס אין דער ערשטער צייט, ממש איבערראַשט מיט דער פּרימיטיווקייט פון זיינע האַנדלונגען און מיטן פּשוטן נישט פאַרשטיין די פּסיכאָלאָגיע פון קעגנער.

ווען איך בין געגאַנגען צום ערשטן מאָל זיך טרעפן מיט די דיפּלאָמאַטן, בין איך געווען שטאַרק אויפגערעגט. אין פּאָרצימער, ביי דעם קליידער-הענגער, האָב איך מיך אָנגעשטויסן אויף קילמאַנען. איך האָב אים נישט געקענט. ער האָט זיך אַליין פאָרגעשטעלט און גלייך אויפן אָרט צוגעגעבן, אַז ער איז „זייער צופרידן" מיט מיין קומען, ווייל עס איז שטענדיק בעסער צו האָבן אַן עסק מיטן הער אַליין, איידער מיט זיין שליח. דאָס מינע-שפּיל אויף זיין פּנים האָט עדות געזאָגט, אַז ער איז זייער צופרידן מיטן דאָזיקן „פיינעם" צוג.

וואָס איז אויסגערעכנט אויף דער פּסיכאָלאָגיע פון אַ „פּאַרוועני“. איך האָב געהאַט אַזאַ געפיל, ווי איך וואָלט אַריינגעטרעטן אין שמוץ. איך בין אַפילו אומגערן אָפּגעשפּרונגען אַ טריט צוריק. קילמאַן האָט פאַרשטאַנען דעם טעות, וואָס ער האָט געמאַכט, איז געוואָרן פאָרזיכטיקער און האָט באַלד אָנגענומען אַ טרוקענעם טאָן. דאָס האָט אים נישט געשטערט אין מיין קעגנוואַרט אָנצווענדן דיזעלבע טאַקטיק בנוגע דעם אָנפירער פון דער טערקישער דעלעגאַציע, וואָס איז געווען אַן אַלטער הויף־דיפּלאָמאַט. פאַרשטעלנדיק מיר זיינע קאָלעגן, האָט קילמאַן אָפּגעוואַרט ביז דער אָנפירער פון דער טערקישער דעלעגאַציע האָט זיך אויף אַ טריט דערווייטערט; דעמאָלט האָט ער זיך אָנגערופן מיט אַ קאָנפידענציעלן שעפּטשען, וואָס איז געווען אויסגערעכנט, אַז יענער זאָל הערן: „דאָס איז דער בעסטער דיפּלאָמאַט אין אייראָפּע“. אַז איך האָב עס דערציילט יאָפען, האָט ער לאַכנדיק געענטפערט: „ביי דער ערשטער באַגעגעניש מיט מיר האָט קילמאַן געמאַכט פונקט דאָסזעלבע“. עס איז געווען זייער ענלעך צו דעם, אַז קילמאַן גיט „דעם בעסטן דיפּלאָמאַט“ אַ פּלאַטאָנישע קאָמפּענסאַציע פאַר עפּעס אַזעלכע אומפּלאַטאָנישע אויספּרעסונגען. עס איז מעגלעך, אַז קילמאַן האָט דערמיט דערגרייכט אויך אַ זייטיקן ציל, געבנדיק צו פאַרשטיין טשערנינען, אַז ער האַלט אים בשום אופן נישט פאַרן בעסטן דיפּלאָמאַט — נאָך זיך. דעם 23-סטן דעצעמבער האָט קילמאַן, לויט טשערנינס ווערטער, אים געזאָגט: „דער קייזער איז דער איינציקער קלוגער מענטש אין גאַנץ דייטשלאַנד“. מען דאַרף אָננעמען, אַז דידאָזיקע ווערטער זענען נישט אַזוי וויט געווען באַשטימט פאַר טשערנינען, ווי פאַרן קייזער גופא. ביים איבערגעבן חניפה־רייד לויט דעם געהעריקן אַדרעס האָבן די דיפּלאָמאַטן איינער דעם צווייטן אָן שום ספק זייער גוט געדינט.

Flattez, flattez, il en restera toujours quelque chose. (*

מיט דעמדאָזיקן קרייז מענטשן האָב איך מיר צום ערשטן מאָל באַגעגענט פּנים אל פּנים. עס איבעריק צו זאָגן, אַז איך האָב מיר אויך פריער נישט געמאַכט קיין גרויסע אילוזיעס אין באַצוג צו זיי. איך האָב זיך משער געווען, אַז נישט קיין געטער ברענען טעפּ. דאָך אָבער בין איך מיך מודה, אַז איך האָב מיר דעם ניוואָ פאָרגע־

*) חנפעט, חנפעט, ס׳וועט נאָך שטענדיק עפּעס בלייבן.

שטעלט העכער, ווי ער איז אין דערווירקלעכקייט. דעם איינדרוק פון דער ערשטער באַגעגעניש וואָלט איך געקענט פאָרמולירן מיט דידאָזיקע ווערטער: די מענטשן שאַצן איינאַנדער זייער ביליק, אָבער אויך נישט אַזוי טייער — זיך גופא.

אין דעמדאָזיקן צוזאַמענהאַנג וועט נישט זיין איבעריק צו דערציילן פאָלגנדיקן עפּיזאָד. לויט דער איניציאַטיוו פון וויקטאָר אַדלער, וואָס האָט זיך אין יענע טעג באַמיט אויף פאַרשיידענע אופנים אַרויסצוּווייזן מיר זיין פּערזענלעכע סימפּאַטיע, האָט מיר גראַף טשערנין פאָרגעלייגט איבערצושיקן קיין מאָסקווע מיין ביבליאָטעק, וואָס איז נאָך אָנהייב קריג פאַרבליבן אין ווין. די ביבליאָטעק האָט געהאַט אַ געוויסן ווערט, ווייל אין משך פון די לאַנגע עמיגראַציע־יאָרן האָב איך אָנגעזאַמעלט אַ גרויסע קאָלעקציע פון דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער ליטעראַטור. איך האָב נאָך אַפילו נישט באַוויזן גאַנץ שטייף צו באַדאַנקען דעם דיפּלאָמאַט, ווי ער האָט מיר גלייך אויפן אָרט געבעטן זיך צו פאַראינטערעסירן מיט צוויי עסטרייכישע קריגסגעפאַנגענע, וואָס ווערן ביי אונז כלומרשט שלעכט באַהאַנדעלט. דער דירעקטער און, איך וואָלט געזאָגט, באַטאָנטער איבערגאַנג פון דער ביבליאָטעק צו די געפאַנגענע — געהאַנדעלט האָט עס זיך, נאַטירלעך, נישט וועגן זעלנער, נאָר וועגן אָפיצירן, וואָס האָבן אָנגעהערט צו דעם נאָענטן קרייז פון גראַף טשערנין — האָט מיר אויסגעזען שוין צופיל אומזשעני́רט. איך האָב טרוקן געענטפערט, אַז אויב טשערנינס אינפאָרמאַציעס וועגן די געפאַנגענע זענען ריכטיק, וועל איך, לויט מיין חוב, טאָן אַלץ, וואָס עס איז נויטיק, אָבער מיט מיין ביבליאָטעק האָט דידאָזיקע פראַגע לגמרי קיין שום שייכות נישט. אין זיינע מעמואַרן גיט טשערנין איבער דעמדאָזיקן עפּיזאָד גענוג ריכטיק, נישט אָפּלייקענענדיק אַפילו דאָס, אַז ער האָט געפּרואווט פאַרבינדן די פראַגע וועגן די געפאַנגענע מיט דער ביבליאָטעק; פאַרקערט, אין דעם זעט ער, קענטיק, נישט איין קיין שום שלעכטע זאַכען. זיין דערציילונג פאַרענדיקט ער מיט דערדאָזיקער צווייידייטיקער פראַזע: „די ביבליאָטעק וויל ער האָבן" (ז. 320). מיר בלייבט נאָר צוצוגעבן, אַז באַקומענדיק די ביבליאָטעק, האָב איך זי גלייך איבערגעשיקט אין איינער פון די וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוציעס אין מאָסקווע.

עס האָבן זיך געשאַפן אַזעלכע היסטאָרישע אומשטענדן, אַז די דעלעגאַטן פון דעם רעוואָלוציאָנערסטן רעזשים, וואָס איז ווען עס איז

געווען באַוואוסט דער מענטשהייט, האָבן געמוזט זיצן בײַ איין טיש מיט די דיפּלאָמאַטישע פאַרטרעטער פון דער רעאַקציאָנערסטער קאַסטע צווישן אַלע הערשנדיקע קלאַסן. ווי ווײַט אונזערע קעגנער האָבן זיך געשראָקן פאַר דער עקספּלאָזיע־קראַפט פון די פאַרהאַנדלונגען מיט די באָלשעוויקעס, באַווײַזט דער פאַקט, אַז זיי זענען געווען מוכן ומזומן בעסער איבערצורײַסן די אונטערהאַנדלונגען, איידער זיי אַריבערצוטראָגן אין אַ נייטראַלן לאַנד. אין זײַנע מעמואַרן זאָגט טשערנין גאַנץ אָפן, אַז אין אַ נייטראַלן לאַנד וואָלטן די באָלשעוויקעס מיט דער הילף פון זייערע אינטערנאַציאָנאַלע פרײַנט זיכער אַרײַנגעכאַפּט די לייטשעס אין זייערע הענט. אָפיציעל האָט זיך טשערנין פאַררופן אויף דעם, אַז אין אַ נייטראַלער סביבה וואָלטן ענגלאַנד און פראַנקרײַך תּיכּף אָנגעהייבן זייערע אינטריגעס „סײַ עפנטלעך און סײַ הינטער די קוליסן". איך האָב אים געענטפערט, אַז אונזער פּאָליטיק באַגייט זיך בכלל אָן קוליסן, ווײַל דעמדאָזיקן אינסטרומענט פון דער אַלטער דיפּלאָמאַטיע האָט דאָס רוסישע פאָלק צוזאַמען מיט נאָך אַ סך אַנדערע זאַכן ראַדיקאַל אויסגעראָטן דורך זײַן נצחונדיקן אויפשטאַנד דעם 25-סטן אָקטאָבער. מיר זענען אָבער געווען געצוואונגען זיך צו בויגן פאַרן אולטימאַטום און בלײַבן אין ברעסט־ליטאָווסק.

מיט דער אויסנאַם פון עטלעכע בנינים, וואָס זענען געשטאַנען אָן אַ זײַט פון דער אַלטער שטאָט און זענען געווען באַזעצט פונם דײַטשן שטאַב, האָט ברעסט-ליטאָווסק אייגנטלעך מער נישט עקזיסטירט. די צוריקלויפנדיקע צאַרישע אַרמייען האָבן אין זייער אומבאַהאָלפענער רציחה אינגאַנצן פאַרברענט די שטאָט. ס'ווײַזט אויס, אַז טאַקע דערפאַר האָט דאָ האָפמאַן באַזעצט זײַן שטאַב, כּדי ער זאָל אים קאָנען לײַכטער האַלטן אין פויסט. די מעבלירונג, ווי דאָס עסן האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער פשטות. די באַדינונג איז באַשטאַנען פון דײַטשע זעלנער. מיר זענען געווען פאַר זיי די מבשרים פון שלום, און זיי האָבן געקוקט אויף אונדז מיט האָפענונג. אַרום די שטאַב-בנינים האָט זיך אין פאַרשיידענע ריכטונגען געצויגן אַ הויכער פאַרקאַן פון שטעכעדיקן דראָט.

אינדערפרי, ביים שפּאַציר, האָב איך מיך אָנגעשטויסן אויף אַזעלכע אויפשריפטן: „דער רוס, וועלכן מען וועט דאָ אָנטרעפן, וועט דערשאָסן ווערן". דאָס האָט זיך באַצויגן אויף די געפאַנגענע. איך האָב זיך געפרעגט, צי באַציט זיך נישט דידאָזיקע אויפשריפט אויך

אויף מיר — מיר זענען דאָ אויך געווען האַלבגעפּאַנגענע — און זיך אומגעקערט צוריק. דורך בריסק האָט זיך געצויגן אַן אויסגעצייכנטער סטראַטעגישער שאָסיי. אין די ערשטע טעג זענען מיר אַרומגעפאָרן שפּאַצירן אין די שטאַב-אויטאָס. אַ מיטגליד פון אונזער דעלעגאַציע האָט אָבער אויף דעם באַדן געהאַט אַ קאָנפליקט מיט אַ דייטשן אונטעראָפיציר. האָפמאַן האָט זיך דערויף באַקלאָגט פאַר מיר אין אַ בריוו. איך האָב אים געענטפערט, אַז מיר זאָגן זיך אָפּ מיט דאַנק פון די אויטאָס, וואָס מען האָט אונז צוגעשטעלט צו אונזער דיספּאָזיציע. די פאַרהאַנדלונגען האָבן זיך פאַרשלעפּט. סיי מיר און סיי אונזערע קעגנער האָבן זיך געמוזט קאָמוניקירן מיט די רעגירונגען דורך דער דירעקטער לייטונג. גאַנץ אָפט פלעגט די קאָמוניקאַציע-לייטונג איבערגעריסן ווערן. צי זענען עס באמת שטענדיק געווען בלויז פיזישע סיבות, אָדער אפשר טאַקע פאַרמאַסקירטע שטערונגען, צוגעטראַכט פון קעגנער, כדי אַזוי-אַרום צו געווינען צייט, — דאָס האָבן מיר נישט גע-קאָנט נאָכקאָנטראָלירן. די זיצונגען זענען כסדר איבערגעריסן געוואָרן און אָפּטמאָל אויף עטלעכע טעג צייט. בעת איינער פון דידאָזיקע הפסקות האָב איך געמאַכט אַ נסיעה קיין וואַרשע. די שטאָט האָט געלעבט אונטערן דייטשן באַיאָנעט. די באַפעלקערונג האָט זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט די סאָוויעטישע דיפּלאָמאַטן, אָבער זי האָט עס אויסגעדריקט גאַנץ פאָרזיכטיק: קיינער האָט נישט געוואוסט, ווי אַזוי דאָס אַלץ וועט זיך ענדיקן.

די פאַרשלעפּונג פון די פאַרהאַנדלונגען איז אונז געווען זייער אויף דער האַנט. צו דעם צוועק בין איך אייגנטלעך געפאָרן קיין בריסק. אָבער איך קאָן מיר אין דעם פּרט נישט צושרייבן קיין שום פאַרדינסט. מיינע פאַרטניערן האָבן מיר דערין צוגעהאָלפן, וויפל זיי האָבן נאָר געקאָנט.

„צייט האָט מען דאָ גענוג", שרייבט טשערנין מעלאַנכאָליש אַריין אין זיין טאָגבוך. „דאָ זענען די טערקן נישט פאַרטיק, דאָ, ווידער, די בולגאַרן, דאָ שלעפּן אָפּ די רוסן, — און די זיצונגען ווערן ווידער אָפּגעלייגט, אָדער קוים אָנגעהייבן — פּלוצלונג איבערגעריסן". די עסטרייכער האָבן פון זייער זייט אָנגעהייבן אָפּשלעפּן די אונטער-האַנדלונגען, בעת זיי האָבן זיך אָנגעשטויסן אויף שוועריקייטן מצד דער אוקראַינישער דעלעגאַציע. דאָס האָט, פאַרשטייט זיך, גאָרנישט געשטערט, אַז קילמאַן און טשערנין זאָלן אין זייערע עפנטלעכע

אַרויסטרעטונגען באַשולדיקן אויסשליסלעך די רוסישע דעלעגאַציע אין אָפּשלעפּן די אונטערהאַנדלונגען, קעגן וואָס איך האָב ענערגיש, אָבער אומזיסט פּראָטעסטירט.

פון די אומגעלומפּערטע קאָמפּלימענטן פון דער אָפּיציעזער דייטשער פּרעסע אויפן אַדרעס פון די באָלשעוויקעס — און אויסער די אומלעגאַלע פלוגבלעטער האָט דעמאָלט די גאַנצע פּרעסע געטראָגן אַן אָפּיציעזן כאַראַקטער — איז צום סוף פון די פאַרהאַנדלונגען ממש קיין זכר נישט געבליבן. די „Tägliche Rundschau“ למשל, האָט זיך נישט בלויז באַקלאָגט אויף דעם, וואָס „אין ברעסט-ליטאָווסק האָט זיך טראָצקי געשאַפן אַ קאַטעדרע, פונוואַנען זיין שטימע לאָזט זיך הערן איבער דער גאַנצער וועלט“, נאָר זי האָט אויך געפאָדערט וואָס גיכער צו מאַכן דערצו אַ סוף, און האָט אָפן דערקלערט, „אַז נישט לעגין און נישט טראָצקי ווילן נישט קיין שלום, וועלכער וועט זיי העכסט וואַרשיינלעך דערפירן צו דער תּליה אָדער אין תּפיסה“. אַזוי האָט פאַקטיש אויך געקלונגען דער טאָן פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פּרעסע. די שיידעמאַנס, עבערטס און שטאַמפּפערס האָבן אונזער גאַנצן חטא געזען אין דעם, וואָס מיר האָבן אויסגערעכנט אויף דער דייטשער רעוואָלוציע. דידאָזיקע הערן זענען געווען אומענדלעך ווייט פון דעם געדאַנק, אַז די רעוואָלוציע וועט זיי אין עטלעכע חדשים אַרום אַ נעם טאָן פאַרן קאַרג און אַוועקשטעלן ביי דער מאַכט.

נאָך אַ לאַנגער הפסקה האָב איך מיט גרויס אינטערעס געלייענט אין בריסק די דייטשע צייטונגען, אין וועלכע די בריסקער פאַרהאַנדלונגען זענען זייער זאָרגעווודיק און טענדעציעז באַארבעט געוואָרן. אָבער די צייטונגען אַליין האָבן נאָך נישט אויסגעפילט די גאַנצע צייט. איך האָב באַשלאָסן אויסצונוצן אויף אַ ווייט-גייענדיקסטן אופן די אויפגעצוואונגענע הפסקות, וועלכע וועלן זיך, ווי מען האָט געקאָנט פאָרויסזען, אַזוי גיך נישט איבערחזרן. מיר האָבן געהאַט עטלעכע גוטע סטענאָגראַפיסטינס פון אַלטן פּערסאָנאַל פון דער גאָסודאַרסטווענע דומע. איך האָב זיי דיקטירט פון זכרון אַ היסטאָרישן עסקיז פון דער אָקטאָבער-איבערקערעניש. אויף דעם אופן איז, דיקטירנדיק עטלעכע מאָל, אויסגעוואַקסן אַ גאַנץ בוך, וואָס איז קודם-כל געווען באַשטימט פאַר די אויסלענדישע אַרבעטער. די נויטווענדיקייט זיי צו דערקלערן דאָס, וואָס עס איז פאָרגעקומען, איז געווען

צו דרינגלעך. איך האָב מיט לענינען וועגן דעם נישט איינמאָל גע־רעדט, אָבער קיינער פון אונז האָט נישט געהאַט קיין פרייע מינוט. צום וויניקסטן האָב איך מיך געריכט, אַז בריסק זאָל ווערן פאַר מיר אַן אָרט פון ליטעראַרישער אַרבעט. לענין איז ממש געווען גליקלעך, ווען איך האָב געבראַכט אַ פאַרטיקן מאַנוסקריפט וועגן דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. ביידע האָבן מיר אין דעמדאָזיקן כתב־יד געזען אַ באַ־שיידענע גאַראַנטיע פון דעם קינפטיקן רעוואָלוציאָנערן רעוואַנש פאַרן שווערן שלום. דאָס ביכל איז באַלד איבערגעזעצט געוואָרן אויף אַ טוץ אייראָפּעישע און אַזיאַטישע שפּראַכן. נישט געקוקט אויף דעם, וואָס אַלע פאַרטייען פון קאָמאינטערן, אָנגעהייבן פון דער רוסישער, האָבן אַרויסגעלאָזט דאָסדאָזיקע ביכל אין אומצייליקע אויסגאַבן, האָט עס אָבער נאָכן יאָר 1923 נישט געשטערט די עפּיגאָנען צו דערקלערן עס פאַר אַ שלעכטן פּראָדוקט פון טראָצקיזם. איצט גייט דאָס ביכל אַריין אין סטאַלינס אינדעקס פון פאַרבאָטענע ביכער. אין דעמדאָזיקן נישט וויכטיקן עפּיזאָד דריקט זיך אויס איינע פון די פיל אידעיִשע הכנות פון טערמידאָר. פאַר זיין נצחון איז קודם־כל נויטיק איבער־צושניידן דעם נאָפּלשנור ביים אָקטאָבער־יורש...

די דיפּלאָמאַטן פון קעגנערישן צד האָבן אויך געפונען מיטלען ווי אַזוי אויסצופילן די צו לאַנגע בריסקער הפסקות. גראַף טשערנין, ווי מיר דערוויסן זיך פון זיין טאָגבוך, איז נישט בלויז געפאָרן אויף יאַגד, נאָר ער האָט אויך פאַרברייטערט זיין האָריזאָנט מיטן לייענען מעמואַרן פון דער עפּאָכע פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. ער האָט פאַרגליכן די באָלשעוויקעס מיט די יאַקאָבינער און אויף דעם אופן זיך געפרואווט קומען צו טרייסטפולע אויספירונגען. דער האַב־סבורגער דיפּלאָמאַט שרייבט: „שאַרלאָטע קאָרדע האָט געזאָגט: „איך האָב דערהרגעט נישט קיין מענטשן, נאָר אַ ווילדע חיה". דידאָזיקע באָלשעוויקעס וועלן ווידער פאַרשווינדן, און ווער ווייסט, צי וועט זיך נישט געפינען אַ קאָרדע אויך פאַר טראָצקין" (ז. 310). איך האָב, נאַטירלעך, אין יענע טעג נישט געוואוסט פון דידאָזיקע אַריינטראַכ־טונגען, וואָס האָבן געדאַרפט מציל זיין די נשמה פון דעם גאָטס־פאָרכטיקן גראַף. איך גלויב אָבער גערן אין זייער אויפריכטיקייט.

אויפן ערשטן בליק קען עס אַפילו אויסזען אומפאַרשטענדלעך, אויף וואָס האָט, אייגנטלעך, די דייטשע דיפּלאָמאַטיע גערעכנט, בעת זי האָט דעם 25־סטן אָקטאָבער דעקלאַרירט אירע דעמאָקראַטישע

פאָרמולעס, כּדי טאַקע באַלד, אין עטלעכע טעג אַרום, אַרויסצוּווייזן איר וועלפישע אַפּעטיטן. צום ווייניקסטן ריזיקאַליש פאַר דער דייטשער רעגירונג זענען געווען די טעאָרעטישע דיסקוסיעס איבער דער נאַציאָנאַלער זעלבסטבאַשטימונג, וואָס האָבן זיך אין אַ גרויסער מאָס אַנטוויקלט אַ דאַנק קילמאַנס איניציאַטיוו. אַז די דיפּלאָמאַטיע פון די האָהענצאָלערן קאָן אויפן דאָזיקן וועג נישט באַגליקט ווערן, האָט לכתּחילה פאַר איר אַליין געדאַרפט זיין קלאָר. קילמאַן האָט פאַר יעדן פּרייז געוואָלט באַווייזן, אַז דאָס פאַרכאַפּן מצד דייטשלאַנד פּוילן, ליטע, די באַלטישע פּראָווינצן און פינלאַנד איז נישט אַנדערש, ווי אַ „זעלבסטבאַשטימונגס"-פאָרם פון דידאָזיקע פעלקער, מחמת זייער ווילן קומט צום אויסדרוק — דורך „נאַציאָנאַלע" אָרגאַנען, וואָס זענען געשאַפן געוואָרן דורך... דער דייטשער אָקופּאַציע-מאַכט. ס'איז גאָרנישט לייכט געווען דאָס צו באַווייזן, אָבער קילמאַן האָט נישט אַוועקגעלייגט דאָס געווער. ער האָט מיך געפרעגט מיט עקשנות, צי וועל איך, למשל, נישט מרוצה ווערן צו אָנערקענען דעם ניזאַם פון האידעראַבאַד אַלס דעם טרעגער פון פאָלקסווילן פון די אינדיער. איך האָב געענטפערט, אַז קודם-כּל מוזן זיך די ענגלישע אַרמעען אַרויסטראָגן פון אינדיע, און אַז דעמאָלט וועט זיך דער חשובער ניזאַם מער ווי פיר און צוואַנציק שעה זיכער נישט קאָנען האַלטן אויף די פיס. קילמאַן האָט נישט העפלעך געקוועטשט מיט די אַקסלען. גענעראַל האָפמאַן האָט געברומט אויפן גאַנצן זאַל. דער איבערזעצער האָט איבערגעזעצט. די סטענאָגראַפיסטינס האָבן געשריבן. די דעבאַטן האָבן זיך געצויגן אָן אַ סוף.

דער סוד אין דער האַלטונג פון דער דייטשער דיפּלאָמאַטיע איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס קילמאַן איז, אַפּנים, לכתּחילה געווען פעסט איבערצייגט אין אונזער גרייטקייט צו שפּילן מיט אים אין פיר הענט. ער האָט מסתּמא געמאַכט אַזאַ מין חשבון: די באָלשעוויקעס האָבן באַקומען די מאַכט אַ דאַנק זייער קאַמף פאַרן שלום. בלייבן ביי דער מאַכט קאָנען זיי נאָר מיטן תּנאי, אַז זיי וועלן שליסן אַ שלום. אמת, זיי האָבן זיך געבונדן דורך דעמאָקראַטישע באַדינגונגען. אָבער צו וואָס עקזיסטירן אויף דער וועלט דיפּלאָמאַטן? ער, קילמאַן, וועט אין אַן אָנשטענדיקער דיפּלאָמאַטישער איבערזעצונג אָפּגעבן די באָלשעוויקעס צוריק זייערע רעוואָלוציאָנערע פאָרמולעס, די באָלשעוויקעס וועלן אים דערפאַר געבן די מעגלעכקייט אויף אַ פאַרמאַסקירטן

אופן צו דערווערבן פּראָווינצן און פעלקער די דייטשע אַנעקסיע ווערט פאַר די אויגן פון דער גאַנצער וועלט באַקומען די סאַנקציע פון דער רוסישער רעוואָלוציע. די באָלשעוויקעס אָבער וועלן דערפאַר באַקומען דעם שלום. צו דעמדאָזיקן טעות קילמאַנס האָבן אָן שום ספק צוגעהאָלפן אונזערע ליבעראַלן, די מענשעוויקעס און נאַראָדניקעס, וואָס האָבן נאָך פריער געשילדערט די בריסקער פאַרהאַנדלונגען, ווי אַ קאָמעדיע מיט פאַרטיילטע ראָלן.

נאָכדעם, ווי מיר האָבן אונזערע בריסקער פאַרטניערן באַוויזן מער ווי אומצווייִדייטיק, אַז פאַר אונז האַנדלט זיך דאָ נישט וועגן אַ צביעותדיקער פאַרשלייערונג פון עפּעס אַ הינטערקוליסן־אָפּמאַך, נאָר וועגן פּרינציפּן פון אַ צוזאַמענלעבן צווישן פעלקער, האָט קילמאַן, וואָס האָט זיך שוין געבונדן דורך זיין אויסגאַנגס־פּאָזיציע, אויפגענומען אונזער האַלטונג כמעט אַזוי, ווי מיר וואָלטן עובר געווען אויף אַ שטילן אָפּמאַך, וואָס האָט עקזיסטירט אויסשליסלעך אין זיין פאַנטאַזיע. ער האָט בשום אופן נישט געוואָלט פאַרלאָזן דעם באָדן פון די דעמאָקראַטישע פּרינציפּן פון דעם 25־סטן דעצעמבער. זיך שטיצנדיק אויף זיינע גאַנץ היפּשע קאַזואיסטישע פעאיקייטן, האָט ער געהאָפט צו דערווייזן דער וועלט, אַז ווייס שיידט זיך גאָרנישט אונטער פון שוואַרץ. גראַף טשערנין האָט קילמאַנען זייער אומגעלומפּערט סעקונדירט און, לויט קילמאַנס דירעקטיוו—זיך אונטערגענומען אָפּצוגעבן אין אַלע קריטישע מאָמענטן די שאַרפסטע און ציינישסטע דערקלערונגען. אַזוי־אַרום האָט ער געהאָפט צו פאַרדעקן זיין שוואַכקייט. גענעראַל האָפמאַן, להיפוך, האָט אַריינגעטראָגן אין די פאַרהאַנדלונגען אַ דערפרישנדיקע נאָטע. נישט אַרויסווייזנדיק קיין שום סימפּאַטיע פאַר די דיפּלאָמאַטישע אויבערשפּיצלעך, האָט דער גענעראַל עטלעכע מאָל אַרויפגעלייגט זיין זעלנערישן שטיוול אויפן טיש, אַרום וועלכן עס האָבן זיך אַנטוויקלט די דעבאַטן. מיר, פון אונזער זייט, האָבן קיין איינציקן מאָמענט נישט געצווייפלט, אַז דוקא האָפמאַנס שטיוול שטעלט מיט זיך פאָר די איינציקע ערנסטע רעאַלקייט אין דידאָזיקע פאַרהאַנדלונגען.

טיילמאָל האָט זיך, איבעריקנס, דער גענעראַל אַריינגעריסן אויך אין ריין פּאָליטישע וויכוחים. ער האָט עס אָבער געמאַכט אויף זיין שטייגער. אַרויסגעבראַכט פון די כלים דורך די כסדרדיקע גערעדעריי־עו מכח דער זעלבסטבאַשטימונג פון די פעלקער, איז ער אין איין

שייגעם פרימאָרגן—געווען איז עס דעם 14-טן יאַנואַר—אַראָפּגעקומען מיט אַ טעקע, שטאַרק אָנגעשטאָפּט מיט רוסישע צייטונגען, בעיקר פון דער סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערער ריכטונג. האָפּמאַן האָט געלייענט פריי רוסיש. אין קורצע אָפּגעהאַקטע פראַזן, דאָ גראָב און דאָ מעשה קאָמאַנדיר, האָט דער גענעראַל באַשולדיקט די באָלשעוויקעס, אַז זיי דריקן אונטער די פרייהייט פון וואָרט און פאַרזאַמלונגען, און זענען עובר אויף די פרינציפּן פון דער דעמאָקראַטיע; מיט פולער הסכמה האָט ער ציטירט די אַרטיקלען פון דער רוסישער טעראָריסטישער פּאַרטיי, וואָס האָט, אָנגעהייבן פון יאָר 1902, משלח געווען אויף יענער וועלט אַ היפּש ביסל לייט פון האָפּמאַנס חדר. מיט גרויס גרימצאָרן האָט אונז דער גענעראַל פאָרגעוואָרפן, אַז אונזער רעגירונג שטיצט זיך אויף כוח. אין זיין מויל האָט עס באמת גרויסאַרטיק געקלונגען. טשערנין האָט אַריינגעשריבן אין זיין טאָגבוך: „האָפּמאַן האָט געהאַלטן זיין אומגליקלעכע רעדע. שוין עטלעכע טעג ווי ער פאָרעט זיך אַרום איר און איז געווען זייער שטאָלץ מיט זיין דער־פאָלג" (ז. 322). איך האָב האָפּמאַנען געענטפערט, אַז אין אַ קלאַסן־געזעלשאַפט שטיצט זיך יעדע רעגירונג אויף כוח. דער חילוק איז נאָר דאָס, וואָס גענעראַל האָפּמאַן ווענדט אָן רעפּרעסיעס, כדי צו פאַרטיידיקן די גרויסע אייגנטום-באַזיצער און מיר—כדי צו באַשיצן די אַרבעטנדיקע מאַסן. אויף עטלעכע מינוט האָט זיך די פרידנס־קאָנפערענץ פאַרוואַנדלט אין אַ מאַרקסיסטישן פּראָפּאַגאַנדע־קלוב פאַר אָנפאַנגער. איך האָב געזאָגט: „דאָס, וואָס די רעגירונגען פון די אַנ־דערע לענדער ווערן נבהל און נשתומם פון אונזערע מעשים און קערן זיך אַוועק פון זיי, איז נישט מער ווי דער פאַקט, וואָס מיר אַרעסטירן נישט די שטרייקער, נאָר די קאַפּיטאַליסטן, וועלכע שאַפן קעגן די אַרבעטער לאָקאַוטן,—דער פאַקט, וואָס מיר צעשיסן נישט די פּויערים, וועלכע פאָדערן ערד, נאָר אַרעסטירן דוקא יענע גוט־באַזיצער און אָפיצירן, וואָס ווילן צעשיסן די פּויערים." האָפּמאַנס פּנים האָט באַקומען אַ טונקל־רויטע פאַרב. נאָך אַזאַ מין עפּיזאָד האָט קילמאַן יעדעס מאָל מיט אַ שאָדנפריידיקער העפלעכקייט געפרעגט דעם גענעראַל האָפּמאַן, צי ער האָט נאָך וואָס צו זאָגן וועגן דער באַ־רירטער טעמע. דער גענעראַל האָט קורץ געענטפערט: „ניין, גענוג!" און מיט גרימצאָרן אַרויסגעקוקט פון פענסטער. אין דער געזעל־שאַפט פון דידאָזיקע דיפּלאָמאַטן, גענעראַלן און אַדמיראַלן פון די

האָהענצאָלערן, האַבסבורגער, קאָבורגער און סולטאַנען האָבן די וויכּוחים איבער דער ראָל פון דער רעוואָלוציאָנערער געוואַלט־אָנווענדונג באמת געהאַט אַן אומפאַרגלייכלעכן ריח־ניחוח. מאַנכע טיטולירטע און מיט אָרדענס פאַרפּוצטע אדונים האָבן בעת די פאַרהאַנדלונגען נאָר דאָס איינע געטאָן, וואָס זיי האָבן כּסדר גענפּירט מיט די נשתּומומדיקע בליקן דאָ פון מיר אויף קילמאַנען און דאָ אויף טשערנינען. זיי האָבן געוואָלט, אַז עמעץ זאָל זיך אויף זיי מרחם זיין און דערקלערן: ווי אַזוי מען דאַרף דאָס אַלץ פאַרשטיין? הינטער די קוליסן האָט זיי קילמאַן אָן שום ספק אַריינגעהאַקט אין די קעפּ אַריין, אַז אונזער עקזיסטענץ איז אַ פראַגע פון וואָכן און אַז מען באַדאַרף אומבאַדינגט אויסנוצן דעמדאָזיקן קורצן טערמין צו שליסן אַ „דייטשן" שלום, וואָס זיינע פאָלגן וועלן שוין שפּעטער שלעפּן אויף זיך די יורשים פון די באָלשעוויקעס.

אין די פּריגציפּיעלע דעבאַטן איז מיין פּאָזיציע געשטאַנען אויף אַזוי פיל בעסער פון קילמאַנס, אויף וויפל די פּאָזיציע פון גענעראַל האָפמאַן איז אין מיליטערישע פאַקטן געשטאַנען בעסער פון מיינער. און טאַקע דערפאַר האָט זיך דער גענעראַל אַזוי אומגעדולדיק געריסן צו דערפירן אַלע פראַגן צו דער פאַרהעלטעניש פון די מיליטערישע כּוחות, בעת קילמאַן האָט זיך אומזיסט געפּרואווט צוצוגעבן דעם שלום, וואָס האָט זיך דורכאויס געשטיצט אויף דער קריגס־מאַפּע, עפּעס אַ שיין פון אַ שלום, וואָס באַזירט כּלומרשט אויף אַנדערע יסודות. כּדי אָפּצושוואַכן די באַדייטונג פון האָפמאַנס דערקלערונג, האָט קילמאַן אַמאָל געזאָגט, אַז אַ זעלנער איז געצוואונגען זיך אויסצודריקן שאַרפער, ווי אַ דיפּלאָמאַט. איך האָב געענטפערט, אַז „מיר, מיטגלידער פון דער רוסישער דעלעגאַציע, געהערן נישט צו דער דיפּלאָמאַטישער שולע און קאָנען גיכער גילטן אַלס זעלנער פון דער רעוואָלוציע". און דעריבער געפעלט אונז בעסער דער גראָבער זעלנערשער לשון. מען מוז, אגב, זאָגן, אַז קילמאַנס דיפּלאָמאַטישע העפלעכקייט איז אויך געווען זייער אַ פּראָבלעמאַטישע. די אויפגאַבע, וואָס ער האָט זיך געשטעלט, איז געווען לחלוטין אומדורכפירבאַר... אָן אונזער הילף. אָבער דאָס האָט גראָד געפעלט. „מיר זענען רעוואָלוציאָנערן", האָב איך קילמאַנען דערקלערט, „אָבער גלייכצייטיק אויך רעאַל־פּאָליטיקער און ווילן בעסער רעדן דירעקט וועגן אַנעקסיעס, איידער פאַרשלייערן דעם אמתן נאָמען מיט עפּעס

פסעוודאָנים.״ עס איז דעריבער קיין וואונדער נישט, וואָס פון צייט צו צייט פלעגט קילמאַן אַראָפּוואַרפן פון זיך די דיפּלאָמאַטישע מאַסקע און האָט גענומען רעדן מיט אַ גראָבן לשון. אויך איצט געדענק איך, מיט וואָס פאַר אַ טאָן ער האָט אַ זאָג געטאָן, אַז דייטשלאַנד שטרעבט אויפריכטיק צוריקצושטעלן פריינטשאַפטלעכע באַציונגען מיט איר מעכטיקן מזרח־שכן. דאָס וואָרט „מעכטיקן״ האָט ער אַרויסגערעדט מיט אַזאַ מין אַרויספאָדערנדיקן חוזק, אַז אַלע, אפילו זיינע פאַרבינדעטע, האָבן זיך שטאַרק אויפגערעגט. טשערנין האָט נאָך דערצו זייער מורא געהאַט, מען זאָל איבעררייסן די פאַרהאַנדלונגען. איך האָב אויפגעהייבן די הענטשקע און ווידעראַמאָל געזאָגט דאָס, וואָס איך האָב שוין פריער געזאָגט אין מיין ערשטער רעדע. „מיר האָבן נישט די מעגלעכקייט און די כוונות,״ האָב איך געזאָגט דעם 10־טן יאַנואַר, „אָפּצולייקענען דעם פאַקט, אַז אונזער לאַנד איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן דורך דער פּאָליטיק פון די ערשט נישט לאַנג הערשנדיקע קלאַסן. אָבער די וועלט־שטעלונג פון אַ לאַנד ווערט נישט באַשטימט בלויז מיט דעם היינטיקן צושטאַנד פון זיין טעכנישן אַפּאַראַט, נאָר אויך מיט די מעגלעכקייטן, וואָס עס באַזיצט, פּונקט, אַ שטייגער, ווי די ווירטשאַפטלעכע מאַכט פון דייטשלאַנד קאָן נישט אָפּגעשאַצט ווערן לויט דעם היינטיקן צושטאַנד פון זיינע דערנערונגס־מיטלען. אַ ברייטע און ווייטזיכטיקע פּאָליטיק שטיצט זיך אויף די אַנטוויקלונגס־טענדענצן, אויף די אינערלעכע כּחות, וואָס קוים זענען זיי נאָר איינמאָל אויפגעוואַכט געוואָרן צום לעבן, וועלן זיי שוין, מיט אַ טאָג פריער אָדער שפּעטער, אַנטפּלעקן זייער מאַכט.

מיט קנאַפּע ניין חדשים שפּעטער, דעם 3־טן אָקטאָבער 1918, האָב איך אויף אַ זיצונג פונם אַלרוסלענדישן צענטראַלן עקזעקוטיוו־קאָמיטעט דערמאָנט אָן קילמאַנס אַרויספאָדערונג אין ברעסט־ליטאָווסק און דערביי געזאָגט: „אין קיינעם פון אונז איז איצט נישטאָ קיין טראָפּן שאָדנפרייד בנוגע דעם, וואָס דייטשלאַנד לעבט איבער אַ קאָלאָסאַלע קאַטאַסטראָפע.״ עס איז, נאַטירלעך, איבעריק צו דערווייזן, אַז אַ גרויסער טייל פון דערדאָזיקער קאַטאַסטראָפע איז צוגעגרייט געוואָרן אין בריסק, ווי דורך דער מיליטערישער, אַזוי אויך דורך דער ציווילער דיפּלאָמאַטיע.

וואָס גענויער מיר האָבן פאָרמולירט אונזערע פראַגן, אַלץ גרע־

דער איז געוואָרן האָפמאַנס איבערגעוויכט איבער קילמאַנען. זיי האָבן שוין אויפגעהערט צו פאַרבאָרגן זייער אַנטאַגאָניזם, באַזונדערס דער גענעראַל. אַז איך האָב אין מיין ענטפער אויף זייער כסדרדיקער אַטאַקע, אָן שום הינטערגעדאַנקען, דערמאַנט די דייטשע רעגירונג, האָט מיר האָפמאַן מיט אַ הייזעריקער שטים פון רציחה איבערגעהאַקט: „איך פאַרטרעט דאָ נישט די דייטשע רעגירונג, נאָר די דייטשע אויבערקאָמאַנדע." דאָס האָט אָפּגעהילכט ווי דער קלאַנג פון גלאָז, וואָס איז צעהאַקט געוואָרן מיט אַ שטיין. איך האָב אַ וואָרף געטאָן מיינע אויגן אויף מיינע פּאַרטנערן פון יענער זייט טיש. קילמאַן איז געזעסן מיט אַן אויסגעקרומט פּנים און האָט געקוקט אונטערן טיש, אויף טשערנינס פּרצוף האָט די בושה געקעמפט מיט דער שאָדנ-פריידן. איך האָב געענטפערט, אַז איך האַלט מיך נישט פאַר באַרופן צו משפטן וועגן די קעגנזייטיקע באַציונגען צווישן דער רעגירונג פון דער דייטשער מלוכה מיט איר אויבערקאָמאַנדע, אָבער איך בין באַפולמעכטיקט צו פירן אונטערהאַנדלונגען נאָר מיט דער רעגירונג. מיט צייַנקריצעריי האָט קילמאַן גענומען צו קענטעניש מיין דער-קלערונג און זיך אָן איר אָנגעשלאָסן.

עס וואָלט, נאַטירלעך, געווען נאַיוו מגזם צו זיין די טיפקייט פון די חילוקי-דעות צווישן דער דיפּלאָמאַטיע און דער קאָמאַנדע. קילמאַן האָט געפּרואווט דערווייזן, אַז די אָקופּירטע געביטן האָבן שוין דורך זייערע באַפולמעכטיקטע נאַציאָנאַלע אָרגאַנען דעקלאַרירט זייער „זעלבסטבאַשטימונג" לטובת דייטשלאַנד. האָפמאַן, ווידער, האָט פון זיין זייט דערקלערט, אַז די אָקופּירטע געביטן האָבן נאָך נישט קיין באַפולמעכטיקטע אָרגאַנען, און דעריבער קאָן נישט זיין קיין רייד וועגן אָפּציען פון דאָרט די דייטשע אַרמעע-אָפּטיילונגען. די אַרגו-מענטן זענען געווען דיאַמעטראַל קעגנזעצלעך, דערפאַר אָבער זענען די פּראַקטישע אויספירונגען געווען דיזעלבע. אין צוזאַמענהאַנג מיט דערדאָזיקער פראַגע האָט זיך קילמאַן געלאָזט אויף אַ קאָמבינאַציע, וואָס איז ממש אומגלויבלעך אויפן ערשטן בליק.

אין פּאָן ראָזענבערגס שריפטלעכן ענטפער אויף אַ ריי דורך אונז געשטעלטע פראַגן, ווערט געזאָגט, אַז די דייטשע אַרמעען קאָנען נישט אַרויסגעפירט ווערן פון די אָקופּירטע געביטן, ביז עס וועט זיך נישט ענדיקן דער קריג אויפן מזרח-פראָנט. פון דידאָזיקע ווער-טער האָב איך איינגעזען, אַז די אַרמעען וועלן אַרויסגעפירט ווערן

נאָכן פאַרענדיקן דעם קריג און האָב געפאָדערט אַ געגוי באַשטימטן טערמין. קילמאַן איז אַריינגעפאַלן אין אַ געוואַלדיק אויפגערעגטן צו־שטאַנד. ער האָט אַוודאי געהאָפט אויף דער איינשלעפערנדיקער ווירקונג פון זיין פאָרמולע; מיט אַנדערע ווערטער, ער האָט געוואָלט פאַרשלייערן די אַנעקסיע מיט דער הילף... פון אַ קאַלאַמבור. ווען דאָס איז נישט געלונגען, האָט ער, מיט האָפמאַנס מיטווירקונג, דערקלערט, אַז די אַרמעען וועלן נישט אַרויסגעפירט ווערן — נישט פאַר און נישט נאָכן פאַרענדיקן דעם קריג. אָן אַ האָפענונג אויף אַ דערפאָלג האָב איך סוף יאַנואַר געמאַכט אַ פרואוו אַרויסצוקריגן ביי דער עסט־רייך־אונגאַרישער רעגירונג די צושטימונג אויף אַ נסיעה קיין ווין, כדי צו פאַרהאַנדלען דאָרט מיט די פאַרטרעטער פונם עסטרייכישן פראָלעטאַריאַט. מען דאַרף משער זיין, אַז די עסטרייכישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט זיך מער ווי פאַר אַלץ איבערגעשראָקן פאַר דעם געדאַנק פון אַזאַ מין נסיעה. איך האָב, פאַרשטייט זיך, באַקומען אַן אָפזאָג, וואָס איז מאָטיווירט געוואָרן, ווי דאָס איז נישט אומגלויב־לעך, דערמיט, אַז איך בין נישט באַפולמעכטיקט צו פירן אַזעלכע פאַרהאַנדלונגען. איך האָב געענטפערט אויף טשערנינס נאָמען מיטן פאָלגנדיקן בריוו:

„הער מיניסטער! ביילייגנדיק די קאָפּיע פון בריוו פונם ה. לעגאַציע־ראַט גראַף טשאַקי פון דעם 26־סטן ד. ח. וואָס איז, ווייזט אויס, אייער ענטפער אויף מיין טעלעגראַמע פון 24־סטן ד. ח., בין איך דערמיט מודיע, אַז דעם אָפזאָג אין אייער בריוו וועגן דער דערלויבעניש פאַר מיר אַרויסצופאָרן קיין ווין, כדי צו פאַרהאַנדלען דאָרט מיט די פאַרטרעטער פון עסטרייכישן פראָלעטאַריאַט מיטן צוועק צו דערגרייכן אַ דעמאָקראַטישן שלום, האָב איך גענומען צו קענטעניש. איך בין געצוואונגען פעסטצושטעלן, אַז אונטער די קאָמ־בינאַציעס פון אַ פאָרמעלן כאַראַקטער איז אין דעמדאָזיקן ענטפער פאַרבאָרגן די שטרעבונג נישט צו דערלאָזן צו קיין דירעקטע פאַר־האַנדלונגען צווישן די פאַרשטייער פון דער אַרבעטער־ און פויערים־רעגירונג פון רוסלאַנד מיטן עסטרייכישן פראָלעטאַריאַט. וואָס אָנבאַ־לאַנגט דעם טייל פון בריוו, וואו איר מאָטיווירט אייער אָפזאָג דער־מיט, אַז איך האָב כלומרשט נישט די נויטיקע פולמאַכטן אויף צו פירן אַזעלכע פאַרהאַנדלונגען — אַ מאָטיווירונג, וואָס איז סיי לויט דער פאָרם און סיי לויטן אינהאַלט פשוט אומדערלאָזבאַר — וואָלט

איך ווען, הער מיניסטער, אייך אויפמערקזאַם מאַכן אויפן פאַקט, אַז דאָס רעכט צו באַשטימען דעם אומפאַנג און כאַראַקטער פון מיינע פולמאַכטן געהערט אויסשליסלעך צו מיין רעגירונג.״

דער זעלבסטשטענדיקער און פיינטלעכער אַרויסטריט פון דער קיעווער ראַדע קעגן מאָסקווע, איז אין דעם לעצטן פּעריאָד פון די פאַרהאַנדלונגען געווען די ווילטיקסטער טרומף אין די הענט פון קילמאַנען און טשערנינען. די פירער פון דער ראַדע האָבן פאָרגעשטעלט מיט זיך אַ מין אוקראַאינישע שאַטירונג פון דער קערענסקיאַדע. זיי האָבן זיך ווייניק וואָס אונטערשיידט פון זייער גרויסרוסישן מוסטער. אפשר נאָר דערמיט, וואָס זיי זענען נאָך געווען מער פּראָווינציעל. די בריסקער ראַדע-דעלעגאַטן זענען שוין פון דער נאַטור אַליין באַשאַפן געווען דערויף, אַז יעדער קאַפּיטאַליסטישער דיפּלאָמאַט זאָל זיי פירן פאַר דער נאָז. נישט בלויז קילמאַן, נאָר אויך טשערנין האָט זיך באַשעפטיקט מיטן דאָזיקן ענין מיט עקל. די דעמאָקראַטישע טיפּשים האָבן פּשוט נישט געפילט די ערד אונטער זיך, דערזעענדיק, אַז אַזעלכע סאָלידע פירמעס ווי די האָהענצאָלערן און די האַבסבורגער נעמען זיי ערנסט. יעדעס מאָל, בעת גאָלובאָוויטש, דער רעדלפירער פון דער אוקראַאינישער דעלעגאַציע, האָט אָפּגעגעבן זיינע רעפליקעס, בעת ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן שטול און פאַוואָליע פאַנאַנדערגערוקט די לאַנגע פּאָלעס פון זיין שוואַרצן ראָק, האָט פּשוט אָנגענומען אַ פּחד, טאָמער צעשמעלצט ער זיך גלייך אויפן אָרט פון זיין פלאַמענדיקער התפּעלות.

טשערנין האָט, ווי ער דערציילט אַליין אין זיין טאָגבוך, אונטערגעפּייערט די אוקראַאינער אַרויסצוטרעטן אָפן מיט אַ פיינטלעכער דערקלערונג קעגן דער סאָוויעטן-דעלעגאַציע. די אוקראַאינער האָבן שטאַרק איבערגעכאַפּט די מאָס. אין אַ משך פון אַ פערטל שעה האָט זייער אָראַטאָר אָנגעשאָטן אַ גאַנץ בערגל מיט גראָבקייטן און חוצפּה און האָט אַפילו אַריינגעפירט אין פאַרלעגנהייט דעם געוויסנהאַפטן דייטשן איבערזעצער, וואָס האָט זיך גאָרנישט געקענט צופּאַסן צו דעמדאָזיקן קאָמערטאָן. שילדערנדיק דידאָזיקע סצענע, דערציילט דער האַבסבורגער גראַף, אַז איך האָב מיך גאָר פאַרלאָרן, אַז איך בין בלאַס געוואָרן, אַז איך האָב געכאַפּט אַ קראַמף, אַז קאַלטע טראָפּנס שווייס זענען אַרויסגעטראָטן אויף מיין שטערן א. אַז. וו. וואַרפט מען אָבער אָפּ די גוזמאות, מוז מען דאָך מודה זיין, אַז דידאָזיקע סצענע איז

באמת געווען איינע פון די שווערסטע. דאָס פיינלעכע איז אָבער לגמרי נישט באַשטאַנען אין דעם, ווי דאָס מיינט טשערנין, וואָס די לאַנדסלייט האָבן אונז באַליידיקט אין דער קעגנוואַרט פון אויסלענדער. ניין, אומדערטרעגלעך איז געווען די ווילדע זעלבסדערנידערונג פון די — ווי עס זאָל נישט זיין — פאַרטרעטער פון דער רעוואָלוציע פאַר די אויפגעבלאָזענע אַריסטאָקראַטן, וועלכע האָבן געקוקט אויף זיי מיט פאַראַכטונג. אַ הויכרייסנדיקע געמיינהייט, אַ קנעכטישקייט, וואָס האָט זיך געוואָרגן פון עקסטאַז, האָט זיך געטראָגן, ווי אַ פאָנטאַן פון דידאָזיקע אומגליקלעכע נאַציאָנאַל-דעמאָקראַטן, וואָס האָבן זיך אויף אַ מאָמענט דערשפירט ביי דער מאַכט. קילמאַן, טשערנין, האָפמאַן און די איבעריקע האָבן שטאַרק געאָטעמט, ווי די שפילער ביים פערדגעיעג, וועלכע האָבן געשטעלט זייער סטאַווקע אויפן געהעריקן פערד. דער אוקראַינישער דעלעגאַט האָט אַראָפגעלייענט פון פּאַפּיר אַלע זידלערייען, וואָס זיין דעלעגאַציע האָט דורך אַ קאָלעקטיווער אַרבעט צוגעגרייט אין משך פון 48 שעה און בעת מעשה נאָך יעדער פראַזע זיך אומגעקוקט אויף זיינע אַפּוטרופּסים, זוכנדיק ביי זיי אויפמונטערונג. יאָ, דאָס איז געווען איינע פון די עקלהאַפטסטע סצענעס, וואָס איך האָב אַמאָל איבערגעלעבט. אָבער אונטער דעם קרייצפייער פון די באַליידיקונגען און די שאָדנפריידיקע בליקן האָב איך נישט געצווייפלט אויף קיין איין מאָמענט, אַז די צו פליייסיקע לאָקייען וועלן תיכף אַרויסגעוואָרפן ווערן הינטער דער טיר דורך די טריומפירנדיקע באַלעבאַטים, און די לעצטע, ווידער, וועלן אויך באַלד מוזן אָפּרייניקן די אין משך פון דורות אָנגעזעסענע ערטער...

אין דערזעלבער צייט האָבן זיך די רעוואָלוציאָנערע סאָוויעטישע מיליטערטיילן גערוקט מיט דערפאָלג איבער אוקראַינע, און זיך דורכגעבראָכן אַ וועג צום דניעפּער. און פּונקט אין דעמזעלבן טאָג, ווען דער געשוויר האָט ענדגילטיק אָנגעריסן און עס איז קלאָר געוואָרן, אַז די אוקראַינישע דעלעגאַטן האָבן זיך פאַרשטענדיקט מיט קילמאַנען און טשערנינען וועגן פאַרשאַכערן אוקראַינע, האָבן די סאָוויעטן-אַרמעען פאַרנומען קיעוו. ווען ראַדעק האָט אָנגעפרעגט דורך דער דירעקטער ליניע בייַ דער אוקראַינישער הויפּטשטאָט, האָט אַ דייטשער טעלעגראַפיסט פון אַ צווישן-סטאַציע, וואָס האָט זיך נישט געקענט אָריענטירן מיט וועמען ער רעדט, געענטפערט: „קיעוו איז געשטאָרבן". דעם 7-טן פעברואַר האָב איך מודיע

וועגן די דעלעגאַציעס פון די צענטראַל-מלוכות וועגן לענינס אַ ראַדיאָ-טעלעגראַם, אַז די סאָוויעטישע אַרמעען זענען דעם 29-סטן יאַנואַר אַריין אין קיעוו; אַז די ראַדע-רעגירונג, וואָס איז פון אַלעמען פאַרלאָזט געוואָרן, האָט זיך באַהאַלטן; אַז דער צענטראַלער עקזעקוטיוו-קאָמיטעט פון אוקראַאינישן סאָוויעט איז דערקלערט געוואָרן פאַר דער העכסטער מאַכט אין לאַנד און זיך אַריבערגעטראָגן קיין קיעוו; אַז די אוקראַאינישע רעגירונג האָט אָנגענומען דעם באַשלוס: אַ פעדעראַטיווע פאַרבינדונג מיט רוסלאַנד און אַ פולשטענדיקע איינהייט אויפן געביט פון דער אינערלעכער און אויסערלעכער פּאָליטיק. אויף דער נאָענטסטער זיצונג האָב איך קילמאַנען און טשערנינען געזאָגט, אַז די פאַרהאַנדלען מיט דער דעלעגאַציע פון אַ רעגירונג, וואָס איר גאַנצע טעריטאָריע באַגרענעצט זיך מיטן שטח פון ברעסט-ליטאָווסק (לויטן אָפּמאַך האָט דידאָזיקע שטאָט געזאָלט אַריבערגיין צו אוקראַאינע). אָבער די דייטשע רעגירונג, אָדער ריכטיקער, די דייטשע אויבער-קאָמאַנדע האָט שוין אין דעם מאָמענט געהאַט באַשלאָסן צו אָקופּירן מיט אירע אַרמעען אוקראַאינע. די דיפּלאָמאַטיע פון די צענטראַל-מלוכות האָט בלויז געדאַרפט צוגרייטן פאַר די דייטשע אַרמעען אַ פּאַסירשיין. לודענדאָרף האָט אויסגעצייכנט געאַרבעט, צוגרייטנדיק די גסיסה פון דער האָהענצאָלערישער אַרמעע.

אין יענע טעג איז אין איינער פון די דייטשע תּפיסות געזעסן אַ מענטש, וואָס די פּאָליטיקער פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע האָבן אים באַשולדיקט אין ווילדן אוטאָפּיזם, און די ריכטער פון האָהענצאָלערן — אין מלוכה-פאַרראַט. דערדאָזיקער אַרעסטאַנט האָט געשריבן: „דער סך-הכל פון בריסק איז נישט קיין זעראָ, ווען עס זאָל אַפילו איצט דערגיין צו אַ שלום פון אַ ברוטאַלער קאַפּיטולאַציע. אַ דאַנק די רוסישע דעלעגאַטן, איז בריסק געוואָרן אַ שטאַרק מפורסמדיקע רעוואָלוציאָנערע טריבונע. דידאָזיקע שטאָט האָט געבראַכט די דע-מאַסקירונג פון די צענטראַל-מלוכות, די דעמאַסקירונג פון דער דייטשער גיריקייט, ליגנערישקייט, כיטרעקייט און צביעות. דידאָזיקע שטאָט האָט אַרויסגעטראָגן אַ פאַרניכטנדיקן פּסק-דין פאַר דער פרידנספּאָליטיק פון דער דייטשער (סאָציאַל-דעמאָקראַטישער) מערהייט, — פאַר דער פּאָליטיק, וואָס איז נישט אַזוי ווייט צביעותדיק, ווי ציניש. דידאָזיקע שטאָט איז געווען בכוח אויפצוהייבן אין פאַרשיידענע לענדער באַ-דייטנדיקע מאַסן-באַוועגונגען. און איר טראַגישער לעצטער אַקט —

די אינטערווענץ קעגן דער רעוואָלוציע — האָט אַרויסגערופן אַ ציטער
אין די אַלע פּיבערעס פון סאָציאַליזם. די צייט וועט אונז ווייזן, וואָס פֿאַר
אַ תבואה די היינטיקע טריומפֿאַטאָרן וועלן שניידן פון דערדאָזיקער
פריעה. זיי וועלן נישט זיין צופרידן מיט איר". (Karl Liebknecht,
Politische Aufzeichnungen, Action Verlag, 1921, s. 51).

צווײ און דרײסיקסטער קאַפּיטל

דער שלום

אין משך פון דער גאַנצער האַרבסט־צײט זענען טאָג־טעגלעך געקומען פון פראָנט דעלעגאַטן אינם פּעטראָגראַדער סאָוויעט און דערקלערט, אַז אויב עס וועט נישט געשלאָסן ווערן קיין שלום ביז דעם 1-שטן יאַנואַר, וועלן די זעלנער אַלײן אַוועקמאַרשירן אין רוקן פון דער אַרמעע און מיט אײגענע מיטלען זיך דערשלאָגן צו אַ שלום. דאָס איז געוואָרן דער לאָזונג פון פראָנט. די זעלנער האָבן מאַסנווײז פאַרלאָזן די אָקאָפּעס. די אָקטאָבער־איבערקערעניש האָט ביז אַ געוויסן גראַד אָפּגעהאַלטן דידאָזיקע באַוועגונג, אָבער, נאַטירלעך, נישט אויף לאַנג.

די זעלנער, וואָס האָבן זיך אַ דאַנק דער פעברואַר־איבערקערעניש, דערוואוסט, אַז איבער זײ האָט געוועלטיקט די ראַספּוטין־באַנדע און אַז זי האָט זײ אַרײנגעשלעפּט אין דעם אומזיניקן און נידערטרעכטיקן קריג, האָבן לגמרי נישט געזען קיין שום גרונט צו פירן ווײטער דעמדאָזיקן קריג בלויז דערפאַר, וואָס דער יונגער אַדוואָקאַט קערענסקי האָט זײ וועגן דעם שטאַרק געבעטן. זײ האָבן געוואָלט אַהײם — צו די פאַמיליעס, צו דער ערד, צו דער רעוואָלוציע, וואָס האָט זײ צוגעזאָגט ערד און פרײהײט, אָבער דערווײל זײ ווײטער געהאַלטן אין די הונגעריקע און פאַרלײזיקטע גריבער פון פראָנט. קערענסקי, וואָס האָט זיך באַלײדיקט אויף די זעלנער, אַרבעטער און פּויערים, האָט זײ דערפאַר אָנגערופן „צעבונטעוועטע שקלאַפן". ער

האָט נישט פאַרשטאַנען איין קלייניקייט: די רעוואָלוציע באַשטייט טאַקע אין דעם, וואָס די שקלאַפן צעבונטעווען זיך און ווילן נישט זיין קיין שקלאַפן.

ביוקענען, קערענסקיס באַשיצער און אינספּיראַטאָר, האָט גע־האַט די אומפאָרזיכטיקייט צו דערציילן אונז אין זיינע מעמואַרן, וואָס עס איז געווען פאַר אים און זיין גלייכן דער קריג און די־רעוואָלוציע. אין אַ סך חדשים אַרום נאָכן אָקטאָבער שילדערט ביו־קענען מיט דידאָזיקע ווערטער דאָס רוסישע יאָר 1916, — יענס שרעק־לעכע יאָר פון די מפלות פון דער צאַרישער אַרמעע, פון ווירט־שאַפטלעכן חורבן, פון אַגאָנקעס, פונם רעגירונגס־הוקעפּאַק אונטער דער קאָמאַנדע פון ראַספּוטינען: „אין איינער פון די פּרעכטיקסטע ווילעס, וואָס מיר האָבן באַזוכט", אַזוי דערציילט ביוקענען וועגן זיין נסיעה אין קרים אין יאָר 1916, „האָט מען אונז נישט בלויז באַ־געגנט מיט ברויט און זאַלץ אויף אַ זילבערנער טאַץ, נאָר מיר האָבן אויך געפונען אין אויטאָ, ביים אָפּפאָרן, אַ קאַסטן מיט גאַנצע טוצן פלעשער אַלטן בורגונדער וויין, וואָס איך האָב באַזונגען זיין קוואַ־ליטעט, בעת איך האָב אים געפּרואווט צום פרישטיק. עס איז אויסערגע־וויינלעך טרויעריק זיך אומצוקוקן אַהינטער אויף דידאָזיקע גליקלע־כע (?) טעג, וואָס זענען אַוועק אין דער אייביקייט, און טראַכטן פון דער אָרעמקייט און די ליידן, וואָס זענען אויסגעפאַלן אויפן גורל פון יענע לייט, וועלכע האָבן אונז אַרויסגעוויזן אַזויפיל ליבנסווירדי־קייט און גאַסטפריינטשאַפט (ז. 160 פון דער רוסישער אויסגאַבע).

ביוקענען אינטערעסירן גאָרנישט די יסורים פון די זעלנער אין די אָקאָפּעס און פון די הונגעריקע מאַמעס אין די אָגאָנקעס, נאָר ער נעמט זיך דורך מיט די ליידן פון די געוועזענע באַלעבאַטים פון די הערלעכע ווילעס אין קרים מיט זייערע זילבערנע טאַצן און דעם בורגונדער וויין. ווען דו לייענסט דידאָזיקע רואיק־אומפאַרשעמטע שורות, מוזטו זיך זאָגן: נישט אומזיסט איז פאָרגעקומען אויף דער וועלט די אָקטאָבער־רעוואָלוציע! נישט אומזיסט האָט זי אַראָפּגעקערט פון דער ערד נישט בלויז די ראָמאַנאָווס, נאָר אויך ביוקענען מיט קערענסקין.

בעת איך בין, אויפן וועג קיין ברעסט־ליטאָווסק, צום ערשטן מאָל אַדורכגעפאָרן די פראָנט־ליניע, זענען שוין אונזערע חברים אין די אָקאָפּעס אַפילו נישט געווען בכוח צוצוגרייטן עפּעס אַ גרעסערע

פּראָטעסט-מאַניפעסטאַציע קעגן די משונה־ווילדע פאָדערונגען פון דייטשלאַנד: די אָקאָפּעס זענען שוין כמעט געוועזן ליידיק. נאָך די עקספּערימענטן פון ביוקענען און קערענסקין האָט שוין קיינער אַפילו נישט געוואַגט מרמז צו זיין וועגן המשך פון קריג. שלום, שלום פאַר יעדן פּרייז!... שפּעטער, בעת איך האָב מיך, ווי תמיד, אָראָפּ־געכאַפּט פון ברעסט־ליטאָווסק קיין מאָסקווע, האָב איך געבעטן איי־נעם פון די פראָנט-פּאַרטרעטער אין װ צ י ק צו שטיצן אונזער דעלעגאַציע מיט אַן ענערגישער רעדע. „אוממעגלעך״, האָט ער גע־ענטפערט, „לגמרי אוממעגלעך. מיר וועלן זיך נישט קאָנען צוריק־קערן אין די אָקאָפּעס, מען וועט אונז נישט פאַרשטיין; מען וועט זאָגן, אַז מיר ווילן ווידעראַמאָל אָפּנאַרן, פונקט ווי קערענסקי...״

די אוממעגלעכקייט צו פירן ווייטער דעם קריג איז געווען גענוג קלאָר. אין דעם פּרט האָבן צווישן מיר און לענינען נישט עק־זיסטירט קיין שום חלוקי-דעות. מיר האָבן ביידע גלייך געשטוינט, קוקנדיק אויף בוכאַרינען און די אַנדערע אַפּאָסטאָלן פון דעם „רע־וואָלוציאָנערן קריג״.

עס האָט זיך אָבער אַרויסגערוקט נאָך אַ פראַגע, וואָס איז אין תוך געווען נישט ווייניקער וויכטיק: ווי ווייט קאָן גיין די האָהענצאָ־לערישע רעגירונג אין קאַמף קעגן אונז? אין אַ בריוו צו איינעם פון זיינע פריינט האָט גראַף טשערנין אין יענע טעג געשריבן, אַז ווען עס וואָלטן געווען גענוג קרעפטן, וואָלט מען באַדאַרפט נישט פירן קיין פאַרהאַנדלונגען מיט די באָלשעוויקעס, נאָר אַוועקלאָזן די אַרמעען אויף פּעטערבורג, און דאָרט מאַכן אַן אָרדענונג. קיין בייזער ווילן האָט זיכער נישט געפעלט. צי וועלן אָבער זיין גענוג קרעפטן? צי וועט האָהענצאָלערן זיין אימשטאַנד צו לאָזן מאַרשירן זיינע זעלנער קעגן דער רעוואָלוציע, וואָס וויל שלום? וואָס פאַר אַ רושם האָט געמאַכט אויף דער דייטשער אַרמעע די פעברואַר - און שפּעטער די אָקטאָבער־רעוואָלוציע? ווי שנעל קאָן זיך אָט די ווירקונג אַרויסווייזן? אויף דידאָזיקע פראַגן איז נאָך נישט געווען קיין ענטפער. אים האָט מען געמוזט זיך פּרואוון זוכן אין פּראָצעס פון די אונטערהאַנדלונגען. און צו דעם צוועק האָט מען די אונטערהאַנדלונגען געמוזט וואָס לענ־גער אָפּשלעפּן. מען האָט די אייראָפּעישע אַרבעטער געמוזט געבן צייט אויפצופאַסן, ווי געהעריק, דעם עצם פאַקט פון דער סאָוויעטן־רעוואָלוציע, און בפרט איר שלום-פּאָליטיק. דאָס איז נאָך געווען

וויכטיקער דערפאַר, ווייל די פרעסע פון די אַנטאַנט-לענדער צוזאַמען מיט דער פרעסע פון די רוסישע פשרה־מאַכער און פון דער בורזשואַזיע, האָבן פאָרגעשטעלט די שלום־אונטערהאַנדלונגען, ווי אַ קאָמעדיע מיט געשיקט פאַרטיילטע ראָלן. אַפילו צווישן דער דעמאָקראַטישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אָפּאָזיציע אין דייטשלאַנד, וואָס איז געווען געניייגט אַרויפצוּוואַרפן אירע שוואַכקייטן אויף אונז, האָט מען געשמועסט וועגן דעם, אַז די באָלשעוויקעס שטייען אין אַ הסכם מיט דער דייטשער רעגירונג. נאָך אמתדיקער האָט דידאָזיקע ווערסיע געמוזט אויסזען אין ענגלאַנד און פראַנקרייך. עס איז געווען קלאָר: קיים וועט דער בורזשואַזיע און דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע פון דער אַנטאַנט געלינגען צו פאַרשפּרייטן צווישן די אַרבעטער־מאַסן אומצוטרוי קעגן אונז, קאָן עס געוואַלדיק פאַרלייכטערן אין דער צוקונפט די מיליטערישע אינטערווענץ פון דער אַנטאַנט. איך האָב דעריבער געהאַלטן פאַר אומבאַדינגט נויטיק צו געבן — פאַרן אונטערשרייבן דעם סעפּאַראַטן-שלום, אויב ער וועט זיך פאַר אונז אַרויסווייזן לחלוטין אומפאַרמיידלעך — די אַרבעטער פון אייראָפּע אַ קלאָרן און אומבאַשטרייטבאַרן באַווייז וועגן דער מערדערישער פיינטשאַפט צווישן אונז און דעם הערשנדיקן דייטשלאַנד. און אָט, אונטער דעם איינדרוק פון דידאָזיקע השערות בין איך אין ברעסט-ליטאָווסק געפאַלן אויפן געדאַנק פון יענער פּאָליטישער דעמאָנסטראַציע, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין דער פאָרמולע: מיר שטעלן אָפּ דעם קריג, דעמאָביליזירן די אַרמעע אָבער שרייבן נישט אונטער דעם שלום־אָפּמאַך. אויב דער דייטשער אימפּעריאַליזם וועט נישט זיין בכוח אַרויסצורוקן קעגן אונז אַן אַרמעע, — אַזוי האָב איך משער געווען — וועט עס הייסן, אַז מיר האָבן אָפּגעהאַלטן אַ ריזעדיקן נצחון מיט אומבאַשרייבלעכע פאָלגן. אויב אָבער עס וועט זיך אַרויסווייזן, אַז האָהענצאָלערן וואָלט נאָך יאָ געהאַט אַ מעגלעכקייט צו דערלאַנגען אונז אַ קלאַפּ, וועלן מיר נאָך אויך דעמאָלט נישט פאַרשפּעטיקן צו קאַפּיטולירן. איך האָב זיך מיישב געווען מיט די איבעריקע דעלעגאַציע-מיטגלידער, צווישן זיי אויך מיט קאַמעניעוון. זיי האָבן מסכים געווען מיט מיר און איך האָב אין דעם זין געשריבן צו לענינען. ער האָט געענטפערט: אַז איר וועט קומען קיין מאָסקווע, וועלן מיר שמועסן דעריבער.

— דאָס וואָלט געווען אַזוי גוט, וואָס בעסער קאָן גאָרנישט זיין, — האָט לענין געענטפערט אויף מיינע אַרגומענטן, — ווען

גענעראַל האָפמאַן זאָל נישט זיין בכּוח אַרויסצורוקן זיין אַרמעע קעגן אונז. אָבער אויף דעם איז דאָ ווייניק האָפענונג. ער וועט שוין דערויף געפינען געקליבענע פולקן פון די בייערישע פויערים־יונגען. און צי דאַרף מען דען אַ סך קעגן אונז? איר זאָגט דאָך אַליין, אַז די אָקאָפּעס זענען ליידיק. און אויב די דייטשן וועלן באַנייען דעם קריג?

—דעמאָלט וועלן מיר זיין געצוואונגען אונטערצושרייבן דעם שלום. אָבער דעמאָלט וועט פאַר אַלעמען זיין קלאָר, אַז מיר האָבן נישט קיין אַנדער אויסוועג. דערמיט גופא וועלן מיר דערלאַנגען דעם ענדגילטיקן קלאַפּ דער לעגענדע וועגן אונזער הינטערקוליסן־פאַרבינדונג מיטן האָהענצאָלערן.

—נאַטירלעך, דאָ זענען פאַראַן געוויסע פליוסן. אָבער עס איז צו ריזיקאַליש. ווען מיר זאָלן מוזן אומקומען פאַרן נצחון פון דער דייטשער רעוואָלוציע, וואָלטן מיר עס געווען מחויב צו טאָן. די דייטשע רעוואָלוציע איז אָן אַן ערך וויכטיקער, ווי אונזערע. אָבער איצט איז נישטאָ קיין וויכטיקערע זאַך אויף דער וועלט, ווי אונזער רעוואָלוציע. און מען מוז זי זיכערן פאַר יעדן פרייז.

צו די שוועריקייטן פון דער פראַגע זענען נאָך צוגעקומען גרויסע שוועריקייטן פון אַן אינערלעך־פאַרטייאישן כאַראַקטער. אין דער פאַרטיי, על־כל־פנים צווישן אירע אָנפירנדיקע עלעמענטן, איז די שטימונג געווען זייער אַ פיינטלעכע לגבי די בריסקער באַדינגונגען. די סטענאָגראַפישע באַריכטן וועגן די בריסקער פאַרהאַנדלונגען, וואָס זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין אונזערע צייטונגען, האָבן כּסדר גענערט און פאַרשאַרפט דידאָזיקע שטימונג. דעם בולטסטן אויסדרוק האָט זי געפונען אין דער גרופּירונג פון לינקן קאָמוניזם, וואָס האָט אַרויסגערוקט דעם לאָזונג פון רעוואָלוציאָנערן קריג.

דער קאַמף אין דער פאַרטיי האָט זיך צעפלאַקערט פון טאָג צו טאָג. להיפּוך דער שפּעטער פאַרשפּרייטער לעגענדע—איז ער נישט אָנגעגאַנגען צווישן מיר און לענינען, נאָר צווישן לענינען און אַ דערדריקנדיקער מערהייט פון די אָנפירנדיקע פאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס. אין די גרונט־פראַגן פון דעמדאָזיקן קאַמף: צי קאָנען מיר איצט פירן אַ רעוואָלוציאָנערן קאַמף? און צי איז בכלל דערלאָזבאַר פאַר אַ רעוואָלוציאָנערער מאַכט צו שליסן אָפּמאַכן מיט אימפּעריאַליסטן?— בין איך אינגאַנצן און פולשטענדיק געווען אויף לענינס זייט און

געענטפערט צוזאַמען מיט אים אויף דער ערשטער פראַגע נעגאַטיוו, אויף דער צווייטער—פּאָזיטיוו.

די ערשטע גרינטלעכע באַראַטונג איבער די חלוקי־דעות, איז פאָרגעקומען דעם 21־סטן יאַנואַר אויף דער פאַרזאַמלונג פון די אַקטיווע פאַרטיי־אַרבעטער. עס האָבן זיך אויסגעשיילט דריי שטאַנדפונקטן. לענין איז געווען דערפאַר, אַז מען זאָל נאָך פּרוּוון אָפּשלעפּן די אונטערהאַנדלונגען, אָבער אין פאַל פון אַן אולטימאַטום—תיכף קאַפּיטולירן. איך האָב געהאַלטן פאַר נויטווענדיק צו דערפירן די אונטערהאַנדלונגען ביז זיי וועלן איבערגעריסן ווערן, אפילו ביי דער געפאַר פון אַ נייעם אָנגריף מצד דייטשלאַנד, כדי עס זאָל אויסקומען צו קאַפּיטולירן—אויב עס וועט בכלל קומען דערצו—ערשט פאַר אַן אָפענער אָנווענדונג פון געוואַלט. בוכאַרין איז געשטאַנען פאַר אַ מלחמה, כדי צו פאַרברייטערן די אַרענע פון דער רעוואָלוציע. לענין האָט אויף דער פאַרזאַמלונג פון דעם 21־סטן יאַנואַר געפירט אַן אויסערגעוויינלעך" העפטיקן קאַמף קעגן די אָנהענגער פון רעוואָלוציאָנערן קריג און זיך באַגרענעצט בנוגע מיין פאָרשלאַג מיט אַ קורצער קריטיק. 32 שטימען האָבן באַקומען די אָנהענגער פון דעם רעוואָלוציאָנערן קריג, לענין האָט אָנגעזאַמלט 15 שטימען, איך—16. די רעזולטאַטן פון דער אָפּשטימונג כאַראַקטעריזירן נאָך נישט גענוג קלאָר די הערשנדיקע שטימונג אין דער פאַרטיי. אויב נישט אין די מאַסן, איז דער „לינקער פליגל" נאָך געווען שטאַרקער אין דער אויבערשטער שיכט פון דער פאַרטיי, ווי אויף דערדאָזיקער פאַרזאַמלונג. דאָס האָט גאַראַנטירט דעם צייטווייליקן נצחון פון מיין פאָרמולע. בוכאַרינס אָנהענגער האָבן געזען אין איר אַ דערנענטערונג צו זיי. לענין האָט, פאַרקערט, געהאַלטן, און גאַנץ ריכטיק, אַז ווען מען זאָל אָפּלייגן דעם ענדגילטיקן באַשלוס, וועט עס זיכערן דעם נצחון פון זיין שטאַנדפונקט. אונזער אייגענע פאַרטיי האָט זיך אין יענעם פּעריאָד געגוויטיקט אין דער אויפקלערונג פון דערווירקלעכער לאַגע נישט ווייניקער, ווי די אַרבעטער פון מערב־אייראָפּע. אין אַלע אָנפירנדיקע אינסטיטוציעס פון דער פאַרטיי און דער מלוכה איז לענין געווען אין דער מינדערהייט. אויפן פאָרשלאָג פון סאָווּנאַרקאָם, אַז די אָרטיקע סאָוויעטן זאָלן אַרויסזאָגן זייער מיינונג וועגן דער מלחמה און שלום, האָבן זיך ביז דעם 5־טן מערץ אָפּגערופן העכער 200 סאָוויעטן—דער פּעטראָגראַדער און דער סעוואַסטאָ־

פֿאָלער (אונטער געוויסע תּנאים) געווען פֿאַרן שלום. פֿאַרקערט, ווי־דער, האָבן זיך אַ ריי גרויסע אַרבעטער־צענטערס, ווי מאָסקווע, יע־קאַטערינבורג, כאַרקאָוו, יעקאַטערינאָסלאַוו איוואַנאָוואָ־וואָזניעסענסק, קראַנשטאַט א. אַז. וו. — מיט אַן אומגעהייער גרויסער מערהייט פֿון שטימען אַרויסגעזאָגט פֿאַרן איבעררייסן די שלום־אונטערהאַנדלונגען. אַזוי איז אויך געווען די שטימונג אין אונזערע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַצ־יעס. וועגן די לינקע עסערן איז דאָך אַוודאי נישטאָ וואָס צו רעדן. אין דעמדאָזיקן פּעריאָד האָט מען געקענט אַדורכפֿירן לענינס שטאַנד־פּונקט נאָר מיט דער הילף פֿון אַ פּאַרטיי־שפּאַלטונג און אַ מלוכה־איבערקערעניש, נישט אַנדערש. בינו־לבינו האָט אָבער יעדער טאָג געמוזט פֿאַרגרעסערן די צאָל פֿון לענינס אָנהענגער. אין דידאָזיקע באַדינגונגען איז די פֿאָרמולע — „נישט קיין קריג, נישט קיין שלום" געווען אַ מין בריק צו לענינס פּאָזיציע. איבער דערדאָזיקער בריק איז געגאַנגען די מערהייט פֿון דער פּאַרטיי, לפּחות, אירע פֿירנדיקע עלעמענטן.

— נו, גוט, לאָמיר אָננעמען, אַז מיר האָבן זיך אָפּגעזאָגט אונ־טערצושרייבן דעם שלום, און די דייטשן גייען נאָכדעם איבער צו אַן אָנגריף. וואָס טוט איר דעמאָלט? — האָט מיך לענין גענומען אויספֿרעגן.

— שרייבן מיר אונטער דעם שלום אונטער באַיאָנעטן. דאָס בילד וועט זיין קלאָר פֿאַר דער גאַנצער וועלט.

— און דאַן וועט איר נישט שטיצן דעם לאָזונג פֿון דעם רע־וואָלוציאָנערן קריג?

— פֿאַר קיין פֿאַל נישט.

— אויף דעם אופֿן קאָן שוין דער פּרואוו נישט ווערן אַזוי גע־פֿערלעך. מיר ריזיקירן צו פֿאַרלירן עסטלאַנד אָדער לעטלאַנד. — און לענין האָט צוגעגעבן מיט אַ כיטרע שמייכעלע: צוליב אַ גוטן שלום מיט טראָצקין לוינט אַפֿילו צו פֿאַרלירן לעטלאַנד אָדער עסטלאַנד. עטלעכע טעג האָט ער כּסדר איבערגעחזרט דידאָזיקע פֿראַזע.

אויף דער דעצידירנדיקער זיצונג פֿון צענטראַל־קאָמיטעט, דעם 22־סטן יאַנואַר, איז אַדורכגעגאַנגען מיין פֿאָרשלאַג: אָפּשלעפּן די אונטערהאַנדלונגען; אין פֿאַל פֿון אַ דייטשן אולטימאַטום — דערקלערן דעם קריג פֿאַר געענדיקט, אָבער דעם שלום נישט אונטערשרייבן; נאָכדעם האַנדלען אַזוי, ווי דאָס וועלן פֿאָדערן די אומשטענדן.

דעם 25־סטן יאַנואַר, שפעט אין אָוונט, איז פאָרגעקומען די פאַראייניקטע זיצונג פון די צענטראַל־קאָמיטעטן פון די באָלשעוויקעס מיט אונזערע דעמאָלדיקע פאַרבינדעטע, די לינקע עס־ערן, און עס איז מיט אַ דערדריקנדיקער מערהייט אָנגענומען געוואָרן דיזעלבע פאָרמולע. דערדאָזיקער באַשלוס פון ביידע צענטראַל־קאָמיטעטן איז אָנגענומען געוואָרן—ווי עס פלעגט דעמאָלט נישט זעלטן פאָרקומען—אין דער פאָרם פון אַ באַשלוס פון סאָוונאַרקאָם.

דעם 31-סטן יאַנואַר האָב איך דורך דער דירעקטער לייטונג פון בריסק מודיע געווען לענינען און סמאָלני: „צווישן די אומצייליקע קלאַנגען און ידיעות איז אין דער דייטשער פרעסע אַריינגעפאַלן אַן אומזיניקע מיטטיילונג, אַז מיר האָבן כלומרשט בדעה דערמאָנסטראַטיוו נישט אונטערצושרייבן דעם שלום-אָפמאַך, אַז אויף דעמדאָזיקן באָדן זאָלן כלומרשט אויסברעכן צווישן די באָלשעוויקעס חלוקי־דעות און אַז. ווו. און אַז. וו. איך בין דאָ אויסן די טעלעגראַמע פון שטאָקהאָלם, וואָס באַרופט זיך אויפן „פּאָליטיקען״. אויב איך האָב קיין טעות נישט, איז דער „פאָליטיקען״ דער אָרגאַן פון Höglund. צי קאָן מען זיך ביי אים נישט דערוויסן, צו וואָסער צוועק דרוקט זיין רעדאַקציע אַזאַ מין משונה-ווילדן אַבסורד, אויב דידאָזיקע ידיעה שטאַמט טאַקע באמת פון זיין צייטונג? אויף וויפל די בירגערלעכע פרעסע איז אָנגעפאַקט מיט כלערליי פליאָטקעס, וועלן אפשר די דייטשן נישט צוגעבן דערדאָזיקער ידיעה קיין גרויסע באַדייטונג. אָבער דאָ האַנדלט זיך דאָך וועגן אַ צייטונג פון לינקן פליגל, וואָס איינער פון אירע רעדאַקטאָרן געפינט זיך איצט אין פעטראָגראַד. דאָס גיט צו דער ידיעה אַ געוויסן אויטאָריטעט, און קאָן דעריבער צעטומלען די מוחות פון אונזערע קאָנטראַהענטן.

די עסטרייך־דייטשע פרעסע איז פול מיט ידיעות וועגן די גרוילן אין פעטראָגראַד, מאָסקווע און גאַנץ רוסלאַנד, וועגן הונדערטער און טויזנטער הרוגים, וועגן אַ קנאַקן פון קוילנוואַרפער און אַזוי ווייטער, און אַזוי ווייטער. עס איז אומבאַדינגט נויטיק צו באַשטימען אַ מענטשן מיט אַ קאָפּ אויף די פלייצעס, אַז ער זאָל געבן טעגלעכע ידיעות פאַר דער פעטראָגראַדער אַגענטור און פאַרן ראַדיאָ וועגן דער לאַגע אין לאַנד. עס וואָלט זיין גוט, ווען חבר זינאָוויעוו וואָלט איבערגענומען דידאָזיקע אַרבעט אויף זיך. דאָס האָט אַ גרויסע באַדייטונג. בעיקר דאַרף מען אַזעלכע מיטטיילונגען איבערשיקן

וואָראָווסקין און ליטווינאָוון. דאָס קאָן מען מאַכן דורך טשיטשערינען.

מיר האָבן געהאַט בלויז איין פאָרמעלע זיצונג. די דייטשן פאַרשלעפּן כסדר די אונטערהאַנדלונגען, מסתמא צוליב דעם אינערלעכן קריזיס. די דייטשע פּרעסע האָט אָנגעהייבן טרומייטערן, אַז מיר ווילן כלומרשט נישט קיין שלום, און זענען בעיקר פאַרנומען מיט דעם, ווי אַזוי אַריבערצוטראָגן די רעוואָלוציע אין די אַנדערע לענדער. דידאָזיקע חמורים קאָנען נישט פאַרשטיין, אַז דווקא פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער אייראָפּעישער רעוואָלוציע האָט דער גיכער שלום אַן אומגעהייערע באַדייטונג פאַר אונז.

צי זענען אָנגענומען געוואָרן מיטלען אויף אַרויסצושיקן די רומענישע געזאַנדשאַפט? איך בין חושד, אַז דער רומענישער קעניג געפינט זיך אין עסטרייך. לויט די ידיעות פון אַ דייטשער צייטונג, געפינט זיך ביי אונז אין מאָסקווע נישט דער נאַציאָנאַל-פאָנד פון רומעניע, נאָר דער גאָלדפאָנד פון דער רומענישער נאַציאָנאַל־באַנק. אייער טראָצקי".

דידאָזיקע ידיעה נויטיקט זיך אין אַ דערקלערונג. די געשפּרעכן דורך דער יוז־לייטונג ווערט אָפיציעל געגאָלטן פאַר געזיכערט קעגן אונטערהערן און איבערכאַפּן. אָבער מיר האָבן געהאַט אַ גרונט צו גלויבן, אַז די דייטשן אין בריסק לייענען אונזער קאָרעספּאָנדענץ, וואָס גייט דורך דער דירעקטער לייטונג: מיר האָבן געהאַט גענוג רעספּעקט פאַר דער דייטשער טעכניק. פאַרשיפרירן, ווידער, די גאַנצע קאָרעספּאָנדענץ איז געווען אַן אוממעגלעכע זאַך. איבעריקנס, האָבן מיר זיך אויך אויף דער שיפרירונג נישט געקאָנט שטאַרק פאַרלאָזן. בינו־לבינו האָט אונז העגלונדס „פּאָליטיקען" מיט זיין אומ־טאַקטישער אינפאָרמאַציע פון דער ערשטער קוועלע געטאָן אַ גרויסע רעה. אָט פאַרוואָס דידאָזיקע נאָטיץ איז געשריבן געוואָרן נישט אַזוי וייט צוליב דעם, כדי צו אינפאָרמירן לענינען, אַז דער סוד פון אונזער באַשלוס איז שוין אויסגעפּלוידערט געוואָרן אויף גאַנץ דייטשלאַנד, נאָר בעיקר מיטן צוועק צו פּרואוון אַריינפירן אין אַ טעות די דייטשן. דאָס העכסט אומהעפלעכע וואָרט „חמורים" בנוגע די צייטונגסשרייבער איז באַנוצט געוואָרן נאָר צוליב דעם, כדי צוצוגעבן דעם טעקסט וואָס מער „נאַטירלעכקייט". אויף וויפל דידאָזיקע המצאה האָט קילמאַנען אָפּגענאַרט, קאָן איך נישט זאָגן. לכל־הדעות איז מיין דערקלערונג פון 10־טן פעברואַר געקומען פאַרן קעגנער לגמרי אום־

געריכט. דעם 11־טן פעברואר האָט טשערנין פּאַרצייכנט אין זיין טאָגבוך: „טראָצקי זאָגט זיך אָפּ אונטערצושרייבן. דער קריג איז געענדיקט, קיין שלום איז אָבער נישטאָ" (ז. 337).

עס איז שווער צו גלויבן, אָבער די שולע סטאַלין־זינאָוויעוו האָט אין יאָר 1924 געמאַכט אַ פּרואוו פאַרצושטעלן די זאַך אַזוי, אַז אין בריסק האָב איך כּלומרשט געהאַנדלט קעגן דעם באַשלוס פון דער פּאַרטיי און דער רעגירונג. די צרהדיקע פאַלסיפיקאַטאָרן גיבן זיך אַפילו נישט די מי אַריינצוקוקן, לפּחות, אין די אַלטע פּראָטאָקאָלן אָדער דורכצולייענען זייערע אייגענע דערקלערונגען. זינאָוויעוו, וואָס איז דעם 11־טן פעברואר — ד. ה. אין אַ טאָג אַרום באַלדעם, ווי ס'איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן מיין דעקלאַראַציע אין בריסק, — אַרויסגעטרעטן אין פּעטראָגראַדער סאָוויעט, האָט דערקלערט, אַז „אונזער דעלעגאַציע האָט געפונען דעם איינציק ריכטיקן אויסוועג אין דער געשאַפענער לאַגע". זינאָוויעוו איז אויך געווען דער־ריעניקער, וואָס האָט אַריינגעטראָגן די רעזאָלוציע, וועלכע איז אָנגענומען גע־וואָרן מיט אַ מערהייט קעגן איין שטימע, — די מענשעוויקעס און עסערן האָבן זיך אָפּגעהאַלטן צו שטימען — און וועלכע האָט געשטיצט דעם אָפּזאָג אונטערצושרייבן דעם שלום־אָפּמאַך.

דעם 14־טן פעברואר האָט סווערדלאָוו, אויפן גרונט פון מיין באַריכט, אַריינגעטראָגן אין וו צ י ק אין נאָמען פון דער פראַקציע באָלשעוויקעס אַ רעזאָלוציע, וואָס האָט זיך אָנגעהייבן מיט דידאָזיקע ווערטער: „נאָכן אויסהערן און באַטראַכטן דעם באַריכט פון דער שלום־דעלעגאַציע איז דער וו צ י ק לגמרי איינשטימיק מיט דער האַנדלונג פון זיינע פאַרטרעטער אין בריסק".

עס איז נישט געווען קיין איינציקע לאָקאַלע פּאַרטיי, אָדער סאָוויעטישע אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל אין דער צייט צווישן דעם 11־טן און 15־טן פעברואר נישט אַרויסזאָגן איר צושטימונג צו דער האַל־טונג פון דער סאָוויעטישער דעלעגאַציע. אויפן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר אין מערץ 1918 האָט זינאָוויעוו דערקלערט: „טראָצקי איז גערעכט, ווען ער זאָגט, אַז ער האָט געהאַנדלט לויט דער באַשטימונג פון דער רעכטקרעפטיקער מערהייט פון צ. ק. קיינער האָט עס נישט אָפּ־געלייקנט..." צולעצט האָט אויך לענין אויף דעמזעלבן צוזאַמענפאָר דערציילט, „ווי אין צענטראַל־קאָמיטעט איז דורכגעגאַנגען דער פאָר־שלאַג נישט אונטערצושרייבן דעם שלום". דאָס אַלץ האָט גאָרנישט

געשטערט דעם קאָמאינטערן אויפֿצושטעלן די נייע דאָגמע, אַז דער אָפּזאָג אונטערצושרייבן דעם שלום אין בריסק איז געווען טראָצקיס אַ פּערזענלעכער ענין.

נאָך די אָקטאָבער-שטרייקן אין דייטשלאַנד און עסטרייך איז די פֿראַגע, צי וועט זיך די דייטשע רעגירונג באַשליסן אויף אַ נייעם אָנגריף אָדער נישט — נאָך גאָרנישט געווען אַזוי קלאָר — נישט פֿאַר אונז און נישט פֿאַר דער דייטשער רעגירונג גופֿא, ווי עס שטעלן זיך דאָס איצט פֿאָר אַ סך חכֿמים פֿון אַ פֿריערדיקער דאַטע. דעם 19-טן פֿעברואַר זענען דייטשע און עסטרייך-אונגאַרישע דעלעגאַציעס אין בריסק געקומען צו דעם פּועל-יוצא, אַז „דער צושטאַנד, וואָס טראָצקי האָט פֿאָרגעלייגט דורך זײַנע דערקלערונגען, מוז אַקצעפּטירט ווערן.” גענעראַל האָפֿמאַן איז בלויז אַרויסגעטרעטן קעגן דעם. לויט די ווערטער פֿון טשערנינען, האָט קילמאַן אויפֿן צווייטן טאָג, בעת דער שלום-זיצונג אין ברעסט-ליטאָווסק, מיט דער פֿולסטער זיכֿערקייט דערקלערט, אַז עס איז נויטווענדיק אָנצונעמען דעם שלום de facto. דער אָפּקלאַנג פֿון דידאָזיקע שטימונגען איז תּיכּף דערגאַנגען אויך צו אונז. פֿון בריסק איז אונזער דעלעגאַציע צוריקגעקומען קיין מאָסקווע אונטער דעם איינדרוק, אַז קיין אָנגריף וועלן די דייטשן נישט מאַכֿן. לענין איז געווען זייער צופֿרידן מיטן דערגרייכֿטן רעזולטאַט.

— צי וועלן זיי אונז אָבער נישט אָפּנאַרן? — האָט ער דאָך געפֿרעגט.

מיר האָבן צעפּירט מיט די הענט. עס זעט עפּעס נישט אויס דערויף.

— נו, מילא, — האָט לענין געזאָגט. — אויב אַזוי, איז דאָך אַוודאי גוט: אי פֿאַר דער וועלט יוצא געווען, אי פֿון קריג אַרויסגעקראָכֿן.

פֿונדעסטוועגן האָבן מיר צוויי טעג פֿאַרן וועכנטלעכֿן טערמין באַקומען פֿון גענעראַל סאַמאָילאָ, וואָס איז פֿאַרבליבן אין בריסק, אַ טעלעגראַפֿישע ידיעה, אַז לויט דער דערקלערונג פֿון גענעראַל האָפֿמאַן שטייען די דייטשן מיט אונז אין קריגסצושטאַנד פֿון 12 אַ זייגער אָן דעם 19-טן פֿעברואַר, און דעריבער שלאָגן זיי אים פֿאָר צו פֿאַרלאָזן בריסק. דער ערשטער האָט דידאָזיקע טעלעגראַמע גענומען אין דער האַנט אַריין לענין. איך האָב מיך דעמאָלט געפֿונען בײַ אים אין קאַבינעט, וואו עס איז פֿאָרגעקומען אַ שמועס מיט די עסערן. שווייגנדיק האָט מיר לענין דערלאַנגט די טעלעגראַמע. זײַן בליק האָט מיר גלייך געגעבן צו פֿילן, אַז עס שמעקט עפּעס מיט אַ שלעכֿטער בשׂורה.

לענין האָט זיך געאײַלט צו פאַרענדיקן דעם שמועס מיט די עסערן, כדי אָן זײ צו באַטראַכטן די נײַ־געשאַפענע לאַגע.

—הײסט עס, אַז זײ האָבן אונז פּאָרט אָפּגענאַרט. אויסגעשפּילט פינף טעג... דידאָזיקע חיה לאָזט קײן זאַך נישט אַדורך. איצט, הײסט עס, איז נישטאָ קײן אַנדער ברירה, ווי אונטערצושרײַבן די אַלטע באַדינגונגען, אויב די דײַטשן וועלן נאָך אײַנגײן אויף זײ.

איך האָב, ווי פריער, געטענהט, אַז מען דאַרף לאָזן האָפמאַנען איבערגײן אין אַ פאַקטישן אָנגריף, כדי די אַרבעטער אין דײַטשלאַנד, ווי אויך אין די אַנטאַנט־לענדער, זאָלן זיך דערוויסן פון דעמדאָזיקן אָנגריף, ווי פון אַ פאַקט און נישט בלויז ווי פון אַ פּשוטער דראָונג.

—נײן,—האָט לענין אײַנגעווענדט. — איצט טאָר מען נישט פאַרלירן קײן אײן שעה. דער עקספּערימענט איז געמאַכט. האָפמאַן וויל און קאָן האַלטן מלחמה. אָפּלײגן טאָר מען נישט. דידאָזיקע חיה שפּרינגט געשווינט.

אין מערץ, אויפן פּאַרטײ־צוזאַמענפאָר, האָט לענין געזאָגט: „צווישן אונז (ד. ה. צווישן אים און מיר) איז געווען אָפּגערעדט, אַז מיר וועלן זיך האַלטן ביז דעם אולטימאַטום פון די דײַטשן, נאָכן אולטימאַטום אָבער קאַפּיטולירן מיר". וועגן דעמדאָזיקן תּנאי האָב איך שוין פריער דערצײלט. לענין איז מרוצה געוואָרן נישט אַרויסצוטרעטן אָפן פאַר דער פּאַרטײ קעגן מײַן פאָרמולע נאָר דערפאַר, ווײַל איך האָב אים צוגעזאָגט נישט צו שטיצן די אָנהענגער פון דעם רעוואָלוציאָנערן קריג. די אָפיציעלע פאַרטרעטער פון דערדאָזיקער גרופּע, ווי אוריצקי, ראַדעק און, שײַנט מיר, אָסינסקי זענען געקומען צו מיר מיטן פאָרשלאַג וועגן אַן „אײַנהײטלעכן פראָנט". פון דעם שמועס האָבן זײ זיך פולשטענדיק איבערצײַגט, אַז אונזערע פּאָזיציעס האָבן נישט צווישן זיך קײן שום געמײנזאַמעס. ווען די דײַטשע אויבערקאָמאַנדע האָט אונז געוואָרנט וועגן איבעררײַסן דעם וואָפנשטילשטאַנד, האָט מיר לענין דערמאָנט אָן אונזער אָפּמאַך. איך האָב אים געענטפערט, אַז פאַר מיר האָט זיך עס נישט געהאַנדלט וועגן אַ פאָרמעלן אולטימאַטום, נאָר וועגן אַ פאַקטישן אָנגריף פון די דײַטשן, וואָס לאָזט נישט איבער קײן שום ספקות וועגן אונזערע באַציונגען צו זײ. אויף דער זיצונג פון צענטראַל־קאָמיטעט, דעם 17־טן פעברואַר, האָט לענין געשטעלט די פאָרלויפיקע פראַגע צו דער אָפּשטימונג: „אויב דער דײַטשער אָנגריף וועט פאַר אונז ווערן אַ פאַקט און אין

דייטשלאַנד וועט נישט פֿאַרקומען קיין רעוואָלוציאָנערער אויפֿשטאַנד— צי וועלן מיר דעמאָלט שליסן אַ שלום?" אויף דערדאָזיקער גרונט־פֿראַגע האָבן בוכאַרין און זיינע חברים זיך אָפּגעהאַלטן צו שטימען. קרעסטינסקי איז געגאַנגען מיט זיי. יאָפֿע האָט געשטימט נעגאַטיוו. צוזאַמען מיט לענינען האָב איך געשטימט פּאָזיטיוו. אויפֿן צווייטן טאָג אינדערפֿרי האָב איך אָפּגעוואָרפֿן לענינס פֿאָרשלאַג תּיכּף צו שיקן אַ טעלעגראַמע וועגן אונזער גרייטקייט אונטערצושרייבן דעם שלום. אין משך פֿון דעם טאָג זענען אָבער אָנגעקומען טעלעגראַ־פֿישע ידיעות, אַז די דייטשן גייען איבער צום אָנגריף, אַז זיי האָבן שוין ביי אונז פֿאַרכאַפּט אַמוניציע און אַז זייערע אַרמעען רוקן זיך קיין דווינסק. אין אָוונט האָב איך געשטימט פֿאַר לענינס טעלע־גראַמע: איצט האָט שוין מער נישט געקאָנט זיין קיין שום ספֿק, אַז דער פֿאַקט פֿון דעם דייטשן אָנגריף וועט באַוואוסט ווערן אויף דער גאַנצער וועלט.

דעם 21-סטן פֿעברואַר זענען אָנגעקומען נייע דייטשע באַדינ־גונגען, אָבער ספּעציעל אויסגערעכנט אויף דעם, כּדי אוממעגלעך צו מאַכן דעם שלום. אין דעם מאָמענט, ווען אונזער דעלעגאַציע איז אָנגעקומען קיין בריסק, זענען דידאָזיקע באַדינגונגען, ווי באַקאַנט, נאָך פֿאַרערגערט געוואָרן. מיר אַלע, און אין אַ געוויסן גראַד אויך לענין, האָבן געהאַט דעם איינדרוק, אַז די דייטשן האָבן זיך שוין, קענטיק, פֿאַרשטענדיקט מיט דער אַנטאַנט צו צעשמעטערן די סאָ־וויעטן, און אַז אויף די ביינער פֿון דער רוסישער רעוואָלוציע ווערט צוגעגרייט דער שלום אויפֿן מערבֿ־פֿראָנט. ווען די זאַך וואָלט באמת אַזוי געהאַלטן, וואָלטן דאָ, נאַטירלעך, קיין שום קאָמפּראָמיסן נישט געהאָלפֿן פֿון אונזער זייט. דער גאַנג פֿון די געשעענישן אין אוקראַינע און פֿינלאַנד האָבן שטאַרק געבויגן די וואָגשאָל אויף דער זייט פֿון קריג. יעדע שעה האָט מיטגעבראַכט עפּעס אַ שלעכטע בשורה. עס איז אָנגעקומען אַ ידיעה וועגן דעם דעסאַנט פֿון די דייטשע אַרמעען אין פֿינלאַנד און וועגן דער צעשמעטערונג פֿון די פֿינישע אַרבעטער. איך האָב מיך געטראָפֿן מיט לענינען אין קאָרי־דאָר, נישט ווייט פֿון זיין קאַבינעט. ער איז געווען געוואַלדיק אויפֿ־געגרעגט. איך האָב אים נאָך קיינמאָל אין אַזאַ צושטאַנד נישט געזען, נישט פֿריער, נישט שפּעטער.

—יאָ,—האָט ער אַ זאָג געטאָן,—מען וועט זיך מוזן שלאָגן,

באַטש מיר האָבן נישט מיט וואָס. נישטאָ, דוכט זיך, קיין אַנדער אויסוועג.

אָבער אין אַ מינוט פינף, צען אַרום, ווען איך בין אַריין צו אים אין קאַבינעט, האָט ער זיך אָנגערופן:

—ניין, מען טאָר די פּאָליטיק נישט ענדערן. אונזער קאַמף וואָלט דאָס רעוואָלוציאָנערע פינלאַנד נישט געראַטעוועט, אָבער אונז וואָלט ער זיכער אומגעבראַכט. מיט אונזערע אַלע כוחות וועלן מיר העלפן די פינישע אַרבעטער, אָבער שטייענדיק אַלץ אויפן באָדן פון שלום. איך ווייס נישט, צי דאָס וועט אונז איצט ראַטעווען, אָבער דאָס איז, לכל־הדעות, דער איינציקער וועג, אויף וועלכן ס'איז נאָך מעגלעך אַ רעטונג.

איך האָב מיך זייער סקעפּטיש באַצויגן צו דער מעגלעכקייט פון אַ שלום, אפילו פאַרן פּרייז פון אַ פולשטענדיקער קאַפּיטולאַציע. אָבער לענין האָט באַשלאָסן אויסצופּרואוון דעם וועג פון קאַפּיטו־לאַציע ביזן סוף. אַזוי ווי דער צ. ק. האָט נישט געהאַט קיין מער־הייט, און פון מיין שטימע איז געווען אָפּהענגיק דער באַשלוס, האָב איך מיך אָפּגעהאַלטן צו שטימען, כדי צו גאַראַנטירן לענינען די מערהייט פון איין שטימע. און אַזוי האָב איך עס טאַקע מאָטיווירט. אויב די קאַפּיטולאַציע זאָל נישט ברענגען קיין שלום, האָב איך גע־טראַכט, וועלן מיר ביי דער באַוואָפנטער פאַרטיידיקונג פון דער רע־וואָלוציע, וואָס איז אויפגעצוואונגען געוואָרן דורכן שונא, אויסגלייכן דעם פראָנט פון דער פּאַרטיי.

—מיר שיינט,—האָב איך מיך אין אַ פּריוואַטן שמועס אָנגערופן צו לענינען,—אַז עס וואָלט געווען פּאָליטיש צוועקמעסיק, ווען איך זאָל איצט, אַלס פאָלקסקאָמיסאַר פון אויסערן, דעמיסיאָנירן.

—צו וואָס? איך פאַרהאָף, אַז מיר וועלן דידאָזיקע פּאַרלאַ־מענטאַרישע שטיק נישט איינפירן.

—אָבער מיין דעמיסיע וואָלט פאַר די דייטשן געהייסן אַ ראַ־דיקאַלע ענדערונג פון דער פּאָליטיק און וואָלט פאַרשטאַרקט זייער צוטרוי, אַז מיר זענען דאָסמאָל באמת גרייט אונטערצושרייבן דעם שלום־אָפּמאַך.

—אפשר,—האָט לענין געזאָגט נאָכדעם, ווי ער האָט אַ ווײַלע געטראַכט,—דאָס איז אַן ערנסטער פּאָליטישער אַרגומענט.

דעם 22־סטן פעברואַר האָב איך איבערגעגעבן אויף דער זיצונג

פון צ. ק., אַז די פראַנצויזישע מיליטער-מיסיע האָט זיך צו מיר געווענדעט מיט אַ פאָרשלאַג מצד פראַנקרייך און ענגלאַנד, אַז זיי זענען גרייט אונז צו העלפן אין קריג קעגן דייטשלאַנד. איך האָב זיך אַרויסגעזאָגט פאַרן פאָרשלאַג, נאַטירלעך, מיט דעם באַדינג פון אַ פולשטענדיקער אומאָפּהענגיקייט אין אונזער אויסערלעכער פּאָליטיק. בוכאַרין, ווידער, האָט געטענהט, אַז ס'איז בכלל אומדערלאָזבאַר צו שליסן עפּעס אַן אָפּמאַך מיט די אימפּעריאַליסטן. לענין האָט מיך געשטיצט מיט דער גאַנצער אַנטשלאָסנקייט, און דער צ. ק. האָט אָנגענומען מיין פאָרשלאַג מיט זעקס שטימען קעגן פינף. איך געדענק, ווי לענין האָט דיקטירט דעם באַשלוס מיט פאָלגנדיקע ווערטער: „באַפולמעכטיקן דעם חבר טראָצקין אָנצונעמען די הילף פון די רוצחים פונם פראַנצויזישן אימפּעריאַליזם קעגן די דייטשע רוצחים.” ער האָט שטענדיק ליב געהאַט אַזעלכע פאָרמולירונגען, וואָס לאָזן נישט איבער קיין שום ספקות הינטער זיך.

נאָך דער זיצונג האָט מיך בוכאַרין אָנגעיאָגט אינם לאַנגן קאָרידאָר פון סמאָלני, אַרומגעכאַפּט מיך מיט די הענט און זיך צעוויינט.

„וואָס טוען מיר?”—האָט ער געטענהט.—„מיר פאַרוואַנדלען די פּאַרטיי אין אַ קופּע מיסט.” בוכאַרין איז בכלל לייכט אויף טרערן און האָט ליב נאַטוראַליסטישע אויסדרוקן. דאָסמאָל איז די לאַגע באמת געווען טראַגיש. די רעוואָלוציע האָט זיך געפונען צווישן האַמער און קאָוואַדלע.

דעם 3-טן מערץ האָט אונזער דעלעגאַציע, נישט איבערלייענענדיק דעם טעקסט, אונטערגעשריבן דעם שלום-אָפּמאַך. דערדאָזיקער בריסקער שלום, וואָס האָט זיך באַנוצט מיט קלעמאַנסאָס אידעען, איז געווען ענלעך צו דעם שלייף פון אַ תליון. דעם 22-סטן מערץ איז דער אָפּמאַך אָנגענומען געוואָרן דורכן דייטשן רייכסטאַג. די דייטשע סאָציאַל-דעמאָקראַטן האָבן מיט זייער צושטימונג געגעבן אַן אַוואַנס אויף די קינפטיקע פּרינציפּן פון ווערסאַל. די אומאָפּהענגיקע האָבן געשטימט קעגן: זיי האָבן ערשט אָנגעהייבן אָנצוצייכענען יענע פּרוכטלאָזע קרומע ליניע, וואָס האָט זיי צוריקגעפירט צו זייער אויסגאַנגספּונקט.

אויפן זיבעטן פּאַרטיי-צוזאַמענפאָר (מערץ, 1918) האָב איך, וואָרפנדיק אַ בליק אויפן דורכגעמאַכטן וועג, קלאָר און באריכות גע-

שילדערט מיין פּאָזיציע. „ווען מיר וואָלטן באמת געוואָלט האָבן אַ וואָס גיכסטיקערן שלום, האָבן מיר אים געדאַרפט אָננעמען נאָך אין נאָוועמבער. אָבער קיינער (אויסער זינאָוויעוון) האָט נישט אויפגעהייבן זיין שטימע פאַר דעם: אַלע זענען געווען פאַר אַן אַגיטאַציע, פאַר דער רעוואָלוציאָניזירונג פון דעם אַרבעטערקלאַס אין דייטשלאַנד, עסטרייך, אונגאַרן און אין גאַנץ אייראָפּע. אָבער אַלע אונזערע פרידיקע אונטערהאַנדלונגען מיט די דייטשן האָבן נאָר אויף אַזוי פיל געהאַט אַ רעוואָלוציאָניזירנדיקן זין, אויף וויפל מען האָט זיי אָנגענומען פאַרן ריינעם אמת. איך האָב שוין פאַר דער פּראַקציע אויפן דריטן אַלרוסישן סאָוויעטן־צוזאַמענפאָר איבערגעגעבן וועגן דעם, ווי דער געוועזענער עסטרייך־אונגאַרישער מיניסטער גראַץ האָט געזאָגט, אַז די דייטשן האָבן נאָר געזוכט עפּעס אַ מאָטיוו, כדי צו קאָנען אונז שטעלן אַן אולטימאַטום. זיי האָבן געהאַלטן, אַז מיר אַליין וואַרטן אויף אַן אולטימאַטום... אַז מיר זענען לכתחילה גרייט אַלץ אונטערצושרייבן, אַז מיר שפּילן בלויז אַ רעוואָלוציאָנערע קאָמעדיע. ביי אַזאַ לאַגע האָט אונז אין פאַל, ווען מיר זאָלן נישט אונטערשרייבן דעם אָפּמאַך, געדראָט צו פאַרלירן רעוועל און אַנדערע אָרטער; אויב, ווידער, מיר וואָלטן פּריצייטיק אונטערגעשריבן דעם אָפּמאַך, האָט אונז געדראָט צו פאַרלירן די סימפּאַטיעס פונם וועלטפּראָלעטאַריאַט, אָדער פון זיינעם אַ באַדייטנדיקן טייל. איך בין געווען איינער פון די, וואָס האָבן געטראַכט, אַז די דייטשן וועלן נישט איבערגיין צו אַן אָנגריף, אָבער קוים וועלן זיי אונז יאָ אָנגרייפן, וועלן מיר נאָך שטענדיק האָבן צייט אונטערצושרייבן דעם שלום, ווען אפילו אונטער ערגערע באַדינגונגען. מיט דער צייט,—האָב איך געזאָגט,—וועלן זיך אַלע איבערצייגן, אַז קיין אַנדער אויסוועג האָבן מיר נישט געהאַט.“

ס'איז מערקווירדיק, אין דערזעלבער צייט האָט ליבקנעכט געשריבן פון תפיסה: „מען קען בשום אופן נישט אָנערקענען, אַז דער איצטיקער אויסוועג איז פאַר דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג ערגער, ווי מען וואָלט קאַפּיטולירט אין בריסק אָנהייב פעברואַר. ס'איז פונקט פאַרקערט. אַזאַ מין קאַפּיטולאַציע וואָלט באַלויכטן פון דער ערגסטער זייט דעם גאַנצן פריערדיקן ווידערשטאַנד, און וואָלט פאַרגעשטעלט דעם שליסלעכן צוואַנג, ווי אַ vis haud ingrata. דער הימלשרייענדיקער ציניזם, דער בעסטיאַלישער כאַראַקטער פון דעם דייטשן פינאַל־

אויפטריט שטויסן אָפּ אויף צוריק אַלע חשדים (ז. 51).

ליבקנעכט איז פאַר דער צייט פון קריג שטאַרק אויסגעוואַקסן, ווען ער האָט פאַרשטאַנען, אַז צווישן אים און דער ערלעכער כאַראַקטערלאָזיקייט פון האַזען דאַרף דורכגעפירט ווערן אַ טיפער תהום. עס איז איבעריק צו זאָגן, אַז ליבקנעכט איז געווען אַ רעוואָלוציאָנער פון אומבאַשרענקטן מוט. ער האָט נאָך ערשט אויסגעאַרבעט פון זיך אַ סטראַטעגיקער. דאָס האָט זיך אַרויסגעוויזן סיי אין די פראַגן פון זיין פערזענלעכן גורל, סיי אין זיין רעוואָלוציאָנערער פּאָליטיק. די חשבונות פון פערזענלעכער זיכערקייט זענען אים לגמרי געווען פרעמד. נאָך זיין אַרעסט האָבן אַ סך פון זיינע פריינט געשאָקלט מיט די קעפּ אויף זיין מסירות-נפשדיקער „אומבאַדאַכטקייט". פאַר לענינען איז, פאַרקערט, געווען אויפן העכסטן גראַד כאַראַקטעריסטיש צו זאָרגן תמיד פאַר דער זיכערקייט פון דער לייטונג. ער איז געווען דער שעף פון גענעראַל-שטאַב און האָט שטענדיק געדענקט, אַז אין דער צייט פון קריג מוז ער שיצן די הויפּט-אָנפירונג. ליבקנעכט איז אָבער געווען איינער פון יענע קריגספירער, וואָס פירן אַליין זייערע אָפּטיילונגען אין קאַמף. דעריבער איז אים באַזונדערס שווער געווען צו פאַרשטיין אונזער בריסקער סטראַטעגיע. ער האָט לכתחילה געוואָלט, אַז מיר זאָלן פּשוט מיט אַן אַרויספאָדערונג גיין אַנטקעגן דעם אייגענעם גורל. ער האָט אין יענעם פעריאָד כסדר פאַרמשפט די „פּאָליטיק פון לענין-טראָצקי", נישט מאַכנדיק — און מיט רעכט — אין דערדאָזיקער גרונט-פראַגע קיין שום אונטערשייד צווישן לענינס ליניע און מיינער. שפּעטער אָבער האָט ליבקנעכט דאָך אָנגעהייבן אַנדערש אָפּצושאַצן די בריסקער פּאָליטיק. אָנהייב מאַי האָט ער שוין געשריבן: „איין זאַך איז די רוסישע סאָוויעטן נויטיק — מער פון אַלץ און פריער פון אַלץ — נישט קיין דעמאָנסטראַציעס און דעקלאַראַציעס — נאָר אַ האַרטע, שטרענגע מאַכט. דערויף דאַרף מען אָבער, אויסער ענערגיע, אויך שכל און צייט, — שכל כדי צו געווינען צייט, וואָס איז נויטיק אַפילו ביי דער העכסטער און קלוגסטער ענערגיע" (ז. 102). דאָס איז אין פלוג אַ פולשטענדיקע אָנערקענונג, אַז לענינס בריסקער פּאָליטיק, וואָס האָט בעיקר געצילט דערויף צו געווינען צייט, איז געווען אַ ריכטיקע.

דער אמת שלאָגט זיך דורך אַ וועג. אָבער אויך דער אַבסורד איז לעבנספעאיק. דער אַמעריקאַנישער פּראָפעסאָר פישער (Fisher),



טראָצקי אלס אָרגאַניזאַטאָר פון דער רויטער ארמיי.

וואָס האָט אַרויסגעלאָזט אַ גרויס בוך, געווידמעט די ערשטע יאָרן פון סאָוויעט-רוסלאַנד (The Fomine in Soviet Russia), שרייבט מיר צו דעם געדאַנק, אַז די סאָוויעטן וועלן קיינמאָל נישט פירן קיין קריג און נישט שליסן קיין שלום מיט די בורזשואַזע רעגירונגען. דידאָזיקע אומזיניקע פאָרמולע האָט פישער, ווי אַ סך אַנדערע, איבערגעשריבן ביי זינאָוויעוון און בכלל ביי די עפּיגאָנען, צוגעבנדיק נאָך עטוואָס פון דעם, וואָס ער פאַרשטייט אַליין נישט. מיינע פאַרשפּעטיקטע קריטיקער האָבן שוין לאַנג אַרויסגעריסן דעם ברעסקער פאָרשלאַג מיינעם פון די צייט-באַדינגונגען און שטח און אים פאַרוואַנדלט אין אַן אוניווערסאַלער פאָרמולע, כדי אַזויאַרום אים לייכטער צו דערפירן צו אַן אַבסורד. זיי האָבן אָבער דערביי נישט באַמערקט, אַז אַ צושטאַנד פון „נישט קיין שלום, נישט קיין מלחמה", ריכטיקער, נישט קיין שלום-אָפּמאַך, נישט קיין מלחמה, איז נישט פולל אין זיך קיין שום אומנאַטירלעכע זאַכן. ביי אונז עקזיסטירן דווקא אויך איצט אַזעלכע באַציונגען מיט די גרעסטע לענדער אויף דער וועלט: מיט די פאַרייניקטע שטאַטן און מיט ענגלאַנד. אמת, זיי האָבן זיך געשאַפן קעגן אונזער ווילן, אָבער דאָס ענדערט דאָך נישט דעם פאַקט. עס איז דאָ נאָך אַ לאַנד, מיט וועלכן עס האָבן זיך, לויט אונזער אייגענער איניציאַטיוו, איינגעשטעלט אַזעלכע באַציונגען פון „נישט קיין שלום, נישט קיין מלחמה": דאָס איז רומעניע. ווען מיינע קריטיקער שרייבן מיר צו דידאָזיקע אוניווערסאַלע פאָרמולע, וואָס איז אין זייערע אויגן אַ פּשוטער אַבסורד, באַמערקן זיי אָבער נישט, אַז זיי רעפּראָדוצירן אייגנטלעך די „אַבסורד"-פאָרמולע פון די פאַקטישע באַציונגען פון דעם סאָוויעטן-פאַרבאַנד מיט אַ גאַנצער ריי מלוכות.

ווי אַזוי האָט לענין געקוקט אויפן ברעסקער עטאַפּ, ווען מען האָט אים שוין געהאַט דורכגעמאַכט? לענין האָט בכלל נישט געהאַלטן פאַר נויטיק צו דערמאָנען אונזערע ריין עפּיזאָדישע חילוקי-דעות. דערפאַר אָבער האָט ער נישט איינמאָל גערעדט פון „דער געוואַלדיקער פּראָפּאַגאַנדיסטישער באַדייטונג פון די ברעסקער אונטערהאַנדלונגען" (ז., צום ביישפּיל, זיין רעדע פון 17-טן מאַי 1918). אַ יאָר נאָך ברעסק האָט לענין אויפן פּאַרטיי-צוזאַמענפאָר געזאָגט: „די אומגעהייערע אָפּגעריסנקייט פון מערב-אייראָפּע און פון אַלע איבעריקע לענדער האָט אונז נישט געגעבן קיין שום אָביעקטיווע מאַטעריאַלן,

צו קאָנען באַטראַכטן דעם מעגלעכן טעמפּאָ אָדער די פאָרמען פון דער וואַקסנדיקער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע אין מערב. פון דער־דאָזיקער קאָמפּליצירטער לאַגע איז אַרויסגעפלאָסן דאָס, וואָס די פראַגע וועגן בריסקער שלום האָט אַרויסגערופן נישט ווייניק חלוקי־דעות אין אונזער פּאַרטיי" (רעדע פון 18־טן מערץ 1919).

עס בלייבט נאָך איבער די פראַגע: ווי פּאָרט האָבן זיך גע־האַלטן אין יענע טעג מיינע שפּעטערדיקע קריטיקער און דעמאַסקי־רער? בוכאַרין האָט בערך אַ יאָר נאָכאַנאַנד געפירט אַ העפטיקן קאַמף קעגן לענינען (און מיר) און געדראָט מיט אַ שפּאַלטונג פון דער פּאַרטיי. מיט אים זענען געגאַנגען קובישעוו, יאַראָסלאַווסקי, בובנאָוו און אַ סך אַנדערע היינטיקע זיילן פונם סטאַליניזם. זינאָוויעוו, האָט, להיפוך, געפאָדערט תיכף אונטערצושרייבן דעם שלום־אָפּמאַך און זיך אָפּזאָגן פון דער אַגיטאַציע־טריבונע אין בריסק. איך מיט לענינען זענען געווען איייניק אין דעם, אַז מען דאַרף פּאַראורטיילן דידאָזיקע פּאָזיציע. קאַמעניעוו איז אין בריסק מסכּים געווען מיט מיין פּאָר־מולע. אָבער קומענדיק קיין מאָסקווע, איז ער צוגעשטאַנען צו לענינען. ריקאָוו איז נאָך דעמאָלט נישט געווען קיין מיטגליד פון צ. ק. און האָט זיך דעריבער נישק באַטייליקט אין אַזעלכע דעצידירנדיקע באַ־ראַטונגען. דזערזשינסקי איז געווען קעגן לענינען, אָבער ביי דער לעצטער אָפּשטימונג האָט ער זיך אָנגעשלאָסן אָן אים. און ווי איז געווען סטאַלינס פּאָזיציע? ער האָט, ווי אַלעמאָל, נישט געהאַט קיין שום פּאָזיציע. ער האָט אויסגעוואַרט און קאָמבינירט. „דער אַלטער האָפט נאָך אַלץ אויפן שלום,״ — האָט ער מיר אַ וואונק געטאָן אין דער זייט פון לענינען, — „אָבער ער וועט קיין שלום נישט האָבן״. דערנאָך איז ער אַוועק צו לענינען און מסתּמא געמאַכט דיזעלבע באַמערקונגען אויף מיין אַדרעס. סטאַלין איז קיינמאָל נישט אַרויס־געטרעטן. מיט זיינע סתירות האָט זיך קיינער באַזונדערס נישט אינ־טערעסירט: ס'איז זיכער, אַז די גאַנצע זאָרג מיינע — צו מאַכן אונ־זער שטעלונג אין דער פראַגע פון שלום וואָס מער פאַרשטענדלעכער פאַרן וועלט־פּראָלעטאַריאַט, איז פאַר סטאַלינען געווען אַ פּרט־זאַך. אים האָט אינטערעסירט „דער שלום אין איין לאַנד״, ווי שפּעטער „דער סאָציאַליזם אין איין לאַנד״. ביי דער דעצידירנדיקער אָפּשטי־מונג האָט ער זיך אָנגעשלאָסן אָן לענינען. ערשט אין עטלעכע יאָר אַרום האָט ער זיך, אין די אינטערעסן פון קאַמף קעגן דעם טראָצ־

קיום, אויסגעאַרבעט עפּעס אַ מין „שטאַנדפּונקט" אויף די בריסקער געשעענישן.

ס'איז נאָך אַ ספק, צי עס לוינט ווייטער צו רעדן דעריבער. איך האָב שוין אַזוי אויך די בריסקער חלוקי־דעות אָפּגעגעבן צופיל אָרט, גאָרנישט לויט דער פּראָפּאָרציע. אָבער איך האָב געהאַלטן פאַר נויטיק אויפצודעקן, לפּחות, איינעם פון די שטרייטבאַרע עפּיזאָדן אין זיין גאַנצן אומפאַנג, כדי צו ווייזן, ווי אַזוי ס'איז פאַקטיש געווען, און ווי אַזוי מען האָט זיך עס געפּרואווט שפּעטער פאַרצושטעלן. אַגב, האָב איך דאָ אויך געוואָלט אַוועקשטעלן די עפּיגאָנען אויפן ריכטיקן פּלאַץ. וואָס איז שייך לענינען, וועט קיין איינציקער ערנסטער מענטש נישט חושד זיין, אַז בנוגע אים, לענינען, האָב איך זיך געלאָזט פירן פון אַ געפיל, וואָס ווערט גערופן אין דייטש: Rechthaberei. לענינס ראָל אין די בריסקער טעג האָב איך עפנטלעך אָפּגעשאַצט אַ סך פריער, ווי די אַנדערע. דעם 3־טן אָקטאָבער 1918 האָב איך געזאָגט אויף אַ פאַרייניקטער עקסטרע־זיצונג פון די העכסטע אָרגאַנען פון דער סאָוויעטישער מאַכט: „איך האַלט עס אויף דערדאָזיקער אויטאָריטעטער פאַרזאַמלונג פאַר אַ פליכט צו דערקלערן, אַז אין יענער שעה, בעת פיל פון אונז, און איך אויך בתוכם, האָבן געצווייפלט, צי דאַרף מען, צי איז עס דערלאָזבאַר אונטערצושרייבן דעם בריסקער שלום, האָט דעמאָלט חבר לענין מיט גרויס עקשנות און מיט אומפאַרגלייכלעכן שאַרפזין אויפגעוויזן, קעגן פיל פון אונז, אַז מיר מוזן עס אַדורכמאַכן, כדי צו דערציען ביז צו דער רעוואָלוציע פון וועלט־פּראָלעטאַריאַט. און איצט מוזן מיר אַנערקענען, אַז מיר זענען נישט גערעכט געווען".

איך האָב לגמרי נישט געוואַרט אויף פאַרשפּעטיקטע אַנטפּלעקונגען מצד די עפּיגאָנען, כדי צו אָנערקענען, אַז לענינס גענִיאַלער פּאָליטישער מוט האָט אין די טעג פון בריסק געראַטעוועט די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט. אין די אויבנגעבראַכטע ווערטער האָב איך גענומען אויף זיך אַ גרעסערן טייל אַחריות פאַר די פעלערן פון אַנדערע, ווי מיר האָט עס געקומט. איך האָב עס געטאָן, כדי צו ווייזן אַ ביישפּיל פאַר אַנדערע. די סטענאָגראַמע באַצייכנט אויף דעמדאָזיקן אָרט: „לאַנגדויערנדיקע אָוואַציעס". די פּאַרטיי האָט דערמיט געוואָלט באַווייזן, אַז זי פאַרשטייט און שאַצט אָפּ מיין באַציונג צו לענינען, אַ באַציונג, וואָס איר איז פרעמד יעדע קליינלעכקייט אָדער אייפער־

וכט. איך האָב צו קלאָר פאַרשטאַנען, וואָס לענין איז פאַר דער רע־
וואָלוציע, פאַר דער געשיכטע און — פאַר מיר פערזענלעך. ער איז
געווען מיין לערער. מיינט נישט, אַז איך האָב מיט אַ פאַרשפעטיקונג
איבערגעחזרט זיינע ווערטער און זיינע זשעסטן. נאָר איך האָב מיך
ביי אים געלערנט צו קומען זעלבסטשטענדיק צו יענע באַשלוסן, צו
וועלכע ער איז געקומען.

דריי און דרייסיקסטער קאַפּיטל

אַ חודש אין סוויאַזשסק

דער פרילינג און דער זומער פון יאָר 1918 זענען געווען אויסערגעוויינלעך שווערע. ערשט איצט זענען אַרויסגעקראָכן אינדרויסן אַלע פאָלגן פון דער מלחמה. מען האָט ווײַלעוויי גערהאַט דאָס געפיל, אַז אַלץ צעקריכט, צעשיט זיך, ס׳איז נישטאָ אָן וואָס זיך אָנצוכאַפּן און נישטאָ אויף וואָס זיך אָנצושפּאַרן. ס׳איז אויפגעשוואומען די פראַגע: צי וועלן די לעבנסזאַפטן פונם אויסגעשעפּטן, פאַרוויסטן און פאַרצווייפלטן לאַנד בכלל זיין אימשטאַנד צו דערהאַלטן דעם נייעם רעזשים און ראַטעוועןזיין אומאָפּהענגיקייט? קיין לעבנסמיטלען זענען נישט געווען. קיין אַרמעע איז נישט געווען. די אייזנבאַנען זענען אינגאַנצן צעשטערט געוואָרן. דער מלוכה-אַפּאַראַט האָט זיך קוים געהאַלטן אין שאַפן. אומעטום האָבן געאייטערט פאַרשווערונגען.

אויף מערב האָבן די דייטשן פאַרכאַפּט פוילן, ליטע, לעטלאַנד, ווייסרוסלאַנד און אַ באַדייטנדיקן טייל פון גרויסרוסלאַנד. פּסקאָוו האָט זיך געפונען אין דייטשע הענט. אוקראַינע איז געוואָרן אַ דייטש-עסטרייכישע קאָלאָניע. אויף דער וואָלגע האָבן די פראַנצויזישע און ענגלישע אַגענטורן זומער 1918 אָרגאַניזירט אַן אויפשטאַנד פונם טשעכאָ-סלאָוואַקישן קאָרפּוס, פון געוועזענע קריגסגעפאַנגענע. די דייטשע אויבערקאָמאַנדע האָט מיר דורך איר מיליטערישן פאַרטרעטער געגעבן צו פאַרשטיין, אַז אויב די ווייסע וועלן זיך דערנענטערן צו מאָסקווע פון מזרח, וועלן זיך די דייטשן צורוקן צו מאָסקווע פון

מערב אין דער ריכטונג פון אָרשע—פסקאָוו, כדי צו שטערן דער פאַרמירונג פון אַ נייעם מזרח־פראָנט. מיר האָבן זיך געפונען צווישן האַמער און קאָוואַדלע. אויף צפון האָבן די ענגלענדער און פראַנצויזן אָקופּירט מורמאַנסק און אַרכאַנגעלסק און באַדראָט וואָלאָגדאַ. אין יאַראָסלאַוול האָט זיך אויפגעהייבן אַ מרידה פון די ווייסגוואַרדיסטן, אָרגאַניזירט פון סאַווינקאָוון אויף דער דירעקטער פאָדערונג פון פראַנצויזישן געזאַנדטן נולאַנס און דעם ענגלישן באַפולמעכטיקטן לאָקאַרט, כדי צו פאַרייניקן, איבער יאַראָסלאַוול און וואָלאָגדאַ, די צפון־אַרמעען מיט טשעכאָ־סלאָוואַקן און די ווייסגוואַרדיסטן אויף דער וואָלגע. אויפן אוראַל האָבן געבושעוועט דוטאָווס באַנדעס. אין דרום, ביים דאָן, האָט זיך אויפגעהייבן אַן אויפשטאַנד אונטער דער אָנפירונג פון קראַסנאָוון, וואָס איז דעמאָלט געשטאַנען אין אַן אוממיטלבאַרער פאַרבינדונג מיט די דייטשן. די לינקע עסערן האָבן אין יולי אָרגאַניזירט אַ פאַרשווערונג, דערהרגעט דעם גראַף מירבאַך און געפּרוּווט אויפהייבן אַ מרידה אויפן מזרח־פראָנט. זיי האָבן אונז געוואָלט אויפצווינגען אַ קריג מיט דייטשלאַנד. דער פראָנט פון בירגערקריג האָט זיך כסדר פאַרוואַנדלט אין אַ רינג, וואָס האָט אַלץ ענגער און ענגער געזאָלט אַרומנעמען מאָסקווע.

נאָכן פאַלן פון סימבירסק איז באַשלאָסן געוואָרן מיין נסיעה צו דער וואָלגע, פון וואַנען עס האָט געדראָט די הויפּטגעפאַר. איך האָב מיך באַשעפטיקט מיטן פאָרמירן אַ צוג. אין יענע צייטן איז עס נישט געווען אַזאַ פשוטע זאַך. אַלץ האָט געפעלט, אָדער ריכטיקער, קיינער האָט נישט געוואוסט, וואו וואָס עס ליגט. די פשוטסטע אַרבעט האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ קאָמפּליצירטער אימפּראָוויזאַציע. דעמאָלט איז מיר נישט איינגעפאַלן, אַז אין דעמדאָזיקן צוג וועט מיר אויסקומען צו פאַרברענגען צוויי מיט אַ האַלב יאָר. פון מאָסקווע בין איך אַרויסגעפאָרן דעם 7־טן אויגוסט, און איך האָב נאָך נישט געוואוסט, אַז מיט אַ טאָג פריער איז געפאַלן קאַזאַן. דידאָזיקע גרויליקע ידיעה האָט מיך געכאַפּט אונטערוועגס. די רויטע מיליטערטיילן, וואָס זענען אין איילעניש פאָרמירט געוואָרן, האָבן אָן אַ שום קאַמף פאַרלאָזן די פּאָזיציעס און געעפנט דעם קאַזאַן־פראָנט. איין טייל פון שטאַב איז באַשטאַנען פון פאַרשווערער, דער צווייטער איז אומגעריכט באַפאַלן געוואָרן פון שונא אָדער זיך איינציקווייז באַהאַלטן פון די קוילן. וואו איז דער הויפּטקאָמאַנדיר און די איבעריקע

פֿרמעעפּירער, דאָס האָט קיינער נישט געוואוסט. מיין צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט אין סוויאַזשסק, אויף דער נאָענטסטער גרעסערער סטאַציע פֿאַר קאַזאַן. אין פֿאַרלויף פֿון אַ חודש צייט איז דאָ פּנדאָסניי דע־צידירט געוואָרן דער גורל פֿון דער רעוואָלוציע. פֿאַר מיר איז דער־דאָזיקער חודש געווען אַ גרויסע שולע.

די אַרמעע ביי סוויאַזשסק איז באַשטאַנען פֿון אָפּטיילונגען, וואָס האָבן אָפּגעטרעטן פֿון אונטער סימבירסק און קאַזאַן, אָדער זענען פֿון פֿאַרשיידענע ריכטונגען געקומען אַהער צו הילף. יעדע אָפּטיילונג האָט געלעבט איר אייגן לעבן. געמיינזאַם ביי אַלע איז נאָר געווען דער חשק אָפּצוטרעטן. צו גרויס איז געווען דאָס איבערגעוויכט אין דער אָרגאַניזאַציע און דערפֿאַרונג פֿונם קעגנער. איינצלנע ווייסע ראָטעס, וואָס זענען על־פּי־רוב באַשטאַנען פֿון אָפֿיצירן, האָבן ממש באַוויזן וואונדער. דער באָדן גופא איז געווען אָנגעשטעקט מיט פּאַניק. פֿרישע רויטע אָפּטיילונגען, וואָס זענען געקומען אין אַ מונטערער שטימונג, זענען תיכף פֿאַרכאַפּט געוואָרן דורך דער אינערציע פֿון ריקצוג. צווישן די פּויערים האָט זיך פֿאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז די סאָוויעטן וועלן לאַנג נישט אָנציען. די פּאָפּן און קופּצעס האָבן אויפֿגעהייבן די קעפּ. די רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן אין דאָרף האָבן זיך באַהאַלטן. אַלץ האָט זיך צעשאָטן, נישט געווען אָן וואָס זיך אָנ־צוהאַלטן, די לאַגע האָט אויסגעזען קאַטאַסטראָפֿאַל.

דאָ, ביי קאַזאַן, האָט מען אויף אַ קליינעם שטח געקאָנט וואַרפֿן אַן איבערבליק אויף די פֿאַרשיידנאַרטיקע פֿאַקטאָרן פֿון דער מענטש־לעכער געשיכטע, און שעפּן אַרגומענטן קעגן דעם פּחדנותדיקן היסטאָ־רישן פֿאַטאַליזם, וואָס פֿאַרשלייערט זיך ביי אַלע קאָנקרעטע און פּרי־וואַטע פֿראַגן הינטער דער פּאַסיווער געזעצמעסיקייט, אויסמיידנדיק איר וויכטיקסטע טרייבפֿעדער: דעם לעבעדיקן און ווירקנדיקן מענטשן. צי דען האָט אין יענע טעג אַ סך געפֿעלט, אַז פֿון דער רעוואָלוציע זאָל קיין זכר נישט בלייבן? איר טעריטאָריע האָט זיך איינגעשרומפּן ביז דער גרויס פֿון דעם אַלטן מאָסקווער פֿירשטנטום. זי האָט כמעט נישט געהאַט קיין אַרמעע. די שונאים האָבן זי באַלאַגערט פֿון אַלע זייטן. נאָך קאַזאַן האָט עס געהאַלטן ביי ניזשני־נאָווגאָראָד. פֿון דאָרט האָט זיך כמעט געעפֿנט אַן אומגעשטערטער וועג קיין מאָסקווע. דער גורל פֿון דער רעוואָלוציע איז אָבער דאָסמאָל באַשלאָסן געוואָרן ביי סוויאַזשסק. און דאָ איז ער אין די סאַמע קריטישע מאָמענטן געווען

אָפּהענגיק פון איין באַטאַליאָן, פון איין ראָטע, פון איין שטאַנדהאַפּ־טיקן קאָמיסאַר, ד. ה. ער איז געהאָנגען אויף אַ האָר, און אַזוי טאָג־איין, טאָג־אויס.

און דאָך איז די רעוואָלוציע געראַטעוועט געוואָרן. וואָס האָט מען דערצו געדאַרפט? נישט פיל: מען האָט געדאַרפט, אַז די מער אַנטוויקלטע שיכט פון דער מאַסע זאָל פאַרשטיין איר טויט־סכנה. דער וויכטיקסטער תּנאַי פון דערפאָלג איז באַשטאַנען אין דעם: קיין זאַך נישט צו פאַרבאָרגן, און קודם־כּל — נישט פאַרבאָרגן די אייגענע שוואַכקייט, נישט כיטרעווען מיט דער מאַסע, אָנרופן אַלץ אָפן ביים נאָמען. די רעוואָלוציע איז נאָך געווען צו זאָרגלאָז. דער אָקטאָבער־נצחון איז אָנגעקומען לייכט. אין דערזעלבער צייט האָט די רעוואָלוציע נאָך גאָרנישט באַזייטיקט מיט איין האַנטבאַוועגונג יענע אַלע צרות, וועלכע האָבן זי אַרויסגערופן. דער סטיכישער דרוק איז שוואַכער געוואָרן. דער שונא האָט גענומען מיט דעם, וואָס האָט אונז געפעלט: מיט דער מיליטערישער אָרגאַניזאַציע. דידאָזיקע קונסט האָט די רעוואָלוציע געלערנט אונטער קאַזאַן.

די אַגיטאַציע אין גאַנצן לאַנד האָט זיך געשפּייזט מיט די טעלעגראַמעס פון סוויאַזשסק. די סאָוויעטן, די פּאַרטיי, די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען האָבן געשאַפן נייע אָפּטיילונגען און געשיקט טויזנטער קאָמוניסטן קיין קאַזאַן. דער גרעסטער טייל פון דער פּאַרטיי־יוגנט האָט נישט געקאָנט האַלטן קיין געווער. אָבער זיי האָבן געוואָלט מנצח זיין פאַר יעדן פּרייז. און דאָס איז געווען דער עיקר. זיי האָבן פאַרפעסטיקט די חוט־השדרה אין דעם שיטער־שוואַכן גוף פון דער אַרמעע.

פאַרן הויפּטקאָמאַנדיר פון מזרח־פראָנט איז באַשטימט געוואָרן דער פּאָלקאָווניק וואַצעטיס, וואָס האָט ביז אַהער אָנגעפירט מיט דער דעוויזיע פון די לעטישע שיסער. דאָס איז געווען די איינציקע מיליטער־אָפּטיילונג, וואָס איז געבליבן פון דער אַלטער אַרמעע. די לעטישע טאָג־אַרבעטער, פּראָלעטאַריער און אָרעמע פּויערים האָבן פיינט געהאַט תּכלית־שׂנאה די באַלטישע באַראָנען. דידאָזיקע סאָציאַלע שׂנאה האָט אויסגענוצט דער צאַריזם אין קריג קעגן די דייטשן. די לעטישע פּאָלקן זענען געווען די בעסטע אין דער צאַרישער אַרמעע. נאָך דער פעברואַר־איבערקערעניש האָבן זיי זיך כּמעט אַלע ביז איינעם באָלשעוויזירט און אין דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע געשפּילט אַ גרויסע

דאָל. וואַצעטיס איז געווען אונטערנעמעריש, אַקטיוו און געשיקט. וואַצעטיס האָט זיך אַרויסגערוקט בעתן אויפשטאַנד פון די לינקע עס-ערן. אונטער זיין לייטונג איז אויפגעשטעלט געוואָרן דאָס לייב-טע שיסגעווער קעגן שטאַב פון די פאַרשווערער. צוויי, דריי שאָסן אינדערנאָענט—אויף אָפּצושרעקן און אָן קרבנות—זענען געווען גענוג, אַז די בונטאָווזשטשיקעס זאָלן זיך צעלויפן. נאָכדעם, ווי דער אַוואַנ-טוריסט מוראַוויאָוו האָט פאַרראַטן אין מזרח, האָט וואַצעטיס פאַרנומען זיין אָרט. להיפוך פון די אַנדערע מיליטערישע אַקאַדעמיקער, האָט ער אין רעוואָלוציאָנערן תהו-ובהו נישט פאַרלאָרן דעם קאָפּ, נאָר לעבנסלוסטיק אין אים זיך געצאַפּלט, גערודערט, גערופן, דערמונטערט און אַרויסגעגעבן באַפעלן אַפילו דאַן, ווען עס איז שוין נישט גע-ווען קיין האָפענונג זיי אויסצופירן. אין דער צייט, ווען די אַנדערע „ספעצן" האָבן מער פון אַלץ זיך געשראָקן איבערצוטרעטן די גרענעץ פון זייערע רעכט, האָט וואַצעטיס, פאַרקערט, אין מאָמענטן פון באַ-גייסטערונג אַרויסגעגעבן דעקרעטן און בעת מעשה איינגאַנצן פאַר-געסן, אַז עס עקזיסטירט אַ סאָוונאַרקאָם און אַ וו צ י ק. אומגעפער אין אַ יאָר אַרום האָט מען וואַצעטיסן באַשולדיקט אין פאַרדעכטיקע פּלענער און פאַרבינדונגען, אַזוי, אַז מען האָט אים געמוזט באַזייטיקן. אָבער קיין שום ערנסטע זאַכן האָבן הינטער דידאָזיקע באַשולדיקונ-גען נישט געשטעקט. מעגלעך, אַז פאַרן איינשלאָפן האָט ער אַריינ-געקוקט אין נאַפּאָלעאָנס ביאָגראַפיע און אַרויסגעזאָגט פאַר אַ צוויי, דריי יונגע אָפיצירן עטלעכע אומבאַשיידע רעיונות. איצט איז וואַצעטיס אַ פּראָפעסאָר פון דער מיליטערישער אַקאַדעמיע...

פונם קאַזאַנער שטאַב איז ער אַוועק דעם 6-טן אויגוסט אין אָוונט אַלס איינער פון די לעצטע, בעת די ווייסע האָבן שוין געהאַט פאַרנומען דעם בנין. ער האָט זיך גליקלעך אַרויסגעדרייט און אויף אומוועגן געקומען קיין סוויאַזשסק. ער האָט פאַרלאָרן קאַזאַן, אָבער דערהאַלטן זיין אָפּטימיזם. איך האָב אַרומגערעדט מיט אים די אַלע וויכטיקסטע פראַגן, באַשטימט דעם לעטישן אָפיציר סלאַווין פאַר דעם קאָמאַנדיר פון דער פינפטער אַרמעע און מיר האָבן זיך צעזעגנט. וואַצעטיס איז אַוועקגעפאָרן אין זיין שטאַב. איך בין געבליבן אין סוויאַזשסק.

מיט מיין צוג איז, צווישן אַנדערע, אויך אָנגעקומען גוסיעוו. מען האָט אים געהאַלטן פאַר אַן „אַלטן באָלשעוויק", ווייל ער האָט זיך באַטייליקט אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פון יאָר 1905.

ביי אַ צען יאָר האָט ער געפירט אַ בירגערלעך לעבן, אָבער ווי אַ סך אַנדערע, האָט ער זיך צוריקגעקערט צו דער רעוואָלוציע פון יאָר 1917. צוליב קליינע אינטריגעס איז ער שפעטער דורך לענינען און מיר באַזייטיקט געוואָרן פון דער מיליטערישער אַרבעט און איז תּיכף אויפגעכאַפּט געוואָרן פון סטאַלינען. היינט איז דער עיקר זיין פאַך — פאַלסיפיצירן די געשיכטע פונם בירגערקריג. זיין ווילטיקסטע קוואַליפיקאַציע פאַר דעם איז — דער אַפּאַטישער ציניזם. ווי די גאַנצע סטאַלינישע שולע שטעלט ער זיך קיינמאָל נישט אָפּ אויף דעם, וואָס ער האָט געשריבן אָדער גערעדט נעכטן. אָנהייב יאָר 1924, ווען די העצע קעגן מיר איז שוין אַרויס אינגאַנצן פון איר באַהעלטעניש, און גוסיעוו האָט דערביי פאַרנומען זיין אָרט פון אַ פלעגמאַטישן אינטריגע-פירער, זענען נאָך די זכרונות וועגן די טעג פון סוויאַזשסק, נישט געקוקט אויף די אַוועקגעגאַנגענע זעקס יאָר, געווען גאַנץ פריש אין זכרון און האָבן אין אַ געוויסער מאָס נישט פאַרלאָזט אַפילו גוסיעוון. אָט וואָס ער האָט דערציילט וועגן די געשעענישן ביי קאַזאַן: „חבר טראָצקיס האָט מיט זיין אָנקומען אַריינגעטראָגן אַ דעצידירנדיקע ווענדונג אין דער לאַגע. מיטן צוג פון חבר טראָצקי איז אויף דער פאַרוואָרפענער סטאַציע סוויאַזשסק געקומען אַ פעסטער ווילן צום נצחון, איניציאַטיוו און אַן ענערגישער דרוק אויף דער גאַנצער אַרבעט פון דער אַרמעע. שוין פון די ערשטע טעג אָן האָט מען דערשפירט, אַז סיי אויף דער סטאַציע, וואָס איז געווען אָנגעפּראָפּט מיט טראַנספּאָרטן פון די אומצייליקע פולקן, וואו עס האָבן זיך צונויפגעשטיקט די פּאָליטישע אָפּטיילונג און די פּראָוויאַנטירונגס-אָרגאַנען, און סיי אויך דאָרט, מיט 15 וויאָרסט ווייטער, וואו עס זענען געשטאַנען די אַרמעע-טיילן, איז עפּעס פאָרגעקומען אַ שאַרפער איבערברוך. קודם-כּל האָט זיך עס אַרויסגעוויזן אויפן געביט פון דער דיסציפּלין. די האַרבע מעטאָדן פון חבר טראָצקי זענען אין יענער עפּאָכע פון דער פּאַרטיזאַנען-באַוועגונג און דער דיסציפּלינלאָזיקייט... קודם-כּל און הויפּטזעכלעך געווען צוועקמעסיק און נויטווענדיק. מיט איינרעדן האָט מען גאָרנישט געקאָנט מאַכן, און חוצדעם איז דערויף סתּם קיין צייט נישט געווען. אין משך פון די 25 טעג, וואָס חבר טראָצקי האָט פאַרבראַכט אין סוויאַזשסק, איז אָפּגעטאָן געוואָרן אַ ריזיקע אַרבעט, וואָס האָט פאַרוואַנדלט די דעזאָרגאַניזירטע

און צעפוילטע טיילן פון דער 5-טער אַרמעע אין קאַמפּספּעיקע און ווי צוגעגרייט איינצונעמען קאַזאַן".

דער פּאַרראַט האָט געהאַט זיינע נעסטן אין שטאַב, צווישן די מיליטערישע אָנפירער און אין דער סביבה. דער שונא האָט געוואוסט, וואו צו שלאָגן און איז כּמעט שטענדיק געגאַנגען אויף זיכער. דאָס האָט שטאַרק אַראָפּגעשלאָגן פון מוט. באַלד נאָך מיין קומען האָב איך באַזוכט די פאָדערשטע באַטאַרייען. די ערטער, וואו עס זענען אויסגעשטעלט געוואָרן די האַרמאַטן, האָט מיר געוויזן אַ דערפאַרענער אַרטילעריע-אָפיציר מיט אַ פאַרווינטיקטן פּנים און אומדורכדרינגלעכע אויגן. ער האָט מיך געבעטן, איך זאָל אים דערלויבן אַ ווײַלע אָפּ-צוטרעטן, מחמת ער דאַרף אָפּגעבן טעלעפאָניש אַ באַפעל. אין עטלעכע מינוט אַרום זענען געפאַלן צוויי האַרמאַטנקוילן אויף אַ שטח פון פופציק טריט, אַ דריטער איז געפאַלן גאָר נאָענט — לעבן מיר. איך האָב קוים באַוויזן זיך אַוועקצולייגן, און איך בין פאַרשאָטן געוואָרן מיט ערד. דער אַרטילעריסט איז געשטאַנען אומבאַוועגלעך אָן אַ זייט, אַ בלאַסקייט האָט זיך אים דורכגעשניטן אויפן ברוין אָפּגעברענטן פּנים. מערקווירדיקערווייזע האָב איך קיין זאַך נישט חושד געווען, מיי-נענדיק, אַז דאָס איז אַ צופאַל. ערשט אין צוויי יאָר אַרום האָב איך זיך פלוצלונג דערמאָנט אָן דער גאַנצער סיטואַציע ביז צו די קלענסטע פּרטים, און מיר איז מיטאַמאָל קלאָר געוואָרן: דער אַרטילעריסט איז געווען אַ שונא און האָט דורכן טעלעפאָן, איבער עפּעס אַ צווישן-פּונקט, אָנגעגעבן דער פיינטלעכער באַטאַרייע, וואו זי האָט צו שיסן. ער האָט טאָפּלט ריזיקירט: אַרונטערפאַלן צוזאַמען מיט מיר אונטער די האַרמאַטנקוילן פון די ווייסע, אָדער דערשאָסן ווערן דורך די רויטע. וואָס מיט אים איז געוואָרן — ווייס איך נישט.

איך האָב קוים באַוויזן זיך אומצוקערן אין וואַגאָן, ווי פון אַלע זייטן האָבן גענומען קנאַקן די ביקסן. איך בין אַרויסגעשפּרונגען אויף דער פּלאַטפאָרם. איבער אונז האָט זיך געדרייט אַ ווייסער עראָפּלאַן. ער האָט זיך גאַנץ אָפן געלאָזט אויף יאַגד נאָכן צוג. דריי באָמבעס זענען אין אַ בּרייטן קרייזבויגן אַראָפּגעפאַלן איינע נאָך דער אַנדערער, נישט מאַכנדיק קיינעם קיין שאָדן. פון די וואַגאָנען-דעכער האָט מען געשאָסן צום שונא פון ביקסן און קוילנוואַרפערס. דעם עראָפּלאַן האָט מען שוין נישט געקענט דערגרייכן מיט אַ קויל. אָבער די שיסעריי האָט נישט אויפגעהערט. אַלע זענען געווען ווי

פאַרשיכּורט. מיט גרויס מי האָב איך אָפּגעשטעלט די שיסעריי. מעג־לעך, אַז דערזעלבער אַרטילעריסט האָט געגעבן צו וויסן, ווען איך האָב מיך צוריקגעקערט אין וואַגאָן. עס האָבן אָבער אויך געקאָנט זיין אַנדערע קוועלן.

דער פאַרראַט האָט געאַרבעט אַלץ זיכערער, וואָס צרהדיקער עס האָט אויסגעזען די מיליטערישע לאַגע פון דער רעוואָלוציע. מען האָט געמוזט פאַר יעדן פרייז און טאַקע וואָס גיכער גובר זיין דעם אויטאָמאַטיזם פונם ריקצוג, ווען מענטשן גלויבן שוין נישט אין דער מעגלעכקייט זיך אָפּצושטעלן, זיך אַ דריי טאָן אַרום דעם אייגענעם אַקס און אַ קלאַפּ געבן דעם שונא אין האַרצן.

איך האָב מיטגעבראַכט מיט זיך אין צוג ביי אַ האַלבער מאה פון דער מאָסקווער פאַרטיי־יוגנט. זיי זענען געקראָכן ממש פון דער הויט, האָבן פאַרשטאָפּט מיט זיך אַלע לעכער, און אויף מיינע אויגן צעשמאָלצן געוואָרן און זיך אויסגעשטעלט אויף די קלעפּ פון שונא מיט אַ העראָישער אומבאַדאַכטקייט און אומדערפאַרנקייט. לעבן זיי איז געשטאַנען דער פערטער לעטישער פולק. צווישן אַלע פולקן פון דער צעפליקטער דיוויזיע איז ער געווען דער ערגסטער. די שיסער זענען געלעגן אין שמוץ אונטערן רעגן און האָבן געפאָדערט, מען זאָל זיי טוישן. מען האָט זיי אָבער נישט געקאָנט טוישן. דער קאָמאַנדיר פון פולק צוזאַמען מיטן קאָמיטעט פון פולק האָבן מיר צוגעשיקט אַ מעלדונג, אַז אויב מען וועט דעם פולק תיכף נישט טוישן, וועלן דערפון אַרויסקומען „געפערלעכע פאָלגן פאַר דער רעוואָלוציע". דאָס איז געווען אַ דראָונג. איך האָב אַרויסגערופן צו זיך אין וואַגאָן דעם קאָמאַנדיר פון פולק און דעם פאָרזיצער פון פולק־קאָמיטעט. שטאַרק אָנגעברוגזטע, האָבן זיי זיך געהאַלטן ביי זייער פאָדערונג. דע־מאָלט האָב איך זיי געמאָלדן, אַז זיי זענען אַרעסטירט. דער שעף פון דער פאָסט־אָפּטיילונג ביים צוג, דער איצטיקער קאָמענדאַנט פון קרעמל, האָט זיי אַנטוואָפנט אין מיין קופּע. אין וואַגאָן איז, חוץ מיר ביידע, קיינער נישט געווען. די גאַנצע קאָמאַנדע האָט געקעמפט אויף די פּאָזיציעס. ווען די אַרעסטירטע וואָלטן זיך אַנטקעגנגעשטעלט, אָדער ווען דער פולק וואָלט זיך איינגעשטעלט פאַר זיי און וואָלט פאַרלאָזט די פּאָזיציעס, וואָלט די לאַגע געקאָנט ווערן האָפענונגסלאָז. מיר וואָלטן געמוזט אָפּגעבן סוויאַזשסק און די בריק איבער דער וואָלגע. און ווען דער שונא פאַרכאַפּט מיין צוג, וואָלט עס, נאַטירלעך, נישט גע־

—בן אָן אַ השפעה אויף דער אַרמעע. דער װעג קיין מאָסקווע
װאָלט געעפנט געוואָרן, אָבער דער אַרעסט איז דורכגעגאַנגען בשלום.
אין אַ באַפעל צו דער אַרמעע האָב איך געמאָלדן, אַז דער קאָמאַנדיר
פון פּולק ווערט געשטעלט פאַרן רעוואָלוציאָנערן טריבונאַל. דער פּולק
האָט נישט פאַרלאָזט די פּאָזיציעס. דער קאָמאַנדיר איז נאָר פאַר-
משפּט געוואָרן צו תּפיסה.

די קאָמוניסטן האָבן איבערצייגט, אויפגעקלערט און געדינט
אַלס ביישפּיל. עס איז אָבער געווען קלאָר, אַז מיט דער אַגיטאַציע
אַליין וועט מען די שטימונג נישט איינברעכן, און דער מצב האָט
אויך נישט געלאָזט דערויף קיין צייט. מען האָט זיך געמוזט באַשליסן
אויף שטרענגע מיטלען. איך האָב אַרויסגעלאָזט אַ באַפעל, וואָס איז
אָפּגעדרוקט געוואָרן אין דער דרוקעריי פון מיין צוג און איז פאַר-
עפנטלעכט געוואָרן אין אַלע אַרמעע-אָפּטיילונגען. „איך וואָרן: אויב
עפּעס אַ טייל וועט אייגנווייליק אָפּטרעטן, וועט דער ערשטער דער-
שאָסן ווערן דער קאָמיסאַר פון דער אָפּטיילונג, דער צווייטער — דער
קאָמאַנדיר. מוטיקע, דרייסטע סאָלדאַטן וועלן געשטעלט ווערן אויף
די אָנפירנדיקע פּאָסטנס. פּחדנים, עגאָיסטן און פאַררעטער וועלן
נישט אויסמיידן די קויל. דערפאַר בין איך ערוב פאַר דער גאַנצער
רויטער אַרמעע".

דער איבערברוך איז געקומען, פאַרשטייט זיך, נישט מיטאַמאָל.
איינצלנע אָפּטיילונגען זענען ווייטער אָפּגעטרעטן אָן אַ שום סיבה,
אָדער זיך צעלאָפן ביי דעם ערשטן שטאַרקן שטויס פון שונא. אויף
דער וואָלגע איז געשטאַנען גרייט אַ דאַמפער פאַרן שטאַב. צען מאַן
פון מיין צוג-קאָמאַנדע האָבן אויף וועלאָסיפּעדן באַוואַכט דאָס פּוס-
גייער-שטעגעלע צווישן שטאַב און דעם צוגאַנג צום דאַמפער. דער
קריגסראַט פון דער 5-טער אַרמעע האָט אָנגענומען אַ באַשלוס, —
מען זאָל מיר פאַרלייגן זיך אַריבערצוציען אויפן וואַסער. דער עצם
פאָרשלאַג איז געווען אַ לאָגישער, אָבער איך האָב מיך געשראָקן פאַר
אַ שלעכטער ווירקונג אויף דער אַרמעע, וואָס איז נערוועיש און נישט
זיכער אין זיך. גראָד אין דעם מאָמענט האָט זיך די לאַגע אויפן
פראָנט פלוצלונג פאַרערגערט. דער פרישער פּולק, אויף וועלכן מיר
האָבן אַזויפיל געהאָפט, האָט מיטן קאָמיסאַר און קאָמאַנדיר בראש
פאַרלאָזט דעם פראָנט, פאַרכאַפּט מיט אויפגעשטעלטע באַיאָנעטן דעם
דאַמפער און זיך אויף אים פאַרפעסטיקט, כדי אָפּצופאָרן קיין ניזשני-

באָוווגאָראָד. אַן אומרואיקע כוואַליע האָט פאַרכאַפּט דעם פראָנט. אַלע האָבן אָנגעהייבן קוקן אויפן טייך: די לאַגע האָט אויסגעזען כמעט האָפענונגסלאָז. דער שטאַב איז פאַרבליבן אויפן פראָנט, כאָטש דער שונא האָט זיך געפונען אויף אַ שטח פון אַ צוויי קילאָמעטער, און די האַרמאַטנקוילן האָבן געפּלאַצט גאָר נאָענט. איך האָב מיך אַדורכ־געריסן מיטן אומפאַרענדערלעכן מאַרקינען. בראש פון אַ צוויי צענדליק קעמפער־יונגען איז ער אויף אַן אימפּראָוויזירטן האַרמאַטנשיפל צוגע־פאָרן צו דעם דעזערטירן־דאַמפער און סאַמע אונטערן פּיסק פון די האַרמאַטן געפאָדערט, אַז זיי זאָל זיך אונטערגעבן. פון דעם אויסגאַנג פון דערדאָזיקער אינערלעכער אָפּעראַציע איז אין דעם מאָמענט גע־ווען אָפּהענגיק אַלץ. איין שאָס וואָלט געווען גענוג פאַר אַ קאַטאַ־סטראָפע. די דעזערטירן האָבן זיך אונטערגעגעבן אָן אַ שום ווידער־שטאַנד. דער דאַמפער איז צוגעשוואומען צום האַפן, די דעזערטירן זענען אַראָפּ אויפן ברעג. איך האָב באַשטימט אַ פעלדטריבונאַל: דער קאָמאַנדיר, דער קאָמיסאַר און אַ געוויסע צאָל זעלנער זענען פאַר־משפט געוואָרן צום טויט דורך דערשיסן. צו אַן אייטערדיקער וואונד האָט מען צוגעלייגט אַ גליענדיק אייזן. איך האָב דערקלערט פאַרן פולק די לאַגע, נישט פאַרבאָרגן און נישט געמילדערט קיין שום זאַך. אין צוזאַמענשטעל פון די זעלנער האָט מען אַריינגעשפּריצט אַ געוויסע צאָל קאָמוניסטן. אונטער אַ נייער קאָמאַנדע און באַנייטע חושים איז דער פולק אוועק צוריק אויפן פראָנט. אַלץ איז געשען אַזוי געשווינט, אַז דער שונא האָט נישט באַוויזן אויסצונוצן די מהומה.

מען האָט געמוזט אָרגאַניזירן די אַוויאַציע. איך האָב אַרויס־געפאָדערט דעם פליער־אינזשיניער אַקאַשעוו. אַן אַנאַרכיסט לויט זיינע אָנשויונגען, האָט ער דאָך געאַרבעט צוזאַמען מיט אונז. אַקאַשעוו האָט אַרויסגעוויזן אַ סך איניציאַטיוו און האָט געשווינט צונויפגע־שטעלט אַ גרופּע־פלאָטיליע. אַדאַנק איר האָבן מיר סוף־כל־סוף באַקו־מען אַ בילד פון דעם פיינטלעכן פראָנט. די קאָמאַנדע פון דער פינפטער אַרמעע האָט אויפגעהערט צו טאַפּן אינדערפינסטער. די לופטפליער זענען טאָג־טעגלעך באַפאַלן מיט באָמבעס קאַזאַן. אין שטאָט האָט געהערשט אַ פיבערלעכע פּאַניק. שפּעטער, נאָכן איינעמען קאַזאַן, האָט מען מיר צוזאַמען מיט אַנדערע דאָקומענטן אויך איבערגעגעבן אַ טאָגבוך פון אַ בורזשואַזער פרײַלן, וואָס האָט איבערגעלעבט די באַלאַגערונג פון קאַזאַן. זייטלעך, געווידמעט דער שילדערונג פון דער

פאַניק, וואָס אונזערע פּליער האָבן אָנגעוואָרפן אויף דער שטאָט, האָבן זיך דורכגעמישט מיט זייטלעך, וואָס האָבן געשילדערט דעם פּלירט. דאָס לעבן האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט. די טשעכישע אָפיצירן האָבן קאָנקורירט מיט די רוסישע. ראָמאַנען, וואָס האָבן זיך אָנגעהייבן אין די קאַזאַנער סאַלאָנען, האָבן געפונען זייער אַנטוויקלונג, און אָפּטמאָל אויך זייער פינאַל אין די קעלערס, וואו מען האָט זיך באַהאַלטן פון די באָמבעס.

דעם 28-סטן אויגוסט האָבן די ווייסע זיך געפּרואווט אונז אַרומרינגלען. בראש פון אַ גרעסערער אָפּטיילונג, געשיצט דורך דער נאַכטפינסטערניש, איז דער גענעראַל קאַפּעל, וואָס איז שפּעטער מפורסם געוואָרן אַלס ווייסער גענעראַל, אַריין אונז אין רוקן, פאַרכאַפּט די באַוועגנסטע קליינע סטאַציע, צעשטערט די אייזנבאַן-ליניע, אומגעוואָרפן די טעלעגראַפנסלופּעס און, אָפּשניידנדיק אונז אויף אַזאַ אופן דעם וועג צוריק, האָט ער אָנגעהייבן אַן אָנגריף אויף סוויאַזשסק. אין קאַפּעלס שטאַב האָט זיך געפונען, אויב איך האָב נישט קיין טעות, סאַווינקאָוו. דער אָנגריף האָט אונז פאַרכאַפּט פּלוצלונג, מיר זענען געווען נישט צוגעגרייט. מיר האָבן נישט געוואָלט באַאומרואיקן דעם נישט פעסטן פראָנט, האָבן מיר אָפּגעצויגן פון דאָרט נישט מער ווי אַ צוויי, דריי ראָטעס. דער שעף פון מיין צוג האָט ווידעראַמאָל מאָביליזירט אַלץ, וואָס עס האָט זיך געפונען אונטער דער האַנט אין צוג און אויף דער סטאַציע, אַפילו ביז דעם קוכער. ביקסן, קוילנוואַרפער, האַנטגראַנאַטן האָבן מיר געהאַט גענוג. די צוג-קאָמאַנדע איז באַשטאַנען פון גוטע קעמפער. די שיסער-ליניע האָט זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד ביי אַ ווייאָרסט פון צוג, דער קאַמף האָט געדויערט בערך אַ שעה אַכט. פון ביידע צדדים זענען געפאַלן קרבנות. דער שונא איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן און האָט זיך צוריקגעצויגן. בינו-לבינו האָט דער איבערגעריסענער קאָנטאַקט מיט סוויאַזשסק אַרויסגערופן אין מאָסקווע און אויף דער גאַנצער ליניע אַ געוואַלדיקע צערודערונג. אין גרויס איילעניש זענען געקומען צו הילף קליינע קאָמאַנדעס. דער וועג איז באַלד ווידער געבראַכט געוואָרן אין אָרדענונג. אין דער אַרמעע האָבן זיך אַריינגעגאָסן פרישע אָפּטיילונגען. די קאַזאַנער צייטונגען האָבן דערוויל געמאָלדן, אַז איך בין אָפּגעשניטן געוואָרן, אַז מען האָט מיך געפאַנגען, דערהרגעט, — אַוועקגעפלויגן אויף אַן עראָפּלאַן, דערפאַר זשבער האָט מען געפאַקט מיין הונט אַלס טראָפיי.

דידאָזיקע טרייע חיה איז שפּעטער אַריינגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט אויף אַלע פראָנטן פון בירגער-קריג. על-פּי-רוב איז עס געווען אַ שאָקאָלאַד-פאַרביקער דאָג, טיילמאָל אָבער אַ סאַן-בערנאַרדינער. מיר האָט דער עסק געקאָסט זייער ביליק, ווייל איך האָב גאָר קיין הונט נישט געהאַט.

ווען איך האָב אין איינער פון די סאַמע קריטישע נעכט אין סוויאַזשסק אַריינגעקוקט דריי אַ זייגער ביינאַכט אין די חדרים פון שטאַב, האָב איך דערהערט אין דער אָפּעראַטיווער פאַרוואַלטונג אַ באַקאַנטע שטימע, וואָס האָט אַלץ איבערגעחזרט: „ער וועט זיך דער-שפּילן דערצו, אַז ער וועט אַליין אַריינפאַלן אין געפאַנגענשאַפט און וועט אונז נאָך אומברענגען, איך זאָג עס אייך פאָרויס". איך בין געבליבן שטיין אויף דער שוועל. פאַר מיר זענען געזעסן איבער אַ מאַפּע צוויי נאָך גאַנץ יונגע אָפיצירן פון גענעראַל-שטאַב. דער, וואָס האָט גערעדט, האָט זיך אַריבערגעבויגן צו זיי איבערן טיש, אויסגע-דרייט צו מיר מיטן רוקן. אויף די פּנימער פון זיינע צוהערער האָט ער, משמעות, דערזען עפּעס אַן אומגעריכטן אויסדרוק. ווייל ער האָט זיך פלוצלונג אויסגעדרייט צו דער טיר. דאָס איז געווען בלאַגאָנראַ-וואָוו, אַ פּאָרוטשניק פון דער צאַרישער אַרמעע, אַ יונגער באָלשעוויק. אויף זיין פּנים איז פאַרגליווערט געוואָרן אַ מינע פון פּחד און בושה צוזאַמען. אַלס קאָמיסאַר, האָט ער באַדאַרפט אונטערהאַלטן דעם גייסט פון די ספּעציאַליסטן. אָנשטאָט דעם אָבער האָט ער זיי אינם קריטישן מאָמענט געהעצט קעגן מיר, אין פלוג זיי אָנגערעדט צו דעזערציע. און אָט האָב איך אים געפאַקט אויפן אָרט פון פאַרברעכן. איך האָב נישט געגלויבט מיינע אייגענע אויגן און אויערן. בלאַגאָנראַוואָוו האָט זיך אין פאַרלויף פון יאָר 1917 אַרויסגעוויזן פאַר אַ קעמפנדיקן רע-וואָלוציאָנער. ער איז געווען קאָמיסאַר פון דער פּעטראָפּאַוולאָווער פעסטונג אין די טעג פון דער איבערקערעניש און זיך באַטייליקט דערנאָך אין דער ליקווידירונג פונם יונקער-אויפשטאַנד. אינם פּעריאָד פון סמאָלני האָב איך אים איבערגעגעבן פאַראַנטוואָרטלעכע שליחותן. ער האָט זיך מיט זיי אויסגעצייכנט אַן עצה געגעבן. — „פון אַזאַ פּאָ-רוטשניק", האָב איך מיך איינמאָל אָנגערופן צו לענינען, „וועט נאָך אַמאָל אויסוואַקסן אַ נאַפּאָלעאָן. און אַ פאַמיליע-נאָמען האָט ער אויך אַ צוגעפּאַסטן: בלאַגאָ—נראַוואָו, כמעט אַזוי ווי באָנאַ—פּאַרטע". לענין האָט זיך לכתחילה צעלאַכט ביי דעמדאָזיקן אומגעריכטן פּאַראַלעל,

דערנאָך זיך פֿאַרקלערט, און אַרויסרוקנדיק די באַקנביינער, האָט ער אַ זאָג געטאָן ערנסט, כּמעט מיט אַ דראָונגס-טאָן: „נו, מיט די באַנאַפּאַרטן וועלן מיר זיך אַן עצה געבן, וואָס?“—„ווי גאָט וועט געבן“, האָב איך האַלב אין שפּאַס אַ זאָג געטאָן. און אָט דעמדאָזיקן בלאַגאָנראַוואָוו האָב איך אַוועקגעשיקט אויפֿן מזרח-פֿראָנט, בעת מען האָט דאָרט פֿאַרשלאָפֿן דעם פֿאַרראַט פֿון מוראַוויאָוון. אין קרעמל, ביי לעבינען אין אויפֿנאַמצימער, האָב איך מיט בלאַגאָנראַוואָוון לאַנג איינגעטענהט וועגן זיינע אויפֿגאַבן. ער האָט טרויעריק געענטפֿערט: „די גאַנצע זאַך איז דאָס, וואָס די רעוואָלוציע גייט שוין באַרג אַראָפּ“. דאָס איז געווען אינמיטן יאָר 1918. — „צי דען האָט איר זיך שוין אַזוי געשווינט אויסגעשעפּט?“ האָב איך אים אַ פֿרעג געטאָן מיט אויפֿרעגונג. בלאַגאָנראַוואָוו האָט זיך אויסגעגלייכט, געענדערט דעם טאָן און צוגעזאָגט, אַז ער וועט טאָן אַלץ, וואָס מען דאַרף. איך האָב מיך באַרואיקט. און אָט האָב איך אים איצט, אין די סאַמע קריטישע שעהן, געכאַפּט אויף דער גרענעץ פֿון דירעקטן פֿאַרראַט. מיר זענען אַרויס אין קאָרידאָר, כּדי זיך נישט צו דערקלערן אין דער קעגנוואַרט פֿון די אָפֿיצירן. בלאַגאָנראַוואָוו האָט געציטערט, איז געווען בלייך ווי קאַלך, געהאַלטן די האַנט ביים דאַשעק. „גיט מיך נישט איבער צום טריבונאַל“, האָט ער איבערגעחזרט מיט פֿאַרצווייפֿלונג. „איך וועל מיין חטא פֿאַרגיטיקן מיט מיין פֿלייסיקן דינסט. שיקט מיך אַוועק, ווי אַ זעלנער, אין די פֿאָדערשטע רייען“. מיין נבֿואה איז נישט מקוים געוואָרן: דער קאַנדידאַט אויף אַ נאַפּאָלעאָן איז פֿאַר מיר געשטאַנען, ווי אַן אָפּגעצוואָגענע קאַץ. מען האָט אים דעגראַדירט און אַוועקגעשיקט אויף אַ ווייניקער פֿאַראַנטוואָרטלעכער אַרבעט. די רעוואָלוציע איז אַ מוראדיקע פּרעסערקע פֿון מענטשן און כאַראַקטערן. די מער דרייסטע שטעלט זי אויס אויף פֿאַרניכטונג און מאַכט אַ תּל פֿון די ווייניקער שטאַנדהאַפֿטיקע. איצט איז בלאַגאָנראַוואָוו אַ מיטגליד פֿון ג.פּ.או.-קאָלעגיע, איינער פֿון די זיילן פֿון רעזשים. נאָך אין סוויאַזשסק האָט ער זיך געדאַרפֿט אָנזאַפּן מיט שנאה צו דער „פּערמאַנענטער רעוואָלוציע“.

דער גורל פֿון דער רעוואָלוציע האָט געפֿלאַטערט צווישן סוויאַזשסק און קאַזאַן. ס'איז נישט געווען וואוהין אָפּצוטרעטן, סיידן אין דער וואָלגע אַריין. דער רעוואָלוציאָנערער ראַט פֿון דער אַרמעע האָט געמאָלדן, אַז די פֿראַגע וועגן מיין זיכערקייט אין סוויאַזשסק

פּאַראַליזירט זיין ווירקונגס-פרייהייט, און האָט דרינגלעך געפּאָדערט, אַז איך זאָל מיך אַריבערציען אויפן טייך. דערויף האָט ער געהאַט רעכט. איך האָב פון אָנהייב אָן איינגעפּירט אַזאַ אָרדענונג, אַז מיין אָנוועזנהייט אין סוויאַזשסק זאָל אויף קיין פאַל נישט שטערן און נישט באַגרענעצן די אַרמעע-אָנפירונג. ביי דעמדאָזיקן כלל האָב איך זיך געהאַלטן די גאַנצע צייט פון מיינע נסיעות איבער די פראָנטן. איך האָב זיך אונטערגעוואָרפן דעם באַשלוס פון ראַט און האָב מיך אַריבערגעצויגן אויפן וואַסער, אָבער נישט אויפן פּאַסאַזשירן-דאַמפער, וואָס איז צוגעגרייט געוואָרן פאַר מיר, נאָר אויף אַ טאָרפּעדאָשיפל. פיר קליינע טאָרפּעדאָשיפלעך זענען מיט גרויסע שוועריקייטן גע-בראַכט געוואָרן איבערן מאַריען-קאַנאַל-סיסטעם אויף דער וואָלגע. עטלעכע טייך-דאַמפערס האָט מען צו יענער צייט באַוואָפנט מיט האַרמאַטן און קוילנוואַרפער. אונטער דער קאָמאַנדע פון ראַסקאָלני-קאָוון האָט די פלאָטיליע אין דערדאָזיקער נאַכט געפּלאַנט אַן אָנגריף אויף קאַזאַן. מען האָט געמוזט פאַרבייגיין פאַרביי עטלעכע ברעגוואַלן, וואו עס זענען געווען פאַרפעסטיקט די באַטערייען פון די ווייסע. הינטער די ברעגוואַלן האָט דער טייך זיך אויסגעדרייט און מיטאַמאָל ברייטער געוואָרן. דאָרט איז געשטאַנען די פלאָטיליע פון קעגנער. אויף דער אַנדערער זייט איז געלעגן קאַזאַן. דער פּלאַן איז געווען אַזאַ — אינדערפינסטער אומבאַמערקט פאַרבייפאָרן די ברעגוואַלן, פאַר-ניכטן די פיינטלעכע פלאָטיליע און די ברעגבאַטערייען און באַשיסן די שטאָט. די פלאָטיליע האָט זיך באַוועגט אין דער קילוואַסער-קאָלאָנע, מיט אויסגעלאָשענע לאָמפּן — ווי אַ גנב אינדערפינסטער. צוויי אַלטע לאָצמאַנס פון דער וואָלגע,ביידע מיט שיטערע, אָפּגעבליאַקירטע בערדלעך, זענען געשטאַנען לעבן קאַפּיטאַן. זיי זענען גענומען גע-וואָרן מיט געוואַלד, האָבן זיך געשראָקן צום טויט, האָבן אונז שרעק-לעך פיינט געהאַט, פאַרשאָלטן זיך דאָס לעבן און געהאַלטן אין איין ציטערן און פלאַטערן אויפן גאַנצן לייב. איצט איז אַלץ געווען אָפּ-העגגיק פון זיי. דער קאַפּיטאַן האָט זיי פון צייט צו צייט דער-מאָנט, אַז ער וועט זיי ביידן דערשיסן אויפן אָרט, אויב זיי וועלן אַרויספירן די שיף אויף אַ זאַמד-בערגל. מיר זענען אַריין אין דער ליניע פון די ברעגוואַלן, וואָס האָבן זיך געהייבן, ווי אַ שאָטן אינ-דערפינסטער, און אָט האָט פלוצלונג אין דער קווער איבערן טייך אַ שמייס געטאָן דער קוילנוואַרפער, ווי מיט אַ בייטש, באַלד דערויף

האָט זיך פֿון באַרג דערהערט אַ האַרמאַטן-שאָס. מיר האָבן זיך באַוועגט שווייגנדיק. הינטער אונזער רוקן האָט מען געענטפֿערט פֿון אונטן. עטלעכע קוילן האָבן אָנגעקלאַפּט אינם אייזן-בלעך, וואָס האָט אונז אויפֿן קאַפּיטאַן-בריקל צוגעדעקט ביזן גאַרטל. מיר האָבן זיך אַראָפּגעזעצט. די לאָצמאַנס האָבן זיך איינגעצויגן, מיט אויגן פֿון אַ לוקס אַדורכגעקוקט די פֿינסטערניש און מיט וואַרעמע שטילע קולות זיך פֿאַרשטענדיקט מיטן קאַפּיטאַן. הינטערן ברעגוואַל זענען מיר פּלוצלונג אַרויף אויף אַ ברייטער וואַסערפֿלאַך. אויפֿן אַנדערן ברעג האָבן זיך געזען די פֿייערן פֿון קאַזאַן. הינטער אונזער רוקן האָט זיך געהערט אַ געדיכטע שיסעריי, פֿון אויבן און פֿון אונטן. רעכטס פֿון אונז, אויף אַ שטח פֿון צוויי הונדערט טריט, אונטער דער דעקונג פֿון אַ באַרגיקן ברעג, איז געשטאַנען די פֿײַנטלעכע פֿלאָטיליע. אינדערפֿינסטער האָבן די שיפֿן אויסגעזען, ווי אַן אָנגעוואָרפֿענע קופּע. ראַסקאָלניקאָוו האָט באַפֿוילן, מען זאָל עפֿענען אַ פֿייער אויף די שיפֿן. דער מעטאַלנער קערפּער פֿון אונזער טאָרפּעדאָשיפֿל האָט געגומען וואָיען און יאָמערן ביי דעם ערשטן קלאַפּ פֿונם אייגענעם האַרמאַט. מיר האָבן זיך שטויסנדיק באַוועגט, און דאָס אייזערנע בויך האָט מיט יסורים און צײַנקריצערײַ געבוירן אַ האַרמאַטן-שאָס. די נאַכט-פֿינסטערניש האָט זיך פּלוצלונג אַנטבלויזט אין פֿלאַמען. דאָס האָט אַ קויל פֿון אונזער האַרמאַט אונטערגעצונדן אַ באַרקע, וואָס איז געווען אָנגעלאָדן מיט נאַפֿט. אַן אומגעריכטער, אומגעבעטענער, אָבער גרויסאַרטיקער פֿאַקל האָט זיך אויפֿגעהייבן איבער דער וואָלגע. איצט האָבן מיר באַשאָסן דעם האַפֿן. איצט האָט מען דייטלעך געקאָנט זען די האַרמאַטן אין האַפֿן, אָבער זיי האָבן נישט געשאָסן. די אַרטילעריסטן זענען זיך, קענטיק, פּשוט צעלאָפֿן. דער טייך איז געווען באַלויכטן אין זיין גאַנצער ברייט. הינטער אונז איז קיינער נישט געווען. מיר זענען געווען אַליין. די פֿײַנטלעכע אַרטילעריע האָט, ווי עס שיינט, איבערגעשניטן דעם וועג פֿאַר די איבעריקע שיפֿן פֿון אונזער פֿלאָטיליע. אונזער טאָרפּעדאָשיף זיצט אויף דעם באַלויכטענעם וואַסערשפּיגל, ווי אַ פֿליג אויף אַ ליכטיקן טעלער. מען וועט אונז באַלד נעמען אונטער אַ קרייצפֿייער, פֿון האַפֿן און פֿון באַרגוואַל. דאָס איז געווען גרוילעך-סומנע. דערצו האָבן מיר נאָך פֿאַרלאָרן דעם רודער. די קייט פֿונם רודער-ראָד האָט זיך צעריסן, מסתמא פֿון אַ שאָס. מען האָט זיך געפּרואווט רודערן מיט די הענט. אָבער די

אָפּגעריסענע קייט האָט זיך געוויקלט אַרום רודער, וואָס איז געווען
צעשעדיקט און האָט זיך נישט געדרייט. די מאַשינעס האָט מען גע־
מוזט אָפּשטעלן. רואיק האָט עס אונז געטראָגן צום קאַזאַנער ברעג,
ביז דאָס טאָרפּעדאָשיפל האָט זיך מיט אַ זייט אָנגעשטויסן אָן אַן
אַלטער האַלב־דערטרונקענער באַרקע. די שיסעריי האָט אינגאַנצן אויפ־
געהערט. עס איז געווען ליכטיק, ווי בייטאָג, און שטיל, ווי ביי־
נאַכט. מיר זענען געזעסן, ווי אין אַ מויזנפּאַסטקע. עס איז נאָר גע־
ווען אַ חידוש, פאַרוואָס מען שטורעמט אונז נישט. מיר האָבן נישט
גענוג אָפּגעשאַצט דעם חורבן און די פּאַניק, וואָס מיר האָבן אָנ־
געוואָרפן מיט אונזער אָנפאַל. סוף־כּל־סוף האָבן די יונגע קאָמאַנ־
דירן באַשלאָסן זיך אָפּצושטויסן פון דער באַרקע, נאָכדעם לאָזן אין
גאַנג אַמאָל די רעכטע, אַמאָל די לינקע מאַשין, און אַזויאַרום רע־
גולירן די באַוועגונג פון טאָרפּעדאָשיפל. דאָס איז געלונגען. דער
נעפּט־פּאַקל האָט געהאַלטן אין איין פלאַמען. מיר האָבן זיך געטראָגן
צום ברעגוואַל. קיינער האָט נישט געשאָסן. אונטערן ברעגוואַל
האָבן מיר זיך ערשט רעכט ווידעראַמאָל פאַרזונקען אין פינסטערניש.
פון דער מאַשינען־אָפּטיילונג האָט מען אַרויסגעטראָגן אַ געחלשטן
מאַטראָס. די באַטעריע, וואָס איז געשטאַנען אויפן באַרג, האָט קיין
איין שאָס נישט געגעבן. מען האָט אונז, קענטיק, נישט פאַרפאָלגט.
אפשר איז שוין טאַקע נישט געווען ווער עס זאָל אונז פאַרפאָלגן.
מיר זענען געראַטעוועט. דאָסדאָזיקע וואָרט שרייבט זיך זייער פשוט:
ג ע ר אַ ט ע וו ע ט. עס האָבן זיך באַוויזן פייערלעך פון פּאַפּיראָסן.
די פאַרברענטע רעשטלעך פון איינעם פון אונזערע אימפּראָוויזירטע
האַרמאַטן־שיפלעך האָבן זיך טרויעריק געוואַלגערט אויפן ברעג.
אויף די אַנדערע שיפן האָבן מיר געפונען עטלעכע פאַרוואונדעטע.
ערשט איצט האָבן מיר באַמערקט, אַז די נאָז פון אונזער טאָרפּעדאָשיפל
איז אַקוראַט דורכגעלעכערט געוואָרן פון אַ דרייצאָליקער האַרמאַטן־
קויל. עס איז געווען אַ פריע באַגינען־שעה. אַלע האָבן זיך געשפּירט
ווי ניי־געבוירענע אויף דער וועלט.

איינס גייט צום אַנדערן. מען האָט געבראַכט צו מיר אַ פליער,
וואָס האָט זיך נאָר וואָס אַראָפּגעלאָזט מיט אַ גוטער ידיעה. פון צפון־
מזרח האָט זיך אַן אָפּטיילונג פון דער צווייטער אַרמעע, אונטער דער
קאָמאַנדע פון קאָזאַק אַזין, צוגערוקט האַרט צו קאַזאַן. זיי האָבן
פאַרכאַפּט צוויי געפּאַנצערטע אויטאָס, צעשאָסן צוויי האַרמאַטן, גע־

צוואונגען אַ פֿיינטלעכע אָפּטיילונג צו מאַכן פּליטה און פֿאַרנומען צוויי דערפֿער צוועלף ווערסט פֿאַר קאַזאַן. מיט אַן אינסטרוקציע און אַן אויפֿרוף איז דערדאָזיקער פֿליער תּיכּף אַוועקגעפֿלויגן צוריק. קאַזאַן איז אַריינגעפֿאַלן אין דער קלעם. אונזער נאַכט־איבערפֿאַל, ווי עס האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן דורך אונזערע אויסשפּירער, האָט געבראָכן דעם ווידערשטאַנד פֿון די ווייסע. די פֿיינטלעכע פֿלאָ־טיליע איז כּמעט אינגאַנצן פֿאַרניכטעט געוואָרן, די ברעג־באַטערייען זענען געצוואונגען געוואָרן, צו שווייגן. דאָס וואָרט „טאָרפּעדאָשיפֿל"— אויף דער וואָלגע! — האָט געהאַט אַזאַ ווירקונג אויף די ווייסע, ווי שפּעטער, אונטער פּעטראָגראַד, דאָס וואָרט „טאַנק" אויף די יונגע רויטע אַרמעען. עס האָבן זיך פֿאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז די דייטשן קעמפֿן צוזאַמען מיט די באָלשעוויקעס. די פֿאַרמעגלעכע באַפֿעלקע־רונג פֿון קאַזאַן האָט גענומען לויפֿן פֿון דער שטאָט. די אַרבעטער־קוואַרטאַלן האָבן אויפֿגעהייבן די קעפּ. אויף דער פּולווער־פֿאַבריק איז אויסגעבראָכן אַן אויפֿשטאַנד. אונזערע אַרמעען זענען אַרומגע־כאַפּט געוואָרן פֿון אַן אָפֿענסיווע־גייסט.

דער חודש אין סוויאַזשסק איז געווען אָנגעפּיקעוועט מיט אומ־רואיקע עפּיזאָדן. אַלע טאָג האָט עפּעס פּאַסירט. אָפּטמאָל זענען די נעכט געווען נישט רואיקער, ווי די טעג. דער קריג האָט זיך מיר דאָ צום ערשטן מאָל באַוויזן אין אַזאַ אינטימער נאָענטקייט. דאָס איז געווען אַ קליינע מלחמה. אויף אונזער זייט האָבן געקעמפֿט נישט מער ווי 25—30.000 מאַן. אָבער פֿון אַ גרויסער מלחמה שיידט זיך אונטער די קליינע בלויז מיטן מאַסשטאַב. דאָס איז געווען אַ מין לעבעדיקער מלחמה־מאָדעל. דעריבער האָט מען אים טאַקע אַזוי אומ־מיטלבאַר געשפּירט אין אַלע זיינע וואַקלענישן און סיורפּריזן. די קליינע מלחמה איז געווען אַ גרויסע שולע.

די לאַגע ביי קאַזאַן האָט זיך בינו-לבינו פֿאַרענדערט נישט צו דערקענען. די פֿאַרשיידנפֿאַרביקע אָפּטיילונגען האָבן זיך פֿאָר־מירט אין רעגולערע אַרמעע־טיילן, אין זיי האָבן זיך אַריינגע־גאָסן קאָמוניסטישע אַרבעטער פֿון פּעטראָגראַד, מאָסקווע און אַנדערע ערטער. די פּולקן האָבן זיך פֿאַרשטאַרקט און פֿאַרהאַרטעוועט. די קאָמיסאַרן האָבן אין די אַרמעע-טיילן באַקומען די באַדייטונג פֿון רעוואָלוציאָנערע פֿירער, פֿון אוממיטלבאַרע פֿאַרטרעטער פֿון דער דיק־טאַטור. די טריבונאַלן האָבן געוויזן, אַז די רעוואָלוציע, וואָס איז גע־

שטאַנען אין אַ געפאַר פון טויט, האָט געפאָדערט די העכסטע אָנ־שטרענגונג און מסירת־נפש. דורך דער אַלגעמיינער פאַרבינדונג פון דער אַגיטאַציע, אָרגאַניזאַציע, רעוואָלוציאָנערן ביישפיל און רעפּ־רעסיעס איז אין משך פון עטלעכע וואָכן דערגרייכט געוואָרן דער נויטיקער איבערברוך. פון אַ וואַקלדיקער אומשטאַנדהאַפטיקער מאַסע איז אַנטשטאַנען אַווירקלעכע אַרמעע. אונזער אַרטעלעריע האָט באַקו־מען אַ בולט איבערגעוויכט. אונזער פלאָטיליע האָט געהערשט איבערן טייך. אונזערע פליער האָבן געוועלטיקט אין דער לופט. איך האָב שוין נישט געצווייפלט, אַז קאַזאַן וועט צוריק זיין אונזערס. און פלוצלונג האָב איך דעם ערשטן סעפּטעמבער באַקומען אַ שיפריר־טע טעלעגראַמע פון מאָסקווע: „קומט תיכּף. איליטש איז פאַרוואונ־דעט. נאָך נישט באַוואוסט, ווי גרויס די געפאַר איז. פולשטענדיק רואיק. 1918 .VIII .31. סווערדלאָוו.״ איך בין באַלד אַרויסגעפאָרן. די שטימונג פון די מאָסקווער פּאַרטיי־קרייזן איז געווען אַ טריבע, אַ מרה־שחורהדיקע, אָבער נישט קיין וואַקלדיקע. די דאָקטוירים האָבן איינגעפונען, אַז לענינס לעבן איז אויסער יעדער געפאַר און האָבן צו־גזאָגט, אַז ער וועט גיך געזונט ווערן. איך האָב אויפגעמונטערט די פּאַרטיי מיט די פאַרשטייענדיקע בצחונות אין מזרח און תּיכּף זיך צוריק־געקערט קיין סוויאַזשסק. קאַזאַן האָט מען גענומען דעם 10-טן סעפּטעמבער. אין צוויי טעג אַרום האָט די שכנותדיקע ערשטע אַרמעע גענומען סימבירסק. דאָס איז נישט געקומען אומגעריכט. דער קאָמאַנדיר פון דער ערשטער אַרמעע, טוכאַטשעווסקי, האָט סוף אויגוסט צוגעזאָגט, אַז סימבירסק וועט איינגענומען ווערן נישט שפּעטער ווי דעם 12־טן סעפּטעמבער. וועגן דעם, אַז די שטאָט איז איינגענומען געוואָרן, האָט ער מיר טעלעגראַפיש מודיע געווען: „דער באַפעל איז אויס־געפירט געוואָרן. סימבירסק איז גענומען.״ פאַר דער צייט איז אויך לענין געזונט געוואָרן. ער האָט צוגעשיקט אַ באַגייסטערטע באַגרי־סונגס־טעלעגראַמע. אויף דער גאַנצער ליניע האָט זיך די לאַגע ביס־לעכוויז פאַרבעסערט.

דער הויפּט־אָנפירער פון דער פינפטער אַרמעע איז געווען איוואַן ניקיטיטש סמירנאָוו. דערדאָזיקער פאַקט האָט געהאַט אַן אומ־געהייערע באַדייטונג. סמירנאָוו שטעלט מיט זיך פאָר דעם פולסטן און פאַרענדיקסטן טיפּ פון אַ רעוואָלוציאָנער, וואָס איז מיט העכער דרייסיק יאָר צוריק אַריין אין די קאַמפּס־רייען און פון יענער צייט

אָן נישט געקאָנט און נישט געזוכט קיין פאַרטרעטונג. אין די פינסטערסטע יאָרן פון דער רעאַקציע האָט סמירנאָוו געהאַלטן אין איין גראָבן אונטערערדישע וועגן. ווען זיי זענען פאַרשאָטן געוואָרן, האָט ער נישט פאַרלאָרן דעם מוט און געגראָבן פונדאַסניי. איוואַן ניקיטיטש איז שטענדיק פאַרבליבן אַ מענטש פון פליכט. אין דעמדאָזיקן פונקט קומט דער רעוואָלוציאָנער אין באַרירונג מיטן גוטן זעלנער, און טאַקע דערפאַר קאָן אַ רעוואָלוציאָנער ווערן אַן אויסגעצייכנטער זעלנער. איוואַן ניקיטיטש איז, לויט זיין טבע, אויף שטענדיק פאַרבליבן אַ מוסטער פון מוט און פעסטקייט, אָבער אָן יענער אַכזריות, וואָס באַגלייט זיי אָפטער. די בעסטע אַנטיילנעמער אין דער אַרמעע האָבן זיך אָנגעהייבן צוצופאַסן צו דעמדאָזיקן מוסטער. „קיינעם האָט מען אַזוי נישט געשעצט, ווי איוואַן ניקיטיטשן,” האָט געשריבן לאַריסאַ רייסנער וועגן דער באַלאַגערונג פון קאַזאַן. „מען האָט געפילט, אַז אין דעם ערגסטן מאָמענט וועט ער טאַקע זיין דער שטאַרקסטער און דער אומדערשראָקנסטער.” אין סמירנאָוון איז נישטאָ קיין זכר פון פעדאַנטיזם. ער איז איינער פון די אָפנהאַרציקסטע, לעבנסלוסטיקסטע און שאַרפזיניקסטע מענטשן. זיין אויטאָריטעט וואָרפט מען זיך אונטער באַזונדערס לייכט, ווייל דערדאָזיקער אויטאָריטעט איז, נישט געקוקט אויף זיין אומבאַשטרייטבאַרקייט, נישט קיין אָנזעעוודיקער און נישט קיין באַפעלערישער. זיך גרופירנדיק אַרום סמירנאָוון, האָבן די קאָמוניסטן פון דער פינפטער אַרמעע זיך צונויפגעגאָסן אין אַ באַזונדערער פאָליטישער משפחה, וואָס שפילט נאָך אויך איצט, עטלעכע יאָר נאָכדעם, ווי די פינפטע אַרמעע איז ליקווידירט געוואָרן, אַ געוויסע ראָל אין לעבן פון לאַנד. „אַ פינף-אַרמעער” — דאָס האָט אין ווערטערבוך פון דער רעוואָלוציע אַ באַזונדערע באַדייטונג: דאָס הייסט אַן אויפריכטיקער רעוואָלוציאָנער, אַ מענטש פון פליכט און קודם-כל אַ ריינער מענטש. צוזאַמען מיט איוואַן ניקיטיטשן האָבן די מיטגלידער פון דער פינפטער אַרמעע נאָכן ענדיקן דעם בירגערקריג אַריבערגעטראָגן זייער גאַנצן העראָיזם אויף דער ווירטשאַפטלעכער אַרבעט און כמעט אַלע ביז איינעם געהערן זיי צו דער אָפּאָזיציע. סמירנאָוו איז געשטאַנען בראש פון דער קריגס-אינדוסטריע און איז דערנאָך געווען פאָלקסקאָמיסאַר פון פאָסט און טעלעגראַף. איצט איז ער אין פאַרשיקונג אויף קאַווקאַז. אין די תפיסות און אויף סיביר

קאָן מען אָנציילן נישט ווייניק קאַמפּס־חברים זיינע פון דער פינפטער אַרמעע...

אָבער די רעוואָלוציע איז אַ גרויסע פּרעסערקע פון מענטשן און כאַראַקטערן. די לעצטע ידיעות דערציילן, אַז אויך סמירנאָוון האָט איינגעבראָכן דער קאַמף און אַז ער אַגיטירט פאַר דער קאַפּיטולאַציע.

לאַריסאַ רייסנער, וואָס האָט אָנגערופן איוואַן ניקיטיטשן „דאָס געוויסן פון סוויאַזשסק", האָט אַליין פאַרנומען אַ גרויסן אָרט אין דער פינפטער אַרמעע, ווי בכלל אין דער גאַנצער רעוואָלוציע. דידאָזיקע יונגע פרוי, וואָס האָט אַזויפיל מענטשן פאַרפישופט, האָט זיך פאַרבייגעטראָגן, ווי אַ פייערדיקער מעטעאָר אויפן פאָן פון דער רעוואָלוציע. אין דערדאָזיקער געשטאַלט פון אַן אָלימפּישער געטין האָט זיך פאַרייניקט אַ פיינער איראָנישער שכל מיט דעם מוט פון אַ קריגער. נאָכדעם, ווי די ווייסע האָבן פאַרכאַפּט קאַזאַן, איז זי, אייבערגעטאָן פאַר אַ פּויערטע, אַוועק אין פיינטלעכן לאַגער אַלס אויסשפּירערין. איר אויסערלעכקייט איז אָבער געווען צו אומגעוויינלעך. מען האָט זי אַרעסטירט. אַ יאַפּאַנישער אויסשפּירונגס־אָפיציר האָט זי גענומען צום פאַרהער. בעת דער הפסקה האָט זי זיך אַדורכגעגליטשט דורך דער טיר, וואָס איז געווען שלעכט פאַרמאַכט, און איז אַנטרונען געוואָרן. פון יענער צייט אָן האָט זי געאַרבעט אין דער אויסשפּירונגס־אָפּטיילונג. שפּעטער איז זי אַרומגעשוואומען אויף די קריגסשיפן און זיך באַטייליקט אין קאַמפן. זי האָט אָנגעשריבן בילדער, געווידמעט דעם בירגערקריג, און זיי וועלן בלייבן אין דער ליטעראַטור. מיט דערזעלבער קלאָרקייט האָט זי געשילדערט די אינדוסטריע פון אוראַל און דעם אויפשטאַנד פון די רור־אַרבעטער. זי האָט געוואָלט אַלץ זען און וויסן, אין אַלעם זיך באַטייליקן. אין פאַרלויף פון עטלעכע יאָר איז זי אויסגעוואַקסן אין אַן ערשטקלאַסישער שריפטשטעלערין. דורכגייענדיק אומבאַשעדיקט דורך פייער און וואַסער, איז דידאָזיקע פאַלאַדע פון דער רעוואָלוציע, נאָך נישט אַלט קיין גאַנצע דרייסיק יאָר, פאַרברענט געוואָרן פון אַ טיפוס אין דער רואיקער סביבה פון מאָסקווע.

איין אַרבעטער איז געווען צוגעקליבן צום צווייטן, אונטערן פייער האָבן זיך די מענטשן אין איין וואָך אויסגעבילדעט, די אַרמעע האָט זיך פאַרמירט מוסטערהאַפט. דער נידעריקסטער פּונקט פון דער רעוואָלוציע — דער מאָמענט פון פאַלן פון קאַזאַן — איז געלעגן הינטער

אונז. פאַראַלעל מיט דעם איז פאָרגעקומען אַן אומגעהייערער איבער־ברוך אינם פויערטום. די ווייסע האָבן געלערנט מיט די פויערים דעם פאָליטישן אלף־בית. אין משך פון די וויטערדיקע זיבן חדשים האָט די רויטע אַרמעע אָפּגערייניקט אַ טעריטאָריע פון בערך אַ מיליאָן קוואַדראַט־קילאָמעטער מיט אַ באַפעלקערונג פון 40 מיליאָן מענטשן. די רעוואָלוציע איז ווידער אַריבער אין אָנגריף. אַנטלויפנ־דיק פון קאַזאַן, האָבן די ווייסע אַוועקגעפירט מיט זיך דעם גאָלד־זאַפּאַס פון דער רעפּובליק, וואָס איז דאָרט געווען באַהאַלטן פאַר דער צייט פון האָפּמאַנס פעברואַר־אָנגריף. שפּעטער האָבן מיר אים צוזאַמען מיט קאָלטשאַקן צוריק פאַרכאַפּט.

ווען איך האָב באַקומען די מעגלעכקייט אָפּצוּוועגדן מיינע אויגן פון סוויאַזשסק, האָב איך באַמערקט, אַז אין איראָפּע האָט זיך עפּעס וואָס געענדערט: די דייטשע אַרמעע האָט זיך געפונען אין אַ פאַרצווייפלטער לאַגע.

פיר און דרייסיקסטער קאַפּיטל

אַ י ן צ ו ג

איצט באַדאַרף מען רעדן פון דעם אַזוי גערופענעם פּרעדרע־וואָיענסאָוויעט (צוג פונם פּאָרזיצער פון רעוואָלוציאָנערן קריגסראַט). מיין פּערזענלעך לעבן איז אין פאַרלויף פון די סאַמע קריטישע רעוואָלוציע־יאָרן געווען כסדר פאַרבונדן מיטן לעבן פון דעמדאָזיקן צוג. פון דער צווייטער זייט — איז דער צוג געווען כסדר פאַרבונדן מיטן לעבן פון דער רויטער אַרמעע. דער צוג האָט באַהעפט דעם פראָנט מיטן רוקן פון דער אַרמעע, האָט באַלד אויפן אָרט באַשלאָסן פאַרשיידענע דרינגענדיקע פראַגן, האָט אויפגעקלערט, אַריינגעצויגן, פאַרזאָרגט, באַשטראָפט און באַלוינט.

מען קאָן נישט בויען קיין אַרמעע אָן רעפּרעסיעס. מען קאָן נישט פירן קיין מענטשן־מאַסן אין טויט אַריין, נישט האָבנדיק אין דער אָנפירונג די מאַכט פון טויטשטראָף. ווילאַנג די בייזע מאַלפּעס אָן ווידלען, וואָס זענען שטאָלץ אויף זייער טעכניק און וואָס הייסן מענטשן, וועלן בויען אַרמעען און האַלטן מלחמה, אַזוי לאַנג וועט די קאָמאַנדע מוזן אַוועקשטעלן די זעלנער צווישן דעם מעגלעכן טויט פאַרן פראָנט, און דעם אומפאַרמיידלעכן טויט הינטערן פראָנט. דאָך אָבער ווערן אַרמעען דורך שרעק נישט געשאַפן. די צאַרישע אַרמעע איז צעפאַלן נישט צוליב אַ דוחק אין רעפּרעסיעס. קערענסקי, וואָס האָט זיך געפּרואווט ראַטעווען די אַרמעע דורך איינפירן טויט־שטראָף, האָט זי אינגאַנצן דערהרגעט. אויף די חורבות פון גרויסן

קריג האָבן די באָלשעוויקעס געשאַפן אַ נייע אַרמעע. ווער עס פאַרשטייט נאָר אַ ביסל די שפראַך פון דער געשיכטע, דער באַדאַרף נישט האָבן קיין שום אויסטייטשונגען פון דידאָזיקע פאַקטן. דער שטאַרקסטער צעמענט פון דער נייער אַרמעע זענען געווען די אידעען פון דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע. דער צוג האָט באַזאָרגט די פראָנטן מיט דעמדאָזיקן צעמענט.

אין קאַלוגער, וואָראָניעזשער און ריאַזאַנער גובערניע האָבן זיך צענדליקער טויזנטער יונגע פויערים נישט געמאָלדן אויף די ערשטע אויפרופן פון די סאָוויעטן זיך צוצושטעלן צום מיליטער. דער קריג האָט זיך אָפגעשפילט ווייט פון זייערע גובערניעס, און אַז מען דאַרף גיין דינען אין מיליטער — וועגן דעם האָט מען ערנסט נישט געטראַכט. די, וואָס האָבן זיך נישט געמאָלדן, זענען באַטראַכט געוואָרן פאַר דעזערטירן. קעגן זיי האָט מען געפירט אַן ערנסטן קאַמף. ביים קריגס-קאָמיסאַריאַט פון ריאַזאַן האָבן זיך צונויפגעקליבן בערך אַ פופצן טויזנט אַזעלכע „דעזערטירן". ווען איך בין דורכגעפאָרן ריאַזאַן, האָב איך געוואָלט זען דידאָזיקע דעזערטירן. מען האָט מיך אָבער אָפגערעדט דערפון: „עס קאָן נאָך עפּעס געשען". אָבער אַלץ איז דווקא אַריבער אויף דעם בעסטן אופן. פון די באַראַקן האָט מען זיי צונויפגערופן: „חברים-דעזערטירן, קומט צום מיטינג, דער חבר טראָצקי איז אַהערגעקומען צו אייך". זיי זענען אַרויסגעלאָפן אויפגערעגטע, רוישיקע, נייגעריקע ווי שול-ייִנגלעך. איך האָב מיר זיי פאָרגעשטעלט אין אַן ערגערן צושטאַנד. זיי האָבן זיך טראָצקין פאָרגעשטעלט שרעקלעכער, ווי ער האָט זיי איצט אויסגעזען. אין עטלעכע מינוט האָט מיך אַרומגערינגלט אַ ריזיקער, צעכראַשטשעטער, אומדיסציפּלינירטער, אָבער לגמרי נישט קיין פיינטלעכער המון. די „חברים-דעזערטירן" האָבן מיך אַזוי אָנגעגלאָצט, אַז ס'האָט אויסגעוויזן — די אויגן וועלן זיי באַלד אַרויסשפרונגען. און טאַקע דאָ אין הויף האָב איך מיך אַרויפגעכאַפּט אויף אַ טיש און זיך דורכגעשמועסט מיט זיי בערך אַנדערטהאַלבן שעה צייט. דאָס איז געווען אַ זייער דאַנקבאַרע אוידיטאָריע. איך האָב זיך באַמיט זיי אויפצוהייבן אין זייערע אייגענע אויגן, און צום סוף זיי אויפגעפאָדערט אויפצוהייבן אינדערהויך די הענט, אַלס צייכן פון טרייהייט צו דער רעוואָלוציע. פאַר מיינע אויגן האָבן זיי זיך אָנגעשטעקט ימיט די נייע אידעען. עס האָט זיי פאַרכאַפּט אַן אויפריכטיקער ענטוזיאַזם. זיי האָבן מיך באַגלייט צום אויטאָ,

געגלאָצט מיט די אויגן, אָבער שוין נישט צעשראָקן, נאָר באַגייסטערט, געשריגן מיט קולות און נישט געוואָלט מיך אָפּלאָזן. נישט אָן שטאָלץ האָב איך מיך שפּעטער דערוואוסט, אַז די דערמאָנונג: „און וואָס האָסטו טראָצקין צוגעזאָגט?" איז געווען אַ ווילטיק דערציונגסמיטל אין באַצוג צו זיי. די פּולקן פון די ריאַזאַנער „דעזערטירן" האָבן זיך שפּעטער אויסגעצייכנט געשלאָגן אויף די פראָנטן.

איך דערמאָן מיך אין דעם צווייטן קלאַס פון דער אָדעסער רעאַל-שול פון הייליקן פּאַוול. פּערציק יינגלעך האָבן זיך מיט קיין זאַך נישט אונטערגעשיידט פון פּערציק אַנדערע יינגלעך. אָבער אַז ביורנאַנד מיטן סודותפולן איקס אויפן שטערן, דער קלאַסנאַויפזעער מאַיער, דער קלאַסנאַויפזעער ווילהעלם, דער אינספּעקטאָר קאַמינסקי און דער דירעקטאָר שוואַנעבאַך האָבן מיטן גאַנצן כוח אַ קלאַפּ געטאָן איבער דער קליגערער און דרייסטערער שילער-גרופּע, האָבן תיכּף אַלע מוסרים און נישט פּאַרבינערישע חמורים אויפגעהייבן די קעפּ,— און זיי האָבן אָנגעפירט מיטן גאַנצן קלאַס.

אין יעדן פּולק, אין יעדער ראָטע זענען פאַראַן מענטשן מיט פאַרשיידענע מעלות. באַוואוסטזיניקע און אָפּפערווויליקע בילדן די מינדערהייט. אויפן צווייטן פּאָל — שטייט די קליינע מינדערהייט פון צעלאָזענע יונגען, עגאָיסטן אָדער באַוואוסטזיניקע שונאים. צווישן די-דאָזיקע צוויי מינדערהייטן — ליגט דער גרויסער אומזיכערער און וואַקל-דיקער צענטער. די צעפּאַלונג הייבט זיך אָן דעמאָלט, ווען די בעסטע קומען אום, אָדער ווערן אָפּגעשטויסן און די עגאָיסטן און שונאים באַקומען די אויבערהאַנט. דער צענטער אָריענטירט זיך נישט אין אַזעלכע פאַלן מיט וועמען צו גיין און אין אַ מאָמענט פון געפאַר ווערן זיי אַרומגעכאַפּט פון אַ פּאַניק. דעם 24-סטן פעברואַר 1919 האָב איך אין קאָלאָנען-זאַל, אין מאָסקווע, גערעדט צו די יונגע קאָמאַנ-דירן: „גיט מיר דריי טויזנט דעזערטירן, רופט עס אָן פּולק, איך וועל זיי געבן אַ גוטן קאַמפּס-קאָמאַנדיר, אַ גוטן קאָמיסאַר, טויגעוודיקע פירער פון באַטאַליאָנען, ראָטעס, וזוואָדן — און פון די דריי טויזנט דעזערטירן וועט געשאַפן ווערן ביי אונז, אין רעוואָלוציאָנערן לאַנד, אין פאַרלויף פון פיר וואָכן, אַן אויסגעצייכנטער פּולק... אין די סאַמע לעצטע וואָכן", האָב איך צוגעגעבן, „האָבן מיר עס אַן איבעריקן מאָל געזען אין דער פּראַקטיק פון דעם נאַרווער און פּסקאָווער פראָנט-

אָפּשניט, וואו אונז איז געלונגען צו שאַפן פון ברולשטיקער אויסגע־צייכנטע קאַמפּס־אָפּטיילונגען".

צוויי און אַ האַלב יאָר האָב איך, מיט לפי־ערך קורצע הפסקות, פאַרבראַכט אין אייזנבאַן־וואַגאָן, וואָס האָט פריער געדינט איינעם פון די וועג־מיניסטאָרן. פונם שטאַנדפּונקט פון מיניסטערשן קאָמפאָרט איז דער וואַגאָן געווען גרויסאַרטיק איינגעאָרדנט, אָבער ווייניק צו־געפּאַסט צו דער אַרבעט. דאָ האָב איך אויפגענומען אונטערוועגס די־יעניקע, וואָס זענען געקומען מיט באַריכטן, אָפּגעהאַלטן באַראַטונגען מיט די לאָקאַלע מיליטערישע און ציווילע מאַכט־פאָרשטייער, דורכ־געזען די טעלעגראַפישע מעלדונגען, דיקטירט באַפעלן און אַרטיקלען. פונדאַנען פלעג איך מיט מיינע מיטאַרבעטער אונטערנעמען גרויסע אויטאָ־נסיעות לענגאויס דעם פראָנט. אין די פרייע שעהן האָב איך דיקטירט אין וואַגאָן מיין בוך קעגן קאַוטסקין („טעראָריזם און קאָ־מוניזם") און אַ ריי אַנדערע ווערק. אין יענע יאָרן האָב איך זיך, ווי מיר שיינט, צוגעוואוינט צו שרייבן און דענקען אונטערן אַקאָמ־פּאַנימענט פון די פולמאַנישע וואַגאָן־פעדערן און רעדער.

מיין צוג איז אין דער נאַכט פון 7־טן אויפן 8־טן אויגוסט 1918 אין גרויס איילעניש צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן אין מאָסקווע. אינ־דערפרי בין איך אַרויסגעפאָרן אין אים קיין סוויאַזשסק אויפן טשעכאָ־סלאָוואַקישן פראָנט. שפּעטער האָט מען דעם צוג כסדר איבערגעבויט, קאָמפּלעטירט און פאַרפולקומט. אין יאָר 1918 האָט ער שוין פאָרגע־שטעלט מיט זיך אַ פליענדיקן פאַרוואַלטונגס־אַפּאַראַט. אין צוג האָבן געאַרבעט: אַ סעקרעטאַריאַט, אַ דרוקעריי, אַ טעלעגראַפן־סטאַציע, אַ ראַדיאָ, אַן עלעקטרישע סטאַציע, אַ ביבליאָטעק, אַ גאַראַזש און אַ באָד.

דער צוג איז געווען אַזאַ שווערער, אַז ער איז געגאַנגען מיט צוויי לאָקאָמאָטיוון. שפּעטער האָט מען אים געמוזט צעטיילן אויף צוויי צוגן. ווען די אומשטענדן האָבן געצוואונגען זיך אויפצוהאַלטן לענגער אויף עפּעס אַ פראָנט־אָפּשניט, האָט איינער פון די לאָקאָמאָ־טיוון געדינט פאַר אַ קוריער. דער צווייטער איז שטענדיק געשטאַנען אונטערן דאַמף. דער פראָנט איז געווען אַ באַוועגלעכער, און טרייבן קאַטאָוועס מיט אים האָט מען נישט געטאָרט.

איך האָב נישט אונטער דער האַנט די געשיכטע פון צוג, זי ליגט באַהאַלטן ערגעצוואו אין די אַרכיוון פון קריגס־אַמט. זיינערצייט האָבן זי מיינע יונגע מיטאַרבעטער זאָרגעוודיק באַאַרבעט. די דיאַגראַמע

פון די שטחים, וואָס דער צוג האָט דורכגעמאַכט, איז געצייכנט געוואָרן פאַר דער אויסשטעלונג פונם בירגערקריג און האָט צוגעצויגן, ווי די צייטונגען האָבן דעמאָלט איבערגעגעבן, אַ גרויסן עולם באַזוכער; נאָכדעם איז די דיאַגראַמע אַריבערגעטראָגן געוואָרן אין מוזיי פון בירגערקריג, איצט וואַלגערט זי זיך ערגעץ אין אַ פאַררוקטן ווינקל צוזאַמען מיט נאָך הונדערטער און טויזנטער אַנדערע עקספּאָנאַטן: פלאַקאַטן, אויפרופן, באַפעלן, פענער, פאָטאָגראַפיעס, פילם־לענטעס, ביכער און רעדעס, וואָס שפּיגלען אָפּ מיט זיך די וויכטיקסטע מאָמענטן פון בירגערקריג און זענען אַזוי אָדער אַנדערש פאַרבונדן מיט מיין אָנטייל אין זיי.

דער מיליטערישער פאַרלאַג האָט אין די יאָרן 1922—1924, ד. ה. ביז צו דעם צוזאַמענברוך פון דער אָפּאָזיציע, באַוויזן אַרויסצוגעבן אין פינף בענדער מיינע ליטעראַרישע אַרבעטן, וואָס האָבן זיך באַצויגן צו דער אַרמעע און דעם בירגערקריג. די געשיכטע פון צוג איז אין זיי נישט אַריין. דעם אַרביט פון זיינע באַוועגונגען וואָלט איך איצט בלויז טיילווייז געקאָנט פעסטשטעלן לויט די אָנמערקונגען צו די לייט־אַרטיקלען פון דער צוג־צייטונג „אונטערוועגס": סאַמאַר, טשעליאַבינסק, וויאַטקאַ, פעטראָגראַד, באַלאַשאָוו, סמאָלענסק, ווידער סאַמאַר, ראָסטאָוו, נאָוואָטשערקאַסק, קיעוו, זשיטאָמיר א. אַז. וו., אָן אַ סוף. איך האָב אפילו נישט אונטער דער האַנט קיין גענויע ציפערן וועגן דער אַלגעמיינער צאָל קילאָמעטער, וואָס דער צוג האָט אין פאַרלויף פונם בירגערקריג דורכגעמאַכט. איינע פון די אויפקלערנדיקע הערות צו מיינע מיליטערישע אַרבעטן רופט אָן אַ צאָל פון 36 נסיעות, מיט אַן אַלגעמיינעם שטח פון 105 טויזנט קילאָמעטער. איינער פון מיינע דעמאָלדיקע וועג־חברים שרייבט מיר, זיך שטיצנדיק אויף זיין זכרון, אַז מיר האָבן אין משך פון די דריי יאָר אַרומגערייזט די ערדקויל פינף און אַ האַלב מאָל, ד. ה. ער גיט אָן אַ צאָל, וואָס איז צוויי מאָל אַזוי די גרויס. דאָ זענען נישט אַריינגערעכנט די צענדליקער טויזנטער קילאָמעטער מיטן אויטאָ, וואָס מיר האָבן דורכגעמאַכט אָן אַ זייט פון דער אייזנבאַן און אין דער טיף פון פראָנט. אַזוי ווי דער צוג איז שטענדיק געגאַנגען אין די אַממייסטן קריטישע פונקטן, האָט די סכעמע פון זיינע נסיעות, וואָס זענען אָנגעצייכנט געוואָרן אויף דער קאַרטע, פאָרגעשטעלט מיט זיך אַ גאַנץ גענוי און צוגלייך אָנשוילעך בילד בנוגע דער וויכ־

ציקייט פון די פאַרשיידענע פראָנטן. די גרעסטע צאָל נסיעות זענען אויסגעפאַלן אויפן יאָר 1920, ד. ה. אויפן לעצטן קריגסיאָר. די איבערוועגנדיקע צאָל נסיעות איז אויסגעפאַלן אויפן דרום־פראָנט, וואָס איז די גאַנצע צייט געווען דער האַרטנעקיקסטער, לאַנגדויערנדיקסטער און געפערלעכסטער.

וואָס האָט געזוכט דער „צוג פון פרעדרעוואָיענסאָוויעט" אויף די פראָנטן פון בירגערקריג? דער אַלגעמיינער ענטפער איז קלאָר: ער האָט געזוכט אַ נצחון. אָבער וואָס האָט ער די פראָנטן געגעבן? דורך וואָסערע מעטאָדן האָט ער געווירקט? וואָסער דירעקטן צוועק האָבן געדינט זיינע כסדרדיקע נסיעות פון איין עק לאַנד אין אַ צווייטן? דאָס זענען נישט געווען קיין פשוטע אינספעקציע־נסיעות. ניין, די אַרבעט פון צוג איז געווען זייער ענג פאַרבונדן מיטן אויפבוי פון דער אַרמעע, מיט איר דערציונג, פאַרוואַלטונג און פאַרזאָרגונג. מיר האָבן געבויט די אַרמעע פונדאָסניי, און טאַקע אונטערן פייער. אַזוי איז עס געווען נישט בלויז ביי סוויאַזשסק, וואו דער צוג האָט פאַרשריבן דעם ערשטן חודש פון זיין געשיכטע, נאָר אויף אַלע פראָנטן. פון פאַרטיזאַנישע אָפטיילונגען, פון פליטים, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פון די ווייסע, פון פויערים, וואָס זענען מאָביליזירט געוואָרן אין די נאָענטע ראַיאָנען, פון אַרבעטער־אָפטיילונגען, וואָס זענען צוגעשיקט געוואָרן פון די אינדוסטריעלע צענטערס, פון גרופעס קאָמוניסטן און פראָפעסיאָנאַליסטן, האָבן זיך טאַקע דאָ אויפן פראָנט פאָרמירט ראָטעס, באַטאַליאָנען, פרישע פולקן, טיילמאָל אפילו גאַנצע דעוויזיעס. נאָך די מפלות און ריקצוגן האָט זיך די צעשאָטענע, פון פאַניק פאַרכאַפטע מאַסע, אין אַ משך פון צוויי-דריי וואָכן פאַרוואַנדלט אין קאַמפס־פעאיקע ארמעע-אָפטיילונגען. וואָס האָט זיך געפאָדערט דערצו? אי פיל, אי ווייניק. מען האָט געדאַרפט געבן גוטע קאָמאַנדירן, עטלעכע צענדליק מסירת-נפשדיקע קאָמוניסטן, קריגן פאַר די באָרוועסע שטיוול, איינאָרדענען אַ באָד, דורכפירן אַן ענערגישע אַגיטאַציע־קאַמפאַניע, שאַפן עסן, וועש, טאַבאַק און זאַפאַלקעס. מיט דעם אַלעם האָט זיך באַשעפטיקט דער צוג. מיר האָבן שטענדיק געהאַט אין רעזערוו עטלעכע ערנסטע קאָמוניסטן, כדי אויסצופילן מיט זיי די בלויזן, אַ פאָר הונדערט גוטע קעמפער, אַ קליינעם זאַפאַס פון שטיוול, לעדערנע קורטקעס, מעדיקאַמענטן, קוילנוואַרפער, בינאָקלען,

קאַרטעס, זייגערס און פאַרשיידענע אַנדערע מתּנות. די אוממיטלבאַרע מאַטעריעלע רעסורסן פון צוג זענען, נאַטירלעך, יאין פאַרגלייך מיט די באַדערפענישן פון דער אַרמעע, געווען זייער אומבאַדייטנדיק. זיי זענען אָבער כּסדר באַנייט געוואָרן. דער עיקר איז אָבער געווען דאָס, וואָס זיי האָבן צענדליקער און הונדערטער מאָל געשפּילט די ראָל פון יענער שופלע קוילן, וואָס איז נויטיק אין געגעבענעם מאָמענט, צו דערהאַלטן דאָס פייער אין אויוון. אין צוג האָט געאַרבעט אַ טעלעגראַף. מיר האָבן זיך דורך דער דירעקטער לייטונג געקאָנט פאַרבינדן מיט מאָסקווע, און מיין פאַרטרעטער סקליאַנסקי פלעגט באַקומען פון מיר פאַראָרדענונגען צוצושטעלן די נויטווענדיקסטע זאַכן פאַר דער אַרמעע—טייל מאָל פאַר אַ דעוויזיע און אפילו פאַר אַן איינצלנעם פּולק. זיי פלעגן אָנקומען מיט אַזאַ שנעלקייט, וואָס וואָלט לגמרי געווען אוממאויספירבאַר אָן מיין אינטערווענץ. מען קען, נאַטירלעך, נישט זאָגן, אַז דערדאָזיקער מעטאָד איז געווען אַ ריכטיקער. דער פּעדאַנט וועט זאָגן, אַז אין דער אַמוניציע-פאַרזאָרגונג, ווי בכלל אינגאַנצן קריגסוועזן, איז וויכטיקער פון אַלץ דער סיסטעם. דאָס איז אַוודאי ריכטיק. איך אַליין בין מער נוטה צו זינדיקן אין דער זייט פון פּעדאַנטיזם. עס האָט זיך אָבער געהאַנדלט אין דעם, וואָס מיר האָבן נישט געוואָלט אומקומען פריער, איידער אונז וועט געלינגען צו שאַפן אַ גוט פונקציאָנירנדיקן סיסטעם. און אָט דערפאַר טאַקע זענען מיר געווען געצוואונגען, בפרט אין דעם ערשטן פּעריאָד, צו פאַרבייטן דעם סיסטעם דורך אימפּראָוויזאַציעס, כּדי שפּעטער צו שטיצן אויף זיי דעם סיסטעם.

אין אַלע מיינע נסיעות האָבן מיך באַגלייט די אָנפירער פון די אַלע וויכטיקסטע פאַרוואַלטונגס-צווייגן פון דער אַרמעע, קודם-כּל אָבער—פון אַלע פּראָוויאַנטירונגס-צווייגן. די אינטענדאַנטור האָבן מיר באַקומען בירושה פון דער אַלטער אַרמעע. זיי האָבן זיך געפּרואווט אַרבעטן אויפן אַלטן שטייגער און אפילו נאָך ערגער, ווייל די באַדינגונגען זענען געווען אָן אַן ערך שווערער. אויף דידאָזיקע נסיעות האָבן זיך אַ סך אַלטע ספּעציאַליסטן גרינטלעך פונדאַסניי איבערגעלערנט, און די נייע האָבן זיך צוגעלערנט אויפן לעבעדיקן ביישפּיל. נאָך אַ וויזיטאַציע-נסיעה אין אַ דיוויזיע און נאָכדעם, ווי עס זענען קלאָר געוואָרן אויפן אָרט אירע באַדערפענישן, האָב איך צונויפגערופן אין שטאַב אָדער אין רעסטאָראַן-וואַגאָן פון צוג אַ

אַ קאָנפֿערענץ אויף אַ מעגלעכסט ברייטערן באַזיס, מיט דער באַטייליקונג פֿון די אָרטיקע פּאַרטיי-אָרגאַניזאַציעס, פֿון די סאָוויעט-אָרגאַנען און פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַריינען. אויף דעם אופֿן האָב איך באַקומען אַ ריכטיק בילד פֿון דער לאַגע אָן פֿאַלשקייטן און אָן צופּוצונגען. די באַראַטונגען האָבן, אויסערדעם, תּמיד געבראַכט אויף אוממיטלבאַרע פּראַקטישע רעזולטאַטן. ווי אָרעם עס זענען נישט געווען די לאָקאַלע מאַכט-אָרגאַנען, האָבן זיי דאָך אַלעמאָל אַרויסגעוויזן די פֿעאיקייט זיך נאָכמער איינצושרומפּן און צו באַשרענקען, כּדי אַזוי אַרום צו אָפּפֿערן עפּעס לטובֿת דער אַרמעע. באַזונדערס ווילכּטיק זענען געווען די קרבנות פֿון די קאָמוניסטן. אַ נייער צענדליק אַרבעטער איז אַרויסגענומען געוואָרן פֿון די אינסטיטוציעס און איז תּיכּף אָנגעשלאָסן געוואָרן אין אַ וואַקלדיקן פּולק. עס האָט זיך תּמיד געפֿונען אַ זאַפּאַס פֿון שטאָפּן אויף העמדער און פּוסטיכער, פֿון לעדער אויף זוילן, אָן איבעריקער צענטנער פֿעטס. אָבער די לאָקאַלע מיטלען זענען, נאַטירלעך, געווען ווייניק. נאָך דער באַראַטונג פֿלעג איך דורך דער דירעקטער לייטונג צושיקן אַ גענויע באַשטעלונג קיין מאָסקווע, נאַטירלעך, אין די גרענעצן פֿון די רעסורסן אין צענטער, און אַלס רעזולטאַט האָט די דעוויזיע באַקומען דאָס, וואָס איר איז אומבאַדינגט נויטיק געווען, און דער עיקר — צו דער רעכטער צייט. די קאָמאַנדירן און קאָמיסאַרן פֿון פֿראָנט האָבן זיך אויף דער פּראַקטיק פֿון צוג אויסגעלערנט צוצוגיין צו זייער אַרבעט — דאָס האָט געקענט זיין אָנפֿירונגס-אַרבעט, דערציונג, אַרמעע-פֿאַרזאָרגונג, יוסטיץ — נישט פֿון אויבן, פֿון דער הייך פֿון שטאַב, נאָר פֿון אונטן, פֿון דער ראָטע, פֿון ווזוואָד, פֿון יונגן און אומגעניטן רעקרוט.

ביסלעכווייז האָבן זיך פֿאָרמירט מער אָדער ווייניקער ריכטיק פֿונקציאָנירנדיקע אַפּאַראַטן פֿון צענטראַליזירטער אַרמעע-און פֿראָנט-פֿאַרזאָרגונג. אָבער זיי אַליין האָבן זיך נישט געקענט קיין עצה געבן און טאָקע זיך נישט געגעבן קיין עצה מיטן גאַנצן ענין. דער אידעאַלסטער אַפּאַראַט וועט אין אַ צייט פֿון קריג אַרויסווייזן שטערונגען, בפֿרט נאָך אַ מאַנעוור-קריג, וואָס איז אינגאַנצן געבויט אויף באַוועגונג, און טיילמאָל, ליידער, אין גאַנץ אומפֿאָרויסגעזעענע ריכטונגען. דערצו דאַרף מען נישט פֿאַרגעסן, אַז מיר האָבן מלחמה געהאַלטן אָן שום זאַפּאַסן. שוין אין יאָר 1919 זענען די צענטראַללאַגערן געשטאַנען אינגאַנצן אָפּגעליידיקט. דאָס העמד איז געגאַנגען

אויפן פראָנט דירעקט פון אונטער דער נאָדל. צום ערגסטן איז גע־וועזן מיט ביקסן און פּאַטראָנעס. די טולער זאַוואָדן האָבן זיי אויס־געאַרבעט בלויז פאַרן לויפנדיקן טאָג. קיין איין איינציקער וואַגאָן מיט פּאַטראָנעס האָט נישט געקאָנט באַקומען קיין אָפּפאָר־מאַרשרוט אָן דער חתימה פון דעם הויפּט־קאָמאַנדיר. די פאַרזאָרגונג מיט פייער־געווער און ביקסן איז שטענדיק געווען אָנגעצויגן ווי אַ סטרונע. טיילמאָל האָט דידאָזיקע סטרונע געפּלאַצט. דעמאָלט האָבן מיר פאַר־לאָרן מענטשן און שטח.

אָן די כסדרדיקע נייע אימפּראָוויזאַציעס אויף אַלע געביטן וואָלטן מיר נישט געקענט פירן דעם קריג. דער צוג איז געווען דער אי־ניציאַטאָר פון אַזעלכע אימפּראָוויזאַציעס און גלייכצייטיק אויך זייער רעגוליאַטאָר. באַוואויגנדיק דעם פראָנט און דעם נאָענטן הינטער־פראָנט צו איניציאַטיוו, האָבן מיר גלייכצייטיק געזאָרגט דערפאַר, אַז דידאָזיקע איניציאַטיוו זאָל זיך ביסלעכווייז אַריינגיסן אין די קאַנאַלן פון אַן אַלגעמיינעם סיסטעם. איך וויל נישט זאָגן, אַז דאָס איז אונז תמיד געלונגען צו דערגרייכן. אָבער ווי עס האָט באַוויזן דער אויסגאַנג פון בירגערקריג, האָבן מיר דערגרייכט דעם עיקר: דעם נצחון.

באַזונדערס וויכטיק זענען געווען די נסיעות אויף אַזעלכע פראָנט־אָפּשניטן, וואו דער פאַרראַט פונם אָנפירונגס־פּערסאָנאַל האָט טיילמאָל אַרויסגערופן קאַטאַסטראָפאַלע דערשיטערונגען. דעם 23־סטן אויגוסט 1918, אין די סאַמע קריטישע טעג ביי קאַזאַן, האָב איך פון לענינען און סווערדלאָוון באַקומען אַ שיפרירטע טעלעגראַמע: „סוויאַזשסק. טראָצקין. דער פאַרראַט אויפן סאַראַטאָווער פראָנט, וואָס איז אַפילו אויפגעדעקט געוואָרן צו דער ריכטיקער צייט, האָט דאָך אַרויסגערופן אומגעהייער געפערלעכע וואַקלענישן. מיר האַלטן פאַר אַבסאָלוט נויטווענדיק, איר זאָלט תיכף אַרויספאָרן אַהין, וואָרים אייער פּלוצלינגער אָנקומען אויפן פראָנט וועט מאַכן אַ רושם אויף די זעלנער און אויף דער גאַנצער אַרמעע. מיר וועלן זיך צונויפרעדן וועגן דער וויזיטאַציע פון די אַנדערע פראָנטן. ענטפערט און באַשטימט דעם טאָג פון אייער אָפּפאָר, אַלץ דורכן שיפער N 80. דעם 22-סטן אויגוסט 1918. לענין. סווערדלאָוו".

איך האָב געהאַלטן פאַר אוממעגלעך צו פאַרלאָזן סוויאַזשסק: דער אָפּפאָר פון צוג וואָלט דערשיטערט דעם קאַזאַנער פראָנט, וואָס

האָט אַזוי אויך איבערגעלעבט זייער שווערע מאָמענטן. קאַזאַן איז אין אַלע הינזיכטן געווען וויכטיקער, ווי סאַראַטאָוו. לענין און סווערדלאָוו האָבן עס באַלד אַליין איינגעזען. קיין סאַראַטאָוו בין איך געפאָרן ערשט נאָכדעם, ווי קאַזאַן איז גענומען געוואָרן. אָבער אַזעלכע טעלעגראַמעס פלעגט דער צוג באַקומען אויך אויף זיין גאַנצן ווייטערדיקן וועג. קיעוו און וויאַטקאַ, סיביר און קרים האָבן זיך באַקלאָגט אויף דער שווערער לאַגע און כסדר געפאָדערט איינער נאָכן אַנדערן, אַז דער צוג זאָל זיי אַרויסהעלפן.

דער קריג האָט זיך אויסגעשפרייט איבער דער פעריפעריע פון לאַנד, און דער פראָנט האָט זיך טיילמאָל געצויגן איבער די סאַמע פאַרוואָרפנסטע ווינקלען ביי אַכט טויזנט קילאָמעטער. פולקן און דיוויזיעס זענען חדשים־לאַנג געווען אָפגעריסן פון דער גאַנצער וועלט. זיי זענען אָנגעשטעקט געוואָרן מיט דער שטימונג פון יאוש. ביזשט זעלטן האָט אויסגעפעלט טעלעפאָן־מאַטעריאַל אפילו פאַרן אי־נערלעכן געברויך. דער צוג איז פאַר זיי דערשינען ווי אַ מבשר פון אַנדערע וועלטן. מיר האָבן שטענדיק געהאַט אַ זאַפּאַס פון טע־לעפאָן־אַפּאַראַטן און לייטונגס־דראָט. אויף דעם ספּעציעלן קאָנטאַקט־וואַגאָן איז אָנגעצויגן געוואָרן אַן אַנטענע, וואָס האָט געגעבן אַ מעגלעכקייט אויפצונעמען אונטערוועגס ראַדיאָ-טעלעגראַמעס פון אייפל־טורעם, נאַוען, סך־הכל ביז דרייצן סטאַציעס, און אין דער ערשטער ריי, נאַטירלעך, פון מאָסקווע. דער צוג איז תמיד געווען אין קורס פון דעם אַלעם, וואָס עס קומט פאָר אויף דער גאַנצער וועלט. די וויכטיקסטע טעלעגראַמעס זענען אָפּגעדרוקט געוואָרן אין דער צוג־צייטונג, און זענען קאָמענטירט געוואָרן גלייך אויפן אָרט אין אַר־טיקלען, פלוגבלעטער און באַפעלן. די קאַפּ-אַוואַנטורע, די אינערלע־כע פאַרשווערונגען, די ענגלישע וואַלן, דער גאַנג פון די תבואה־צוגרייטונגען אָדער די העלדישע מעשים פונם איטאַליענישן פאַשיזם זענען באַלויכטן געוואָרן לויט די פרישע שפורן פון די געשעענישן און געבראַכט געוואָרן אין צוזאַמענהאַנג מיטן גורל פונם אַסטראַכאַ־נער אָדער אַרכאַנגעלסקן פראָנט. די אַרטיקלען זענען גלייכצייטיק, דורך דער דירעקטער לייטונג, געגאַנגען קיין מאָסקווע און פון דאָרט דורך דער ראַדיאָ־פרעסע אין גאַנצן לאַנד. דאָס דערשיינען פון צוג האָט דעם סאַמע אָפּגעריסענעם טייל איינגעשלאָסן אין קרייז פון דער גאַנצער אַרמעע, אין לעבן פון לאַנד און דער גאַנצער וועלט. די

אומרויִקע קלאַנגען און ספקות זענען אַנטרונען געוואָרן, די שטימונג האָט זיך פֿאַרשטאַרקט. דידאַקטישע מאָראַלישע אָנלאָדונג האָט געקלעקט אויף עטלעכע וואָכן, טיילמאָל ביז דער צייט, ווען דער צוג איז אַ צווייט מאָל געקומען. אין דער צווישן־צייט זענען געמאַכט געוואָרן נסיעות פֿון די מיטגלידער פֿון רעוואָלוציאָנערן קריגסראַט פֿון פֿראָנט אָדער פֿון דער אַרמעע, לויטן זעלבן טיפּ, נאָר אין אַ באַשיידענער מאַסשטאַב.

נישט נאָר מיין ליטעראַרישע, נאָר אויך מיינע אַלע איבעריקע אַרבעטן אין צוג וואָלטן געווען אומאויספֿירבאַר אָן מיינע מיטאַרבעטער, די סטענאָגראַפֿן גלאַזמאַן, סערמוקס און דעם יונגן נעטשאַיעוו, זיי האָבן געאַרבעט טאָג און נאַכט אין פֿאָרנדיקן צוג, וואָס האָט זיך אין רעכטן ברען פֿון קריג נישט גערעכנט מיט קיין שום כּללים פֿון פּאָרזיכטיקייט און זיך געטראָגן איבער די צעשעדיקטע שפּאַלן מיט אַ געשווינטקייט פֿון זיבעציק און מער קילאָמעטער, אַזוי, אַז די קאַרטע, וואָס איז אַראָפּגעהאָנגען פֿון סופֿיט, האָט זיך אַרומגעוויגט, ווי אַ הושטאַווקע. מיט באַוואונדערונג און דאַנקבאַרקייט האָב איך פֿאַרפֿאָלגט די באַוועגונג פֿון דער האַנט, וואָס האָט, נישט געקוקט אויפֿן טרייסלען און וואַרפֿן, זיכער געשריבן די דינע שריפֿטצייכנס. אַז מען האָט מיר אין אַ האַלבער שעה אַרום געבראַכט דעם פֿאַרטיקן טעקסט, האָט ער זיך נישט גענויטיקט אין קיין שום אויסבעסערונגען. דאָס איז נישט געווען קיין געוויינלעכע אַרבעט, זי האָט זיך פֿאַרוואַנדלט אין אַ העלדנטאַט.

גלאַזמאַן און סערמוקס האָבן שפּעטער שלעכט אָפּגעשניטן פֿאַר זייער מסירות־נפֿשדיקן דינסט דער רעוואָלוציע: גלאַזמאַנען האָבן די סטאַליניסטן דערפֿירט צו זעלבסטמאָרד, סערמוקסן האָבן זיי פֿאַרשטעקט אין אַ סיבירישן העק.

צו דעם צוג־קאָמפּלעקס האָבן געהערט: אַ ריזיקער גאַראַזש, וואָס האָט געקענט אַריינגעמען עטלעכע אויטאָמאָבילן און אַ ציסטערנע בענזין. דאָס האָט געגעבן אַ מעגלעכקייט זיך צו דערווייטערן פֿון דער אייזנבאַן אויף הונדערטער ווייאָרסט. אויף לאַסט־אויטאָס און לייכטע מאַשינעס האָט זיך איינגעאָרדנט אַ קאָמאַנדע פֿון אַ מאַן צוואַנציק־דרייסיק — געקליבענע שיסער און קוילנוואַרפֿער. אויף מיין אויטאָ האָבן זיך אויך געפֿונען אַ פּאָר האַנט־פּוליעמיאָטן. דער מאַנעווירטער קריג איז פֿול מיט איבעראַשונגען. אין די סטעפּעס האָבן

מיר שטענדיק ריזיקירט זיך אָנצושטויסן אויף קאָזאַקן־פּאַטרולן. אויי־
טאָמאָבילן מיט קוילנוואַרפער זענען דאָך אַ גוטע גאַראַנטיע, בפרט
אין יענע פאַלן, ווען דער סטעפּ פאַרוואַנדלט זיך אין אַ ים פון
בלאָטע. אין וואָראָניעזשער גובערניע איז אין האַרבסט 1919 אויסגע־
קומען איינמאָל זיך צו באַוועגן מיט אַ שנעלקייט פון דריי קילאָ־
מעטער אַ שעה. די אויטאָס זענען אַריינגעקראָכן טיף אין דער צע־
ווייקטער שוואַרצערד. דרייסיק מאַן זענען יעדעס מאָל אַראָפּגעשפּרונ־
גען פון אויטאָ און אים געשטופּט מיט די אַקסלען. דורכפאָרנדיק אַ
טייך אין אַ פלאַכן אָרט, זענען מיר געבליבן שטעקן אין רעכטן
מיטן. אַ צעכעסטער בין איך אָנגעפאַלן אויף מיין צו נידעריקן
אויטאָ, וואָס מיין אויסגעצייכנטער שאָפער, דער עסטאָניער פּיווי,
האָט אים געהאַלטן פאַר דער בעסטער מאַשין אויף דער גאַנצער
וועלט. ער האָט זיך אויסגעדרייט צו מיר, קוים אָנגערירט מיט דער
האַנט ביים דאַשעק און אַ זאָג געטאָן אין אַ געבראָכענעם רוסיש:
„דערלויבט מיר אייך צו מעלדן, די אינזשינירן האָבן נישט פאָר־
געזען, אַז אונז וועט אויסקומען צו שווימען איבערן וואַסער“. נישט
געקוקט אויף דער שווערער סיטואַציע, האָב איך אים דאָך געוואָלט
אַרומנעמען פאַר זיין קאַלטער שאַרפער איראָניע.

דער צוג איז געווען נישט בלויז אַ מיליטעריש־אַדמיניסטראַ־
טיווע און פּאָליטישע, נאָר אויך אַ קאַמפּס־אינסטיטוציע. מיט אַ סך
אייגנשאַפטן זיינע האָט ער מער דערמאָנט אָן אַ פאַנצער־צוג, ווי אָן
אַ שטאַב אויף רעדלעך. יאָ, ער איז באמת געווען געפאַנצערט, לכל־
הדעות, די לאָקאָמאָטיוון און די וואַגאָנעס מיט די קוילנוואַרפער.
אַלע אַרבעטער פון צוג, אָן אויסנאַם, האָבן געוואוסט ווי אומצוגיין
מיט געווער. אַלע האָבן געטראָגן לעדערנע מונדירן, וואָס עס גיט
צו אַ געוויכטיק סאָליד אויסזען. אויפן לינקן אַרבל, עטוואָס נידערי־
קער פון אַקסל, האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן אַ גרויסער מעטאַ־
לישער צייכן, וואָס איז זאָרגעוודיק אויסגעאַרבעט געוואָרן אינם
מינצהויף און האָט זיך דערוואָרבן אין דער אַרמעע אַ גרויסע פּאָ־
פּוליאַריטעט. די וואַגאָנען זענען געווען פאַרייניקט מיט אַן אינוויי־
ניקסטן טעלעפאָן און אַ סיגנאַלן־אַפּאַראַט. כדי צו דערהאַלטן די
וואַכזאַמקייט אונטערוועגס, פלעגט מען טיילמאָל, סיי בייטאָג, סיי
ביינאַכט, אומישנע אַליאַרמירן. די באַוואָפנטע אָפּטיילונגען פלעגן זיך
אַ וואָרף טאָן פון צוג אויף „דעסאַנט“־אָפּעראַציעס. יעדעס מאָל, ווען

עס פלעגט זיך ווייזן די לעדערנע מאה אויף אַ געפּערלעכן אָרט, פלעגט עס אַרויסרופן אַן אומווידערשטייטלעכע ווירקונג. שפּירנדיק דעם צוג אויף עטלעכע מעטער פון דער פייער־ליניע, האָבן אַפילו די אַממייגסטן נערוועזע אַרמעע־טיילן, קודם־כל אָבער דער אָנפירנ־דיקער פּערסאָנאַל, אָנגעשטרענגט אַלע קרעפטן. ביי אַ וואַקלדיקן גלייכגעוויכט פון אַ וואָגשאָל דעצידירט אַ קליין געוויכטל. אַזאַ מין געוויכטל האָט געמוזט זיין דער צוג און זיין מיליטער־אָפּטיילונג. פיל צענדליקער, אויב נישט הונדערטער מאָל אין משך פון די צוויי און אַ האַלב יאָר, ווען דער „דעסאַנט" איז צוריק אַרויפגענומען געוואָרן אויפן „באָרט", פלעגט, געוויינלעך עמעצער פעלן. בכלל האָט דער צוג פאַרלאָרן אַ מאַן פופצן אין טויטע און פאַרוואונדעטע, נישט רעכענענדיק די־יעניקע, וואָס זענען אינגאַנצן אַריבערגעגאַנגען אין די פראָנט־אָפּטיילונגען און אויף דעם אופן פאַרשוואונדן פון אונזער האָריזאָנט. אַזוי, למשל, איז פון דעם צוג־פּערסאָנאַל אויסגעטיילט געוואָרן אַ קאָמאַנדע פאַרן מוסטערגילטיקן פאַנצערצוג אויף לענינס נאָמען, און אַ צווייטע קאָמאַנדע איז אַריינגעגאָסן געוואָרן אין די פראָנט־אָפּטיילונגען ביי פּעטראָגראַד. פאַרן אָנטייל אין די קאַמפּן קעגן יודעניטשן האָט דער גאַנצער צוג, אַלס אַזעלכער, באַקומען דעם אָרדן פון דער רויטער פאָן.

דער צוג איז טיילמאָל אָפּגעשניטן געוואָרן, מען האָט אים באַשאָסן און פאַרוואָרפן מיט פליער־באָמבעס. עס איז דעריבער קיין וואונדער נישט, וואָס ער איז איינגעהילט געוואָרן אין אַ לעגענדע, געוועבט פון די אָפּגעהאַלטענע נצחונות און צוגעפּוצט פון דער פאַנ־טאַזיע. וויפל מאָל האָט געטראָפן, אַז אַ קאָמאַנדיר פון אַ דיוויזיע, אַ בריגאַדע אָדער אַפילו אַ פּולק פלעגט בעטן, מען זאָל פאַרברענגען ביי אים אין שטאַב כאָטש נאָך אַ האַלבע שעה, פּשוט זיצן אַ ביסל, אָדער צופאָרן מיט אים אין אויטאָ אָדער צורייטן אין אַ ווייטערן פראָנט־אָפּשניט, אָדער, לכל־הפּחות, אַוועקשיקן אַהין עטלעכע מאַן פון דער צוג־קאָמאַנדע מיט אַמוניציע אָדער מתּנות, כּדי די ידיעה וועגן דעם, אַז דער צוג איז געקומען, זאָל פאַרלאַפן וואָס ברייטערע פראָנט־שטחים. „דאָס וועט פאַרטרעטן אַ רעזערוו־דיוויזיע", פלעגן זאָגן די אַרמעע־קאָמאַנדירן. די ידיעה, אַז דער צוג איז געקומען, פלעגט, נאַטירלעך, אַריינדרינגען אויך אין די פיינטלעכע רייען. דאָרט האָט האָט מען זיך פאָרגעשטעלט דעם סודותפולן צוג אַ סך שרעקלעכער.

ווי ער איז געווען אין דער ווירקלעכקייט. דאָס האָט נאָך פאַר־שטאַרקט זיין מאָראַלישע באַדייטונג.

דער צוג האָט זיך דערוואָרבן די שנאה פון די שונאים און האָט דערמיט שטאָלצירט. די סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן האָבן עטלעכע מאָל צוגעגרייט אויף אים אַן אַטענטאַט. וועגן דעם האָט אויפן פּראָ־צעס פון די עסערן געגעבן איבערגעגעבן סעמיאָנאָוו, וואָס האָט אָרגאַ־ניזירט דעם מאָרד אויף וואָלאָדאַרסקין און דעם אַטענטאַט אויף לענינען, און וואָס האָט זיך באַטייליקט אין די צוגעגרייטע אַטענ־טאַטן אויפן צוג. אַזאַ אונטערנעמונג איז אין פלוג נישט געווען פאַר־בונדן מיט קיין גרויסע שוועריקייטן. די עסערן זענען אָבער אין יענער צייט אָפּגעשוואַכט געוואָרן, פאַרלאָרן דעם גלויבן אין זיך און די השפּעה אויף דער יוגנט.

בעת איינער פון די נסיעות קיין דרום איז אויף דער סטאַציע גאָרקי געשען מיטן צוג אַ קאַטאַסטראָפע. אינמיטן נאַכט האָט מיך אָנגעהייבן וואַרפן, און איך האָב מיטאַמאָל דערשפּירט יענעם גרויל, וועלכן מען שפּירט געוויינלעך בעת אַן ערדציטערניש: דער באָדן פאַרשווינדט פון אונטער די פיס, נישטאָ קיין אָנהאַלט. נאָך האַלב־דרעמלענדיק האָב איך מיט אַלע כּוחות אַרומגעכאַפּט דעם געלעגער אין דער קווער. די געוויינלעכע טראַסקעניש האָט אויפגעהערט, דער וואַגאָן האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויף אַ זייט און איז ווי פאַר־גליווערט געוואָרן. אין דער נאַכט־שטילקייט האָט זיך בלויז געהערט אַן איינזאַם, שוואַך, יאָמערדיק שטימעלע. די שווערע וואַגאָן־טיר האָט זיך אַזוי איבערגעדרייט, אַז מען האָט זי בשום אופן נישט גע־קאָנט עפענען, און אַרויסגיין איז געווען אוממעגלעך. קיינער האָט זיך נישט געוויזן, און דאָס האָט שטאַרק באַאומרואיקט. איז עס נישט אַמאָל דער שונא? מיטן רעוואָלווער אין דער האַנט בין איך אַרויס־געשפּרונגען דורכן פענסטער און האָב מיך אָנגעשטויסן אויף אַ מענטשן מיט אַ לאַמטערנע. דאָס איז געווען דער שעף פון צוג, וואָס האָט זיך נישט געקאָנט אַריינקריגן צו מיר. דער וואַגאָן איז געשטאַנען אין אַ ראָוו, דריי רעדער טיף איינגעגראָבן אין פלאַנט און די איבע־ריקע דריי האָבן אַרויסגעסטאַרטשעט אין דער הויך איבער די שי־נעס. די הינטערשטע און פאָדערשטע פלאַטפאָרמעס זענען געווען איינגעאַנצן צעקלאַפּט. דער פאָדערשטער אייזנגעפלעכט האָט דעם וואַכזעלנער צוגעקוועטשט צו דער פלאַטפאָרם. דאָס האָט זיך געהערט

זיין יאָמערלעך שטימעלע אינדערפינסטער, פונקט ווי דאָס געוויין פון אַ קינד. ס'איז גאָרנישט געווען אַזוי לייכט אַרויסצוקריגן אים פון אונטערן געפלעכט. צו אַלעמענס שטוינונג האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז דער וואַכזעלנער איז אָפּגעקומען בלויז מיט בלויע ביילן און מיט שרעק. אַרום און אַרום זענען צעהאַקט געוואָרן אַכט וואַגאָנעס. דער רעסטאָראַן־וואַגאָן, וואָס האָט געשפּילט די ראָל פון אַ קלוב־צימער, האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ קופּע פּאָלירטע שפּענדלעך. די, וואָס האָבן געוואַרט, מען זאָל זיי פּאַרטרעטן, פלעגן דאָ געוויינלעך לייענען, אָדער שפּילן אין שאָך. אַלע זענען זיי אַרויס פון קלוב פונקט צו האַלבער נאַכט, מיט אַ צען מינוט פריער פאַר דער קאַטאַסטראָפע. שטאַרק געליטן האָבן אויך די משא־וואַגאָנעס מיט די ביכער, אוניפאָרמען און מתנות פאַרן פראָנט. פון די מענטשן האָט ערנסט קיינער נישט געליטן. די סיבה, ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז געווען אַ שלעכטער שינעס־וועקסל. צי איז עס געווען פאַרזען אָדער אַ בייזוויליקייט—דאָס איז נישט אויפגעקלערט געוואָרן. צום גליק, זענען מיר פאַרבייגעפאָרן די סטאַציע מיט אַ שנעלקייט פון 30 קילאָמעטער.

ווען מיר האָבן זיך גענומען גרייטן צום אָנגריף אויף וראַנגעלן, וואָס האָט זיך פאַרפעסטיקט אין קרים, האָב איך דעם 27־סטן אָקטאָבער 1920 געשריבן אין דער צוג־צייטונג „אונטערוועגס":

„אונזער צוג לאָזט זיך ווידער אין וועג אַריין אויפן פראָנט.

די קעמפער פון אונזער צוג זענען געשטאַנען פאַר די מויערן פון קאַזאַן, אין יענע שווערע וואָכן פון יאָר 1918, בעת עס איז אָנגעגאַנגען דער קאַמף פאַר דער וואָלגע. דערדאָזיקער קאַמף האָט זיך שוין לאַנג געענדיקט. די סאָוויעטן־מאַכט דערנענטערט זיך צום שטילן אָקעאַן.

די קעמפער פון אונזער צוג האָבן זיך מיט כבוד געשלאָגן פאַר די מויערן פון פּעטראָגראַד... פּעטראָגראַד איז געבליבן גאַנץ, און אין זיינע ווענט האָבן פאַר די לעצטע יאָרן פאַרבראַכט נישט ווייניק פאַרטרעטער פון וועלט־פּראָלעטאַריאַט.

אונזער צוג איז שוין נישט איינמאָל געווען אויך אויפן מערב־פראָנט. איצט איז מיט פּוילן אונטערגעשריבן געוואָרן אַ פּראָוויזאָרישער שלום.

די קעמפער פון אונזער צוג זענען געווען אין די סטעפּעס

פון דאָן, בעת קראַסנאָוו און שפּעטער דעניקין האָבן באַדראָט סאָ־וויעטן־רוסלאַנד פון דרום־זייט. די טעג פון קראַסנאָוון און דעניקינען זענען שוין לאַנג פאַרביי.

געבליבן איז נאָר קרים, וואָס די פראַנצויזישע רעגירונג האָט פאַרוואַנדלט אין אירער אַ פעסטונג. מיטן ווייסגוואַרדייאישן גאַרניזאָן פון דערדאָזיקער פעסטונג פירט אָן דער געדונגענער דייטש־רוסישער גענעראַל וראַנגעל.

אויף אַ נייעם פעלדמאַרש לאָזט זיך אָוועק די חברשע משפּחה פון אונזער צוג. זאָל דערדאָזיקער פעלדמאַרש זיין דער לעצטער.

דער קרימער פעלדמאַרש איז באמת געוואָרן דער לעצטער פון בירגערקריג. אין עטלעכע חדשים אַרום איז שוין דער צוג אויפגע־לייזט געוואָרן. פון דידאָזיקע זייטלעך שיק איך מיינע געוועזענע קאַמפּס־חברים אַ ברידערלעכן גרוס.

פינף און דרייסיקסטער קאַפּיטל

די פאַרטיידיקונג פון פּעטראָגראַד

אויף די רעוואָלוציאָנערע פראָנטן פון דער סאָוויעטן־רעפּובליק זענען געשטאַנען זעכצן אַרמעען. די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט געהאַט כּמעט אַזוי פיל: פערצן. יעדע פון די זעכצן סאָוויעטישע אַרמעען האָט געהאַט איר קורצע, אָבער בונטע געשיכטע. עס איז געגוג געווען צו דערמאַנען דעם נומער פון דער אַרמעע, כּדי אַרויסצורופן אין זכרון צענדליקער עפּיזאָדן, וואָס ווען זיך שוין נישט איבערחזרן. יעדע אַרמעע האָט געהאַט איר אייגענעם לעבעדיקן, בונטן, כּאָטש נישט באַשטענדיקן פּרצוף.

אויף די מערב־צוגאַנגען צו פּעטראָגראַד איז געשטאַנען די זיבעטע אַרמעע. די לאַנג־אָנגעהאַלטענע אומבאַוועגלעכקייט האָט זיך אויף איר שווער אָפּגערופן. די וואַכזאַמקייט איז כּסדר שוואַכער געוואָרן. די בעסטע אַרבעטער און איינצלנע קאָמאַנדעס זענען פון דערדאָזיקער אַרמעע אָפּגעצויגן געוואָרן פאַר אַנדערע, מער באַלעבטע פראָנט־אָפּשניטן. פאַר אַ רעוואָלוציאָנערער אַרמעע, וואָס מוז זיין אָנגעלאָדן מיט ענטוזיאַזם, ווערט דאָס אַרומטאָפּטשען זיך אויף איין אָרט כּמעט תּמיד פאַרענדיקט מיט אַ דורכפאַל, טיילמאָל אפילו מיט אַ קאַטאַסטראָפע. אַזוי איז אויך געווען דאָסמאָל.

אין יוני 1919 איז דער וויכטיקסטער פאָרט קראַסנאַיאַ גאָרקאַ, וואָס ליגט ביים פינישן ים־בוזעם, אָקופּירט געוואָרן דורך אַן אָפּטיילונג פון ווייסגוואַרדיסטן. אין עטלעכע טעג אַרום איז דער פאָרט,

דורך אַן אָפּטיילונג פון רויטע מאַטראָסן איינגענומען געוואָרן צוריק. עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז דער שטאַב־שעף פון דער זיבעטער אַרמעע, פּולקאָווניק לינדקוויסט, האָט אַרויסגעגעבן די ווייסע אַלע ידיעות פון דער ערשטער האַנט. מיט אים צוזאַמען האָבן אויך מיט־געאַרבעט אַנדערע פאַרשווערער. דאָס האָט דערשיטערט די אַרמעע.

גענעראַל יודעניטש, וואָס קאָלטשאַק האָט אים אָנערקענט אַלס זיין פאַרטרעטער, ווערט אין יולי באַשטימט פאַרן הויפּטקאָמאַנדיר פון דער צפון־מערב־אַרמעע פון די ווייסע. מיט דער הילף פון ענג־לאַנד און עסטלאַנד איז אין אויגוסט געשאַפן געוואָרן די רוסישע „צפון־מערב״־רעגירונג. דער ענגלישער פלאָט אין פינישן ים־בוזעם האָט צוגעזאָגט יודעניטשן הילף.

יודעניטשעס אָנגריף איז צוגעפּאַסט געוואָרן צו אַזאַ מאָמענט, בעת מיר האָבן אָן דעם אויך געהאַט גענוג צו קעמפן מיט אומגע־הייערע שוועריקייטן. דעניקין האָט פאַרנומען אָריאָל און באַדראָט טולע, דעם צענטער פון דער קריגס־אינדוסטריע. פון דאָרט האָט זיך געעפנט אַ קורצער וועג קיין מאָסקווע. דער דרום האָט צוגעצויגן אונזער גאַנצע אויפמערקזאַמקייט. דער ערשטער שטאַרקער קלאַפּ פון מערב האָט לחלוטין אַרויסגעשלאָגן די זיבעטע אַרמעע פון איר גלייכגעוויכט. זי האָט אָנגעהייבן אָפּצוטרעטן כמעט אָן אַ שום ווי־דערשטאַנד, אַוועקוואַרפנדיק דאָס געווער און די טראַנספּאָרטן. די פּעטראָגראַדער פירער, און קודם כל זינאָוויעוו, האָבן מודיע געווען לענינען וועגן דער אויסגעצייכנטער באַוואָפנונג פון קעגנער: אויטאָ־מאָטן, טאַנקס, אַעראָפּלאַנען, ענגלישע פּאַנצערשיפלעך אויפן אַרמעע־פליגל און ד. גל. לענין איז געקומען צום באַשלוס, אַז קעמפן מיט דערפאָלג קעגן יודעניטשעס אָפיצירן־אַרמעע, וואָס איז באַוואָפנט לויטן לעצטן וואָרט פון דער טעכניק, קאָנען מיר נאָר אין אַזאַ פאַל, ווען מיר זאָלן אַנטבלויזן און אָפּשוואַכן די אַנדערע פראָנטן, קודם־כל דעם דרומדיקן. אָבער וועגן דעם האָט גאָר קיין רייד נישט געקאָנט זיין. לויט זיין מיינונג איז געווען נאָר איין אויסוועג: אָפּגעבן פּעטראָגראַד און פאַרקירצן דעם פראָנט. קומענדיק צו דעם אויספיר וועגן דער נויטווענדיקייט פון אַזאַ שווערער אַמפּוטאַציע, האָט זיך לענין גענו־מען אַריבערציען די אַנדערע אויף זיין זייט.

ווען איך בין אַראָפּגעקומען פון מאָסקווע קיין דרום, האָב איך מיך ענערגיש אַנטקעגנגעשטעלט דעמדאָזיקן פּלאַן. מיט פּעטראָגראַד

וועט זיך יודעניטש מיט זיינע באַלעבאַטים נישט באַנוגענען: זיי האָבן שטאַרק חשק זיך צו טרעפן מיט דעניקינען אין מאָסקווע. אין פּעטראָגראַד וועט יודעניטש געפינען אומגעהייערע אינדוסטריע־רע־סורסן און מענטשן־מאַטעריאַל. חוצדעם, זענען צווישן פּעטראָגראַד און מאָסקווע נישטאָ קיין ערנסטע שטערונגען. דערפון בין איך געקומען צו דער מסקנה: מען מוז פּאַרטיידיקן פּעטראָגראַד פאַר יעדן פּרייז. איך האָב געפונען אונטערשטיצונג, פאַרשטייט זיך, קודם־כל ביי די פּעטראָגראַדער. קרעסטינסקי, וואָס איז דעמאָלט געווען אַ מיטגליד פון פּאָליטביוראָ, האָט זיך געשטעלט אויף מיין זייט. עס שיינט מיר, אַז אויך סטאַלין האָט געהאַלטן מיט מיר. אין משך פון אַ מעת־לעת האָב איך לענינען עטלעכע מאָל אַטאַקירט. סוף־כל־סוף האָט ער געזאָגט: „נו גוט, לאָמיר זיך פּרואוון." דעם 15-טן אָקטאָבער האָט דאָס פּאָליטביוראָ אָנגענומען מיין רעזאָלוציע וועגן דער לאַגע אויף די פראָנטן: „אָנערקענענדיק די דראָענדיקע קריגס־סכנה, מוז אומבאַדינגט דורכגעפירט ווערן די פאַקטישע פאַרוואַנדלונג פון סאָוויעטן־רוסלאַנד אין אַ קריגס־לאַגער. אין די פּאַרטיי־ און פראָפּעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס מוז אונטערגענומען ווערן אַ קאָפּ־ציילונג פון די פּאַרטיי־מיטגלידער, סאָוויעטישע אַרבעטער און די מיטגלידער פון פראָפּעסיאָנעלע פאַריינען בנוגע זייער קריגס־פעאיקייט." ווייטער איז אויסגערעכנט געוואָרן אַ ריי פּראַקטישע מיטלען, וואָס דאַרפן אָנגענומען ווערן, בנוגע פּעטראָגראַד: „נישט אָפּגעבן." אין דעמזעלבן טאָג האָב איך אַריינגעטראָגן אין פּאַרטיידיקונגסראַט אַ באַשלוס: „פּאַרטיידיקן פּעטראָגראַד ביזן לעצטן טראָפּן בלוט, נישט אָפּגעבן קיין איינציקן טריט באָדן און פירן דעם קאַמף אויף די גאַ פון דער שטאָט". איך האָב נישט געצווייפלט, אַז די ווייסע אַרמעע מיט אירע 25000 קעמפער, ווען איר זאָל אפילו געלינגען זיך אַריינצורייסן אין דער מיליאָנען־שטאָט, וואָלט געמוזט האָבן אַ וויסטן סוף: זי וואָלט זיך אָנגעשטויסן אויף אַן ענערגישן און גוט אָרגאַניזירטן ווידערשטאַנד אויף די גאַסן. צוזאַמען דערמיט האָב איך אויך געהאַלטן פאַר וויכטיק, בפרט אין פאַל פון אַן אָנגריף מצד עסטלאַנד און פינלאַנד, צוצוגרייטן אַ פּלאַן פאַרן ריקצוג פון דער ארמעע און די אַרבעטער אין דער דרום־מזרח־ריכטונג: דאָס איז געווען די איינציקע מעגלעכקייט צו ראַטעווען די בעסטע חברים צווישן די פּעטראָגראַדער אַרבעטער פון אַ פולשטענדיקער אויסראָטונג.

דעם 16-טן בין איך אַרויסגעפאָרן קיין פּעטראָגראַד. אויפן צווייטן טאָג האָב איך באַקומען אַ בריוו פון לענינען: „דעם 17-טן אָקטאָבער 1919. חבר טראָצקי. נעכטן ביינאַכט האָט מען אייך אַרויסגעשיקט אונטערן שיפר... דעם באַשלוס פונם פּאַרטיידיקונגסראַט. ווי איר זעט, האָט מען אָנגענומען אייער פּלאַן. אָבער דער ריקצוג פון די פּעטערבורגער אַרבעטער קיין דרום איז, נאַטירלעך, נישט אָפּגעוואָרפן געוואָרן (מען זאָגט, אַז איר האָט אים אַנטוויקלט פאַר קראַסינען און ריקאָוון); רעדן וועגן דעם פאַר דער צייט וואָלט געהייסן אָפּציען די אויפמערקזאַמקייט פון קאַמף ביזן סוף. דער פּרוּוו אַרומצורינגלען און אָפּצושניידן פּעטראָגראַד, וועט, נאַטירלעך, אַרויסרופן די געהעריקע שנויים, וואָס איר וועט דאָרט דאַרפן דורכפירן גלייך אויפן אָרט... איך לייג דאָ צו דעם אויפרוף, וואָס דער פּאַרטיידיקונגסראַט האָט מיר איבערגעגעבן. איך האָב מיך געאיילט—איז ער שלעכט אַרויסגעקומען. שטעלט בעסער מיין אונטערשריפט אונטער אייערע. מיט גרוס. לענין".

דערדאָזיקער בריוו, שיינט מיר, באַווייזט גענוג קלאָר, ווי די שאַרפסטע עפּיזאָדישע חילוקי-דעות צווישן מיר און לענינען, וואָס זענען אומפאַרמיידלעך ביי אַן אַרבעט פון אַזאַ מאַסשטאַב, זענען אין דער פּראַקטיק בשלום אַדורכגעגאַנגען, נישט איבערלאָזנדיק קיין שום שפּור אויף אונזערע פּערזענלעכע באַציונגען און אויף דער געמיינזאַמער אַרבעט. מיר קומט איצט אויפן רעיון: ווען, אַ שטייגער, נישט לענין קעגן מיר, נאָר איך קעגן לענינען וואָלט געדאַרפט אין אָקטאָבער 1919 פאַרטיידיקן די אידעע אָפּצוגעבן פּעטראָגראַד, וואָלט שוין איצט זיכער עקזיסטירט אַ ברייטע ליטעראַטור אין אַלע שפּראַכן פון דער וועלט, כדי צו דעמאַסקירן דידאָזיקע געפערלעכע דערשיינונג פון „טראָצקיזם".

אין פאַרלויף פון יאָר 1918 האָט אונז די אַנטאַנט אויפגעצוואונגען דעם בירגערקריג, כלומרשט אין די אינטערעסן פון נצחון איבער ווילהעלמען. אָבער איצט איז שוין געווען דאָס יאָר 1919. דייטשלאַנד איז שוין לאַנג געווען צעקלאַפּט. די אַנטאַנט האָט אָבער נאָך אַלץ אויסגעגעבן הונדערטער מיליאָנען, כדי צו זייען אין לאַנד פון דער רעוואָלוציע טויט, הונגער און עפּידעמיעס. יודעניטש איז געווען איינער פון די פּענסיע-קאָנדאָטיערן ביי ענגלאַנד און פראַנקרייך. יודעניטשעס רוקן האָט געשטיצט עסטלאַנד, זיין לינקן פליגל

האָט געדעקט פינלאַנד. די אַנטאַנט האָט געפּאָדערט, אַז דידאָזיקע ביידע לענדער, וואָס זענען באַפרייט געוואָרן דורך דער רעוואָלוציע, זאָלן איר צוהעלפן צו דערשטיקן די רעוואָלוציע. אין העלסינגפאָרס, ווי אין רעוועל זענען געפירט געוואָרן אומענדלעכע אונטערהאַנדלונגען. די וואָגשאָלן האָבן זיך געוואַקלט אַהין און אַהער. מיט זאָרג האָבן מיר זיך צוגעקוקט צו דידאָזיקע צוויי קליינע מלוכות, וואָס האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט פיינטלעכע צוועגנגלעך אַרום קאָפּ פון פּעטראָגראַד.

דעם 1-שטן סעפּטעמבער האָב איך, אין דער פאָרם פון אַ וואָרנונג, געשריבן אין „פּראַוודאַ": צווישן די דיוויזיעס, וואָס מיר וואַרפן איצט אַריבער אויפן פּעטראָגראַדער פראָנט, וועט די באַשקירישע קאַוואַלעריע נישט פאַרנעמען דעם לעצטן אָרט. און אין פאַל פון אַן אַטענטאַט מצד דעם בירגערלעכן פינלאַנד אויף פּעטראָגראַד, וועלן די רויטע באַשקירן אַרויסטרעטן אין קאַמף אונטערן לאָזונג — אויף העלסינגפאָרס!

די באַשקירישע קאַוואַלעריע-דיוויזיע איז ערשט נישט לאַנג פאָרמירט געוואָרן. איך האָב לכתחילה געהאַט בדעה אַריבערצופירן זי אויף עטלעכע חדשים קיין פּעטראָגראַד, כדי צו געבן די סטעפּיונגען די מעגלעכקייט צו פאַרברענגען אַ געוויסע צייט אין אַ קולטורעלער שטאָטישער סביבה, זיך דערנענטערן צו די אַרבעטער, באַזוכן קלובן, מיטינגען און טעאַטערס. איצט איז צוגעקומען אַ נייער, דרינגענדיקער מאָטיוו: אָנצושרעקן די פינלענדישע בורזשואַזיע מיטן געשפּענסט פון אַ באַשקירן-אָנפאַל.

אונזערע וואָרנונגען האָבן אָבער געהאַט אַ קלענערע ווירקונג, ווי יודעניטשעס שנעלע דערפאָלגן. דעם 13-טן אָקטאָבער האָט ער גענומען לוגאַ, דעם 16-טן — קראַסנאָיע סיעלאָ און גאַטשינאַ, ווענדנדיק זיין קלאַפּ קעגן פּעטראָגראַד און דער אייזנבאַן-פאַרבינדונג פּעטראָגראַד-מאָסקווע. אויפן צענטן טאָג פון זיין אָנגריף איז שוין יודעניטש געווען אין צאַרסקאָיע (דיעטסקאָיע). זיינע קאַוואַלעריע-פּאַטרולן האָט מען געזען פונם גאָלדענעם קופּאָל פון דער איסאַאַק-קאַטעדראַלע. פאַרלויפנדיק די געשעענישן, האָט דער פינלענדישער ראַדיאָ-טעלעגראַף מיטגעטיילט וועגן דער דעראָבערונג פון פּעטראָגראַד דורך יודעניטשעס אָפּטיילונגען. די געזאַנדטע פון דער אַנטאַנט אין העלסינגפאָרס האָבן וועגן דעם אָפיציעל געמאָלדן זייערע רעגירונגען. איבער

באַנץ אייראָפּע, איבער דער גאַנצער וועלט האָט זיך פאַרשפּרייט די בשורה, אַז דאָס רויטע פּעטראָגראַד איז געפאַלן. די שוועדישע צייטונג האָט געשריבן וועגן דער „וועלט־וואָך פונם פּעטראָגראַדער פּיבער.” אַממייסטן אומרואיק זענען געווען די הערשנדיקע קרייזן פון פינלאַנד. שוין נישט בלויז די מיליטער־לייט, נאָר אויך די רעגירונג איז געווען פאַר אַן אינטערווענץ. קיינער האָט נישט געוואָלט אַרויסלאָזן דאָס רויב פון דער האַנט. די פינלענדישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט, פאַרשטייט זיך, צוגעזאָגט אָפּצוהיטן די „נייטראַליטעט”.

„די אינטערווענץ־פראַגע,—שרייבט איינער פון די ווייסע היסטאָריקער—איז שוין דעבאַטירט געוואָרן אויסשליסלעך פון פינאַנציעלן שטאַנדפּונקט.” עס האָט זיך בלויז געהאַנדלט וועגן דעם—צו פאָרמירן די גאַראַנטיע פון פופציק מיליאָן פראַנק: דאָס איז געווען דער בלוט־פּרייז פאַר פּעטראָגראַד אויף דער בערזע פון דער אַנטאַנטע.

אויך אַזוי ברענענדיק איז געשטאַנען די פראַגע וועגן עסטלאַנד. דעם 17־טן אָקטאָבער האָב איך געשריבן צו לענינען: „אויב מיר וועלן בלייבן ביי פּעטראָגראַד, אויף וואָס איך האָף שטאַרק, וועלן מיר האָבן די מעגלעכקייט יודעניטשן אינגאַנצן צו ליקווידירן, עס וועט נאָר זיין אַ געוויסע שוועריקייט ביי דער פראַגע וועגן יודעניטשעס אַזיל־רעכט אין עסטלאַנד. ס'איז נויטיק, אַז עסטלאַנד זאָל אָפּהיטן אירע גרענעצן קעגן יודעניטשעס אַריינדרינגען אַהין, אין קעגנפאַל מוזן מיר דערהאַלטן דאָס רעכט זיך אַריינצורייסן קיין עסטלאַנד, נאָכיאָגנדיק יודעניטשן”. דערדאָזיקער פאָרשלאָג איז אָנגענומען געוואָרן נאָכדעם, ווי אונזערע אַרמעען האָבן אָפּגעטריבן יודעניטשן. אָפּטרייבן יודעניטשן האָט זיך אָבער נישט מיט איינמאָל איינגעגעבן.

אין פּעטראָגראַד האָב איך געפונען אַ שרעקלעכע פאַרלאָרנקייט. אַלץ איז צעקראָכן געוואָרן. די אַרמעען האָבן זיך אוועקגעקוילערט אויף צוריק און זיך צעשאָטן אויף שטיקלעך. דער אָנפירנדיקער פּערסאָנאַל האָט געקוקט אויף די קאָמוניסטן, די קאָמוניסטן אויף זינאָוויעוון. דער צענטער פון פאַרלאָרנקייט איז געווען זינאָוויעוו. סווערדלאָוו האָט מיר געזאָגט: „זינאָוויעוו—דאָס איז פּאַניק.” און סווערדלאָוו האָט געקענט מענטשן. און באמת: אין אַ גוטער צייט, ווען „ס'איז נישטאָ פאַרוואָס מורא צו האָבן”, ווי לענין פלעגט זיך אויסדריקן, האָט זיך זינאָוויעוו זייער לייכט אויפגעהייבן אויפן

זיבעטן הימל. קוים איז אָבער די לאַגע געוואָרן שלעכט, האָט זיך זינאָוויעוו, ווי זיין טבע איז, אַוועקגעלייגט אויפן דיוואַן, נישט, חלילה, אין מעטאַפאָרישן, נאָר אין בוכשטעבלעכן זין פון וואָרט, און נעמען זיפצן. איך האָב מיך זייער אָפט געקאָנט איבערצייגן, נאָך פון 17-טן יאָר אָן, אַז קיין מיטלמעסיקע שטימונגען זענען ביי זינאָוויעוון נישטאָ: עגטוועדער דער זיבעטער הימל, אָדער דער דיוואַן. דאָסמאָל האָב איך אים געפונען אויפן דיוואַן. אַרום אים האָבן זיך נאָך אַפילו גע־פונען מוטיקע מענטשן, ווי לאַשעוויטש. אָבער אויך ביי זיי האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט די הענט. דאָס האָבן אַלע געשפּירט, און דאָס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אויף אַלץ. דורכן סמאָלנער טעלעפאָן האָב איך אינם מיליטער-גאַראַזש באַשטעלט אַן אויטאָ. דער אויטאָ איז געקומען נישט צו דער צייט. לויט דער שטימע פון פּאַרוואַלטער האָב איך פאַר־שטאַנען, אַז אויך די אונטערשטע שיכטן פון אַדמיניסטראַטיוון אַפּאַ־ראַט זענען פאַרכאַפּט געוואָרן פון אַפּאַטיע, יאוש און געפאַלנקייט. מען האָט געדאַרפט אָננעמען אויסערגעוויינלעכע מיטלען, ווייל דער שונא איז געשטאַנען הארט פאַרן טויער. ווי תּמיד אין אַזעלכע פאַלן האָב איך מיך געשטיצט אויף דער קאָמאַנדע פון מיין צוג. אויף די־דאָזיקע מענטשן האָט מען זיך געקאָנט פאַרלאָזן אין די שווערסטע אומשטענדן. זיי האָבן קאָנטראָלירט, אויסגעאיבט אַ דרוק, געשאַפן פאַרבינדונגען, פאַרטראַטן די-יעניקע, וואָס האָבן נישט געטויגט. פאַר־שטאָפּט די לעכער פון דעם אָפיציעלן אַפּאַראַט, וואָס האָט אינגאַנצן פאַרלאָרן זיין פּרצוף, האָב איך זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ צוויי, דריי שטאָק נידעריקער: צו די ראַיאָן-אָרגאַניזאַציעס פון דער פּאַרטיי, צו די וואַרשטאַטן, פאַבריקן, קאַזאַרמעס. ווייל מען האָט זיך געריכט, אַז די ווייסע וועלן באַלד איינגעמען די שטאָט, האָט קיינער נישט געהאַט דעם מוט זיך אַרויסצורוקן שטאַרק פאָרויס. קוים האָט מען אָבער אונטן דערשפּירט, אַז פּעטראָגראַד ווערט נישט אָפּגעגעבן, אַז אויב עס זאָל קומען דערצו, וועט ער זיך פאַרטיידיקן אויף די אינ־ווייניקסטע גאַסן און ליידיקע פּלעצער, האָט זיך די שטימונג תּיכף געענדערט. די דרייסטע און אָפּפערווילּיקע האָבן אויפגעהייבן די קעפּ. אָפּטיילונגען פון מאַנסלייט און פרויען מיט סאַפּיאָרן-אינסטרו־מענטן אין די הענט האָבן פאַרלאָזן די פאַבריקן און וואַרשטאַטן. שלעכט האָבן דעמאָלט אויסגעזען די פּעטראָגראַדער אַרבעטער: די פּנימער גרוי ווי די ערד פון נישט דערעסן, אין אָפּגעטראָגענע

אָרומגעפֿליקטע מלבושים, מיט לעכֿערדיקע שיך אויף די פֿיס, טייל־מאָל נישט פֿון איין פּאָר. „מיר וועלן נישט אָפּגעבן פּעטראָגראַד, חברים?" „מיר וועלן נישט אָפּגעבן!" מיט אַ באַזונדערער ליידנשאַפֿט האָבן געברענט די אויגן פֿון די פֿרויען. מאַמעס, ווייבער, טעכֿטער האָבן זיך נישט געוואָלט אָפּרייסן פֿון די אומפֿריינטלעכֿע, אָבער אָנגעוואַרעמטע נעסטן. — „מיר וועלן נישט אָפּגעבן!" האָבן געענטפֿערט הויכֿקלינגענדיקע פֿרויען־שטימען, און די הענט האָבן געהאַלטן פֿעסט די לאָפּאַטעס, פּונקט ווי ביקסן. נישט ווייניק פֿרויען האָבן געקאָנט אומגיין מיט אַן אמתער ביקס, אָדער שטיין ווי געהעריק ביי אַ קוילנוואַרפֿער. די גאַנצע שטאָט איז איינגעטיילט געוואָרן אין ראַיאָנען אונטער דער ליי־טונג פֿון די אַרבעטער־שטאַבן. די וויכטיקסטע פּונקטן האָט מען אַרומגערינגלט מיט שטעכֿעדיקן דראָט. מען האָט באַשטימט אַ ריי פּאָזיציעס פֿאַר דער אַרטילעריע מיט פֿאָרויס אָנגעמערקטע שיספּונקטן. אויף די פּלעצער און אויף די וויכֿטיקסטע קרייצגאַסן זענען אויסגעשטעלט געוואָרן ביז זעכֿציק האַרמאַטן אונטער דעקונג. עס זענען באַפֿעסטיקט געוואָרן די קאַנאַלן, סקווערן, ווענט, פּאַרקאַנעס און הייזער. אויף די פֿאָרשטעט און לענגאויס דער נעוואַ זענען אויסגעגראָבן געוואָרן אָקאָפּעס. דער גאַנצער דרום־טייל פֿון שטאָט האָט זיך פֿאַרוואַנדלט אין אַ פֿעסטונג. אויף פֿיל גאַסן און פּלעצער זענען אויפֿגעשטעלט געוואָרן באַריקאַדן. פֿון די אַרבעטער־קוואַרטאַלן האָט זיך אַריינגעריסן אַ נייער גייסט אין די קאַזאַרמעס, אין די הינטער־פֿראָנטן, אין דער אַרמעע אין פֿעלד.

יודעניטש האָט זיך שוין געפֿונען אויף אַ שטח פֿון 10—15 וויאָרסט פֿאַר פּעטראָגראַד. דאָס זענען געווען דיזעלבע פֿולקאָווער הויכֿקייטן, וואוהין איך בין אַרויסגעפֿאָרן מיט צוויי יאָר צוריק, בעת די נצחונדיקע פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע האָט פֿאַרטיידיקט איר לעבן אין קאַמף קעגן קערענסקיס און קראַסנאָווס אָפּטיילונגען. דער גורל פֿון פּעטראָגראַד איז איצט ווידער געהאָנגען אויף אַ האָר. מען האָט געמוזט איינברעכֿן די אינערציע פֿון ריקצוג תּיכּף און פֿאַר יעדן פּרייז.

דעם 18־טן אָקטאָבער האָב איך באַפֿוילן: „נישט פֿאַרעפֿנטלעכֿן קיין שום פֿאַלשע ידיעות וועגן פֿאַרביטערטע קאַמפֿן פֿון דאָרט, וואו עס איז נאָר געווען אַ פֿאַרביטערטע פּאַניק. פֿאַר פֿאַלשע ידיעות באַשטראָפֿן פּונקט ווי פֿאַר פֿאַרראַט. אין אַ מלחמה קענען פֿאָרקומען

פעלערן, אָבער נישט קיין שקר, גענאַרעריי און זעלבסטגענאַרעריי". ווי תמיד אין שווערע מאָמענטן, האָב איך געהאַלטן פאַר נויטיק, קודם-כל אויפצודעקן פאַר דער אַרמעע און פאַרן לאַנד דעם גרויזאַמען אמת. איך האָב איבערגעגעבן דער עפנטלעכקייט וועגן דעם אומזיניקן ריקצוג, וואָס איז פאָרגעקומען דעמזעלבן טאָג. „אַ ראָטע פון אַ שיסער-פולק האָט זיך אָנגעהייבן צעפּלען צוליב אַ פיינטלעכער אָפּטיילונג, וואָס איז אַרויסגעטרעטן קעגן איר פליגל. דער קאָמאַנדיר פון פולק האָט באַפוילן אָפּצוטרעטן. לויפנדיק, איז דער פולק אָפּגעטרעטן אויף גאַנצע אַכט, צען וויאָרסט ביז אַלעקסאַנדראָוועקע. אַז מען האָט אויסגעפאָרשט דעם ענין, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ביים פליגל האָט זיך גאָר אַרויסגערוקט אונזער אייגענע אָפּטיילונג... דער אַוועקלויפנדיקער פולק איז אין פלוג גאָרנישט געווען אַזאַ שלעכטער. ווי באַלד מען האָט אים צוריקגעגעבן זיין צוטרוי צו זיך, האָט ער זיך תיכּף אומגעקערט צוריק, און אַמאָל מיט גיכע טריט, אַמאָל לויפנדיק, נישט געקוקט אויפן קאַלטן וועטער, אינגאַנצן באַדעקט מיט שווייס, האָט ער דורכגעמאַכט 8 וויאָרסט אַ שעה, און ביי קליינע פאַרלוסטן אָפּגעשלאָגן דעם נישט צאָלרייכן קעגנער און פאַרנומען זיינע פריערדיקע פּאָזיציעס.

אין דעמדאָזיקן קליינעם עפּיזאָד איז מיר 'צום ערשטן און איינציקן מאָל פאַר דער גאַנצער צייט פון קריג אויסגעקומען צו שפּילן די ראָל פון אַ פולק-קאָמאַנדיר. ווען די אָפּטרעטנדיקע קאָמפּס-רייען האָבן זיך אָנגערוקט האַרט אויפן דיוויזיע-שטאַב אין אַלעקסאַנדראָווקע, בין איך אַרויף אויפן ערשטן בעסטן פערד און אויסגעדרייט די קאָמפּס-רייען אויף צוריק. צוערשט איז אַפילו אַנטשטאַנען אַ צעמישעניש, נישט אַלע האָבן פאַרשטאַנען וועגן וואָס עס האַנדלט זיך, אַנדערע האָבן ווייטער אָפּגעטרעטן. אָבער, זיצנדיק אויפן פערד, האָב איך זיי איינציקווייז אומגעקערט צוריק. ערשט איצט האָב איך באַמערקט, אַז האַרט הינטער מיר לויפט מיין אָרדאָנאַנץ קאָזלאָוו, אַ פויער פון הינטער מאָסקווע און אַ געוועזענער זעלנער. ער איז געווען פשוט פאַרשיכּורט. מיט אַ רעוואָלווער אין דער האַנט האָט ער זיך געטראָגן לענגאויס די קאַמפּס-רייען, כּסדר איבערגעחזרט מיינע אויפמונטערונגס-ווערטער און געשריגן מיט אַלע כּוחות: „שרעקט זיך נישט, חברה, דער חבר טראָצקי פירט אייך..." איצט איז דער אָנגריף בעגאַנגען מיט דעמזעלבן טעמפּאָ, ווי פריער דער ריקצוג. קיין

איינציקער רויטאַרמעער איז נישט אָפּגעשטאַנען. אויף אַ שטח פון צוויי וויאָרסט האָט זיך אָנגעהייבן דאָס זיסינקע און עקלהאַפטע פייפן פון די קוילן. עס זענען געפאַלן די ערשטע פאַרוואונדעטע. דער פּולק־קאָמאַנדיר איז שוין געווען גאָר אַן אַנדערער. ער האָט זיך באַוויזן אויף די סאַמע געפערלעכע פראָנט־אָפּשניטן, און ווען דער פּולק האָט צוריק פאַרנומען זיינע פאַרלאָזענע פּאָזיציעס, איז דער קאָמאַנדיר פאַרוואונדעט געוואָרן אין ביידע פיס. איך האָב מיך אומגעקערט אין שטאַב אויף אַ משא־אויטאָ. אונטערוועגס האָבן מיר צונויפגעקליבן די פאַרוואונדעטע. דער נויטיקער שטויס איז געגעבן געוואָרן. מיט מיין גאַנצן מהות האָב איך געשפּירט, אַז פּעטראָגראַד וועלן מיר איינהאַלטן.

דאָ וואָלט מען זיך אייגנטלעך געדאַרפט אָפּשטעלן אויף אַ פראַגע, וואָס איז אפשר אַ פּאָר מאָל געקומען דעם לעזער אויפן רעיון: צי האָט אַ מענטש, וואָס פירט אָן מיט דער אַרמעע אין איר גאַנצן מאַסשטאַב, דאָס רעכט זיך אונטערצוואַרפן אַ פערזענלעכער סכנה אין באַזונדערע קאַמפן? אויף דעם וועל איך ענטפערן: קיין אַבסאָלוטע כללים, ווי זיך צו פירן, עקזיסטירן נישט—נישט אין דער פרידנסצייט, נישט אין דער קריגסצייט. אַלץ איז אָפּהענגיק פון די אומ־שטענדן. די אָפיצירן, וואָס האָבן מיך באַגלייט אויף מיינע נסיעות איבערן פראָנט, האָבן מיר נישט איינמאָל געזאָגט: „אין אַזעלכע ערטער האָבן די דיוויזיע־קאָמאַנדירן פון דער אַלטער צייט אפילו נישט אַריינגעשמעקט." די בירגערלעכע זשורנאַליסטן האָבן געשריבן, אַז דאָס איז פון מיין זייט אַ „יאַגד נאָך רעקלאַמע". דערמיט האָבן זיי איבערגעזעצט אויף זייער קרוביען לשון דאָס, וואָס עס האָט זיך אויפגעהייבן איבער זייער האָריזאָנט.

פאַקטיש האָבן אָבער די אומשטענדן ביי דער אַנטוויקלונג פון דער רויטער אַרמעע, דער אויסוואַל פון איר פערזענלעכן פּערסאָנאַל און דער כאַראַקטער פון בירגערקריג געפאָדערט דווקא אַזאַ און נישט קיין אַנדער האַלטונג. אַלץ איז דאָך געשאַפן געוואָרן פון־דאָסניי: די דיסציפּלין, די קאָמפּעטענטקייט און דער מיליטערישער אויטאָריטעט. אַזוי ווי מיר זענען נישט געווען בכוח, באַזונדערס אין דעם ערשטן פּעריאָד, צו פאַרזאָרגן די אַרמעע פּלאַנמעסיק, פון איין צענטער, מיט אַלעם, וואָס זי האָט געדאַרפט, פונקט אַזוי האָבן מיר אויך נישט געקאָנט אָנשטעקן מיט רעוואָלוציאָנערער באַגייסטערונג

רידאָזיקע, אונטערן פייער צונויפגעקלאַפּטע אַרמעע, מיט דער הילף פון צירקוליאַרן און האַלב־אַנאָנימע אויפרופן. אויף די אויגן פון די זעלנער האָט מען קודם־כל געדאַרפט הייבט דעראָבערן יענעם אויטאָ־ריטעט, וואָס זאָל טאַקע מאָרגן קאָנען באַרעכטיקן אין זייערע אויגן די שטרענגע פאָדערונגען מצד דער העכסטער אַרמעע־לייטונג. דאָרט, וואו עס זענען נישט געווען קיין טראַדיציעס, האָט מען געדאַרפט ווייזן אַ קלאָרן ביישפּיל. די פּערזענלעכע ריזיקע איז געווען די נויטווענדיקע איינגעלייגטע הוצאה אויפן וועג צום נצחון...

דעם אָנפירונגס־פּערסאָנאַל, וואָס האָט געליטן מפּלות, האָט מען געמוזט אויפטרייסלען, אָפּפרישן, באַנייען. נאָך גרעסערע ענדערונגען זענען דורכגעפירט געוואָרן אינם קאָמיסאַרן־פּערסאָנאַל. אַלע אָפּטיי־לונגען זענען אינערלעך פאַרשטאַרקט געוואָרן דורך קאָמוניסטן. עס זענען אויך צוגעקומען איינצלנע פרישע אָפּטיילונגען. אויף די פאָ־דערשטע פּאָזיציעס האָט מען אַ וואָרף געטאָן די מיליטערישע שולן. אין צוויי, דריי טעג איז געלונגען אונטערצוהייבן דעם פאַרזאָרגונגס־אַפּאַראַט, וואָס האָט זיך שוין גאָר אַראָפּגעלאָזט. דער רויטאַרמעער האָט זאַטער אָפּגעגעסן, איבערגעביטן די וועש, אָנגעטאָן גאַנצע שיך, געהערט אַ רעדע, זיך אויפגעמונטערט, זיך אויסגעגלייכט און—גע־וואָרן גאָר אַן אַנדערער מענטש.

דער 21־סטער אָקטאָבער איז געווען דער דעציִדירנדיקער טאָג. אונזערע אַרמעען האָבן זיך צוריקגעצויגן אויף די פּולקאָווער הויכ־קייטן. דער ריקצוג פונדאַנען וואָלט באַטייט, אַז דער קאַמף וועט זיך שוין איצט פירן אין די אַרומיקע ראַיאָנען פון שטאָט. ביז דעם טאָג האָבן די ווייסע אָנגעגריפן, נישט אָנשטויסנדיק זיך אויף קיין ערנסטן ווידערשטאַנד. דעם 21־סטן האָט זיך אונזער אַרמעע פאַרפעסטיקט אויף דער ליניע פון פּולקאָוואָ און געשטעלט אַ ווידערשטאַנד. דער אָנגריף פון שונא האָט זיך אָפּגעשטעלט. דעם 22־סטן איז די רויטע אַרמעע אַליין איבערגעגאַנגען צום אָנגריף. יודעניטש האָט באַוויזן אַריינצוציען פרישע רעזערוון און געדיכטער מאַכן זיינע רייען. די קאַמפן האָבן אָנגענומען אַ פאַרביסענעם כאַראַקטער. דעם 23־סטן אין אָוונט האָבן מיר גענומען דעטסקאָיע סעלאָ און פּאַוולאָווסק. אין דערזעלבער צייט האָט די שׂכנישע 15־טע אַרמעע זיך אָנגעהייבן צו רוקן פון דרום, באַדראָענדיק כסדר דעם רוקן און רעכטן פליגל פון די ווייסע. עס איז געקומען דער איבערברוך. די אָפּטיילונגען, וואָס

דער אָנגריף האָט זיי פּאַרכאַפּט אומגעריכט און וואָס זענען נאָך דערצו געווען פּאַרביטערט צוליב די מפּלות, האָבן אָנגעהייבן קאָנקורירן צווישן איינאַנדער אין מסירות־נפש און העראָיזם. עס זענען געווען אַ סך קרבנות. די ווייסע אָנפירונג האָט פּאַרזיכערט, אַז אויף אונזער זייט זענען די פּאַרלוסטן געווען גרעסער. דאָס איז מעגלעך: זיי האָבן געהאַט מער דערפאַרונג און מער געווער. אויף אונזער זייט איז געווען אַן איבערגעוויכט פון מסירות־נפש. די יונגע אַרבעטער און פּויערים, די מאָסקווער און פּעטראָגראַדער קורסאַנטן האָבן זיך נישט געשאַנעוועט. זיי האָבן אָנגעגריפן אונטערן פייער פון די קוילנוואַרפער און מיט רעוואָלווערן אין די הענט זיך געוואָרפן אויף די טאַנקס. דער שטאַב פון די ווייסע האָט געשריבן וועגן דעם „העלדישן שגעון" פון די רויטע.

אין די פריערדיקע טעג זענען כמעט נישט געווען קיין געפאַנגענע; ווייסע איבערלויפער זענען געווען איינצלנע. איצט איז די צאָל איבערלויפער און געפאַנגענע פּלוצלונג אויסגעוואַקסן. נעמענדיק אין באַטראַכט די פּאַרביטערונג פון די קאַמפן, האָב איך דעם 24־סטן אַרויסגעגעבן אַ באַפעל: „ווי וועט זיין צו יענעם אומווירדיקן זעלנער, וואָס וועט אויפהייבן דאָס געווער קעגן דעם אומבאַוואָפנטן געפאַנגענעם אָדער דעם איבערלויפער!"

מיר האָבן אָנגעגריפן. נישט די עסטן, נישט די פינלענדער האָבן שוין מער נישט געטראַכט פון אַן אינטערווענץ. די צעקלאַפּטע ווייסע חיילות האָבן זיך אין משך פון צוויי וואָכן דערקייקלט צו דער גרענעץ פון עסטלאַנד אין אַ צושטאַנד פון פולשטענדיקער צעפאַלונג. די עסטלאַנדישע רעגירונג האָט זיי אַנטוואָפנט. נישט אין לאָנדאָן און נישט אין פּאַריז האָט שוין קיינער מער נישט געטראַכט פון זיי. פון הונגער און קעלט איז אומגעקומען דאָס, וואָס איז נאָך ערשט נעכטן געווען די „צפון-מערב־אַרמעע" פון דער אַנטאַנט. אין די לאַזאַרעט־באַראַקן זענען אויפגענומען געוואָרן 14,000 טיפוס־קראַנקע. אַזוי האָט זיך פּאַרענדיקט „די וועלט-וואָך פונם פּעטראָגראַדער פיבער."

די ווייסע פירער האָבן זיך שפּעטער ביטער באַקלאָגט אויפן ענגלישן אַדמיראַל קאָוען, וואָס האָט זיי כלומרשט, קעגן זיין הבטחה, נישט גענוג אונטערגעשטיצט אין דער ריכטונג פונם פינישן ים־בוזעם. דידאָזיקע אָנקלאַגעס זענען צום קנאַפּסטן אַ גוזמא. דריי־

אונזערע טאָרפּעדאָשיפן זענען בעת אַ נאַכט־מאַרש אומגעקומען פון מינעס, אוועקשלעפנדיק מיט זיך אין די טיפענישן 550 יונגע קעמ־פער. דאָס דאַרף, לכּל־הדעות, פאַרשריבן ווערן אויף דער קאָנטאָ פון בריטישן אַדמיראַל. דער טרויער־באַפעל צו דער אַרמעע און צום פלאָט האָט אין דעמדאָזיקן טאָג געזאָגט:

„רויטע קעמפער! אויף אַלע פראָנטן באַגעגנט איר זיך מיט די פיינטלעכע אינטריגעס פון ענגלאַנד. די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע אַרמעען שיסן אויף אייך פון ענגלישע האַרמאַטן. אין די לאַגערן פון שענקורסק, אָניעגאַ, אין די לאַגערן פון דרום־ און מערב־פראָנט געפינט איר אַמוניציע פון דער ענגלישער פאַבריקאַציע. די זעלנער, וואָס איר נעמט געפאַנגען, טראָגן ענגלישע מונדירן. די פרויען און קינדער פון אַרכאַנגעלסק און אַסטראַכאַן ווערן דערהרגעט און צע־קאַליעטשעט דורך ענגלישע פליער, מיט דער הילף פון ענגלישן די־נאַמיט. ענגלישע שיפן באַשיסן אונזערע ברעגעס... אָבער אויך איצט, אין דעם מאָמענט פון אונזערע פאַרביטערטע קאַמפן קעגן יודעניטשן, דעם אַנגעדונגענעם פון ענגלאַנד, פאָדער איך פון אייך: פאַרגעסט נישט קיינמאָל, אַז עס עקזיסטירן צוויי ענגלאַנדס: לעבן דעם ענג־לאַנד פון גיריקע רווחים, פון געוואַלט, פון שחד, פון בלוטדורשט, עקזיסטירט אַן ענגלאַנד פון אַרבעט, פון גייסטיקער מאַכט, פון גרויסע אידעאַלן פון אינטערנאַציאָנאַלער סאָלידאַרקייט. קעגן אונז קעמפט דאָס ענגלאַנד פון דער בערזע, דאָס געמיינע און אומערלעכע ענגלאַנד. אָבער דאָס אַרבעטנדיקע פאָלקישע ענגלאַנד איז מיט אונז.“ (אַ באַפעל צו דער אַרמעע און צום פלאָט דעם 24־סטן אָקטאָבער 1919, נומר 159.)

די אויפגאַבן פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער דערציִונג זענען ביי אונז געווען ענג פאַרבונדן מיט די קריגס־אויפגאַבן. יענע אידעען, וואָס דרינגען אַריין אין באַוואוסטזיין אונטערן פייער, פאַר־בלייבן שוין דאָרט פעסט און אויף אייביק.

דאָס טראַגישע און דאָס קאָמישע אין שעקספּירס דראַמען טוישן זיך איינס נאָכן אַנדערן צוליב דערזעלבער סיבה, וואָס דאָס גרויסע מיט דעם קליינעם און באַנאַלן באַרירן זיך עפּטער אין מענטשלעכן לעבן.

זינאָוויעוו, וואָס האָט שוין צו דער צייט באַוויזן זיך אויפצו־הייבן פון דיוואַן און אַרויפצוקלעטערן אויפן צווייטן אָדער דריטן

הימל, האָט מיר אין נאָמען פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל אונ־טערגעטראָגן דעמדאָזיקן אָפיציעלן בריוו: „דערהאַלטן דאָס רויטע פּעטראָגראַד הייסט אַרויסווייזן אַן אומשאַצבאַרע דינסטלייסטונג פאַרן וועלט־פּראָלעטאַריאַט און אַזוי־אַרום אויך פאַרן קאָמוניסטישן אינטער־נאַציאָנאַל. דער ערשטער אָרט אין קאַמף פאַר פּעטראָגראַד געהערט, נאַטירלעך, אייך, טייערער חבר טראָצקי; אין נאָמען פון עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון קאָמאינטערן ענטפער איך אייך איבער די פענער, וועלכע איך בעט אייך איבערצוגעבן די מער פאַרדינסטפולע אָפטיי־לונגען פון דער דורך אייך אָנגעפירטער רומפולער רויטער אַרמעע. פּאָרזיצער פון עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון קאָמאינטערן ג. זינאָוויעוו."

ענלעכע אָפיציעלע בריוו האָב איך אויך באַקומען פון פּעטראָ־גראַדער סאָוויעט, פון פּראָפעסיאָנעלע און אַנדערע אָרגאַניזאַציעס. די פענער האָב איך איבערגעגעבן די פּולקן, און די אָפיציעלע בריוו האָבן די סעקרעטאַרן באַהאַלטן אין אַרכיוו. מען האָט זיי אַרויסגע־נומען פון דאָרט אַ סך שפּעטער, ווען זינאָוויעוו האָט אָנגעהייבן זינ־גען מיט אַ גאַנץ אַנדערער שטימע און גאַנץ אַנדערע לידער.

איצט איז שווער צו ברענגען די פּרטים, און אַפילו צו דער־מאָנען אין יענעם אויסברוך פון עקסטאַז, וואָס איז אַרויסגערופן גע־וואָרן דורך דעם נצחון ביי פּעטראָגראַד. דעראָזיקער נצחון איז, חוצדעם, צוזאַמענגעפאַלן מיט דער התחלה פון די דעצידירנדיקע דערפאָלגן אויפן דרום־פראָנט. די רעוואָלוציע האָט ווידער אויפגעהייבן הויך דעם קאָפּ. אין לענינס אויגן האָט דער נצחון איבער יודעניטשן געהאַט גאָר אַ באַזונדערע באַדייטונג שוין צוליב דעם אַליין, ווייל אינמיטן אָקטאָבער האָט ער עס געהאַלטן פאַר אַן אוממעגלעכע זאַך. אין פּאָליטביוראָ האָט מען באַשלאָסן, צו באַלוינען מיך מיט דעם אָרדען פון דער רויטער פאָן פאַר דער פאַרטיידיקונג פון פּעטראָ־גראַד. דעראָזיקער באַשלוס האָט מיך אַוועקגעשטעלט אין זייער אַ שווערער לאַגע. דערויף, אַז עס זאָל איינגעפירט ווערן אַ רעוואָלוציאָ־נערער אָרדען, האָב איך מיך באַשלאָסן נישט אָן וואַקלעניש: ערשט גאָרנישט לאַנג האָבן מיר קוים באַוויזן אָפּצושאַפן די אָרדענס פון צאַלטן רעזשים. איינפירנדיק דעם אָרדען, האָב איך אים באַטראַכט, ווי אַ דערגאַנצנדיקן סטימול פאַר די־יעניקע, וואָס פאַר זיי איז נאָך געווען ווייניק דאָס אינערלעכע רעוואָלוציאָנערע פליכט־באַוואוסטזיין. לענין איז געווען איינשטימיק מיט מיר. דער אָרדען איז איינגעפירט גע־

וואָרן. אין יענע יאָרן האָט מען אים, לפּחות, געגעבן פּאַר אומ־מיטלבאַרע קריגס־פּאַרדינסטן אין פייער. איצט האָט מען דעם אָרדען אויך מיר באַשטימט. איך האָב זיך נישט געקאָנט אָפּזאָגן, ווייל איך האָב נישט געוואָלט דיסקוואַליפיצירן דידאָזיקע אויסצייכענונג, וואָס איך האָב אַליין אַזויפיל מאָל צעטיילט. איך האָב נישט געהאַט קיין אַנדער ברירה, ווי זיך אונטערצוואַרפן דער קאָנווענציע.

דערמיט איז פאַרבונדן אַן עפּיזאָד, וועלכן איך האָב ערשט שפּעטער דערזען אין זיין אמתן ליכט. צום סוף פון דער זיצונג אינם פּאָליטביוראָ האָט קאַמעניעוו מיט אַ געוויסער פאַרלעגנהייט אַריינגע־טראָגן אַ פאָרשלאַג, מען זאָל אויך סטאַלינען אויסצייכענען מיט אַן אָרדען. „פאַרוואָס?" האָט קאַלינין אַ פרעג געטאָן מיט אַ טאָן פון אמתער איבערראַשונג. „פאַרוואָס עפּעס סטאַלינען? איך קאָן עס נישט פאַרשטיין!" מען האָט אים באַרואיקט מיט אַ וויצל און באַשלאָסן די פראַגע אין פּאָזיטיוון זין. בעת דער הפסקה איז בוכאַרין אָנגעפאַלן אויף קאַלינינען: „ווי אַזוי פאַרשטייסטו דאָס נישט? דאָס האָט איליאיטש צוגעטראַכט: סטאַלין קאָן נישט לעבן, ווען אַן אַנדערער האָט עפּעס און ער — נישט. ער וועט עס נישט מוחל זיין". איך האָב לענינען אויסגעצייכנט פאַרשטאַנען און אין רעיון מיט אים מסכים געווען.

די אויסצייכענונג איז פאָרגעקומען אויף אַ העכסט פייערלעכן אופן, אין גרויסן טעאַטער, וואו איך האָב, אויף דער פאַרייניקטער זיצונג פון די פירנדיקע סאָוועט־אינסטיטוציעס, אָפּגעגעבן אַ באַריכט וועגן דער קריגס־לאַגע. אַז דער פאָרזיצער האָט צום סוף אָנגערופן סטאַלינס נאָמען, האָב איך אַפילו געפרואווט אַפּלאָדירן. מיר האָבן אונטערגעהאַלטן אַ צוויי, דריי אומזיכערע הענט. איבערן זאַל האָט אַ בלאָז געטאָן אַ קאַלט ווינטל פון פאַרוואונדערונג, וואָס האָט זיך באַ־זונדערס שטאַרק געשפּירט נאָך די פריערדיקע אָוואַציעס. סטאַלין אַליין האָט געהאַט שכל נישט צו קומען צו דערדאָזיקער זיצונג.

אַ סך אַ גרעסערע באַפרידיקונג האָט מיר פאַרשאַפט דער פאַקט, וואָס מיין צוג, אַלס אַזעלכער, איז קאָלעקטיוו באַערט געוואָרן מיטן אָרדען פון דער רויטער פאָן. „אין העלדישן קאַמף פון דער 7־טער אַרמעע — ווערט געזאָגט אין באַפעל פון 4־טן נאָוועמבער — האָבן די מיטאַרבעטער פון אונזער צוג גענומען אַ ווירדיקן אַנטייל פון דעם 17־טן אָקטאָבער ביז דעם 3־טן נאָוועמבער. די חברים קליגער, אי־וואַנאָוו און זאַסטאַר זענען געפאַלן אין קאַמף. די חברים פרעדע,

דראָדין, פורין, טשערניאַוועצוו, קופּריעוויטש, טעסנעק זענען פֿאַר־וואונדעט געוואָרן. די חברים אַדאַמסאָן, פּורין, קיסעליס זענען קאָנ־טוזירט געוואָרן... איך רוף נישט אָן די נעמען פֿון די אַנדערע, ווייל איך וואָלט דאַרפֿן אַלעמען אויסרעכענען. אין יענעם איבער־ברוך, וואָס עס איז פֿאָרגעקומען אויפֿן פראָנט, האָבן די אַרבעטער פֿון אונזער צוג פֿאַרנומען נישט דעם לעצטן אָרט."

אין עטלעכע חדשים אַרום האָט מיך לענין איינמאָל אַרויסגע־רופֿן צום טעלעפֿאָן: „האָט איר געלייענט קירדעצאָווס בוך?" דער־דאָזיקער נאָמען האָט מיר גאָרנישט געזאָגט. „דאָס איז אַ ווייסער שונא, וואָס שרייבט וועגן יודעניטשעס אָנגריף אויף פּעטראָגראַד." מען מוז זאָגן, אַז לענין האָט בכלל אַ סך אויפֿמערקזאַמער, ווי איך, פֿאַרפֿאָלגט די פּרעסע פֿון די ווייסע. אין אַ טאָג אַרום האָט ער מיך ווידער געפֿרעגט: „איר האָט געלייענט?" „ניין, נישט געלייענט." „איר ווילט, וועל איך עס אייך צושיקן?" אָבער דאָס בוך האָב איך שוין אויך געהאַט: מיר פֿלעגן ביידע, לענין און איך, באַקומען אַלע נייע ביכער דורך בערלין. „לייענט אומבאַדינגט איבער דעם לעצטן קאַפּיטל: עס איז אַן אָפּשאַצונג פֿון שונא, דאָרט רעדט זיך אויך וועגן אייך..." אָבער איך האָב פּשוט קיין צייט נישט געהאַט איבערצולייענען. אויף אַ מערקווירדיקן אופֿן איז מיר דאָס בוך לעצטנס אין קאָנסטאַנטינאָ־פּאָל אונטערגעקומען אונטער דער האַנט. איך האָב מיך דערמאָנט, ווי לענין האָט מיר דרינגלעך פֿאָרגעלייגט איבערצולייענען דעם לעצטן קאַפּיטל. אָט איז די אָפּשאַצונג פֿון שונא, וואָס האָט לענינען אַזוי שטאַרק פֿאַראינטערעסירט, געשריבן דורך איינעם פֿון יודעניטשעס מיניסטאָרן: „שוין דעם 16-טן אָקטאָבער איז טראָצקי אין גרויס איי־לעניש אָנגעקומען אויפֿן פּעטראָגראַדער פראָנט און די פֿאַרלאָרנקייט פֿון רויטן שטאַב האָט אָפּגעטרעטן דעם אָרט פֿאַר זיין קאָליקער ענערגיע. עטלעכע שעה פֿאַרן פֿאַלן פֿון גאַטשינאַ פּרוווט ער זיך נאָך אָפּצושלאָגן דעם אָנגריף פֿון די ווייסע; זעענדיק אָבער, אַז דאָס איז אוממעגלעך, פֿאַרלאָזט ער געשווינט די שטאָט, כּדי צו אָרגאַני־זירן די פֿאַרטיידיקונג פֿון צאַרסקאָיע. די גרויסע רעזערוון זענען נאָך נישט אָנגעקומען, אָבער ער קאָנצענטרירט שנעל אַלע פּעטראָגראַדער קורסאַנטן, מאָביליזירט די גאַנצע מענלעכע באַפֿעלקערונג פֿון פּעטראָ־גראַד, טרייבט מיט קוילנוואַרפֿער (?!) צוריק אויף די פּאָזיציעס אַלע רויטאַרמעישע אָפּטיילונגען און מיט זיינע ענערגישע מיטלען ברענגט

ער אין אַ פּאַרטיידיקונגס־צושטאַנד אַלע צוגאַנגען צו פּעטראָגראַד...
טראָצקין איז געלונגען צו אָרגאַניזירן אין פּעטראָגראַד גופא גײַסטיק־שטאַרקע קאָמוניסטישע אָפּטײלונגען און זיי צעוואָרפן אין רעכטן מיטלפּונקט פון קאַמף. לויטן עדות זאָגן פון יודעניטשעס שטאַב האָבן טאַקע זיי, און נישט (?) די רויטאַרמעישע אָפּטײלונגען, האָט בײַ האַנט מיט די מאַטראָסן־באַטאַליאָנען און קורסאַנטן, זיך געשלאָגן ווי די לייבן. זיי האָבן אַטאַקירט די טאַנקס מיט אויסגעשטרעקטע באַ־יאָנעטן און, פאַלנדיק רייענווייז אונטערן מערדערישן פייער פון די שטאַלענע מחבלים, האָבן זיי מוטיק־פעסט פאַרטיידיקט זייערע פּאָזיציעס".

מיט קיין קוילנוואַרפער האָט קיינער קיין רויטאַרמעער נישט געטריבן. פּעטראָגראַד אָבער האָבן מיר נישט אָפּגעגעבן.

זעקס און דרייסיקסטער קאַפּיטל

די מיליטערישע אָפּאָזיצע

די גרונט-פראַגע וועגן דעם דערפאָלגרייכן אויפבוי פון דער רויטער אַרמעע איז געווען די פראַגע וועגן די קעגנזייטיקע באַציונגען צווישן דעם פּראָלעטאַריאַט און דער פויערשאַפט אין לאַנד. שפּעטער, אין יאָר 1923, איז אויסגעטראַכט געוואָרן די זייער נאַרישע לעגענדע וועגן מיין „אונטערשאַצן“ די פויערשאַפט. אין דער ווירקלעכקייט אָבער בין איך אין די יאָרן 1918—1921, ענגער און אומיטלבאַרער ווי ווער איז פון אונז, געקומען פּראַקטיש אין באַרירונג מיטן סאָוויעטישן דאָרף: די הויפּט-מאַסע פון דער אַרמעע האָט זיך דער עיקר געשאַפן פון פויערים און האָט אָפּערירט אין אַ פויערשער סביבה. איך קאָן מיך דאָ נישט אָפּשטעלן באריכות אויף דער דאָזיקער גרויסער פראַגע. איך וועל מיך באַגרענעצן בלויז מיט אַ צוויי, דריי אילוסטראַציעס, וואָס זענען אָבער גענוג בולט. דעם 22-סטן מערץ 1919 האָב איך דורך דער דירעקטער טעלעפאָן-לייטונג געפאָדערט פון צ. ק. צו באַשליסן די פראַגע וועגן אַ רעוויזיע פון צ י ק אין דער „פּאָוואָלזשיע“*) און באַשטימען אַן אויטאָריטעטע קאָמיסיע פון צ י ק און צ. ק, די אויפגאַבע פון דער קאָמיסיע דאַרף זיין—אויפצוהייבן דעם גלויבן ביי דער פויערשאַפט אויפן וואָלגער געביט אין דער צענטראַלער סאָוויעטן-מאַכט, ביייזייטיקן די שרייענדיקע אומאָרדענונגען אויף די ערטער און באַשטראָפן די מער שולדיקע

*) דער וואָלגע=געביט.

פאַרטרעטער פון דער סאָוויעטן־מאַכט; צונויפזאַמלען די אָנקלאַגעס און מאַטעריאַלן, וואָס זאָלן קאָנען דינען אַלס באַזיס פאַר די דעמאָנסטראַטיווע דעקרעטן לטובת די סערעדניאַקעס*). עס איז נישט אומאינטערעסאַנט, אַז דעמדאָזיקן געשפרעך דורך דער דירעקטער ליטונג האָב איך געפירט דווקא מיט סטאַלינען און אים בפירוש אויפגעקלערט די גאַנצע וויכטיקייט פון דער פראַגע וועגן דעם סערעדניאַק. אין דעמזעלבן יאָר 1919 איז קאַלינין, לויט מיין איניציאַטיוו, אויסגעקליבן געוואָרן פאַר אַ פאָרזיצער פון ציק, ווי אַ מענטש, וואָס שטייט נאָענט צו די פויערים-סערעדניאַקעס און קען גוט זייערע באַדערפענישן. אַ סך וויכטיקער, לכל-הדעות, איז אָבער דער פאַקט, אַז שוין אין פעברואַר 1920 האָב איך דרינגענד געפאָדערט, אונטערן איינדרוק פון מיינע באַאָבאַכטונגען פונם פויערים־לעבן ביים אוראַל, מען זאָל איבערגיין צו אַ נייער עקאָנאָמישער פּאָליטיק. אין צ. ק. האָב איך אינגאַנצן צונויפגעזאַמלט פיר שטימען קעגן עלף. לענין איז אין יענער צייט געווען—און דווקא זייער, פאַרעקשנט— קעגן אָפּשאַפן די דערנערונגס־פאַרטיילונג. סטאַלין, פאַרשטייט זיך, האָט געשטימט קעגן מיר. דער איבערגאַנג צו דער נייער עקאָנאָמישער פּאָליטיק איז פאָרגעקומען ערשט אין אַ יאָר אַרום, אמת, איינשטימיק, דערפאַר אָבער אונטערן דונער פונם קראָנשטאַטער אויפשטאַנד און אין אַן אַטמאָספערע פון דראָענדיקע שטימונגען אין דער גאַנצער אַרמעע.

כמעט אַלע, אויב נישט אינגאַנצן אַלע, פּרינציפּיעלע פראַגן פון סאָוויעטישן אויפבוי אין די ווייטערדיקע יאָרן—זענען פאַר אונז אויפגעשוואומען קודם־כל אויפן מיליטערישן געביט—אין זייער אַ קאָמפּאַקטער פאָרם. קיין פראָלאָנגאַציעס האָבן דאָ, לויט דעם אַלגעמיינעם כלל, נישט געקאָנט זיין. פאַר אַ פעלער האָט באַלד געדראָט אַ שטראָף. די אָפּאָזיציע קעגן אַזעלכע באַשלוסן האָט זיך גלייך אויפן אָרט, בעת דער אַקציע, קאָנטראָלירט. פונדאַנען שטאַמט אין גרויסן און גאַנצן די אינערלעכע קאָנסעקווענץ אינם אויפבוי פון דער רויטער אַרמעע, אָן די וואַקלענישן פון איין סיסטעם צו אַ צווייטן. ווען מיר זאָלן געוועסט האָבן מער צייט אויף חקירות און דיסקוסיעס, וואָלטן מיר זיכער באַגאַנגען אַ סך מער פעלערן.

---

*) פויערים, וואָס פאַרמאָגן אַ מיטעלע באַלעבאַטישקייט.

און דאָך איז דער אינערלעכער קאַמף אין דער פּאַרטיי אין געוויסע מאָמענטן געווען זייער אַ פאַרביטערטער. און ווי האָט עס אויך געקאָנט אַנדערש זיין? צו ניי איז געווען דער ענין און צו גרויס די שוועריקייטן.

די אַלטע אַרמעע האָט זיך נאָך אַרומגעשלעפּט איבערן לאַנד, און אומעטום פאַרשפּרייט שנאה קעגן קריג, און מיר האָבן בעת מעשה געמוזט בויען נייע פּולקן. די צאַרישע אָפיצירן האָט מען פון דער אַלטער אַרמעע אַרויסגעיאָגט און ערטערווייז זיך מיט זיי אומברחמנותדיק אָפּגערעכנט. מיר אָבער האָבן דערווייל געמוזט אַנגאַזשירן די צאַרישע אָפיצירן אַלס אינסטרוקטאָרן פאַר דער נייער אַרמעע. די קאָמיטעטן אין די אַלטע פּולקן זענען אַנטשטאַנען ווי אַ פאַרקערפּערונג פון דער רעוואָלוציע, לפּחות, ווי איר ערשטער עטאַפּ. אין די נייע פּולקן האָט דער גאַנצער עסק מיט די קאָמיטעטן נישט געטאָרט דערלאָזט ווערן, ווי אַ התחלה פון צעפאַלונג. עס האָט זיך נאָך געהערט דער אָפּקלאַנג פון די קללות אויף דער אַלטער דיסציפּלין, און שוין זענען מיר געווען געצוואונגען איינצופירן אַ נייע דיסציפּלין. פון אַ פרייוויליקער רעקרוטירונג האָט מען אין אַ קורצער צייט אַרום געמוזט איבערגיין צו אַ צוואַנגס-רעקרוטירונג, פון פאַרטיזאַנישע מחנות — צו אַ רעגולערער מיליטערישער אָרגאַניזאַציע. דעם קאַמף קעגן די פאַרטיזאַנישע מחנות האָבן מיר געפירט אומאויפהערלעך, טאָג-איין, טאָג-אויס; ער האָט געפאָדערט די גרעסטע עקשנות, פאַרביסנקייט און טיילמאָל אַפילו גרויזאַמקייט. דאָס כאַאָטישע פאַרטיזאַנערטום איז געווען דער אויסדרוק פון פויערישן אונטערשלאַק פון דער רעוואָלוציע. דער קאַמף קעגן דעם פאַרטיזאַנערטום איז דעריבער גלייכצייטיק אויך געווען אַ קאַמף פאַרן פּראָלעטאַרישן מלוכה-וועזן קעגן די אַנאַרכישע און קליינבירגערלעכע עלעמענטן, וואָס גראָבן עס אונטער. די פאַרטיזאַנישע מעטאָדן און געוויינהייטן האָבן אָבער דאָך געפונען זייער אָפּשפּיגלונג אַפילו אין די רייען פון דער פּאַרטיי.

בנוגע דער מיליטער-פראַגע איז באַלד אין די ערשטע חדשים, ווען מען האָט גענומען אָרגאַניזירן די רויטע אַרמעע, געשאַפן געוואָרן אַן אָפּאָזיציע. אירע גרונט-הנחות האָבן זיך אויסגעדריקט אין דער פאַרטיידיקונג פונם וואַלסיסטעם, אין די פּראָטעסטן קעגן צוציען ספּעציאַליסטן, קעגן איינפירן אַן אייזערנע דיסציפּלין, קעגן דער צענטראַליזירונג פון דער אַרמעע און אַזוי ווייטער. די אָפּאָזיציאָנערן

האָבן געפּרואוט געפינען פאַר זיך אַ פּאַראַלעלגעמיינערנדיקע טעאָרע־טישע פאָרמולע. אַ צענטראַליזירטע אַרמעע, האָבן זיי געטענהט, איז די אַרמעע פון אַן אימפּעריאַליסטישער מלוכה. די רעוואָלוציע מוז איינמאָל פאַר אַלעמאָל פאַרענדיקן נישט נאָר מיטן פּאָזיציע־קריג, נאָר אויך מיט דער צענטראַליזירטער אַרמעע. די רעוואָלוציע איז אינ־גאַנצן געבויט אויף באַוועגלעכקייט, אויף אַ דרייסטן אָנגריף און אויף שנעלע מאַנעווורעס. איר קאַמפּסקראַפט איז דער קליינער זעלבסטשטענ־דיקע אַרמעע־טייל, וואָס איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן פון אַלע מינים געווער, וואָס איז נישט פאַרבונדן מיט אַ באַזיס, וואָס שטיצט זיך אויף דער סימפּאַטיע פון דער באַפעלקערונג, וואָס קאָן פריי אַריינ־דרינגען אין רוקן פון שונא און אַזוי ווייטער. בקיצור, אַלס טאַקטיק פון דער רעוואָלוציע איז פּראָקלאַמירט געוואָרן די טאַקטיק פון אַ קליינעם קריג. דאָס אַלץ איז געווען אומגעהייער אַבסטראַקט און אין פלוג — אַן אידעאַליזירונג פון אונזער שוואַכקייט. דער ערנ־סטער נסיון פונם בירגערקריג האָט אָבער גאָר גיך אָפּגעלייקנט די־דאָזיקע פאַראורטיילן. די מעלות פון דער צענטראַליזירטער אָרגאַני־זאַציע און סטראַטעגיע לגבי די לאָקאַלע אימפּראָוויזאַציעס, דעם מי־ליטערישן סעפּאַראַטיזם און פעדעראַליזם האָבן זיך דורך דער דער־פאַרונג אין קאַמף גאַנץ גיך און בולט אַרויסגעוויזן.

אין דינסט פון דער רויטער אַרמעע זענען געשטאַנען טויזנטער און שפּעטער—צענדליקער טויזנטער געוועזענע צאַרישע אָפיצירן. פיל פון זיי האָבן, לויט זייערע אייגענע ווערטער, נאָך מיט צוויי יאָר צוריק געהאַלטן די מעסיקע ליבעראַלן פאַר די עקסטרעמסטע רעוואָ־לוציאָנערן, און די באָלשעוויקעס זענען פאַר זיי גאָר געווען עפּעס אַ דערשיינונג פון דער פערטער דימענזיע. „מיר האָבן באמת גע־דאַרפט האָבן אַ צו נידעריקע מיינונג וועגן זיך און וועגן אונזער פּאַרטיי״, האָב איך געשריבן קעגן דער דעמאָלדיקער אָפּאָזיציע, „וועגן דער מאָראַלישער מאַכט פון אונזער אידעע, וועגן דער צוציונגס־קראַפט פון אונזער רעוואָלוציאָנערער מאָראַל, אויב מיר זאָלן קלערן, אַז מיר זענען נישט פעאיק צוצוציען צו זיך טויזנטער און טויזנטער ספּעציאַליסטן, צווישן זיי אויך מיליטערישע״. סוף־כל־סוף איז עס אונז אָבער אָן שום צווייפל געלונגען, הגם נישט אָן שוועריקייטן און רייבונגען.

די קאָמוניסטן האָבן זיך נישט אַזוי לייכט צוגעפּאַסט צו דער

מיליטערישער אַרבעט. דאָ האָט געשפּילט אַ ראָל אי דער ריכטיקער אויסוואַל, אי די דערציִונג. נאָך פּאָר קאַזאַן, אין אויגוסט 1918, האָב איך טעלעגראַפירט צו לענינען: „שיקט אַהער אַזעלכע קאָמוניסטן, וואָס קאָנען זיך אונטערוואַרפן, וואָס זענען גרייט צו ליידן נויט און זענען מרוצה צו שטאַרבן. קיין לייכט־וואָגיקע אַגיטאַטאָרן דאַרף מען דאָ נישט האָבן." אין אַ יאָר אַרום האָב איך אין אוקראַינע, וואו די אַנאַרכיע איז, אפילו אין די רייען פון דער פּאַרטיי, געווען באַזונ־דערס גרויס, געשריבן אין אַ באַפעל צו דער 14-טער אַרמעע: „איך וואָרן, אַז יעדער קאָמוניסט, וואָס ווערט דעלעגירט דורך דער פּאַרטיי אין די רייען פון דער אַרמעע, ווערט דורך דעם אַליין אַ רויט־אַרמעער, וואָס האָט דיזעלבע רעכט און פליכטן, ווי יעדער זעלנער פון דער רויטער אַרמעע. קאָמוניסטן, וואָס וועלן באַשולדיקט ווערן אין מעשים אָדער פאַרברעכנס קעגן דער רעוואָלוציאָנערער מיליטע־רישער פליכט, באַקומען אַ טאָפּלטע שטראָף, ווייל דאָס, וואָס מען קאָן מוחל זיין אַ פינסטערן אומבאַוואוסטזיניקן מענטשן, קאָן מען בשום אופן נישט פאַרצייַען אַ מיטגליד פון דער פּאַרטיי, וואָס שטייט בראש פון דעם אַרבעטערקלאַס אויף דער גאַנצער וועלט." עס איז קלאָר, אַז אויף דעמדאָזיקן באָדן זענען פאָרגעקומען רייבונגען און עס האָבן נישט געפעלט קיין אומצופרידענע.

צו דער מיליטערישער אָפּאָזיציע האָט, למשל, געהערט פּיאַטאַ־קאָוו, דער הייִנטיקער דירעקטאָר פון דער מלוכה־באַנק. ער פלעגט זיך בכלל אָנשליסן אָן יעדער אָפּאָזיציע, כדי צו ווערן דערנאָך אַ באַ־אַמטער. מיט אַ יאָר דריי, פיר צוריק, בעת פּיאַטאַקאָוו האָט נאָך געהערט צו איין גרופּירונג מיט מיר, האָב איך אין שפּאַס פאָרגע־זאָגט, אַז אין פאַל פון אַ באָנאַפּאַרטישער איבערקערעניש, וועט פּיאַ־טאַקאָוו אויפן צווייטן טאָג אַ נעם טאָן זיין טעקע און אַוועקגיין אין קאַנצעלאַריע. איצט קאָן איך נאָר ערנסטער צוגעבן, אַז אויב דאָס וועט נישט געשען, וועט עס לגמרי נישט זיין פּיאַטאַקאָווס שולד, נאָר די שולד פון דעם, וואָס עס קומט נישט פאָר קיין באָנאַפּאַר־טישע איבערקערעניש. אין אוקראַינע האָט פּיאַטאַקאָוו געהאַט אַ באַ־דייטנדיקע השפּעה, און דאָס איז נישט געווען צופעליק: ער איז אַ גאַנץ געבילדעטער מאַרקסיסט, בפרט אויפן ווירטשאַפטלעכן געביט, אַ גוטער אַדמיניסטראַטאָר מיט אַ פעסטן ווילן. אין די ערשטע יאָרן האָט פּיאַטאַקאָוו אויך פאַרמאָגט רעוואָלוציאָנערע ענערגיע, וואָס האָט

זיך אָבער גאַנץ גיך פאַרוואַנדלט אין ביוראָקראַטישן קאָנסערוואַטיזם. דעם קאַמף קעגן פּיאַטאַקאָווס האַלב-אַנאַרכיסטישן בליק אויפן אויפבוי פון דער אַרמעע האָב איך אָנגעהייבן דערמיט, וואָס איך האָב אים תּיכּף באַשטימט אויף אַ פאַראַנטוואָרטלעכן פּאָסטן, וואו ער האָט גע- מוזט גלייך איבערגיין פון ווערטער צו מעשים. דערדאָזיקער מיטל איז אַפילו נישט ניי, אָבער אין פיל פאַלן איז ער ממש נישט צום פאַרבייטן. דער אַדמיניסטראַטיווער חוש האָט אים תּיכּף אונטערגע- זאָגט, אַז מען מוז אָנווענדן יענע מעטאָדן, קעגן וועלכע ער האָט געפירט אַ וואָרט-קאַמף. אַזעלכע שנויים זענען פאָרגעקומען נישט וויי- ניק. אַלע בעסערע עלעמענטן פון דער מיליטערישער אָפּאָזיציע זענען באַלד אַריין אין דער אַרבעט. גלייכצייטיק דערמיט האָב איך אויך פאָרגעלייגט די מער פאַרעקשנטע, אַז זיי זאָלן זיך אויפשטעלן עטלעכע פולקן לויט זייערע פּרינציפּן, און צוגעזאָגט זיי צו שאַפן אין זייער רשות אַלע נויטיקע רעסורסן. בלויז איין אויעזד-גרופּע ביי דער וואָלגע האָט אָנגענומען דידאָזיקע אַרויספאָדערונג און האָט פאָרמירט אַ פולק, וואָס האָט זיך אָבער פּאַקטיש מיט קיין זאַך נישט אונטערגעשיידט פון אַלע אַנדערע פולקן. די רויטע אַרמעע האָט געזיגט אויף אַלע פראָנטן און די אָפּאָזיציע האָט זיך ביסלעכוויַיז אויסגעלאָשן.

גאָר אַ באַזונדער אָרט אין דער רויטער אַרמעע און אין דער מיליטערישער אָפּאָזיציע האָט פאַרנומען די שטאָט צאַריצין, וואו די מיליטערישע טוער האָבן זיך גרופּירט אַרום וואָראָשילאָוון. דאָ זענען בראָש פון די רעוואָלוציאָנערע אָפּטיילונגען על-פּי-רוב געשטאַנען גע- וועזענע אונטער-אָפיצירן פון די פּויערים פון צפון-קאַווקאַז. דער טי- פער אַנטאַגאָניזם צווישן די קאָזאַקן און די פּויערים האָט אין די דרום-סטעפּעס צוגעגעבן דעם בירגערקריג אַ באַזונדערע אַכזריות. דער בירגערקריג האָט זיך דאָ טיף אַריינגעשניטן אין יעדן דאָרף אַריין און האָט פּשוט געפירט צו דער אויסראָטונג פון גאַנצע פאַמיליעס. דאָס איז געווען אַ ריינער פּויערים-קריג, וואָס זיינע וואָרצלען האָבן געשטעקט אינם אָרטיקן באָדן, און וואָס האָט מיט זיין פּויערשער אַכזריות וויַיט איבערגעשטיגן דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף אין אַלע אַנדערע טיילן פון לאַנד. דערדאָזיקער קריג האָט אַרויסגערוקט אַ גרויסע מחנה ענערגישע פּאַרטיזאַנער, וואָס האָבן אין די אָרטיקע קלענערע צונויפשטויסן אַרויסגעוויזן אַ געוויסע בריהשאַפט. זיי האָבן

אָבער געוויינלעך נישט געטויגט, בעת מען האָט געמוזט איבערגיין צו ברייטערע מיליטערישע אויפגאַבן.

וואָראָשילאָווס ביאָגראַפיע דערציילט וועגן אַ לעבן פון אַ רעוואָלוציאָנערן פראָלעטאַריער: אָנפירונג מיט שטרייקן, אומלעגאַלע אַרבעט, תפיסה, פאַרשיקונג. אָבער ווי אַ סך אַנדערע פון דער הייינטיקער אָנפירנדיקער שיכט, איז וואָראָשילאָוו געווען נישט מער, ווי אַ נאַציאָנאַל-רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַט. דאָס האָט זיך צוערשט באַזונדערס בולט אַרויסגעוויזן אין דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה און דערנאָך אין דער פעברואַר-רעוואָלוציע. אין וואָראָשילאָווס אָפיציעלע ביאָגראַפיעס בילדן די יאָרן 1917—1914 אַ טיפן בלויז, וואָס איז איבעריקנס, כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם רוב פון די הייינטיקע פירער. דער סוד פון דעמדאָזיקן בלויז באַשטייט אין דעם, וואָס בעתן קריג זענען דידאָזיקע מענטשן על-פי-רוב געווען פאַטריאָטן און האָבן איבערגעריסן יעטוועדע רעוואָלוציאָנערע אַרבעט. אין דער פעברואַררעוואָלוציע האָט וואָראָשילאָוו, ווי אויך סטאַלין, געשטיצט פון לינקס — די רעגירונג פון גוטשקאָוו-מיליוקאָוו. זיי זענען געווען עקסטרעמע רעוואָלוציאָנערע דעמאָקראַטן, אָבער בשום אופן נישט קיין אינטערנאַציאָנאַליסטן. מען קאָן עס פעסטשטעלן, ווי אַ כּלל: יענע באָלשעוויקעס, וואָס זענען בעתן קריג געווען פאַטריאָטן, און נאָך דער פעברואַר-איבערקערעניש — דעמאָקראַטן, זענען הייַנט אָנהענגער פון סטאַלינס נאַציאָנאַל-סאָציאַליזם. וואָראָשילאָוו איז על-כּל-פּנים נישט קיין אויסנאַם.

כאָטש וואָראָשילאָוו שטאַמט אַרויס פון די לוגאַנסקער אַרבעטער, פון דער מער פּריווילעגירטער שיכט, האָט ער דאָך מיט זיינע מאַניערן און נייגונגען תמיד מער דערמאָנט אין אַ קליינעם באַלעבאָס, ווי אין אַ פּראָלעטאַריער. נאָך דער אָקטאָבער-איבערקערעניש איז וואָראָשילאָוו, נאַטירלעך, געוואָרן דער מיטלפּונקט פון דער אָפּאָזיציע פון די אונטער-אָפיצירן און פּאַרטיזאַנער קעגן דער צענטראַליזירטער מיליטערישער אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט געפאָדערט מער מיליטערישע קענטענישן און אַ ברייטערן האָריזאָנט. אַזוי איז אויפגעקומען די צאַריצינער אָפּאָזיציע.

אין וואָראָשילאָווס קרייזן האָט מען גערעדט מיט גרויס שנאה וועגן די ספּעציאַליסטן, מיליטער־אַקאַדעמיקער, וועגן די הויכע שטאַבן, וועגן מאָסקווע. אָבער אַזוי ווי קיין אייגענע מיליטערישע קענטע-

בישן האָבן די פירער פון די פאַרטיזאַנער נישט פאַרמאָגט, האָט יע־דערער פון זיי געהאַט ביי דער האַנט אַן אייגענעם „ספעץ״, נאָר פון אַן ערגערן סאָרט, וואָס האָט זיך פעסט געקלאַמערט אָן זיין פאָסטן, אָפּצוימענדיק אים פון די פּעאיקערע און מער באַהאַוונטע. צו דער אָנפירונג פונם סאָוויעטישן דרום-פראָנט האָבן זיך די צאַרי־ציינער אַרמעע־פירער באַצויגן נישט קיין סך בעסער, ווי צו די ווייסע. זייערע באַציונגען צום מאָסקווער צענטער האָבן זיך בלויז אויסגעדריקט אין די שטענדיקע פאָדערונגען וועגן דער אַרמעע־פאַרזאָרגונג. מיר האָבן אַלץ געהאַט זייער בצמצום. אַלץ, וואָס די פאַבריקן האָבן פראָדוצירט, איז תּיכּף אַרויסגעשיקט געוואָרן אין דער אַרמעע. קיין אַרמעע האָט אָבער נישט איינגעשלונגען אַזויפיל ביקסן און פּאַטראָנעס, ווי די צאַריצינער. ביים ערשטן אָפּזאָג האָט צאַריצין געמאַכט געוואַלדן וועגן פאַרראַט פון די מאָסקווער ספּעצן. אין מאָסקווע איז געזעסן אַ ספּעציעלער פאַרטרעטער פון דער צאַ־ריצינער אַרמעע—דער מאַטראָס זשיוואָדיאָר, וואָס האָט געהאַט די אויפגאַבע אויסצופּרעסן וואָס מער פאַרזאָרגונגס־מיטלען פאַר דער אַרמעע. ווען מיר האָבן געמוזט פאַרציען פעסטער די נעץ פון דער דיסציפּלין, האָט זיך דערדאָזיקער זשיוואָדיאָר אַריבערגעפּעקלט צו די באַנדיטן, ווי מיר שיינט, האָט מען אים שפּעטער געכאַפּט און דערשאָסן.

סטאַלין האָט פאַרבראַכט עטלעכע חדשים אין צאַריצין. זיין הינטערקוליסן־קאַמף קעגן מיר, וואָס האָט שוין דעמאָלט אויסגע־מאַכט דעם וועזנטלעכן טייל פון זיין טעטיקייט, האָט ער פאַר־בונדן מיט דער היימישער אָפּאָזיציע פון וואָראָשילאָוון און זיינע מקורבים. סטאַלין האָט זיך אָבער געהאַלטן אַזוי, אַז ער זאָל אין יעדן מאָמענט קאָנען אָפּשפּרינגען צוריק.

אַלע טאָג פלעגן פון דער הויפּט־ און פראָנט-אָנפירונג אָנקו־מען אָנקלאַגעס אויף צאַריצין. עס איז געווען אוממעגלעך דורכצוזעצן די אויספירונג פון אַ באַפעל, עס איז געווען אוממעגלעך צו פאַרשטיין, וואָס דאָרט קומט פאָר, עס איז אַפילו געווען אוממעגלעך צו באַקו־מען אַן ענטפער אויף אַן אָנפראַגע. אומרואיק האָט לענין פאַרפאָלגט די אַנטוויקלונג פון דעמדאָזיקן קאָנפליקט. ער האָט בעסער פון מיר געקענט סטאַלינען און האָט מסתמא חושד געווען, אַז די ווידער־שפּעניקייט פון די צאַריציגער דערקלערט זיך מיט סטאַלינס רעזשי

הינטער די קוליסן. די לאַגע איז געוואָרן ממש אַן אוממעגלעכע. איך האָב באַשלאָסן צו שאַפן אָרדענונג אין צאַריצין. נאָך אַ נייעם צוזאַמענשטויס פון דער קאָמאַנדע מיט צאַריצין, האָב איך געפאָדערט אָפּצורופן סטאַלינען. דאָס איז געמאַכט געוואָרן דורך דער פאַרמיטלונג פון סווערדלאָוון, וואָס איז אַליין מיט אַן עקסטרע צוג אַרויסגעפאָרן נאָך סטאַלינען. לענין האָט זיך באַמיט צו דערפירן דעם קאָנפליקט צו אַ מינימום, און איז זיכער ,געווען גערעכט. איך האָב בכלל נישט געטראַכט פון סטאַלינען. אין יאָר 1917 האָט ער מיר אַ פינטל געטאָן פאַר די אויגן ווי אַן אומבאַמערקטער שאָטן. אין פייער פון קאַמף האָב איך פראָסט-פשוט פאַרגעסן אָן זיין עקזיסטענץ. איך האָב אָבער געטראַכט פון דער צאַריצינער אַרמעע. איך האָב געמוזט האָבן אַ זיכערן לינקן פליגל פון דעם דרום-פראָנט. איך בין אַרויסגעפאָרן קיין צאַריצין, כדי צו דערגרייכן דעמדאָזיקן צוועק פאַר יעדן פרייז. מיט סווערדלאָוון האָב איך מיך געטראָפן אונטערוועגס. פאָרזיכטיק האָט ער מיך אויסגעפרעגט וועגן מיינע פלענער, דערנאָך מיר פאָרגעלייגט, איך זאָל מיך דורכשמועסן מיט סטאַלינען, וואָס איז גראָד צוריקגעפאָרן אין סווערדלאָווס וואַגאָן. „איר ווילט טאַקע מיט אַן אמת אַלעמען צעיאָגן?” האָט מיך סטאַלין אַ פרעג געטאָן מיט עפּעס אַן אונטערגעשטראָכענער הכנעהדיקייט. „זיי זענען וואוילע יונגעץ.” „דידאָזיקע וואוילע יונגעץ וועלן אומברענגען די רעוואָלוציע, וואָס קאָן נישט וואַרטן, ביז זיי וועלן אַרויסקריכן פון זייער קינדערשער עלטער. איך וויל נאָר איינס: אָנשליסן צאַריצין אָן סאָוויעטן-רוסלאַנד.”

אין עטלעכע שעה אַרום האָב איך דערזען וואָראָשילאָוון. אין ע־טאַב האָט מען זיך באַאומרואיקט. מען האָט אַרויסגעלאָזן אַ קלאַנג, אַז טראָצקי קומט מיט אַ גרויסן בעזעם, און מיט אים צוזאַמען פאָרן צוויי צענדליק צאַרישע גענעראַלן, כדי אַראָפּצוזעצן די פאַרטיזאַנערשעפן, וועלכע האָבן, אגב, צו מיין אָנקומען תיכף געענדערט די בעמען אויף קאָמאַנדירן פון פולקן, בריגאַדעס און דיוויזיעס. איך האָב געשטעלט וואָראָשילאָוון די פראַגע: ווי באַציט ער זיך צו די באַפעלן פון פראָנט און פון דער הויפּט-אָנפירונג? ער האָט פאַר מיר אויסגעגאָסן זיין גאַנץ האַרץ: צאַריצין האַלט פאַר נויטיק אויסצופירן נאָר יענע באַפעלן, וועלכע ער האַלט פאַר ריכטיק. דאָס איז שוין געווען צופיל. איך האָב אים געמאָלדן, אַז אויב ער וועט זיך נישט

פאַרפליכטן דורכצופירן געגוי און אָן שום טענות די באַפעלן און די אָפּעראַטיווע אויפגאַבן, ווען איך אים תּיכּף אונטער אַ וואַך אַרויס־שיקן קיין מאָסקווע און איבערגעבן דעם טריבונאַל. איך האָב קיינעם נישט אַראָפּגעזעצט, ווייל איך האָב דערגרייכט די פולשטענ־דיקע פאַרפליכטונג זיך אונטערצוּוואַרפן. די מערהייט קאָמוניסטן אין דער צאַריצינער אַרמעע האָבן מיך אונטערגעהאַלטן מיט דער גאַנ־צער איבערצייגונג און נישט מחמת מורא. איך האָב באַזוכט אַלע אַרמעע־טיילן און בין געווען פריינטלעך מיט די פאַרטיזאַנער, צווישן וועלכע עס האָבן זיך געפונען אויסגעצייכנטע זעלנער, וועל־כע האָבן זיך בלויז געגויטיקט אין אַ ריכטיקער אָנפירונג. מיט דעם רעזולטאַט בין איך צוריקגעקומען קיין מאָסקווע. פון מיין זייט איז אין אָט דעם גאַנצן ענין נישט געווען קיין שאָטן פון פערזענלעכע ליידנשאַפטן אָדער אומפריינטלעכקייט. איך האַלט זיך בכלל פאַר באַרעכטיקט צו זאָגן, אַז אין מיין פּאָליטישער טעטיקייט האָבן פער־זענלעכע מאָמענטן קיינמאָל נישט געשפּילט קיין שום ראָל. אָבער אין דעם ריזעדיקן קאַמף, וואָס מיר האָבן געפירט, איז די סטאַווקע געווען צו גרויס, אַז מען זאָל זיך קאָנען צופיל אַרומקוקן אויף אַלע זייטן. און גאַנץ אָפט, כּמעט אויף יעדן שריט און טריט, איז מיר אויסגעקומען אָנצוטרעטן אויף די הינעראויגן פון פערזענלעכע ליידנשאַפטן אָדער אייגנליבע. סטאַלין האָט זייער זאָרגעוודיק צו־נויפגעזאַמלט די מענטשן מיט די אָנגעטרעטענע הינעראויגן. ער האָט אויף דעם געהאַט גענוג צייט און פערזענלעכן אינטערעס. די צאַריצינער אָנפירנדיקע שיכטן זענען צו יענער צייט געוואָרן דאָס הויפּטגעצייג אין סטאַלינס הענט. ווי נאָר לענין איז קראַנק געוואָרן, האָט זיך סטאַלין אויסגעווירקט דורך זיינע פאַרבינדעטע, אַז מען זאָל איבער־טוישן דעם נאָמען צאַריצין אויף סטאַלינגראַד. די מאַסן פון דער באַפעלקערונג האָבן קיין אַנונג נישט געהאַט, וואָס באַטייט דערדאָ־זיקער נאָמען. און אויב וואָראָשילאָוו איז איצט אַ מיטגליד פון פּאָ־ליטביוראָ, איז מסתּמא דערצו געווען דער איינציקער גרונט—קיין שום אַנדערן זע איך נישט—דער פאַקט, וואָס אין יאָר 1918 האָב איך אים, דורך דער דראָאונג אַרויסצושיקן אונטער אַ וואַך קיין מאָסקווע, געצוואונגען זיך אונטערצוּוואַרפן מיין באַפעל.

איך מיין, אַז ס'וועט זיין נישט אומאינטערעסאַנט צו אילו־סטרירן דעם נאָר־וואָס געשילדערטן קאַפּיטל פון דער מיליטערישער

אַרבעט, ריכטיקער, פון דעם אינערלעכן פּאַרטייאישן קאַמף, וואָס איז פאַרבונדן מיט איר, דורך עטלעכע אויסצוגן פון דער אין ערגעץ נאָך נישט פאַרעפנטלעכטער פּאַרטיי-קאָרעספּאָנדענץ פון יענער צייט.

דעם 4-טן אָקטאָבער 1918 האָב איך דורך דער דירעקטער טע-לעפאָן-לייטונג פון טאַמבאָוו געמאָלדן לענינען און סווערדלאָוון: „איך שטיי קאַטעגאָריש דערפאַר, מען זאָל אָפּרופן סטאַלינען. אויפן צאַרי-ציגער פראָנט איז אומזיכער, נישט געקוקט אויפן איבערפלוס פון קרעפטן. איך לאָז אים (וואָראָשילאָוון) איבער אַלס קאָמאַנדיר פון דער 10-טער (צאַריצינער) אַרמעע, אָבער בתנאי, אַז ער זאָל זיך אונטער-וואַרפן דעם קאָמאַנדיר פון דעם דרום-פראָנט. קאָזלאָוו באַקומט נאָך עד-היום נישט קיין אָפּעראַטיווע מיטטיילונגען פון צאַריצין. איך האָב זיי דאָך אָפּער פאַרפליכטעט, אַז זיי זאָלן צוויי מאָל אין טאָג מיט-טיילן וועגן דער אָפּעראַטיווער און אויסשפּירונגס-אַרבעט. אויב דאָס זאָל מאָרגן נישט געשען, גיב איך איבער וואָראָשילאָוון צום געריכט און וועל עס מעלדן דורך אַ באַפעל אין דער אַרמעע. פאַר אַן אָנגריף בלייבט נאָר די קורצע צייט ביז די גרויסע האַרבסט-בלאָטעס, ווען ס'איז נישטאָ מער קיין וועג — נישט פאַרן פוסגייער, נישט פאַרן רייטער. און פאַר דיפּלאָמאַטישע אונטערהאַנדלונגען, ווידער, איז נישטאָ קיין צייט".

סטאַלין איז אָפּגערופן געוואָרן. לענין האָט זייער גוט פאַר-שטאַנען, אַז מיך באַוועגן דאָ בלויז זאַכלעכע מאָטיוון. דער קאָנפליקט האָט אים אָבער אויך באַאומרואיקט און ער האָט זיך באַמיט אויס-צוגלעטיקן די באַציונגען. דעם 23-סטן אָקטאָבער שרייבט מיר לענין קיין באַלאַשאָוו:

„היינט איז געקומען סטאַלין, האָט געבראַכט ידיעות וועגן דריי גרויסע נצחונות פון אונזערע אַרמעען ביי צאַריצין (דידאָזיקע „נצחונות" האָבן פאַקטיש געהאַט בלויז אַ ריין עפּיזאָדישע באַדייטונג. ל. ט.). סטאַלין האָט באַאיינפלוסט וואָראָשילאָוון און מינינען, וועלכע ער האַלט פאַר זייער ווערטפולע און אומפאַרבייטלעכע אַרבעטער, אַז זיי זאָלן נישט אַוועק און זיך בעסער איינגאַנצן אונטערוואַרפן די באַפעלן פון צענטער; די איינציקע סיבה פון זייער אומצופרידנקייט, איז, לויט סטאַלינס ווערטער, די שטאַרקע פאַרשפּעטיקונג און דאָס נישט אַרויסשיקן קיין האַרמאַטנקוילן און פּאַטראָנעס, צוליב וואָס עס גייט אויך אונטער די גוט געשטימטע קאַווקאַזער אַרמעע פון צוויי

הונדערט טויזנט מאַן (דידאָזיקע פּאַרטיזאַנישע אַרמעע האָט זיך באַלד פון ערשטן קלאַפּ צעשאָטן און זיך אַרויסגעוויזן לגמרי נישט קאַמפּס־פּעאיק. ל. ט.).

„סטאַלין וואָלט זייער גערן געאַרבעט אויפן דרום־פראָנט... סטאַלין האָפט, אַז דורך דער אַרבעט וועט אים געלינגען צו באַווייזן די ריכטיקייט פון זיינע מיינונגען... איבערגעבנדיק אייך, ליעוו דאַווידאָוויטש, דידאָזיקע אַלע סטאַלינס דערקלערונגען, בעט איך אייך, איר זאָלט זיי גוט באַטראַכטן און ענטפערן, ראשית, צי זענט איר מסכים פּערזענלעך זיך צונויפרעדן מיט סטאַלינען, וועט ער קומען צו אייך, און, שנית, צי האַלט איר פאַר מעגלעך, אונטער באַשטימטע קאָנקרעטע באַדינגונגען, צו באַזייטיקן די פריערדיקע רייבונגען און צו פירן אַ געמיינזאַמע אַרבעט, וואָס סטאַלין וויל אַזוי שטאַרק. וואָס איז שייך צו מיר, האַלט איך, אַז עס איז נויטווענדיק אָנצווענדן אַלע קרעפטן, כדי צו פאַרמעגלעכן די געמיינזאַמע אַרבעט מיט סטאַלינען. לענין".

איך האָב געענטפערט, אַז איך בין מרוצה דערצו, און סטאַלין איז באַשטימט געוואָרן פאַר אַ מיטגליד פון רעוואָלוציאָנערן קריגסראַט פון דרום־פראָנט. דערדאָזיקער קאָמפּראָמיס האָט אָבער, ליידער, נישט געבראַכט קיין רעזולטאַטן. אין צאַריצין האָט זיך דער ענין נישט גערירט פון פלעק. דעם 14־טן דעצעמבער טעלעגראַפיר איך לענינען פון קורסק:

„איבערלאָזן וואָראָשילאָוון ווייטער אויפן פּאָסטן, נאָכדעם, ווי ער האָט צונישט געמאַכט אַלע פּרואוון פון אַ קאָמפּראָמיס, איז אוממעגלעך. מען מוז אַרויסשיקן קיין צאַריצין אַ נייעם קריגסראַט מיט אַ נייעם אַרמעע־קאָמאַנדיר, אָפּלאָזנדיק וואָראָשילאָוון קיין אוקראַינע".

דערדאָזיקער פאָרשלאַג יוועט אָנגענומען אָן שום איינווענדונגען. אָבער אויך אין אוקראַינע גייט די זאַך נישט בעסער. די דאָרטיקע אַנאַרכיע האָט אַזוי אויך באַשווערט די רעגלמעסיקע מיליטערישע אַרבעט. די אָפּאָזיציע פון וואָראָשילאָוון, וואָס הינטער זיינע פּלייצעס איז, ווי פריער, געשטאַנען סטאַלין, האָט געמאַכט דידאָזיקע אַרבעט לגמרי אוממעגלעך.

דעם 10־טן יאַנואַר 1919 גיב איך איבער פון דער סטאַנציע גריאַזי דעם דעמאָלדיקן פאָרזיצער פון צ י ק, סווערדלאָוון: „איך דערקלער קאַטעגאָריש, אַז די צאַריצינער ליניע, וואָס האָט דערפירט

צו דער פולשטענדיקער צעפאַלונג פון דער צאַריצינער אַרמעע, קאָן אין אוקראַינע נישט דערלאָזט ווערן... די ליניע פון סטאַלינען, וואָראָשילאָוון און זיינע שותפים הייסט פשוט די פאַרניכטונג פון אונזער גאַנצער זאַך. טראָצקי".

לענין און סווערדלאָוו, וואָס באַאָבאַכטן פונדערווייטנס די אַרבעט פון די „צאַריצינער", פרואוון זיך נאָך צו דערגרייכן אַ קאָמפּראָמיס. זייער טעלעגראַמע צו מיר האָב איך, ליידער, נישט. איך ענטפער לענינען דעם 11-טן יאַנואַר: „אַ קאָמפּראָמיס איז, נאַטירלעך, נויטיק, אָבער נישט קיין צעפוילטער. פאַקטיש האָבן זיך אין כאַרקאָוו פאַרזאַמלט אַלע צאַריצינער... איך באַטראַכט סטאַלינס פּראָטעזשירן די צאַריצינער שטרעמונגען פאַר דער געפערלעכסטער מכה, ערגער ווי יעדער פאַרראַט און פאַרשווערונג פון די קריגס-ספּעציאַליסטן. טראָצקי".

„אַ קאָמפּראָמיס איז נויטיק, אָבער נישט קיין צעפוילטער". אין פיר יאָר אַרום האָט מיר לענין כמעט וואָרט ביי וואָרט צוריקגעגעבן דידאָזיקע פראַזע בנוגע דעמזעלבן סטאַלינען. דאס איז געווען פאַרן VII-טן צוזאַמענפאָר פון דער פאַרטיי. לענין האָט דעמאָלט צוגעגרייט דעם צוזאַמענברוך פון סטאַלינס גרופּע. דעם אָנגריף האָט ער אָנגעהייבן אויף דער ליניע פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע. ווען איך האָב פאָרגעלייגט אַ קאָמפּראָמיס, האָט מיר לענין געענטפערט: „סטאַלין וועט שליסן אַ צעפוילטן קאָמפּראָמיס און דערנאָך אָפּנאַרן".

אין מערץ 1919, האָב איך אין אַ בריוו צום צ. ק. געענטפערט זינאָוויעוון, וואָס האָט צווייידייטיק געפלירטעוועט מיט דער מיליטערישער אָפּאָזיציע: „איך וויל מיך נישט פאַרנעמען מיט קיין אינדיווידועלע פסיכאָלאָגישע אויספאָרשונגען", האָב איך געשריבן, „וועגן דעם, צו וואָסער גרופּע פון דער מיליטערישער אָפּאָזיציע עס קאָן צוגערעכנט ווערן וואָראָשילאָוו, איך וויל אָבער באַמערקן, אַז דאָס איינציקע, אין וואָס איך באַשולדיק מיך אַליין אין באַצוג צו אים, זענען די צו לאַנגע, נעמלעך, צוויי אָדער דריי חדשימדיקע פרואוון צו ווירקן דורך אונטערהאַנדלונגען, איינרעדענישן, פערזענלעכע קאָמבינאַציעס, בעת עס האָט זיך לטובת דער זאַך געפאָדערט בלויז אַ פעסטער אָרגאַניזאַטאָרישער באַשלוס. ווייל סוף-כל-סוף איז די אויפגאַבע בנוגע דער 10-טער אַרמעע נישט באַשטאַנען דערין, כדי איבער-

צוצייגן וואָראָשילאָוון, נאָר כּדי צו דערגרייכן אַ מיליטערישן דער־פאָלג אין אַ וואָס קירצערן טערמין".

דעם 30-סטן מאַי ווערט לענינען געשטעלט פון כאַרקאָוו די דרינגענדיקע פאָדערונג צו שאַפן אַ באַזונדערע אוקראַאינישע אַרמעע־גרופּע אונטער וואָראָשילאָווס אָנפירונג. דידאָזיקע פאָדערונג גיט מיר איבער לענין דורך דער דירעקטער לייטונג אויף דער סטאַציע קאָנ־טעמיראָווקע. דעם 1-שטן יוני ענטפער איך לענינען: „די באַמיונגען פון מאַנכע אוקראַאינער צו פאַראייניקן די צווייטע, דרייצעטע און אַכטע אַרמעע אין וואָראָשילאָווס הענט, האָבן קיין באַדן נישט אונ־טער זיך. מיר דאַרפן נישט קיין דאָנעצער אָפּעראַטיווע איינהייט קעגן דעניקינען, נאָר אַן אַלגעמיינע איינהייט... די אידעע פון וואָ־ראָשילאָווס מיליטערישע און פּראָוויאַנטירונגס-דיקטאַטור (אין אוקראַאינע) איז אַ רעזולטאַט פון דער דאָנעצער שטרעבונג צו זעלבסטשטענדי־קייט, וואָס איז געווענדט קעגן קיעוו (ד. ה. קעגן דער אוקראַאיני־שער רעגירונג) און דעם דרום-פראָנט... איך צווייפל נישט, אַז די פאַרווירקלעכונג פון דעמדאָזיקן פּלאַן וואָלט נאָר פאַרשטאַרקט דעם כאַאָס און דערלאַנגט אַ טויטקלאַפּ דער אָפּעראַטיווער לייטונג. איך בעט צו פאָדערן פון וואָראָשילאָוון און מעזשלאַוקן, אַז זיי זאָלן דער־פילן די גאַנץ רעאַלע אויפגאַבע, וואָס איז זיי געשטעלט געוואָרן. טראָצקי.

דעם 1-שטן יוני טעלעגראַפירט לענין צו וואָראָשילאָוון: „מען מוז פאַר יעדן פּרייז תּיכּף-ומיד אָפּשטעלן אַלע מיטינגען און איבער־טראָגן די גאַנצע און יעדע אַרבעט אויפן קריגס-צושטאַנד; אָפּוואַרפן אַלע פּלענער וועגן באַזונדערע גרופּעס און ענלעכע פּרוּוון אויף אַ מאַסקירטן אופן אויפצושטעלן פונדאַסניי דעם אוקראַאינישן פראָנט... לענין".

זיך איבערצייגט אויף דער פּראַקטיק, ווי שווער עס איז זיך אַן עצה צו געבן מיט די אומדיסציפּלינירטע סאַמאָסטייניקעס, רופט לענין צונויף דעמזעלבן טאָג אַ זיצונג פון פּאָליטביוראָ און זעצט דורך דעמדאָזיקן באַשלוס, וואָס ווערט תּיכּף איבערגעשיקט צו וואָ־ראָשילאָוון און די איבעריקע פאַראינטערעסירטע לייט: „דאָס פּאָליט־ביוראָ פון צ. ק. האָט זיך פאַרזאַמלט דעם ערשטן יוני און, אין פולן הסכּם מיט טראָצקין, וואַרפט זי אָפּ דעם פּלאַן פון די אוקראַאינער צו שאַפן אַ באַזונדערע דאָנעצער איינהייט. מיר פאָדערן, אַז וואָראָשילאָוו

און מעזשלאַוק זאָלן אויספירן זייער אוממיטלבאַרע אַרבעט... אָדער חבר טראָצקי וועט אייך אין אַ טאָג אַרום אַרויסרופן קיין איזיום און געבן אויספירלעכע דירעקטיוון. אין אויפטראַג פון ביוראָ פון צ. ק. לענין".

אויפן צווייטן טאָג באַהאַנדלט דער צ. ק. די פראַגע וועגן דעם, וואָס דער קאָמאַנדיר וואָראָשילאָוו האָט אייגנמעכטיק געשטעלט צו דער דיספּאָזיציע פון זיין אַרמעע דעם גרעסטן טייל פונם קריגס־פאַרמעגן, וואָס מען האָט אָפּגענומען ביי די שונאים. דער צ. ק. באַשליסט: „דער חבר ראַקאָווסקי באַקומט די פאַראָרדענונג איבער־צושיקן טעלעגראַפיש דידאָזיקע ידיעה דעם חבר טראָצקין קיין איזיום און אים בעטן אָנצונעמען די ענערגישסטע מיטלען, אַז דאָסדאָזיקע קריגס־פאַרמעגן זאָל איבערגעגעבן ווערן צו דער דיספּאָזיציע פון רעוואָלוציאָנערן קריגסראַט פון דער רעפּובליק". אין דעמזעלבן טאָג מעלדעט מיר לענין דורך דער דירעקטער לייטונג: דיבענקאָ און וואָראָשילאָוו צעשלעפּן פּשוט דאָס קריגס־פאַרמעגן. אַן אמתער כאַאָס. דער דאָן־באַסיין באַקומט נישט קיין ערנסטע הילף. לענין." מיט אַנדערע ווערטער, אין אוקראַינע האָט זיך איבערגעחזרט דאָסזעלבע, וואָס קעגן דעם האָב איך געקעמפט אין צאַריצין.

עס איז דעריבער קיין וואונדער נישט, וואָס מיין מיליטערישע טעטיקייט האָט מיר פאַרשאַפט אַזויפיל שונאים. איך האָב מיך נישט אומגעקוקט אַרום זיך, האָב אָפּגעשטויסן מיטן עלנבויגן די־יעניקע, וואָס האָבן געשטערט די מיליטערישע דערפאָלגן, אָדער אין איילע־ניש אָנגעטרעטן אויף די היגעראויגן די ליידיקגייער און נישט באַ־וויזן זיך צו אַנטשולדיקן פאַר זיי. עס זענען פאַראַן מענטשן, וואָס גע־דענקען דאָס אַלץ. די אומצופרידענע און באַליידיקטע האָבן לייכט געפונען דעם וועג צו סטאַלינען, טיילווייז אויך צו זינאָוויעוון. זיי האָבן זיך דאָך אויך געפילט באַליידיקט. יעדע מפּלה אויפן פראָנט האָט אַרויסגערופן אַ שטאַרקן דרוק מצד די אומצופרידענע קעגן לענינען. הינטער די קוליסן האָט שוין סטאַלין דעמאָלט אָנגעפירט מיט אַלע מאַכינאַציעס. מען פלעגט שוין דערלאַנגען צעטעלעך וועגן דעם, אַז ס'ווערט נישט געפירט קיין ריכטיקע קריגספּאָליטיק, אַז איך פראָטעזשיר די ספּעצן, אַז ס'איז איינגעפירט געוואָרן אַ צו האַרבער רעזשים בנוגע די קאָמוניסטן און ד. גל. דעמיס־יאָנירטע פולק־קאָמאַנדירן און רויטע מאַרשאַלן אין חלום, נישט אין דער

ווירקלעכקייט, האָבן דערלאַנגט איין באַריכט נאָכן אַנדערן וועגן דער געוואַלדיקער שעדלעכקייט פון די סטראַטעגישע פּלענער, וועגן סאַבאָטאַזש פון דער מיליטערישער לייטונג און וועגן נאָך אַנדערע זאַכן.

לענין איז געווען צופיל אַריינגעטאָן אין די אַלגעמיינע פראַגן וועגן דער אָנפירונג, אַז ער זאָל קאָנען מאַכן אַ נסיעה איבער די פראָנטן און אַריינדרינגען אין דער טאָג־טעגלעכער אַרבעט פונם קריגס־אַמט: איך האָב על־פּי־רוב פאַרבראַכט אויף די פראָנטן און דאָס האָט פאַרלייכטערט די אַרבעט פון די אינטריגעס־פירער הינ־טער די קוליסן. זייערע צודרינגלעכע שטימעלעך האָבן געמוזט אַרויסרופן ביי לענינען פון צייט צו צייט אַ געוויסע אומרואיקייט. בעת איינעם פון מיינע באַזוכן אין מאָסקווע, איז שוין לענין געווען אָנגעזאַפּט מיט ספקות און פראַגן. עס איז אָבער גענוג געווען אַ שמועס פון איין האַלבער שעה, אַז מיר זאָלן זיך באַלד קעגנזייטיק פאַרשטיין אין פולער סאָלידאַרקייט. אין דער צייט פון אונזערע מפּלות אין מזרח, ווען קאָלטשאַק האָט זיך דערנענטערט צו דער וואָלגע, האָט מיר לענין אויף דער זיצונג פון סאָוונאַרקאָם, צו וועל־כער איך בין געקומען גלייך פון צוג, אָנגעשריבן אַ צעטעלע: „אפשר זאָלן מיר טאַקע אַרויסיאָגן אַלע ספּעצן ביז איינעם און באַשטימען לאַשעוויטשן פאַרן הויפּטקאָמאַנדיר?” לאַשעוויטש איז געווען אַן אַלטער באָלשעוויק, וואָס האָט זיך אין דער „דייטשער” מלחמה דערדינט צו דעם ראַנג פון אַן אונטעראָפיציר. איך האָב געענטפערט אויף דעמזעלבן שטיקל פּאַפּיר: „קינדערשע צאַצקעס”. לענין האָט מיך כיטרע אָנגעקוקט פון אונטערן שטערן, מיט עפּעס אַ באַזונדער אויסדרוקפולן מינעלע, וואָס האָט, אַ שטייגער, באַטייט: „שוין אַ בי־סעלע צו שטרענג באַגייט איר זיך מיט מיר!” אייגנטלעך האָט ער ליב געהאַט אַזעלכע שאַרפע תשובות, וואָס לאָזן נישט איבער קיין אָרט פאַר קיין ספקות. נאָך דער זיצונג האָבן מיר זיך ביידע צונויפ־געטראָפן. לענין האָט מיך אויסגעפרעגט וועגן פראָנט. „איר פרעגט, צי איז אפשר נישט גלייכער, אַז מיר זאָלן פאַרטרייבן אַלע געוועז־ענע אָפיצירן. צי ווייסט איר אָבער, וויפל מיר האָבן זיי איצט אין דער אַרמעע?” „איך ווייס נישט.” „נישט וויניקער ווי דרייסיק טויזנט.” „וואָ־אָ־ס?” „נישט ווייניקער ווי דרייסיק טויזנט. אויף איין פאַררעטער פאַלן אויס הונדערט זיכערע, אויף

איין איבערלויפער—צוויי, דריי געפאַלענע. מיט וועמען וועלן מיר זיי אַלע פאַרבייטן?"

אין עטלעכע טעג אַרום איז לענין אַרויסגעטרעטן מיט אַ רעדע וועגן די אויפגאַבן פון סאָציאַליסטישן אויפבוי. אַט וואָס ער האָט צווישן אַנדערן געזאָגט: „ווען חבר טראָצקי האָט מיר לעצטנס מיטגעטיילט, אַז די צאָל אָפיצירן פון אונזער קריגס־אַמט דערגרייכט ביז עטלעכע צענדליק טויזנט, האָב איך ערשט באַקומען אַ קאָנקרעטע פאָרשטעלונג, וואו עס ליגט דער סוד פון אויסנוצונג פון אונזער שונא... ווי אַזוי מען בויט דעם קאָמוניזם פון ציגל, וועלכע זענען צונויפגעקליבן געוואָרן דורך די קאַפּיטאַליסטן קעגן אונז!"

אויפן פאַרטיי־צוזאַמענפאָר, וואָס איז אומגעפער פאָרגעקומען אין דערזעלבער צייט, איז לענין אין מיין אָפּוועזנהייט—איך בין דאַן געווען אויפן פראָנט—אַרויסגעטרעטן מיט אַ ליידנשאַפטלעכער פאַר־טיידיקונג פון דער קריגס־פּאָליטיק, וואָס איך האָב דורכגעזעצט און קעגן דער קריטיק פון דער אָפּאָזיציע. טאַקע צוליב דידאָזיקע טעמים זענען די פּראָטאָקאָלן פון דער מיליטערישער סעקציע אויפן VIII־טן פאַרטיי־צוזאַמענפאָר נאָך עד־היום נישט פאַרעפנטלעכט געוואָרן.

* *
*

איינמאָל איז מענזשינסקי אַראָפּגעקומען צו מיר אויפן דרום־פראָנט. איך האָב אים שוין לאַנג געקענט. אין די יאָרן פון דער רעאַקציע האָט ער אָנגעהערט צו דער אולטראַ־לינקער גרופּע, אָדער וופּעריאָדאָוצעס, ווי זיי האָבן געהייסן אויפן נאָמען פון זייער צייט־שריפט „וופּעריאָד" (באָגדאַנאָוו, לונאַטשאַרסקי און אַנדערע). מענ־זשינסקי אַליין איז, איבעריקנס, געווען נוטה צו דעם פראַנצויזישן סינדיקאַליזם. די וופּעריאָדאָוצעס האָבן אין באָלאָניע איינגעאָרדנט אַ מאַרקסיסטישע שולע פאַר צען־פופצן רוסישע אַרבעטער, וואָס זענען געקומען אומלעגאַל פון רוסלאַנד. דאָס איז געווען אין יאָר 1910. ביי אַ צוויי וואָכן צייט האָב איך אין דערדאָזיקער שולע גע־לייענט אַ קורס איבער דער פּרעסע און געפירט אַ דיסקוסיע איבער די פראַגן פון דער פאַרטיי־טאַקטיק. דאָ האָב איך זיך באַקענט מיט מענזשינסקין, וואָס איז אַראָפּגעקומען פון פּאַריז. דער איינדרוק, וואָס ער האָט אויף מיר געמאַכט, וואָלט זיך צום בעסטן אויסגע־

דריקט, ווען איך זאָל זאָגן, אַז ער האָט אויף מיר בכלל קיין שום איינדרוק נישט געמאַכט. ער האָט אויסגעזען גיכער ווי אַ שאָטן פון עפּעס אַן אַנדער מענטשן, וואָס עקזיסטירט נישט, אָדער ווי אַן אומ-געלונגענער סקיץ צו אַן אומגעמאָלטן פּאָרטרעט. עס זענען פֿאַראַן אַזעלכע מענטשן. טיילמאָל האָט נאָר אַ ווייך-גנביש שמייכעלע און אַ פֿאַרבאָרגן אויגנשפּיל עדות געזאָגט, אַז דערדאָזיקער מענטש ווערט צעפרעסן פון דעם חשק זיך אַרויסצוקריגן פון דער אייגענער אומ-באַדייטנדיקייט. איך ווייס נישט, ווי אַזוי ער האָט זיך געהאַלטן אין דער צייט פון דער איבערקערעניש, און צי האָט ער בכלל געהאַט אַן אייגענע האַלטונג. אָבער נאָכן דעראָבערן די מאַכט האָט מען אים אין גרויס איילעניש אַריינגעזעצט אין פינאַנץ-מיניסטעריום. ער האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין שום אַקטיווקייט, אָדער ער האָט זי אַרויסגע-וויזן בלויז אויף אַזויפיל, אַז עס זאָל זיך אַנטפּלעקן זיין אומפּעאי-קייט. שפּעטער האָט אים דזערזשינסקי גענומען צו זיך. דזערזשינסקי איז געווען אַ מענטש פון ווילן, זייער אַ ליידנשאַפטלעכער, און אַ מענטש פון הויכער עטישער אָנשטרענגונג. זיין געשטאַלט האָט אי-בערגעדעקט די טשעקאַ. קיינער האָט אָבער נישט באַמערקט מענ-זשינסקין, וואָס האָט זיך אין אַ שטילן ווינקל אַרומגעפּאָרעט מיט פּאַפּירן. ערשט נאָכדעם, ווי דזערזשינסקי איז זיך פֿאַנאַנדערגעגאַנגען מיט זיין פּאַרטרעטער אונשליכטן—דאָס איז געשען ערשט אין לעצטן פּעריאָד—האָט ער אַרויסגערוקט מענזשינסקיס קאַנדידאַטור, ווייל ער האָט נישט געפונען קיין אַנדערן. אַלע האָבן געקוועטשט מיט די פּלייצעס. — „וועמען דען אַן אַנדערן ?" האָט זיך דזערזשינסקי פֿאַר-ענטפערט. „נישטאָ וועמען !" סטאַלין אָבער האָט געשטיצט מענזשינ-סקין. סטאַלין שטיצט בכלל יענע מענטשן, וואָס קאָנען פּאָליטיש עקזיסטירן נאָר מיטן חסד פון דעם אַפּאַראַט. און מענזשינסקי איז געוואָרן סטאַלינס טרייער שאָטן אין ג. פּ. או. נאָך דזערזשינסקיס טויט איז מענזשינסקי געוואָרן נישט בלויז דער שעף פון ג. פּ. או., נאָר אויך אַ מיטגליד פון צ. ק. אַזוי קאָן אויפן ביוראָקראַטישן עקראַן אָנגיין פֿאַר אַ מענטשן דער שאָטן פון אַן אומפֿאַרווירקלעכטן מענטשן.

מיט צען יאָר צוריק האָט זיך אָבער מענזשינסקי געפּרוּווט צו ריכטן זיין באַוועגונג אַרום גאַנץ אַנדערע אַקסן. ער איז אַראָפּ-געקומען צו מיר אין וואַגאָן מיט אַ באַריכט וועגן די ענינים פון

באַזונדערע אָפּטיילונגען פון דער אַרמעע. ווען ער איז פּאַרטיק געוואָרן מיטן אָפיציעלן טייל פון זיין באַזוך, האָט ער זיך אָנגעהייבן דרייען אַהין און אַהער און אַלץ מיט זיין ווייך-גנבישן שמייכעלע אויפן פּנים, וואָס רופט אַרויס צוגלייך אי אומרואיקייט, אי ספקות. ער האָט געענדיקט מיט דער פראַגע: צי ווייס איך, אַז סטאַלין פירט קעגן מיר אַ קאָמפּליצירטע אינטריגע? — „וואָ-אָ-אָס?״ האָב איך אַ פרעג געטאָן שטאַרק פאַרוואונדערט, ווייל איך בין דעמאָלט געווען גאַנץ ווייט פון דעם מין רעיונות אָדער זאָרג. „יאָ, ער רעדט איין לעני̇נען און נאָך אַ סך אַנדערע, אַז איר גרופּירט אַרום זיך מענטשן ספּעציעל קעגן לעני̇נען...״ „איר רעדט פון זינען, מענזשינסקי, שלאָפט זיך אויס, איך בעט אייך, און איך וויל בכלל וועגן דעם מער נישט רעדן״. מענזשינסקי האָט זיך אָפּגעטראָגן, באַוועגנדיק מיט די אַקסלען און צוהוסטנדיק. איך מיין, אַז פון יענעם טאָג אָן האָט ער אָנגעהייבן זוכן אַנדערע אַקסן, אַרום וועלכע זיך צו דרייען.

אָבער נאָך אַ פּאָר שעה אַרבעט האָב איך מיך דאָך דערשפּירט עפּעס אומבאַקוועם. דערדאָזיקער מענטש מיטן שטילן אומדייטלעכן שמועס האָט דאָך אַרויסגערופן אין מיר עפּעס אַן אומרואיק געפיל, פּונקט ווי איך וואָלט ביים מיטאָג אַראָפּגעשלונגען אַ שטיקל גלאָז. איך האָב מיך אָנגעהייבן צו דערמאָנען, צו פאַרגלייכן. סטאַלין האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר מיר גאָר פון אַן אַנדער זייט. אַ סך שפּעטער האָט מיר קרעסטינסקי געזאָגט וועגן סטאַלינען: „דאָס איז אַ פּאַסקודנער מענטש מיט געלע אויגן.״ און אָט דידאָזיקע מאָראַלישע געלקייט סטאַלינס איז טאַקע צום ערשטן מאָל אויפגעשוואומען אין מיין באַוואוסטזיין נאָך מענזשינסקיס וויזיט. קומענדיק נאָכדעם אויף אַ קורצער צייט קיין מאָסקווע, האָב איך, ווי תמיד, קודם־כל באַזוכט לעני̇נען. מיר האָבן געשמועסט וועגן פראָנט. לעני̇ן האָט זייער ליב געהאַט די פּרטים פונם פּשוטן לעבנסשטייגער, קליינע פאַקטן, שטריכן, וואָס האָבן אים מיט איינמאָל, אָן שום זייטיקע אומוועגן, אַריינגעפירט אין תּוך פון דער זאַך. ער האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן, ווען מען איז פון אויבן צוגעגאַנגען צום לעבעדיקן לעבן. אַריבערשפּרינגענדיק איבער איינצלנע פּונקטן, האָט ער געשטעלט זיינע באַזונדערע פראַגן, איך האָב געענטפערט, און האָב מיך בעת מעשה געקוויקט, ווי אַזוי ער עגבויערט עס אַלץ גוט אַדורך מיטן געדאַנק. מיר האָבן צוזאמען געלאַכט. לעני̇ן איז על־פּי־רוב געווען

פֿריילעך. איך האַלט מיך אויך נישט פֿאַר אַ מרה־שחורהניק. צום סוף האָב איך דערציילט וועגן מענזשינסקיס באַזוך אויפֿן דרום־פֿראָנט. „שוין זשע איז דאָ פֿאַראַן כאָטש אַ טראָפּעלע אמת?“—איך האָב באַלד באַמערקט ווי לענין האָט זיך גענומען אויפֿרעגן. דאָס בלוט האָט אים אַפֿילו אַ זעץ געטאָן אין פּנים. „דאָס זענען נאַרישקייטן“—האָט ער איבערגעחזרט, אָבער נישט זיכער. „מיך אינטערעסירט בלויז איין זאַך,“ האָב איך געזאָגט, „צי האָט איר געקאָנט כאָטש אויף איין מאָמענט צולאָזן דעמדאָזיקן משונה־ווילדן געדאַנק, אַז איך פֿיר צונויף מענטשן קעגן אייך?“ „נאַרישקייטן“, האָט לענין געענטפֿערט, אָבער דאָסמאָל מיט אַזאַ זיכערקייט, אַז איך האָב מיך באַלד באַרואיקט. און עס האָט זיך געפֿילט אַזוי, ווי עפּעס אַ וואָלקנדל וואָלט זיך האָבן פֿאַרבייגעטראָגן איבער אונזערע קעפּ, און מיר האָבן זיך צעזעגנט מיט אַ באַזונדערער וואַרעמקייט. אָבער איך האָב פֿאַרשטאַנען, אַז מענזשינסקי האָט נישט גערעדט גלאַט אין דער וועלט אַריין. אויב לענין האָט אָפּגעלייקנט מיט האַלבע ווערטער, איז עס נאָר צוליב דעם, ווייל ער האָט געוואָלט אויסמיידן אַ קאָנפֿליקט, אַ רייבונג, אַ פּערזענלעכן קאַמף. אין דעם פּרט בין איך געווען אינגאַנצן מסכּים מיט אים. אָבער סטאַלין האָט אָפֿן געזייט בייזע זאָמען. ערשט מיט אַ צייט שפּעטער איז מיר קלאָר געוואָרן, ווי סיסטעמאַטיש ער האָט זיך דערמיט באַשעפֿטיקט. כמעט אויסשליסלעך דערמיט. ווייל סטאַלין האָט קיינמאָל קיין ערנסטע אַרבעט נישט געפֿירט. „די הויפּט־אייגנשאַפֿט סטאַלינס איז פֿוילקייט,“ האָט מיט מיר אַמאָל בוכאַרין איינגעקנעלט. „די צווייטע אייגנשאַפֿט זיינע איז— די פֿאַרביסענע קנאה קעגן די אַלע, וואָס ווייסן און קאָנען מער פֿון אים. ער האָט אויך קעגן איליטשן געגראָבן אונטערערדישע וועגן.“

זיבן און דרייסיקסטער קאַפּיטל

חלוקי־דעות וועגן דער קריגס־סטראַטעגיע

אויף די דאָזיקע זייטלעך שילדער איך נישט די געשיכטע פֿון דער רויטער אַרמעע און נישט די געשיכטע פֿון אירע קאַמפּן. די דאָזיקע ביידע טעמעס, וואָס זענען פעסט געקניפּט און געבונדן מיט דער געשיכטע פֿון דער רעוואָלוציע און גייען אַרויס ווייט איבער די גרענעצן פֿון אַן אויטאָביאָגראַפֿיע, וועלן אפשר בילדן דעם אינהאַלט פֿון אַן אַנדער בוך. איך קאָן אָבער דאָ נישט פֿאַרבייגיין יענע פּאָליטיש־סטראַטעגישע חלוקי־דעות, וואָס זענען אויפגעשוואומען אין פּראָצעס פֿון בירגערקריג. דער גורל פֿון דער רעוואָלוציע איז געווען אָפּהענגיק פֿון די קריגס־אָפּעראַציעס. דער צענטראַל־קאָמיטעט פֿון דער פּאַרטיי איז וואָס ווייטער, אַלץ מער געווען אַריינגעטאָן אין די פֿראַגן פֿון קריג און צוגלייך דערמיט אויך אין די פֿראַגן פֿון דער סטראַטעגיע. די וויכטיקסטע לייטונגס־פֿלעצער זענען געווען באַזעצט מיט קריגס־ספּעציאַליסטן פֿון דער אַלטער שולע. זיי האָט געפֿעלט די פֿאַרשטענדעניש פֿאַר סאָציאַלע און פּאָליטישע פֿאַרהעלטענישן. די דערפֿאַרענע רעוואָלוציאָנערע פּאָליטיקער, וואָס האָבן געבילדעט דעם צענטראַל־קאָמיטעט פֿון דער פּאַרטיי, האָבן, ווידער, געפֿעלט מיליטערישע קענטענישן. די סטראַטעגישע קאָנצעפּציעס אין גרויסן מאַסשטאַב זענען געווײנלעך געווען דער רעזולטאַט פֿון אַ קאָלעקטיווער אַרבעט און האָבן, ווי תּמיד אין אַזעלכע פֿאַלן, אַרויסגערופֿן חלוקי־דעות און געראַנגלענישן.

אין פיר פאַלן זענען געווען דיפערענצן אין סטראַטעגישע פראַגן, וואָס האָבן שטאַרק פאַרכאַפּט דעם צענטראַל־קאָמיטעט; מיט אַנדערע ווערטער, עס זענען געווען פּונקט אַזויפיל מיינונגס־פאַרשיידנהייטן, וויפל הויפּט־פראָנטן. איך קען דאָ וועגן די דאָזיקע מיינונגס־פאַרשיידנהייטן רעדן נאָר בקיצור, כּדי אַריינצופירן דעם לעזער אין דעם תּוך פון די פּראָבלעמען, וואָס זענען אויפגעשוואומען פאַר דער קריגספירונג, און גלייכצייטיק אָפּוואַרפן פאַרבייגייענדיק די שפּעטערדיקע לעגענדעס אויף מיין חשבון.

דער ערשטער שאַרפער קאָנפליקט איז אין צענטראַל־קאָמיטעט אויסגעבראָכן זומער 1919, אין צוזאַמענהאַנג מיט דער סיטואַציע אויפן מזרח־פראָנט. דער הויפּט־קאָמאַנדיר איז נאָך דעמאָלט געווען וואַצעטיס. וועגן אים האָב איך שוין גערעדט אין דעם קאַפּיטל, וואָס איז געווידמעט סוויאַזשסק. איך האָב מיך באַמיט צו שטאַרקן אין וואַצעטיסן דעם גלויבן אין זיך, אין זיינע רעכט, אין זיין אויטאָריטעט. אָן דעמדאָזיקן גלויבן קען בכלל נישט זיין קיין שום אָנפירונג. וואַצעטיס האָט געהאַלטן, אַז נאָך אונזערע גרויסע דערפאָלגן קעגן קאָלטשאַקן דאַרפן מיר נישט פאַרקריכן צו ווייט אין מזרח, אויף יענער זייט אוראַל. ער האָט געוואָלט, אַז דער מזרח־פראָנט זאָל איבערווינטערן אויפן באַרג־רוקן. דאָס האָט אונז געדאַרפט געבן אַ מעגלעכקייט אַראָפּצונעמען פון מזרח עטלעכע דיוויזיעס און אַריבערוואַרפן זיי קיין דרום, וואו דעניקין איז אַלץ מער און מער געוואָרן אַן ערנסטע געפאַר. איך האָב אונטערגעשטיצט דעמדאָזיקן פּלאַן. ער האָט זיך אָבער אָנגעשטויסן אויף אַן אַנטשיידענעם ווידערשטאַנד מצד קאַמענעוון, דעם קאָמאַנדיר פון מזרח־פראָנט און דעם געוועזענעם פּולקאָווניק פון גענעראַל־שטאַב, ווי אויך מצד די מיטגלידער פונם קריגסראַט, סמילגאַ און לאַשעוויטש, ביידע אַלטע באָלשעוויקעס. זיי האָבן געמאָלדן: קאָלטשאַק איז אַזוי צעקלאַפּט, אַז מען דאַרף האָבן גאַנץ ווייניק קרעפטן צו פאַרפאָלגן אים; דער עיקר — נישט לאָזן אים אָפּכאַפּן דעם אָטעם, אַנישט קאָן ער נאָך קומען צו זיך, און אין פרילינג וואָלטן מיר געדאַרפט אָנהייבן די מזרח־אָפּעראַציעס גאָר פון אָנהייב. די גאַנצע פראַגע, איז, אַלזוי, באַשטאַנען אין דער ריכטיקער אָפּשאַצונג פון קאָלטשאַקס אַרמעע און זיין הינטערפראָנט. איך האָב שוין דעמאָלט געהאַלטן דעם דרום־פראָנט פאַר אַ סך ערנסטער און געפערלעכער, ווי דעם מזרחדיקן. דאָס האָט זיך

שפעטער פולשטענדיק באַשטעטיקט. אָבער אין דער אָפּשאַצונג פון קאָלטשאַקס אַרמעע איז די אָנפירונג פון מזרח-פראָנט געווען גערעכט. דער צענטראַל-קאָמיטעט האָט אָנגענומען אַ באַשלוס קעגן דער הויפּט-אָנפירונג און דערמיט אויך קעגן מיר, ווייל איך האָב אונטערגע-שטיצט וואַצעטיסן, אַרויסגייענדיק פון דער הנחה, אַז חוץ דידאָזיקע סטראַטעגישע טעמים שפּילט נאָך אויך אַ גרויסע ראָלע דער יונגער אויטאָריטעט פונם הויפּטקאָמאַנדיר, וועלכן מען מוז אומבאַדינגט אונ-טערהאַלטן. דער באַשלוס פון צענטראַל-קאָמיטעט איז געווען, ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַ ריכטיקער. דער מזרח-פראָנט האָט באַפרייט אַ טייל קרעפטן פאַרן דרום און גלייכצייטיק מיט נצחון זיך גערוקט טיפער קיין סיביר, נישט אָפּלאָזנדיק פון אויג קאָלטשאַקן. דערדאָזי-קער קאָנפליקט האָט דערפירט דערצו, אַז מען האָט געמוזט טוישן דעם הויפּטקאָמאַנדיר. וואַצעטיס איז באַפרייט געוואָרן, און זיין אָרט האָט פאַרנומען קאַמעניעוו.

פאַר זיך גופא האָט דידאָזיקע דיפערענץ געהאַט אַ ריין זאַכ-לעכן כאַראַקטער. אויף מיין באַציונג צו לענינען האָט זי קיין שום ווירקונג נישט געהאַט. אָבער די אינטריגע, וואָס האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן דידאָזיקע עפּיזאָדישע חלוקי-דעות, האָט ווייטער געפלאָכטן אירע נעצן. דעם 4-טן יוני (1919) האָט סטאַלין פון דרום געשראָקן לענינען מיטן שעדלעכן כאַראַקטער פון דער קריגספירונג. „די גאַנצע פראַגע באַשטייט איצט אין דעם", האָט ער געשריבן, „צי וועט דער צ. ק. געפינען אין זיך גענוג מוט צו מאַכן די נויטיקע אויספירונגען? צי קלעקט דעם צ. ק. גענוג כאַראַקטער און שטאַנדהאַפטיקייט?" דער זין פון דידאָזיקע שורות איז גאַנץ קלאָר. זייער טאָן באַווייזט דייט-לעך, אַז סטאַלין האָט שוין נישט איינמאָל אויפגעהייבן דידאָזיקע פראַגע און נישט איינמאָל זיך אָנגעשטויסן אויף לענינס ווידערשטאַנד. דעמאָלט האָב איך פון דעם נישט געוואוסט. איך האָב אָבער געפילט עפּעס אַ מין קלעפּעדיקע אינטריגע. נישט האַבנדיק — נישט קיין צייט, און אויך נישט קיין חשק דערמיט זיך צו באַשעפטיקן, האָב איך פאָרגעלייגט דעם צענטראַל-קאָמיטעט מיין דעמיסיע, כדי אַזויאַרום איבערצוהאַקן דעם קנופּ. דעם 15-טן יולי האָט דער צ. ק. געענט-פערט מיט דערדאָזיקער החלטה:

„דאָס אָרגאַניזאַציאָנעלע און פּאָליטישע ביוראָ פון צ. ק. זענען נאָכדעם, ווי מען האָט באַטראַכט און אָלזייטיק באַהאַנדלט די דער-

קלערונג פון חבר טראָצקי, געקומען צו דעם איינשטימיקן באַשלוס, אַז מען איז איצט אַבסאָלוט נישט אימשטאַנד אָנצונעמען די דעמיסיע פון חבר טראָצקי און צו באַפרידיקן זיין בקשה. די אָרג. און פּאָליט. ביוראָ פון צ. ק. ווען טאָן אַלץ, וואָס איז נאָר אָפּהענגיק פון זיי, כדי צו מאַכן וואָס באַקוועמער פאַרן חבר טראָצקי און וואָס פּראָדוק־טיווער פאַר דער רעפּובליק יענע אַרבעט אויפן דרום־פראָנט — דעם שווערסטן, געפערלעכסטן און וויכטיקסטן ביי היינטיקן טאָג — יענע אַרבעט, וואָס חבר טראָצקי האָט זי אַליין אויסגעוויילט. אין זיין ראַנג אַלס קריגס־קאָמיסאַר און אַלס פּאָרזיצער פון רעוואָלוציאָנערן קריגסראַט קאָן חבר טראָצקי, אויך אַלס מיטגליד פון רעוואָלוציאָנערן קריגסראַט אויפן דרום־פראָנט, צוזאַמען מיטן פראָנט־קאָמאַנדיר, וואָס ער אַליין האָט אים אויסגעקליבן און וואָס דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט אים באַשטעטיקט, — פולשטענדיק פריי האַנדלען. די אָרג. און פּאָליט. ביוראָ פון צ. ק. גיבן דעם חבר טראָצקי פרייע הענט צו דערגרייכן מיט אַלע מיטלען דאָס, וואָס ער האַלט פאַר אַן אויס־בעסערונגס־ליניע אין דער קריגס־פראַגע און אויב ער וועט עס ווען, וועט מען זיך באַמיען וואָס פריער צונויפצורופן דעם פאַרטיי־צוזאַ־מענפאָר. לענין, קאַמעניעוו, קרעסטינסקי, קאַלינין, סערעבריאַקאָוו, סטאַלין, סטאַסאָוואַ".

אויף דערדאָזיקער החלטה פיגורירט אויך סטאַלינס חתימה. סטאַלין, וואָס האָט געפירט אינטריגעס הינטער די קוליסן און באַ־שולדיקט לענינען אין מאַנגל פון מוט און אויסגעהאַלטנקייט, האָט זיך דאָך נישט געקאָנט באַשליסן אַרויסצוטרעטן אָפן קעגן דעם צענטראַל־קאָמיטעט.

דעם וויכטיקסטן פּלאַץ אינם בירגערקריג האָט, ווי געזאָגט, פאַרנומען דעם דרום־פראָנט. די קרעפטן פון שונא זענען באַשטאַנען פון צוויי זעלבסטשטענדיקע טיילן: פונם קאָזאַקנטום, בפרט פון די קובאַנער, און פון דער ווייסער פרייוויליקער אַרמעע, וואָס איז אויפ־געזאַמלט געוואָרן פון גאַנצן לאַנד. דאָס קאָזאַקנטום האָט געוואָלט שיצן זיינע גרענעצן קעגן דרוק פון די אַרבעטער און פויערים. די פרייוויליקע אַרמעע האָט אָבער געוואָלט איינגעמען מאָסקווע. דידאָ־זיקע צוויי ליניעס האָבן זיך צונויפגעגאָסן נאָר אַזוי לאַנג, כל־זמן די פרייוויליקע האָבן אויף צפון־קאַווקאַז געבילדעט איין געמיינזאַמען פראָנט מיט די קובאַנער. אַרויספירן אָבער די קובאַנער פון קובאַן

איז פאַר דעניקינען געווען אַ שווערע, אויב נישט צו זאָגן, אַן אומ-
אויספירבאַרע אויפגאַבע. אונזער הויפט-אָנפירונג איז צוגעגאַנגען צו
דער פּראָבלעם-לייזונג פון דרום-פראָנט, ווי צו אַן אַבסטראַקט-סטראַ-
טעגישער אויפגאַבע, איגנאָרירנדיק אירע סאָציאַלע יסודות. קובאַן איז
געווען דער הויפטבאַזיס פון די פּריוויליקע. די הויפט-אָנפירונג האָט
דעריבער באַשלאָסן צו געבן דעם אַנטשיידענעם קלאַפּ איבער דעמדאָזיקן
באַזיס פון דער וואָלגע-זייט. זאָל זיך נאָר דעניקין פאַרגאַלאָפּירן און
אויסשטרעקן דעם קאָפּ קעגן מאָסקווע. אין דעם מאָמענט אָבער וועלן
מיר הינטער זיין רוקן מאַכן פּעכּרא דארא פון זיין קובאַנער באַזיס.
דעניקין וועט בלייבן הענגען אינדערלופטן און מיר וועלן אים נע-
מען מיט די היילע הענט. דאָס איז געווען די אַלגעמיינע סטראַטע-
גישע סכעמע. ווען עס וואָלט זיך נישט געהאַנדלט וועגן אַ בירגער-
קריג, וואָלט די סכעמע געווען אַ ריכטיקע. אָבער אין באַצוג צו דעם
רעאַלן דרום-פראָנט האָט זי זיך אַרויסגעוויזן אַלס ריין אַקאַדעמישע
און האָט פּאַקטיש צוגעהאָלפן דעם שונא. אויב דעניקין האָט נישט
געקאָנט באַוואויגן דאָס קאָזאַקנטום אויף אַ ווייטן פעלדמאַרש קעגן
דעם צפון, האָבן מיר אים צוגעהאָלפן דערמיט, וואָס מיר האָבן אָנגע-
גריפן די קאָזאַקן-נעסטן פון דרום. איצט האָבן זיך שוין די קאָזאַקן
נישט געקאָנט פאַרטיידיקן אויסשליסלעך אויף זייער אייגענעם באָדן.
מיר האָבן בידים פאַרבונדן זייער גורל מיטן גורל פון דער פּריוווי-
ליקער אַרמעע.

נישט געקוקט אויף דער אויסגעצייכנטער צוגרייטונג פון אונ-
זערע אָפּעראַציעס און אויף דער קאָנצענטרירונג פון באַדייטנדיקע
כוחות און מאַטעריעלע מיטלען, האָבן מיר דאָך נישט געהאַט קיין
דערפאָלג. אין רוקן פון דעניקינען האָבן די קאָזאַקן געבילדעט אַ
מעכטיקן וואַל. זיי זענען אַריינגעוואָקסן אין זייער באָדן, זיך גע-
קלאַמערט אָן אים מיט ציין און נעגל. אונזער אָנגריף האָט אַוועק-
געשטעלט אויף די פיס די גאַנצע קאָזאַקן-באַפעלקערונג. מיר האָבן
פאַרלאָרן כוחות און צייט און געטריבן אין דער ווייסער אַרמעע
אַריין די אַלע, וואָס זענען געווען פּאַסיק צו האַלטן געווער. דעניקין
האָט זיך דערווייל צעגאָסן איבער אוקראַינע, אויסגעפילט זיינע רייען,
אַרויסגעמאַרשירט קיין צפון, גענומען קורסק, גענומען אָריאָל און
באַדראָט טולע. דער פאַרלוסט פון טולע וואָלט פאַר אונז געווען אַ

קאַטאַסטראָפע, ווייל דאָס וואָלט געהייסן פאַרלירן די ווילטיקסטע וואָדן פון ביקסן און פאַטראָנעס.

מיין פלאַן, וועלכן איך האָב פאָרגעלייגט באַלד אין אָנהייב, האָט געטראָגן גאָר אַ קעגנזעצלעכן כאַראַקטער. איך האָב געפאָדערט, אַז מיר זאָלן מיטן ערשטן קלאַפּ אָפּרייסן די פּרייוויליקע פון די קאָזאַקן און דאָן, איבערלאָזנדיק די קאָזאַקן אויף זיך אַליין, קאָנ־צענטרירן די הויפּטקרעפטן קעגן דער פּרייוויליקער אַרמעע. לויט דעמדאָזיקן פלאַן האָט דער קלאַפּ געדאַרפט קומען נישט פון דער וואָלגע אויף קובאַן, נאָר פון וואָראָניעזש אויף כאַרקאָוו און אויפן דאָנעצער באַסיין. די פּויערים־ און אַרבעטער־באַפעלקערונג פון דעמ־דאָזיקן ערד־פּאַס, וואָס טיילט אָפּ צפון־קאַווקאַז פון אוקראַינע, איז לחלוטין געשטאַנען אויף דער זייט פון דער רויטער אַרמעע. זיך באַוועגנדיק אין דערדאָזיקער ריכטונג, האָט די רויטע אַרמעע זיך געקאָנט אַריינשניידן, ווי אַ מעסער אין פּוטער. די קאָזאַקן וואָלטן געבליבן אויף זייערע ערטער, כּדי צו פאַרטיידיקן זייערע גרענעצן קעגן די פרעמדע, און מיר וואָלטן זיי נישט אָנגערירט. דאָס קאָ־זאַקנטום וואָלט פאָרגעשטעלט מיט זיך אַ זעלבסטשטענדיקע אויפגאַ־בע, נישט אַזוי אַ מיליטערישע, ווי אַ פּאָליטישע. אָבער קודם־כּל האָט מען באַדאַרפט אָפּטיילן סטראַטעגיש דידאָזיקע אויפגאַבע פון דער אויפגאַבע צו צעקלאַפּן דעניקינס פּרייוויליקע אַרמעע. סוף־כּל־סוף איז טאַקע דערדאָזיקער פלאַן אָנגענומען געוואָרן, אָבער ערשט נאָכדעם, ווי דעניקין האָט באַדראָט טולע, וואָס איר פאַרלוסט וואָלט פאַר אונז געווען געפערלעכער, ווי דער פאַרלוסט פון מאָסקווע. מיר האָבן פאַרלאָרן עטלעכע חדשים צייט, געבראַכט אַ סך אומזיסטע קרבנות און איבערגעלעבט עטלעכע זייער געפערלעכע וואָכן.

פאַרבייגייענדיק וויל איך דאָ באַמערקן, אַז די סטראַטעגישע חילוקי־דעות וועגן דעם דרום־פראָנט האָבן געהאַט אַ דירעקטע באַ־ציונג צו דער פראַגע וועגן דער ריכטיקער אָפּשאַצונג אָדער „אונ־טערשאַצונג“ פון דער פּויערשאַפט. מיין גאַנצער פלאַן האָט זיך, פון איין זייט, געשטיצט אויף די קעגנזייטיקע באַציונגען צווישן די פּויע־רים און די אַרבעטער, און אויף די קאָזאַקן—פון דער צווייטער זייט. און טאַקע אין דעם זין און מיט דערדאָזיקער באַגרינדונג האָב איך אים אַנטקעגנגעשטעלט דעם אַבסטראַקט־אַקאַדעמישן פלאַן פון דער הויפּט־אָנפירונג, וואָס האָט געפונען די אונטערשטיצונג ביי־

דער מערהייט פון צענטראַל־קאָמיטעט. ווען איך וואָלט פאַרשווענדעט אַ טויזנטסטן טייל פון יענע באַמיונגען, וועלכע מען האָט אָנגעווענדט, כדי צו דערווייזן מיין „אונטערשאַצונג" פון דער פויערשאַפט, וואָלט איך אויך געקאָנט, אויפן יסוד פון אונזערע חלוקי־דעות בנוגע דעם דרום־פראָנט, אויפבויען פונקט אַזאַ באַשולדיקונג נישט בלויז קעגן זינאָוויעוון, סטאַלינען און אַנדערע, נאָר אפילו קעגן לענינען.

דער דריטער קאָנפליקט אויפן סטראַטעגישן באָדן איז אַנטשטאַנען אין צוזאַמענהאַנג מיט יודעניטשעס מאַרש אויף פּעטראָגראַד. וועגן דעם האָב איך שוין דערציילט אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל און מען דאַרף עס נישט איבערחזרן. איך וויל נאָר דערמאָנען, אַז אונטערן איינדרוק פון דער אויסערסט שווערער לאַגע אין דרום, פונוואַנען עס האָט געדראָט די הויפּטגעפאַר, און אונטער דער ווירקונג פון די ידיעות פון פּעטראָגראַד וועגן דער כלומרשט אויסערגעווינלעכער באַוואָפענונג און אויסריכטונג פון יודעניטשעס אַרמעע, איז לענין געקומען אויפן געדאַנק צו פאַרקירצן דעם פראָנט דורך אָפּגעבן פּעטראָגראַד. דאָס איז אפשר געווען דער איינציקער פאַל, ווען זינאָוויעוו און סטאַלין האָבן געהאַלטן מיט מיר קעגן לענינען. אין עטלעכע טעג אַרום האָט לענין, איבעריקנס, אַליין אָפּגעוואָרפן זיין דייטלעך פעלערהאַפטן פּלאַן.

דער לעצטער קאָנפליקט, וואָס איז זיכער אויך דער גרעסטער, איז געווען פאַרבונדן מיטן גורל פון דעם פּוילישן פראָנט זומער 1920.

דער דעמאָלדיקער ענגלישער פּרעמיער באָנאַר לאָו האָט אין דער אונטערשטער פּאַלאַטע ציטירט מיין בריוו צו די פראַנצויזישע קאָמוניסטן, אַלס באַווייז דערפון, אַז אין האַרבסט 1920 האָבן מיר געהאַט בדעה צו פאַרניכטן פּוילן. אַן ענלעכע באַהויפּטונג געפינט זיך אויך אינם בוך פון געוועזענעם פּוילישן קריגס־מיניסטער שיקאָרסקי, אָבער שוין אויפן סמך פון מיין רעדע אויפן אינטערנאַציאָנאַלן קאָנגרעס אין יאָר 1920. דאָס אַלץ איז פון אָנהייב ביזן סוף אַ ריינער אַבסורד. עס פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב אין ערגעץ נישט געהאַט קיין געלעגנהייט אויסצודריקן מיינע סימפּאַטיעס דעם פּוילן פון פּילסודסקין, ד. ה. דעם פּוילן פון אונטעריאָכונג און באַדריקונג אונטערן שלייער פון פּאַטריאָטישע פראַזן און העלדישע באַרימערייען. מען קאָן אָן שום מי אויפקלויבן אַ סך דערקלערונגען

מיינע וועגן דעם, אַז אין פאַל, אויב פּילסודסקי זאָל אונז אויפ־צווינגען אַ קריג, וועלן מיר זיך באַמיען נישט צו בלייבן שטיין אויפן האַלבן וועג. דידאַזיקע דערקלערונגען זענען געווען אַ פּועל־יוצא פון דער גאַנצער סיטואַציע. אָבער קומען פון זיי צו דעם אויספיר, אַז מיר האָבן געוואָלט מלחמה האַלטן מיט פּוילן אָדער מיר האָבן צוגעגרייט די מלחמה, הייסט פּשוט זאָגן אַ ליגן אין די אויגן פון די פאַקטן און דעם געזונטן שכל. מיט אַלע כּוחות האָבן מיר געוואָלט אויסמיידן דעמדאָזיקן קריג. אויף דעם וועג איז נישט געווען אַזאַ מיטל, וואָס מיר זאָלן אים נישט האָבן אויסגענוצט. שיקאָרסקי איז זיך מודה, אַז מיר האָבן אויסער־געוויינלעך „געשיקט" געטריבן די שלום־פּראָפּאַגאַנדע. ער פאַרשטייט נישט, אָדער מאַכט זיך נישט פאַרשטייענדיק, אַז דער סוד פון דער־דאָזיקער געשיקטקייט איז געווען זייער אַ פּשוטער: מיר האָבן מיט אַלע כּוחות געשטרעבט צום שלום, אפילו פאַרן פּרייז פון גרויסע הנחות. עס קאָן זיין, אַז איך בין געווען דער, וואָס האָט מער פון אַלע נישט געוואָלט דידאָזיקע מלחמה, ווייל איך האָב מיר צו קלאָר פאָרגעשטעלט, ווי שווער עס וועט אונז זיין זי צו פירן, נאָכדעם, ווי מיר האָבן דריי יאָר כּסדר געשטעקט אינם בירגערקריג. די פּויל־לישע רעגירונג, ווי מיר זעען עס טאַקע ווידעראַמאָל גאַנץ קלאָר פון שיקאָרסקיס בוך, האָט באַוואוסטזיניק און מיט אַ כּיוון אָנגעהייבן דעם קריג, נישט געקוקט אויף אונזערע אומדערמידלעכע באַמיונגען צו דערהאַלטן דעם שלום, באַמיונגען, וואָס האָבן פאַרוואַנדלט אונזער אויסערלעכע פּאָליטיק אין אַ קאָמבינאַציע פון געדולט און פּעדאַגאָ־גישער פעסטקייט. מיר האָבן אויפריכטיק געוואָלט אַ שלום. פּילסודסקי האָט אונז אויפגעצוואונגען דעם קריג. מיר האָבן געקאָנט פירן דעמ־דאָזיקן קריג נאָר אַ דאַנק דעם, וואָס די ברייטע פאָלקסמאַסן האָבן טאָג־איין, טאָג־אויס פאַרפאָלגט אונזער דיפּלאָמאַטישן דועל מיט פּוילן און זענען געווען דורכאויס איבערצייגט, אַז דעם קריג האָט מען אונז אויפגעצוואונגען; און זיי האָבן זיך דערין אויף קיין האָר נישט טועה געווען.

דאָס לאַנד האָט געמאַכט נאָך איין באמת העלדישע אָנשטרענ־גונג. דאָס פאַרכאַפּן קיעוו דורך די פּאָליאַקן, אַ זאַך, וואָס האָט פאַר זיך גופא קיין שום מיליטערישן זין נישט געהאַט, האָט אונז געטאָן זייער אַ גרויסע טובה: דאָס לאַנד האָט זיך אויפגעכאַפּט. איך בין

ווידעראַמאָל אַרומגעפּאָרן איבער די אַרמעען און די שטעט, מאָבילי-
זירט מענטשן און רעסורסן. מיר האָבן קיעוו דעראָבערט צוריק. עס
האָבן זיך אָנגעהייבן אונזערע דערפאָלגן. די פאָליאַקן האָבן זיך אָפּ-
געטראָגן מיט אַזאַ אימפּעט, אויף וועלכן איך האָב לגמרי נישט אויס-
גערעכנט, ווייל איך האָב מיר נישט געקאָנט פאָרשטעלן אַזאַ מין
לייכטזין, וואָס איז געלעגן אין יסוד פון פּילסודסקיס מאַרש. אָבער
אויך אויף אונזער זייט האָט זיך, נאָך די ערשטע גרויסע דערפאָלגן,
אַרויסגעוויזן אַן איבערשאַצונג פון די מעגלעכקייטן, וועלכע האָבן
זיך אַנטפּלעקט פאַר אונז. עס איז אויפגעקומען און זיך אַלץ מער
פאַרשטאַרקט די שטימונג, אַז מען דאַרף דעם קריג, וואָס מיר האָבן
אָנגעהייבן אַלס פאַרטיידיקונג, פאַרוואַנדלען אין אַ רעוואָלוציאָנערן
אָנגריפס-קריג. פּרינציפּיעל האָב איך, נאַטירלעך, נישט געקאָנט האָבן
קיין שום אַרגומענטן קעגן דעם. די פראַגע האָט זיך געדרייט אַרום
דער פאַרהעלטעניש פון די כוחות. און אומבאַקאַנט איז געווען די
שטימונג פון די פּוילישע אַרבעטער און פּויערים. עטלעכע פּוילישע
חברים, ווי, אַ שטייגער, דער פאַרשטאָרבענער י. מאַרכלעווסקי, דער
קאַמפס-חבר פון ראָזאַ לוקסעמבורג, האָבן אָפּגעשאַצט די לאַגע זייער
ניכטער. אויף מאַרכלעווסקיס אָפּשאַצונג האָבן זיך שטאַרק געשטיצט
מיינע כוונות, וואָס גיכער אַרויסצוקריכן פון קריג. עס זענען אָבער
געווען אויך אַנדערע שטימען. מענטשן האָבן שטאַרק געהאָפט אויף
דעם רעוואָלוציאָנערן אויפשטאַנד פון די פּוילישע אַרבעטער. על-פּי-
פנים האָט זיך לענין געהאַלטן ביים פעסטן פּלאַן: דערפירן די זאַך
ביזן סוף, דאָס הייסט אַריינמאַרשירן קיין וואַרשע, כדי מיטצוהעלפן
די פּוילישע אַרבעטער-מאַסן אומצוּוואַרפן פּילסודסקיס רעגירונג און
צו פאַרכאַפּן די מאַכט. די כוונה פון דער רעגירונג האָט אָן שום מי
פאַרכאַפּט די פאַנטאַזיע פון דער הויפּטאָנפירונג, ווי אויך פון דער
אָנפירונג אויפן מזרח-פראָנט. ווען איך בין צו יענער צייט אַראָפּגע-
קומען קיין מאָסקווע, האָב איך געפונען אין צענטער אַ זייער פעסטע
שטימונג פאַר דעם, אַז מען זאָל דערפירן דעם קריג „ביזן סוף”. איך
האָב מיך קאַטעגאָריש אַנטקעגנגעשטעלט קעגן דעם. די פאָליאַקן האָבן
שוין געבעטן שלום. איך האָב געהאַלטן, אַז מיר האָבן שוין דער-
גרייכט דעם קולמינאַציע-פּונקט פון נצחון, און אויב מיר וועלן זיך
נישט רעכענען מיט אונזערע קרעפטן און מאַרשירן ווייטער, קאָנען
מיר אַדורכלאָזן דעם דערגרייכטן נצחון און—דערגיין צו אַ מפּלה.

נאָך דער קאָלאָסאַלער אָנשטרענגונג, וואָס האָט פאַרמעגלעכט דער 4-טער אַרמעע דורכצומאַכן אין פינף וואָכן 650 קילאָמעטער, האָט זי זיך נאָך געקאָנט באַוועגן ווייטער. דער עיקר מיטן כּוח פון אינערציע. אַלץ איז געהאָנגען אויף די נערוון, און זיי זענען צו דינע פעדעם. איין פעסטער שטויס איז געווען גענוג אויף צו דערשיטערן אונזער פראָנט און פאַרוואַנדלען דעם אומדערהערטן, בײַשפּילאָזן — אַפילו פאַש האָט דאָס געמוזט אַנערקענען — אָנגריפס-דראַנג אין אַ קאַטאַ-סטראָפאַלן ריקצוג. איך האָב געפאָדערט, מען זאָל תּיכּף-ומיד שליסן שלום, כּל-זמן די אַרמעע איז נאָך נישט אינגאַנצן אויסגעשעפּט. אויף וויפל איך דערמאָן מיך, האָט מיך איין ריקאָוו אונטערגעשטיצט. די איבעריקע האָט נאָך לענין אין מײַן אָפּוועזנהייט אַריבערגעצויגן אויף זײַן זײַט. עס איז באַשלאָסן געוואָרן: אָ נ צ ו ג ר ײ פ ן.

אין פאַרגלײַך מיט דער בריסקער עפּאָכע האָבן זיך דאָ די ראָלן שאַרף געביטן: ד ע מ אָ ל ט האָב איך געפאָדערט זיך נישט צו אײַלן מיטן שליסן שלום, און אַז מען דאַרף, אַפילו בײַ דער געפאַר צו פאַרלירן טעריטאָריע, געבן דעם דײַטשן פּראָלעטאַריאַט די מעגלעכקייט זיך צו אָריענטירן אין דער סיטואַציע און אַרויסצוזאָגן זײַן וואָרט. א י צ ט האָט לענין געפאָדערט, אַז אונזערע אַרמעען זאָלן דורכזעצן ווייטער דעם אָנגריף, כּדי דערמיט צו פאַרמעגלעכן דעם פּוילישן פּראָלעטאַריאַט אָפּצושאַצן די לאַגע און זיך אויפצוהייבן. דער פּוילישער קריג האָט גאָר פון אַן אַנדער זײַט באַשטעטיקט דאָס, וואָס עס האָט געוויזן דער בריסקער קריג: געשעענישן פון קריג און געשעענישן פון רעוואָלוציאָנערער מאַסן-באַוועגונג ווערן געמאָסטן מיט פאַרשיידענע מאַסשטאַבן. דאָרט, וואו די אָפּערירנדיקע אַרמעען האָבן גענוג טעג און וואָכן, פאָדערט די באַוועגונג פון די פאָלקסמאַסן חדשים און יאָרן. באַרעכנט מען פאַלש דעם אונטערשייד פון די בײדע טעמפּאָס, קאָנען די צײן-רעדער פונם קריג צעברעכן די צײן אויף די רעדער פון דער רעוואָלוציע, אָנשטאָט צו ברענגען זיי אין באַוועגונג. לכּל-הדעות איז אַזוי געשען אין דעם קורצן בריסקער קריג און אַזוי איז עס אויך געשען אין דער גרויסער פּוילישער מלחמה. מיר זענען פאַרבײַגעגאַנגען אונזער אייגענעם נצחון און געקומען — צו דער שווערער מפּלה.

מען מוז דאָ באַמערקן, אַז איינע פון די סיבות, פאַרוואָס די קאַטאַסטראָפע בײַ וואַרשע האָט אָנגענומען אַזאַ געוואַלדיקן פאַרנעם,

איז געוועזן די האַלטונג פון דער אָנפירונג פון דער סאָוויעטישער דרום-גרופּע מיט איר באַוועגונג קיין לעמבערג. די פּאָליטישע הויפּט-פיגור אינם רעוואָלוציאָנערן קריגסראַט פון דערדאָזיקער גרופּע איז געווען סטאַלין. ער האָט פּאַר יעדן פּרייז געוואָלט אַריינמאַרשירן קיין לעמבערג, בעת סמילגאַ און טוכאַטשעווסקי וועלן אַריינמאַרשירן קיין וואַרשע. אַמאָל האָבן מענטשן אויך אַזאַ מין אַמביציע! אַז די געפּאַר פּאַר טוכאַטשעווסקיס אַרמעען איז געוואָרן געגנוג בולט און די הויפּטאָנפירונג האָט באַפוילן דעם דרום-פראָנט, ער זאָל באַלד ענדערן די ריכטונג, כדי אָנצוגרייפן דעם פליגל פון די פוילישע אַרמעען ביי וואַרשע, האָט די לייטונג פונם דרום-מערב-פראָנט, אויפ-געמונטערט פון סטאַלינען, נישט אויפגעהערט זיך צו באַוועגן קיין מערב: צי דען איז עס טאַקע נישט וויכטיקער אַליין צו דעראָבערן לעמבערג, איידער צו העלפן די „אַנדערע" איינצונעמען וואַרשע? ערשט נאָך די אָפּטע באַפעלן און דראָונגען האָט די דרום-מערב-אָנפירונג געענדערט די ריכטונג. אָבער די פּערספּעקטיקונג פון עטלעכע טעג האָט געשפּילט אַ קאַטאַסטראָפאַלע ראָל.

אונזערע אַרמעען זענען צוריקגעגאַנגען אויף אַ שטח פון פיר-הונדערט קילאָמעטער, און נאָך מער. נאָך די נעכטיקע גלאַנצפולע נצחונות האָט עס קיינעם שטאַרק נישט געשמעקט. קומענדיק צוריק פונם וראַנגעל-פראָנט, האָב איך אין מאָסקווע געפונען אַ שטימונג, מען זאָל אָנהייבן אַ צווייטן קריג מיט פוילן. איצט איז שוין ריקאָוו אויך אַריבער אין צווייטן לאַגער. „קוים האָט מען אָנגעהייבן", האָט ער געזאָגט, „מוז מען ענדיקן". די אָנפירונג פונם מערב-פראָנט האָט שטאַרק אויפגעמונטערט: עס זענען אָנגעקומען געגנוג רעזערוון, די אַרטילעריע איז באַנייט געוואָרן און ד. גל. דער פאַרלאַנג איז גע-וואָרן דער פּאָטער פון געדאַנק. „וואָס האָבן מיר אויפן מערב-פראָנט?" האָב איך איינגעווענדט. „מאָראַליש צעקלאַפּטע קאַדרעס, אין וועלכע מען האָט איצט אַריינגעקנאָטן רוי מענטשן-טייג. מיט אַזאַ אַרמעע קאָן מען נישט פירן קיין קריג. ריכטיקער געזאָגט, מיט אַזאַ אַרמעע קאָן מען זיך ווי עס איז נאָך פאַרטיידיקן, אָפּטרעטנדיק און צוגרייטנ-דיק הינטערן פראָנט אַ צווייטע אַרמעע; עס איז אָבער אַן אומזין צו קלערן, אַז אַזאַ אַרמעע קאָן זיך דערהייבן צו אַ נצחונדיקן אָנ-גריף אויף אַ וועג, וואָס איז פאַרזייט מיט אירע אייגענע ברוכשטי-קער". איך האָב דערקלערט, אַז ווען מען זאָל איצט ווידעראַמאָל איבערחזרן

דעם באַגאַנגענעם פעלער, וועט עס אונז קאָסטן צען מאָל אַזויפיל און אַז איך וועל מיך דעריבער נישט אונטערוואַרפן דעם אָנגעמערקטן פלאַן און וועל אַפעלירן צו דער פאַרטיי.

לענין האָט אַפילו נאָך אַלץ פאָרמעל געהאַלטן, אַז מען דאַרף פירן ווייטער דעם קריג, דערפאַר אָבער שוין נישט אַזוי זיכער און עקשנותדיק, ווי פריער. מיין אומדערשיטערלעכע איבערצייגונג אין דער נויטווענדיקייט צו שליסן שלום, ווען אַפילו אַ שווערן שלום, האָט געמאַכט אויף אים דעם געהעריקן איינדרוק. ער האָט פאָרגעלייגט, מען זאָל אָפוואַרטן מיט דער פראַגע, ביז איך וועל אַרויספאָרן אויפן מערב-פראָנט און וועל מיך ווי געהעריק באַקענען מיטן צושטאַנד פון אונזערע אַרמעען נאָכן ריקצוג. פאַר מיר האָט עס אייגנטלעך געהייסן, אַז לענין נעמט אָן מיין פאָזיציע.

אין שטאַב פון פראָנט איז די שטימונג געווען פאַר אַ צווייטן קריג. אין דידאָזיקע שטימונגען איז אָבער נישט געווען קיין שום זיכערקייט: זיי האָבן פאָרגעשטעלט מיט זיך אַן אָפשפיגלונג פון די מאָסקווער שטימונגען. און וואָס טיפער איך האָב מיך אַראָפגעלאָזט אויף דעם מיליטערישן לייטער — פון דער אַרמעע צו דער דיוויזיע, צום פולק, צו דער ראָטע — אַלץ קלאָרער איז פאַר מיר געוואָרן די אוממעגלעכקייט פון אַן אָנגריפס-קריג. אויף דערדאָזיקער טעמע האָב איך לענינען אַרויסגעשיקט אַ בריוו, געשריבן מיט דער האַנט, און האָב מיר אַפילו נישט איבערגעלאָזט קיין קאָפיע פון אים. נאָכדעם האָב איך מיך ווייטער אַוועקגעלאָזט אין וועג אַריין. אַ צוויי, דריי טעג, וואָס איך האָב פאַרבראַכט אויפן פראָנט, זענען געווען פולשטענדיק גענוג צו באַשטעטיקן די ריכטיקייט פון מיין מיינונג, מיט וועלכער איך בין אַרויסגעפאָרן אויפן פראָנט. איך האָב זיך אומגעקערט קיין מאָסקווע און דאָס פאָליטביוראָ האָט איינשטימיק אָנגענומען אַ באַשלוס לטובת דעם באַלדיקן שלום.

דער פעלער פונם סטראַטעגישן חשבון אין דעם פוילישן קריג האָט געהאַט גרויסע היסטאָרישע פאָלגן. דאָס פוילן פון פילסודסקין איז גאָר אומגעריכט אַרויס פון קריג פאַרשטאַרקט. די אַנטוויקלונג פון דער רעוואָלוציע, האָט, להיפוך, באַקומען אַ מוראדיקן קלאַפ. די גרענעצן, וואָס זענען פעסטגעשטעלט געוואָרן לויטן ריגער אָפמאַך, האָבן אָפגעשניטן די סאָוויעטן-רעפובליק פון דייטשלאַנד, און דאָס האָט שפעטער געהאַט אַן אויסעראָרדנטלעכע באַדייטונג פאַרן לעבן פון

ביידע לענדער... לענין האָט, נאַטירלעך, בעסער פון יעדן איינעם פאַרשטאַנען די באַדייטונג פון דעם „וואַרשעווער" פעלער און האָט זיך סיי אין רעיון און סיי אין ווערטער נישט איינמאָל צו אים אומגעקערט.

אין דער ליטעראַטור פון די עפּיגאָנען ווערט לענין היינט געמאָלט אומגעפער אַזוי, ווי די סוזדאַלער מאַלער פון די הייליקע בילדער פלעגן אויסמאָלן די קדושים און קריסטוסן: אָנשטאָט אַן אידעאַל בילד באַקומט זיך אַ קאַריקאַטור. וויפל די געטערמאָלער זאָלן נישט שפּרינגען פון דער הויט ביי זייער מלאכה, וועלן זיי אַלץ אָפּשפּיגלען אויפן ברעטל זייער אייגענעם געשמאַק און טאַקע צוליב דעם וועלן זיי אַלעמאָל געבן זייער אייגענעם, נאָר בלויז אידעאַליזירטן פּאָרטרעט. און פּונקט ווי דער אויטאָריטעט פון די עפּיגאָנען שטיצט זיך אויפן פאַרבאָט צו צווייפלען אין זיין אומפעלבאַרקייט, אַזוי ווערט אויך לענין אין דער עפּיגאָנען־ליטעראַטור געשילדערט נישט ווי אַ רעוואָלוציאָנערער סטראַטעגיקער, וואָס האָט זיך גענויאַל אָריענטירט אין יעדער סיטואַציע, נאָר ווי אַ מעכאַנישער אויטאָמאַט פון אומפעלבאַרע באַשלוסן. דאָס וואָרט גאוניע בנוגע לענינען איז צום ערשטן מאָל אָנגעווענדט געוואָרן דורך מיר, בעת אַנדערע האָבן נאָך נישט געוואַגט דאָס אַרויסצורעדן. יאָ, לענין איז געווען געניאַל, מיט דער פולסטער מענטשלעכער געניאַלקייט. לענין איז אָבער נישט געווען קיין מעכאַנישע רעכנמאַשין, וואָס פונקציאָנירט אָן שום פעלערן. ער איז אָבער באַגאַנגען אַ סך ווייניקער פעלערן, ווי יעדער איינער וואָלט זיי באַגאַנגען אויף זיין אָרט. לענין האָט, נאַטירלעך, געמאַכט פעלערן, און זייער גרויסע פעלערן, לויט דעם שוואונג פון זיין גאַנצער אַרבעט.

אַכט און דרייסיקסטער קאַפּיטל

דער איבערגאַנג צו דער נייער עקאָנאָמישער פּאָליטיק (נעפּ) און מײַנע באַציונגען צו לענינען

איך דערגענטער מיך צו דעם לעצטן פּעריאָד פון מײַן צוזאַמענאַרבעט מיט לענינען. דערדאָזיקער פּעריאָד איז וויכטיק אויך דערמיט, וואָס ער איז שוין כּולל אין זיך די עלעמענטן פונם עפּיגאָנישן נצחון נאָך לענינען.

נאָך לענינען איז געשאַפן געוואָרן אַ קאָמפּליצירטע און ווײַט־פאַרצווײַגטע היסטאָריש־ליטעראַרישע אָרגאַניזאַציע צו פאַרקריפּלען די געשיכטע פון אונזערע באַציונגען. דער הויפּט־מעטאָד באַשטייט אייגנטלעך אין דעם, וואָס מען דאַרף אַרויסרײַסן פון דעם גאַנצן עבר נאָר יענע מאָמענטן, ווען מיר זענען זיך פונאַנדערגעגאַנגען אין די מיינונגען, און שטיצנדיק זיך אויף איינצלנע פּאָלעמישע אויסדרוקן, און עפּטער פּשוט אויף אויסגעטראַכטע מעשיות—פאָרשטעלן אַ בילד פון אַן אומאויפהערלעכן קאַמף פון צוויי „פּרינציפּן”. די געשיכטע פון דער קירכע, וואָס איז אָנגעשריבן געוואָרן דורך די מיטלאַלטערלעכע אַפּאָלאָגעטן, שטעלט פאָר מיט זיך אַ מוסטער פון וויסנשאַפטלעכקייט אין פאַרגלײַך מיט די היסטאָרישע אונטערזוכונגען פון דער עפּיגאָנען־שולע. זייער אַרבעט ווערט אין אַ געוויסער מאָס פאַרלײַכטערט דורך דעם, וואָס בעת איך פלעג נישט איינשטימען מיט לענינען, האָב איך וועגן דעם גערעדט אָפן, און ווען מען האָט געדאַרפט—אפילו אַפּעלירט צו דער פּאַרטיי. וואָס

אָנגעבלאָנגט די היינטיקע עפּיגאָנען, פּלעגן זיי, ביי אַ מיינונגס־פאַרשיידנהייט מיט לעניגען, וואָס דאָס פּלעגט פאָרקומען מיט זיי אַ סך עפטער, ווי מיט מיר, געוויינלעך אָננעמען אַ מויל מיט וואַסער, אָדער, ווי סטאַלין, אַ שטייגער, זיך אָנבלאָזן און באַהאַלטן אויף עטלעכע טעג אין אַ דאָרף אונטער מאָסקווע. על־פּי־רוב האָבן די באַשלוסן, צו וועלכע לענין און איך זענען געקומען דורך באַזונדערע וועגן, אין תוך תמיד געשטימט. מען האָט זיך ביסלעכווייז אָנגעהייבן פאַרשטיין קעגנזייטיק פון האַלבן וואָרט. קוים האָט מיר אויסגעוויזן, אַז אַ באַשלוס פון פּאָליטביוראָ אָדער פון סאָוונאַרקאָם קאָן אויספאַלן נישט ריכטיק, האָב איך צוגעשיקט לענינען אַ צעטעלע. ער האָט געענטפערט: „זייער ריכטיק. טראָגט אַריין אַ פאָרשלאַג.” טיילמאָל פלעגט ער מיר צושיקן אַ פראַגע, צי בין איך מסכים מיט זיין פאָרשלאַג, און אויב יאָ, זאָל איך אַרויסטרעטן פאַר זיין פאָרשלאַג. זייער אָפט פלעגט ער זיך מיט מיר טעלעפאָניש פאַרשטענדיקן וועגן דעם גאַנג פון עפּעס אַן ענין, און אויב די פראַגע איז געווען אַ וויכטיקע, פלעגט ער ענערגיש איבערחזרן: „קומט אומבאַדינגט, אומבאַדינגט!” אין יענע פאַלן, ווען מיר פלעגן אַרויסטרעטן צוזאַמען — און דאָס איז געשען כמעט שטענדיק, ווען עס האָט זיך על־פּי־רוב געהאַנדלט וועגן פּרינציפּיעלע פראַגן, — האָבן די־יעניקע, וואָס זענען נישט געווען צופרידן מיט אונזער באַשלוס, פּשוט געשוויגן. און צווישן זיי זענען אויך געווען די היינטיקע עפּיגאָנען. וויפל מאָל האָט געטראָפן, אַז סטאַלין, זינאָוויעוו אָדער קאַמעניעוו זענען נישט געווען איינשטימיק מיט מיר אין פראַגן פון דער גרעסטער וויכטיקייט. קוים האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז לענין איז סאָלידאַריש מיט מיר, זענען זיי תיכף־ומיד שטום געוואָרן. מען קאָן זיך באַציען, ווי מען וויל, צו דער גרייטקייט פון די „תלמידים” זיך אָפּצוזאָגן פון דער אייגענער מיינונג לטובת לענינס אַ מיינונג, דאָך אָבער איז אין דערדאָזיקער גרייטקייט נישט געלעגן קיין גאַראַנטיע דערפאַר, אַז זיי זענען פעאיק צו קומען צו לענינס באַשלוסן — אָן לענינען.

מיינע דיפערענצן מיט לענינען פאַרנעמען אין דעמדאָזיקן בוך אַזאַ אָרט, וועלכן זיי האָבן איןווירקלעכן לעבן קיינמאָל נישט פאַרנומען. דאָס דערקלערט זיך צוליב צוויי טעמים. דידאָזיקע דיפערענצן זענען אין פלוג געווען אויסנאַמען און טאַקע צוליב דעם האָבן זיי

געצויגן אויף זיך מער אויפמערקזאַמקייט. נאָך לענינס טויט האָבן דידאָזיקע דיפערענצן, דערפירט דורך די עפּיגאָנען, צו אַן אַסטראָנאָמישן מאַסשטאַב, באַקומען אַ כאַראַקטער פון זעלבסטשטענדיקע פּאָליטישע פאַקטאָרן, אָן שום שייכות צו לענינען אָדער צו מיר.

אין אַ באַזונדערן קאַפּיטל האָב איך אויספירלעך געשילדערט דעם אינהאַלט און די אַנטוויקלונג פון מיינע דיפערענצן מיט לענינען בנוגע דעם בריסקער שלום. איצט מוז איך אָפּשטעלן אויף אַן אַנדער מיינונגס־פאַרשיידנהייט, וואָס האָט אונז ביים איבערברוך פון יאָר 1920—1921, ערב דעם איבערגאַנג צו דער נייער עקאָנאָמישער פּאָליטיק, אַוועקגעשטעלט איינעם קעגן צווייטן אויף אַ צייט פון אַ וואָסערע צוויי חדשים.

די אַזויגערופענע דיסקוסיע וועגן די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען האָט זיכער עטוואָס קאַליע געמאַכט אונזערע באַציונגען אויף אַ געוויסער צייט. ביידע זענען מיר געווען צו שטאַרק אויסגעשפּראָכענע רעוואָלוציאָנערן און פּאָליטיקער, אַז מיר זאָלן קאָנען אָדער וועלן אָפּטיילן דאָס פּערזענלעכע פון אַלגעמיינעם. בעת דערדאָזיקער דיסקוסיע האָבן סטאַלין און זינאָוויעוו באַקומען, אַזוי צו זאָגן, די לעגאַלע מעגלעכקייט אַרויסצוטראָגן אין דער עפנטלעכקייט דעם קאַמף, וואָס זיי האָבן ביז איצט געפירט קעגן מיר הינטער די קוליסן. מיט אַלע כוחות האָבן זיי זיך באַמיט אויסצונוצן די קאָניונקטור. דאָס איז פאַר זיי געווען אַ רעפּעטיציע פון דער קינפטיקער קאַמפּאַניע קעגן דעם „טראָצקיזם“. אָבער גראַדע דאָס האָט דער עיקר באַאומרואיקט לענינען, און ער האָט אָנגעווענדט אַלע מיטלען, כדי עס צו פּאַראַליזירן.

דער פּאָליטישער אָנהאַלט פון דער דיסקוסיע איז אויף אַזוי ווייט פאַרשאָטן מיט מיסט, אַז איך בין לגמרי נישט מקנא דעם קינפטיקן היסטאָריקער, וואָס וועט זיך וועלן דערקלויבן צו דעם אמתן תוך. אַ סך שפּעטער, שוין נאָך לענינס טויט, האָבן די עפּיגאָנען אַנטדעקט אין מיין דעמאָלדיקער פּאָזיציע אַן „אונטערשאַצונג פון דער פּויערשאַפט“ און שיער נישט אַ פיינטלעכע באַציונג צום נעפּ. אויף דעם איז אין פלוג טאַקע געבויט געוואָרן דער גאַנצער ווייטערדיקער קאַמף. אין דער ווירקלעכקייט אָבער האָט דער יסוד פון דער דיסקוסיע געהאַט גאָר אַ קעגנזעצלעכן כאַראַקטער. כדי דאָס אויפצודעקן, מוז מען זיך אַ ביסל אומקערן צוריק.

אין האַרבסט 1919, בעת די צאָל קראַנקע לאָקאָמאָטיוון איז דערגאַנגען ביז 60%, איז געווען מער ווי זיכער, אַז אין פרילינג וועט דער פּראָצענט פון די קראַנקע לאָקאָמאָטיוון דערגיין ביז 75 פּראָצ. אַזוי האָבן פאַרזיכערט די בעסטע ספּעציאַליסטן. די אייזנבאַן-באַוועגונג האָט ביי אַזעלכע אומשטענדן לגמרי פאַרלאָרן דעם זין, ווייל מיט דער הילף פון 25 פּראָצ. האַלב-געזונטע לאָקאָמאָטיוון האָט מען בלויז געקאָנט באַפרידיקן די באַדערפענישן פון די אייזנבאַנען אַליין, וואָס לעבן פון די קאָלאָסאַלע הייצמאַטעריאַלן פון האָלץ. אינזשיניער לאָמאָנאָסאָוו, וואָס איז אין יענע חדשים געווען דער פאַקטישער לייטער פונם טראַנספּאָרט-וועזן, האָט דעמאָנסטרירט פאַר דער רעגירונג די דיאַגראַמע פון דער לאָקאָמאָטיוון-עפּידעמיע. אָנווייזנדיק דעם מאַטעמאַטישן פּונקט אין פאַרלויף פון יאָר 1920, האָט ער דערקלערט: „דאָ קומט דער טויט". „וואָס זשע דאַרף מען טאָן?" האָט לענין געפרעגט. קיין נסים זענען נישטאָ", האָט לאָמאָנאָסאָוו געענטפערט, „און אַפילו די באָלשעוויקעס זענען אויך נישט קיין בעלי-מופסים". מיר האָבן זיך איבערגעקוקט. עס האָט געהערשט זייער אַ געדריקטע שטימונג, בפרט נאָך, אַז קיינער פון אונז האָט קיין שום אַנונג נישט געהאַט סיי אין דער טעכניק פון טראַנספּאָרט און סיי אין דער טעכניק פון אַזעלכע פינסטערע חשבונות. „און מיר וועלן פּרוּוון ווייזן אַ נס", האָט לענין טרוקן, דורך די ציין אַ זאָג געטאָן.

אין די נאָענטסטע חדשים האָט זיך אָבער די לאַגע כסדר פאַרערגערט. דערויף זענען געווען גענוג אָביעקטיווע סיבות. עס איז אָבער זייער וואַרשיינלעך, אַז געוויסע אינזשינירן האָבן זיך באַמיט קינסטלעך צוצופּאַסן די לאַגע אין דעם טראַנספּאָרט צו זייער דיאַגראַמע.

די ווינטער-חדשים פאַר די יאָרן 1919—1920 האָב איך פאַרבראַכט אויפן אוראַל, וואו איך האָב אָנגעפירט מיט דער ווירטשאַפטלעכער אַרבעט. לענין האָט מיר טעלעגראַפיש פאָרגעשלאָגן: איבערצונעמען די לייטונג פונם טראַנספּאָרט-וועזן און פּרוּוון אים אויפצוהייבן מיט דער הילף פון אויסעראָרדנטלעכע מיטלען. דעמאָלט האָב איך אים צוגעשיקט פון וועג אַ פּאָזיציון ענטפער.

פון אוראַל האָב איך געבראַכט אַ באַדייטנדיקן זאַפּאַס פון ווירטשאַפטלעכע באַאָבאַכטונגען, וואָס האָבן זיך געלאָזט דעקן מיט דער אַלגעמיינער מסקנה: מען מוז זיך אָפּזאָגן פון דעם מיליטערישן

קאָמוניזם. ביי דער פּראַקטישער אַרבעט איז מיר לגמרי קלאָר געוואָרן, אַז די מעטאָדן פונם מיליטערישן קאָמוניזם, וואָס זענען אונז דורך דער גאַנצער סיטואַציע פון בירגערקריג פּשוט אויפגעצוואונגען געוואָרן, האָבן זיך אויסגעשעפּט, און כדי אויפצוהייבן די ווירטשאַפט, מוז מען פאַר יעדן פּרייז איינפירן דעם עלעמענט פון פּערזענלעכער פאַראינטערעסירונג, ד. ה. צוריקשטעלן ביז צו אַ געוויסן גראַד דעם אינערלעכן מאַרק. איך האָב פאָרגעשטעלט דעם צענטראַל-קאָמיטעט אַ פּראָיעקט צו פאַרבייטן די דערנערונגס-פאַרטיילונג דורך אַ תבואה-באַשטייערונג און איינפירן אַן אויסטויש פון סחורה.

„... די היינטיקע פּאָליטיק פון דער אויסגלייכנדיקער רעקוויזיציע לויט די דערנערונגס-נאָרמען פון דער קעגנזייטיקער ערבות, ביי דער צוואַנג-אָפּליפערונג און ביי דער אויסגלייכנדיקער פאַרטיילונג פון די אינדוסטריע-פּראָדוקטן פירט צו דער רעדיצירונג פון דער ערדאַרבעט, צו דער צעשפּליטערונג פונם אינדוסטריעלן פּראָלעטאַריאַט און דראָט לחלוטין אונטערצוגראָבן דאָס ווירטשאַפטלעכע לעבן פון לאַנד.” אַזוי האָט געקלונגען די דערקלערונג, וואָס איך האָב אָפּגעגעבן דעם צענטראַל-קאָמיטעט אין פעברואַר 1920.

„...די דערנערונגס-רעסורסן”, ווערט ווייטער געזאָגט אין דער דערקלערונג וועלן אינגיכן זיך אויסשעפּן, און קעגן דעם קאָן נישט העלפן קיין שום פאַרפּולקומונג פונם רעקוויזיציע-אַפּאַראַט. קעמפן קעגן די דאָזיקע טענדענצן פונם ווירטשאַפטלעכן אונטערגאַנג איז מעגלעך נאָר מיט פאָלגנדיקע מעטאָדן: 1) פאַרבייטן דעם איבערפלוס דורך אַ פעסטגעשטעלטער פּראָצענטואַלער באַשטייערונג (אַ מין פּראָגרעסיווער נאַטוראַלער הכנסה-שטייער) מיט אַזאַ אויסרעכענונג, אַז די גרעסערע תבואה-שטחים אָדער די בעסערע באַאַרבעטונג זאָלן נאָך אַלץ ברענגען אַ גרעסערן נוצן; 2) שאַפן אַן אַנטשפּרעכנדיקע פּראָפּאָרציע צווישן דער פאַרזאָרגונג פון די פּויערים מיט אינדוסטריע-פּראָדוקטן און דעם סכום דורך זיי געליפערטער תבואה נישט בלויז לויט די דאָרף-געמיינדעס און דערפער, נאָר אויך לויט די פּויערים-הויפן”.

די פאָרשלאָגן, ווי מיר זעען, זענען געווען זייער פּאָזיטיווע. מען דאַרף אָבער נישט פאַרגעסן, אַז נישט ווייטער פון זיי זענען אין דער ערשטער צייט געגאַנגען די פּלענער וועגן דער נייער

עקאָנאָמישער פּאָליטיק, וואָס זענען אָנגענומען געוואָרן אין אַ יאָר אַרום.

אָנהייב יאָר 1920 איז לגבי אַנטשיידן אַרויסגעטרעטן קעגן דעמ־דאָזיקן פאָרשלאַג, וואָס איז דורכן צענטראַל־קאָמיטעט אָפּגעוואָרפן געוואָרן מיט אַ מערהייט פון עלף שטימען קעגן פיר. ווי עס האָט געוויזן דער ווייטערדיקער גאַנג פון די געשעענישן, איז דער באַשלוס פון צענטראַל־קאָמיטעט געווען אַ פאַלשער. איך האָב נישט איבערגע־טראָגן די פראַגע אויפן צוזאַמענפאָר, וואָס איז פולשטענדיק אַדורכגע־גאַנגען אונטערן צייכן פונם מיליטערישן קאָמוניזם. דיווירטשאַפט האָט זיך נאָך אַ גאַנצן יאָר געראַנגלט אין אַ זאַקגעסל. מיינע די־פערענצן מיט לגבינען זענען אַרויסגעוואַקסן פון דעמדאָזיקן זאַקגעסל. קוים איז דער איבערגאַנג צום פרייען מאַרק אָפּגעוואָרפן געוואָרן, האָב איך געפאָדערט אַ ריכטיקע און סיסטעמאַטישע דורכפירונג פון די „קריגס־מעטאָדן”, כדי צו דערגרייכן ממשותדיקע דערפאָלגן אין דער ווירטשאַפט. אין דעם סיסטעם פונם מיליטערישן קאָמוניזם, וואו אַלע רעסורסן זענען, לפּחות, אין פּרינציפּ, נאַציאָנאַליזירט און פאַרטיילט לויט די באַדערפענישן פון דער מלוכה, האָב איך נישט געזען קיין פּלאַץ פאַר אַ זעלבסטשטענדיקער ראָל פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריי־נען. קוים שטיצט זיך די אינדוסטריע אויף דער מלוכהשער פאַרזאָר־גונג פון די אַרבעטער מיט די נויטיקע פּראָדוקטן, מוזן די פּראָפע־סיאָנעלע פאַריינען זיין איינגעשלאָסן אינם סיסטעם פון דער מלוכה־שער פאַרוואַלטונג מיט דער אינדוסטריע און מיט דער פאַרטיילונג פון די פּראָדוקטן. אין דעם איז באַשטאַנען דער תוך פון דער פראַגע וועגן דער פ אַ ר שׂ ט אַ ט ל ע כ ו נ ג פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, וואָס איז אומבאַדינגט אַרויסגעפלאָסן פון סיסטעם פונם מיליטערישן קאָמו־ניזם, און אין דעמדאָזיקן זין האָב איך זי פאַרטיידיקט.

אויף די יסודות פונם מיליטערישן קאָמוניזם, וואָס זענען אָנ־גענומען געוואָרן אויפן IX־טן צוזאַמענפאָר, האָב איך באַגרינדעט די נייע אַרבעט אויפן געביט פון טראַנספּאָרט. דער פּראָפעסיאָנעלער פאַריין פון די באַן־אַרבעטער ווערט ענג פאַרבונדן מיטן אַדמיני־סטראַטיוון אַפּאַראַט פונם אַמט. די מעטאָדן פון דער ריין מיליטערי־שער דיסציפּלין האָבן זיך פאַרשפּרייט איבער דער גאַנצער טראַנס־פּאָרט־ווירטשאַפט. איך האָב ענג פאַרבונדן די מיליטערישע אַדמיני־סטראַציע, וואָס איז אין יענער צייט געווען די שטאַרקסטע און

דיספּלינירטסטע מיט דער פאַרוואַלטונג פון טראַנספּאָרט־וועזן. דאָס האָט געגעבן אַ וויכטיקן איבערגעוויכט, בפרט נאָך, אַז מיטן אָנהייב פונם פוילישן קריג האָבן די מיליטערישע טראַנספּאָרטן ווידער אין אַ גרויסן מאַסשטאַב פאַרנומען די באַנען. טאָג־טעגלעך פלעג איך אַריבערפאָרן פון קריגסאַמט, וואָס האָט דורך זיין אַרבעט כסדר צע־שטערט די אייזנבאַנען, אינם וועג־קאָמיסאַריאַט, כּדי זיי נישט בלויז צו ראַטעווען פון אַנטגילטיקן חורבן, נאָר אויך זיי צוריק אויפצו־לעבן.

דאָס יאָר אַרבעט ביים טראַנספּאָרט־וועזן איז פאַר מיר פער־זענלעך געווען אַ גרויסע שולע. אַלע פּרינציפּיעלע פראַגן פון דער סאָציאַליסטישער ווירטשאַפטס־אָרגאַניזאַציע האָבן אויפן געביט פונם טראַנספּאָרט געפונען אַ מער קאָנצענטרירטן אויסדרוק. אַ ריזיקע צאָל לאָקאָמאָטיוון און וואַגאָנען פון די פאַרשיידנאַרטיקסטע טיפּן האָבן פאַרשטעלט די אייזנבאַן־וועגן און די וואַרשטאַטן. די נאָרמי־רונג פון דער טראַנספּאָרט־ווירטשאַפט, וואָס אַ העלפט פון איר האָט ביז צו דער רעוואָלוציע געהערט צו דער מלוכה און אַ העלפט צו פריוואַטע געזעלשאַפטן, איז איצט געוואָרן דער אָביעקט פון גרויסע צוגרייטונגס־אַרבעטן. די לאָקאָמאָטיוון זענען איינגעטיילט געוואָרן אין סעריעס, זייער רעמאָנט האָט באַקומען אַ פּלאַנמעסיקערן כאַראַק־טער, און די וואַרשטאַטן האָבן באַקומען גענויע אויפגאַבן, צוגעפּאַסט צו זייער לייטונגס־פעאיקייט. די צייט אויף צו דערפירן דעם טראַנס־פּאָרט צו זיין צושטאַנד פון פאַרן קריג איז באַרעכנט געוואָרן אויף פיר און אַ האַלב יאָר. די אָנגענומענע מיטלען האָבן געגעבן גוטע רעזולטאַטן. אין פרילינג און זומער פון יאָר 1920 האָט דער טראַנס־פּאָרט אָנגעהייבן אַרויסצוגיין פון זיין פאַראַליזירטן צושטאַנד. לעניון האָט נישט דורכגעלאָזן קיין איין געלעגנהייט אָנצווייזן אויף דער ווידעראויפלעבונג פון די אייזנבאַנען. אויב דער קריג, וועלכן פּיל־סודסקי האָט אָנגעהייבן קודם־כּל אין דער האָפענונג אויפן אונטער־גאַנג פון אונזער טראַנספּאָרט, האָט נישט געגעבן פוילן די גע־ווינטשטע רעזולטאַטן, איז עס טאַקע געשען נאָר אַ דאַנק דעם, וואָס די קרומע ליניע פונם אייזנבאַן־טראַנספּאָרט האָט אָנגעהייבן צו שטייגן אינדערהויך. די פּאָזיטיווע רעזולטאַטן זענען דערגרייכט געוואָרן דורך אויסערגעוויינלעכע אַדמיניסטראַטיווע מיטלען, וואָס זענען אומפאַר־מיידלעך אַרויסגעפלאָסן סיי פון דער שווערער לאַגע פונם טראַנס־

פּאַרט-וועזן, און סיי פונם סיסטעם פון מיליטערישן קאָמוניזם.

בינו-לבינו איז די אַרבעטער-מאַסע, וואָס האָט דורכגעמאַכט דריי יאָר בירגערקריג, אַלץ ווייניקער געווען מרוצה צו ליידן פון די מעטאָדן פון דער קריגספירונג. לענין האָט מיט זיין אומפעלבאַרן פּאָליטישן אינסטינקט דערשפּירט, אַז עס קומט אָן אַ קריטישער מאָמענט. אין דער צייט, ווען איך, אַרויסגייענדיק פון ריין ווירטשאַפטלעכע השערות, האָב אויף די יסודות פונם מיליטערישן קאָמוניזם געזוכט צו דערגרייכן פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען די שטאַרקסטע קראַפט-אָנשטרענגונג, איז לענין, צוליב פּאָליטישע השערות, אַוועק אין דער ריכטונג פון אָפּשוואַכן דעם מיליטערישן דרוק. ערב דעם X-טן פּאַרטיי-צוזאַמענפאָר האָבן זיך אונזערע ליניעס אַנטאַגאָניסטיש איבערגעשניטן. אין דער פּאַרטיי האָט זיך צעפלאַקערט אַ דיסקוסיע. זי האָט זיך אָבער לגמרי נישט געדרייט אַרום דער טעמע. די פּאַרטיי האָט דיסקוטירט וועגן דעם — אין וואָס פאַר אַ טעמפּאָ עס דאַרף גיין די פאַרשטאַטלעכונג פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, בעת אין דער ווירקלעכקייט האָט זיך פשוט געהאַנדלט וועגן טאָג-טעגלעכן ברויט, וועגן הייצמאַטעריאַלן, וועגן רוישטאָפן פאַר דער אינדוסטריע. די פּאַרטיי האָט מיט גרויס ברען זיך געאַמפּערט וועגן דער „שולע פון קאָמוניזם", בעת עס האָט זיך פאַקטיש געהאַנדלט וועגן דער קאַטאַסטראָפע, וואָס האָט זיך אָנגערוקט אין דער ווירטשאַפט. די מרידות אין קראָנשטאַט און אין טאַמבאָווער גובערניע האָבן זיך אַריינגעריסן אין דער דיסקוסיע, ווי אַ לעצטע וואָרנונג. לענין האָט פאָרמולירט די ערשטע, זייער פאָרזיכטיקע טעזן פאַרן איבערגאַנג צו אַ נייער עקאָנאָמישער פּאָליטיק. איך האָב זיך תיכף אָן זיי אָנגעשלאָסן. פאַר מיר זענען זיי בלויז געווען די באַנייונג פון יענע פּראָיעקטן, וואָס איך האָב אַריינגעטראָגן מיט אַ יאָר צוריק. דער שטרייט אַרום די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען האָט מיטאַמאָל פאַרלאָרן זיין גאַנצע באַדייטונג. אויפן צוזאַמענפאָר האָט זיך לענין אין דעמדאָזיקן שטרייט לגמרי נישט באַטייליקט; ער האָט געלאָזן זינאָוויעוון זיך שפּילן מיט דער גילזע פון דעם אויסגעשאָסענעם פּאַטראָן. אין די דעבאַטן אויפן צוזאַמענפאָר האָב איך פאָרויסגעזאָגט, אַז די רעזאָלוציע, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן דורך דער מערהייט, וועגן די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, וועט נישט דערלעבן ביז צו דעם קומענדיקן צוזאַמענפאָר, ווייל די נייע עקאָנאָמישע אָריענטירונג וועט פאָדערן אַ ראַדיקאַלע

רעוויזיע פון דער פראָפעסיאָנעלער סטראַטעגיע. און ווירקלעך, לענין האָט אין עטלעכע חדשים אַרום שוין אויסגעאַרבעט לגמרי נייע טעזן וועגן דער ראָל און די אויפגאַבן פון די פראָפעסיאָנעלע פאַריינען אויף די יסודות פון נעפ. איך האָב מיך פולשטענדיק אָנגעשלאָסן אָן זיין רעזאָלוציע. די סאָלידאַרקייט איז צוריק אויפגעשטעלט געוואָרן. לענין האָט זיך אָבער געשראָקן, אַז אין רעזולטאַט פון דער דיסקוסיע, וואָס האָט געדויערט גאַנצע צוויי חדשים, וועלן זיך שאַפן אין דער פאַרטיי פעסטע גרופירונגען, וועלכע וועלן אָפסמען די באַציונגען און באַשווערן די אַרבעט. אָבער איך האָב נאָך בעתן צוזאַמענפאָר ליקווידירט מיט די חברים אַלע באַראַטונגען וועגן די פראָפעסיאָנעלע פראַגן. אין עטלעכע וואָכן אַרום האָט זיך לענין געקאָנט איבערצייגן, אַז איך בין נישט ווייניקער פון אים באַזאָרגט וועגן דער ליקווידירונג פון די צייטווייליקע גרופירונגען, וועלכע האָבן איצט נישט קיין שום פרינציפיעלן באַזיס. לענין האָט באַלד פרייער אָפגעאָטעמט. ער האָט זיך באַנוצט מיט עפעס אַ חוצפהדיקער באַמערקונג אויף מיין אַדרעס מצד מאָלאָטאָוון, וואָס איז דעמאָלט צום ערשטן מאָל אויסגעקליבן געוואָרן אין צענטראַל-קאָמיטעט, כדי אים צו באַשולדיקן אין אַ צו שטאַרקער התמדה און כדי טאַקע גלייך אויפן אָרט צוצוגעבן: „די לאָיאַלקייט פון חבר טראָצקי אין די אינערלעך-פאַרטייאישע באַציונגען שטייט אויסער יעדן צווייפל". ער האָט עטלעכע מאָל איבערגעחזרט דידאָזיקע פראַזע. עס איז געווען קלאָר, אַז ער שטעלט דערמיט אַ ווידערשטאַנד נישט בלויז מאָלאָטאָוון, נאָר אויך עמעצן אַנדערש. די מעשה דערפון איז דאָס, וואָס סטאַלין און זינאָוויעוו האָבן זיך געפרואווט קינסטלעך צו פאַרלענגערן די דיסקוסיע-קאָניונקטור.

סטאַלין איז גראָד אויפן צענטן צוזאַמענפאָר — לויט זינאָוויעווס איניציאַטיוו און קעגן לענינס ווילן — אָנגעמערקט געוואָרן אַלס גענעראַל-סעקרעטאַר. דער צוזאַמענפאָר איז געווען איבערצייגט, אַז דאָ האַנדלט זיך וועגן אַ קאַנדידאַטור, וואָס איז אַרויסגעשטעלט געוואָרן דורכן גאַנצן צענטראַל-קאָמיטעט אַלס אַזעלכן. קיינער האָט, איבעריקנס, נישט צוגעגעבן דעמדאָזיקן אויסוואַל קיין גרויסע באַדייטונג. דער אַמט פון אַ גענעראַל-סעקרעטאַר, וואָס איז אויפן דאָזיקן צענטן צוזאַמענפאָר צום ערשטן מאָל איינגעפירט געוואָרן, האָט אונטער לענינען געקאָנט טראָגן נאָר אַ טעכנישן, אָבער נישט קיין פאָליטישן כאַראַקטער. און דאָך האָט זיך לענין געשראָקן: „דערדאָזיקער קוכער

וועט צוגרייטן בלויז שאַרפֿע מאכלים", האָט ער זיך אָפּגערופֿן וועגן סטאַלינען, און טאַקע דערפֿאַר האָט לענין אויף איינער פֿון די ערשטע זיצונגען פֿון צ. ק., נאָכן צוזאַמענפֿאָר, אַזוי פֿעסט אונטערגעשטראָכן „טראָצקיס לאָיאַלקייט": ער האָט געשטעלט אַ ווידערשטאַנד דער אומגעדולדיקער אינטריגע.

לענינס ווערטער זענען נישט געווען קיין באַמערקונג, וואָס איז סתּם געפֿאַלן כּלאחר־יד. בעתן בירגערקריג האָט לענין איינמאָל — נישט מיט ווערטער, נאָר מיט מעשׂים — אַרויסגעוויזן זיין מאָראַלישן צוטרוי צו מיר אין אַזאַ אומבאַגרענעצטער מאָס, וואָס העכער פֿון איר קאָן שוין אַ מענטש בכלל נישט פֿאָדערן פֿון אַ צווייטן און קען אויך דעם צווייטן מער נישט געבן. אַרויסגערופֿן האָט עס ווידעראַמאָל יענע מיליטערישע אָפּאָזיציע, וואָס סטאַלין האָט געפֿירט הינטער די קוליסן. אין די יאָרן פֿון קריג האָט זיך אין מיינע הענט קאָנצענטרירט אַ מאַכט, וואָס האָט אין פֿלוג גאָר קיין גרענעץ נישט געהאַט. אין מיין צוג זענען אָפּגעהאַלטן געוואָרן זיצונגען פֿון רעוואָלוציאָנערן טריבונאַל, די פֿראָנטן זענען מיר געווען אונטערגעוואָרפֿן, די הינטער־פֿראָנטן, ווידער, זענען געווען אונטערגעוואָרפֿן די פֿראָנטן, און אין געוויסע פּעריאָדן האָט די גאַנצע טעריטאָריע פֿון דער רעפּובליק, וואָס איז נישט אָקופּירט געוואָרן פֿון די ווייסע, פֿאָרגעשטעלט מיט זיך הינטער־פֿראָנטן אָדער באַפֿעסטיקטע ראַיאָנען. יעדער איינער. וואָס איז אַרונטערגעפֿאַלן אונטער די רעדער פֿונם קריגס־וואָגן, האָט געהאַט זיינע קרובֿים און פֿריינט, וועלכע האָבן געטאָן אַלץ, וואָס זיי האָבן נאָר געקאָנט, כּדי צו פֿאַרלייכטערן דעם גורל פֿון זייער נאָנטן מענטשן. דורך פֿאַרשיידענע קאַנאַלן האָבן אַריינגעפֿלאָסן קיין מאָסקווע השתּדלותן, אָנקלאָגעס, פּראָטעסטן און האָבן זיך דער עיקר קאָנצענטרירט אינעם פּרעזידיום פֿון צ י ק. די ערשטע עפּיזאָדן אויף דערדאָזיקער טעמע האָבן זיך נאָך אָפּגעשפּילט אין צוזאַמענהאַנג מיט די געשעענישן פֿונם חודש אין סוויאַזשסק. איך האָב שוין דערציילט, אַז איך האָב איבערגעגעבן צום טריבונאַל דעם קאָמאַנדיר פֿון פּערטן לעטישן פּולק — פֿאַר דער דראָונג אַוועקצופֿירן דעם פּולק פֿון דער פּאָזיציע. דער טריבונאַל האָט פֿאַרמשפּט דעם אָנגעקלאָגטן אויף פֿינף יאָר תּפֿיסה. שוין אין עטלעכע חדשים אַרום האָט מען זיך גענומען שטאַרק משתּדל זיין פֿאַר זיין באַפֿרייונג. באַזונדערס האָט מען אויסגעאיבט אַ דרוק אויף סווערדלאָון. ער האָט אַריינגעטראָגן די פֿראַגע

אין פּאָליטביוראָ. איך האָב קורץ פאָרגעשטעלט די קריגס-סיטואַציע אין יענעם מאָמענט, ווען דער קאָמאַנדיר פון פּולק האָט מיר גע-דראָט מיט „געפערלעכע פאָלגן פאַר דער רעוואָלוציע". בעת מיין דערציילונג איז אויף לעונינס פנים געפאַלן אַ גרויערע פאַרב. איך האָב קוים באַוויזן צו ענדיקן, ווי ער האָט אויסגערופן מיט יענער צוגעשטיקטער שטימע, וואָס איז תּמיד געווען אַ צייכן פון זיין העכ-סטער אויפרעגונג: „זאָל ער זיצן, זאָל ער זיצן"... סווערדלאָוו האָט אַ קוק געטאָן אויף לעונינען, אויף מיר און דאַן געזאָגט: „איך מיין אויך אַזוי".

דער צווייטער עפּיזאָד, שוין אַ סך אַ ווילטיקערער, שטייט אין צוזאַמענהאַנג מיטן דערשיסן דעם קאָמאַנדיר און דעם קאָמיסאַר, וואָס האָבן אַראָפּגענומען דעם פּולק פון דער פּאָזיציע, פאַרכאַפּט מיט גע-ווער אין דער האַנט דעם דאַמפער און זיך מוכן געווען אָפּצופאָרן קיין ניזשני. דערדאָזיקער פּולק האָט זיך פאָרמירט אין סמאָלענסק, און דאָרט האָבן מיט דער אַרבעט אָנגעפירט די קעגנער פון מיין קריגס-פּאָליטיק, וועלכע זענען אָבער שפּעטער געוואָרן, אירע הייסע אָנ-הענגער. נאָר אין יענעם מאָמענט האָבן זיי אויפגעהייבן אַ גרויסן טומל. די קאָמיסיע, וואָס איז אויף מיין פאָדערונג באַשטימט געוואָרן פון צענטראַל-קאָמיטעט, האָט איינשטימיק אָנערקענט די האַנדלונג פון דער מיליטערישער מאַכט פאַר אַ פולשטענדיק ריכטיקע, ד. ה. פאַר אַן אומבאַדינגטע נויטווענדיקייט פון דער געשאַפענער לאַגע. די צווייידייטיקע קלאַנגען האָבן אָבער נישט אויפגעהערט. עטלעכע מאָל האָט מיר אַפילו אויסגעוויזן, אַז אירע קוואַלן געפינען זיך דאָ דער-ביי ערגעץ, גאָר נאָענט פונם פּאָליטביוראָ. מיר איז אָבער נישט גע-לעגן אין קאָפּ זיך צו פאַרנעמען מיט פאָרשן און אויפפּלאָנטערן דעם קנויל פון אינטריגעס. אָבער איין איינציקן מאָל האָב איך אויף אַ זיצונג פון פּאָליטביוראָ דאָך באַמערקט, אַז ווען נישט די דראַקאָנישע מיטלען, וואָס זענען אָנגענומען געוואָרן אונטער סוויאַזשסק, וואָלטן מיר איצט נישט געזעסן אין פּאָליטביוראָ. „אַבסאָלוט ריכטיק!" האָט לעונין אַ זאָג געטאָן, און טאַקע גלייך אויפן אָרט גענומען שנעל-שנעל שרייבן, ווי זיין שטייגער איז געווען, מיט רויטן טינט אויף דער אונטערשטער העלפט פון אַ ריינעם בלאַנק מיטן סטעמפּל פון סאָווגאַרקאָם. די זיצונג איז איבערגעריסן געוואָרן, ווייל לעונין האָט געפירט דעם פּאָרזיץ. אין צוויי מינוט אַרום האָט מיר לעונין איבער-געגעבן אַ בויגן פּאַפּיר מיט פּאָלגנדיקע שורות:

פּאָרזיצער פון ראַט
פון די פאָלקס-קאָמיסאַרן
מאָסקווע, קרעמל
... יולי 1919

חברים!

קענענדיק דעם שטרענגען כאַראַקטער פון חבר טראָצקיס דירעקטיוון, בין איך אזויפיל איבערצייגט, אויפן אבסאָלוטן אופן איבערצייגט, אין דער ריכטיקייט, צוועקמעסיקייט און נויטווענדיקייט פון חבר טראָצקיס פאַראָרדענונגען לטובת דער זאַך, אַז איך שטיץ פולשטענדיק אונטער דידאָזיקע פאַראָרדענונגען.

ה. אוליאַנאָוו-לענין

—איך וועל אייך אַרויסגעבן,—האָט לענין זיך אָנגערופן,— אַזעלכע בלאַנקען, וויפל איר ווילט אַליין.

ביי די שווערסטע סיטואַציעס פון בירגערקריג, בעת די אייליקע און אומאָפּרופלעכע באַשלוסן, צווישן וועלכע עס האָבן אויך געקאָנט זיין פעלערהאַפטע, האָט לענין פאָרויס געגעבן זיין חתימה אויף יעדן באַשלוס, וואָס איך וועל געפינען פאַר נויטיק אָנצונעמען אין דער צוקונפט. און פון דידאָזיקע באַשלוסן איז גאַנץ אָפט געווען אָפּהענגיק דאָס לעבן און דער טויט פון מענטשלעכע וועזנס. צי קאָן בכלל זיין אַ גרעסערער צוטרוי פון מענטש צו מענטש? דער געדאַנק גופא וועגן אַזאַ אומגעוויינלעכן דאָקומענט האָט ביי לענינען געקאָנט אַנטשטיין נאָר צוליב דעם, ווייל ער האָט בעסער פון מיר געקענט אָדער פאַרדעכטיקט די קוועלן פון דער אינטריגע, און האָט דעריבער געהאַלטן פאַר נויטיק צו שטעלן איר דעם שטאַרקסטן ווידערשטאַנד. זיך אַנטשליסן אָבער אויף אַזאַ שריט האָט לענין געקאָנט נאָר דערפאַר, ווייל ער איז ביז צו דער טיפעניש פון זיין נשמה

געווען איבערצייגט אין דער אוממעגלעכקייט פון מיין זייט צו האַנדלען אומלאָיאַל אָדער צו מיסברויכן מיט מיין מאַכט. דידאַקטיקע איבערצייגונג האָט ער מיט אַן אומבאַשרענקטער קראַפט אויסגעדריקט אין די עטלעכע שורות. אומזיסט ווען די עפּיגאָנען זוכן בײַ זיך אַזאַ מין ענלעכן דאָקומענט. אין זיין אַרכיוו וואָלט זיך סטאַלין אפשר געקאָנט אָנשטויסן אויף לענינס „צוואה", וואָס ער האַלט אַזוי שטאַרק בסוד פון דער פּאַרטיי און פון אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט, און אין וועלכער עס ווערט גערעדט וועגן סטאַלינען, ווי וועגן אַן אומלאָיאַלן מענטשן, וואָס איז פעאיק צו מיסברויכן מיט זיין מאַכט. עס איז גענוג צו פאַרגלייכן דידאַקטיקע צוויי טעקסטן: פון איין זייט—דער אומבאַגרענעצטער מאָראַלישער פולמאַכט-שיין, וואָס לענין האָט מיר אויסגעשטעלט און פון דער צווייטער זייט—דער מאָראַלישער וואָלפישער פּאַס, וואָס ער האָט אויסגעשטעלט סטאַלינען, כדי צו באַקומען אַ פולשטענדיק בילד פון לענינס באַציונגען צו מיר און צו סטאַלינען.

נײַן און דרײַסיקסטער קאַפּיטל

לענינס קראַנקהייט

דעם ערשטן אורלויב האָב איך גענומען פאַרן צווייטן קאָנגרעס פון קאָמאינטערן, אין פרילינג 1920. איך האָב פאַרבראַכט ביי אַ צוויי חדשים אונטער מאָסקווע. די צייט איז איינגעטיילט געוואָרן צווישן דער קוראַציע—צו יענער צייט האָב איך מיך גענומען ערנסט היילן—און דער אויפמערקזאַמער באַאַרבעטונג פון מאַניפעסט, וואָס האָט אין פאַרלויף פון די נאָענטסטע יאָרן פאַרטראָטן דעם פּראָגראַם פון קאָמאינטערן, און—דעם יאַגד. עס איז געווען זייער אַ שטאַרקע באַדערפעניש זיך אָפּצורוען נאָך די יאָרן פון אָנגעשטרענגטער אַרבעט. עס האָט מיר אָבער געפעלט די געוואוינהייט צו רוען. דער שפּאַציר איז פאַר מיר קיינמאָל נישט געווען קיין אָפּרו און איז עס אויך איצט נישט געווען. דער רייץ פון יאַגד באַשטייט אין דעם, וואָס ער ווירקט אויפן באַוואוסטזיין, ווי אַ זענפט־פּלאַסטער אויף אַ קראַנקן אָרט...

אָנהייב מאַי 1922, האָב איך איינמאָל אין אַ זונטיק־טאָג גע־כאַפּט מיט אַ נעץ פיש אויף אַן אַלטער שטראָם־ריכטונג פונם מאָסקווע־טייך. עס האָט געגאָסן אַ רעגן, דאָס גראָז איז געווען פייכט, איך האָב זיך אויסגעגליטשט אויף אַ משופּעדיקן אָרט און איבערגעריסן די געוועבן פון אַ פוס. עס איז נישט געווען קיין ערנסטע זאַך, אָבער איך האָב געמוזט עטלעכע טעג ליגן צום בעט. אויפן דריטן טאָג איז בוכאַרין אַריינגעקומען צו מיר. „און איר

ליגט אויף אין בעט!" האָט ער אויסגערופן אין גרויס שרעק. „ווער ליגט דען, חוץ מיר?" האָב איך געפרעגט. „מיט ילאיטשן האָלט עס שלעכט: ער האָט באַקומען אַן אַטאַק—קאָן נישט גיין, נישט רעדן. די דאָקטוירים שטייען פאַר אַ רעטעניש."

לענין האָט תּמיד געטראַכט וועגן דעם געזונט פון זיינע מיט־אַרבעטער און אָפט פלעגט ער דערמאַנען די ווערטער פון עפּעס אַן עמיגראַנט: די אַלטע וועלן אויסשטאַרבן און די יונגע וועלן נאָכגעבן. „צי וויסן דען עפּעס אַ סך ביי אונז, וואָס איז אַזוינס אייראָפּע, וואָס איז אַזוינס די אַלוועלטלעכע אַרבעטער־באַוועגונג? כּל־זמן מיר זענען מיט אונזער רעוואָלוציע די איינציקע," האָט לענין איבערגע־חזרט, „וועט די אינטערנאַציאָנאַלע דערפאַרונג פון אונזער פּאַרטיי־שפּיץ נישט קאָנען פאַרטרעטן ווערן דורך אַנדערע". לענין אַליין האָט געגעאָלטן פאַר אַ גברן, און זיין געזונט האָט אויסגעזען צו זיין איינע פון די אומדערשיטערלעכע זיילן פון דער רעוואָלוציע. ער איז געווען אומדערמידלעך אַקטיוו, וואַכזאַם, געזעצט און פריילעך, טיילאָל אָבער פלעג איך באַמערקן באַאומרואיקנדיקע סימפּטאָמען. אין דעם פעריאָד פונם ערשטן קאָנגרעס פון קאָמאינטערן האָט ער מיך איבערראַשט מיט זיין מידן אויסזען, מיט זיין אומרעגלמעסיקער שטימע און מיט דעם שמייכל פון אַ קראַנקן. נישט איינמאָל האָב איך אים געזאָגט, אַז ער פאַרשווענדט זיך צופיל אויף צווייטראַנ־גיקע ענינים. ער האָט צוגעשטימט, אָבער ער האָט אַנדערש נישט געקאָנט. אָפטמאָל פלעגט ער זיך באַקלאָגן—און יעדעס מאָל ווי כּלאחר־יד, כּמעט ווי פאַרשעמט—אויף „קאָפּ־ווייטיק, אָבער אַ צוויי, דריי וואָכן מנוחה האָבן אים ווידער געשטעלט אויף די פיס. עס האָט זיך געדוכט, אַז לענינס געזונט וועט זיך קיינמאָל נישט אויס־שעפּן.

סוף יאָר 1921 האָט זיך אָבער זיין צושטאַנד פאַרערגערט. דעם 7-טן דעצעמבער האָט ער דורך אַ צעטעלע געמאָלדן די מיטגלידער פון פּאָליטביוראָ: „איך פאָר היינט אַוועק. הגם מיין פּאָרציע אַרבעט האָט זיך פאַרקלענערט און מיין פּאָרציע מנוחה האָט זיך לעצטנס פאַרגרעסערט, פונדעסטוועגן האָט זיך די שלאָפלאָזיקייט געוואַלדיק פאַרשטאַרקט. איך האָב מורא, אַז איך וועל נישט זיין בכּוח צו רע־פערירן—נישט אויף דער פּאַרטיי־קאָנפערענץ און נישט אויפן סאָ־וויעטן־צוזאַמענפאָר". אַ שטיק צייט האָט איצט לענין פאַרבראַכט

אין אַ דאָרף אונטער מאָסקווע. אָבער ער האָט אויך פון דאָרט זייער אויפמערקזאַם זיך צוגעקוקט צו די אַלע לויפיקע ענינים. מען האָט זיך שטאַרק געגרייט צו דער גענואַ־קאָנפערענץ. לענין שרייבט דעם 23־סטן יאַנואַר (1922) צו די מיטגלידער פון פּאָליטביוראָ:

„איך האָב נאָר וואָס באַקומען צוויי בריוו פון טשיטשערינען (פון 20־סטן און 22־סטן). ער שטעלט די פראַגע, צי איז נישט כּדאַי אַמאָל פאַר אַן אָנשטענדיקער קאָמפּענסאַציע איינצוגיין אויף קליינע ענדערונגען אין אונזער קאָנסטיטוציע, נעמלעך, אויף אַ פאַרטרעטונג פון די פּאַראַזיטישע עלעמענטן אין די סאָוויעטן. מען דאַרף עס מאַכן, הייסט עס, כּדי צו געפעלן די אַמעריקאַנער. דערדאָזיקער פאָרשלאַג טשיטשערינס באַווייזט, לויט מיין מיינונג, אַז מען דאַרף אים תּיכּף־ומיד אַוועקשיקן אין אַ סאַנאַטאָריע, וואָרים יעדע פאַרנאַכלעסיקונג אין דעם פּרט אָדער אָפּשלעפּונג א. ד. גל. וועט, לויט מיין מיינונג, זיין די גרעסטע דראָונג פאַר די אונטערהאַנדלונגען". לענין לעבט דאָ און אָטעמט אין יעדן וואָרט פון דעמדאָזיקן צעטעלע, וואו די פּאָליטישע אומברחמנותדיקייט באַהעפט זיך מיט אַ ליטרער גוטמוטיקייט.

זיין געזונטצושטאַנד האָט זיך אָבער כּסדר פאַרערגערט. אין מערץ האָבן זיך די קאָפּשמערצן פאַרשטאַרקט. די דאָקטוירים האָבן אָבער נישט איינגעפונען קיין שום אָרגאַנישע קראַנקהייטן און האָבן אים צוגעשריבן אַ לענגערן אָפּרו. לענין האָט זיך אינגאַנצן אַריבער־געטראָגן אין דאָרף הינטער מאָסקווע. דאָ איז טאַקע תּחילת מאַי געשען מיט אים דער ערשטער אַטאַק.

לענין איז, ווי עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, קראַנק געוואָרן נאָך מיט צוויי טעג צוריק. פאַרוואָס האָט מען מיר גלייך נישט גע־מאָלדן וועגן דעם? דעמאָלט איז מיר גאָר אויפן רעיון נישט געקומען עפּעס אַ חשד. „מען האָט אייך נישט געוואָלט באַאומרויִקן", האָט בוכאַרין געענטפערט. „מען האָט געוואָלט אָפּוואַרטן דעם פאַרלויף פון דער קראַנקהייט". בוכאַרין האָט גערעדט זייער אויפריכטיק, אי־בערחזרנדיק דאָס, וואָס עס האָבן אים גורם געווען די „דערוואַקסענע". אין יענעם פּעריאָד איז נאָך בוכאַרין געווען צו מיר צוגעבונדן מיט דער ריין בוכאַרינשער צוגעבונדנקייט, דאָס הייסט האַלב היסטעריש און האַלב מעשה־קינד. זיין דערציילונג וועגן לענינס קראַנקהייט האָט בוכאַרין פאַרענדיקט דערמיט, וואָס ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו מיר אויפן בעט, אַרומגעכאַפּט מיך דורך דער קאָלדרע און גע־

גומען קלאָגן: „זייט נישט קראַנק, איך בעט אייך, זייט נישט קראַנק... פאַראַן צוויי מענטשן, וואָס וועגן זייער טויט טראַכט איך מיט גרויס שרעק... דאָס איז איליאיטש און איר". איך האָב אים פריינטלעך אויסגעמוסרט, כדי צוריקצושטעלן זיין גלייכגעוויכט. ער האָט מיר געשטערט זיך צו קאָנצענטרירן אויף די אומרואיקע רעיונות, וועלכע ער האָט אַרויסגערופן אין מיר מיט זיין ידיעה. דער קלאַפּ איז געווען אַ פאַרטויבנדיקער. עס האָט זיך געדאַכט, אַז די רעוואָלוציע אַליין האָט פאַרהאַלטן איר אָטעם.

„די ערשטע קלאַנגען וועגן לענינס קראַנקהייט", דערציילט נ. י. סעדאָוואַ אין אירע אויפצייכענונגען, „זענען איבערגעגעבן געוואָרן בסוד. עס האָט אויסגעזען, ווי קיינעם איז גאָר קיינמאָל נישט איינגעפאַלן, אַז לענין קאָן אַמאָל ווערן קראַנק. אַ סך האָבן געוואוסט, אַז לענין אינטערעסירט זיך גאָר שטאַרק מיטן געזונט פון די אַנדערע, אָבער ער אַליין, האָט זיך געדאַכט, איז נישט אונטערגעוואָרפן קיין שום מחלה. כמעט ביי אַלע רעוואָלוציאָנערן פון דער עלטערער גענעראַציע האָט דאָס האַרץ שוואַך געאַרבעט אונטער דער צו גרויסער משא. „די מאָטאָרן פונקציאָנירן כמעט ביי אַלע אומרעגלמעסיק", האָבן זיך באַקלאָגט די דאָקטוירים. „בלויז צוויי הערצער זענען אין אָרדענונג", האָט פּראָפעסאָר געטיע געזאָגט צו ליעוו דאַווידאָוויטשן, „ביי וולאַדימיר איליאיטשן און ביי אייך. מיט אַזעלכע הערצער קאָן מען לעבן הונדערט יאָר". די אונטערזוכונג פון די אויסלענדישע דאָקטוירים האָט באַשטעטיקט, אַז צוויי הערצער פון די אַלע, וואָס זיי האָבן אויסגעהערט אין מאָסקווע, פונקציאָנירן זעלטן גוט: דאָס זענען די הערצער פון לענינען און טראָצקין. ווען די ברייטע קרייזן האָבן זיך דערוואוסט וועגן דער ווענדונג, וואָס איז פּלוצלונג פאַרגעקומען אין לענינס געזונט, איז עס אויפגענומען געוואָרן ווי אַ ווענדונג אין דער רעוואָלוציע גופא. צי דען קאָן לענין ווי יעדער איינער קראַנק ווערן און אפילו שטאַרבן? עס איז געווען אומדערטרעגלעך צו הערן, אַז לענין האָט פאַרלאָרן די פעאיקייט זיך צו באַוועגן און צו רעדן. מען האָט אָבער פעסט געגלויבט, אַז ער וועט אַלץ גובר זיין, אַז ער וועט אויפשטיין פון בעט און קומען צו די כּוחות". אַזוי איז געווען די שטימונג אין דער גאַנצער פּאַרטיי.

אַ סך שפּעטער, ווען איך האָב מיך אומגעקוקט אויפן עבר, האָב איך מיך ווידער מיט פרישער שטוינונג דערמאָנט אָן דעם אומ-

שטאַנד, אַז וועגן לענינס קראַנקהייט האָט מען מיר מודיע געווען ערשט אויפן דריטן טאָג. דעמאָלט האָב איך זיך אויף דעם נישט אָפּגעשטעלט. אָבער דאָס האָט נישט געקאָנט זיין קיין צופאַל. יענע, וואָס האָבן זיך שוין לאַנג געגרייט צו ווערן מיינע קעגנער, און קודם-כּל טאַקע סטאַלין, האָבן זיך באַמיט צו געווינען צייט. לענינס קראַנקהייט איז געווען פון דעם מין, וואָס האָט גלייך געקאָנט דער־פירן צו אַ טראַגישן פינאַל. מאָרגן, און אפשר נאָך היינט טאַקע, האָבן גע־קאָנט ווערן אַקטועל אַלע פראַגן פון דער לייטונג. די קעגנער האָבן געהאַלטן פאַר וויכטיק צו געווינען פאַר די הכנות, לפּחות, כאָטש איין טאָג. זיי האָבן זיך געשושקעט איינער מיטן צווייטן און געזוכט וועגן און מיטלען פאַרן קאַמף. אין יענער צייט, דאַרף מען אָננעמען, איז שוין אַנטשטאַנען דער געדאַנק וועגן „דרייעלע" (סטאַלין-זינאָוויעוו-קאַמעניעוו), וואָס האָט געזאָלט אַוועקגעשטעלט ווערן קעגן מיר.

אָבער לענין האָט זיך פאַרבעסערט אין געזונט. געטריבן פון דעם אייזנ־פעסטן ווילן, האָט דער אָרגאַניזם געמאַכט אַ גיגאַנטישע אָנשטרענ־גונג. דער מוח, וואָס האָט זיך געשטיקט צוליב אַ דוחק אין בלוט און האָט פאַרלאָרן די פעאיקייט צונויפצובינדן קלאַנגען און אותיות, האָט פּלוצלונג אויפגעלעבט.

סוף מאַי בין איך אַרויסגעפאָרן אויף אַ פישפאַנג ביי 80 ווייאָרסט פון מאָסקווע. דאָרט האָט זיך געפונען אַ קינדער-סאַנאַטאָריע אויף לענינס נאָמען. די קינדער האָבן מיך באַגלייט לענגאויס דער יע־זשערע, זיך נאָכגעפרעגט וועגן וולאַדימיר איליאיטשעס געזונט און אים איבערגעשיקט דורך מיר פעלדבלומען און אַ בריוו. לענין האָט נאָך אַליין נישט געשריבן. ער האָט דיקטירט זיין סעקרעטאַר עטלע־כע שורות:

„וולאַדימיר איליאיטש האָט מיר איבערגעגעבן, איך זאָל אייך שרייבן, אַז ער באַגריסט אייער געדאַנק, איבערצושיקן דורך אייך אַ מתנה פאַר די קינדערלעך פון דער סאַנאַטאָריע אויף דער סטאַציע פּאָדסאָלנעטשנאַיאַ. וולאַדימיר איליאיטש בעט אייך אויך איבערצוגעבן די קינדערלעך, אַז ער דאַנקט זיי זייער פאַר זייער האַרציקן בריוו און פאַר די בלומען און באַדויערט, וואָס ער קאָן נישט אויסנוצן זייער איינלאַדונג; ער צווייפלט נישט, אַז צווישן זיי וואָלט ער זיך זיכער פאַרבעסערט אין געזונט."

אין יולי איז שוין לענין געשטאַנען צוריק אויף די פיס, און

הגם אָפּיציעל האָט ער נאָך ביז אָקטאָבער נישט געאַרבעט, דאָך האָט ער אַלץ פאַרפאָלגט און מיט אַלץ זיך אינטערעסירט. אין דידאַזיקע חדשים, ווען ער איז צוריקגעקומען צו די כּוחות, האָט ער, צווישן אַנדערן, זיך אויך שטאַרק פאַראינטערעסירט מיטן פּראָצעס פון די עסערן. די עסערן האָבן דערהרגעט וואָלאָדאַרסקין, אוריצקין, שווער פאַרוואונדעט לענינען און צוויי מאָל זיך באַמיט אויפצורייסן מיין צוג. מיר האָבן דאָס נישט געקאָנט נעמען אַזוי לייכט. מיר האָבן אפילו אויך געקאָנט שעצן „די ראָל פון דער פּערזענלעכקייט אין דער געשיכטע", הגם נישט פון אַן אידעאַליסטישן שטאַנדפּונקט, ווי אונזערע שונאים. מיר האָבן נישט געקאָנט פאַרמאַכן די אויגן אויף דעם, וואָס פאַר אַ געפאַר עס דראָט דער רעוואָלוציע, אויב מיר וועלן לאָזן אונזערע שונאים צעשיסן דעם גאַנצן שפּיץ פון דער פּאַרטיי.

אונזערע הומאַניטאַרע פריינט, פון דעם מין נישט הייסע, נישט קאַלטע, האָבן אונז נישט איינמאָל דערקלערט, אַז זיי קאָנען נאָך פאַרשטיין די אומפאַרמיידלעכקייט פון רעפּרעסיעס בכלל; אָבער דער־שיסן דעם געפאַנגענעם שונא—דאָס הייסט שוין איבערטרעטן די גרענעצן פון נויטווענדיקן זעלבסטשוץ. זיי האָבן פון אונז גע־פאָדערט „גרויסמוט". קלאַראַ צעטקין און אַנדערע אייראָפּעישע קאָ־מוניסטן, וואָס האָבן נאָך דאַן געוואַגט צו זאָגן — קעגן לענינען און מיר — דאָס, וואָס זיי האָבן געטראַכט, האָבן געפאָדערט, אַז מיר זאָלן שוינען דאָס לעבן פון די אָנגעקלאָגטע. מען האָט אונז פאָרגעשלאָגן, אַז מיר זאָלן זיך באַגרענעצן מיט תּפיסה. דאָס האָט אויסגעזען גאַנץ פּשוט. אָבער די פראַגע פון פּערזענלעכער רעפּרעסיע באַקומט אין אַ רעוואָלוציאָנערער עפּאָכע אַ גאַנץ באַזונדערן כאַראַקטער, פון וועלכן עס שפּרינגען אָנמעכטיק אָפּ אַלע הומאַניטאַרע אויסגעדראָשענע ווער־טער. דער קאַמף גייט דירעקט פאַר דער מאַכט, — אַ קאַמף אויף לעבן און טויט — און דערין באַשטייט אייגנטלעך די רעוואָלוציע. וואָס פאַר אַ באַדייטונג קאָן דעריבער האָבן ביי אַזעלכע באַדינגונגען די תּפיסה פאַר מענטשן, וואָס האָפן אין די נאָענטסטע וואָכן צו דער־אָבערן די מאַכט און דאַן אַריינצוזעצן אין תּפיסה אדער אויסצוראָטן די־יעניקע, וואָס שטייען איצט ביים רודער? פונם שטאַנדפּונקט פון דעם אַזויגערופענעם אַבסאָלוטן ווערט פון דער מענטשלעכער פּער־זענלעכקייט, פאַרדינט די רעוואָלוציע אַ „פאַראורטיילונג", פונקט ווי

דער קריג, ווי, איבעריקנס, די גאַנצע געשיכטע פון דער מענטשהייט
בכלל. דאָך אָבער איז דער באַגריף גופא וועגן דער פּערזענלעכקייט
אַנטשטאַנען אַלס רעזולטאַט פון דער רעוואָלוציע, דערביי איז נאָך
דערדאָזיקער פּראָצעס גאַנץ ווייט פון זיין פאַרענדיקונג. כדי דער
באַגריף פון דער פּערזענלעכקייט זאָל באַקומען אַ רעאַלן זין, און
דער האַלב-פאַראַכטלעכער באַגריף פון דער „מאַסע" זאָל אויפהערן
צו זיין די אַנטיטעזע פונם פילאָזאָפיש-פּריווילעגירטן באַגריף „פּער-
זענלעכקייט", איז נויטיק, אַז די מאַסע אַליין זאָל זיך דורך דער ווינדע
פון דער רעוואָלוציע, אָדער, ריכטיקער, פון אַ ריי רעוואָלוציעס, אויפ-
הייבן אויף אַ נייער היסטאָרישער שטופע. און איך ווייס נישט, צי
דערדאָזיקער וועג איז גוט אָדער שלעכט פון שטאַנדפּונקט פון דער
נאָרמאַטיווער פילאָזאָפיע, און דעם אמת געזאָגט, אינטערעסירט עס
מיך נישט. דערפאַר אָבער ווייס איך גאַנץ גענוי, אַז דאָס איז דער
איינציקער וועג, וואָס די מענטשהייט האָט אים ביז אַהער געקענט.

דידאָזיקע השערות זענען בשום אופן נישט קיין פּרוואו צו
„באַרעכטיקן" דעם רעוואָלוציאָנערן טעראָר. ווען מען זאָל זיך אים
פּרוואון באַרעכטיקן, וואָלט עס געהייסן — זיך רעכענען מיט די באַ-
שולדיקער. אָבער ווער זענען זיי, די אָרגאַניזאַטאָרן און עקספּלאָאַטאַ-
טאָרן פון דער גרויסער אַלוועלטלעכער שחיטה? נייע גבירים, וואָס
האָבן לכבוד דעם „אומבאַקאַנטן זעלנער" מקדיש געווען דעם וואויל-
גערוך פון זייער נאָכמיטאָג-ציגאַר? פּאַציפיסטן, וואָס האָבן געקעמפט
קעגן קריג, כל-זמן ער איז נאָך נישט געווען, און זענען גרייט איצט
איבערצוחזרן זייער עקלהאַפטן מאַסקאַראַד. לאָיד-דזשאָרדזש, ווילסאָן און
פּואַנקאַרע, וועלכע האָבן פאַר די פאַרברעכנס פון האָהענצאָלערן
(און פאַר זייערע אייגענע) זיך געהאַלטן פאַר באַרעכטיקט אויסצוהונ-
גערן די דייטשע קינדער? די ענגלישע קאָנסערוואַטאָרן אָדער די
פראַנצויזישע רעפּובליקאַנער, וואָס האָבן מן הצד אָנגעצונדן דעם
בירגערקריג אין רוסלאַנד און זיך געפּרואווט אין דער פולסטער זי-
כערקייט צו שמידן זייערע רווחים פון רוסלאַנדס בלוט? דעמדאָזיקן
באַמענטלעכן אויסרוף האָט מען געקאָנט ציען אָן אַ סוף. פאַר מיר
האַנדלט זיך דאָ נישט וועגן אַ פילאָזאָפישער באַרעכטיקונג, נאָר וועגן
אַ פּאָליטישער דערקלערונג. די רעוואָלוציע איז טאַקע דערפאַר אַ
רעוואָלוציע, ווייל אַלע סתירות פון דער אַנטוויקלונג פירט זי צו צו
דער אַלטערנאַטיווע: לעבן אָדער טויט. צי קאָן מען דען אָננעמען,

אַז מענטשן, וואָס אַנטשיידן די פראַגע וועגן דער צוגעהעריקייט פון
עלזאַס-לאָטאַרינגען יעדן האַלבן יאָרהונדערט אויפדאָסניי דורך באַרג-
דוקנס פון מענטשלעכע קערפּער, זענען פעאיק אומצואַנדערשן זייערע
סאָציאַלע באַציונגען מיט דער הילף פון פּאַרלאַמענטאַרישער בויכרעדעריי.
לכל הדעות, האָט אונז נאָך קיינער גישט געוויזן, ווי אַזוי דאָס ווערט
געמאַכט. מיר האָבן געבראָכן דעם ווידערשטאַנד פון די אַלטע בערגי-
מינים מיט דער הילף פון שטאָל און דינאַמיט. און אַז די שונאים
האָבן אין אונז געשאָסן מיט געווער פון די סאַמע ציוויליזירטע און
דעמאָקראַטישע נאַציעס, האָבן מיר געענטפערט מיט דעמזעלבן. בער-
נאַרד שאָו האָט דערביי מיט פאָרוואורף צוגעשאָקלט מיט דער באָרד
אויף די און אויף יענע. קיינער האָט אָבער נישט באַמערקט דעמדאָ-
זיקן סאַקראַמענטאַלן אַרגומענט.

זומער 1922 האָט די פראַגע וועגן די רעפּרעסיעס אָנגענומען
נאָך אַ שאַרפערע פאָרם, ווייל עס האָט זיך דאָסמאָל געהאַנדלט וועגן
די פירער פון דער פּאַרטיי, וואָס האָבן אַמאָל געפירט צוזאַמען מיט
אונז דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף קעגן דעם צאַריזם, און נאָך דער
אָקטאָבער-איבערקערעניש אָנגעשטעלט דאָס געווער פון טעראָר קעגן
אונז. די איבערלויפער פון לאַגער פון די עסערן האָבן אונז מודה
געווען, אַז די וויכטיקסטע טעראָריסטישע אַקטן זענען נישט אָרגאַ-
ניזירט געוואָרן, ווי מיר האָבן לכתחילה געמיינט, דורך יחידים, נאָר
דורך דער פּאַרטיי, כאָטש זי האָט נישט געהאַט דעם מוט צו נעמען
אויף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר די באַגאַנגענע רציחות. דער
טויט-אורטייל מצד דעם טריבונאַל איז געווען אומפאַרמיידלעך. אָבער
די אויספירונג פון דער טויטשטראָף וואָלט אומבאַדינגט אַרויסגערופן
אַ קעגנדיקע כוואַליע פון טעראָר. זיך באַגרענעצן, ווידער, מיט
תפיסה, אפילו מיט לאַנגיעריקער, וואָלט עס פּשוט געהייסן—אויפמונ-
טערן די טעראָריסטן, וואָרים זיי האָבן דאָך אַמווייניקסטן געגלויבט
אין דער אריכות-ימים פון דער סאָוויעטן-מאַכט. עס איז נישט גע-
בליבן קיין אַנדער אויסוועג ווי צו מאַכן אָפּהענגיק די אויספירונג
פון אורטייל דערפון, צי וועט די פּאַרטיי פירן ווייטער דעם קאַמף,
צי נישט. מיט אַנדערע ווערטער: פאַרוואַנדלען די פּאַרטיי-פירער אין
ערבים.

נאָכדעם, ווי לענין איז געזונט געוואָרן, האָב איך מיך צום
ערשטן מאָל געזען מיט אים אַקוראַט אין די טעג, ווען ס'איז פאָר-

טראָצקי רעדט אויפן II-טן צוזאמענפאָר פון קאָמוניסטישן אינטערנאציאָנאל אין יאָר 1920.

געקומען דער פראָצעס פון די סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן. ער האָט זיך גלייך, מיט אַ פאַרלייכטערונגס־געמיט, אָנגעשלאָסן אָן מיין פאָרשלאַג: „ריכטיק, עס איז נישטאָ קיין אַנדער אויסוועג".

דאָס געזונט ווערן האָט לענינען ממש באַפליגלט. דאָך אָבער האָט אין אים נאָך געגעסטיקט אַן אינערלעכע אומרואיקייט. „איר פאַרשטייט", האָט ער מיט שטוינונג געזאָגט, „איך האָב נישט געקאָנט נישט רעדן און נישט שרייבן, געמוזט פונדאָסניי זיך לערנען"... און ער האָט מיר צוגעוואָרפן אַ שנעלן און אַ פאָרשנדיקן בליק.

אין אָקטאָבער איז שוין לענין אָפיציעל צוריקגעקומען צו דער אַרבעט, האָט געפירט דעם פאָרזיץ אין פּאָליטביוראָ און אין סאָוונאַרקאָם, און אין נאָוועמבער געהאַלטן פראָגראַם־רעדעס, וואָס האָבן, קענטיק, טייער געקאָסט זיין בלוט־צירקולאַציע.

לענין האָט געשפירט, אַז אין צוזאַמענהאַנג מיט זיין קראַנקייט ווערן פּאַוואָליע הינטער זיין און מיין רוקן געשפונען דינעטשקע פעדעם פון אַ פאַרשווערונג. די עפיגאָנען האָבן נאָך נישט פאַרברענט און נישט אויפגעריסן די בריקן. אָבער וואו נישט וואו האָבן זיי שוין אונטערגעזעגט די באַלקעס און אינדערשטיל אונטערגעלייגט דינאַמיט. ביי יעדער פּאַסנדיקער געלעגנהייט פלעגן זיי אַרויסטרעטן קעגן מיינע פאָרשלאַגן, ווי זיי זאָלן זיך וועלן אייבאיבן אין זעלבסטשטענדיקייט און זאָרגעווודיק צוגעגרייט דעמאָנסטראַציעס. אַריינגייענדיק אין דער אַרבעט און זיך צוקוקנדיק מיט אַ וואַקסנדיקער אומרואיקייט צו די שנויים, וואָס זענען פאָרגעקומען פאַר די לעצטע צען חדשים, האָט זיי לענין ביז אַ צייט הויך נישט אָנגערופן, כדי דערמיט נישט צו פאַרשאַרפן די באַציונגען. ער האָט זיך אָבער געגרייט צו שטעלן דעם „דרייעלע" אַ ווידערשטאַנד און האָט אים שוין אָנגעהייבן אַרויסצווייזן ביי איינצלנע פראַגן.

צו דעם צענדליק אַנדערע אַרבעטן, מיט וועלכע איך האָב אָנגעפירט לשם דער פאַרטיי, ד. ה. נישט עפנטלעך און נישט אָפיציעל, האָט אויך געהערט די אַנטי־רעליגיעזע פראָפּאַגאַנדע, מיט וועלכער לענין האָט זיך אויסערגעוויינלעך אינטערעסירט. דרינגלעך און נישט איינמאָל האָט ער מיך געבעטן נישט אָפּצולאָזן פון אויג דעם דאָזיקן געביט. אין די וואָכן, ווען ער האָט ביסלעכווייז אָנגעהייבן קומען צו די כוחות, האָט ער זיך צופעליק דערוואוסט, אַז סטאַלין מאַנעווירט אויך דאָ קעגן מיר, באַזעצנדיק דעם אַנטי־רעליגיעזן אַפּאַראַט

מיט נייע מענטשן און אָפּרוקנדיק אים פון מיר. לענין האָט פון דאָרף צוגעשיקט אין פּאָליטביוראָ אַ בריוו, אין וועלכן ער האָט, אָן אַ באַזונדערער נויטווענדיקייט אויפן ערשטן בליק, ציטירט מיין בוך קעגן קאַוטסקין, זייער געלויבט דעם מחבר, נישט אָנרופנדיק דערביי זיין נאָמען, ווי אויך נישט דעם נאָמען פון בוך. איך מוז זיך מודה זיין, אַז איך האָב לכתחילה נישט פאַרשטאַנען, אַז לענין האָט מיט אַ כיוון געמאַכט דעמדאָזיקן אומוועג, כדי אַזויאַרום צו פאַראורטיילן דעם מאַנעוור, וואָס סטאַלין פירט קעגן מיר. אויף אָנצופירן מיט דער אַנטי-רעליגיעזער פּראָפּאַגאַנדע איז בינר־לבינו אַרויסגערוקט געוואָרן יאַראָסלאַווסקי, וואָס האָט געדאַרפט, אַפנים, זיין מיין פאַר-טרעטער. ווען לענין האָט זיך אומגעקערט צו דער אַרבעט און איז געוואָר געוואָרן פון דעם, איז ער אויף אַ זיצונג פון פּאָליטביוראָ אָנגעפאַלן לפנים וועגן אויף מאָלאָטאָוון, באמת אָבער האָט ער געמיינט סטאַלינען: „יאַ־ראָ־סלאַוו-סקי? צי קענט איר דען נישט יאַראָסלאַוו-סקין? די הינער וועלן דאָך לאַכן! ווי וועט ער זיך אַן עצה געבן מיט דעראָזיקער אַרבעט?" און ד. גל. אויף די מענטשן, וואָס זענען נישט געווען באַקאַנט מיטן ענין, האָט לענינס העפטיקייט געקענט מאַכן אַן איינדרוק, ווי ער וואָלט אַ ביסל איבערגעכאַפּט די מאָס. עס האָט זיך אָבער נישט געהאַנדלט וועגן יאַראָסלאַווסקין, וואָס לענין האָט אים, אמת, נישט געקאָנט אַריבערטראָגן, נאָר וועגן דער לייטונג פון דער פּאַרטיי. אַזעלכע עפּיזאָדן זענען געווען נישט ווייניק.

אין תוך גענומען, איז סטאַלין, זינט ער איז געקומען אין אַ נענטערער באַרירונג מיט לענינען, ד. ה. באַזונדערס נאָך דער אָקטאָ־בער־איבערקערעניש, נישט אַרויס פון צושטאַנד פון אַ טונקעלער, אומבאַהאָלפענער און דעריבער שטאַרק געררייצטער אָפּאָזיציע קעגן אים. ביי זיינע גרויסע, נישט פאַרגינערישע אַמביציעס, האָט סטאַלין אויף יעדן שריט און טריט געמוזט פילן זיין אינטעלעקטועלע און מאָראַלישע מינדערווערטיקייט, ער האָט, קענטיק, געפּרואווט זיך דער-נענטערן צו מיר. ערשט שפּעטער האָב איך מיר אָפּגעגעבן אַ חשבון וועגן זיינע באַמיונגען צו שאַפן עפּעס ענלעכס צו פאַמיליערע באַ-ציונגען. ער האָט מיך זאָבער אָפּגעשטויסן מיט יענע אייגנשאַפטן זיינע, וואָס האָבן שפּעטער, אין די כוואַליעס פון ירידה, געבילדעט זיין קראַפט: די שמאָלע אינטערעסן, דער עמפּיריזם, די פּסיכאָלאָ-גישע גראָבקייט ,און יענער באַזונדערער ציניזם פון אַ פּראָווינציאַל,

וואָס דער מאַרקסיזם האָט אים באַפרייט פון אַ סך פאַראורטיילן, און
האָט זיי אָבער נישט פאַרטראָטן מיט אַ גוט דורכגעטראַכטער וועלט־
באַנעמונג, וואָס איז איבערגעגאַנגען אין דער פסיכאָלאָגיע. לויט
פאַראיינצלטע באַמערקונגען, וואָס האָבן מיר דעמאָלט אויסגעזען צו
זיין ריין צופעליקע — ס'איז נאָך אַ ספק, צי זיי זענען טאַקע אַזוי
געווען אין דערווירקלעכקייט — האָב איך פאַרשטאַנען, אַז סטאַלין
האָט זיך געפרואווט צו געפינען אין מיר אַ שטיצע קעגן דעם אומ־
דערטרעגלעכן קאָנטראָל מצד לענינען. ביי יעדן פרואוו פון דעם מין האָב
איך אינסטינקטיוו געמאַכט אַ טריט צוריק און — אים אויסגעמיטן. איך
מיין, אַז אין דעם דאַרף מען זוכן די קוועלן פון סטאַלינס קאַלטער,
לכתחילה פחדנותדיקער און נאָכדעם דורך פאַררעטערישער
שנאה צו מיר. סיסטעמאַטיש האָט ער פאַרזאַמלט אַרום זיך מענטשן,
וואָס זענען ענלעך צו אים לויטן טיפ, אָדער בכלל נישט קיין אי־
בערגעשפיצטע, וואָס לעבן סתם אין דער וועלט אַריין, נישט אַריינ־
לאָזנדיק זיך אין קיין שום חקירות, אָדער פשוט באַליידיקטע. און
צווישן די אַלע דריי מינים האָבן נישט געפעלט קיין מענטשן.

ס'איז קיין שום ספק נישט, אַז אין די לויפנדיקע ענינים איז
לענינען על־פי־רוב געווען באַקוועמער זיך צו שטיצן אויף סטאַלי־
נען, זינאָוויעוון אָדער קאַמעניעוון, ווי אויף מיר. שטאַרק באַזאָרגט
תמיד וועגן דעם, ווי אַזוי צו שפּאָרן זיין אייגענע און פרעמדע
צייט, האָט זיך לענין באַמיט צו דערפירן צו אַ מינימום די קראַפט־
פאַרשווענדונג ביי אינערלעכע רייבונגען. איך האָב געהאַט מיין קוק
אויף זאַכן, מיינע אַרבעטס־מעטאָדן, מיין אייגענעם אופן צו רעאַלי־
זירן אַן אָנגענומענעם באַשלוס. לענין האָט עס גוט געוואוסט און
האָט עס ווי געהעריק אָפגעשאַצט. און טאַקע צוליב דעם האָט ער
גוט פאַרשטאַנען, אַז איך טויג מיך נישט פאַר אַ שליחות. דאָרט, וואו
ער האָט געדאַרפט האָבן בלויז מעכאַני'שע העלפער פאַר זיינע אויפ־
גאַבן, האָט ער זיך געווענדט צו אַנדערע. דאָס האָט אין געוויסע
צייטן, באַזונדערס בעת צווישן מיר און לענינען זענען געווען די־
פערענצן, געקאָנט אַרויסרופן ביי זיינע העלפער דעם געדאַנק, אַז
זיי שטייען צו לענינען זייער נאָענט. אַזוי האָט לענין אַלס זיינע
פאַרטרעטער ביי דער פאָרזיץ־פירונג אין ראַט פון די פאָלקס־קאָמי־
סאַרן, צוגעצויגן פריער ריקאָוון און צוריפאַן און דערנאָך, אַלס
דערגאַנצונג צו זיי, קאַמעניעוון. איך האָב דעמדאָזיקן אויסוואַל

געהאַלטן פאַר אַ ריכטיקן. לענין האָט געמוזט האָבן געהאָרכזאַמע, פּראַקטישע הילפקרעפטן. פאַר אַזאַ ראָל האָב איך מיך אָבער נישט געטויגט. און איך האָב לענינען געקאָנט נאָר דאַנקבאַר זיין דערפאַר, וואָס ער האָט זיך נישט געווענדט צו מיר מיטן פאָרשלאַג פון פאַרטרעטערשאַפט. איך האָב אין דעם בשום אופן נישט געזען קיין אומצוטרוי צו מיר, נאָר דווקא פאַרקערט, אַ באַשטימטע און לחלוטין נישט קיין באַליידיקנדיקע אָפּשאַצונג פון מיין כאַראַקטער און אונזערע קעגנזייטיקע באַציונגען. שפּעטער האָב איך באַקומען אַ געַנוג דייטלעכע מעגלעכקייט אין דעם זיך איבערצוצייגן. אין דער צייט צווישן דעם ערשטן און צווייטן אַטאַק, האָט לענין געקאָנט אַרבעטן נאָר מיט אַ העלפט פון זיינע פריערדיקע כוחות. קליינע, אָבער באַדראָענדיקע שטויסן אין דער בלוט־צירקולאַציע זענען פאָרגעקומען די גאַנצע צייט. אויף איינער פון די זיצונגען אין פּאָליטביוראָ, ווען לענין האָט זיך אויפגעהייבן, כדי איבערצוגעבן עמעצן אַ צעטעלע — כדי צו פאַרשנעלערן די אַרבעט, פלעגט לענין גאַנץ אָפט שיקן אַזעלכע צעטעלעך — האָט ער זיך עטוואָס אַ וואַקל געטאָן. איך האָב עס באַמערקט נאָר דערפאַר, ווייל ער האָט זיך פאַרענדערט אין פּנים. דאָס איז געווען איינע פון די וואָרנונגען מצד די לעבנס־צענטערס. לענין האָט זיך פון דעם נישט געמאַכט קיין שום אילוזיעס. ער האָט באַטראַכט פון אַלע זייטן, ווי אַזוי עס וועט גיין די אַרבעט אָן אים און נאָך אים. צו יענער צייט איז ביסלעכווייז געשאַפן געוואָרן יענער דאָקומענט לענינס, וואָס איז שפּעטער באַקאַנט געוואָרן אונטערן נאָמען „צוואה“. אין דעמדאָזיקן פּעריאָד — די לעצטע וואָכן פאַרן צווייטן אַטאַק — האָט לענין געהאַט מיט מיר אַ לאַנגן ,שמועס וועגן מיין ווייטערדיקער אַרבעט. דעמדאָזיקן שמועס האָב איך דערמאָלט, מחמת זיין פּאָליטישער באַדייטונג, תּיכּף איבערגעגעבן אַ ריי פּערזאָנען (ראַקאָווסקין, י. נ. סמירנאָוון, סאָסנאָווסקין, פּרעאָבראַזשענסקין און אַנדערע). שוין צוליב דעם אַליין האָט זיך דערדאָזיקער שמועס שאַרף איינגעקריצט אין מיין זכּרון.

דאָס איז אַזוי געווען. דער צענטראַל־קאָמיטעט פון פאַרבאַנד פון די קולטוראַרבעטער האָט געשיקט אַ דעלעגאַציע צו מיר און צו לענינען מיט דער אויפפאָדערונג, אַז איך זאָל, אַלס צוגאָב־אַרבעט, איבערנעמען דעם בילדונגס־קאָמיסאַריאַט, אויף דעם אופן, ווי איך האָב, למשל, אין פאַרלויף פון אַ יאָר אָנגעפירט מיטן וועג־קאָמי־

סאַריאַט. לענין האָט געפרעגט מיין מיינונג וועגן דעם. איך האָב געענטפערט, אַז די שוועריקייט אינם בילדונגסוועזן וועט, ווי אין יעדער אַנדערער זאַך, קומען מצד דעם אַפאַראַט.

—יאָ, דער ביוראָקראַטיזם איז ביי אונז אַן אומגעלומפערט־ווילדער,—האָט לענין אונטערגעכאַפט,—איך האָב פשוט געשטוינט, ווען איך האָב מיך גענומען צוריק צו דער אַרבעט... אָבער טאַקע דערפאַר, דאַרפט איר זיך, לויט מיין מיינונג, נישט אָפגעבן מיט קיין שום באַזונדערע אַמטן, נאָר מיטן קריגס־קאָמיסאַריאַט. ליידנשאַפטלעך, ענערגיש, מיט קענטיקער אויפרעגונג," האָט מיר לענין געשילדערט זיין פלאַן. די כוחות, וואָס ער קאָן נאָך אָפגעבן דער אָנפירנדיקער אַרבעט, זענען באַגרענעצט. ער האָט דריי פאַרטרעטער. „איר קענט זיי. קאַמעניעוו איז, נאַטירלעך, אַ קלוגער פאָליטיקער, אָבער וואָס איז ער פאַר אַן אַדמיניסטראַטאָר? ציורופאַ איז קראַנק. ריקאָוו איז אפשר אַ פעאיקער אַדמיניסטראַטאָר, אָבער ער איז אַוועק צוריק אין וו ס נ כ. איר מוזט מיך פאַרטרעטן. די לאַגע איז אַזעלכע, אַז מיר נויטיקן זיך אין אַ ראַדיקאַלער פערזענלעכער איבערגרופירונג."

איך האָב ווידער אָנגעוויזן אויפן „אַפאַראַט", וואָס באַשווערט מיר כסדר די אַרבעט אַפילו אין קריגס־אַמט. „נו, וועט איר טאַקע קאָנען דעם אַפאַראַט אַ ביסל אַדורכטרייסלען", האָט לענין רירעוודיק אַ זאָג געטאָן און דערמיט מרמז געווען אויף אַן אויסדרוק, וועלכן איך האָב אַמאָל באַנוצט. איך האָב געענטפערט, אַז איך מיין נישט בלויז דעם מלוכה־ביוראָקראַטיזם, נאָר אויך דעם פאַרטיי־ביוראָקראַטיזם, אַז דער קערן פון אַלע שוועריקייטן ליגט אין דער פאַרייניקונג פון די צוויי אַפאַראַטן און אין דער קעגנזייטיקער דעקונג פון די איינפלוסרייכע גרופעס, וואָס זאַמלען זיך אַרום דער היעראַרכיע פון די פאַרטיי־סעקרעטאַרן. לענין האָט זיך צוגעהערט מיט גרויס שפאַנונג און האָט באַשטעטיקט מיינע רעיונות מיט יענעם טיפן ברוסט־טאָן, וואָס פלעגט אַלעמאָל קומען, ווען ער, לענין, האָט זיך איבערצייגט, אַז דער מיטשמועסער פאַרשטייט אים ביזן גרונט. דעמאָלט האָט ער געוויינלעך אָפגעוואָרפן די אָפיציעלע פאָרם פונם שמועס און האָט אָפנהאַרציק באַרירט די וויכטיקסטע און באַאומרואיקנדיקסטע מאָמענטן פון דעם ענין. נאָך אַ קורצער איבערלייגונג האָט לענין אויפגעהייבן די פראַגע אין איר גאַנצער שאַרפקייט: „איר לייגט פאָר, הייסט עס, אויפצוהייבן אַ קאַמף נישט בלויז קעגן דעם מלוכה־ביוראָקראַטיזם, נאָר אויך

קעגן דעם אָרגאַניזאַציע־ביוראָ פונם צענטראַל-קאָמיטעט?" איך האָב זיך צעלאַכט פון איבעררעשונג. דאָס אָרגביוראָ פון צ. ק. האָט געבילדעט דעם צענטער פון סטאַלינס אַפּאַראַט. — „אייגנטלעך, איז עס טאַקע אַזוי". „נו, פאַרוואָס נישט", האָט לענין ווייטער געזאָגט, קענטיק צופרידן מיט דעם, וואָס מיר האָבן אָנגערופן ביים נאָמען דעם מהות פון דער פראַגע. „איך לייג אייך פאָר אַ בלאָק: קעגן דעם ביוראָקראַטיזם בכלל און קעגן דעם אָרגביוראָ בפרט". — „מיט אַ גוטן מענטשן איז זייער אָנגענעם צו שליסן אַ גוטן בלאָק", האָב איך געענטפערט. מיר האָבן אָפּגערעדט אין אַ געוויסער צייט אַרום זיך ווידער צו טרעפן. לענין האָט פאָרגעלייגט צו באַטראַכטן די אָרגאַניזאַציאָנעלע זייט פון דעמדאָזיקן ענין. ער האָט געהאַט בדעה צו שאַפן ביים צ. ק. אַ קאָמיסיע פאַר דעם קאַמף קעגן דעם ביוראָקראַטיזם. מירביידע האָבן געדאַרפט אַריין אין דערדאָזיקער קאָמיסיע.

לויטן מהות האָט די קאָמיסיע געדאַרפט ווערן דער ריכטיקער כלי-זיין צו צעשטערן סטאַלינס פראַקציע, אַלס דעם רוקנביין פון דער ביוראָקראַטיע, און צו שאַפן אַזעלכע באַדינגונגען אין דער פּאַרטיי, וואָס זאָלן מיר געבן די מעגלעכקייט צו ווערן לענינס פאַרטרעטער, לויט זיין געדאַנק: דער יורש אויפן פּאָסטן אַלס פאָרזיצער פון סאָוונאַרקאָם.

נאָר אין צוזאַמענהאַנג דערמיט ווערט פולשטענדיק קלאָר דער זין פון דער אַזויגערופענער צוואה. לענין רופט אָן אין איר סך־הכל זעקס פערזאָן און גיט אָן דערביי זייער כאַראַקטעריסטיק יעדעס וואָרט זיינס איז דאָ געוואויגן און געמאָסטן. דער אומבאַשטרייטבאַרער צוועק פון דער צוואה איז — צו פאַרלייכטערן מיר די אַרבעט פון דער לייטונג. לענין, וויל דאָס, נאַטירלעך, דערגרייכן מיט די קלענסטע פערזענלעכע רייבונגען. ער רעדט וועגן אַלעמען מיט דער גרעסטער פאָרזיכטיקייט. צו די פאַקטיש פאַרניכטנדיקע מיינונגען גיט ער צו אַ שאַטירונג פון ווייכקייט. גלייכצייטיק שוואַכט ער אָפּ די אַנטשיידנדיקע אָנווייזונג אויפן ערשטן פלאַץ דורך געוויסע באַגרענעצונגען. בלויז אין דער כאַראַקטעריסטיק פון סטאַלינען הערט זיך גאָר אַן אַנדער טאָן, וואָס ווערט ממש אַ פאַרניכטנדיקער אין דער שפּעטערדיקער צושריפט צו דער צוואה.

וועגן זינאָוויעוון און קאַמעניעוון רעדט לענין, ווי כלאחר־יד, אַז זייער קאַפּיטולאַציע אין יאָר 1917 איז נישט געווען קיין „צופעליקע";

מיט אַנדערע ווערטער, אַז דאָס ליגט ביי זיי אין בלוט. עס איז קלאָר, אַז אַזעלכע מענטשן קאָנען מיט דער רעוואָלוציע נישט אָנ־פירן. דאָך אָבער דאַרף מען זיי נישט פאָרוואַרפן זייער עבר. בוכאַרין איז נישט קיין מאַרקסיסט, נאָר אַ סכאָלאַסטיקער, דערפאַר אָבער זייער אַ סימפּאַטישער. פּיאַטאַקאָוו איז אַ פעאיקער אַדמיניסטראַטאָר, אָבער אַ שלעכטער פּאָליטיקער. אפשר וועלן זיך נאָך דידאָזיקע צוויי, בוכאַרין און פּיאַטאַקאָוו, אויסלערנען. דער פעאיקסטער איז טראָצקי, זיין חסרון איז — דער איבערפלוס פון זעלבסטזיכערקייט. סטאַלין איז גראָב, אומלאָיאַל און איז נוטה צו מיסברויכן מיט דער מאַכט, וואָס דער פּאַרטיי־אַפּאַראַט האָט אים געגעבן אין דער האַנט אַריין. סטאַ־לינען מוז מען אַראָפּזעצן, כדי אויסצומיידן אַ שפּאַלטונג. דאָס איז דער תוך פון דער צוואה. זי דערגאַנצט און דערקלערט יענעם פאָר־שלאַג, וואָס לענין האָט מיר געמאַכט אין זיין לעצטן שמועס.

לענין האָט דערקענט סטאַלינען אויף אַן אמת ערשט נאָכן אָקטאָבער. ער האָט אָפּגעשאַצט זיינע מעלות, ווי פעסטקייט און פּראַקטישן שכל, וואָס איז דריי פערטל באַשטאַנען פון כיטרעקייט. גלייכצייטיק האָט זיך לענין אויף יעדן טריט און שריט אָנגעשטויסן אויף סטאַלינס עם־הארצות, אויף דער אויסערגעוויינלעכער שמאָלקייט פון זיין פּאָליטישן האָריזאָנט, אויף דער זעלטענער מאָראַלישער גראָבקייט און דער אומריינקייט פון זיינע קאַמפּס־מעטאָדן. אויפן פּאָכטן אַלס גענעראַל־סעקרעטאַר איז סטאַלין אויסגעקליבן געוואָרן קעגן דעם ווילן פון לענינען, וועלכער האָט עס נאָר פאַרטראָגן, כל־זמן ער איז אַליין געשטאַנען בראש פון דער פּאַרטיי. קומענדיק אָבער נאָך דעם ערשטן אַטאַק צוריק צו דער אַרבעט מיט אַ געשע־דיקטן געזונט, האָט זיך לענין באַשעפטיקט מיטן פּראָבלעם וועגן דער לייטונג אין זיין גאַנצן אומפאַנג. פונדאַנען שטאַמט אייגנטלעך דער שמועס מיט מיר. פונדאַנען שטאַמט אויך די צוואה. זיינע לעצטע שורות זענען אָנגעשריבן געוואָרן דעם 4־טן יאַנואַר, נאָכדעם זענען אַוועק נאָך צוויי חדשים, און פאַר דערדאָזיקער צייט האָט זיך די לאַגע ענדגילטיק אויפגעקלערט. איצט גרייט שוין לענין צו דעם פּלאַן — אַראָפּצוזעצן סטאַלינען פון זיין אַמט אַלס גענעראַל־סעקרעטאַר, ווי אויך זיין דיסקוואַליפיצירונג פאַר דער פּאַרטיי. אין דער פראַגע וועגן דעם מאָנאָפּאָל פונם אויסערלעכן האַנדל, אין דער נאַציאָנאַ־לער פראַגע, אין דער פראַגע פון פּאַרטיי־רעזשים, פון דער אַרבעטער־

און פויערים־אינספעקציע און דער קאָנטראָל־קאָמיסיע פירט לענין סיסטעמאַטיש און דרינגלעך דערצו, כדי צו דערלאַנגען אויפן XII-טן צוזאַמענפאָר, אין דער געשטאַלט פון סטאַלינען, אַ פאַרניכטנדיקן קלאַפּ דעם ביוראָקראַטיזם, דער ממשלה פון די באַאַמטע, דער הפקרות און דער גראָבקייט.

צי וואָלט לענין געווען בכּוח דורכצופירן די אָנגעמערקטע איבערגרופּירונג פון דער פּאַרטיי-לייטונג? אין יענעם מאָמענט — אָן שום ספק. פּרעצעדענטן זענען אין דעם פּרט געווען נישט ווייניק, איינער — לגמרי אַ פרישער און זייער אַ פילזאָגנדיקער. אין דער צייט, ווען לענין, וואָס האָט זיך ביסלעכווייז פאַרבעסערט אין געזונט, האָט נאָך געוואוינט אין דאָרף, און איך בין נישט געווען אין מאָסקווע, האָט דער צענטראַל-קאָמיטעט אין נאָוועמבער 1922 איינשטימיק אָנגענומען אַ באַשלוס, וואָס האָט דערלאַנגט אַ שווערן קלאַפּ דעם מאָנאָפּאָל פאַר אויסערלעכן האַנדל. אי לענין. אי איך, האָבן, אומאָפּהענגיק איינער פון צווייטן, אויפגעהייבן אַ טומל, דערנאָך האָבן מיר זיך שריפטלעך פאַרשטענדיקט און אָנגענומען געמיינזאַמע מיטלען. שוין אין עטלעכע וואָכן אַרום האָט דער צענטראַל-קאָמיטעט אויך אַזוי איינשטימיק אַנולירט זיין באַשלוס, ווי ער האָט אים איינשטימיק אָנגענומען. דעם 21־סטן דעצעמבער האָט מיר לענין מיט גרויס נצחון געשריבן: „חבר טראָצקי, די פּאָזיציע, זעט אויס, איז איינגענומען געוואָרן אָן איין שאָס, בלויז דורך אַ פּשוטן מאַנעוור. איך לייג פאָר זיך נישט אָפּצושטעלן און פירן ווייטער דעם אָנגריף...״

אונזער געמיינזאַמער אַרויסטריט אָנהייב יאָר 1923 וואָלט זיכער גאַראַנטירט דעם נצחון. נאָכמער. איך צווייפל נישט, אַז ווען איך זאָל ערב דעם XII-טן צוזאַמענפאָר אַרויסטרעטן אין גייסט פון „בלאָק״ לענין־טראָצקי קעגן סטאַלינס ביוראָקראַטיזם, וואָלט איך זיכער אָפּגעהאַלטן אַ נצחון, אַפילו אָן לענינס דירעקטן אַנטייל אין קאַמף. ווי לאַנג דערדאָזיקער נצחון וואָלט אָנגעהאַלטן — דאָס איז אַן אַנדער פראַגע. כדי דידאָזיקע פראַגע צו לייזן, מוז מען אַריינגעמען אין חשבון אַ גאַנצע ריי אָביעקטיווע פּראָצעסן אין לאַנד, אינם אַרבעטער־קלאַס און אין דער פּאַרטיי גופא. דאָס איז אַ באַזונדערע און גרויסע טעמע. קרופּסקאַיאַ האָט אין יאָר 1927 איינמאָל געזאָגט, אַז ווען לענין וואָלט געלעבט, וואָלט ער שוין איצט אַוודאי געזעסן אין איינער פון סטאַלינס תּפיסות. איך האַלט, אַז זי איז געווען גערעכט.

וואָרים דאָ האַנדלט זיך דאָך נישט וועגן סטאַלינען, נאָר וועגן יענע קרעפטן, וואָס סטאַלין דריקט זיי אויס, אַליין נישט פאַרשטייענדיקעס. אָבער אין די יאָרן 23—1922 איז נאָך לגמרי מעגלעך געווען צו דעראָבערן די אָנפירנדיקע פּאָזיציע דורך אַן אָפענעם אָנגריף אויף דער שנעל פאָרמירנדיקער פראַקציע פון די נאַציאָנאַל-סאָציאַליסטישע באַאַמטע, פון די אַפּאַראַט-אוזורפאַטאָרן, אומגעזעצלעכע אָקטאָבער-יורשים און עפּיגאָנען פון באָלשעוויזם. די הויפּט-מניעה אויף דעם-דאָזיקן וועג איז אָבער דאָך געווען לענינס צושטאַנד. מען האָט גע-האָפט, אַז ער וועט, ווי נאָכן ערשטן אַטאַק, ווידער זיך אויפהייבן און זיך באַטייליקן אין דעם XII-טן צוזאַמענפאָר, ווי פריער אין דעם XI-טן. ער אַליין האָט אויך אויף דעם געהאָפט. די דאָקטוירים האָבן אַפילו צוגעגעבן האָפענונג, הגם יעדעס מאָל מיט ווייניקער זיכערקייט; די אידעע פון אַ „לענין-טראָצקי-בלאָק" קעגן די אַפּאַראַט-לייט און ביוראָקראַטן, איז אין יענעם מאָמענט געווען גענוי באַ-וואוסט נאָר לענינען און מיר, די איבעריקע מיטגלידער פון פּאָליט-ביוראָ האָבן זיך נאָר אָנגעשטויסן. פון לענינס בריוו וועגן דער נאַ-ציאָנאַלער פראַגע און פון דער צוואה האָט קיינער נישט געוואוסט. מיין אַרויסטריט האָט געקאָנט פאַרשטאַנען ווערן, ריכטיקער געזאָגט, געשילדערט ווערן, ווי אַ פּערזענלעכער קאַמף אַרום לענינס שטעלונג אין דער פּאַרטיי און אין דער מלוכה. אָן אַן אינערלעכן שוידער האָב איך נישט געקאָנט טראַכטן וועגן דעם. איך האָב געהאַלטן, אַז דאָס קאָן אַריינטראָגן אַזאַ דעמאָראַליזאַציע אין אונזערע רייען, אַז אַפילו אין פאַל פון אַ נצחון וואָלט מען דערפאַר געמוזט טייער באַ-צאָלן. אין די אַלע פּלענער און חשבונות איז געווען איין דעציזירנ-דיקער עלעמענט פון אומבאַשטימטקייט: לענין אַליין און זיין פיזי-שער צושטאַנד. צי וועט ער זיך קאָנען אַרויסזאָגן? צי וועט ער באַווייזן? צי וועט די פּאַרטיי באַגרייפן, אַז דאָ קעמפן לענין און טראָצקי פאַר דער צוקונפט פון דער רעוואָלוציע, און אַז דאָס איז נישט טראָצקיס אַ קאַמף פאַרן פּלאַץ פון קראַנקן לענין? אַ דאַנק דער אויסשליסלעכער שטעלונג, וואָס לענין האָט פאַרנומען אין דער פּאַרטיי, האָט די אומבאַשטימטקייט פון זיין פּערזענלעכן צושטאַנד זיך פאַרוואַנדלט אין אַן אומבאַשטימטן צושטאַנד פון דער גאַנצער פּאַרטיי. דאָס פּראָוויזאָריום האָט זיך פאַרצויגן און דאָס איז געווען זייער אויף דער האַנט פון די עפּיגאָנען, אויף וויפל סטאַלין, ווי אַ גענעראַל-

סעקרעטאַר, האָט זיך אויף אַ נאַטירלעכן אופן פאַרוואַנדלט אין דעם הויפּטליינקער פון אַפּאַראַט אויף דער גאַנצער צייט פונם אינטע־רעגנום.

* *
*

עס זענען געקומען די ערשטע מערץ־טעג פון יאָר 1923. לענין איז געלעגן אין זיין צימער אין גרויסן סענאַט־בנין. עס האָט זיך אָנגערוקט דער צווייטער אַטאַק, וואָס איז פריער באַצייכנט געוואָרן מיט קלייניטשקע שטויסן. איך, ווידער, בין אויף עטלעכע וואָכן צו־געשמידט געוואָרן צום בעט פון אַ lumbago (העקסנשאָס). איך בין געלעגן אין בנין פון געוועזענעם קאַוואַליערן־קאָרפּוס, וואו עס האָט זיך געפונען אונזער וואוינונג, אָפּגעטיילט פון לענינען דורך דעם גרויסן קרעמל־הויף. נישט לענין און נישט איך האָבן אפילו נישט געקאָנט צוגיין צום טעלעפאָן; חוצדעם, האָבן די דאָקטוירים לענינען שטרענג פאַרבאָטן צו רעדן דורכן טעלעפאָן. לענינס צוויי סעקרע־טאַרינס, פאָטיעוואַ און גלאַסער, האָבן געדינט אַלס פאַרבינדונג צווישן אונז. אָט וואָס זיי גיבן מיר איבער. וולאַדימיר איליטש איז אויפן העכסטן גראַד אויפגערעגט פון דעם אופן, ווי אַזוי סטאַלין גרייט צו דעם קומענדיקן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר, באַזונדערס אָבער אין צוזאַמענהאַנג מיט סטאַלינס פראַקציאָנעלע מאַכינאַציעס אין גרוזיע. „וולאַדימיר איליטש גרייט צו אַ באָמבע קעגן סטאַלינען אויפן צוזאַמענפאָר.” דאָס איז פאָטיעוואַס ווערטלעכע פראַזע. דאָס וואָרט „באָמבע” שטאַמט פון לענינען, און נישט פון איר. „וולאַדימיר איליטש בעט אייך, איר זאָלט נעמען דעם גרוזינישן ענין אין אייערע הענט, דאַן וועט ער קאָנען זיין רואיק.” דעם 5־טן מערץ דיקטירט לענין צו מיר אַ צעטעלע.

„חשובער חבר טראָצקי. איך וואָלט אייך זייער געבעטן, איר זאָלט נעמען אויף זיך די פאַרטיידיקונג פונם גרוזינישן ענין אין צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פאַרטיי. דערדאָזיקער ענין געפינט זיך איצט אונטער דער „פאַרפאָלגונג” פון סטאַלינען און דזערזשינסקין, און איך קאָן מיך נישט פאַרלאָזן אויף זייער אומפּאַרטייאישקייט. אפילו גאָר להיפוך. ווען איר זאָלט מסכים זיין איבערצונעמען די פאַרטיידיקונג, וואָלט איך געקאָנט זיין רואיק. אויב איר וועט צוליב

עפּעס אַ גרונט נישט מסכּים זיין דערויף, „טאָ שיקט מיר אָפּ דעם גאַנצן מאַטעריאַל. איך וועל עס באַטראַכטן פאַר אַ סימן, אַז איר זענט נישט מסכּים. מיטן בעסטן חברשן גרוס. לענין".

פאַרוואָס האָט זיך די פראַגע אַזוי פאַרשאַרפט? פרעג איך. ס'ווייזט זיך אַרויס, אַז סטאַלין האָט ווידעראַמאָל אָפּגענאַרט לענינס צוטרוי: כּדי צו זיכערן זיך אַ שטיצפּונקט אין גרוזיע, האָט ער, הינטער לענינס רוקן און דעם גאַנצן צ. ק., מיט דער הילף פון אָרדזשאָניקידזען און נישט אָן דער מיטהילף פון דזערזשינסקין, דורכגעפירט דאָרט אַן אָרגאַניזירטע איבערקערעניש קעגן דעם בעסטן טייל פון דער פּאַרטיי, און בעת מעשה זיך פאַלש באַדעקט מיטן אויטאָריטעט פון צענטראַל-קאָמיטעט. אויסנוצנדיק די געלעגנהייט, וואָס דער קראַנקער לענין האָט זיך נישט געקאָנט זען מיט די חברים, האָט זיך סטאַלין געפּרואווט אים אַרומצורינגלען מיט פאַלשע אינפאָר־מאַציעס. לענין האָט באַפולמעכטיקט זיין סעקרעטאַריאַט אויפצוזאַמלען דעם גאַנצן מאַטעריאַל וועגן דער גרוזינישער פראַגע און האָט באַ־שלאָסן אַרויסצוטרעטן עפנטלעך. וואָס האָט אים דאָ מער דערשיטערט: צי סטאַלינס פּערזענלעכע אומלאָיאַלקייט, צי זיין גראָב-ביוראָקראַטישע פּאָליטיק אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע — דאָס איז שווער צו זאָגן. ריכטיקער, ביידע זאַכן צוזאַמען. לענין האָט זיך געגרייט צום קאַמף, ער האָט אָבער מורא געהאַט, אַז אויפן צוזאַמענפאָר וועט ער נישט קאָנען אַליין אַרויסטרעטן, און דאָס האָט אים זייער אויפגערעגט. אפשר זאָל ער זיך טאַקע דורכשמועסן מיט זינאָוויעוון און קאַמעניעוון? זאָגן אים אונטער זיינע סעקרעטאַרן. אָבער לענין מאַכט פאַרדריסלעך אַוועק מיט דער האַנט. ער זעט קלאָר פאָרויס, אַז ווען ער זאָל זיך מוזן צוריקציען פון דער אַרבעט, וועלן זינאָוויעוו און קאַמעניעוו זיך פאַרייניקן אינם „דרייעלע" קעגן מיר און אַזויאַרום אויך אים פאַרראַטן. „אייך איז באַוואוסט, ווי אַזוי טראָצקי באַציט זיך צו דער גרוזינישער פראַגע?" פרעגט לענין. „טראָצקי איז אויפן פּלענום אַרויס־געטרעטן לגמרי אין אייער גייסט", ענטפערט גלאַסער, וואָס האָט אויפן פּלענום אויסגעפירט די פונקציעס פון אַ סעקרעטאַרין. „צי זענט איר זיך אַמאָל נישט טועה?" „ניין, טראָצקי האָט באַשולדיקט אָר־דזשאָניקידזען, וואָראָשילאָוון און קאַלינינען, אַז זיי פאַרשטייען שלעכט די נאַציאָנאַלע פראַגע." „קאָנטראָלירט עס איבער נאָכאַמאָל!" פאָדערט לענין. אויפן צווייטן טאָג דערלאַנגט מיר גלאַסער בעת דער זיצונג

פון צ. ק. ביי מיר אין וואוינונג, אַ צעטעלע מיט אַ קורצן אינהאַלט פון מיין נעכטיקער רעדע און פרעגט מיך: „צי האָב איך אייך ריכ־טיק פאַרשטאַנען?" „צו וואָס דאַרפט איר עס?" פרעג איך. „פאַר וולאַדימיר איליטשן", ענטפערט גלאַסער. „ריכטיק", ענטפער איך. סטאַלין פאַרפאָלגט דערוויילן אומרואיק אונזער קאָרעספאָנדענץ. אָבער דעמאָלט האָב איך נאָך נישט פאַרשטאַנען וועגן וואָס דאָ האַנדלט זיך... „דורכלייענענדיק אונזער קאָרעספאָנדענץ", דערציילט מיר גלאַ־סער, „האָט וולאַדימיר איליטש אויפגעשטראַלט: „נו, איצט שטייט שוין די זאַך גאָר אַנדערש!" און ער האָט מיך געבעטן, איך זאָל אייך איבערגעבן דעם גאַנצן שריפטלעכן מאַטעריאַל, וואָס האָט געזאָלט אַריינגיין אַלס באַשטאַנדטייל פון זיין באָמבע אויפן XII-טן צוזאַ־מענפאָר". לענינס כוונות זענען שוין פאַר מיר איצט געוואָרן אינגאַנצן קלאָר: אויפן ביישפּיל פון סטאַלינס פּאָליטיק האָט ער געוואָלט אויפ־דעקן פאַר דער גאַנצער פאַרטיי, דערביי אָן שום רחמנות, די סכנה פון דער ביוראָקראַטישער אַנטאַרטונג פון דער דיקטאַטור.

—קאַמעניעוו פאָרט מאָרגן אַרויס קיין גרוזיע אויף דער פאַרטיי־קאָנפערענץ, — זאָג איך צו פאָטיעוואַן. — איך קאָן אים באַקענען מיט לענינס מאַנוסקריפטן, כדי אים צו באַוועגן, ער זאָל ווירקן אין גרוזיע אין דעם געהעריקן זין. פרעגט אייך אָן ביי איליטשן וועגן דעם.

אין אַ פערטל שעה אַרום קומט אַריין פאָטיעוואַ מיט אַ פאַר־כאַפּטן אָטעם: „פאַר קיין פאַל נישט!" „פאַרוואָס?" „וולאַדימיר איליטש זאָגט: „קאַמעניעוו וועט תיכף אַלץ באַווייזן סטאַלינען, און סטאַלין וועט שליסן אַ צעפוילטן קאָמפּראָמיס און וועט אָפּנאַרן". „הייסט עס, אַז דער ענין איז אַוועק אַזוי ווייט, אַז איליטש האַלט שוין נישט פאַר מעגלעך צו שליסן מיט סטאַלינען אַ קאָמפּראָמיס אַפילו אויף אַ ריכ־טיקער ליניע?" „יאָ, איליטש טרויט נישט סטאַלינען, ער וויל אָפן, פאַר דער גאַנצער פאַרטיי, אַרויסטרעטן קעגן אים. ער גרייט צו אַ באָמבע".

בערך אין אַ שעה אַרום נאָך דעמדאָזיקן שמועס איז פאָטיעוואַ ווידעראַמאָל געקומען צו מיר מיט לענינס אַ צעטעלע, אַדרעסירט צום אַלטן רעוואָלוציאָנער מדיוואַני און אַנדערע קעגנער פון סטאַלינס פּאָליטיק אין גרוזיע. לענין שרייבט זיי: „מיט מיין גאַנצער נשמה פאַרפאָלג איך אייער זאַך. די גראָבקייט פון אָרדזשאָניקידזען און דאָס צובאַמקען פון סטאַלינען און דזערזשינסקין האָבן מיך שטאַרק אויפ־

גערעגט. איך גרייט צו פאַר אייך מאַטעריאַל און אַ רעדע". אין דער קאַפּיע זענען דידאַקטישע שורות געווען אַדרעסירט נישט בלויז צו מיר, נאָר אויך צו קאַמעניעוון. דאָס האָט מיך געוואונדערט. „וולאַדימיר איליטש האָט עס איצט, הייסט עס, אַנדערש באַרעכנט?" האָב איך געפרעגט. „יאָ, זיין צושטאַנד ווערט פון שעה צו שעה ערגער. מען דאַרף נישט טרויען די באַרואיקנדיקע מיינונגען פון די דאָקטוירים, איליטש רעדט שוין קוים... די גרוזינישע פראַגע רעגט אים שרעקלעך אויף. ער האָט מורא, אַז ער וועט אינגאַנצן קראַנק ווערן און וועט נישט באַוויזן עפּעס אונטערצונעמען. ווען איליטש האָט מיר איבערגעגעבן דאָס צעטעלע, האָט ער געזאָגט: „מען מוז אַרויסטרעטן אָפן פאַר דער צייט, אַנישט וועט מען פאַרשפּעטיקן". אָבער דאָס הייסט דאָך, אַז איך קאָן איצט רעדן מיט קאַמעניעוון?" „עס זעט אויס אַזוי". „רופט אים אַרויס צו מיר".

קאַמעניעוו איז געקומען אין אַ שעה אַרום. ער איז געווען פולשטענדיק דעזאָריענטירט. דער פּלאַן פונם „דרייעלע": סטאַלין, זינאָוויעוו, קאַמעניעוו — איז שוין לאַנג פאַרטיק געווען. מיטן שאַרף איז דאָס „דרייעלע" געווען געווענדט קעגן מיר. די גאַנצע אויפגאַבע פון די פאַרשווערער איז באַשטאַנען אין דעם — צוצוגרייטן אַ גוט אָרגאַניזירטן שטיצפּונקט און קרוינען דאָס „דרייעלע" אַלס לענינס געזעצלעכן נאָכפאָלגער. דאָס קליינע צעטעלע לענינס האָט זיך אַריינגעריסן אין דעמדאָזיקן פּלאַן ווי אַ שאַרפער קליין. קאַמעניעוו האָט נישט געוואוסט, וואָס ער האָט צו טאָן, און האָט זיך מיר אָפן מודה געווען דערין. איך האָב אים געגעבן צום לייענען לענינס מאַנוסקריפּטן. קאַמעניעוו איז געווען אַ גענוג דערפאַרענער פּאָליטיקער, כדי תיכף צו פאַרשטיין, אַז פאַר לענינען האָט זיך דאָ נישט געהאַנדלט בלויז וועגן גרוזיע, נאָר אויך וועגן סטאַלינס ראָל אין דער פּאַרטיי בכלל. קאַמעניעוו האָט מיר איבערגעגעבן דערגאַנצנדיקע ידיעות. ער איז נאָר וואָס געווען ביי נאַדיעזשדאַ קאָנסטאַנטינאָווגאַ קרופּסקאַיאַ, — זי האָט אים אַרויסגערופן. אין גרויס אויפרעגונג האָט זי אים מיטגעטיילט: „וולאַדימיר איליטש האָט נאָר וואָס דיקטירט דער סטענאָגראַפיסטין אַ בריוו צו סטאַלינען וועגן איבעררייסן מיט אים אַלע באַציונגען". דער אוממיטלבאַרער מאָטיוו האָט געטראָגן אַ האַלב פּערזענלעכן כאַראַקטער. סטאַלין האָט געשטרעבט מיט אַלע מיטלען צו איזאָלירן לענינען פון די אינפאָרמאַציע-קוועלן און האָט

אין דעם זין אַרויסגעוויזן אַן אויסערגעוויינלעכע גראָבקייט בנוגע נאַדיעזשדאַ קאָנסטאַנטינאָווגאַ.

—אָבער איר קענט דאָך אילאיטשן,—האָט קרופּסקאַיאַ צוגע־געבן,—ער וואָלט קיינמאָל נישט געמאַכט אַזאַ שריט, ווי איבעררייסן די פּערזענלעכע באַציונגען, ווען ער זאָל נישט געפינען פאַר נויטיק צו פאַרניכטן סטאַלינען פּאָליטיש. קאַמעניעוו איז געווען אויפגערעגט און בלייך. דער באַדן איז אים פאַרשוואונדן פון אונטער די פיס. ער האָט נישט געוואוסט מיט וועלכן פוס צו מאַכן אַ שריט און אין וואָסער ריכטונג זיך אויסצודרייען. מעגלעך, אַז ער האָט זיך פּשוט געשראָקן פאַר אומפּריינטלעכע האַנדלונגען פון מיין זייט קעגן אים פּערזענלעך. איך האָב אים איבערגעגעבן מיין קוק אויף דער גאַנ־צער זאַך. איך האָב געזאָגט: „טיילמאָל זענען מענטשן פעאיק, אויס מורא פאַר אַן איינגעבילדעטער געפאַר, אַרויסצורופן אַ פּאַקטישע סכנה. זייט וויסן און גיט עס אויך איבער די אַנדערע, אַז ווייניקער פון אַלץ האָב איך בדעה אויפצוהייבן אויפן קאָנגרעס אַ קאַמף צוליב געוויסע אָרגאַניזאַציאָנעלע שנויים. איך בין פאַרן דערהאַלטן דעם status quo. אויב לענין וועט נאָך פאַרן צוזאַמענפאָר אויפשטיין פון בעט, אויף וואָס עס איז, צום אומגליק, פאַראַן ווייניק האָפענונג, וועלן מיר צוזאַמען מיט אים באַהאַנדלען די פראַגע פונדאַסניי. איך בין קעגן סטאַלינס ליקווידאַציע, קעגן אויסשליסן אָרדזשאָניקידזען, קעגן דערווייטערן דזערזשינסקין פון וועג־קאָמיסאַריאַט. אָבער אין תוך בין איך מסכים מיט לענינען. איך וויל אַ ראַדיקאַלע ענדערונג פון דער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק, אָפּשטעלן די רעפּרעסיעס קעגן סטאַלינס קעגנער אין גרוזיע, אָפּשטעלן דעם אַדמיניסטראַטיוון קלעם פון דער פּאַרטיי; איך וויל אַ פעסטערן קורס אויף דער אינדוסטריאַ־ליזירונג און אַן ערלעכערע מיטאַרבעט אויף די שפּיצן. סטאַלינס רעזאָלוציע וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע טויג צו גאָרנישט. דער ברוטאַלער חוצפּהדיקער גרויסהערשערישער דרוק ווערט געשטעלט אין איר אויף איין מדרגה מיטן פּראָטעסט און ווידערשטאַנד פון די קליינע, שוואַכע און אָפּגעשטאַנענע פעלקער. איך האָב צוגעגעבן מיין רעזאָלוציע די פאָרם פון אויסבעסערונגען צו סטאַלינס רעזאָלו־ציע, כדי אים צו פאַרלייכטערן די נויטווענדיקע ענדערונג פון קורס. אָבער עס פאָדערט זיך אַ שאַרפע ענדערונג. חוצדעם, איז נויטיק, אַז סטאַלין זאָל תיכף אָנשרייבן דער קרופּסקאַיאַ אַ בריוו, אין וועלכן

ער אַנטשולדיקט זיך פאַר זיינע גראָבקייטן און—ער דאַרף באמת ענדערן זיין באַנעמונג. זאָל ער זיך ווייטער נישט אָנרייסן. אינטריגעס זענען אַן איבעריקע זאַך. עס פאָדערט זיך אַן ערלעכע מיטאַרבעט און איר,—האָב איך מיך געווענדט צו קאַמעניעוון,—איר מוזט אויף דער קאָנפערענץ אין טיפליס זיך באַמיען צו דערגרייכן אַ פולשטענדיקע ענדערונג פון קורס בנוגע די גרוזינישע אָנהענגער פון לענינס נאַציאָנאַלער פּאָליטיק.

קאַמעניעוו האָט לייכטער אָפּגעאָטעמט. ער האָט אָנגענומען אַלע מיינע פאָרשלאַגן. ער האָט נאָר מורא געהאַט, אַז סטאַלין וועט זיך פאַרעקשנען: „ברוטאַל און קאַפּריזנע". „איך גלויב נישט", האָב איך געזאָגט, „ס'איז אַ ספק, צי סטאַלין האָט איצט עפּעס אַן אַנדער אויסוועג." שפּעט אין דער נאַכט האָט מיר קאַמעניעוו געמאָלדן, אַז ער איז געווען ביי סטאַלינען אין דאַרף, און יענער איז איינגעגאַנגען אויף אַלע באַדינגונגען. קרופּסקאַיאַ האָט שוין באַקומען פון אים אַן אַנטשולדיקונגס-בריוו, זי האָט אָבער נישט געקאָנט ווייזן דעם בריוו לענינען, ווייל זיין צושטאַנד האָט זיך פאַרערגערט. מיר האָט זיך אָבער געדאַכט, אַז קאַמעניעווס טאָן קלינגט שוין איצט אַנדערש, ווי מיט עטלעכע שעה צוריק, בעת מיר האָבן זיך צעשיידט. ערשט שפּעטער איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז דעמדאָזיקן שינוי האָט אַרויסגערופן די פאַרערגערונג פון לענינס צושטאַנד. אונטערוועגס, אָדער תיכף נאָך זיין אָנקומען קיין טיפליס, האָט קאַמעניעוו באַקומען פון סטאַלינען אַ שיפרירטע טעלעגראַמע, אַז לענין האָט באַקומען אַ נייעם אַטאַק. ער רעדט נישט און שרייבט נישט. אויף דער גרוזינישער קאָנפערענץ האָט קאַמעניעוו איצט פאַרטרעטן סטאַלינס פּאָליטיק קעגן לענינען, געפעסטיקט דורך פערזענלעכער בגידה, איז דאָס „דרייעלע" געוואָרן אַ פאַקט.

לענינס אָנגריף איז נישט געווען געווענדט בלויז קעגן סטאַלינען פערזענלעך, נאָר אויך קעגן זיין שטאַב. קודם-כל קעגן זיינע מיטהעלפער, דזערזשינסקין און אָרדזשאָניקידזען. ביידע ווערן כסדר דערמאַנט אין לענינס קאָרעספּאָנדענץ וועגן דער גרוזינישער פראַגע.

דזערזשינסקי איז געווען אַ מענטש פון גרויסער עקספּלאָזיווער ליידנשאַפט. זיין ענערגיע איז געהאַלטן געוואָרן אין אַ שפּאַנונג פון שטענדיקע עלעקטרישע לאָדונגען. ביי יעדער, אפילו צווייטראַנגיקער פראַגע, פלעגט ער זיך אָנצינדן, די דינע נאָזלעפלעך פלעגן אים

געמען ציטערן, די אויגן שיטן פונקען, און די שטימע, אַ שטאַרק אָנגעשטרענגטע, איז טיילמאָל אַפילו איבערגעריסן געוואָרן. נישט גע־קוקט אויף דערדאָזיקער הויכער נערוועזער שפּאַנונג, האָט דזערזשינ־סקי נישט געוואוסט אַ דעפּרעסיע־צושטאַנד, אָדער אַפּאַטיע. ער האָט זיך אַזוי ווי תּמיד געפונען אין אַ צושטאַנד פון העכסטער מאָביליזירונג. לעניין האָט אים ביי אַ געלעגנהייט אַמאָל פאַרגליכן מיט אַ הייסן פולבלוטיקן פערד. דזערזשינסקי פלעגט זיך מיט אַ בלינדער ליבע אַרויפוואַרפן אויף יעדער זאַך, וואָס ער האָט געהאַט אויסצופירן, און מיט ליידנשאַפט, עקשנות און פאַנאַטיזם געשיצט זיינע מיטאַר־בעטער קעגן יעדער קריטיק, דערביי אָבער איז נישט געווען קיין שום סימן פון עפּעס פערזענלעכס: דזערזשינסקי האָט זיך לחלוטין אויפגעלייזט אין דער זאַך.

קיין זעלבסטשטענדיקע געדאַנקען האָט דזערזשינסקי נישט פאַרמאָגט. ער האָט זיך אַליין נישט געהאַלטן פאַר קיין פּאָליטיקער, לפּחות, פאַר לענינס לעבן. ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן האָט ער מיר נישט איינמאָל געזאָגט: „איך בין אפשר נישט קיין שלעכטער רעוואָלוציאָנער, אָבער איך בין נישט קיין פירער, קיין מלוכה־מאַן און קיין פּאָליטיקער". דערין איז נישט געווען בלויז באַשיידנקייט. זיין אייגענע אָפּשאַצונג איז אין תּוך געווען אַ ריכטיקע. פּאָליטיש האָט זיך דזערזשינסקי תּמיד געגויטיקט אין עמעצנס אוממיטלבאַרער אָנפירונג. אין משך פון לאַנגע יאָרן איז ער געגאַנגען נאָך ראָזאַ לוקסעמבורג און האָט דורכגעמאַכט איר קאַמף נישט בלויז קעגן פוילישן פּאַטריאָטיזם, נאָר אויך קעגן דעם באָלשעוויזם. אין יאָר 1917 האָט ער זיך אָנגעשלאָסן אָן די באָלשעוויקעס. לענין האָט מיר גע־זאָגט מיט התפעלות! „קיין זכר נישט פאַרבליבן פון דעם אַלטן קאַמף". צוויי, דריי יאָר נאָכאַנאַנד האָט דזערזשינסקי געהאַט צו מיר אַ באַזונדערע נייגונג. אין די לעצטע יאָרן האָט ער געשטיצט סטאַ־לינען. אין דער ווירטשאַפטלעכער אַרבעט האָט ער גענומען מיטן טעמפּעראַמענט: ער פלעגט דערמאָנען, אונטערשטויסן, מיטרייסן. קיין דורכגעטראַכטע קאָנצעפּציע פאַר דער ווירטשאַפטלעכער אַנטוויקלונג האָט ער נישט געהאַט. ער האָט מיטגעמאַכט סטאַלינס אַלע פעלערן און האָט זיי פאַרטיידיקט מיט דער גאַנצער ליידנשאַפט, אויף וועל־כער ער איז נאָר פעאיק געווען. ער איז געשטאַרבן כמעט שטייענ־דיק אויף די פיס, און האָט קוים באַוויזן צו פאַרלאָזן די טריבונע.

פון וועלכער ער האָט ליידנשאַפטלעך געשטורעמט די אָפּאָזיציע.

סטאַלינס צווייטן פאַרבינדעטן, אָרדזשאָניקידזען, האָט לענין גע־האַלטן פאַר נויטיק אויסצושליסן פון דער פּאַרטיי פאַר זיין ביוראָ־קראַטישער דעספּאָטישקייט אויף קאַווקאַז. איך בין געווען קעגן דעם. לענין האָט געענטפערט דורכן סעקרעטאַר: „לפּחות, אויף צוויי יאָר". ווי ווייט איז לענין דעמאָלט געווען פון יענעם געדאַנק, אַז אָרדזשאָ־ניקידזע וועט זיך שטעלן בראש פון דער קאָנטראָל־קאָמיסיע, וואָס לענין האָט אָנגעמערקט פאַרן קאַמף קעגן סטאַלינס ביוראָקראַטיזם, און וואָס האָט געזאָלט פאַרקערפערן מיט זיך דאָס געוויסן פון דער פּאַרטיי.

חוץ די אַלגעמיין־פּאָליטישע אויפגאַבן, האָט די דורך לענינען אָנגעהייבענע קאַמפּאַניע געהאַט דעם דירעקטן ציל צו שאַפן מער גינסטיקע באַדינגונגען פאַר מיין לייטנדיקער אַרבעט—ענטוועדער לעבן לענינען, ווען ער זאָל געזונט ווערן, אָדער אויף זיין אָרט, אויב די קראַנקהייט וועט אים גובר זיין. אָבער דער קאַמף, וואָס איז נישט דערפירט געוואָרן ביזן סוף, אַפילו נישט ביזן מיטן, האָט געבראַכט פונקט פאַרקערטע רעזולטאַטן. לענין האָט פאַקטיש בלויז באַוויזן צו דערקלערן אַ קאַמף סטאַלינען און זיינע פאַרבינדעטע, און אויך וועגן דעם האָבן זיך דערוואוסט נאָר די אוממיטלבאַר פאַראינטערע־סירטע, אָבער נישט די פּאַרטיי. סטאַלינס פראַקציע—דעמאָלט איז עס נאָך געווען די פראַקציע פונם „דרייעלע"—האָט זיך נאָך דער ערשטער וואָרנונג ענגער צוזאַמענגעשלאָסן. דאָס פּראָוויזאָריום איז געבליבן גאַנץ. סטאַלין איז געשטאַנען ביים רודער פון אַפּאַראַט. דער קינסטלעכער אָפּקלויב אין אַפּאַראַט איז געגאַנגען מיט אַ ווילדן טעמפּאָ. וואָס שוואַכער דאָס „דרייעלע" האָט זיך געשפּירט אידעיש, אַלץ מער האָט עס זיך פאַר מיר געשראָקן—און געשראָקן האָט עס זיך פאַר מיר צוליב דעם, ווייל עס האָט מיך געוואָלט אַנידערוואַרפן—און אַלץ פעסטער האָט זי דעריבער געמוזט אָנדרייען אַלע מעטאַל־רינגעלעך פון דעם פּאַרטיי־און מלוכה־רעזשים. אַ סך שפּעטער, אין יאָר 1925, האָט מיר בוכאַרין אין אַ פּריוואַטן שמועס געענטפערט אויף מיין קריטיק וועגן דעם פּאַרטיי־רעזשים: „מיר האָבן נישט קיין דעמאָקראַטיע, ווייל מיר האָבן מורא פאַר אייך". טאָ פּרוּווט אייך אויפהערן צו שרעקן", האָב איך אים געעצהט, „און לאָמיר צוזאַמען

אַרבעטן, ווי עס געהער צו זיין". אָבער מיין עצה איז געגאַנגען לאיבוד.

דאָס יאָר 1923 איז געווען דאָס ערשטע יאָר פון אינטענסי־ווער, אָבער שטילער דערשטיקונג און צעשטערונג פון דער באָלשע־וויסטישער פּאַרטיי. לענין האָט זיך געראַנגלט מיט זיין שרעקלעכער קראַנקהייט. דאָס „דרייעלע" האָט זיך געראַנגלט מיט דער פּאַרטיי. אין דער אַטמאָספערע האָט זיך געשפּירט אַ שווערע שפּאַנונג, וואָס האָט זיך אין האַרבסט אויסגעלאָדן אין דער „דיסקוסיע" קעגן דער אָפּאָזיציע. עס האָט זיך אָנגעהייבן די צווייטע רעוואָלוציע: דער קאַמף קעגן דעם טראָצקיזם. פאַקטיש איז עס געווען אַ קאַמף קעגן לענינס אידעישער ירושה.

פערציקסטער קאַפּיטל

די פאַרשווערונג פון די עפּיגאָנען

עס זענען געקומען די ערשטע וואָכן פון יאָר 1923. עס האָט זיך אָנגערוקט דער XII־טער צוזאַמענפאָר. ס'איז נישט געווען קיין שום האָפענונג, אַז לענין זאָל זיך קאָנען באַטייליקן אין אים. עס איז אַנטשטאַנען די פראַגע, ווער עס זאָל האַלטן דעם פּאָליטישן הויפּט־רעפעראַט. סטאַלין האָט געזאָגט אויף דער זיצונג פון פּאָליט־ביוראָ: „נאַטירלעך, טראָצקי." קאַלינין און ריקאָוו האָבן געשטיצט סטאַלינען, דאָס אייגענע האָט אויך געטאָן קאַמעניעוו, אָבער, קענ־טיק, קעגן זיין ווילן. איך האָב איינגעווענדט. די פּאַרטיי וועט זיך פילן אומבאַקוועם, ווען עמעצער פון אונז וועט פּרוואון פּערזענלעך פאַרטרעטן דעם קראַנקן לענינען. לאָמיר זיך באַגיין דאָסמאָל אָן אַן איינצלייטנדיקן פּאָליטישן רעפעראַט. לאָמיר זאָגן דאָס, וואָס מען דאַרף, ביי די איינצלנע פּונקטן פון דער טאָג־אָרדענונג. דערצו, האָב איך מוסיף געווען, זענען פאַראַן צווישן אונז און אייך חלוקי־דעות אין די ווירטשאַפטלעכע פראַגן. „וואָס זענען דאָס פאַר אַ חלוקי־דעות?" האָט סטאַלין געענטפערט. קאַלינין האָט צוגעגעבן: „כמעט אין אַלע פראַגן גייען דורך אין פּאָליטביוראָ אייערע באַשלוסן." זינאָוויעוו איז געווען אין אורלויב אויף קאַווקאַז. די פראַגע איז געבליבן אָפן. איך האָב, לפּחות, גענומען אויף זיך דעם רעפעראַט וועגן דער אינדוסטריע.

סטאַלין האָט געוואוסט, אַז פון לענינס זייט רוקט זיך אָן אויף אים אַ שטורעם, און ער האָט כסדר אַרומגעטאַנצט אַרום מיר. ער האָט אַלץ איבערגעחזרט, אַז דעם פּאָליטישן רעפּעראַט מוז האַלטן יענער מיטגליד פון צ. ק. וואָס איז נאָך לענינען דער איינפלוס־רייכסטער און פּאָפּולערסטער, דאָס הייסט טראָצקי, און אַז די פּאַרטיי קלערט גאָרנישט אַנדערש און וועט עפּעס אנדערש נישט פאַרשטיין. מיט זיינע פּרואוון פון פאַלשער גוטפריינטשאַפט איז ער מיר נאָך געוואָרן פרעמדער, ווי מיט זיין אָפענער שנאה, בפרט נאָך, אַז די סיבות דערצו האָבן זיך צו שטאַרק געוואָרפן אין די אויגן.

זינאָוויעוו איז צוריקגעקומען פון קאַווקאַז. הינטער מיינע פּלייצעס זענען כסדר געגאַנגען פראַקציאָנעלע באַראַטונגען, צו יענער צייט נאָך אין זייער ענגע ראַמען. זינאָוויעוו האָט פּרעטענדירט אויפן פּאָליטישן רעפּעראַט. קאַמעניעוו האָט אויסגעפּרעגט די סאַמע פּאַרטרויטע „אַלטע באָלשעוויקעס", וואָס דער רוב פון זיי איז מיט אַ יאָר צען־פופצן צוריק אוועק פון דער פּאַרטיי: „שוין זשע וועלן מיר דערלאָזן, אַז טראָצקי זאָל ווערן דער פּערזענלעכער פירער פון דער פּאַרטיי און דער מלוכה?" אַלץ עפּטער און עפּטער האָט מען גענומען אין די ווינקלען זיך גראָבן אינם עבר און מען האָט זיך דערמאַנט אָן מיינע אַלטע דיפערענצן מיט לענינען. דאָס איז געוואָרן זינאָוויעווס ספּעציאַליטעט. לענינס צושטאַנד האָט זיך בינו־לבינו שטאַרק פאַרערגערט, און פון דער זייט האָט נישט געדראָט קיין שום „געפאַר".

דאָס „דרייעלע" האָט באַשלאָסן, אַז דעם פּאָליטישן רעפּעראַט וועט האַלטן זינאָוויעוו. איך האָב נישט פּראָטעסטירט, בעת די פראַגע איז, נאָך אַ געהעריקער צוגרייטונג הינטער די קוליסן, אַריינגעטראָגן געוואָרן אין פּאָליטביוראָ. אַלץ האָט געטראָגן דעם חותם פון פּראָוויזאָריום. קיין אָפענע חילוקי־דעות זענען נישט געווען, אַזוי ווי דאָס „דרייעלע" האָט אויך נישט געהאַט קיין אייגענע ליניע. מיינע טעזן וועגן דער אינדוסטריע זענען לכתחילה אָנגענומען געוואָרן אָן דעבאַטן. קוים האָט זיך אָבער אַרויסגעשטעלט, אַז אויף לענינס צוריקקומען צו דער אַרבעט איז נישטאָ קיין שום האָפענונג, האָט דאָס „דרייעלע", וואָס האָט זיך דערשראָקן פאַר דער צו פרידלעכער צוגרייטונג פון דעם צוזאַמענפאָר, געמאַכט מיטאַמאָל אַ שאַרפע ווענדונג. איצט האָט זי שוין געזוכט אַ מעגלעכקייט זיך אַוועקצושטעלן

קענן מיר אין דער אויבערשטער שיכט פון דער פּאַרטיי. אינם לעצטן מאָמענט פאַרן עפענען דעם צוזאַמענפאָר האָט קאָמעניעוו אַריינגעטראָגן צו מיין רעזאָלוציע, וואָס איז שוין אָנגענומען געוואָרן, אַ דערגאַנצונג בנוגע דער פּויערשאַפט. עס האָט נישט קיין זין זיך אָפּצושטעלן דאָ אויפן מהות פון דערדאָזיקער אויסבעסערונג, וואָס האָט נישט געטראָגן—נישט קיין טעאָרעטישן, נישט קיין פּאָליטישן, נאָר אַ ריין פּראָוואָקאַטאָרישן כאַראַקטער. זי האָט געדאַרפט דינען אַלס שטיצפּונקט פאַר די באַשולדיקונגען קעגן מיר, אַז איך האָב „אונטערגעשאַצט" די פּויערשאַפט—לעת-עתה נאָך הינטער די קוליסן. אין דריי יאָר אַרום, נאָך זיין איבעררייסן מיט סטאַלינען, האָט מיר קאָמעניעוו, ווי זיין טבע איז, מיט אַ גוטמוטיקן ציניזם דערציילט, ווי אַזוי דידאָזיקע באַשולדיקונג, וואָס קיינער פון די מחברים האָט זי פּאַקטיש נישט גענומען ערנסט, איז צוגעגרייט געוואָרן אין קיך.

אָפּערירן אין דער פּאָליטיק מיט אַבסטראַקטע מאָראַלישע קרי-טעריומס—איז, נאַטירלעך, אַ זאַך, וואָס האָט קיין שום ממשות נישט. די פּאָליטישע מאָראַל פליסט אַרויס פון דער פּאָליטיק גופא און איז איינע פון אירע פונקציעס. בלויז יענע פּאָליטיק, וואָס שטייט אין דינסט פון אַ גרויסער פּאָליטישער אויפגאַבע, קאָן זיך פאַרזיכערן מאָ-ראַליש-זויבערע ווירקונגס-מעטאָדן. פאַרקערט, ווען עס הייבט אָן צו נידערן דער ניוואָ פון די פּאָליטישע אויפגאַבן, פירט עס אומפאַר-מיידלעך צו אַ מאָראַלישער ירידה. פיגאַראָ, ווי עס איז באַוואוסט, האָט זיך בכלל אָפּגעזאָגט צו מאַכן עפּעס אַ חילוק צווישן פּאָליטיק און אינטריגע. און ער האָט דאָך געלעבט נאָך פאַר דער ערע פונם פּאַרלאַמענטאַריזם! ווען מאָראַליסטן פון דער בירגערלעכער דעמאָקראַ-טיע פּרואוון זיך צו זען אין דער רעוואָלוציאָנערער דיקטאַטור, אַלס אַזעלכער, דעם מקור פון שלעכטע פּאָליטישע זיטן, קאָן מען נאָר פון רחמנות אַ דריק טאָן מיט די אַקסלען. עס וואָלט געווען זייער באַלערנדיק, ווען מען זאָל אַראָפּנעמען אַ פילם פון מאָדערנעם פּאַר-לאַמענטאַריזם, כאָטש בלויז פאַר איין יאָר. אָבער דעם אַפּאַראַט דאַרף מען נישט אַוועקשטעלן לעבן דעם פּאָטעל פונם פּאַרלאַמענט-פּרעזי-דענט אין אַזאַ מאָמענט, ווען ס'ווערט אָנגענומען אַ פּאַטריאָטישע רע-זאָלוציע, נאָר אויף גאַנץ אַנדערע ערטער: אין די ביוראָס פון די באַנקירן און אינדוסטריעלער, אין די געמיטלעכע ווינקעלעך פון די רעדאַקציעס, ביי די פירשטן פון די קירכעס, אין די סאַלאָנען פון

די פּאָליטישע דאַמען, אין די מיניסטעריומס,—און פּאַר איינוועגס שוין אויך אָפּפּילמעווען די געהיימע קאָרעספּאָנדענץ פון די פּאַרטיי-לײַ-דערס... דערפאַר אָבער וועט זיין זייער ריכטיק צו זאָגן, אַז צו די פּאָליטישע זיטן פון אַ רעוואָלוציאָנערער דיקטאַטור מוז מען גאָר צו-שטעלן אַנדערע פאָדערונגען, איידער צו די זיטן פון פּאַרלאַמענ-טאַריזם. בלויז די שאַרפקייט פון געווער און די מעטאָדן פון דער דיקטאַטור פאָדערן אַ זאָרגעוודיקע אַנטיסעפּטיק. אַ שמוציקער פאַנטאָפל איז אומשעדלעך. אַ שמוציקער ראַזירמעסער איז זייער געפערלעך. די מעטאָדן פונם „דרייעלע" האָבן פון זיך גופא אויסגעזען אין מיי-נע אויגן ווי אַ פּאָליטישע ירידה.

די הויפּט-שוועריקייט פאַר די פאַרשווערער איז באַשטאַנען דע-רין, וואָס זיי האָבן אָפן געמוזט אַרויסטרעטן קעגן מיר פאַר די אויגן פון דער מאַסע. זינאָוויעוו און קאַמעניעוו האָבן די אַרבעטער גע-קענט און געזען געהערט, אָבער זייער האַלטונג אין יאָר 1917 איז נאָך געווען צו פריש ביי אַלעמען אין זכרון. קיין מאָראַלישן אויטאָ-ריטעט האָבן זיי אין דער פאַרטיי נישט געהאַט. סטאַלינען האָט מען, כמעט אינגאַנצן נישט געקענט, חוץ דער ענגער קרייז פון די אַלטע באָלשעוויקעס. עטלעכע פריינט מיינע האָבן געזאָגט: „זיי וועלן בשום אופן נישט האָבן די העזה אַרויסצוטרעטן קעגן אייך אָפן. אין באַוואוסטזיין פון פאָלק איז אייער נאָמען צו ענג פאַרבונדן מיט לענינס נאָמען. נישט די אָקטאָבער-רעוואָלוציע, נישט די רויטע אַרמעע, נישט דעם בירגערקריג קאָן מען נישט אויסמעקן." איך בין דערמיט נישט מסכים געווען. פּערזענלעכע אויטאָריטעטן שפּילן אין דער פּאָליטיק, באַזונדערס אין דער רעוואָלוציאָנערער, אַ גרויסע, אפילו ריזעדיקע ראָל, אָבער דאָך נישט קיין דעצידירנדיקע. די מער טיפערע מאַסן-פּראָצעסן באַ-שטימען סוף-כל-סוף דעם גורל פון פּערזענלעכע אויטאָריטעטן. די רכילות קעגן די פירער פון באָלשעוויזם האָבן ביים אויפשטייג פון דער רע-וואָלוציע בלויז געשטאַרקט די באָלשעוויקעס. די רכילות קעגן דיזעלבע פּערזאָנען האָט, ביים פאַלן פון דער רעוואָלוציע, געקאָנט ווערן אַ נצחונדיק געווער פון דער טערמידאָריאַנישער רעאַקציע.

די אָביעקטיווע פּראָצעסן אין לאַנד און אויף דער וועלט-אַרענע זענען פאַר מיינע קעגנער געווען זייער גינסטיק. פונדעסטוועגן האָבן זיי געהאַט נישט קיין לייכטע אויפגאַבע. די פּאַרטיי-ליטעראַטור, די פּרעסע, די אַגיטאַטאָרן האָבן נאָך געלעבט מיטן נעכטיקן טאָג, וואָס

איז געשטאַנען אונטערן צייכן פון לענין-טראָצקי. מען האָט דאָס אַלץ געמוזט אויסקערעווען אויפן 180-סטן גראַד, נישט מיט איין מאָל, נאַטירלעך, נאָר אין עטלעכע מאָל. ווען מען זאָל ווערן אָנווייזן דעם פאַרנעם פון דערדאָזיקער ווענדונג, דאַרף מען דאָ ברענגען כאָטש עטלעכע אילוסטראַציעס פון יענעם טאָן, וואָס האָט געהערשט אין דער פאַרטיי-פרעסע בנוגע די אָנפירנדיקע פיגורן פון דער רע-וואָלוציע.

דעם 14-טן אָקטאָבער 1922, ד. ה. ווען לענין איז נאָך דעם ערשטן אַטאַק צוריקגעקומען צו דער אַרבעט, האָט ראַדעק געשריבן אין „פּראַוודאַ”:

„אויב מען קאָן דעם חבר לענין באַצייכענען אַלס דעם שכל פון דער רעוואָלוציע, וואָס הערשט דורך דער טראַנסמיסיע פון ווילן, קאָן מען דעם חבר טראָצקי כאַראַקטעריזירן, אַלס דעם שטאָלענעם ווילן, וואָס ווערט געצוימט דורכן שכל. ווי די שטימע פון אַ גלאָק, וואָס רופט צו דער אַרבעט, האָט געקלונגען טראָצקיס רעדע. איר גאַנצער זין און דער זין פון אונזער אַרבעט אין די נאָענטסטע יאָרן טרעט דאָ אַרויס אינגאַנצן בולט...” א. אַז. וו. אמת, ראַדעקס פּער-זענלעכע עקספּאַנסיווקייט איז שוין געוואָרן אַ שפּריכוואָרט: ער קאָן אַזוי, אָבער ער קאָן אויך אַנדערש. אַ סך ווילטיקער איז דער פאַקט, וואָס דידאָזיקע ווערטער זענען אָפּגעדרוקט געוואָרן אין צענטראַל-אָרגאַן פון דער פאַרטיי פאַר לענינס לעבן און קיינער האָט זיי נישט אויפגענומען ווי אַ דיסאָנאַנס.

אין יאָר 1923, בעת די פאַרשווערונג פונם דרייעלע איז שוין געווען אַ געשעענער פאַקט, האָט לונאַטשאַרסקי איינער פון די ערשטע גענומען הייבן זינאָוויעווס אויטאָריטעט. אָבער ווי אַזוי איז ער געווען געצוואונגען אָנצוהייבן דידאָזיקע אַרבעט? „געוויס,” האָט ער געשריבן אין זיין כאַראַקטעריסטיק וועגן זינאָוויעוון, „לענין און טראָצקי זענען געוואָרן די פּאָפּולערסטע (געליבטע אָדער געהאַסטע) פּערזענלעכקייטן פון אונזער עפּאָכע, אפשר גאָר אויף דער גאַנצער ערדקויל. זינאָוויעוו קומט נישט צו זיי, אָבער דערפאַר האָבן דאָך לענין און טראָצקי שוין לאַנג געגאָלטן אין אונזערע רייען אַלס מענטשן מיט אַזעלכע גרויסע פעאיקייטן, אַלס אַזעלכע אומבאַשטרי-טענע פירער, אַז קיין באַזונדערע התפעלות האָט שוין זייער קאָלאָ-

פּאָלער וואוקס בעת דער רעוואָלוציע ביי קיינעם נישט געקאָנט אַרויסרופן."

אויב איך ברענג דידאָזיקע אויפגעבלאָזענע פּאַניגיריקעס, וואָס זייער געשמאַק איז אַ גאַנץ צווייפלהאַפטער, איז עס נאָר דערפאַר, ווייל זיי זענען מיר נויטיק, ווי אַ טייל פונם אַלגעמיינעם בילד, אָדער, אויב איך ווילט, ווי דאָס עדות-זאָגן אויף אַ געריכטלעכן פּראָצעס.

מיט אמתן עקל מוז איך נאָך ציטירן דעם דריטן עדות, יאַראָ-סלאַווסקין, וועמעס פּאַניגיריקעס זענען נאָך אפשר עקלהאַפטער, ווי זיינע פּאַסקווילן. דערדאָזיקער מענטש שפּילט איצט די גרעסטע ראָל אין דער פּאַרטיי, אַזוי, אַז מיט זיין נישטיקן גייסטיקן וואוקס לאָזט זיך אויסמעסטן די טיפע ירידה פון דער פּאַרטיי-לייטונג. צו זיין היינטיקער ראָל האָט זיך יאַראָסלאַווסקי אויסשליסלעך דערהייבן אויף די שטיגן פון זיין רכילות קעגן מיר. אַלס אָפּיציעלער פּאַלסיפיקאַטאָר פון דער פּאַרטיי-געשיכטע, שילדערט ער די פאַרגאַנגענהייט, ווי אַן אומאויפהערלעכן קאַמף פון טראָצקין קעגן לענינען. עס איז איבעריק צו זאָגן, אַז טראָצקי האָט די פויערשאַפט „אונטערגעשאַצט", „איגנאָ-רירט", בכלל זי „נישט באַמערקט". אָבער אין פעברואַר 1923, ד. ה. אין דעם מאָמענט, ווען יאַראָסלאַווסקי האָט שוין זייער גוט געמוזט קענען מיינע באַציונגען צו לענינען און מיין שטעלונג צו דער פויערשאַפט, כאַראַקטעריזירט ער מיין פאַרגאַנגענהייט אין אַ גרויסן אַרטיקל, געווידמעט די ערשטע שריט פון מיין ליטעראַרישער טע-טיקייט (1900—1902) אויף אַזאַ מין אופן:

„די גלאַנצפולע ליטעראַריש-פּובליציסטישע אַרבעט פון חבר טראָצקי האָט אים אין דער גאַנצער וועלט געשאַפן דעם נאָמען פונם „קעניג פון די פאַמפלעטיסטן": אַזוי רופט אים אויך דער ענגלישער שריפטשטעלער בערנאַרד שאָו. ווער עס האָט נאָכגעפאָלגט דידאָזיקע טעטיקייט אין פאַרלויף פון אַ פערטל יאָרהונדערט, האָט זיך אוודאי געמוזט איבערצייגן, אַז דערדאָזיקער טאַלאַנט האָט זיך באַזונדערס בולט..." און אַז. וו., און אַז. וו.

„אַ סך האָבן מסתמא געזען דאָס זייער פאַרשפּרייטע בילד פון טראָצקין אַלס יונג בחור— — — (און אַז. וו.) אונטער דעמדאָזיקן הויכן שטערן האָט שוין דעמאָלט געשפּרודלט אַ שטורמישער שטראָם פון בילדער, געדאַנקען, שטימונגען, וואָס האָבן אָפטמאָל פאַרכאַפּט

דעם חבר טראָצקי און אַוועקגעצויגן אים אָן אַ זייט פון דעם גרויסן היסטאָרישן וועג, וואָס האָבן אים טיילמאָל געצוואונגען אויסצוקלייבן ענטוועדער גאָר ווייטע אומוועגן, אָדער, להיפוך, גיין אומדערשראָקן אויף אַ דורכברוך דאָרט, וואו עס איז אוממעגלעך געווען זיך דורכצושטופן. אָבער ביי דידאָזיקע אַלע זוכענישן זעען מיר פאַר זיך אַ מענטשן, וואָס איז אויף דעם טיפסטן אופן איבערגעגעבן דער רעוואָלוציע, וואָס איז געשאַפן געוואָרן פאַר דער ראָל פון אַ טריבון, מיט אַ שאַרף געשליפענער שפּראַך, וואָס איז בויגזאַם, ווי שטאָל און וואָס טרעפט דעם קעגנער..." און אַז. וו., און אַז וו.

„די סיבירער האָבן געלייענט מיט באַגייסטערונג", פאַרכליניעט זיך יאַראָסלאַווסקי, „דידאָזיקע גלאַנצפולע אַרטיקלען און געוואַרט מיט אומגעדולט אויף זייער דערשיינען. בלויז ווייניק מענטשן האָבן געוואוסט, ווער עס איז זייער מחבר, און די, וואָס האָבן יאָ געקענט טראָצקין, האָבן אין יענער צייט ווייניקער פון אַלץ געטראַכט, אַז ער, טראָצקי, וועט ווערן איינער פון די אָנערקענטע פירער פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרמעע און פון דער גרעסטער רעוואָלוציע אויף דער וועלט."

נאָך ערגער, אויב עס איז מעגלעך, צעקייט יאַראָסלאַווסקי דעם ענין וועגן מיין „איגנאָרירונג" פון דער פויערשאַפט. דער אָנהייב פון מיין ליטעראַרישער אַרבעט איז געווען געווידמעט דעם דאָרף. אָט וואָס יאַראָסלאַווסקי זאָגט וועגן דעם:

„טראָצקי האָט נישט געקאָנט איינזיצן אין סיבירישן דאָרף, אַז ער זאָל נישט אַריינדרינגען אין אַלע פרטים פון דעם דאָרפיקן לעבן. און קודם־כל נעמט ער טאַקע אין אַכט דעם אַדמיניסטראַטיוון אַפּאַראַט פון דעם סיבירישן דאָרף. אין אַ ריי קאָרעספּאָנדענציעס גיט ער אַ גלאַנצפולע כאַראַקטעריסטיק פון דעמדאָזיקן אַפּאַראַט"... און ווייטער: „אַרום זיך האָט טראָצקי געזען בלויז דאָס דאָרף. ער האָט מיטגעליטן מיט זיינע בויערן. אים האָט שטאַרק געדריקט די דערשלאָגנקייט פון דאָרף, זיין רעכטלאָזיקייט." יאַראָסלאַווסקי פאָדערט, אַז מיינע אַרטיקלען וועגן דאָרף זאָלן אַריינגענומען ווערן אין די שולביכער. דאָס געשעט אַלץ אין פעברואַר 1923, ד. ה. אין דעמזעלבן חודש, ווען עס איז געשאַפן געוואָרן די ווערסיע וועגן מיין גלייכגילטיקייט צום דאָרף. אָבער יאַראָסלאַווסקי האָט זיך דעמאָלט

געפונען אין סיביר און איז דעריבער נישט געווען אין קורס פונם „לעניניזם."

דער לעצטער ביישפיל, וועלכן איך וויל ברענגען, באַציט זיך אויף סטאַלינען גופא. שוין צום ערשטן יאָרטאָג פון דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע האָט ער אָנגעשריבן אַן אַרטיקל, וואָס איז אין אַ פאַרמאַסקירטער פאָרם געווען געווענדעט קעגן מיר. כדי אויפצוקלערן דעם ענין, מוז מען דערמאָנען, אַז אין דער צוגרייטונגס-תקופה פון דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע האָט זיך לענין אויסבאַהאַלטן אין פינלאַנד, קאַמעניעוו, זינאָוויעוו, ריקאָוו, קאַלינין זענען געווען קעגנער פון אויפשטאַנד. דער פועל-יוצא דערפון איז געווען, אַז די פאַרטיי האָט פאַרבונדן די אָקטאָבער-איבערקערעניש דער עיקר מיט מיין נאָמען. אין דעם ערשטן יאָרטאָג פון אָקטאָבער האָט סטאַלין זיך געפרואווט אָפּצושוואַכן דידאָזיקע פאַרשטעלונג און האָט לגבי מיר אַנטקעגנגעשטעלט די אַלגעמיינע לייטונג פון צענטראַל-קאָמיטעט. אָבער כדי צו מאַכן זיין שילדערונג פיל-וויינים אָננעמבאַר, איז ער דאָך געווען געצוואונגען צו שרייבן: „די גאַנצע אַרבעט פון דער פּראַקטישער צוגרייטונג פון אויפשטאַנד איז אויסגעפירט געוואָרן אונטער דער דירעקטער לייטונג פון טראָצקין, דעם פאָרזיצער פונם פּעטראָגראַדער סאָוויעט. מען קאָן זיכער זאָגן, אַז דעם שנעלן איבערגאַנג פון גאַרניזאָן אויף דער זייט פון סאָוויעט און די געשיקטע אָרגאַניזירונג פון דער אַרבעט פונם מיליטעריש-רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט האָט די פאַרטיי קודם-כל און בעיקר צו פאַרדאַנקען דעם חבר טראָצקי."

אויב סטאַלין האָט אַזוי געשריבן, האָט ער עס געטאָן צוליב דעם, ווייל אין יענעם פעריאָד איז עס אפילו אים אוממעגלעך געווען צו שרייבן אַנדערש. עס האָבן געמוזט דורכגיין יאָרן פון אַן אומבאַצוימטער העצע, אַז סטאַלין זאָל זיך דערוועגן הויך צו דערקלערן: „דער חבר טראָצקי האָט נישט געשפּילט און נישט געקאָנט שפּילן קיין שום באַזונדערע ראָל—נישט אין דער פאַרטיי און נישט אין דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע..." אַז מען האָט אים אָנגעוויזן אויפן ווידערשפּרוך, האָט ער געענטפערט מיט אַ טאָפּעלער גראָבקייט—און רוף אים קנאַקניסל.

דאָס „דרייעלע" האָט זיך בשום אופן נישט געקאָנט אַנטקעגנשטעלן לגבי מיר. דערצו איז אָבער נויטיק געווען, אַז לענין זאָל פאַרלירן די מעגלעכקייט זיך אַנטקעגנצושטעלן דעם דרייעלע. מיט

אַנדערע ווערטער, פֿאַרן דערפֿאָלג פֿון דער קאַמפּאַניע איז נויטיק געווען ענטוועדער אַ האָפּענונגסלאָז קראַנקער לענין, אָדער זיין באַלזאַמירטער קערפּער אין מאַוזאָליי. אָבער דאָס איז נאָך אויך ווייניק געווען. דערצו האָט מען נאָך באַדאַרפֿט, אַז איך זאָל אויף דער צייט פֿון דער קאַמפּאַניע פֿאַרלאָזן דעם קאַמפּספּראַנט. און דאָס איז טאַקע געשען אין האַרבסט 1923.

איך באַשעפֿטיק מיך דאָ נישט מיט געשיכטע-פֿילאָזאָפֿיע, נאָר איך דערצייל מיין לעבן אויפֿן פֿאָן פֿון די געשעענישן, מיט וועלכע עס איז געווען צונויפֿגעבונדן. אָבער עס איז אוממעגלעך נישט אָנצווייזן, פֿאַרביייגייענדיק, ווי דאָס צופֿעליקע העלפֿט צו מיט אַזאַ דינסט-גרייטקייט דעם געזעצמעסיקן. ברייטער גערעדט, איז דער גאַנצער היסטאָרישער פּראָצעס אַ רעפֿלעקסיע פֿון געזעצמעסיקן דורכן צופֿעליקן. אויב מען זאָל זיך באַנוצן מיטן לשון פֿון דער ביאָלאָגיע, דאַן קאָן מען זאָגן, אַז די היסטאָרישע געזעצמעסיקייט ווערט פֿאַרווירקלעכט דורך דעם נאַטירלעכן אָפּקלויב פֿון די צופֿאַלן. אויף דעמדאָזיקן יסוד אַנטוויקלט זיך די באַוואוסטזיניקע מענטשלעכע טעטיקייט, וואָס וואַרפֿט אונטער די צופֿאַלן אַ קינסטלעכן אָפּקלויב...

* * *

איך מוז אָבער איבעררייסן מיין שילדערונג און דערציילן וועגן מיין פֿריינט איוואַן וואַסיליעוויטש זאַיצעוו פֿון דאָרף קאַלאָשין, ביים טייך דובנע. דידאָזיקע געגנט הייסט זאַבאָלאָטיע, און ווי דאָס איז מרמז דער נאָמען גופֿא, איז זי רייך מיט זומפּ-געפֿליגל. דער טייך דובנע צעגיסט זיך דאָ טיילמאָל שטאַרק פֿאַנאַנדער. זומפּן, יעזשערעס, און קליינע שטייענדיקע וואַסערן, אַרומגערינגלט מיט טייכאַיר. ווי אַ ברייטע לאָנקע אויף אַ שטח פֿון כמעט פֿערציק קילאָמעטער. פֿרילינגסצייט פֿליען דאָ פֿאַרביי גענז, באָטשאַנעס, כּל המינים קאַטשקעס, קראָנעשנעפּעס, דופּעלשנעפּעס, ציען זיך קאַמפּהענער און די גאַנצע איבעריקע זומפּ-חבריה. ביי אַ צוויי קילאָמעטער פֿונדאַנען, אינעם יונגן וואַלד, צווישן מעך-בערגלעך און ברוסניקעס-צמחים פּרוכפּערן זיך די אויערהענער. מיט זיין קורצן רודער טרייבט איוואַן וואַסיליעוויטש דאָס אויסגעלובעטע שיפֿל איבערן שמאָלן פּאַס וואַסער צווישן זומפּיקע ברעגעס. דער וואַסערפּאַס איז אויסגעגראָבן געוואָרן ווער ווייס פֿאַר וועלכע

צייטן. אפשר מיט 200—300 אָדער נאָך מער יאָרן צוריק. און יאָר־איין, יאָר־אויס מוז מען אים אויסרייניקן, אַז ער זאָל נישט פאַרשאָטן ווערן מיט זאַמד. פון קאַלאָשין מוז מען אַרויספאָרן נאָך האַלבער נאַכט, כּדי זיך אַריינצוכאַפּן באַגינען אין לויער־געצעלט. ביי יעדן טריט הייבט אויף דער טאָרפזומפּ זיין וואַקלדיקן בויך. תּחילת האָב איך מיך געשראָקן דערפאַר. אָבער איוואַן וואַסיליעוויטש האָט מיר נאָך ביי מיין ערשטן באַזוך געזאָגט: „שטעל זיכער דעם פוס, אין יעזשערע איז שוין נישט איינער דערטרונקען געוואָרן, אָבער אין זומפּ איז נאָך קיינער נישט אומגעקומען."

דאָס שיפל איז אַזוי לייכט און אַזוי וואַקלדיק, אַז דאָס בעסטע איז צו ליגן אומבאַוועגלעך אויפן רוקן, בפרט בעת אַ ווינט. די שיפלייט שטייען געוויינלעך פון זיכערקייט וועגן אויף די קני. אָבער איוואַן וואַסיליעוויטש, נישט געקוקט אויף זיין הינקעדיקן פוס, שטייט פעסט ווי הויך ער איז. איוואַן וואַסיליעוויטש איז דער קאַטשקעס־הערצאָג פון דידאָזיקע מקומות. זיין טאַטע, זיין זיידע און עלטער־זיידע זענען געווען קאַטשקע־יעגער. עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז איינער פון זיינע אבות האָט נאָך געליפערט קאַטשקעס, גענז און שוואַנען פאַרן טיש פון איוואַן דעם גרויזאַמען. אויערהענער, בירקהענער און קראַנשנעפּעס האָבן זייצווון נישט אינטערעסירט. „נישט מיין פאַך"—זאָגט ער קורץ. דערפאַר אָבער קען ער אויסגעצייכנט גוט די קאַטשקע: אירע פעדערן, איר קול און איר קאַטשקע־נשמה. שטייענדיק אין שיפל, הייבט ער טיילמאָל אויף פון וואַסער איין פעדער נאָך דער אַנדערער, באַטראַכט זיי און דערקלערט: „מיר וועלן אַ פּאָר טאָג קיין גושטשינע, אינאָוונט האָט זיך דאָרט די קאַטשקע באַזעצט..." „פונוואַנען ווייסטו דאָס?" „דו זעסט דאָך, די פעדער האַלט זיך אויפן וואַסער, זי האָט זיך נאָך נישט איינגענעצט. אַ פרישע פעדערל, ערשט אינאָוונט אַרונטערגעפאַלן, און מער ווי קיין גושטשינע האָט דער פייגל נישט געהאַט וואוהין צו פליען."

און אָט, בעת אַנדערע יעגער ברענגען מיט זיך איין פּאָר אָדער צוויי, קומען מיר מיט אַ צענדליק שטיק און אַמאָל אויך מיט אַנדערטהאַלבן צענדליק. ער נעמט זיך דעם פאַרדינסט, איך — דעם כּבוד. אַזוי גייט עס ס'רוב אין לעבן. אינם לויער־געצעלט פון טייכ־אַאיר ליגט צו איוואַן וואַסיליעוויטש זיין האַרטע האַנט צו די ליפּן און נעמט שרייען, ווי אַ קאַטשקע, אָבער אַזוי צאַרט, אַז אפילו דער

פֿאַרזיכטיקסטער קאַטשקע-האָן, וואָס איז אַ סך מאָל אונטערגעשאָסן געוואָרן, קאָן נישט ביישטיין דעם נסיון קעגן דעמדאָזיקן ליבע-רייץ. ער נעמט זיך דרייען אין אַ קרייז אַרום געצעלט, אָדער ער לאָזט זיך פּשוט אַראָפּ אויפֿן וואַסער, ביי אַ פֿינף טריט פֿון געצעלט, אַזוי, אַז ס'איז באמת אַ פֿיין צו שיסן אין אים. זאַיצעוו זעט אָבער אַלץ, ווייס אַלץ, שפּירט אַלץ. — „דו זיי גרייט," שעפּטשעט ער, „דער קאַטשקע-האָן פֿליט גלייך אויף דיר." איך זע נאָר ווייט איבערן וואַלד צוויי שטריכן פֿון פֿליגלען; אָבער אַז דאָס זאָל דווקא זיין אַ קאַטשקע-האָן—ניין, דאָס קאָן נאָר כאַפּן מיטן אויג איוואַן וואַסיליע-וויטש, דער גרויסער מייסטער פֿונם קאַטשקע-פֿאַך. אָבער דער קאַטשקע-האָן פֿליט טאַקע גלייך צו מיר. „אויב דו וועסט אַדורכלאָזן," זאָגט איוואַן וואַסיליעוויטש מיט אַ שטיל, שטיל, העפֿלעך קרעכצל, קוים צום הערן. גלייכער נישט געבאָרן צו ווערן, איידער צו הערן הינטער דער פּאַטילניצע דאָסדאָזיקע קרעכצל.

זאַיצעוו האָט פֿאַרן קריג געאַרבעט אין אַ טעקסטיל-פֿאַבריק. און אויך איצט גייט ער ווינטערצייט קיין מאָסקווע אַלס הייצער אָדער אויף דער עלעקטרישער סטאַנציע. אין די ערשטע יאָרן נאָך דער איבערקערעניש האָט זיך געצויגן איבערן לאַנד אַ פֿראָנט מיט קאַמפֿן, עס האָבן געברענט וועלדער און טאָרפֿזומפּן, די פֿעלדער זענען געשטאַנען הוילנאַקעטע — די קאַטשקעס זענען אינגאַנצן נישט געקומען. זאַיצעוו האָט געצווייפֿלט אין דער נייער אָרדענונג. אָבער אין יאָר 1920 האָט זיך די קאַטשקע ווידער באַוויזן, ריכטיקער גע-זאָגט, זי האָט זיך אַ לאָז געטאָן מחנותווייז, און איוואַן וואַסיליע-וויטש גלויבט שוין באמונה שלמה אין דער סאָוועטן-מאַכט.

אַ גאַנץ יאָר נאָכאַנאַנד האָט ביי אַ צוויי קילאָמעטער פֿונדאַנען געאַרבעט אַ קליינע סאָוועטישע קנויטן-פֿאַבריק. דער דירעקטאָר איז געווען דער אַמאָליקער שאָפֿער פֿון מיין קריגסצוג. זאַיצעווס ווייב און זיין טאָכטער פֿלעגן ברענגען פֿון פֿאַבריק דרייסיק רובל אַ חודש. דאָס איז געווען אַן אומגעווייגלעכע עשירות. אינגיכן אָבער האָט די פֿאַבריק פֿאַרזאָרגט מיט קנויטן די גאַנצע געגנט און האָט זיך פֿאַר-מאַכט. ווידער איז די קאַטשקע געוואָרן דער יסוד פֿונם פֿאַמיליע-וואוילשטאַנד.

דעם 1-שטן מאַי איז איוואַן וואַסיליעוויטש אַריינגעפֿאַלן אין מאָסקווער גרויסן טעאַטער, אויף דער בינע, וואו עס ווערן אויפֿגע-

נומען די בכבודיקע געסט. איוואַן וואַסיליעוויטש איז געזעסן אין דער ערשטער ריי, אפילו אַ ביסעלע מטושטש, דעם הינקעדיקן פוס אַרונטערגערוקט, אָבער ווי תּמיד מיט גרויס חשיבות אויפן פּנים און האָט זיך צוגעהערט צו מיין רעפעראַט. געבראַכט האָט אים אַהער מוראַלאָוו, מיט וועלכן מיר האָבן געוויינלעך געטיילט אונזערע יע-גערשע פריידן און ליידן. מיטן רעפעראַט איז איוואַן וואַסיליעוויטש געבליבן זייער צופרידן, האָט לגמרי אַלץ פאַרשטאַנען און נאָכדעם איבערדערציילט אים אין קאַלאָשין. דאָס האָט נאָכמער פאַרפעסטיקט אונזער דרייענדיקע פריינטשאַפט. מען מוז זאָגן, אַז די אַלטע יע-גערס, בפרט די־יעניקע פון אונטער מאָסקווע, זענען בטבע אַ ביסל פאַרדאָרבן. זיי האָבן זיך צו נאָענט געריבן אַרום די גרויסע אדונים און זענען צו גרויסע בריות זיך אונטערצוחנפענען, צו זאָגן אַ ליגן און זיך צו באַרימען. אָבער איוואַן וואַסיליעוויטש געהערט נישט צו דידאָזיקע. ער האָט אין זיך אַ סך פשטות, באַאָבאַכטונגס-פעאיקייט און פערזענלעכע חשיבות. דאָס שטאַמט דערפון, וואָס אין דער טי-פעניש פון זיין נשמה איז ער נישט קיין סוחר, נאָר אַן אַרטיסט אין זיין פאַך.

צו זאַיצעוון פלעגט אָפט קומען אויף יאַגד אויך לעוויטאַן, און איוואַן וואַסיליעוויטש האָט תּמיד אָנגעוויזן דעם אָרט אין דער הילצערנער שאָפע, וואו לעוויטאַן איז געלעגן אויפן היי. לעוויטאַן איז געווען אַ ליידנשאַפטלעכער יעגער, זעלטן אָבער פלעגט ער גיין אויף יאַגד. אויפן יאַגד איז ער געווען זייער היציק, נישט געקוקט אויף זיין אומגעוויינלעכער מיושבדיקייט ביי גרויסע זאַכן. פונקט ווי גרויסע סטראַטעגן זענען על־פּי־רוב שלעכטע שאָכשפּילער, אַזוי קאָנען אויך מענטשן מיט אַ געניאַלן פּאָליטישן צילפּונקט זיין מיטלמעסיקע יע-גער. איך דערמאָן מיך, ווי לעוויטאַן האָט כמעט מיט עפּעס אַ פאַר-צווייפלונג זיך געקלאָגט פאַר מיר, פונקט ווי עס וואָלט געשען עטוואָס אַזוינס, וואָס מען קאָן עס שוין קיינמאָל נישט אויסבעסערן, — אַז ער האָט אין אַ געיעג אויף פוקסן דורכגעלאָזט אַ פוקס אויף אַ שטח פון 25 טריט. איך האָב אים פאַרשטאַנען און פון גאַנצן האַרצן מיטגעפילט.

מיר איז קיין איין מאָל נישט געלונגען צו גיין אויף יאַגד צוזאַמען מיט לעווינען כאָטש מיר האָבן זיך אַ סך מאָל אָפּגערעדט וועגן דעם און שוין געהאַט אפילו באַשטימט די צייט. אין די

ערשטע יאָרן נאָך דער איבערקערעניש זענען בכלל נישט געלעגן אין קאָפּ אַזעלכע זאַכן. לענין פלעגט זיך נאָך אַמאָל אַרויסכאַפּן פון מאָסקווע אויף דער פרייער לופט, אָבער איך בין כמעט נישט אַרויס פון וואַגאָן, פון די שטאַבן, פון אויטאָ און קיין איין מאָל נישט צריינגעקומען אין האַנט די שרויט-ביקס. און אין די לעצטע יאָרן, נאָכן בירגערקריג, האָט תמיד עפּעס אַן אומפאָרויסגעזעענע זאַך געשטערט אים, אָדער מיר. דערנאָך האָט לענין געקומען קרענקען. מיט אַ קורצער צייט פריער, איידער ער האָט זיך אַוועקגעלייגט, האָבן מיר געהאַט אָפּגערעדט זיך צו טרעפן אין טווערער גובערניע אויפן טייך שאָשע. אָבער לענינס אויטאָ איז געבליבן שטעקן אויפן פעלדוועג, און איך האָב זיך אויף אים נישט געקאָנט דערוואַרטן. ווען לענין איז געקומען צו די כוחות נאָך דעם ערשטן אַטאַק, האָט ער געקעמפט פאַרן רעכט צו מעגן גיין אויף יאַגד. סוף-כל-סוף האָבן אים די דאָקטוירים נאָכגעגעבן, אָבער בתנאי, אַז ער זאָל זיך נישט איינמידן. דאַכט זיך, אַז אויף עפּעס אַן אַגראָנאָמישער באַראַטונג האָט זיך לענין צוגעזעצט צו מוראַלאָוון.—„איר גייט מיט טראָצקין אָפּט אויף יאַגד?" „אָפטמאָל." „נו, און ווי גייט עס צו, מיט דער-פאָלג?" „אַמאָל געלינגט אויך." „טאָ נעמט מיך אויך מיט, וואָס?" „און איר מעגט טאַקע?" פרעגט מוראַלאָוו פאָרזיכטיק. „איך מעג, איך מעג, מען האָט דערלויבט... וועט איר מיך מיטנעמען?" „נו, געוויס, וולאַדימיר איליטש—ווי קאָן מען אייך נישט מיטנעמען!" „וועל איך, הייסט עס, אַ שאָס טאָן, וואָס?" „מיר וועלן וואַרטן אויף אייך." אָבער איליטש האָט נישט געשאָסן. אַ צווייט מאָל האָט די קראַנקהייט אויסגעשאָסן. און דערנאָך—דער טויט.

דידאָזיקע גאַנצע אָפּווייכונג איז מיר נויטיק געווען, כדי צו דערקלערן, ווי אַזוי און פאַרוואָס איך האָב זיך אין איין שיינעם אָקטאָבער-זונטיק פון יאָר 1923 פלוצלונג געפונען אין זאַבאָלאָטיע, אין זומפּ, צווישן טייכאַאיר. ביינאַכט איז געוואָרן אַ פרעסטל, און אין געצעלט בין איך געזעסן אין וואָליקעס. אָבער אינדערפרי האָט די זון געשמאַק געוואַרעמט, דער זומפּ איז צעגאַנגען. אויפן בערגל האָט געוואַרט דער אויטאָ. דער שאָפער דאַווידאָוו, מיט וועלכן איך האָב אַקסל ביי אַקסל דורכגעמאַכט דעם גאַנצן בירגערקריג, האָט, ווי תמיד, געברענט פון אומגעדולד וואָס גיכער צו זען דעם רעזולטאַט פונם יאַגד. פון שיפל צום אויטאָ איז געווען אַ מהלך פון אַ הונדערט

טריט, נישט מער. קוים אָבער האָב איך געמאַכט אַ טריט מיט די וואַליקעס אין זומפּ, זענען מיינע פיס פאַרזונקען אין קאַלטן וואַסער. ביז איך בין שפּרינגענדיק צוגעלאָפן צום אויטאָ, זענען מיר די פיס אינגאַנצן דורכגעפרוירן געוואָרן. איך האָב מיך אַוועקגעזעצט לעבן דאַווידאָוון, אַראָפּגענומען די וואַליקעס און געגומען וואַרעמען די פיסביים הייסן מאָטאָר. די פאַרקילונג האָט אָבער גובר געווען. איך האָב מיך געמוזט אַוועקלייגן אין בעט. נאָך דער אינפלוענץ האָט זיך אַרויסגעוויזן עפּעס אַ מין קריפּטאָגענישער פיבער. די דאָקטוירים האָבן מיר פאַרבאָטן אויפצושטיין פון בעט, אַזוי בין איך אָפּגעלעגן דעם רעשט האַרבסט און דעם ווינטער. דאָס הייסט, אַז איך האָב פאַרקרענקט די דיסקוסיע פון יאָר 1923 קעגן דעם „טראָצקיזם". מען קאָן פאָרויסזען אַ רעוואָלוציע און אַ קריג, מען קאָן אָבער נישט פאָרויסזען די פאָלגן פון אַ האַרבסט־יאַגד אויף קאַטשקעס.

* * *

לענין איז געלעגן אין גאָרקי, איך — אין קרעמל. די עפּיגאָנען האָבן פאַרברייטערט דעם קרייז פון דער פאַרשווערונג. זיי זענען אין דער ערשטער צייט אַרויסגעטרעטן פאָרזיכטיק, מיט חניפה, צומישנדיק אָבער צו די שבחים אַלץ גרעסערע פּאָרציעס סם. אפילו זינאָוויעוו, דער מער אומגעדולדיקער צווישן זיי, האָט איינגעהילט דאָס רכילות אין צענדליקער תירוצים. „דער אויטאָריטעט פון חבר טראָצקי איז אַלעמען באַקאַנט", האָט זינאָוויעוו געזאָגט דעם 15־טן דעצעמבער (1923) אויף אַ פּאַרטיי־פאַרזאַמלונג אין פּעטראָגראַד, „אַזוי גוט, ווי זיינע פאַרדינסטן. אין אונזער סביבה דאַרף מען קיין סך וועגן דעם נישט רעדן. אָבער די פעלערן בלייבן פעלערן. ווען איך בין באַגאַנגען אַ פעלער, האָט זיך די פּאַרטיי מיט מיר אויך גאַנץ אָרנטלעך אָפּגערעכנט..." און אַזוי ווייטער אין דעמזעלבן פּחדנותדיק־אָנגרייפנדיקן טאָן, וואָס איז אַ לענגערע צייט געבליבן דער גרונטטאָן פון די פאַרשווערער. ערשט נאָכדעם, ווי זיי האָבן גוט אַדורכגעטאַפּט דעם באָדן און פאַרכאַפּט די פּאָזיציעס, איז דער טאָן געוואָרן אַ דרייסטערער.

עס איז אַנטשטאַנען אַ גאַנצע וויסנשאַפט: די פאַבריצירונג פון קינסטלעכע רעפּוטאַציעס, חיבורים פון פאַנטאַסטישע ביאָגראַפיעס,

באַשטעלטע רעקלאַמעס פון פירער. אַ באַזונדערע קליינע וויסנשאַפט איז געווידמעט געוואָרן דער פראַגע וועגן ערן-פּרעזידיום. פון נאָכן אָקטאָבער אָן איז געוואָרן אַ מנהג אויסצוקלייבן אויף די אומצייליקע פאַרזאַמלונגען לעניניען און טראָצקין אין ערן-פּרעזידיום. די פאַרביני־דונג פון דידאָזיקע צוויי נעמען איז אַריין אין דער אומגאַנגס־שפּראַך, אין די צייטונגס-אַרטיקלען, אין שירים און פאַבריק-לידלעך. מען האָט געמוזט אָפּטיילן דידאָזיקע צוויי נעמען, לפּחות, מעכאַניש, כדי שפּעטער זיי פּאָליטיש אַנטקעגנצושטעלן איינעם קעגן צווייטן. איצט האָט מען אָנגעהייבן אַריינצונעמען אין פּרעזידיום אַלע מיט־גלידער פון פּאָליטביוראָ, דערנאָך האָט מען זיי איינגעאָרדנט לויטן אלף-בית. שפּעטער איז דער אַלפאַבעטישער סדר צעשטערט געוואָרן לטובת דער נייער היעראַרכיע פון די פירער. אויפן ערשטן אָרט האָט מען אַרויסגערוקט זינאָוויעוון, דעם בייַשפּיל האָט געגעבן פּע־טראָגראַד. און נאָך אין אַ געוויסער צייט אַרום האָבן זיך גענומען ווייזן ערן-פּרעזידיומס אָן טראָצקין. די פאַרזאַמלונגען האָבן הויך פּראָטעסטירט. נישט זעלטן איז דער פאָרזיצער געווען געצוואונגען צו דערקלערן, אַז מיין נאָמען איז אַרויסגעפאַלן צוליב עפּעס אַ טעות. דער צייטונגס-באַריכט האָט עס אָבער, נאַטירלעך, פאַרשוויגן. דערנאָך האָט מען אָנגעהייבן אָפּצוגעבן דעם ערשטן אָרט סטאַלינען. אויב דער פאָרזיצער איז נישט געווען בכוח דורכצוזעצן דאָס, וואָס מען האָט געדאַרפט, האָט אים דער צייטונגס-באַריכט תמיד אויסגע־בעסערט. קאַריערעס זענען אויפגעקומען און חרוב געוואָרן, אין צו־זאַמענהאַנג מיטן פאַנאַנדערשטעלן די נעמען אין ערן-פּרעזידיום. די־דאָזיקע אַרבעט, די מער עקשנותדיקע און סיסטעמאַטישע פון אַלע אַרבעטן, איז מאָטיווירט געוואָרן מיט דער נויטווענדיקייט צו קעמפן קעגן „פירער-קולט”. אויף דער מאָסקווער קאָנפערענץ פון יאָר 1924 האָט פּרעאָבראַזשענסקי געזאָגט די עפּיגאָנען: „יאָ, מיר זענען קעגן „פירער-קולט”, אָבער מיר זענען אויך קעגן דעם, אַז אָנשטאָט דעם קולט פון איין פירער זאָל זיך פּראַקטיצירן דער קולט פון אַנדערע פירער, אָבער פון אַ קלענערן מאַסשטאַב.”

„דאָס זענען געווען שווערע טעג”, דערציילט מיין פרוי אין אירע אויפצייכענונגען, „טעג פון ל. ד.ס געשפּאַנטן קאַמף קעגן די מיטגלידער פון פּאָליטביוראָ. ער איז געווען אַליין און איז געווען קראַנק און האָט געקעמפט קעגן אַלע. צוליב ל. ד.ס קראַנקהייט

זענען די זיצונגען פאַרגעקומען ביי אונז אין וואוינונג. איך בין גע־ זעסן אין שלאָפצימער דערביי און זיך צוגעהערט צו זיינע אַרויס־ טרעטונגען. ער האָט גערעדט מיט זיין גאַנצן וועזן און עס האָט זיך געדאַכט, אַז מיט יעדער רעדע זיינער פאַרלירט ער אַ טייל פון זיינע כּוחות, מיט אַזוי פיל „בלוט״ האָט ער צו זיי גערעדט. און אויף דעם האָב איך געהערט קאַלטע, גלייכגילטיקע תּשובות. אַלץ איז דאָך געווען פריער אָפּגעמאַכט. היינט צו וואָס האָבן זיי זיך געדאַרפט אויפרעגן? נאָך אַזאַ זיצונג האָט זיך יעדעס מאָל ביי ל. ד. אויפגע־ הייבן די טעמפּעראַטור, ער פלעגט אַרויס פון קאַבינעט אַ דורכגע־ ווייקטער ביז די ביינער, פלעגט זיך אויסטאָן און אַריינלייגן אין בעט. די וועש און די קליידער האָט מען געמוזט טריקענען, פּונקט ווי ער וואָלט געגאַנגען אונטער אַ רעגן. די זיצונגען זענען דעמאָלט עפּטער פאָרגעקומען ביי ל. ד. אין צימער מיטן אָפּגעבליאַקירטן אַלטן דיוואַן, וואָס נאַכט אין נאַכט האָט ער זיך מיר געחלומט אין דער געשטאַלט פון אַ לעבעדיקער פאַנטערע: די זיצונגען פון טאָג האָבן זיך ביינאַכט פאַרוואַנדלט אין אַ קאָשמאַר. אַזוי האָט אויסגעזען דער ערשטער עטאַפּ פון קאַמף, איידער ער האָט זיך אַרויסגעריסן אין דער עפנטלעכקייט״...

שפּעטער, בעת זינאָוויעוו און קאַמעניעוו זענען אַרויסגעטרעטן קעגן סטאַלינען, זענען די סודות פון דעמדאָזיקן פעריאָד אויפגע־ דעקט געוואָרן דורך די אָנטיילנעמער פון דער פאַרשווערונג. וואָרים דאָס איז דאָך געווען אַ סיסטעמאַטיש־אָרגאַניזירטע פאַרשווערונג. עס איז געשאַפן געוואָרן אַ געהיים פּאָליטביוראָ (זיבעטל), אין וועלכן עס זענען, חוץ מיר, אַריין אַלע מיטגלידער פונם אָפיציעלן פּאָלי־ טישן ביוראָ מיט קויבישעוון, דעם היינטיקן פאָרזיצער פון וו ס נ כ אַלס צוגאָב. אַלע פראַגן זענען פריער באַשלאָסן געוואָרן אין דער־ דאָזיקער געהיימער צענטראַלע, וואָס אירע מיטגלידער זענען געווען פאַרבונדן דורך אַ קעגנזייטיקער גאַראַנטיע. זיי האָבן זיך מתחייב געווען נישט צו פּאָלעמיזירן איינער מיטן צווייטן און צוגלייך אָבער אויסזוכן תּמיד יעדע געלעגנהייט, כּדי אַרויסצוטרעטן קעגן מיר. אין די לאָקאַלע אָרגאַניזאַציעס האָבן אויך עקזיסטירט אַזעלכע געהיימע צענטראַלעס, וואָס האָבן זיך דורך אַ שטרענגער דיסציפּלין פאַרבונדן מיטן מאָסקווער „זיבעטל״. זיי האָבן אויך געהאַט אַ ספּעציעלע שיפער־ שריפט פאַר זייער קאָרעספּאָנדענץ. דאָס איז געווען אַ גוט איינגעאָרדנטע

אומלעגאַלע אָרגאַניזאַציע אינערהאַלב דער פּאַרטיי, וואָס איז לכתּחילה געווען געווענדט בלויז קעגן איין מענטש. די פאַראַנטוואָרטלעכע פּאַרטיי- און מלוכה־אַרבעטער זענען אויסשליסלעך צוגעקליבן געוואָרן אונטער איין קריטעריום: קעגן טראָצקין. פאַר דער צייט פונם לאַנגדויערנדיקן „אינטערעגנום", וואָס איז אַנטשטאַנען דורך לענינס קראַנקהייט, איז דידאָזיקע אַרבעט געפירט געוואָרן אומדערמידלעך, אָבער גלייכצייטיק פּאַרזיכטיק און פאַרמאַסקירט, אַזוי, אַז טאָמער וועט לענין געזונט ווערן, זאָלן בלייבן גאַנץ די אונטערגעמינעוועטע בריקן. די פאַרשווערער פלעגן זיך פאַרשטענדיקן אויפן וואונק. פון די קאַנדידאַטן אויף דעם אָדער יענעם פּאָסטן האָט זיך געפאָדערט, זיי זאָלן זיך אָנשטויסן, וואָס מען וויל פון זיי. ווער עס האָט זיך „אָנגעשטויסן", דער איז געשטיגן אינדערהויך. אויף דעם אופן איז אַנטשטאַנען אַ באַזונדערער מין קאַריעריזם, וואָס האָט שפּעטער אָפן באַקומען דעם נאָמען „אַנטי־טראָצקיזם". ערשט מיט לענינס טויט האָט דידאָזיקע קאָנספּיראַציע באַקומען פרייע הענט און האָט געקאָנט אַרויסטרעטן אָפן. דער פּראָצעס פונם פּערזענלעכן אָפּקלויב האָט זיך אַראָפּגעלאָזט מיט אַ שטאָק נידעריקער. מען האָט שוין נישט געקאָנט מער פאַרנעמען קיין פּאָסטן פון אַ פאַבריק־דירעקטאָר, פון אַ סעקרעטאַר אין אַ צעך־קעמערל, פון אַ פּאָרזיצער אין אַ דאָרפישן עקזעקוטיוו־קאָמיטעט, פון אַ בוכהאַלטער, פון אַן איבערשרייבערין אויף אַ מאַשינדל, אויב מען זאָל זיך נישט דעקלאַרירן פריער פאַר אַן אַנטי־טראָצקיסט.

פּאַרטיי־מיטגלידער, וואָס האָבן אויפגעהייבן אַ שטימע קעגן דערדאָזיקער פאַרשווערונג, זענען געפאַלן אַ קרבן פון פאַררעטערישע אַטאַקעס, נאַטירלעך, אונטער גאַנץ זייטיקע, נישט זעלטן אויסגעטראַכטע תּירוצים. פאַרקערט, די מאָראַליש־וואַקלדיקע עלעמענטן, וואָס זענען אין די ערשטע פינף יאָר פון דער סאָוויעטן־מאַכט אָן שום רחמנות אַרויסגעטריבן געוואָרן פון דער פּאַרטיי, האָבן איצט אַסעקורירט זייערע פּאָזיציעס מיט איין פיינטלעכער רעפּליקע קעגן טראָצקין. דיזעלבע אַרבעט איז פון סוף יאָר 1923 געפירט געוואָרן אין אַלע פּאַרטייען פון קאָמאינטערן: די פירער זענען אַראָפּגעזעצט געוואָרן, יענע, ווידער, האָבן פאַרנומען זייערע פּאָסטנס, אָפּהענגיק דערפון, ווי אַזוי זיי האָבן זיך באַצויגן צו טראָצקין. עס איז פאַר־באַקומען אַ געשפּאַנטער קינסטלעכער אָפּקלויב נישט פון די בעסטע,

נאָר פון יענע, וואָס האָבן זיך צום בעסטן געקאָנט צופּאַסן. דער אַלגעמיינער קורס האָט בלויז געפירט צו דעם, אַז די זעלבסטשטענ־דיקע און באַגאַבטע מענטשן זאָלן פאַרביטן ווערן אויף מיטלמע־סיקייטן, וואָס האָבן צו פאַרדאַנקען זייער שטעלונג אויסשליסלעך דעם אַפּאַראַט. אַלס העכסטער אויסדרוק פון דער אַפּאַראַט־מיטלמע־סיקייט האָט זיך אַרויסגערוקט סטאַלין.

איין און פערציקסטער קאַפּיטל

לענינס טויט און די ענדערונג פון דער מאַכט־פּאָזיציע

מען האָט מיך נישט איינמאָל געפרעגט און מען פרעגט מיך טיילמאָל אויך איצט: ווי אַזוי האָט איר געקאָנט פאַרלירן די מאַכט? על־פּי־רוב ליגט פאַרבאָרגן הינטער דערדאָזיקער פראַגע אַ גאַנץ נאַיווע פאָרשטעלונג וועגן עפּעס אַ מאַטעריעלער זאַך, וואָס איז אַרויסגעלאָזט געוואָרן פון דער האַנט: פונקט ווי פאַרלירן די מאַכט וואָלט געווען דאָס־זעלבע, ווי פאַרלירן, אַ שטייגער, אַ זייגערל אָדער אַ נאָטיצביכעלע. אינדעראמתן אָבער, ווען רעוואָלוציאָנערן, וואָס האָבן אָנגעפירט מיט דער דעראָבערונג פון דער מאַכט, הייבן אָן אויף אַ באַשטימטן עטאַפּ — „פרידלעך” אָדער קאַטאַסטראָפאַל — זי צו פאַרלירן, באַצייכנט שוין דאָס אַליין פאַקטיש די ירידה פון איינפלוס פון באַשטימטע אידעען און שטימונגען אין דער אָנפירנדיקער שיכט פון דער רעוואָלוציע, אָדער די ירידה פון די רעוואָלוציאָנערע שטימונגען ביי די מאַסן גופא, אָדערביידע זאַכן צוזאַמען. די אָנפירנדיקע קאַדרעס פון דער פאַרטיי, וואָס איז אַרויס פון אומלעגאַלע וועגן, זענען געווען באַגייסטערט פון רעוואָלוציאָנערע טענדענצן, וועלכע די פירער פון דעם ערשטן רעוואָלוציע־פּעריאָד זענען געווען אימשטאַנד קלערער און בעסער צו פאָרמולירן, פולשטענדיקער און דערפאָלגרייכער דורכצופירן אין דער פראַקטיק. און טאַקע דאָס האָט זיי געמאַכט פאַר די פירער פון דער פאַרטיי און דורך דער פאַרטיי — פאַר די פירער פון אַרבעטערקלאַס, און דורכן אַרבעטערקלאַס—פאַר די

פירער פון לאַנד. אויף דעם אופן האָבן געוויסע מענטשן קאָנצענטרירט די מאַכט אין זייערע הענט. אָבער די אידעען פון דעם ערשטן רעוואָלוציע־פעריאָד האָבן אומבאַמערקט פאַרלוירן די השפעה אויפן באַוואוסטזיין פון יענער פאַרטיי־שיכט, וואָס האָט אוממיטלבאַר אויסגעאיבט די מאַכט איבערן לאַנד. אין לאַנד גופא זענען פאָרגעקומען פּראָצעסן, וואָס קאָנען באַצייכנט ווערן מיטן אַלגעמיינעם נאָמען פון רעאַקציע. דידאָזיקע פּראָצעסן האָבן מער אָדער ווייניקער פאַרכאַפּט אויך דעם אַרבעטס־קלאַס און דערונטער אויך זיין אָרגאַניזירטן טייל אין דער פאַרטיי. ביי יענער שיכט, וואָס האָט געבילדעט דעם אַפּאַראַט, האָבן זיך אָנגעהייבן אַרויסצווייזן אייגענע כוונות. וועלכע זיי האָבן געשטרעבט אָנצוואַרפן דער רעוואָלוציע. צווישן די פירער, וואָס האָבן פאַרקערפּערט די היסטאָרישע ליניע פון קלאַס און האָבן געקאָנט אַריבערקוקן איבערן אַפּאַראַט, און צווישן דעמדאָזיקן אַפּאַראַט — דעם ריזיקן, שווערגעוויכטיקן און פאַרשידנאַרטיקן לויט זיין צוזאַמענשטעל, וואָס האָט דעם דורכשניטלעכן קאָמוניסט לייכט אַריינגעזויגן אין זיך—האָט זיך אָנגעהייבן מערקן אַ שפּאַלטונג. לכתחילה האָט די שפּאַלטונג געטראָגן מער אַ פּסיכאָלאָגישן, ווי אַ פּאָליטישן כאַראַקטער, דער נעכטיקער טאָג איז נאָך געווען צו פריש די לאָזונגען פון אָקטאָבער זענען נאָך נישט אַרויסגעפלויגן פון זכרון, די פערזענלעכע אויטאָריטעטן פון די פירער פונם ערשטן פעריאָד זענען נאָך געווען גענוג גרויס. אָבער אונטער דעם מאַנטל פון די טראַדיציאָנעלע פאָרמען האָט זיך שוין אויסגעשמידט אַן אַנדער פּסיכאָלאָגיע. די אינטערנאַציאָנאַלע פּערספּעקטיוון האָבן פאַרלאָרן זייער גלאַנץ. די טאָג־טעגלעכע אַרבעט האָט די מענטשן לגמרי איינגעשלונגען. די נייע מעטאָדן, וואָס האָבן געדאַרפט דינען די אַלטע צילן, האָבן געשאַפן נייע צילן און, קודם־כל, אַ נייע פּסיכאָלאָגיע. דער צייטווייליקער עטאַפּ האָט זיך פאַר אַ סך און אַ סך אָנגעהייבן צו פאַרוואַנדלען אין אַן ענד־סטאַציע. עס איז אַנטשטאַנען אַ נייער טיפּ.

רעוואָלוציאָנערן זענען סוף־כל־סוף געמאַכט פון דעמזעלבן סאָציאַלן שטאָף, ווי אַלע אַנדערע מענטשן. אָבער זיי מוזן דאָך האָבן עפּעס שאַרפע באַזונדערע פערזענלעכע אייגנשאַפטן, וואָס האָבן פאַרמעגלעכט דעם היסטאָרישן פּראָצעס זיי אָפּצוטיילן פון די אַנדערע און צו גרופּירן זיי באַזונדער. דער געמיינזאַמער פאַרקער, די טעאָרעטישע אַרבעט, דער קאַמף אונטער אַ באַשטימטער פאָן, די קאָלעק־

טיווע דיסציפלין, דאָס פאַרהאַרטעווען זיך אין פייער פון סכנות — דאָס אַלץ אַנטוויקלט ביסלעכווייז דעם רעוואָלוציאָנערן טיפּ. מען קאָן מיט פולן רעכט רעדן וועגן דעם פּסיכאָלאָגישן טיפּ פון באָלשעוויק אין קעגנזאַץ, למשל, צום מענשעוויק. ביי אַ גענויגנדיקער דערפאַרונג קען דאָס אויג — מיט אַ גאַנץ קליינעם פּראָצענט טעותים — אפילו פון דרויסן אונטערשיידן אַ באָלשעוויק פון מענשעוויק. דאָס הייסט אָבער נישט, אַזביים באָלשעוויק איז אַלץ און תמיד געווען באָלשעוויסטיש. פאַרוואַנדלען אַ באַשטימטע וועלטבאַנעמונג אין פלייש און בלוט, אונטערוואַרפן איר אַלע זייטן פון באַוואוסטזיין און ברענגען זי אין האַרמאָניע מיט דער וועלט פון די אייגענע געפילן — דאָס איז נישט אַלעמען געגעבן געוואָרן, גיכער בלויז אַ גאַנץ קליינעם טייל. ביי דער אַרבעטער-מאַסע ווערט עס פאַרביטן דורכן קלאַסן-אינסטינקט, וואָס דערגרייכט אין אַ קריטישער צייט אַ הויכע מדרגה פון אויסבילדונג. עס איז אָבער פאַראַן אין דער פאַרטיי און אין דער מלוכה אַ גרויסע שיכט רעוואָלוציאָנערן, וועלכע שטאַמען אפילו ס'רוב פון דער מאַסע, אָבער זיי האָבן זיך שוין פון איר לאַנג אָפּגעריסן, און אַ דאַנק זייער שטעלונג פאַרטרעטן זיי איר. דער קלאַסן-אינסטינקט איז שוין ביי זיי אויסגעוועפּט געוואָרן. פון דער אַנדערער זייט, ווידער, פעלט זיי די טעאָרעטישע פעסטקייט און דער ברייטער האָריזאָנט, כדי אַרומצוכאַפּן דעם פּראָצעס אין זיין גאַנצער גרויס. אין זייער פּסיכאָלאָגיע בלייבן גענוג אומגעשיצטע ערטער, דורך וועלכע, עס קאָנען ביי אַנדערע פאַרהעלטענישן פריי אַריינדרינגען פרעמדע און פיינטלעכע אידעישע איינפלוסן. אין אַ פעריאָד פון אומלעגאַלן קאַמף, מרידות, בירגערקריג, זענען אַזעלכע עלעמענטן געווען בלויז זעלנער פון דער פאַרטיי. אין זייער באַוואוסטזיין האָט געקלונגען נאָר איין סטרונע, און זי האָט געקלונגען לויטן קאַמערטאָן פון דער פאַרטיי. ווען די שפּאַנונג האָט אָבער נאָכגעלאָזן און די נע־ונדניקעס פון דער רעוואָלוציע זענען איבערגעגאַנגען צו אַ לעבן פון תושבים, האָבן אין זיי אויפגעוואַכט, אויפגעלעבט און זיך אַנטוויקלט קליינבירגערלעכע איינגשאַפטן, סימפּאַטיעס און נייגונגען פון זעלבסטצופרידענע באַאַמטע.

נישט זעלטן האָבן איינצלנע, צופעליקע באַמערקונגען פון קאַלינינען, וואָראָשילאָוון, סטאַלינען, ריקאָוון אַרויסגערופן אומרואיקע מחשבות. פונוואַנען שטאַמט דאָס? פלעג איך מיך פרעגן. פון וואָס

פאַר אַ רער שטראָמט עס? ווען איך פלעג קומען אַמאָל צו עפּעס אַ זיצונג, פלעג איך אָנטרעפן אויף אַ גרופּע־שמועס, וואָס איז ביי מיין אַריינקומען תיכּף איבערגעריסן געוואָרן. אין דידאָזיקע שמועסן איז נישט געווען קיין שום זאַך ספּעציעל קעגן מיר אָדער קעגן די פּרינציפּן פון דער פּאַרטיי. עס איז אָבער געווען אַ שטי־מונג פון מאָראַלישער באַרואיקונג, פון זעלבסטצופרידנקייט און טרי־וויאַלקייט. דידאָזיקע מענטשן האָבן איצט געהאַט אַ באַדערפעניש זיך מתוודה צו זיין איינער פאַרן צווייטן אין זייערע נייע שטימונגען, וואָס זענען געווען אַדורכגעפלאָכטן מיט אַ היפּשער פּאָרציע קליינ־בירגערלעכער רכילות. פריער האָבן זיי זיך געשעמט נישט נאָר פאַר לענינען און פאַר מיר, נאָר אויך פאַר זיך אַליין. אויב ביי סטאַ־לינען, אַ שטייגער, האָט זיך אַרויסגעריסן עפּעס אַ וואולגאַרער אויס־דרוק, פלעגט לענין, נישט אונטערהייבנדיק דעם טיף אַראָפּגעבויגטן קאָפּ איבער די פּאַפּירן, אַ פיר טאָן מיט די אויגן, פּונקט ווי ער וואָלט געוואָלט נאָכקאָנטראָלירן, צי האָט נאָך עמעצער אַזוי אומ־דערטרעגלעך געשפּירט דאָס, וואָס דאָ איז געזאָגט געוואָרן. אין אַזאַ פאַל איז געווען גענוג אַ בליק אָדער אַן אינטאָנאַציע, אַז אונ־זער סאָלידאַרקייט זאָל זיך בולט אַנטפּלעקן אין דידאָזיקע פּסיכאָלאָ־גישע אָפּשאַצונגען.

אויב איך פלעג מיך נישט באַטייליקן אין די פאַרווייל־ונגען, וואָס זענען וואָס וויטער, אַלץ מער אַריין אין דער מאָדע ביי דער נייער הערשנדיקער שיכט, איז עס נישט געווען צוליב מאָראַלישע פּרינציפּן, נאָר פּשוט, ווייל איך האָב נישט געוואָלט זיך אונטער־וואַרפן די עינויים פון דעם ערגסטן מין לאַנגווייליקייט. דאָס גיין איינער צום צווייטן אין געסט, דאָס פלייסיקע באַזוכן די באַלעטן, די קאָלעקטיווע טרינק־שמחהלעך מיטן אומפאַרמיידלעכן באַרעדן און באַשוואַרצן די אָפּוועזנדיקע—דאָס אַלץ האָט פאַר מיר נישט געהאַט קיין שום רייץ. דער נייער שפּיץ האָט געשפּירט, אַז איך בין לגמרי נישט צוגעפּאַסט צו אַזאַ מין לעבנסשטייגער. מען האָט מיך אפילו נישט געפּרואווט צוציען צו דעם. צוליב דעם טאַקע פלעגט מען ביי מיין אַריינקומען תיכּף איבעררייסן די גרופּן־שמועסן און די אָנטייל־נעמער פלעגן זיך פאַנאַנדערגיין מיט אַ געוויסער בושה פאַר זיך אַליין און מיט אַ געוויסער פיינטשאַפט קעגן מיר. און דאָס, אויב

מען וויל, האָט שוין געהייסן, אַז איך הייב אָן צו פאַרלירן די מאַכט.

איך באַנוגן מיך דאָ בלויז מיט דער פּסיכאָלאָגישער זייט פון דער זאַך און לייג אַוועק אָן אַ זייט דעם סאָציאַלן אונטערשלאַק, ד. ה. די שנויים אין דער אַנאַטאָמיע פון דער רעוואָלוציאָנערער געזעלשאַפט. סוף־כל־סוף דעצידירן, נאַטירלעך, דידאָזיקע שנויים. אָבער אוממיטלבאַר שטויסט מען זיך דאָך אָן אויף זייער פּסיכאָלאָגישער אָפּשפּיגלונג. די אינערלעכע געשעענישן האָבן זיך אַנטוויקלט לפי־ערך גאַנץ לאַנגזאַם; דאָס האָט פאַרלייכטערט דער אויבערשטער שיכט די מאָלעקולאַרע פּראָצעסן פון איר דעגענעראַציע און צוגלייך אויך פאַרבאָרגן פון די ברייטע מאַסן די קעגנזאַצן פון די צוויי קעמפנדיקע פּאָזיציעס. מען מוז נאָך אָבער צוגעבן, אַז די נייע שטימונגען זענען אַ צייט לאַנג פאַרבליבן, און פאַרבלייבן נאָך אויך איצט, פאַרדעקט מיט די טראַדיציאָנעלע פאָרמולעס. צוליב דעם איז נאָך שווערער געוואָרן פעסטצושטעלן די טיפקייט פונם דעגענעראַציע-פּראָצעס. די טערמידאָריאַנישע פאַרשווערונג ביים סוף פון XIII-טן יאָרהונדערט, וואָס איז צוגעגרייט געוואָרן דורך דעם פריערדיקן גאַנג פון דער רעוואָלוציע, האָט אויסגעבראָכן מיט איין קלאַפּ און האָט אָנגענומען די פאָרם פון אַ בלוטיקן פינאַל. אונזער טערמידאָר האָט געטראָגן אַ פאַרשלעפּטן כאַראַקטער. די גיליאָטינע איז, לפּחות, צייטווייליק, פאַרביטן געוואָרן דורך דער אינטריגע. די סיסטעמאַטישע פאַלסיפיקאַציע פונם עבר, אָרגאַניזירט לויט קאָנווייערס מעטאָד, איז געוואָרן די נייע אידעישע באַוואָפענונג פון דער אָפּיציעלער פאַרטיי. לענינס קראַנקהייט און דאָס אָפּוואַרטן, ביז ער וועט זיך צוריקקערן צו דער אַרבעט, האָבן געשאַפן די אומזיכערקייט פון פּראָוויזאָריום, וואָס האָט, מיט געוויסע הפסקות, געדויערט גאַנצע צוויי יאָר. ווען די רעוואָלוציאָנערע אַנטוויקלונג וואָלט אין דער צייט געשטיגן אינדערהויך, וואָלט די פאַרשלעפּונג געווען זייער גינסטיק פאַר דער אָפּאָזיציע. די רעוואָלוציע האָט אָבער אין אינטערנאַציאָנאַלן מאַסשטאַב געליטן איין מפּלה נאָך דער צווייטער, און די פאַרשלעפּונג איז געוען זייער אויף דער האַנט דעם נאַציאָנאַלן רעפאָרמיזם. אַזוי־אַרום איז אויטאָמאַטיש פאַרשטאַרקט געוואָרן סטאַלינס ביוראָקראַטיע קעגן מיר און מיינע פּאָליטישע פריינט.

די דורך און דורך פיליסטערישע, עם־האַרצישע און פּשוט

נאַרישע העצע קעגן דער טעאָריע פון דער פּערמאַנענטער רעוואָ־לוציע איז אַרויסגעוואַקסן פון דידאָזיקע פּסיכאָלאָגישע מקורים. טרייבנדיק רכילות ביי אַ פּלעשל ווײַן, אָדער גייענדיק אַהיים פון באַלעט, האָט איין זעלבסטצופרידענער ביוראָקראַט זיך אָנגערופן צום צווייטן אויף מיין אַדרעס: „אים ליגט אין קאָפּ נאָר די פּערמאַנענטע רעוואָלוציע.״ דערמיט זענען ענג פאַרבונדן די באַשולדיקונגען וועגן מיין אומחברותאקייט, וועגן מיין אינדיווידואַליזם, אַריסטאָקראַטיזם, און ד. גל. „אָבער נישט אַלץ און נישט תּמיד קאָן מען זיך דאָך מקריב זיין פאַר דער רעוואָלוציע—מען מוז דאָך קלערן אויך וועגן זיך,״—דידאָזיקע שטימונג איז איבערגעזעצט געוואָרן אויף אַזאַ מין אופן: „אַוועק מיט דער פּערמאַנענטער רעוואָלוציע!״ דער פּראָטעסט קעגן דער טעאָרעטישער פאָדערונג פון מאַרקסיזם און דער פּאָליטי־שער פאָדערונג פון דער רעוואָלוציע האָט פאַר דידאָזיקע לייט ביס־לעכווייז אָנגענומען די פאָרם פון אַ קאַמף קעגן „טראָצקיזם״. אונטער דעמדראָזיקן פלאַג איז פאָרגעקומען די באַפרייונג פונם קליינבירגער אין באָלשעוויק. און אָט דערין טאַקע איז באַשטאַנען מיין מאַכט־פאַרלירונג און דאָס האָט געשאַפן די פאָרמען, אין וועלכע דידאָ־זיקע פאַרלירונג איז פאָרגעקומען.

איך האָב דערציילט, ווי לענין האָט אויפן טויטן בעט צוגעגרייט זיין קלאַפּ קעגן סטאַלינען און זיינע פאַרבינדעטע, דזערזשינסקין און אָרדזשאָניקידזען. דזערזשינסקין האָט לענין זייער געשעצט. די פאַרפרעמדונג צווישן זיי האָט זיך אָנגעהייבן ערשט דאַן, ווען דזער־זשינסקי האָט פאַרשטאַנען, אז לענין האַלט אים נישט פאַר פעאיק אָנצופירן מיט דער ווירטשאַפטלעכער אַרבעט. דאָס האָט, אייגנטלעך, געשטויסן דזערזשינסקין, ער זאָל אַריבערגיין אויף סטאַלינס זייט. איצט האָט שוין לענין געהאַלטן פאַר נויטיק צו שלאָגן אויך אין דזערזשינסקין, ווי אין סטאַלינס אַ שטיצפּונקט. אָרדזשאָניקידזען האָט לענין געוואָלט אויסשליסן פון דער פּאַרטיי פאַר זיין פאַרהאַלטן זיך מעשה גענעראַל־גובערנאַטאָר. דעם בריוו, אין וועלכן לענין האָט צו־געזאָגט די גרוזינישע באָלשעוויקעס זיין פולע מיטהילף קעגן סטאַ־לינען, דזערזשינסקין און אָרדזשאָניקידזען, האָט ער אַדרעסירט צו מדיוואַנין. אויפן גורל פון דידאָזיקע פיר מענטשן ווייזט זיך אַרויס אַמבולטסטן די איבערקערעניש, וואָס סטאַלינס פראַקציע האָט אַרויס־גערופן אין דער פּאַרטיי. נאָך לענינס טויט איז דזערזשינסקי אַוועק־

געשטעלט געוואָרן בראש פון װ ס נ כ, ד. ה. פון דער גאַנצער מלוכה־אינדוסטריע. אָרדזשאָניקידזע, וואָס האָט געזאָלט אויסגעשלאָסן ווערן פון דער פּאַרטיי, איז אָוועקגעשטעלט געוואָרן בראש פון דער צענטראַלער קאָנטראָל־קאָמיסיע. סטאַלין אַליין איז נישט נאָר געבליבן גענעראַל־סעקרעטאַר, קעגן לענינס ווילן, נאָר ער האָט נאָך באַקומען פון אַפּאַראַט אויסערגעוויינלעכע פולמאַכטן. בודו מדיוואַני, ווידער, מיט וועלכן לענין האָט זיך סאָלידאַריזירט קעגן סטאַלינען, זיצט איצט אין דער טאָבאָלסקער תּפיסה. אַזאַ „איבערגרופּירונג" איז דורכגעפירט געוואָרן אין דער גאַנצער לייטונג פון דער פּאַרטיי, פון אויבן ביז אונטן. נאָכמער: אין אַלע, אָן שום אויסנאַם, איבעריקע פּאַרטייען פון אינטערנאַציאָנאַל. נישט בלויז אַן אידעישער תּהום טיילט אָפּ די עפּיגאָנען־עפּאָכע פון דער לענין־עפּאָכע, נאָר אויך אַ פּאַרענדיקטע אָרגאַניזירטע איבערקערעניש.

סטאַלין—איז דער הויפּט-כלי־זיין פון דערדאָזיקער איבערקערעניש. ער פּאַרמאָגט פּראַקטישן שכל, אויסדויער און גייט מיט גרויס עקשנות צו זיין ציל. זיין פּאָליטישער האָריזאָנט איז געוואַלדיק באַגרענעצט. זיין טעאָרעטישער ניווא איז לגמרי פּרימיטיוו. זיין קאָמפּיליאַטיוו ביכל „די יסודות פונם לעניניזם", אין וועלכן ער פּרוּווט זיך אָפּצוצאָלן די טעאָרעטישע פּאַרטיי־טראַדיציעס אַ געוויסן שטייער, איז אָנגעפּיקעוועט מיט גרייזן פון אַ תּלמיד. נישט קאָנענדיק קיין פרעמדע שפּראַכן, איז ער געצוואונגען נאָכצופאָלגן דאָס פּאָליטישע לעבן פון די אַנדערע לענדער בלויז לויט די ידיעות פון אַ דריטער האַנט. לויטן שכל איז ער אַ האַרטנעקיקער עמפּיריקער, אָן אַ שום שעפערישער איינבילדונגסקראַפט. די אויבערשטע פּאַרטיי־שיכט (אין די ברייטערע קרייזן האָט מען אים בכלל נישט געקענט) האָט אויף אים שטענדיק געקוקט, ווי אויף אַ מענטשן, וואָס איז געשאַפן געוואָרן פאַר צווייטראַנגיקע אָדער דריטראַנגיקע ראָלן. און דאָס, וואָס ער שפּילט איצט די ערשטע ראָל, כאַראַקטעריזירט נישט אַזוי ווייט אים, ווי דעם איבערגאַנגס־פּעריאָד פון דער פּאָליטישער ירידה. העלוועציוס האָט נאָך געזאָגט: „יעדער פּעריאָד האָט זיינע גרויסע מענטשן, און אויב ער פאַרמאָגט זיי נישט,—טראַכט ער זיי אויס." דער סטאַליניזם איז קודם־כל אַן אַרבעט פון אַן אומפּערזענלעכן אַפּאַראַט ביי דער ירידה פון דער רעוואָלוציע.

* *
*

לענין איז געשטאָרבן דעם 21־סטן יאַנואַר 1924. דער טויט איז שוין פּאַקטיש געווען פאַר אים אַ באַפרייונג פון די פיזישע און מאָראַלישע יסורים. זיין אומבאַהאָלפנקייט, און קודם־כל דאָס, וואָס ער האָט פאַרלאָרן די פעאיקייט צו רעדן, ביי אַ פולשטענדיק קלאָרן באַוואוסטזיין, האָט לענין געמוזט שפּירן ווי אַן אומדערטרעגלעכע דערנידערונג. ער האָט שוין נישט געקאָנט פאַרטראָגן די דאָקטוירים, זייער אפּוטרופּסישן טאָן, זייערע באַנאַלע המצאות, זייער באַרואיקן מיט פאַלשע האָפענונגען. כל־זמן ער האָט נאָך געקאָנט רעדן, פלעגט ער שטעלן די דאָקטוירים, ווי כלאַחר־יד, קאָנטראָלירנדיקע פראַגן; כאַפּן זיי אומבאַמערקט אין סתירות, אַרויסקריגן פולערע דערקלערונגען און אַליין נאָכזוכן אין מעדיצינישע ביכער. ווי אין יעדער אַנדער זאַך, האָט ער אויך דאָ קודם־כל געשטרעבט צו קלאָרקייט. דער איינציקער פון די דאָקטוירים, וועלכן ער האָט נאָך געקאָנט פאַרטראָגן, איז געווען פיאָדאָר אַלעקסאַנדראָוויטש געטיע. אַ גוטער דאָקטאָר און אַ מענטש, וואָס איז בטבע ווייט פון די אַלע הויף־מאַנירן, האָט זיך געטיע צוגעבונדן צו לענינען און צו קרופּסקאַיאַן מיט אמתער מענטשלעכער צוגעבונדנקייט. אין יענער צייט, ווען לענין האָט שוין נישט צוגעלאָזן צו זיך קיין שום דאָקטוירים, איז געטיע געווען דער איינציקער, וועלכער האָט אים אומגעשטערט געקאָנט באַזוכן. געטיע איז גלייכצייטיק אויך געווען אַ נאָענטער פריינט און הויזדאָקטאָר פון מיין פאַמיליע אין משך פון די אַלע רעוואָלוציע־יאָרן. אַ דאַנק דעם האָבן מיר תמיד געהאַט די געוויסנהאַפטסטע און גרינטלעכסטע ידיעות וועגן וולאַדימיר איליטשעס צושטאַנד; דידאָזיקע ידיעות האָבן אויסגעפילט און קאָריגירט די אומפערזענלעכע אָפיציעלע ביולעטינען.

נישט איינמאָל האָב איך געטיען געפרעגט, צי וועט לענינס אינטעלעקט, ווען ער, לענין, זאָל געזונט ווערן, בלייבן ביי זיין פריערדיקער קראַפט? געטיע האָט געענטפערט אומגעפער אַזוי: די איינמאַטערונג וועט זיך פאַרגרעסערן, עס וועט נישט זיין די פריערדיקע ריינקייט פון דער אַרבעט, אָבער דער ווירטואָז וועט בלייבן ווירטואָז. אין דער הפסקה צווישן דעם ערשטן און צווייטן אַטאַק האָט זיך דערדאָזיקער פּראָגנאָז פולשטענדיק באַשטעטיקט. צום סוף פון די

יצונגען אין פּאָליטביוראָ פּלעגט לענין מאַכן דעם איינדרוק פון אַ האָפּענונגסלאָז מידן מענטשן. די מוסקולן פון פּנים זענען אָפּגעשוואַכט געוואָרן, דער גלאַנץ פון די אויגן האָט זיך אויסגעלאָשן, אפילו דער מעכטיקער שטערן האָט אָפּגעוועלט, די אַקסלען זענען שווער אַראָפּגעהאָנגען—דעם אויסדרוק פון פּנים און פון דער גאַנצער געשטאַלט האָט מען געקאָנט רעזומירן מיט איין וואָרט: מידקייט. אין אַזעלכע אומהיימלעכע מאָמענטן האָט לענין אויף מיר געמאַכט דעם איינדרוק פון אַן אָנגעהתמעטן. קוים האָט ער אָבער פאַרבראַכט איין גוטע נאַכט, פלעגט ער ווידער באַקומען די קראַפט פון זיין דענקען. די אַרטיקלען, וואָס ער האָט געשריבן אין דער הפסקה צווישן דעם ערשטן און צווייטן אַטאַק, שטייען אויף איין מדרגה מיט זיינע בעסטע אַרבעטן. דער קוואַל האָט געפלאָסן מיט דערזעלבער קלאָרקייט. ער האָט אָבער אַלץ מער און מער איינגעטריקנט. אפילו נאָך דעם צווייטן אַטאַק האָט נאָך געטיע נישט צוגענומען ביי אונז די לעצטע האָפּענונג. ער האָט אָבער געהאַלטן, אַז דער צושטאַנד פאַרערגערט זיך כסדר. די קראַנקהייט האָט זיך פאַרשלעפּט. אָן צאַרן, אָבער אויך אָן רחמנות האָבן די בלינדע נאַטור-כוחות אַריינגעשלעפּט דעם גרויסן חולה אין אַ מצב פון אומבאַהאָלפנקייט, אָן אַ שום אויסוועג. לענין האָט נישט געקאָנט און נישט געדאַרפט לעבן ווי אַן אינוואַליד. אָבער מיר האָבן נאָך אַלץ נישט פאַרלאָרן די האָפּענונג, אַז ער וועט געזונט ווערן.

מיין קראַנקהייט האָט זיך דערווייל פאַרצויגן. „לויט דער דרינגלעכער עצה פון די דאָקטוירים”, שרייבט נ. י. סעדאָוואַ, „האָט מען ל. ד. איבערגעפירט אין דאָרף. געטיע פלעגט גאַנץ אָפט באַזוכן דעם קראַנקן און האָט זיך באַצויגן צו אים מיט דער גרעסטער זאָרג און צערטלעכקייט. די פּאָליטיק האָט אים נישט אינטערעסירט, ער האָט אָבער פיינלעך געליטן פאַר אונז, נישט וויסנדיק, ווי אַזוי אויסצודריקן זיין מיטגעפיל. די העצע האָט אים פאַרכאַפּט גאָר אומגערעכט. ער האָט עס נישט פאַרשטאַנען, אָפּגעוואַרט, זיך געפּייניקט. אין אַרכאַנגעלסקאָיע האָט ער מיר, אַן אויפגערעגטער, געזאָגט, אַז מען מוז אַוועקפירן, ל. ד. קיין סוכום. סוף-כל-סוף האָבן מיר זיך באַשלאָסן דערויף. די נסיעה, אַזוי אויך אַ געניוג לאַנגע, איבער באַקו, טיפליס און באַטום,—האָט נאָכמער געדויערט צוליב די גרויסע שנייען. דער וועג האָט דאָך אָבער באַרואיקט. וואָס ווייטער מיר זענען אָפּגע־

פֿאָרן פֿון מאָסקווע, אַלץ בער איז אונדז געלונגען זיך צו באַפֿרייען פֿון איר דריקנדיקער אַטמאָספֿערע פֿאַר דער לעצטער צייט. דאָך אָבער האָב איך געהאַט אַ געפֿיל, ווי איך וואָלט געפֿירט אַ שווערן חולה. עס האָט געפּייניקט דער אומבאַקאַנטער מאָרגן, ווי אַזוי מען וועט זיך איינאָרדענען אין סובֿום, צי די אַרומיקע זענען פֿריינט אָדער שונאים?"

דער 21־סטער יאַנואַר האָט אונדז געטראָפֿן אויפֿן וואָקזאַל אין טיפֿליס, אויפֿן וועג קיין סובֿום. איך בין געזעסן מיט מיין פֿרוי אין דער אַרבעטס-אָפּטיילונג פֿון מיין וואַגאָן,—ווי תּמיד אין יענעם פּע־ריאָד, מיט אַ העכערער טעמפּעראַטור. אָנקלאַפּנדיק אין טיר, איז אַריין מיין טרייער מיטאַרבעטער סערמוקס, וואָס האָט מיך באַגלייט קיין סובֿום. לויט דעם, ווי ער איז אַריינגעקומען מיט אַ גרוי־גרינעם פּנים און ווי ער האָט מיר, מיט פֿאַרגלעזערטע אויגן, אויסמיידנדיק מיין בליק, דערלאַנגט אַ בויגעלע פּאַפּיר, האָב איך באַלד דערפֿילט עפּעס אַ קאַטאַסטראָפֿע. דאָס איז געווען אַ שיפֿרירטע טעלעגראַמע פֿון סטאַ־לינען, אַז לענין איז געשטאָרבן. איך האָב איבערגעגעבן דאָס פּאַפּיר מיין פֿרוי, וועלכע האָט שוין באַוויזן אַלץ צו פֿאַרשטיין.

די טיפֿליסער מאַכט האָט אויך גלייך באַקומען אַן ענלעכע טע־לעגראַמע. די ידיעה וועגן לענינס טויט האָט זיך שנעל פֿאַרשפּרייט איבערן גאַנצן לאַנד. איך האָב מיך פֿאַרייניקט מיטן קרעמל דורך דער דירעקטער לייטונג. אויף מיין אָנפֿראַגע האָב איך באַקומען דעם ענטפֿער: „די לוויה קומט פֿאַר שבת, איר וועט סיי־ווי נישט באַ־וויזן. מיר ראַטן אייך נישט איבערצורייסן די קוראַציע.“ קיין אַנדער ברירה איז, אַלזוי, נישט געווען. פֿאַקטיש אָבער איז די לוויה פֿאָר־געקומען ערשט זונטיק, און איך האָב געקאָנט קומען קיין מאָסקווע צו דער ריכטיקער צייט. ווי אומגלויבלעך דאָס זאָל נישט אויסזען — אָבער מען האָט מיך אָפּגענאַרט בנוגע דעם טאָג פֿון דער לוויה. די פֿאַרשווערער האָבן אויף זייער שטייגער ריכטיק שפּעקולירט, אַז מיר וועט גאָרנישט איינפֿאַלן זיי צו קאָנטראָלירן, און שפּעטער—וועט מען שטענדיק קענען אויסגעפֿינען עפּעס אַ תּירוץ. איך וועל דערמאָנען, אַז וועגן לענינס ערשטן אַטאַק האָט מען מיר געמאָלדן ערשט אויפֿן דריטן טאָג. דאָס איז געווען אַזאַ טאַקטיק. דער צוועק איז באַשטאַ־נען אין דעם: „צו געווינען צייט.“

די טיפֿליסער חבֿרים האָבן געפֿאָדערט, אַז איך זאָל תּיכּף

רעאַגירן אויף לענינס טויט. איך האָב אָבער געהאַט איין באַדערפֿע־ניש: צו בלייבן אַליין. איך האָב נישט געקאָנט אויפהייבן די האַנט צו דער פעדער. דער קורצער טעקסט פון דער מאָסקווער טעלע־גראַמע האָט מיר געהילכט אין קאָפּ. די פאַרזאַמלטע האָבן אָבער געוואַרט אויף אַן ענטפער. זיי זענען געווען גערעכט. דעם צוג האָט מען אויף אַ האַלבער שעה פאַרהאַלטן. איך האָב געשריבן געזעגענונגס־שורות: לענין איז נישטאָ. נישטאָ מער לענין...״ דעם טעקסט פון עטלעכע זייטלעך, געשריבן מיט דער האַנט, האָב איך דורך דער די־רעקטער לייטונג איבערגעגעבן קיין מאָסקווע.

„מיר זענען געקומען אינגאַנצן צעבראָכענע״, שרייבט מיין פרוי. „צום ערשטן מאָל זעען מיר סוכום. די מימאָזן האָבן געבליט — דאָרט זענען זיי דאָ אַ סך. פּרעכטיקע פּאַלמעס. קאַמעליען. עס איז געווען יאַנואַר, אין מאָסקווע האָבן געהערשט מוראדיקע פרעסט. די אַבכאַזיער האָבן אונז זייער פריינטלעך באַגעגנט. אין עסצימער פון דער אָפּרו־היים זענען געהאַנגען זייט ביי זייט צוויי פּאָרטרעטן, איינער אין טרויער—וולאַדימיר איליאיטש, דער צווייטער—ל. ד. מיר האָבן געוואָלט דעם צווייטן אַראָפּנעמען—אָבער זיך נישט אַנטשלאָסן, מורא געהאַט, טאָמער וועט עס מאַכן דעם איינדרוק פון אַ דעמאָנ־סטראַציע.״

אין סוכום בין איך טעג נאָכאַנאַנד אָפּגעלעגן אויפן באַלקאָן מיטן פּנים צום ים. עס איז אַפילו געווען יאַנואַר, דאָך האָט די זון העל און וואַרעם אַרויסגעלויכטן פון הימל. צווישן דעם באַלקאָן און דעם גלאַנצנדיקן ים האָבן זיך געהייבן הויכע פּאַלמעס. די שטענדיקע שפּירונג פון אַ העכערער טעמפּעראַטור האָט זיך פאַרבונדן מיט דער הילכנדי־קער מחשבה וועגן לענינס טויט. איך האָב אָפּגעפרישט אין זכרון די עטאַפּן פון מיין לעבן, מיינע באַגעגענישן מיט לענינען, אונזערע חלוקי־דעות, פּאָלעמיק, דערנענטערונג, געמיינזאַמע אַרבעט. איינצל־נע עפּיזאָדן זענען אויפגעשוואומען מיט אַ פאַנטאַסטישער קלאָרקייט. ביסלעכווייז האָט אויך דאָס גאַנצע באַקומען אַ שטאַרקערע בולטקייט. אַ סך דייטלעכער האָב איך מיר איצט פאָרגעשטעלט יענע „תּלמידים״, וואָס פלעגן זיין טריי דעם לערער אין קליינעם, אָבער נישט אין גרויסן. מיטן איינאָטעמען די ים־לופט האָב איך מיט מיין גאַנצן מהות איינגעזויגן די זיכערקייט, אַז אין קאַמף קעגן די עפּיגאָנען שטייט דאָס היסטאָרישע רעכט אויף מיין זייט...

דער 27־סטער יאַנואַר 1924, איבער די פּאַלמען, איבערן ים הערשט אַ ליכטנדיק שטילשווייגן אונטער אַ בלויען צודעק. פּלוצ־לונג ווערט זי איבערגעשניטן פון זאַלפן. די אָפּטע זאַלפּן־שיסערייי טראָגט זיך ערגעץ פון אונטן, פון דער זייט פון ים. דאָס האָט סוכום סאַלוטירט דעם פירער, וועלכן מען האָט איצט געבראַכט צו קבורה אין מאָסקווע. איך האָב געקלערט וועגן אים און וועגן יענער, וואָס איז לאַנגע יאָרן געווען זיין חברטע און האָט אויפגענומען די גאַנצע וועלט דורך אים. און איצט איז זי אים מקבר און מוז זיך שפּירן איינזאַם אונטער דידאָזיקע מיליאָנען, וואָס באַקלאָגן אים צו־זאַמען מיט איר, אָבער אַנדערש, נישט אַזוי, ווי זי. איך האָב גע־טראַכט פון נאַדיעזשדאַ קאָנסטאַנטינאָוונאַ קרופּסקאַיאַ. מיר האָט זיך געוואָלט איר זאָגן פונדאַנען עפּעס אַ גרוס־וואָרט, עפּעס אַ וואָרט פון מיטגעפיל, פון פריינטשאַפט. איך האָב מיך אָבער נישט באַ־שלאָסן דערויף. אַלע ווערטער האָבן אויסגעזען צו לייכט אונטער דער משא פונם געשעענעם. איך האָב מורא געהאַט, אַז זיי וועלן קלינגען נישט אויפריכטיק. אַ געפיל פון דאַנקבאַרקייט האָט מיך אָבער אינגאַנצן אויפגעטרייסלט, ווען איך האָב אין עטלעכע טעג אַרום גאָר אומגעריכטערהייט באַקומען אַ בריוו פון נאַדיעזשדאַ קאָנ־סטאַנטינאָוונאַן. דאָס איז דער בריוו:

„טייערער ליעוו דאַווידאָוויטש.

איך שרייב אייך, כּדי אייך צו דערציילן, אַז בערך אַ חודש פאַרן טויט האָט זיך וולאַדימיר אילאיטש, דורכקוקנדיק אייער ביכל, אָפּגעשטעלט אויף דעם אָרט, וואו איר גיט אַ כאַראַקטעריסטיק פון מאַרקסן און לענינען. ער האָט מיך געבעטן, איך זאָל אים דידאָזיקע שטעלע נאָכאַמאָל איבערלייענען, און האָט זיך זייער אויפמערקזאַם צוגעהערט, נאָכדעם האָט ער עס אַליין נאָכאַמאָל דורכגעקוקט.

און איך וויל אייך נאָך אָט וואָס זאָגן: די באַציונג צו אייך, וועלכע עס האָט זיך אויסגעפורעמט ביי וולאַדימיר אילאיטשן נאָך דעמאָלט, ווען איר זענט פון סיביר געקומען צו אונז קיין לאָנדאָן, האָט זיך נישט געענדערט ביזן טויט.

איך ווינטש אייך, ליעוו דאַווידאָוויטש, כּוחות און געזונט און איך נעם אייך פעסט אַרום.

נ. קרופּסקאַיאַ“.

אינם בּיכל, וואָס לענין האָט דורכגעקוקט אַ חודש פאַר זיין טויט, האָב איך דורכגעפירט אַ פּאַראַלעל צווישן לענינען און מאַרקסן. איך האָב גוט געקענט לענינס באַציונג צו מאַרקסן, אַ באַציונג, וואָס איז געווען פול מיט דאנקבאַרער ליבע פון אַ שילער און מיטן פּאַטאָס פון דיסטאַנץ. די באַציונג פון לערער צום שילער איז דורכן גאַנג פון דער געשיכטע געוואָרן די באַציונג פון דעם טעאָרעטישן פאָרגייער צום ערשטן פּראַקטישן אויספירער. איך האָב אין מיין אַרטיקל עובר געווען אויף דעם טראַדיציאָנעלן פּאַטאָס פון דיסטאַנץ. מאַרקס און לענין, היסטאָריש אַזוי ענג פאַרבונדן און גלייכצייטיק אַזוי פאַרשיידן, זענען פאַר מיר געווען די צוויי העכסטע שפּיצן פון דער גייסטיקער מעכטיקייט פון מענטשן. און ס׳איז מיר געווען זייער אָנגענעם, וואָס לענין האָט קורץ פאַר זיין טויט אויפמערקזאַם, און אפשר מיט אָנגענעמער אויפרעגונג, געלייענט מיינע שורות וועגן אים, ווייל דער מאַסשטאַב מארקס איז געווען אין זיינע אויגן אַ ריזן־מאַסשטאַב, וואָס קאָן נאָר אָנגעווענדט ווערן בנוגע אַ מענטשלעכער פערזענלעכקייט.

נישט מיט קיין קלענערער אויפרעגונג האָב איך איצט געלייענט קרופּסקאַיאַס בריוו. זי האָט גענומען צוויי עקסטרעמע פּונקטן פון מיין פאַרבינדונג מיט לענינען: דעס אָקטאָבער־טאָג פון 1902, בעת איך האָב, נאָכן אַנטלויפן פון סיביר, אין די ערשטע פריע שעהן פון טאָג אויפגעהייבן לענינען פון זיין האַרטן לאָנדאָנער געלעגער, און דעם דעצעמבער־טאָג פון יאָר 1923, ווען לענין האָט צוויי מאָל איבערגעלייענט מיין אָפּשאַצונג פון זיין לעבנס־אַרבעט. צווישן דידאָזיקע ביידע פּונקטן ליגן צוויי יאָרצענדליקער, לכתחילה פון געמיינזאַמער אַרבעט, נאָכדעם פון פאַרביטערטן פראַקציאָנעלן קאַמף און שפּעטער, ווידער, פון געמיינזאַמער אַרבעט אויף אַ מער העכערן היסטאָרישן יסוד. לויט העגעלן: טעזע, אַנטיטעזע און סינטעז. און קרופּסקאַיאַ האָט עדות געזאָגט, אַז לענינס באַציונג צו מיר איז, נישט געקוקט אויפן לאַנגן פּעריאָד פון דער אַנטיטעזע, געבליען די „לאָנדאָנער". דאָס מיינט אַ באַציונג פון הייסער אונטערשטיצונג און פריינטלעכער צוגעבונדנקייט, אָבער שוין אויף אַ מער העכערן היסטאָרישן יסוד. ווען עס זאָל אפילו מער קיין שום זאַך נישט זיין, וואָלטן אַלע פּאָליאַנטן פון די פּאַלסיפיקאַטאָרס נישט איבערגעוואויגן פאַרן משפּט פון דער געשיכטע דאָס קליינע בריוועלע, וואָס קרופּסקאַיאַ האָט אָנגעשריבן עטלעכע טעג נאָך לענינס טויט. „מיט

באַדייטנדיקע פאַרשפּעטיקונגען צוליב די אָנגעשאָטענע שנייען פלעגן אָנקומען די צייטונגען, וואָס האָבן אונז געבראַכט הספדים, נעקראָלאָגן, אַרטיקלען. די פריינט האָבן ל. ד. אָפּגעוואַרט אין מאָסקווע, זיי האָבן געמיינט, אַז ער וועט זיך אומקערן פון וועג. קיינעם איז אָבער נישט איינגעפאַלן, אַז סטאַלין האָט אים מיט זיין טעלעגראַמע אָפּגעשניטן דעם וועג. איך דערמאַן מיך אין דעם בריוו פון אונזער זון, וואָס מיר האָבן באַקומען אין סוכום. ער איז געווען דערשיטערט פון לעֶנינס טויט, און ביי אַ פראָסט פון 40 גראַד איז ער אין זיין לייכטער קורטקע אַוועק אין קאָלאָנעזאַל, כּדי זיך צו זעגענען מיט לענינען, און געוואַרט, געוואַרט, געוואַרט מיט אומגעדולט אויף אונזער קומען. אין זיין בריוו האָט זיך געפילט ביטערע שטוינונג און אַן אומזיכערער פאָרוואורף.״ דאָס ברענג איך ווידעראַמאָל אַ ציטאַט פון מיין פרויס אויפצייכענונגען.

קיין סוכום איז צו מיר געקומען אַ דעלעגאַציע פון צענטראַל־קאָמיטעט, וואָס איז באַשטאַנען פון טאָמסקין, פרונזען, פּיאַטאַקאָוון און גוסעוון, כּדי זיך צו פאַרשטענדיקן מיט מיר וועגן די ענדערונגען אין דעם פּערסאָנאַלן צוזאַמענשטעל פונם קריגס־קאָמיסאַריאַט. פאַקטיש איז עס געווען אַ ריינע קאָמעדיע. די באַנייונג פונם פּערסאָנאַלן צוזאַמענשטעל אין קריגס־קאָמיסאַריאַט איז שוין לאַנג אַדורכגעפירט געוואָרן הינטער מיינע פּלייצעס, און איצט האָט מען בלויז געוואָלט יוצא זיין לפנים.

אינם קריגס־קאָמיסאַריאט האָט דער ערשטער קלאַפּ געטראָפן סקליאַנסקין. צו אים האָט סטאַלין קודם־כּל אויסגעלאָזט זיין גאַנצן כּעס פאַר זיינע, סטאַלינס, מפּלות ביי צאַריצין, פאַר זיין מפּלה אויפן דרום־פראָנט, פאַר זיין אַוואַנטורע אונטער לעמבערג. די אינטריגע האָט אויפגעהייבן איר שלאַנגענקאָפּ. כּדי זיך אונטערצוגראָבן אונטער סקליאַנסקין—און אין דער פּערספּעקטיוו אויך אונטער מיר—האָט מען נאָך מיט עטלעכע חדשים פריער ארייַנגעזעצט אין קריגס־קאָמיסאַריאט אונשליכטן, אַן אמביציעזן און טאַלענטלאָזן אינטריגאַנט. סקליאַנסקין האָט מען משלח געווען. אויף זיין אָרט האָט מען באַשטימט פרונזען, וואָס האָט ביזאַהער אָנגעפירט מיט דער אַרמעע אין אוקראַינע. פרונזע איז געווען אַן ערנסטע פיגור. צוליב דעם, וואָס ער איז פאַרשיקט געוואָרן אויף קאַטאָרגע, איז זיין פּאַרטיי־אויטאָריטעט געווען גרעסער, ווי סקליאַנסקיס יונגער אויטאָריטעט. חוצ־

דעם, האָט פרונזע אין דער צייט פון קריג אַרויסגעוויזן זיכערע פעאיקייטן פון אַן אַרמעע־פירער. אַלס מיליטערישער אַדמיניסטראַטאָר איז ער אָבער געשטאַנען אַ סך נידעריקער פון סקליאַנסקין. פרונזע פלעגט זיך באַגייסטערן פאַר אַבסטראַקטע סכעמעס, ער האָט זיך שלעכט אָריענטירט אין מענטשן און איז לייכט אַרונטערגעפאַלן אונ־טער דער השפעה פון ספּעציאַליסטן, דער עיקר פון צווייטראַנגיקע.

אָבער איך וועל ענדיקן דערציילן וועגן סקליאַנסקין. מען האָט אים גראָב, ד. ה. אויפן ריין סטאַלינשן שטייגער, אפילו אָן אַ וואָרט צו רעדן, אַריבערגעפּעקלט אין דער ווירטשאַפטס־אַרבעט. דזערזשינסקי, וועלכער איז געווען צופרידן, וואָס ער ווערט פּטור פון אונשליכטן, זיין פאַרטרעטער אין ג פּ או און וואָס ער באַקומט איצט פאַר דער אינדוסטריע אזא ערשטקלאַסישן אַדמיניסטראַטאָר, ווי סקליאַנסקי, האָט אים אַוועקגעשטעלט בראש פון טוך־טרעסט. סקליאַנסקי האָט אפילו געקווענטשט מיט די אַקסלען, אָבער ער האָט זיך אַריינגעטאָן אין דער נייער אַרבעט מיט לייב און לעבן. אין עטלעכע חדשים אַרום האָט ער באַשלאָסן אַריבערצופאָרן אין די פאַראייניקטע שטאַטן, זיך דאָרט צוקוקן, צולערנען און איינקויפן מאַשינעס. פאַרן אָפּפאָרן איז ער אַריין צו מיר זיך געזעגענען און הערן אַן עצה. אין די יאָרן פון בירגערקריג האָבן מיר מיט אים געאַרבעט האַנט ביי האַנט. אונזערע שמועסן האָבן זיך אָבער דאַן אַ סך מער געדרייט אַרום ראַטעס, מיליטערישע סטאַטוטן, קורצטער־מיניקע קורסן פאַר רויטע אָפיצירן, אַרום דעם, ווי אַזוי צו שאַפן אַ זאַפּאַס פון מעש און אַלומיניום פאַר די קריגס־זאַוואָדן, אַרום גימ־נאַסטערקעס און קאָך־צודאַטן, ווי אַרום ריין פאַרטיי־ענינים. מיר זענען ביידע געווען צופיל פאַרנומען. נאָכדעם, ווי לענין איז קראַנק געוואָרן, און די אינטריגע פון עפּיגאָנען האָט אָנגעהייבן אַריינ־צורוקן אירע הענט אין קריגס־קאָמיסאַריאַט, פלעג איך אויסמיידן צו רעדן וועגן פאַרטיי־ענינים, בפרט מיט מיליטערישע מיטאַרבעטער. די לאַגע איז געווען צו אומבאַשטימט, די חלוקי־דעות זענען ערשט קוים אָנגעצייכנט געוואָרן און דאָס שאַפן פראַקציעס אין דער אַרמעע האָט געדראָט מיט צו גרויסע געפאַרן. דערנאָך בין איך קראַנק גע־וואָרן. אָבער דאָסמאָל, זומער 1925, ווען איך בין שוין נישט גע־שטאַנען בראש פון קריגס־קאָמיסאַריאַט און האָב מיך באַגעגנט מיט סקליאַנסקין, האָבן מיר זיך דורכגערעדט וועגן אַ סך זאַכן, אויב נישט וועגן אַלץ.

—זאָגט מיר, — האָט סקליאַנסקי אַ פרעג געטאָן, — וואָס אַזוינס שטעלט מיט זיך פאָר סטאַלין?

סקליאַנסקי האָט אַליין געַנוג גוט געקענט סטאַלינען. ער האָט אָבער געוואָלט הערן פון מיר אַ כאַראַקטעריסטיק פון סטאַלינס פערזענלעכקייט און גלייכצייטיק אַ דערקלערונג פון זיין דערפאָלג. איך האָב מיך פאַרטראַכט.

—סטאַלין, — האָב איך געזאָגט, — דאָס איז די העכערע מיטלמעסיקייט פון אונזער פאַרטיי. דידאָזיקע כאַראַקטעריסטיק האָט זיך מיר, בעת אונזער שמועס, צום ערשטן מאָל פאָרגעשטעלט נישט בלויז אין איר גאַנצער פסיכאָלאָגישער, נאָר אויך אין איר סאָציאַלער באַדייטונג. פון סקליאַנסקיס פנים האָב איך געזען, אַז איך האָב אים דאָ געהאָלפן אָנצוטאַפּן עפּעס זייער וויכטיקס.

—איר ווייסט, — האָט ער געזאָגט, — עס איז ממש נשתומם צו ווערן, ווי פאַרן לעצטן פּעריאָד רוקט זיך כסדר אַרויס אויף אַלע געביטן דער גאָלדענער מיטן, די זעלבסטצופרידענע מיטלמעסיקייט. און דאָס אַלץ געפינט אין סטאַלינען זיין פירער. פונוואַנען נעמט זיך דאָס?

—דאָס איז די רעאַקציע נאָך דער גרויסער סאָציאַלער און פסיכאָלאָגישער שאַפונג פון די ערשטע רעוואָלוציע־יאָרן. די נצחונדיקע קאָנטער־רעוואָלוציע קאָן האָבן אירע גרויסע מענטשן. אָבער איר ערשטער שטאַפּל, דער טערמידאָר, דאַרף האָבן מיטלמעסיקייטן, וואָס זעען נישט ווייטער פון זייער נאָז. זייער מאַכט איז זייער פּאָליטישע בלינדקייט, פּונקט ווי יענס מילפערד, וואָס אים דוכט זיך, אַז עס שטייגט אינדערהויך בשעת אינדעראמתן שטופּט עס נאָר אַראָפּ אונטן דאָס טרייבנדיקע קרייז־ראָד. אַ זעענדיק פערד איז צו אַזאַ אַרבעט נישט פּעאיק.

אין דעמדאָזיקן שמועס בין איך צום ערשטן מאָל מיט דער גאַנצער קלאָרקייט, איך וואָלט אפילו געזאָגט, מיט פיזישער איבערצייגונג, צוגעגאַנגען צום פּראָבלעם פון טערמידאָר. איך האָב אָפּגערעדט מיט סקליאַנסקין, אַז מיר וועלן זיך אומקערן צו אונזער שמועס, ווען ער וועט זיך צוריקקערן פון אַמעריקע. אין עטלעכע וואָכן אַרום איז אָנגעקומען אַ טעלעגראַמע, אַז סקליאַנסקי איז דערטרונקען געוואָרן אין עפּעס אַן אַמעריקאַנישער יעזשערע בעת אַ שפּאַציר אין אַ שיפל. דאָס לעבן איז רייך מיט בייזע המצאות.

די אורנע מיט סקליאַנסקיס אַש האָט מען געבראַכט קיין מאָסקווע. קיינער האָט נישט געצווייפלט, אַז מען וועט זי איינ־מויערן אין דער קרעמל־וואַנט אויפן רויטן פּלאַץ, וואָס איז געוואָרן דער פּאַנטעאָן פון דער רעוואָלוציע. דער סעקרעטאַריאַט פון צ. ק. האָט אָבער באַשלאָסן מקבר צו זיין סקליאַנסקין הינטער דער שטאָט. סקליאַנסקיס געזעגענונגס ־ וויזיט איז אַזויאַרום פאַרנאָטירט און אַרויפגעשטעלט געוואָרן אויף זיין חשבון. דעם האַס האָט מען איבערגעטראָגן אויף דער אורנע. חוצדעם, איז דאָס פאַרקלע־נערן סקליאַנסקיס פאַרדינסטן אַריינגענומען געוואָרן אין דעם פּלאַן פונם אַלגעמיינעם קאַמף קעגן יענער ליטונג, וואָס האָט אין בירגערקריג געזיכערט דעם נצחון. איך האַלט נישט, אַז סקליאַנסקי זאָל זיך ביים לעבן אינטערעסירן מיט דער פראַגע, וואו מען וועט אים באַגראָבן. דער באשלוס פון צ. ק. האָט אָבער געטראָגן דעם כאַ־ראַקטער פון אַ פּאָליטישער און פערזענלעכער געמיינהייט. איך האָב גובר געווען דעם עקל און האָב טעלעפאָנירט צו מאָלאָטאָוון. דער באַשלוס איז אָבער געבליבן אומגעענדערט. די געשיכטע וועט אויך דידאָזיקע פראַגע אויף איר אופן רעווידירן.

* *
*

אין האַרבסט 1924 איז דער פיבער צוריקגעקומען. צו יענער צייט האָט זיך ווידער צעפלאַקערט אַ דיסקוסיע. דאָסמאָל איז זי אַרויסגערופן געוואָרן פון אויבן לויט אַ פריער אויסגעאַרבעטן פּלאַן. אין לענינגראַד, אין מאָסקווע, אין דער פּראָווינץ זענען פריער אָפּ־געהאַלטן געוואָרן הונדערטער און טויזנטער געהיימע באַראַטונגען, כדי צוצוגרייטן די אַזויגערופענע „דיסקוסיע״. דאָס הייסט אַ סיסטע־מאַטישע און פּלאַנמעסיקע העצע, געווענדט דאָסמאָל נישט קעגן דער אָפּאָזיציע, נאָר קעגן מיר פערזענלעך. ווען די געהיימע צו־גרייטונגס־אַרבעט איז פאַרענדיקט געוואָרן, האָט זיך, אויפן סיגנאַל פון דער „פּראַוודאַ״, אָנגעהייבן מיט איינמאָל אַ קאַמפּאַניע קעגן טראָצקיזם פון אַלע טריבונעס, פון אַלע זייטן און שפּאַלטן פון די צייטונגען, פון אַלע ווינקעלעך און שפּארעס. דאָס איז, אין אַ געוויסן גראַד, געווען אַ מאַיעסטעטיש בילד. די רכילות האָט באַקומען אַ מראה פון אַ וואולקאַנישן אויסברוך. די ברייטע פּאַרטיי־מאַסע איז

געווען דערשיטערט. איך בין געלעגן מיט אַ הויכער טעמפּעראַטור
און געשוויגן. די פּרעסע און די רעדנער האָבן זיך מיט קיין זאַך
מער נישט באַשעפטיקט, נאָר מיטן דעמאַסקירן דעם „טראָצקיזם״.
קיינער האָט, אייגנטלעך, נישט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס דאָס באַ־
טייט. טאָג־אויס, טאָג־איין האָט מען סערווירט נייע עפּיזאָדן פון
דער פאַרגאַנגענהייט, פּאָלעמישע ציטאַטן פון לענינס אַרטיקלען, וואָס
זענען געשריבן געוואָרן מיט צוואַנציק יאָר צוריק,—פאַרקריפּלט, פול
מיט שקרים, און דער עיקר, אין אַזאַ פאָרם, ווי דאָס וואָלט ערשט
נעכטן געשען. קיינער האָט דאָ גאָרנישט פאַרשטאַנען. ווען דאָס אַלץ
וואָלט באמת אַזוי געווען, האָט עס דאָך לענין געדאַרפט וויסן? איז
דאָך די אָקטאָבער־רעוואָלוציע פאָרגעקומען שוין נאָך דעם אַלעם.
איז דאָך נאָך דער איבערקערעניש געווען אַ בירגערקריג. האָט דאָך
טראָצקי צוזאַמען מיט לענינען געשאַפן דעם קאָמוניסטישן אינטער־
נאַציאָנאַל. הענגען דאָך טראָצקיס בילדער אומעטום לעבן לענינס.
און... און... אָבער דאָס רכילות האָט געשפּיגן קאַלטע לאַווע... זי
האָט מעכאַניש אָנגעדריקט אויפן באַוואוסטזיין און נאָך פאַרניכטנדי־
קער—אויפן ווילן.

די באַציִונג צו לענינען, ווי צו אַ רעוואָלוציאָנערן פירער, איז
פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ באַציִונג, ווי צו אַ ראָש פון אַ קירכלע־
כער היעראַרכיע. אויפן רויטן פּלאַץ האָט מען, קעגן מיינע פּראָ־
טעסטן, אויפגעשטעלט דעם מאַוזאָליי, וואָס איז אומווירדיק און
באַליידיקלעך פאַרן רעוואָלוציאָנערן באַוואוסטזיין. אין אַזעלכע מאַוו־
זאָלייען האָבן זיך אויך פאַרוואַנדלט די אָפיציעלע ביכער איבער
לענינען. זיינע געדאַנקען האָט מען צעשניטן אויף ציטאַטן פאַר פאַל־
שע דרשות. מיטן באַלזאַמירטן קערפּער האָט מען געקעמפט קעגן
דעם לעבעדיקן לענינען און קעגן—טראָצקין. די מאַסע איז געוואָרן
פאַרטויבט, מטושטש, איינגעשראָקן. צוליב זיין גרויסן פאַרנעם האָט
דאָסדאָזיקע עם־הארצישע געקעכץ באַקומען פּאָליטישע אייגנשאַפטן.
עס האָט פאַרטויבט, דערדריקט, דעמאָראַליזירט. די פּאַרטיי האָט פאַר
איין ברירה געמוזט שווייגן. עס האָט זיך אָנגעהייבן אַ רעזשים פון
עכטער אַפּאַראַט־דיקטאַטור איבער דער פּאַרטיי. מיט אַנדערע ווער־
טער: די פּאַרטיי האָט אויפגעהערט צו זיין אַ פּאַרטיי.

אינדערפרי פלעגט מען מיר ברענגען די צייטונגען אין בעט.
איך האָב דורכגעקוקט די טעלעגראַמעס, די קעפּלעך פון די אַרטיק־

דען און די אונטערשריפטן. איך האָב גענוג גוט געקענט דידאָזיקע מענטשן, געוואוסט וואָס זיי קלערן אינדערשטיל, וואָס זיי זענען פעאיק צו זאָגן און וואָס מען הייסט זיי זאָגן. על־פּי־רוב זענען עס געווען מענטשן, וואָס די רעוואָלוציע האָט זיי שוין אינגאַנצן אויסגעשעפּט. עס זענען אויך געווען צווישן זיי באַגרענעצטע פאַנאַטיקער, וואָס האָבן זיך געלאָזט אָפּנאַרן. עס זענען געווען יונגע קאַריעריסטן, וואָס האָבן זיך געאײַלט צו באַווײַזן, אַז זיי זענען די נוצלעכסטע מענטשן אויף זייער אָרט. אַלע האָבן סותר געווען איינאַנדער און זיך אַליין. די נישט פאַרשטומענדיקע רכילות האָט אָבער געברילט מיט אַ ווילדן ברילן פון אַלע צייטונגס־שפּאַלטן, געוואָיעט מיט אַ משונהדיקן וואָיען, פאַרטויבנדיק אירע סתירות און איר פוסטקייט. זי האָט געגומען מיט איר כּמות.

„דער צווייטער אַטאַק פון ל. ד.ס קראַנקהייט,״ שרייבט נ. י. סעדאָווא, „פאַלט צוזאַמען מיט דער ווילדער העצע קעגן אים, וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט ווי די שווערסטע קראַנקהייט. די זייטן פון דער „פּראַוודאַ״ האָבן אויסגעזען ריזעדיק־גרויס, אומענדלעך, יעדע שורה פון דער צײַטונג, יעדער אות איז געווען אַ ליגן. ל. ד. האָט געשוויגן. אָבער וואָס האָט אים געקאָסט דאָסדאָזיקע שווייגן! זײַנע פרײַנט פלעגן אים באַזוכן אין משך פון גאַנצן טאָג, אָפטמאָל אויך בײַנאַכט. איך דערמאָן מיך, ווי עמעצער האָט געפרעגט ל. ד., צי האָט ער געלייענט היינטיקע צייטונגען? ער האָט געענטפערט, אַז ער לייענט בכלל נישט קיין צייטונגען. און באמת, ער פלעגט זיי אַ נעם טאָן אין דער האַנט אַריין, קוים אַ פּיר טאָן איבער זיי מיט די אויגן און תּיכּף אַוועקוואַרפן. עס האָט אויסגעזען, אַז פאַר אים איז גענוג בלויז איין קוק, כּדי צו וויסן זייער אינהאַלט. ער האָט צו גוט געקענט די קיכער, וואָס האָבן צוגעגרייט דעמדאָזיקן מאכל, און דערצו נאָך טאָג־טעגלעך איינס און דאָסזעלבע. לייענען אַ צייטונג אין יענער צייט, האָט ער געזאָגט, איז פּונקט דאָסזעלבע, ווי „צו פאַרשטאָפּן זיך דעם האַלז מיט אַ לאָמפּן־בערשטעל״. מען האָט זיך נאָך געקאָנט דערצו צווינגען, ווען ל. ד. זאָל האָבן בדעה צו ענטפערן. ער האָט אָבער געשוויגן. די פאַרקילונג האָט זיך פאַרצויגן מחמת דעם שווערן נערוועזן צושטאַנד. ער איז שטאַרק אויסגעמאַטערט געוואָרן און האָט אויסגעזען זייער בלייך. אין דער פאַמיליע האָבן מיר אויסגעמיטן צו רעדן וועגן דער העצע, אָבער וועגן עפּעס

אַנדערש האָבן מיר אויך נישט געקאָנט רעדן. איך געדענק נאָך ווי היינט, מיט וואָס פאַר אַ געפיל איך בין טאָג טעגלעך געגאַנגען צו מיין אַרבעט אין קאָמיסאַריאַט פאַר פאָלקסבילדונג. פונקט ווי איך וואָלט געלאָפן דורך צוויי שפּיצרוטן־שורות. אָבער קיינער האָט זיך קיין איינמאָל נישט דערלויבט צו לאָזן פאַלן עפּעס אַ זידלוואָרט, אָדער אפילו אַן אומאָנגענעמע באַמערקונג: צוגלייך מיטן פיינטלעכן שווייגן פון אַ קליינער שפּיצן-שיכט, האָט זיך אָבער אויך געפילט די סימפּאַטיע פון דעם רוב אַרבעטער. אין דער פּאַרטיי זענען אַזוי ווי דורכגעפלאָסן צוויי לעבנס: אַן אינערלעך, פאַרבאָרגן לעבן און אַ דרויסנדיק לעבן בלויז פאַרן אויג. און ביידע האָבן שטאַרק סותר געווען איינאַנדער. בלויז איינצלנע דרייסטע מענטשן האָבן געהאַט דעם מוט אַרויסצוזאָגן דאָס, וואָס עס האָט געשפּירט די דערדריקנדיקע מערהייט, באַהאַלטנדיק אירע סימפּאַטיעס הינטער דער געשלאָסנקייט פון אַן „איינהייטלעכער אָפּשטימונג.״

צו יענער צייט איז אויך פאַרעפנטלעכט געוואָרן מיין בריוו צו טשכעידזען קעגן לענינען. דערדאָזיקער עפּיזאָד, וואָס שטאַמט נאָך פון אַפּריל 1913, איז געווען פאַרבונדן מיט דעם, וואָס די לעגאַלע באָלשעוויסטישע צייטונג, וועלכע איז אַרויסגעגאַנגען אין פּעטערבורג, האָט זיך צוגעאייגנט דעם נאָמען פון מיין ווינער בלאַט „פּראַוודאַ״. דאָס האָט געפירט צו איינעם פון יענע שאַרפע צוזאַמענשטויסן, מיט וועלכע עס איז אַזוי רייך געווען דאָס לעבן פון דער עמיגראַציע. איך האָב אָנגעשריבן אַ בריוו צו טשכעידזען, וואָס איז אַ געוויסע צייט געשטאַנען צווישן די מענשעוויקעס און באָלשעוויקעס. אינם בריוו האָב איך אויסגעדריקט מיין כעס קעגן דעם באָלשעוויסטישן צענטער און קעגן לענינען. אין אַ צוויי אָדער דריי וואָכן אַרום וואָלט איך אוודאי אַליין אונטערגעוואָרפן מיין בריוו אונטער אַ צענזור, אין אַ יאָר אָדער צוויי אַרום וואָלט עס פּשוט געווען אַ קוריאָז. דערדאָזיקער בריוו האָט אָבער געהאַט אַ באַזונדער מזל. דער פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט האָט אים איבערגעכאַפּט. אין פּאָליציי־אַרכיוו איז ער אָפּגעלעגן ביז דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. נאָך דער איבערקערעניש האָט ער איבערגעוואַנדערט אין אַרכיוו פון אינסטיטוט פאַר פּאַרטיי־געשיכטע. לענין האָט אויסגעצייכנט געוואוסט וועגן דער עקזיסטענץ פון דעמדאָזיקן בריוו. ער האָט אים אָבער אינטערעסירט אַזוי ווי מיך, פּונקט ווי דער פאַראַיאָריקער שניי, נישט מער! אין

די יאָרן פון דער עמיגראַציע זענען אָנגעשריבן געוואָרן כּלערליי מינים בריוו! אין יאָר 1924 האָבן די עפּיגאָנען אַרויסגעשלעפּט דעם דאָזיקן בריוו פון אַרכיוו און געוואָרפן אים אין קאָפּ אַריין דער פּאַרטיי, וואָס איז אין יענער צייט באַשטאַנען פון דריי פערטל לגמרי נייע מענטשן. נישט צופעליק האָט מען פאַר דער פּאַרעפנטלעכונג אויסגעקליבן די חדשים תּיכּף נאָך לענינס טויט. דידאָזיקע קאַלקולאַציע איז געווען טאָפּלט נויטווענדיק. ערשטנס, האָט שוין לענין נישט געקאָנט אויפשטיין, כּדי אָנצורופן דידאָזיקע אדונים ביי זייערע ריכטיקע נעמען, צווייטנס, זענען די פאָלקסמאַסן נאָך געווען פאַרכאַפּט פונם טרויער־געפיל נאָך דעם פירער. די מאַסן, וואָס האָבן לגמרי קיין שום השגה נישט געהאַט וועגן דעם נעכטיקן טאָג פון דער פּאַרטיי, האָבן איצט געלייענט פייַנטלעכע מיינונגען פון טראָצקין איבער לענינען. זיי זענען ווי פאַרטויבט געוואָרן. אמת, דידאָזיקע מיינונגען זענען געשריבן געוואָרן מיט צוועלף יאָר צוריק. די כראָנאָלאָגיע איז אָבער פאַרשוואונדן געוואָרן פאַר די נאַקעטע ציטאַטן. דער געברויך, וואָס די עפּיגאָנען האָבן געמאַכט פון מיין בריוו צו טשכעידזען, שטעלט מיט זיך פאָר איינעם פון די גרעסטע שווינדלען אין דער וועלטגעשיכטע. די געפעלשטע דאָקומענטן פון די פראַנצויזישע רעאַקציאָנערן אינם דרייפוס־פּראָצעס—זענען ממש אַ גאָרנישט אין פאַרגלייך מיט דעמדאָזיקן פּאָליטישן שווינדל פון סטאַלינען און זיינע מיטהעלפער.

די רכילות ווערט אַ קראַפט נאָר אין דעם פאַל, ווען זי אַנטשפּרעכט עפּעס אַ היסטאָרישער באַדערפעניש. אין די סאָציאַלע באַציונגען אָדער אין די פּאָליטישע שטימונגען האָט זיך, הייסט עס, עפּעס אַ רוק געטאָן—האָב איך מיר אַליין אויסגעטייטשט דעם ענין—וויבאַלד די רכילות געפינט פאַר זיך אַזאַ קאָלאָסאַלן אָפּזאָץ. מען מוז זיך פּרוּוון אַנאַליזירן דעם אינהאַלט פון דער רכילות. אין בעט האָב איך אויף דעם געהאַט גענוג צייט. פונוואַנען שטאַמט די באַשולדיקונג קעגן טראָצקין, אַז ער שטרעבט כּלומרשט צו „באַראַבעווען דעם פּויער”, אַ פאָרמולע, מיט וועלכער עס באַנוצן זיך תּמיד די רעאַקציאָנערע אַגראַריער, קריסטלעכע סאָציאַליסטן און פאַשיסטן קעגן די סאָציאַליסטן און בפרט טאַקע קעגן די קאָמוניסטן? פונוואַנען שטאַמט דידאָזיקע פאַרביסענע העצע קעגן דער מאַרקסיסטישער אידעע פון דער פּערמאַנענטער רעוואָלוציע? פונוואַנען נעמט זיך

דידאָזיקע נאַציאָנאַלע זעלבסטבאַרימעריי, וואָס איז מבטיח אויפצובויען איר אייגענעם סאָציאַליזם? וואָס פאַר אַ שיכטן רוקן עס אַרויס דעם גאַלפּרעג אויף דערדאָזיקער רעאַקציאָנערער באַנאַלקייט? און, צולעצט, פונוואַנען און פאַרוואָס איז אַנטשטאַנען דידאָזיקע ירידה פונם טעאָרעטישן ניוואָ, דידאָזיקע פּאָליטישע טפשותז איך בלעטער דורך אין בעט מיינע אַלטע אַרטיקלען און מיינע בליקן פאַלן אויף דידאָזיקע שורות, וועלכע איך האָב געשריבן אין יאָר 1909, אין רעכטן ברען פון סטאָליפּינס רעאַקציע: „ווען די קרומע ליניע פון דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג נעמט שטייגן אינדערהויך, ווערט דער סאָציאַלער געדאַנק דורכדרינגלעכער, דרייסטער, קלוגער. ער פּאַסט אויף פאַקטן אין פלוג און פאַרקניפּט זיי טאַקע אין פלוג מיט די פעדעם פון דער פאַראַלגעמיינערונג... ווען די פּאָליטישע קרומע ליניע הייבט אָבער אָן צו פאַלן, ווערט דער סאָציאַלער געדאַנק אַדורכגעדרונגען מיט טפשות. דער ווערטפולער טאַלאַנט פון דער פּאָליטישער פאַראַלגעמיינערונג ווערט ערגעץ נעלם אָן אַ שום שפור. די טפשות ווערט דרייסטער, און שטשירענדיק די ציין, מאַכט זי חוזק פון יעדן פרואוו צו אַן ערנסטער פאַראַלגעמיינערונג. זי פילט, אַז דאָס פעלד געהערט איר און זי הייבט אָן צוווירקן מיט אירע מיטלען.“ איינס פון אירע וויכטיקסטע מיטלען איז—רכילות.

איך זאָג זיך: מיר גייען דורך אַ פּעריאָד פון רעאַקציע. עס קומט פאָר אַ פּאָליטישע איבערשיכטונג פון די קלאַסן. עס קומט פאָר אַן ענדערונג אין באַוואוסטזיין פון די קלאַסן. נאָך דער גרויסער שפּאַנונג קומט די ירידה. ווי ווייט וועט זי גיין? לכל־הדעות, נישט ביזן אויסגאַנגס־פּונקט. אָבער פריער קאָן קיינער נישט אָנווייזן דידאָזיקע גרענעץ. זי ווערט באַשטימט אין קאַמף פון די אינערלעכע כוחות. קודם־כל דאַרף מען פאַרשטיין דאָס, וואָס עס קומט פאָר. די טיפע מאָליעקולאַרע פּראָצעסן פון דער רעאַקציע שפּאַרן זיך אַרויס אין דרויסן. זיי שטרעבן צו ליקווידירן, אָדער, לפּחות, אָפּצושוואַכן די אָפּהענגיקייט פון געזעלשאַפטלעכן באַוואוסטזיין פון די אידעען, לאָזונגען און לעבעדיקע געשטאַלטן פון אָקטאָבער. אָט דאָס איז דער זין פון דעם, וואָס עס קומט פאָר. לאָמיר דעריבער נישט אַריינפאַלן אין סוביעקטיוויזם. לאָמיר זיך נישט קרימען און זיך נישט באַליידיקן אויף דער געשיכטע, וואָס גייט מיט איר גאַנג אויף קאָמפּליצירטע און פאַרדרייטע וועגן. באַגרייפט מען דאָס, וואָס עס קומט פאָר, הייסט עס שוין—אויף אַ העלפט זיכערן דעם נצחון.

צווייט און פערציקסטער קאַפּיטל

דער לעצטער פּעריאָד פון קאַמף אין דער פּאַרטיי גופא

אין יאָר 1925 בין איך באַפרייט געוואָרן פון מיינע פליכטן אַלס פאָלקסקאָמיסאַר פאַר קריגס-ענינים. דערדאָזיקער באַשלוס איז גוט צוגעגרייט געוואָרן דורך דעם פריערדיקן קאַמף. צוגלייך מיט די טראַדיציעס פון דער אָקטאָבער-איבערקערעניש, האָבן זיך די עפּיגאָנען אַממייסטן געשראָקן פאַר די טראַדיציעס פון בירגערקריג און פאַר מיין קאָנטאַקט מיט דער אַרמעע. מיין אַמט אַלס קריגס-קאָמיסאַר האָב איך אויפגעגעבן אָן אַ קאַמף, אפילו מיט אַן אינער־לעכער פאַרליכטערונג, כדי אַרויסצורייסן ביי די קעגנער דעם כלי-זיין פון אינסינואַציעס וועגן מיינע כלומרשטע מיליטערישע פּלענער. כדי צו באַרעכטיקן זייערע עובדות, האָבן די עפּיגאָנען לכתחילה אויסגעטראַכט דידאָזיקע פּאַנטאַסטישע פּלענער, און שפּעטער אַליין גענומען טיילוויז אין זיי גלויבן. מיינע פּערזענלעכע אינטערעסן האָבן זיך פון יאָר 1921 אָן אַריבערגעטראָגן אויף אַן אַנדער גע־ביט. דער קריג איז געווען פאַרענדיקט, די אַרמעע פאַרקלענערט פון פינף מיליאָן דריי הונדערט טויזנט אויף זעקס הונדערט טויזנט. די מיליטערישע אַרבעט האָט אָנגענומען אַ ביוראָקראַטישן כאַראַקטער. דעם ערשטן אָרט אין לאַנד האָבן פאַרנומען די ווירטשאַפטלעכע פראַגן, וועלכע האָבן, מיטן מאָמענט פון פאַרענדיקן דעם קריג, איינגעשלונגען ביי מיר אַ סך מער צייט און אויפמערקזאַמקייט, ווי די מיליטערישע פראַגן.

אין מאַי 1925 בין איך געוואָרן פּאָרזיצער פונם קאָנצעסיע-
קאָמיטעט, שעף פון דער עלעקטראָטעכנישער פאַרוואַלטונג און פאָר־
זיצער פון דער וויסנשאַפטלעך־טעכנישער פאַרוואַלטונג פון דער אינ־
דוסטריע. דידאָזיקע דריי געביטן האָבן נישט געהאַט צווישן זיך קיין
שום שייכות. דער אויסוואַל איז געמאַכט געוואָרן הינטער מיינע
פּלייצעס און האָט באַזירט אויף ספּעציפישע טעמים: איזאָלירן מיך
פון דער פּאַרטיי, פאַרוואַרפן מיט דער לויפנדיקער אַרבעט, אָוועק-
שטעלן מיך אונטער אַ באַזונדערן קאָנטראָל און דאָס גלייכן. פונדעסט-
וועגן האָב איך געמאַכט אַן ערנסטן פּרואוו זיך איינצואַרבעטן אויף
די נייע יסודות. איבערגענומען די אַרבעט אין דריי פאַר מיר
לחלוטין פרעמדע אינסטיטוציעס, האָב איך זיך אַריינגעטאָן אין איר
מיט לייב און לעבן. על־פּי־רוב האָבן מיך פאַראינטערעסירט די
וויסנשאַפטלעך-טעכנישע אינסטיטוציעס, וואָס האָבן באַקומען אַ גאַנץ
ברייטן שוואונג, אַ דאַנק דער צענטראַליזירונג פון דער אינדוסטריע.
איך האָב פלייסיק באַזוכט די צאָלרייכע לאַבאָראַטאָריעס, מיט גרויס
התמדה זיך צוגעקוקט צו די עקספּערימענטן, געהערט די דערקלע־
רונגען פון די בעסטע געלערנטע, שטודירט אין די פרייע שעהן די
לערנביכער איבער כעמיע און הידראָדינאַמיק און האָב מיך געשפּירט
האַלב אַדמיניסטראַטאָר און האַלב סטודענט. נישט אומזיסט האָב איך
אין מיינע יונגע יאָרן געהאַט בדעה אָנצוקומען אויפן פיזיש-מאַטע-
מאַטישן פאַקולטעט. ביי די פראַגן פון נאַטורוויסנשאַפט און טעכנאָ-
לאָגיע האָב איך אַזוי ווי אָפּגערוט פון דער פּאָליטיק. אלס שעף פון
דער עלעקטראָטעכנישער פאַרוואַלטונג, האָב איך באַזוכט די עלעק־
טראָטעכנישע סטאַציעס, וואָס האָבן זיך געהאַלטן אין בויען און האָב
אויך געמאַכט א נסיעה צום דניעפּער, וואו עס זענען דורכגעפירט
געוואָרן ברייטע צוגרייטונגס־אַרבעטן פאַר דער קינפטיקער הידראָ־
סטאַציע. צוויי שיפלייט האָבן מיך אין אַ פישערשיפל געפירט צווישן
די טייכשוועלן, איבערן וואַסערווירבל, אויפן אַלטן וועג פון די
דניעפּער־קאָזאַקן. דאָס איז, נאַטירלעך, געווען אַ ריין ספּאָרטמעסיקער
אינטערעס. איך האָב מיך אָבער שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט דער
דניעפּער־אונטערנעמונג, ווי פון ווירטשאַפטלעכן, אַזוי אויך פון טעכ־
נישן שטאַנדפונקט. כדי צו זיכערן די הידראָסטאַציע קעגן דעפיציטן,
האָב איך אָרגאַניזירט אַן אַמעריקאַנישע עקספּערטיזע און שפּעטער
זי דערגאַנצט דורך א דייטשער. מיין נייע אַרבעט האָב איך מיך

באַמיט צו פאַרבינדן נישט בלויז מיט די לויפנדיקע פראַגן פון דער ווירטשאַפט, נאָר אויך מיט גרונט־פּראָבלעמען פון סאָציאַליזם. אין קאַמף קעגן דעם טעמפּן נאַציאָנאַלן צוגאַנג צו די ווירטשאַפטס־פראַגן („אומאָפּהענגיקייט" דורך דער אייגענער איזאָלירונג) האָב איך אַרויסגערוקט די אויפגאַבע אויסצואַרבעטן אַ סיסטעם פאַר פאַרגלייכנדיקע קאָעפיציענטן פון אונזער ווירטשאַפט מיט דער וועלט־ווירטשאַפט. דידאָזיקע אויפגאַבע איז אַנטשטאַנען צוליב דעם, ווייל עס האָט זיך געפאָדערט אַ ריכטיקע אָריענטירונג אינם וועלטמאַרק; דידאָזיקע אָריענטירונג האָט געדאַרפט פאַרלייכטערן די אויפגאַבע פון אימפּאָרט, עקספּאָרט און קאָנצעסיע־פּאָליטיק. דאָס פּראָבלעם פון פאַרגלייכנדיקע קאָעפיציענטן, וואָס פליסט אַרויס פון דער אָנערקענונג, אַז די פּראָדוקטיווע קרעפטן פון דער וועלט הערשן איבער די נאַציאָנאַלע—דאָסדאָזיקע פּראָבלעם האָט אייגנטלעך לויט זיין מהות באַטייט אַן אַרויסטריט קעגן דער רעאַקציאָנערער טעאָריע פון „סאָציאַליזם אין איין לאַנד." איך האָב איבער די פראַגן פון מיין נייער טעטיקייט געהאַלטן רעפעראַטן, געווידמעט זיי ביכער און בראָשורן. אויפנעמען דעם קאַמף אויף דעמדאָזיקן באָדן האָבן מיינע קעגנער נישט געקאָנט און נישט געוואָלט. פאַר זיך האָבן זיי דידאָזיקע לאַגע אַזוי פאָרמולירט: טראָצקי האָט זיך דאָ געשאַפן אַ נייעם קאַמפּספּלאַץ. די פאַרוואַלטונג פון דער עלעקטראָ־טעכניק און די וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוטן האָבן זיי איצט באַאומרויִקט פּונקט אויף דעמזעלבן שטייגער, ווי פריער דער קריגס־קאָמיסאַריאַט און די רויטע אַרמעע. סטאַלינס אַפּאַראַט איז מיר נאָכגעגאַנגען פּוסטריט. יעדער פּראַקטישער שריט, וואָס איך האָב געמאַכט, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מאָטיוו פאַר אַ קאָמפּליצירטער אינטריגע הינטער די קוליסן. יעדע טעאָרעטישע פאַראַלגעמיינערונג האָט געשפּייזט די עם־האַרצישע מיטאָלאָגיע פון „טראָצקיזם." מיין פּראַקטישע אַרבעט איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אין אוממעגלעכע באַדינגונגען. איך וועל נישט מגזם זיין, ווען איך וועל זאָגן, אַז אַ גרויסער טייל פון סטאַלינס שפּעטערישער טעטיקייט, ווי אויך פון זיין מיטהעלפער מאָלאָטאָוון, איז געווען געווענדט בלויז דערויף, צו אָרגאַניזירן אַרום מיר אַ דירעקטן סאַבאָטאַזש. איך האָב שוין נישט אַרויסבאַקומען די נויטיקע מיטלען פאַר די אינסטיטוציעס, וואָס האָבן זיך געפונען אין מיין רשות. די מענטשן, וואָס האָבן געאַרבעט אין דידאָזיקע אינ-

סטיטוציעס, זענען נישט געווען זיכער מיט זייער גורל, לפחות, מיט זייער קאַריערע.

דער פּרואוו זיך אויסצוקעמפן פּאָליטישע פרייען איז מיר אַזוי־אַרום נישט געלונגען. די עפּיגאָנען האָבן זיך שוין נישט געקאָנט אָפּשטעלן אויפן האַלבן וועג. זיי האָבן זיך שטאַרק געשראָקן פאַר דעם, וואָס זיי האָבן אַליין געשאַפן. די בעכטיקע רכילות האָט אויף זיי שווער געדריקט און געפאָדערט היינט אַ צווייפאַכע בגידה. סוף־כל־סוף האָב איך אַרויסגעשטעלט די פאָדערונג, מען זאָל מיך באַפרייען פון דער עלעקטראָ־טעכנישער פאַרוואַלטונג און פון די וויסנשאַפטלעך־טעכנישע אינסטיטוטן. דער קאָנצעסיע־קאָמיטעט איז, לכל־הדעות, געווען אַ קלענער פעלד פאַר אינטריגעס, ווייל דער גורל פון יעדער קאָנצעסיע פלעגט באַשלאָסן ווערן אין פּאָליטביוראָ.

בינו־לבינו האָט זיך דאָס לעבן פון דער פּאַרטיי דערנענטערט צו אַ נייעם קריזיס. אין דעם ערשטן פּעריאָד פון קאַמף האָט מען מיר אַנטקעגנגעשטעלט דאָס „דרייעלע“. אַליין איז עס אָבער געווען גאַנץ ווייט פון אייניקייט. סיי זינאָוויעוו און סיי קאַמעניעוו זענען אפשר בנוגע טעאָרעטישע און פּאָליטישע פראַגן געשטאַנען העכער פון סטאַלינען. אָבער זיי ביידן האָט געפעלט יענע קלייניקייט, וואָס מען רופט זי געוויינלעך כאַראַקטער. אָבער דער—אין פאַרגלייך צו סטאַלינען—ברייטערער אינטערנאַציאָנאַלער האָריזאָנט, וואָס זיי האָבן, אונטער לענינס לייטונג, דערוואָרבן אין דער עמיגראַציע, האָט זיי נישט געפעסטיקט, נאָר, להיפוך, אָפּגעשוואַכט. דער קורס האָט זיך געהאַלטן אויף דער זעלבסטצופרידענער נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג, און די אַלטע פאָרמולע פונם רוסישן פּאַטריאָטיזם: „פאַרוואַרפן מיט די היטלען“ איז איצט מיט גרויס התמדה איבערגעזעצט געוואָרן אויף דעם ביי־סאָציאַליסטישן לשון. זינאָוויעווס און קאַמעניעווס פּרואוו כאָטש טיילווייז צו פאַרטיידיקן די אינטערנאַציאָנאַלע אָנשויונגען, האָט זיי אין די אויגן פון דער ביוראָקראַטיע פאַרוואַנדלט אין „טראָצקיסטן“ פון צווייטן סאָרט. און טאָקע דערפאַר האָבן זיי זיך מיט מער אימפּעט באַמיט צו פירן די קאַמפּאַניע קעגן מיר, כדי אויף דעם אופן צו געווינען דעם צוטרוי פון אַפּאַראַט. אָבער אויך דידאָזיקע סגולות האָבן נישט געהאָלפן. דער אַפּאַראַט האָט אַלץ מער און מער אַנטפּלעקט אין סטאַלינען דעם שטאַרקערןביין פון זיינע ביינער. איניגיכן האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זינאָוויעוו און קאַמעניעוו שטייען

אויף אַ פֿײַנטלעכער פּאָזיציע לגבי סטאַלינען, און בעת ווי האָבן זיך געפּרואווט אַריבערצוטראָגן די זויפּוחים פונם דרייעלע אין צענטראַל־קאָמיטעט, האָט זיך תּיכּף אַרויסגעוויזן, אַז סטאַלין פֿאַרמאָגט אַן אומדערשיטערלעכע מערהייט.

קאַמעניעוו האָט געגאָלטן פֿאַר דעם אָפֿיציעלן פֿירער פֿון מאָסקווע. אָבער נאָך דער גרויסער אומאָרדענונג, וואָס איז מיט קאַמע־ניעווס הילף אַרײַנגעטראָגן געוואָרן אין דער מאָסקווער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע אין יאָר 1923, בעת די פּאַרטיי־מערהייט איז אַרויס־געטרעטן פֿאַר דער אונטערשטיצונג פֿון דער אָפּאָזיציע, האָט די מאַסע פֿון די מאָסקווער קאָמוניסטן פֿאַרביטערט געשוויגן. בײַ די ערשטע פּרואוון צו שטעלן סטאַלינען אַ ווידערשטאַנד, איז קאַמעניעוו געבליבן הענגען אין דער לופֿטן. גאַנץ אַנדערש האָט אויסגעזען די זאַך אין לענינגראַד. קעגן דער אָפּאָזיציע פֿון יאָר 1923 זענען די לענינגראַדער קאָמוניסטן געווען געשיצט דורך זינאָוויעווס שווערן אַפּאַראַט. איצט האָט עס אָבער געהאַלטן אויך בײַ זיי. די לענינ־גראַדער אַרבעטער האָט שטאַרק אויפֿגערעגט דער קורס אויפֿן „קו־לאַק” און אויפֿן סאָציאַליזם אין איין לאַנד. דער קלאַסן־פּראָטעסט איז צוזאַמענגעפֿאַלן מיט דער הויכראַנגישער פּראָנדע פֿון זינאָוויעוון. אויף דעם אופֿן איז אַנטשטאַנען די נײַע אָפּאָזיציע, צו וועלכער עס האָט תּחילת געהערט אויך נאַדיעזשדאַ קאָנסטאַנטינאָוונאַ קרופּסקאַיאַ. צו אַלעמענס שטוינונג און קודם־כּל טאַקע צו זייער אייגענער שטוי־נונג, זענען זינאָוויעוו און קאַמעניעוו געווען געצוואונגען איבערצו־חזרן טיילווײַז די קריטיק פֿון דער אָפּאָזיציע, און זענען באַלד פֿאַררעכנט געוואָרן צום לאַגער פֿון די „טראָצקיסטן”. עס איז דעריי־בער נישט קיין וואונדער, וואָס אין אונזערע קרייזן איז אַ דערנ־נענטערונג מיט זינאָוויעוון און קאַמעניעוון באַטראַכט געוואָרן, צום מינדעסטנס, ווי אַ פּאַראַדאָקס. צווישן די אָפּאָזיציאָנערן זענען געווען נישט ווייניק אַזעלכע, וואָס האָבן זיך אַנטקעגנגעשטעלט דעמדאָזיקן בלאָק. עס זענען אפֿילו געווען אַזעלכע—אמת, נישט קיין סך—וואָס האָבן געהאַלטן פֿאַר מעגלעך אַ בלאָק מיט סטאַלינען קעגן זי־נאָוויעוון און קאַמעניעוון. איינער פֿון מײַנע נאָענטע פֿרײַנט, מראַטש־קאָווסקי, אַן אַלטער רעוואָלוציאָנער און איינער פֿון די בעסטע אַרמעע־פֿירער בעתן בירגערקריג, האָט זיך אַרויסגעזאָגט קעגן אַ בלאָק מיט איינעם, צי מיט אַ צווייטן, און ער האָט מאָטיווירט זײַן

מיינונג מיט אַ קלאַסישער באַגרינדונג: „סטאַלין וועט אָפּנאַרן און זי־
נאָוויעוו וועט מאַכן פּליטה.״ אַזעלכע פראַגן ווערן אָבער סוף־כל־סוף
געלייזט נישט דורך פּסיכאָלאָגישע, נאָר פּאָליטישע אָפּשאַצונגען.
זינאָוויעוו און קאַמעניעוו האָבן אָפן מודה געווען, אַז די „טראָצ־
קיסטן״ זענען גערעכט געווען בעתן קאַמף קעגן זיי אין יאָר 1923.
זיי האָבן אָנגענומען די פּרינציפּן פון אונזער פּלאַטפאָרם. אונטער
אַזעלכע אומשטענדן איז געווען אוממעגלעך נישט צו שליסן מיט
זיי קיין בלאָק, בפרט נאָך, אַז הינטער זיי זענען געשטאַנען טויזנטער
לענינגראַדער אַרבעטער־רעוואָלוציאָנערן.

מיט קאַמעניעוון האָבן מיר זיך, אויסער אויף די אָפיציעלע
זיצונגען, נישט געטראָפן אין משך פון גאַנצע דריי יאָר, ד. ה.
פון יענער נאַכט אָן, בעת ער האָט פאַרן אָפּפאָרן קיין גרוזיע, צו־
געזאָגט צו שטיצן לענינס און מיין פּאָזיציע. אָבער ווען ער איז
געוואָר געוואָרן, אַז לענין האַלט שמאָל, איז ער איבערגעגאַנגען אויף
סטאַלינס זייט. ביי אונזער ערשטער באַגעגעניש האָט קאַמעניעוו גע־
מאָלדן: „איר דאַרפט זיך נאָר באַווייזן מיט זינאָוויעוון אויף איין
טריבונע, און די פּאַרטיי וועט באַלד געפינען איר אמתן צענטראַל־
קאָמיטעט.״ איבער דעמדאָזיקן ביוראָקראַטישן אָפּטימיזם האָב איך
נאָר געקאָנט אַ ביסל חוזקן. קאַמעניעוו האָט דייטלעך נישט דער־
שאַצט יענע אַרבעט, וואָס דאָס „דרייעלע״ האָט געפירט לטובת דער
דעמאָראַליזירונג פון דער פּאַרטיי אין משך פון דריי יאָר. אָן שום
רחמנות האָב איך אים דערויף אָנגעוויזן.

דער רעוואָלוציאָנערער אָפּפלוס, וואָס האָט זיך אָנגעהייבן פון
יאָר 1923, ד. ה. נאָך דער מפלה פון דער רעוואָלוציאָנערער באַווע-
גונג אין דייטשלאַנד, האָט אָנגענומען אַן אינטערנאַציאָנאַלן מאַס־
שטאַב. אין רוסלאַנד האָט זיך די רעאַקציע קעגן אָקטאָבער געפונען
אין פולן גאַנג. דער פּאַרטיי־אַפּאַראַט האָט זיך כסדר אויסגעקערע־
וועט אויף רעכטס. אונטער דידאָזיקע באַדינגונגען איז געווען נאַריש
צו טראַכטן, אַז מיר דאַרפן זיך נאָר פאַרייניקן, און דער נצחון
וועט, ווי אַ צייטיקע פרי, אַראָפּפאַלן לעבן אונזערע פיס. „מיר מוזן
צילן אויף אַ וויטן טרעפפונקט,״ האָב איך צענדליקער מאָל איינגע־
טענהט מיט קאַמעניעוון און זינאָוויעוון, „מען דאַרף זיך גרייטן צום
קאַמף ערנסט און אויף לאַנג.״ אין גרויס ברען האָבן די נייע פאַר־
בינדעטע דידאָזיקע פאָרמולע דרייסט אַקצעפּטירט. אָבער עס האָט

לאַנג אָנגעהאַלטן. זיי האָבן אָפּגעוועלקט נישט פון טאָג, נאָר פון שעה. אין זיין פּערסאָנאַלער אָפּשאַצונג איז מראָטשקאָווסקי געווען פולשטענדיק גערעכט: זינאָוויעוו איז טאַקע סוף־כל־סוף אַנטלאָפן. אָבער נישט אַלע זיינע חברים זענען אַוועק מיט אים. דער טראָצ-קיזם-לעגענדע האָט זינאָוויעווס צוויפּאַכיקע פּליטה, לכל הדעות, פאַר־שאַפט אַן אומהיילבאַרע וואונד.

* *
*

אין פרילינג 1926 האָב איך מיט מיין פרוי געמאַכט אַ נסיעה קיין בערלין. די מאָסקווער דאָקטוירים, וואָס האָבן נישט געקאָנט דערקלערן די הויכע טעמפּעראַטור, וואָס האָט אַלץ אָנגעהאַלטן ביי מיר, האָבן נישט געוואָלט נעמען אויף זיך די גאַנצע פאַראַנטוואָרט־לעכקייט און האָבן שוין לאַנג געהייסן אַרויספאָרן קיין אויסלאַנד. איך האָב שוין אויך געוואָלט אויסגעפינען עפּעס אַן אויסוועג פון דערדאָזיקער אָנשיקעניש: די טעמפּעראַטור האָט מיך ממש פּאַראַלי־זירט אין די סאַמע קריטישע מאָמענטן און איז געוואָרן אַ טרייער פאַרבינדעטער פון מיינע קעגנער. די פראַגע וועגן מיין נסיעה קיין אויסלאַנד איז באַהאַנדלט געוואָרן אין פּאָליטביוראָ. דאָס פּאָליט-ביוראָ האָט זיך אַרויסגעזאָגט אין דעם זין, אַז לויט זיינע אַלע אינפאָרמאַציעס, און לויט דער גאַנצער פּאָליטישער סיטואַציע, האַלט עס מיין נסיעה פאַר אומגעהייער געפערלעך, אָבער עס גיט מיר איבער די ברירה ענדגילטיק צו באַשליסן די זאַך. צום באַריכט איז בייגעלייגט געוואָרן אַן אינפאָרמאַציע פון ג. פּ. אַ. אין דעם זין, אַז מיין נסיעה קיין אויסלאַנד איז אַן אומדערלאָזבאַרע זאַך. דאָס פּאָ-ליטביוראָ האָט זיך אָן שום ספק געשראָקן צו נעמען אויף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער פּאַרטיי, ווען אין אויסלאַנד, אַ שטייגער, זאָל עפּעס מיט מיר געשען. צו דעם געדאַנק, אַז מען קאָן מיך בגוואַלד אַרוקשיקן קיין אויסלאַנד, און דערצו נאָך קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, האָט זיך נאָך דעמאָלט סטאַלינס פּאָליציי־קאָפּ נישט דערטראַכט. מעגלעך, אַז דאָס פּאָליטביוראָ האָט אויך מורא געהאַט, אַז איך זאָל מיר נעמען די אַרבעט צו פאַרבינדן פעסטער די אָפּאָ־זיציע אין אויסלאַנד. נאָך אַ באַראַטונג מיט מיינע פריינט האָב איך מיך דאָך באַשלאָסן צו פאָרן.

מיט דער דייטשער געזאַנדשאַפט איז אָן שום מי דערגרייכט

געוואָרן די נויטיקע הסכמה. און אין מיטן אַפּריל בין איך און מיין פרוי אַרויסגעפאָרן מיט אַ דיפּלאָמאַטישן פּאַס, אויפן נאָמען פון קוז־מיענקאָ, אַ קאָלעגיע־מיטגליד פון אוקראַיִנישן בילדונגס־קאָמיסאַריאַט. אונז האָט באַגלייט מיין סעקרעטאַר סערמוקס, דער געוועזענער שעף פון מיין צוג און אַ באַפולמעכטיקטער פון ג. פּ. או. זינאָוויעוו און קאַמעניעוו האָבן זיך מיט מיר געזעגנט שיר נישט צערטלעך: זיי האָט זיך שטאַרק נישט געוואָלט בלייבן מיט סטאַלינען אויג אויף אויג.

אין די יאָרן פון פאַרן קריג האָב איך זייער גוט געקענט דאָס האָהענצאָלערישע בערלין. עס האָט געהאַט זיין פּרצוף, וואָס איז קיינעם נישט געווען אָנגענעם, אָבער וואָס האָט אויף אַ סך מענטשן געמאַכט אַן אימפּאָזאַנטן איינדרוק. בערלין האָט זיך שטאַרק פאַרענ־דערט. עס האָט איצט לגמרי קיין שום פּרצוף נישט געהאַט, על־כל־פּנים האָב איך אים נישט באַמערקט. די שטאָט איז ביסלעכווייז גע־קומען צו זיך נאָך דער לאַנגער און שווערער מחלה, וואָס איז באַ־גלייט געוואָרן מיט פאַרשידענע כירורגישע אָפּעראַציעס. די אינפלאַ־ציע איז שוין געווען ליקווידירט, אָבער דער פעסטער מאַרק איז בלויז געווען אַ כלי־זיין, וואָס מיט זיין הילף האָט מען געקאָנט אויסמעסטן די אַלגעמיינע אויסצערונג. אויף די גאַסן, אין די גע־שעפטן, אויף די פּנימער פון די פאַרבייגייער, האָט זיך געזען אַ פאַראָרעמטקייט און אַן אומגעדולדיקער, טיילמאָל אפילו אַ גיריקער חשק זיך אויפצוהייבן פונדאַסניי אינדערהויך. די דייטשע פּינקטלעכ־קייט און זויבערקייט זענען אין די שווערע יאָרן פון קריג, מפּלות און דער ווערסאַילער גזילה, לגמרי אַנטרונען געוואָרן אונטערן דרוק פון דלות. דער מענטשלעכער מוראַשניק האָט האַרטנעקיק, אָבער אָן שום פּרייס צוריקגעשטעלט זיינע וועגן, קאָרידאָרן און לאַגערס, וואָס דער שטיוול פון קריג האָט זיי צעטרעטן. אינם ריטם פון דער גאַס, אין די באַוועגונגען און זשעסטן פון די פאַרבייגייער האָט זיך געשפּירט דער טראַגישער שאָטן פונם פאַטאַליזם: נישטאָ וואָס צו מאַכן, דאָס לעבן איז אַן אייביקע קאַטאָרגע, מען מוז ווידער אָנ־הייבן פונדאַסניי.

אין פאַרלויף פון עטלעכע וואָכן בין איך געוואָרן דער אָביעקט פון מעדיצינישע באַאָבאַכטונגען אין איינער פון די בערלינער פּריוואַט־קליניקעס. כדי אויסצוגעפינען די סבה פון מיין געהיימנישפולער

טעמפּעראַטור, האָבן מיר די דאָקטוירים אַריבערגעוואָרפן פון איינעם צום צווייטן. סוף-כּל-סוף האָט דער האַלז-ספּעציאַליסט אַרויסגערוקט די היפּאָטעזע, אַז די טעמפּעראַטור שטאַמט פון די מאַנדלדריזן און האָט געראַטן אויף יעדן פאַל זיי אויסצושניידן. די דיאַגנאָסטיקער און די טעראַפּעווטן האָבן זיך געוואַקלט: דאָס זענען געווען עלטערע לייט, מענטשן פון היינטערפראַנט. דער כירורג, וואָס האָט אָבער פאַרמאָגט קריגס-דערפאַרונג, האָט זיך באַצויגן צו זיי מיט אַ פאַרניכטנדיקער פאַראַכטונג. פאַר אים איז דאָס אויסשניידן די מאַנדלען געווען פּונקט אַזוי לייכט, ווי, אַ שטייגער, אָפּראַזירן די וואָנסן. מען האָט געמוזט איינגיין דערויף.

די אַסיסטענטן האָבן געהאַט בדעה צו בינדן מיר די הענט, אָבער דער אָפּעראַטאָר האָט זיך באַנוגנט מיט מאָראַלישע גאַראַנטיעס. אונטער די אויפמונטערנדיקע המצאות פון כירורג האָט זיך דייטלעך געשפּירט אָנשטרענגונג און צוריקגעהאַלטענע אויפרעגונג. דאָס אומאָנגענעמסטע איז געווען דאָס, וואָס מען האָט געמוזט ליגן אויפן רוקן און זיך פאַרכלינען מיטן אייגענעם בלוט. די פּראָצעדור האָט געדויערט ביי אַ 40—50 מינוט. אַלץ איז אַריבער בשלום, אָפּגעזען דערפון, וואָס די אָפּעראַציע איז לגמרי געווען אַן איבעריקע זאַך: אין אַ געוויסער צייט אַרום האָט זיך די טעמפּעראַטור פונדאָסניי אויפגעהייבן.

די צייט אין בערלין, אָדער ריכטיקער, אין קליניק, איז פאַר מיר נישט אַוועק לאיבוד. איך האָב מיך מיט גרויס ברען אַרויפגעוואָרפן אויף דער דייטשער פּרעסע, פון וועלכער איך בין געווען במעט אינגאַנצן אָפּגעריסן פון אויגוסט 1914. מען פלעגט מיר ברענגען טאָג-טעגלעך ביי אַ צוויי צענדליק דייטשע און עטלעכע אויסלענדישע צייטונגען, וואָס איך פלעג זיי נאָכן איבערלייענען אַראָפּוואַרפן אויף דער פאָדלאָגע. די פּראָספּעקטן, וואָס האָבן מיך באַזוכט, האָבן געמוזט גיין איבער אַ טעפּיך פון צייטונגען פון כלערליי ריכטונגען. אייגנטלעך האָב איך איצט צום ערשטן מאָל דערהערט די פולע גאַמע פון דער דייטשער רעפּובליקאַנישער פּאָליטיק. איך מוז מיך מודה זיין, אַז קיין שום אומדערוואַרטע זאַכן האָב איך נישט געפונען. אַ רעפּובליק — אַלס ממזר פון דער מיליטערישער מפּלה, רעפּובליקאַנער — מחמת דעם ווערסאַילער צוואַנג. סאָציאַל-דעמאָקראַטן — אַלס צוואה-פאַרמיטלער פון דער דורך זיי דערשטיקטער נאָוועמבער-

רעוואָלוציע, הינדענבורג, — אַלס דעמאָקראַטישער פּרעזידענט. אומ־געפער אַזוי האָב איך מיר דאָס אַלץ פאָרגעשטעלט. אָבער דאָך איז געווען זייער לערנרייך צו באַטראַכטן דאָס אַלץ פון דער נאָענט...

דעם 1-שטן מאַי בין איך מיט מיין פרוי אַרומגעפאָרן אין אַן אויטאָ איבער דער שטאָט. מיר זענען געווען אין די הויפּט-ראַיאָנען, האָבן זיך צוגעקוקט צו די דעמאָנסטראַציעס, געלייענט די פּלאַקאַטן, אויסגעהערט רעדעס, צוגעפאָרן צום אַלעקסאַנדער-פּלאַץ און זיך אויס־געמישט מיט די מאַסן. איך האָב געזען זייער פיל מאַי-פּראָצעסיעס, אימפּאָזאַנטערע, גרעסערע, דעקאָראַטיווערע; אָבער שוין לאַנג האָב איך נישט געהאַט די מעגלעכקייט זיך צו באַוועגן אין אַ מאַסע, נישט ציען אויף זיך קיינעמס אויפמערקזאַמקייט, זיך שפירן ווי אַ טייל פון נאָמענלאָזן גאַנצן, בלויז הערן, בלויז זען. נאָר איינמאָל האָט אונז דער באַגלייטער שטיל אַ זאָג געטאָן: „אָט פאַרקויפט מען אייערע פאָטאָגראַפיעס”. אָבער לויט דידאָזיקע בילדער וואָלט קיינער נישט געקאָנט דערקענען קוזמענקאָן, דעם קאָלעגיע-מיטגליד פונם בילדונגס-קאָמיסאַריאַט. אין פאַל, טאָמער וועלן דידאָזיקע שורות קומען אויף די אויגן פון גראַף וועסטאַרפּ, הערמאַן מילער, שטרעזעמאַן, גראַף רעווענטלאָוו, הילפערדינג אָדער אַנדערע, וואָס זענען געווען קעגן דעם, אַז מען זאָל מיך אַריינלאָזן אין דייטשלאַנד, האַלט איך פאַר נויטיק זיי מודיע צו זיין, אַז קיין שום פאַראורטיילסווערטע לאָזונגען האָב איך נישט געוואָרפן, קיין שום העץ-פּלאַקאַטן נישט געקלעפּט און בכלל געווען בלויז אַ צוקוקער, וואָס האָט זיך אין עטלעכע טעג אַרום געמוזט אונטערוואַרפן אַן אָפּעראַציע.

מיר האָבן אויך באַזוכט דעם „וויין-יום-טוב” הינטער דער שטאָט. דאָ איז געווען אַן אומציילעכער המון. אָבער נישט געקוקט אויף דער פרילינגסשטימונג, געהייבן פון זון און פון וויין, איז דאָך אַ גרויער שאָטן פון די פאַרגאַנגענע יאָרן געלעגן אויף די פנימער פון די, וואָס האָבן געשפּאַצירט, זיך געוויילט אָדער וואָס האָבן זיך מכּין געווען צו ווייַלן. מען האָט בלויז געדאַרפט אויפמערקזאַמער זיך צוקוקן — און אַלע האָבן דאַן אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן לאַנגזאַם אַרויסגעקראָכן פון אַ שווערער מחלה: עס איז זיי נאָך זייער שווער געווען זיך צו מאַכן פריילעך. מיר האָבן פאַרבראַכט עטלעכע שעה צווישן המון, זיך צוגעקוקט, געשמועסט, געגעסן אויף פּאַפּיר-טעלערלעך ווארעמע

זואורשטלעך און אַפילו געטרונקען ביר, וואָס פון יאָר 1917 אָן האָבן
מיר שוין געהאַט פאַרגעסן זיין טעם.
נאָך דער אָפּעראַציע בין איך באַלד געקומען צו די כוחות און
האָב שוין אַפילו אָנגעמערקט דעם טאָג פון מיין אָפּפאָר. דאָ איז
אָבער פאָרגעקומען אַן אומגעריכטער עפּיזאָד, וואָס איז פאַר מיר נאָך
עד-היום נישט גאַנץ קלאָר. אומגעפער אַ וואָך פאַר מיין אָפּפאָר האָבן
זיך אין קאָרידאָר פון דער קליניק באַוויזן צוויי הערן אין ציוויל-
קליידער מיט יענער באַשטימטער אויסערלעכקייט, וואָס זאָגט דייטלעך
עדות אויף זייער פּאָליציייאישער פּראָפעסיע. אַרויסקוקנדיק דורכן
פענסטער אויפן הויף, האָב איך דערזען נישט ווייניקער פון אַ האַל-
בער טוץ אַזעלכע הערן, וואָס האָבן זיך אַפילו איינער פון צווייטן
שטאַרק אונטערגעשיידט, אָבער וואָס זענען גלייכצייטיק געווען ענלעך
צו איינאַנדער. איך האָב אָנגעוויזן קרעסטינסקין, וואָס איז גראָד דאַן
ביי מיר געזעסן, אויף דידאָזיקע לייט. אין עטלעכע מינוט אַרום
האָט מיר אָנגעקלאַפּט אין טיר איינער פון די אַסיסטענטן און, אַן
אויפגערעגטער, מיר געמאָלדן, אין שליחות פון זיין פּראָפעסאָר, אַז
מען גרייט צו אויף מיר אַן אַטענטאַט. „איך מיין, אַז נישט מצד
דער פּאָליציי?‟ האָב איך געפרעגט, אָנווייזנדיק אויף די אַגענטן.
דער דאָקטאָר האָט משער געווען, אַז די פּאָליציי איז געקומען פאַר-
היטן פון דעם אַטענטאַט. אין אַ מינוט צוויי, דריי אַרום איז אַראָפּ-
געקומען אַ פּאָליצייראַט און איבערגעגעבן קרעסטינסקין, אַז די פּאָליציי
האָט באמת באַקומען ידיעות וועגן אַן אַטענטאַט, וואָס ווערט גע-
פּלאַנט אויף מיר און האָט אָנגענומען אויסעראָרדנטלעכע שוצמיטלען.
אין דער גאַנצער קליניק האָט זיך גערודערט. די קראַנקן-שוועסטער
האָבן איבערגעגעבן איינע דער צווייטער, ווי אויך די חולאים, אַז
אין קליניק געפינט זיך טראָצקי, און אַז מסתמא צוליב דעם וועט
מען דאָ וואַרפן אַ פּאָר באָמבעס. עס האָט זיך געשאַפן אַן אַטמאָ-
ספערע, וואָס האָט גאָרנישט געפּאַסט פאַר אַ הייל-אַנשטאַלט. איך האָב
אָפּגערעדט מיט קרעסטינסקין, אַז איך וועל מיך תיכף אַריבערציען
אינם בנין פון דער סאָוויעטישער געזאַנדשאַפט. די גאַס פאַר דער
קליניק איז געווען צַרומגערינגלט פון פּאָליציי. ביים איבערפאָרן האָבן
מיך באַגלייט פּאָליציי-אויטאָמאָבילן.
די אָפיציעלע ווערסיע איז אומגעפער געווען אַזעלכע. איינער,
וואָס איז אַרעסטירט געוואָרן אין צוזאַמענהאַנג מיט אַ פאַרשווערונג

פון די דייטשע מאָנאַרכיסטן, האָט איבערגעגעבן דעם אויספאָרשונגס־ריכטער, אַז רוסישע ווייסע גוואַרדיסטן פּלאַנעווען אין די נאָענטסטע טעג אַן אַטענטאַט אויף טראָצקין, וואָס געפינט זיך אין בערלין. מען מוז זאָגן, אַז די דייטשע דיפּלאָמאַטיע, וואָס מיין נסיעה איז אונטער־גענומען געוואָרן מיט איר הסכּם, האָט וועגן דעם אומישנע נישט געמאָלדן דער דייטשער פּאָליציי, מחמת אין אירע רייען האָבן זיך געפונען אַ סך מאָנאַרכיסטן. די פּאָליציי האָט זיך לכתחילה באַצויגן מיט אומצוטרוי צו דער מעלדונג פון דעם אַרעסטירטן מאָנאַרכיסט, זי האָט אָבער קאָנטראָלירט די ידיעה וועגן מיין אויפהאַלט אין קלי־ניק; צו איר גרויסער שטוינונג, האָט זיך דידאָזיקע ידיעה דווקא באַשטעטיקט. אַזוי ווי די אינפאָרמאַציעס זענען אויפגענומען געוואָרן אויך דורך די פּראָפעסאָרן, האָב איך דעריבער גלייכצייטיק באַקומען צווי וואָרנונגען: דורכן אַסיסטענט און דורכן פּאָליציי־ראַט. צי האָט מען טאַקע באמת געפּלאַנט אַן אַטענטאַט און צי האָט זיך פּאַקטיש די פּאָליציי דערוואוסט וועגן מיר דורך דעם אַרעסטירטן מאָנאַרכיסט — דאָס ווייס איך עד־היום נישט. איך בין אָבער חושד, אַז די מעשה איז געווען אַ סך פּשוטער. די דיפּלאָמאַטיע, דאַרף מען אָננעמען, האָט „דעם סוד" נישט איינגעהאַלטן, און די פּאָליציי, באַליידיקט פאַרן אומצוטרוי, האָט באַשלאָסן צו דערווייזן שטרעזעמאַנען, צי אפשר מיר, אַז אָן איר אָנטייל קאָן מען קיין מאַנדלדריזן נישט אויסשניידן. ווי די מעשה זאָל נישט זיין — די קליניק איז געוואָרן איבערגעדרייט מיטן קאָפּ אַראָפּ, און איך האָב מיך, אונטער אַ גע־וואַלדיקן שוץ קעגן די פּראָבלעמאַטישע שונאים, אַריבערגעפּעקלט אין דער בעזאַנדשאַפט. אין דער דייטשער פּרעסע איז שפּעטער אַריינגע־פאַלן אַן אומזיכערער און שוואַכער אָפּקלאַנג פון דערדאָזיקער געשיכטע; קיינער האָט, קענטיק, אין איר נישט געגלויבט.

די טעג פון מיין אויפהאַלט אין בערלין זענען צונויפגעפאַלן מיט גרויסע אייראָפּעישע געשעענישן: דער אַלגעמיינער שטרייק אין ענגלאַנד און פּילסודסקיס איבערקערעניש אין פּוילן. דידאָזיקע ביידע געשעענישן האָבן נאָך שטאַרקער פאַרטיפט מיינע חלוקי־דעות מיט די עפּיגאָנען און באַשטימט אויף להבא אַ שטורמישערע אַנטוויקלונג פון אונזער ווייטערדיקן קאַמף. וועגן דעם מוז מען דאָ זאָגן עטלעכע ווערטער. סטאַלין, בוכאַרין, און אין דער ערשטער צייט אויך זינאָוויעוו, האָבן באַטראַכט דעם דיפּלאָמאַטישן בלאָק צווישן די שפּיצן פון די

סאָוויעטישע פראָפעסיאָנעלע פאַריינען און דעם גענעראַל-ראַט פון די ענגלישע טרעד-יוניאָנס פאַר דער קרוין פון זייער פּאָליטיק. אין זיין קליינשטעטלדיקער באַגרענעצטקייט האָט סטאַלין משער געווען, אַז פערסעל אָדער אַנדערע פירער פון די טרעד-יוניאָנס זענען פלומרשט גרייט אָדער פעאיק אין אַ שווערן מאָמענט אונטערצושטיצן די סאָוויעטן-רעפובליק קעגן דער ענגלישער בורזשואַזיע. וואָס אָנבאַלאַנגט די פירער פון די טרעד-יוניאָנס, האָבן זיי נישט אָן גרונט געגלויבט, אַז מחמת דעם קריזיס פון דעם ענגלישן קאַפּיטאַליזם און דער וואַקסנדיקער אומצופרידנקייט פון די מאַסן, איז פאַר זיי זייער נוצלעך צו האָבן אַ דעקונג פון לינקס, אין דער פאָרם פון אַ נישט פאַרפליכטנדיקער אָפיציעלער פריינטשאַפט מיט די פירער פון די סאָוויעטישע פראָפעסיאָנעלע פאַריינען. ביידע צדדים האָבן זיך זייער פאָרזיכטיק געדרייט אויף אַלע זייטן אַרום דעם עיקר פון דעם ענין און מער פון אַלץ זיך געשראָקן אָנצורופן די זאַכן ביי זייערע נעמען. אַ צעפוילטע פּאָליטיק האָט זיך שוין נישט איינמאָל צעמזיקט אָן די גרויסע געשעענישן. דער אַלגעמיינער גענעראַל-שטרייק אין מאַי 1926 איז געווען אַ גרויסע געשעעניש נישט בלויז אין לעבן פון ענגלאַנד, נאָר אויך אינם אינערלעכן לעבן פון אונזער פאַרטיי.

דער גורל פון ענגלאַנד נאָכן קריג האָט פאַרגעשטעלט מיט זיך אַן אויסערגעוויינלעכן אינטערעס. די שטאַרקע ענדערונג פון איר וועלט-פרעסטיזש האָט נישט געקאָנט בלייבן אָן אַן איינפלוס אויף די אינערלעכע פאַרהעלטענישן פון די כוחות אין לאַנד גופא. עס איז געווען גאַנץ קלאָר, אַז ווען אייראָפּע, און דערונטער אויך ענגלאַנד, זאָל אפילו דערגרייכן, אויף אַ קורצערער אָדער לענגערער צייט, אַ געוויסן סאָציאַלן גלייכגעוויכט, קאָן אָבער ענגלאַנד קומען צו צזאַ מין גלייכגעוויכט נישט אַנדערש, ווי דורך אַ ריי זייער ערנסטע צוזאַמענשטויסן און אויפטרייסלונגען. איך האָב געהאַלטן פאַר וואַרשיינלעך, אַז דווקא אין ענגלאַנד מוז אַ קאָנפליקט אין דער קוילן-אינדוסטריע דערפירן צו אַ גענעראַל-שטרייק. דערפון בין איך געקומען צו דער מסקנה, אַז עס מוז אומפאַרמיידלעך זיך אַנטפלעקן אין דער נאָענטסטער צייט אַ טיפער קעגנזאַץ צווישן די אַלטע אַרבעטער-אָרגאַניזאַציעס און זייערע נייע היסטאָרישע אויפגאַבן. שפעטער, ווינטער און פרילינג 1925, האָב איך אויף קאַווקאַז אָנגעשריבן אויף דערדאָזיקער טעמע אַ בוך („וואוהין גייט ענגלאַנד“). פאַקטיש איז דאָס בוך געווענדט קעגן דער אָפיציעלער אויפ-

מאַסונג פון פֿאָליטביוראָ מיט אירע האָפֿענונגען אויפֿן לינקן קורס
פֿון גענעראַל־ראַט און אויף דעם, אַז דער קאָמוניזם וועט בהדרה־
ריק, אָן שום אינערלעכע באַשווערונגען, אַרײַנדרינגען אין די רייען
פֿון די אַרבעטער־פּאַרטייען און טרעד־יוניאָנס. כּדי אויסצומיידן אי־
בעריקע קאָמפּליקאַציעס און אויך כּדי אויסצופּרוּוון מיינע קעגנער,
האָב איך געגעבן דעם פּאָליטביוראָ דורכצוזען דעם מאַנוסקריפּט פֿון
מיין בוך. אַזוי ווי דאָ האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ פּראָגנאָז, און
נישט וועגן עפּעס אַ פֿאַרבאָרגענע קריטיק, האָט קיינער פֿון די מיט־
גלידער פֿון פּאָליטביוראָ בכלל נישט געהאַט דעם מוט זיך דעריבער
אַרויסצוזאָגן. דאָס בוך איז גליקלעך דורכגעגאַנגען די צענזור און
איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אָן שום שינוים, אַזוי ווי איך האָב עס
אָנגעשריבן. באַלד איז עס אויך דערשינען אין ענגליש. די אָפֿי־
ציעלע לידערס פֿון ענגלישן סאָציאַליזם האָבן זיך צו אים באַצויגן,
ווי צו אַ פֿאַנטאַזיע פֿון אַן אויסלענדער, וואָס איז נישט באַקאַנט מיט
די ענגלישע באַדינגונגען און חלומט אַריבערצוטראָגן דעם רוסישן
גענעראַל־שטרייק אויפֿן באָדן פֿון די בריטישע אינזלען. אַזעלכע מיי־
נונגען קאָן מען אָנציילן אין די צענדליקער און אפֿשר גאָר אין די
הונדערטער, אָנהייבנדיק פֿון מאַקדאָנאַלדן, וואָס אויפֿן קאָנקורס פֿון
פּאָליטישער באַנאַלקייט געהערט אים אָן שום ספֿק דער ערשטער
פּלאַץ. בינו־לבינו זענען קוים אַוועק עטלעכע חדשים, ווי דער
שטרייק פֿון די קוילן־אַרבעטער האָט זיך פֿאַרוואַנדלט אין אַ גענע־
ראַל־שטרייק. אויף אַזאַ גיכער באַשטעטיקונג פֿון מיין פּראָגנאָז האָב
איך מיך אַליין נישט גערעכנט. אויב דער גענעראַל־שטרייק האָט באַ־
שטעטיקט די ריכטיקייט פֿון מאַרקסיסטישן פּראָגנאָז קעגן די פּרימי־
טיווע אָפּשאַצונגען פֿון בריטישן רעפֿאָרמיזם, האָט אָבער די האַלטונג
פֿון גענעראַל־ראַט בעתן גענעראַל־שטרייק באַטייט אַ צוזאַמענברוך פֿון
סטאַלינס האָפֿענונגען אויף פּערסעלן. מיט געשפּאַנטער אויפֿמערקזאַמ־
קייט האָב איך געזאַמלט אין קלײניק אַלע באַריכטן און ידיעות, וואָס
האָבן כאַראַקטעריזירט דעם גאַנג פֿונעם גענעראַל־שטרייק און גאַנץ
באַזונדערס די קעגנזייטיקע באַציונגען צווישן דער מאַסע און די
פֿירער. אַממייסטן האָט אויפֿגערעגט דער נוסח פֿון די אַרטיקלען
אין מאָסקווער „פּראַוודאַ". איר הויפּט־אויפֿגאַבע איז באַשטאַנען אין
דעם—צו פֿאַרשלייערן דעם באַנקראָט און ראַטעווען די פּערזאָן. דאָס
האָט מען אָבער געקאָנט דערגרייכן נישט אַנדערש, סיידן מען זאָל

אויף אַ ציניש אופן פאַרדרייען די פאַקטן. עס איז נישטאָ קיין גרעסערע אידעישע מפּלה פאַר אַ רעוואָלוציאָנערן פּאָליטיקער, ווי אָפּנאַרן די מאַסן!

קומענדיק צוריק קיין מאָסקווע, האָב איך געפאָדערט תּיכּף צו אַנולירן דעם בלאָק מיטן גענעראַל־ראַט. זינאָוויעוו האָט זיך, נאָך זיינע אומפאַרמיידלעכע וואַקלענישן, פאַראייניקט מיט מיר. ראַדעק איז געווען קעגן. סטאַלין האָט זיך געקלאַמערט אין בלאָק, אפילו אין זיין שאָטן, מיט אַלע כּוחות. די בריטישע טרעד־יוניאָנס האָבן איבער־געוואַרט דעם סוף פון שאַרפן אינערלעכן קריזיס, און שפּעטער אָפּגעשטויסן זייער מילדן, אָבער נאַרישן פאַרבינדעטן מיט אַן אומ־העפלעכער פוסבאַוועגונג.

די געשעענישן, וואָס זענען צו יענער צייט פאָרגעקומען אויף אין פוילן, האָבן געהאַט נישט קיין קלענערן ווערט. זוכנדיק כּסדר אַן אויסוועג, איז די קליינבורזשואַזיע אַרויף אויפן וועג פון אויפ־שטאַנד און אויפגעהייבן אויבן שפּיץ פּילסודסקין. וואַרסקי, דער פירער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, האָט באַשלאָסן, אַז פאַר זיינע אויגן שפּילט זיך אָפּ די „דעמאָקראַטישע דיקטאַטור פון פּראָ־לעטאַריאַט און דער פּויערשאַפט" און האָט גערופן די קאָמוניסטישע פּאַרטיי צו הילף פּילסודסקין. וואַרסקין קען איך שוין לאַנג. בעת ראָזאַ לוקסעמבורג האָט געלעבט, האָט נאָך וואַרסקי געקאָנט פאַרנע־מען אַן אָרט אין די רייען פון דער רעוואָלוציע. ער אַליין איז תּמיד געווען אַ ליידיקער פלאַץ. אין יאָר 1924 האָט וואַרסקי נאָך גרויסע וואַקלענישן דערקלערט, אַז סוף־כּל־סוף האָט ער פאַרשטאַנען די שעדלעכקייט פון „טראָצקיזם", דאָס הייסט די אונטערשאַצונג פון דער פּויערשאַפט פאַר דער זאַך פון דער דעמאָקראַטישער דיקטאַ־טור. פאַר דערדאָזיקער געהאָרזאַמקייט איז ער באַלוינט געוואָרן מיטן טיטל פירער. איצט האָט ער אומגעדולדיק געוואַרט אויף אַ פּאַסנדי־קער געלעגנהייט צו קאָנען באַנייען די שפּאָרן, וואָס ער האָט באַ־קומען מיט אַזאַ גרויסער פאַרשפּעטיקונג. אין מאַי 1926 האָט וואַרסקי נישט דורכגעלאָזן די גלענצנדיקע געלעגנהייט צו באַפלעקן זיך און די פאָן פון דער פּאַרטיי. ער איז, פאַרשטייט זיך, געבליבן אומבאַ־שטראָפט: קעגן דער אויפרעגונג פון די פּוילישע אַרבעטער האָט אים געשיצט סטאַלינס אַפּאַראַט. דער קאַמף אין דער פּאַרטיי איז אין יאָר 1926 כּסדר פאַרשאַרפט געוואָרן. אין האַרבסט איז די אָפּאָזיציע

אַרויסגעטרעטן אויף די פאַרזאַמלונגען פון די פאַרטיי-קאָמערלעך מיט אַן אָפענעם אָנגריף. דער אַפאַראַט האָט געשטעלט אַ ווילדן ווידערשטאַנד. דער אידעישער קאַמף איז פאַרביטן געוואָרן פון דער אַדמיניסטראַטיווער מעכאַניק: די פאַרטיי-ביוראָקראַטיע האָט טעלעפאָניש אַרויסגערופן די אַרבעטער-קאָמערלעך אויף די פאַרזאַמלונגען; פאַר, די ערטער פון די פאַרזאַמלונגען האָט מען צונויפגעשלעפט מאַסן אויטאָס; די סירענעס האָבן געברעוועט און געפייפט; קוים האָט זיך אויף דער טריבונע באַוויזן עמעצער פון דער אָפאָזיציע, איז ער פאַרטויבט געוואָרן פון דעם גוט אָרגאַניזירטן פייפן און רעווען. די הערשנדיקע פראַקציע האָט אָנגעדריקט מיט דער מעכאַנישער קאָנצענטראַציע פון אירע כוחות, מיט דראָונגען און רעפרעסיעס. איידער די פאַרטיי-מאַסע האָט נאָך געקאָנט עפעס זיך דערוויסן, באַגרייפן און קומען צום וואָרט, האָט זי זיך שוין איבערגעשראָקן פאַר אַ שפאַלטונג אָדער פאַר אַ קאַטאַסטראָפע. די אָפאָזיציע האָט זיך געמוזט צוריקציען. דעם 16-טן אָקטאָבער האָבן מיר אָפגעגעבן אַ דערקלערונג אין דעם זין, אַז מיר האַלטן אונזערע מיינונגען פאַר ריכטיקע און לאָזן זיך איבער דאָס רעכט אין די ראַמען פון דער פאַרטיי פאַר זיי צו קעמפן, אָבער מיר זאָגן זיך אָפ פון אַזעלכע האַנדלונגען, וואָס קאָנען אַרויסרופן די געפאַר פון אַ שפאַלטונג. די דערקלערונג פון 16-טן אָקטאָבער איז דאָ נישט אויסן געווען דעם אַפאַראַט, נאָר די פאַרטיי-מאַסן. זי איז געווען אַ דעמאָנסטראַציע פון אונזער ווילן צו בלייבן אין דער פאַרטיי און איר ווייטער צו דינען. כאָטש די סטאַליניסטן האָבן גלייך אויפן צווייטן טאָג גענומען ברעכן דעם געשלאָסענעם וואָפנשטילשטאַנד, האָבן מיר דאָך געוואונען צייט. דער ווינטער פאַר די יאָרן 26—27 האָט געבראַכט אַ געוויסע אָטעמפויזע, וואָס האָט אונז געגעבן די מעגלעכקייט צו דערגרייכן אין אַ ריי פראַגן אַ טעאָרעטישע פאַרטיפונג.

שוין צום אָנהייב יאָר 1927 איז זינאָוויעוו גרייט געווען צו קאַפיטולירן, אויב נישט מיט איין מאָל, איז פאַר עטלעכע מאָל. דאָ אָבער האָבן זיך אָנגערוקט די דערשיטערנדיקע געשעענישן אין כינע. סטאַלינס פאַרברעכערישע פאָליטיק האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן. דאָס האָט אָפגעהאַלטן אויף אַ געוויסער צייט זינאָוויעווס קאַפיטולאַציע, ווי אויך די קאַפיטולאַציע פון די אַלע, וואָס זענען אים שפעטער נאָכגעגאַנגען.

די אָנפירונג פון די עפּיגאָנען אין כינע האָט פּשוט געהייסן, אַז מען טרעט מיט די פיס די אַלע טראַדיציעס פון באָלשעוויזם. די כינעזישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז קעגן איר ווילן אַריינגעשלעפּט געוואָרן אין דעם צוזאַמענשטעל פון דער בירגערלעכער פּאַרטיי גאָמינדאַן און איז אונטערגעוואָרפן געוואָרן איר מיליטערישער די־ סציפּלין. שאַפן סאָוויעטן איז געווען פאַרבאָטן. די קאָמוניסטן האָט מען רעקאָמענדירט אויפצוהאַלטן די אַגראַר־רעוואָלוציע און נישט צו באַוואָפענען די אַרבעטער אָן דער דערלויבעניש פון דער בורזשואַזיע. מיט אַ צייט פריער, איידער טשאַן־קאַי־שי האָט צעשמעטערט די שאַנ־ כאַיער אַרבעטער און קאָנצענטרירט די מאַכט אין די הענט פון אַ מיליטערישער קליקע, האָבן מיר געוואָרנט פאַר דער אומפאַרמיידלעכ־ קייט פון אַזאַ אויסגאַנג. פון יאָר 1925 אָן האָב איך געפאָדערט, אַז די קאָמוניסטן זאָלן אַרויסטרעטן פון גאָמינדאַן. די פּאָליטיק פון סטאַלין־ בוכאַרין האָט נישט בלויז צוגעגרייט און פאַרלייכטערט דעם צוזאַ־ מענברוך פון דער רעוואָלוציע, נאָר מיט דער הילף פון רעפּרעסיעס פון מלוכה־אַפּאַראַט געשיצט די קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע אַרבעט פון טשאַן־קאַי־שי פאַר אונזער קריטיק. אין אַפּריל 1927 האָט נאָך סטאַלין אויף אַ פּאַרטיי־פאַרזאַמלונג אין קאָלאָנען־זאַל פאַרטיידיקט די פּאָליטיק פון דער קאָאַליציע מיט טשאַן־קאַי־שי און געפאָדערט צו שענקען אים צוטרוי. אין פינף־זעקס טעג אַרום האָט טשאַן־קאַי־שי פּשוט דער־ טרונקען אין בלוט די שאַנכאַיער אַרבעטער און די קאָמוניסטישע פּאַרטיי.

אַ כוואַליע פון אויפרעגונג האָט זיך אַ גאָס געטאָן איבער דער פּאַרטיי. די אָפּאָזיציע האָט אויפגעהייבן דעם קאָפּ. זיך לגמרי נישט רעכענענדיק מיט די כּללים פון קאָנספּיראַציע — און אין יענער צייט זענען מיר שוין געווען געצוואונגען צו פאַרטיידיקן אין מאָסקווע די שאַנכאַיער אַרבעטער אויף אַ קאָנספּיראַטיוון אופן, — זענען צענ־ דליקער אָפּאָזיציאָנערן געקומען צו מיר אין בנין פונם הויפּטקאָמיטעט פאַר קאָנצעסיעס. אַ סך יונגע חברים האָבן געגלויבט, אַז אַזאַ בולטער באַנקראָט פון סטאַלינס פּאָליטיק מוז אומבאַדינגט דערנענטערן דעם נצחון פון דער אָפּאָזיציע. אין די ערשטע טעג פון טשאַן־קאַי־שיס מלוכה־איבערקערעניש האָב איך אַרויסגעגאָסן נישט איין עמער קאַלט וואַסער אויף די הייסע קעפּ פון מיינע יונגע און אויך נישט יונגע פריינט. איך האָב געפּרואווט באַווייזן, אַז די אָפּאָזיציע קאָן זיך נישט

אויפֿריכֿטן אויף דער מפּלה פֿון דער כינעזישער רעוואָלוציע. די באַשטעטיקונג פֿון אונזער פּראָגנאָז וועט אונז זיכֿער ברענגען טויזנט, פֿינף טויזנט, צען טויזנט נייע אָנהענגער. פֿאַר די מיליאָנען אָבער האָט אַ דעצידירנדיקע באַדייטונג נישט דער פּראָגנאָז, נאָר בלויז דער פֿאַקט גופֿא—דאָס הייסט דער צוזאַמענבּרוך פֿון כינעזישן פּראָלעטאַריאַט. נאָך דער מפּלה פֿון דער דייטשער רעוואָלוציע אין יאָר 1923, נאָכן דורכפֿאַל פֿון דעם ענגלישן גענעראַל-שטרייק אין יאָר 1926, קאָן דידאָזיקע נייע מפּלה אין כינע נאָר פֿאַרשטאַרקן דעם יאוש פֿון די מאַסן בנוגע דער אינטערנאַציאָנאַלער רעוואָלוציע. אָבער דווקא דערדאָזיקער יאוש איז דאָך דער פּסיכאָלאָגישער מקור פֿון סטאַלינס נאַציאָנאַל-רעפֿאָרמיסטישער פּאָליטיק.

און באַלד טאַקע האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַלס פֿראַקציע זענען מיר פֿאַקטיש שטאַרקער געוואָרן, דאָס הייסט אידעאָלאָגיש אייניקייטלעכער און צאָלרייכֿער. די נאָפּלשנור אָבער, וואָס האָט אונז געהאַט פֿאַרבונדן מיט דער מאַכֿט, איז דורכֿן שווערד פֿון טשאַן-קאַי-שי איבערגעשניטן געוואָרן, און זיין לחלוטין קאָמפּראָמעטירטער רוסישער פֿאַרבינדעטער סטאַלין האָט נישט געהאַט מער וואָס צו טאָן, ווי צו דערגאַנצן דעם צוזאַמענבּרוך פֿון די אַרבעטער אין שאַנכאַי דורך דעם אָרגאַניזירטן צוזאַמענבּרוך פֿון דער אָפּאָזיציע. דער קערן פֿון דער אָפּאָזיציע איז באַשטאַנען פֿון אַ גרופּע אַלטע רעוואָלוציאָנערן. אָבער איצט זענען מיר שוין נישט געווען אַליין. אַרום אונז האָבן זיך גרופּירט הונדערטער און טויזנטער רעוואָלוציאָנערן פֿון דער נייער גענעראַציע, וואָס האָבן ערשט דורך דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע אויפֿגעוואַכֿט צום פּאָליטישן לעבן, דורכגעמאַכט דעם בירגער-קריג און געשטאַנען מיט גרויס דרך-ארץ פֿאַרן קאָלאָסאַלן אויטאָריטעט פֿון לענינס צענטראַל-קאָמיטעט. ערשט פֿון יאָר 1923 האָט די-דאָזיקע נייע גענעראַציע אָנגעהייבן זעלבסטשטענדיק צו טראַכטן, צו קריטיקירן און צוצופּאַסן די מאַרקסיסטישע מעטאָדן צו די נייע ווענדונגען אין דער אַנטוויקלונג, און וואָס עס איז נאָך פֿיל שווערער—זיך לערנען צו טראָגן אויף אירע אייגענע פּלייצעס די פֿאַר-אַנטוואָרטלעכקייט פֿאַר דער רעוואָלוציאָנערער איניציאַטיוו. טויזנטער אַזעלכע יונגע רעוואָלוציאָנערן, וואָס זיצן איצט אין די תפֿיסות און אין די פֿאַרשיקונגסערטער פֿון סטאַלינס רעזשים, פֿאַרטיפֿערן זייער פּאָליטישע דערפֿאַרונג דורך טעאָרעטישע אויספֿאָרשונגען.

די קערן־גרופּע פון דער אָפּאָזיציע איז מיט אָפענע אויגן אַנט־קעגנגעגאַנגען דעמדאָזיקן פינאַל. מיר האָבן צו גוט פאַרשטאַנען, אַז נישט דורך דיפּלאָמאַטישע קונצן און השערות וועלן מיר אַריבער־טראָגן אונזערע אידעען אויף דער יונגער אַרבעטער־גענעראַציע, נאָר דורך דעם אָפענעם קאַמף, וואָס שטעלט זיך נישט אָפּ פאַר קיין שום פּראַקטישע פאָלגן. מיר זענען געגאַנגען אַנטקעגן דעם אוממיטל־באַרן צוזאַמענברוך, אָבער בעת מעשה זיכער צוגעגרייט אונזער אידעישן נצחון פאַר דער ווייטערער צוקונפט.

די אָנווענדונג פון מאַטעריאַלע כּוחות האָט אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט תמיד געשפּילט און שפּילט נאָך אויך איצט אַ זייער גרויסע ראָל: טיילמאָל זענען דידאָזיקע כּוחות פּראָגרעסיווע, טיילמאָל רעאַקציאָנערע, אָפּהענגיק דערפון, דורך וואָס פאַר אַ קלאַס און פאַר וועלכע צוועקן דער געוואַלט ווערט אָנגעווענדט. אָבער אויפן גרונט פון דעם קאָן מען נאָך נישט קומען צו דער מסקנה, אַז מיט געוואַלט קאָן מען כּלומרשט לייזן אַלע פראַגן און זיך אַן עצה געבן מיט אַלע מניעות. אויפהאַלטן די אַנטוויקלונג פון פּראָגרע־סיווע היסטאָרישע טענדענצן מיט דער הילף פון געווער — איז מעגלעך. פאַרשפּאַרן דעם וועג פאַר פּראָגרעסיווע אידעען אויף שטענדיק—איז אוממעגלעך. און אָט, בעת עס גייט וועגן אַ קאַמף פון גרויסע פּרינציפּן, דאַרף זיך טאַקע דער רעוואָלוציאָנער האַלטן בלויז אָן דעם כּלל: fais ce que dois, advienne que pourra*)

*

* *

וואָס בענעמער עס האָט זיך אָנגערוקט דער XV־טער צוזאַמענ־פאָר, וועלכער איז באַשטימט געוואָרן אויפן סוף יאָר 1927, אַלץ מער האָט זיך די פּאַרטיי געשפּירט אויפן היסטאָרישן קרייצוועג. אַ טיפע אומרואיקייט האָט אַרומגעכאַפּט אירע רייען. נישט געקוקט אויפן מוראדיקן טעראָר, האָט די פּאַרטיי דאָך געוואָלט אויסהערן די שטימע פון דער אָפּאָזיציע. דאָס האָט מען נישט געקאָנט דערגרייכן אַנדערש, סיידן אויף אַן אומלעגאַלן אופן. אין פאַרשידענע עקן פון מאָסקווע און לענינגראַד זענען פאָרגעקומען געהיימע פאַרזאַמלונגען

---

*) טו, וואָס דו ביזט מחויב, און זאָל קומען, וואָס עס וויל.

פון אַרבעטער, אַרבעטערינס און סטודענטן, וואו עס פּלעגן זיך צונויפקומען פון 20 ביז 100 און 200 מענטשן, כּדי אויסצוהערן אַ פאַרטרעטער פון דער אָפּאָזיציע. אין פאַרלויף פון טאָג האָב איך באַזוכט צוויי, דריי, טיילמאָל פיר אַזעלכע פאַרזאַמלונגען. פאָרגעקומען זענען זיי, געוויינלעך, אין אַרבעטער־וואוינונגען. די צוויי קליינע צימערלעך זענען געווען אָנגעפּראַפּט מיט מענטשן, דער אָראַטאָר איז געשטאַנען אין טיר צווישן ביידע צימערן. טיילמאָל זענען אַלע געזעסן אויף דער פּאַדלאָגע, נאָך עפטער האָט מען, צוליב מאַנגל אין פּלאַץ, געמוזט דיסקוטירן שטייענדיק. נישט זעלטן פלעגן אָנקומען פאַרטרעטער פון דער קאָנטראָל־קאָמיסיע און אויפפאָדערן די פאַרזאַמלטע זיך פאַנאַנדערצוגיין. מען האָט זיי פאָרגעלייגט זיך צו באַטייליקן אין דער דיסקוסיע. קוים האָבן זיי געשטערט, האָט מען זיי אָנגעוויזן אויף יענער זייט טיר. בכלל האָבן אין מאָסקווע און לענינגראַד באַזוכט אַזעלכע פאַרזאַמלונגען בערך אַ 20,000 מענטשן. דער צושטראָם איז אַלץ געוואַקסן. זייער געשיקט האָט די אָפּאָזיציע צוגעגרייט אַ גרויסע פאַרזאַמלונג אין זאַל פון דער טעכנישער הויכשול, וואָס איז פאַרנומען געוואָרן פון אינעווייניק. עס האָט זיך אָנגעזאַמלט אַן עולם פון העכער צוויי טויזנט מענטשן. אַ גרויסע מאַסע איז נאָך געבליבן אויף דער גאַס. די פּרואוון פון דער אַדמיניסטראַציע אונז צו שטערן האָבן זיך נישט איינגעגעבן. איך און קאַמעניעוו האָבן גערעדט כמעט צוויי שעה נאָכאַנאַנד. סוף־כל־סוף האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט אַרויסגעלאָזט אַן אויפרוף צו די אַרבעטער, אַז מען מוז צעטרייבן מיט געוואַלד די פאַרזאַמלונגען פון דער אָפּאָזיציע. דערדאָזיקער אויפרוף איז בלויז געווען אַ פאַרדעקונג פאַר די גוט צוגעגרייטע אָנפאַלן אויף דער אָפּאָזיציע מצד די קאַמפּס־דרוזשינעס פון דער ג פּ או. סטאַלין האָט געהאַט גרויס חשק פאַר אַ בלוטיקן פינאַל. מיר האָבן געגעבן אַ סיגנאַל איבערצורייסן צייטווייליק די גרויסע פאַרזאַמלונגען. אָבער דאָס איז שוין געשען נאָך דער דעמאָנסטראַציע פון 7־טן נאָוועמבער.

אין אָקטאָבער 1927 איז די סעסיע פון צענטראַלן עקזעקוטיוו קאָמיטעט אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין לענינגראַד. לכּבוד דער סעסיע איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַ מאַסן־דעמאָנסטראַציע. גאַנץ צופעליק האָט אָבער דידאָזיקע דעמאָנסטראַציע אָנגענומען גאָר אַן אומגעריכטע ווענדונג. צוזאַמען מיט זינאָוויעוון און נאָך עטלעכע מענטשן זענען מיר

אַרומגעפאָרן אין אַן אויטאָ איבער דער שטאָט, כדי צו כאַפן מיטן
אויג דעם פאַרנעם און די שטימונג פון דער דעמאָנסטראַציע. צולעצט
זענען מיר פאַרבייגעפאָרן דעם טאַווערישן פאַלאַץ; אויף לאַסטוועגנס
זענען דאָרט איינגעאָרדנט געוואָרן טריבונעס פאַר די מיטגלידער פון
צענטראַלן עקזעקוטיוו-קאָמיטעט. אונזער אויטא האָט זיך אַריינגעשניטן
אין דער קייט: ווייטער האָט מען נישט געקענט אַדורכפאָרן. מיר
האָבן נאָך נישט באַוויזן אַ קלער צו טאָן, ווי אַזוי זיך אַרויסצוקריגן
פון דעם זאַק-געסל, ווי דער קאָמענדאַנט איז צוגעלאָפן צו
אונזער אויטאָ און אָן שום חכמות אונז פאָרגעשלאָגן אַדורכצופירן
אונז צו דער טריבונע. און אָט, נאָך איידער מיר האָבן באַוויזן גובר
צו זיין אונזערע אייגענע וואַקלעניש, האָבן שוין צוויי רייען מיליצי-
יאָנערן אָפגעריייניקט פאַר אונז דעם וועג צו דעם לעצטן לאַסט-
אויטאָ, וואָס איז נאָך געווען ליידיק. מיטן מאָמענט, ווען די מאַסן
האָבן זיך דערוואוסט, אַז מיר געפינען זיך אויף דער לעצטער טרי-
בונע, האָט די דעמאָנסטראַציע פלוצלונג געענדערט איר פנים. גלייכ-
גילטיק זענען די מאַסן פאַרבייגעגאַנגען די ערשטע לאַסטוועגנס,
נישט געענטפערט אויף די באַגריסונגען און געלאָפן צו אונז. אַרום
אונזער לאַסטוואָגן האָט זיך תיכף-ומיד געשאַפן אַ וואַל. אַרבעטער
און רויטאַרמעער זענען געבליבן שטיין, האָבן אַרויפגעקוקט צו אונז,
צוגעוואָרפן אונז באַגריסונגס-ווערטער, און געמוזט זיך ווייטער רוקן
אונטערן אומגעדולדיקן דרוק פון די הינטערשטע רייען. די מיליץ-
אָפטיילונג, וואָס איז אַרויסגעשיקט געוואָרן צו אונזער אויטאָ, כדי צו
מאַכן אַן אָרדענונג, איז אַליין מיטגעריסן געוואָרן פון דער שטימונג
און האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין שום אַקטיוויטעט. באַלד אָבער האָט
מען אַריינגעוואָרפן אין המון ביי אַ האַלבע מאה איבערגעגעבענע
אַגענטן פון אַפאַראַט. זיי האָבן זיך געפרואווט פייפן, אָבער די פאַר-
איינצלטע פייפערייען זענען דערטרונקען געוואָרן אין די צושטימענ-
דיקע אויסרופן. וואָס ווייטער, אַלץ אומדערטרעגלעכער איז געוואָרן
די לאַגע פאַר די אָפיציעלע פירער פון דער דעמאָנסטראַציע. סוף-
כל-סוף האָט דער פאָרזיצער פון וו צ י ק און מיט אים נאָך עטלעכע
אָנגעזעענע מיטגלידער פאַרלאָזן די ערשטע טריבונע, וואו עס איז
געווען לגמרי ליידיק, און האָט זיך אַרויפגעדראַפעט אויף אונזער
אויטאָ, וואָס איז געשטאַנען אויפן לעצטן אָרט און איז געווען באַ-
שטימט פאַר די ווייניקער „מיוחסדיקע” געסט. אָבער אויך דערדאָ-

דיקער מוטיקער שריט האָט די לאַגע נישט גערעטעוועט. די מאַסע האָט מיט גרויס עקשנות אָנגערופן נעמען, אָבער דאָס זענען נישט געווען די נעמען פון די אָפיציעלע באַלעבאַטים פון דער לאַגע.

זינאָוויעוו איז תיכּף אַריינגעפאַלן אין אַן אָפּטימיסטישער שטימונג און האָט געהאָפט, אַז דידאָזיקע מאַניפעסטאַציע וועט ברענגען די גרעסטע רעזולטאַטן. איך בין נישט מסכּים געווען מיט זיין אימפולסיווער אָפּשאַצונג. די אַרבעטער-מאַסע אין לענינגראַד האָט דעמאָנסטרירט איר אומצופרידנקייט אין דער פאָרם פון אַ פּלאַטאָנישער סימפּאַטיע פאַר די פירער פון דער אָפּאָזיציע, זי איז נאָך אָבער נישט געווען פעאיק צו שטערן דעם אַפּאַראַט מיט אונז זיך אָפּצורעכענען. אין דעם פּרט האָב איך מיר נישט געמאַכט קיין שום אילוזיעס. פון דער צווייטער זייט האָט די מאַניפעסטאַציע געדאַרפט אָנווייזן דער הערשנדיקער פראַקציע אויף דער נויטווענדיקייט צו פאַרשנעלערן די באַשטראָפונג פון דער אָפּאָזיציע, כּדי אַוועקצושטעלן די מאַסן פאַר אַ געשעענעם פאַקט.

דער צווייטער וועגצייכן איז געווען די מאָסקווער דעמאָנסטראַציע לכּבוד דעם צענטן יאָרטאָג פון דער אָקטאָבער-איבערקערעניש. אַלס אָרגאַניזאַטאָרן פון דער דעמאָנסטראַציע, אַלס מחברים פון די יובילייאַרטיקלען און אָראַטאָרן זענען כּסדר און אומעטום אַרויסגעטרעטן מענטשן, וואָס זענען בעת דער אָקטאָבער-איבערקערעניש געשטאַנען פון יענער זייט באַריקאַדן אָדער פּשוט זיך באַהאַלטן אין שויס פון דער פאַמיליע, כּדי דאָרט אָפּצוואַרטן, וואָס עס וועט אַרויסקומען דערפון — און האָבן זיך אָנגעשלאָסן אָן דער רעוואָלוציע ערשט נאָך איר זיכערן נצחון. גיכער מיט הומאָר, ווי מיט פאַרביטערונג האָב איך געלייענט די אַרטיקלען אָדער אויסגעהערט דורכן ראַדיאָ די רעדעס, וואו די טעלערלעקער האָבן מיך באַשולדיקט אין פאַרראַט לגבּי דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע. בעת מיר באַגרייפן די דינאַמיק פון היסטאָרישן פּראָצעס און מיר זעען, ווי אַ האַנט, וואָס איז לגמרי אומבאַקאַנט דיין קעגנער, ציט אים אויף אַ שנירל, דאַן פאַרלירן די עקלהאַפטסטע געמיינהייטן און פאַלשקייטן איבער אונז די מאַכט.

די אָפּאָזיציע האָט באַשלאָסן זיך צו באַטייליקן אין דער אַלגעמיינער דעמאָנסטראַציע מיט אייגענע פּלאַקאַטן. די לאָזונגען אויף די פּלאַקאַטן זענען פאַר קיין פאַל נישט געווען געווענדט קעגן דער פּאַרטיי: „לאָמיר ווענדן דאָס פייער אויף רעכטס — קעגן דעם קולאַק,

נעפּמאַן און ביוראָקראַט". „לאָמיר מקיים זיין לענינס צוואה". „קעגן אָפּאָרטוניזם, קעגן שפּאַלטונג—פאַר דער איינהייט פון דער לענינשער פּאַרטיי". היינט זענען דידאָזיקע לאָזונגען דאָס אָפיציעלע קרעדאָ פון סטאַלינס פּראַקציע אין קאַמף קעגן די רעכטע. דעם 7-טן נאָוועמבער 1927 האָט מען אָבער דידאָזיקע פּלאַקאַטן אַרויסגעריסן דער אָפּאָזיציע פון די הענט, צעפליקט זיי אויף שטיקלעך, און די טרעגער פון די-דאָזיקע פּלאַקאַטן זענען צעמזיקט געוואָרן דורך ספּעציעלע קאָמאַנדעס. די דערפאַרונג פון דער לענינגראַדער מאַניפעסטאַציע איז פאַר די אָפיציעלע פירער נישט געגאַנגען לאיבוד. דאָסמאָל זענען זיי געווען באַדייטנדיק בעסער צוגעגרייט. אין דער מאַסע האָט זיך געשפּירט עפּעס אַן אָפּגעשוואַכטקייט. זי האָט זיך באַטייליקט אין דער דעמאָנ-סטראַציע אין אַ צושטאַנד פון טיפער אומרואיקייט. איבער דער ריזע-דיקער, צעטומלטער און אויפגערעגטער מאַסע זענען געשטאַנען צוויי אַקטיווע גרופּעס: די אָפּאָזיציע און דער אַפּאַראַט. אַלס פרייוויליקע אין קאַמף קעגן די „טראָצקיסטן", זענען געקומען צו הילף דעם אַפּאַראַט שוין לאַנג באַקאַנטע, נישט קיין רעוואָלוציאָנערע, טיילווייז אַפילו פאַשיסטישע עלעמענטן פון דער מאָסקווער גאַס. אַ מיליציאַנט האָט כלומרשט אַלס וואָרנונג געשאָסן דירעקט אויף מיין אויטאָמאָביל. עמעצער האָט אָנגעפירט מיט זיין האַנט. אַ שיכורער באַאַמטער פון די פייערלעשער איז מיט די געמיינסטע זלזולים אַרויפגעשפּרונגען אויפן פוסברעטל פון מיין אויטאָ און אויסגעהאַקט אַ שויב. ווער עס קאָן זען, — פאַר דעם האָט זיך דעם 7-טן נאָוועמבער 1927 אויף די מאָסקווער גאַסן אָפּגעשפּילט אַ רעפּעטיציע פון טערמידאָר.

אַן ענלעכע מאַניפעסטאַציע איז אויך פאָרגעקומען אין לענינ-גראַד. זינאָוויעוו און ראַדעק, וואָס זענען אַהין צַרויסגעפאָרן, זענען אַטאַקירט געוואָרן דורך אַ ספּעציעלער מיליץ-אָפּטיילונג און, מיטן אויסרייד זיי כלומרשט צו שיצן פאַר דער מאַסע, האָט מען זיי אויף דער צייט פון דער דעמאָנסטראַציע פאַרהאַלטן אין עפּעס אַ בנין. דעמזעלבן טאָג האָט אונז זינאָוויעוו געשריבן קיין מאָסקווע: „אַלע ידיעות זאָגן עדות וועגן דעם, אַז דידאָזיקע געמיינהייט וועט אונזער זאַך ברענגען גרויסע נוצן. מיר באַאומרואיקן זיך, וואָס עס טוט זיך דאָרט ביי אייך „די איינפאַלצונגען" (ד. ה. די אומלעגאַלע דיסקוסיעס מיט די אַרבעטער) גייען ביי אונז זייער גוט. אַ גרויסער איבערברוך לטובת אונז. לעת-עתה קלערן מיר נאָך גאָרנישט אַוועקצופאָרן פונדאַנען".

ביי זינאָוויעוון איז עס געווען די לעצטע אויפפלאַמונג פון דער אָפּאָזיציאָנעלער ענערגיע. אין אַ טאָג אַרום איז ער שוין געווען אין מאָסקווע און געפאָדערט, אַז מען זאָל קאַפּיטולירן.

דעם 16־טן נאָוועמבער האָט זיך יאָפּע גענומען דאָס לעבן, און זיין טויט האָט זיך אַריינגעשניטן אין קאַמף, וואָס האָט זיך אָנגעהייבן ברייטער פאַנאַנדערצוויקלען.

יאָפּע איז געווען אַ שווער קראַנקער מענטש. מען האָט אים אַראָפּגעבראַכט פון יאַפּאַן, וואו ער איז געווען געזאַנדטער, אין זייער אַן ערנסטן צושטאַנד. מיט גרויס מי איז געלונגען אים אַרויסצושיקן קיין אויסלאַנד. די נסיעה איז אָבער געווען אַ קורצע. זי האָט געבראַכט גוטע, אָבער נישט קיין גענוגנדיקע רעזולטאַטן. יאָפּע איז געוואָרן מיין פאַרטרעטער אינם הויפּטקאָמיטעט פאַר קאָנצעסיעס. די גאַנצע לויפנדיקע אַרבעט איז געלעגן אויף אים. ער האָט שווער איבערגעלעבט דעם קריזיס אין דער פאַרטיי. דער פאַרראַט האָט אים מער פון אַלץ דערשיטערט. עטלעכע מאָל האָט ער זיך געוואָלט אַריינוואַרפן אין קאַמף מיט דער גאַנצער ענערגיע. איך האָב אים אָבער אָפּגעהאַלטן דערפון צוליב זיין געזונטצושטאַנד. די קאַמפּאַניע קעגן דער פּערמאַנענטער רעוואָלוציע האָט אים באַזונדערס אויפגערעגט. ער האָט בשום אופן נישט געקאָנט איבערטראָגן די געמיינע העצע מצד די, וואָס זענען געקומען צום גרייטן און גענישן איצט די פרוכט פון דער רעוואָלוציע, קעגן יענע, וואָס האָבן באַצייטנס פאָרגעזען איר גאַנג און כאַראַקטער. יאָפּע האָט מיר איבערגעגעבן זיין שמועס מיט לענינען, שייכט מיר, אין יאָר 1919, אויף דער טעמע וועגן דער פּערמאַנענטער רעוואָלוציע. לענין האָט אים געזאָגט: „יאָ, טראָצקי איז געווען גערעכט.״ יאָפּע האָט איצט געוואָלט פאַרעפנטלעכן דעמדאָזיקן שמועס. איך האָב אים מיט אַלע מיטלען אָפּגעהאַלטן דערפון. איך האָב אים באַצייטנס פאָרגעשטעלט, וואָס פאַר אַ לאַווינע פון געמיינהייטן עס וועט אַרויספאַלן אויף אים. יאָפּע איז געווען האַרטנעקיק מיט יענער באַזונדערער אומבויגעוודיקער אינערלעכער האַרטנעקיקייט, וואָס איז נאָר געווען ווייך לויט דער פאָרם. ביי יעדן אויסברוך פון אַגרעסיווער עם־הארצות און פּאָליטישער בגידה, פלעגט ער, אַ צעבראָכענער און אַן אויפגערעגטער, קומען צו מיר און טענהן: „ניין, מען מוז עס פאַרעפנטלעכן.״ איך האָב אים אָבער כסדר אויפגעוויזן, אַז אַזאַ מין „עדות זאָגן״ וועט

די לאַגע נישט ענדערן, אַז מען מוז פונדאָסניי איינקנעלן מיט דער צייער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע און זיך צילעווען אין אַ ווייטן ציל־פּונקט.

צוליב דעם, וואָס אין אויסלאַנד איז יאָפּען נישט געלונגען צו דערפירן די קוראַציע ביזן סוף, איז זיין פיזישער צושטאַנד פון טאָג צו טאָג ערגער געוואָרן. אין האַרבסט האָט ער געמוזט פאַרלאָזן די אַרבעט און דערנאָך זיך אַוועקלייגן אין בעט. זיינע פריינט האָבן ווידעראַמאָל אויפגעהייבן די פראַגע וועגן אַ נסיעה קיין אויסלאַנד. דאָסמאָל האָט אָבער דער צ. ק. קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט. די סטאַליניסטן האָבן זיך איצט מכין געווען משלח צו זיין די אָפּאָזיציאָנערן גאָר אין אַן אַנדער ריכטונג. דאָס, וואָס מען האָט מיך אויסגעשלאָסן פון צענטראַל־קאָמיטעט און שפּעטער פון דער פּאַרטיי, האָט יאָפּען דערשיטערט מער, ווי אַלע אַנדערע. צו דער פּאָליטישער און פּערזענלעכער אויפרעגונג איז נאָך צוגעקומען דאָס שאַרפע באַוואוסטזיין פון דער אייגענער פיזישער אומבאַהאָלפנקייט. יאָפּע האָט גאַנץ קלאָר געפילט, אַז דאָ האַנדלט זיך וועגן דעם גורל פון דער רעוואָלוציע. קעמפן איז ער נישט געווען אימשטאַנד. מחוצן קאַמף האָט דאָס לעבן פאַר אים קיין שום זין נישט געהאַט, און אַזויאַרום האָט ער אונטערגעצויגן פאַר זיך דעם לעצטן סך־הכּל.

איך האָב שוין דעמאָלט נישט געוואוינט אין קרעמל, נאָר אינם הויז פון מיין פריינט ביעלאָבאָראָדאָוו, וואָס האָט נאָך אַלץ געהאַלטן פאַר אַ פאָלקסקאָמיסאַר פון אינערן, הגם די אַגענטן פון ג פּ או זענען אים נאָכגעגאַנגען פוסטריט. אין יענע טעג האָט זיך ביעלאָבאָראָדאָוו געפונען אין זיין היימישן אוראַל, וואו ער האָט, אין קאַמף מיטן אַפּאַראַט, געזוכט אַ וועג צו די אַרבעטער. איך האָב אָנגעקלונגען אין יאָפּעס וואוינונג, כּדי זיך צו דערוויסן, וואָס ער מאַכט. ער האָט אַליין געענטפערט: דער טעלעפאָן איז געשטאַנען ביי זיין בעט. זיין שטימע—ערשט שפּעטער איז עס מיר קלאָר געוואָרן—האָט געקלונגען עפּעס אומגעוויינלעך, אָנגעשטרענגט, אומרואיק. ער האָט מיך געבעטן, איך זאָל קומען צו אים. עפּעס האָט מיר געשטערט צו דערפילן באַלד אויפן אָרט זיין בקשה. דאָס זענען געווען שטורעמדיקע טעג: צו ביעלאָבאָראָדאָוון אין וואוינונג זענען כּסדר געקומען חברים זיך צו באַראַטן וועגן אַקטועלע פראַגן. אין אַ שעה אָדער צוויי אַרום האָט מיר אַן אומבאַקאַנטע שטימע געמאָלדן דורכן

טעלעפאָן: „אַדאָלף אַבראַמאָוויטש האָט זיך דערשאָסן. אויף זיין טישל ליגט פאַר אייך אַ בריוו.“ ביי ביעלאָבאָראָדאָוון אין וואוינונג זענען שטענדיק געשטאַנען אויף דער וואַך עטלעכע מיליטערישע אָפּאָזיציאָנערן. זיי פלעגן מיך באַגלייטן, בעת איך בין אַרויסגעגאַנגען אין שטאָט. מיר זענען געשווינט אַוועק צו יאָפען. ווען מיר האָבן אָנגעקלונגען און אָנגעקלאַפּט, האָט מען הינטער דער טיר געפרעגט אונזערע נעמען און נישט באַלד געעפנט: הינטער דער טיר האָבן זיך געטאָן נישט קיין קלאָרע זאַכן. אויפן מיט בלוט באַדעקטן קישן האָט זיך בולט אויסגעשיילט יאָפעס רואיק פנים, וואָס איז געווען אַדורכגעדרונגען מיט דער העכסטער ווייכקייט. ביי זיין שרייבטיש האָט געבאַלעבאַטעוועט ב., אַ קאָלעגיע־מיטגליד פון ג פּ או. אויף זיין טישל איז נישט געלעגן קיין פּאַקעט. איך האָב געפאָדערט, מען זאָל מיר באַלד אַרויסגעבן דעם בריוו. ב. האָט געמורמלט, אַז קיין שום בריוו איז נישט געווען. זיין פנים און זיין שטימע האָבן אָבער נישט געלאָזט צווייפלען, אַז ער זאָגט אַ ליגן. אין עטלעכע מינוט אַרום האָבן אָנגעהייבן אָנצוקומען פריינט פון אַלע עקן שטאָט. די אָפיציעלע פאַרטרעטער פון אויסערן־קאָמיסאַריאַט און פון די פּאַרטיי־אינסטיטוציעס האָבן זיך געפילט איינזאַם צווישן דער אָפּאָזיציאָנערן־מאַסע. אין פאַרלויף פון דער נאַכט זענען אין דער וואוינונג איבערגעווען עטלעכע טויזנט מענטשן. די ידיעה, אַז מען האָט צוגעגנבעט דעם בריוו, האָט זיך פאַרשפּרייט איבער דער שטאָט. די אויסלענדישע זשורנאַליסטן האָבן איבערגעגעבן דעם פאַקט אין זייערע טעלעגראַמעס. צו פאַרהוילן ווייטער דעם בריוו איז שוין געווען אוממעגלעך. סוף־כל־סוף האָט מען איבערגעגעבן ראַקאָווסקין אַ פאָטאָגראַפישע קאָפּיע פונם בריוו. צו וואָס האט מען איבערגעגעבן ראַקאָווסקין דעם בריוו, וואָס יאָפע האָט געשריבן צו מיר און וואָס איז פאַרחתמעט געוואָרן אין אַ קאָנווערט אויף מיין אַדרעס, און דערביי נישט דעם אָריגינאַל, נאָר אַ פאָטאָגראַפישע קאָפּיע,—דאָס קאָן איך נישט דערקלערן. יאָפעס בריוו גיט אַ גענוי בילד פון מיין פאַרשטאָרבענעם פריינט, אָבער אַ בילד פון אַ האַלבער שעה פאַר זיין טויט. יאָפע האָט געקענט מיין באַציונג צו אים, איז געווען פאַרבונדן מיט מיר דורך אַ טיפן מאָראַלישן צוטרוי און האָט מיר געגעבן דאָס רעכט אויסצושטרייכן פון בריוו דאָס, וואָס איך האָב געהאַלטן פאַר איבעריק אָדער אומפּאַסיק צו פאַרעפנטלעכן. נאָכדעם,

ווי ס'איז נישט געלונגען צו פאַרבאָרגן דעם בריוו פאַר דער וועלט, האָט דער ציניִשער פיינט אומזיסט געפּרוּווט אויסצונוצן פאַר זיינע צוועקן דווקא יענע שורות, וואָס זענען נישט געווען באַשטימט פאַר דער עפנטלעכקייט.

זיין טויט האָט יאָפּע אויך געוואָלט פאַרבינדן מיט יענער אידעע, וועלכער ער האָט געדינט זיין גאַנץ לעבן. מיט דערזעלבער האַנט, וואָס האָט אין א האַלבער שעה אַרום געדאַרפט א דריק טאָן דעם רעוואָלווער־צינגל קעגן זיין אייגענעם שלייף, האָט ער אָנגע־שריבן זיינע לעצטע באַווייזן פון אַן עדות און די לעצטע עצות פון אַ פריינט. אָט וואָס יאָפּע האָט געזאָגט אין זיין געזעגן־בריוו וועגן מיר פערזענלעך:

„מיט אייך, טייערער ליעוו דאַווידאָוויטש, פאַרבינדן מיך צענ־דליקער יאָרן פון געמיינזאַמער אַרבעט און איך דערוועג מיך צו האָפן — אויך פון פערזענלעכער פריינטשאַפט. ביים שיידן זיך גיט עס מיר דאָס רעכט אייך אָנצווייזן אויף דעם, וואָס עס זעט מיר אויס ביי אייך אַלס פעלער. איך האָב קיינמאָל נישט געצווייפלט אין דער ריכטיקייט פון דעם וועג, וואָס איר האָט אָנגעצייכנט, און איר ווייסט, אַז שוין העכער צוואַנציק יאָר ווי איך גיי מיט אייך, נאָך פאַר די צייטן פון דער „פערמאַנענטער רעוואָלוציע”. אָבער איך האָב שטענדיק געהאַלטן, אַז אייך פעלט לעניִנס *הארטנעקיקייט* און *אומנאָכגיביקייט*, זיין גרייטקייט צו פאַרבלייבן כאָטש איינער אַליין אויפן וועג, וועלכן ער האַלט פאַרן ריכטיקן, אין דער פאָרויסזעונג, אַז אין דער צוקונפט וועט ער באַקומען א מערהייט, אַז אין דער צוקונפט וועלן אַלע אָנערקענען די ריכטיקייט פון זיין וועג. איר זענט *פּאָליטיש תּמיד געווען גערעכט*, אָנהייבנדיק פון יאָר 1905, און איך האָב עס אייך שוין נישט איינמאָל געזאָגט, אַז איך האָב מיט מיינע אייגענע אויערן געהערט, ווי לענין האָט אָנערקענט, אַז אויך אין יאָר 1905 *זענט איר* געווען גערעכט, *נישט ער*. פאַרן טויט זאָגט מען נישט קיין ליגן, און איך חזר עס אייך איצט איבער נאָכאַמאָל... *אָבער איר האָט אייך אָפּט אָפּגעזאָגט פון אייער אייגענער גערעכטקייט* צוליב עפּעס אַ הסכם, אַ פּשרה, וואָס איר האָט אליין איבערגעשאַצט. דאָס איז אַ פעלער. איך זאָג נאָכאַמאָל, אַז פּאָליטיש *זענט איר תּמיד געווען גערעכט, און איצט נאָך מער גערעכט ווי אַן*

אַ נ ד ע ר ש מ אָ ל, מיט דער צייט וועט עס די פּאַרטיי באַגרייפן, און די געשיכטע וועט עס אומבאַדינגט אָפּשאַצן, און דעריבער שרעקט זיך איצט נישט, ווען עמיצער וועט פון אייך אַוועקגיין, און נאָך ווייניקער, ווען קיין סך וועלן צו אייך אַזוי גיך נישט קומען, ווי מיר וואָלטן עס אַלע געוואָלט. איר זענט גערעכט, אָבער די גאַראַנטיע פאַרן נצחון פון אייער גערעכטיקייט איז — די מאַקסימאַלע אומנאַכגיביקייט, די שטרענגסטע גראַדליניקייט, די פולסטע איגנאָרירונג פון יעדן מין קאָמפּראָמיס, גענוי אַזוי, ווי דערין איז תמיד געלעגן דער סוד פון איליטשעס נצחונות. דאָס האָב איך אייך אַ סך מאָל געוואָלט זאָגן, אָבער ערשט איצט, ביים שיידן זיך, האָב איך מיך באַשלאָסן דערויף."

יאָפּעס לוויה האָט מען באַשטימט אין אַן אַרבעטסטאָג און אַן אַרבעטס־שעה מיט דעם חשבון, אַז דער מאָסקווער פּראָלעטאַריאַט זאָל זיך נישט קאָנען באַטייליקן אין איר. דאָך אָבער האָט זיך צו דער לוויה פאַרזאַמלט אַן עולם פון צען טויזנט מענטשן און זי איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אימפּאָזאַנטער אָפּאָזיציאָנעלער מאַניפעסטאַציע.

בינו־לבינו האָט סטאַלינס פראַקציע געמאַכט די הכנות צו דעם צוזאַמענפאָר און זיך צוגעאיילט אים צו שטעלן פאַר דעם געשעענעם פאַקט פון אַ שפּאַלטונג. די אַזויגערופענע וואַלן צו די לאָקאַלע קאָנפערענצן, וואָס האָבן געשיקט דעלעגאַטן צום צוזאַמענפאָר, זענען דורכגעפירט געוואָרן פ אַ ר דער אָפיציעלער מעלדונג אויף אַ דורכאויס פאַלשער „דיסקוסיע", בעת וועלכער מיליטעריש־אָרגאַניזירטע פייפער־אָפּטיילונגען האָבן אויף אַ לגמרי פאַשיסטישן שטייגער אויפגעריסן די פאַרזאַמלונגען. עס איז בכלל שווער זיך פאָרצושטעלן אַ שענדלעכערע זאַך, ווי די הכנות צו דעם XV־טן צוזאַמענפאָר. פאַר זינאָוויעוון און זיין גרופּע איז נישט געווען שווער זיך אָנצושטויסן, אַז דער צוזאַמענפאָר וועט פארענדיקן פּאָליטיש יענעם פיזישן צוזאַמענברוך, וואָס האָט זיך אָנגעהייבן אויף די גאַסן פון מאָסקווע און לענינגראַד צום צענטן יאָרטאָג פון דער אָקטאָבער־איבערקערעניש. איצט האָבן זינאָוויעוו און זיינע פריינט געהאַט בלויז איין זאָרג אויפן קאָפּ: קאַפּיטולירן צו דער רעכטער צייט. זיי האָבן, נאַטירלעך,

נישט געקאָנט נישט פאַרשטיין, אַז סטאַלינס ביוראָקראַטן האָבן געזען דעם אמתן שונא נישט אין זיי, אין די אָפּאָזיציאָנערן פון דער צווייטער רעקרוטירונג, נאָר אין דעם קערן פון דער אָפּאָזיציע, וואָס איז פאַרבונדן מיט מיר. זיי האָבן גערעכנט, אַז אויב זיי וועלן נישט פאַרדינען קיין חסד, וועלן זיי זיך, לפּחות, איינקויפן מחילה דורכדעם, וואָס זיי וועלן דעמאָנסטראַטיוו איבעררייסן מיט מיר אינם מאָמענט פון XV-טן צוזאַמענפאָר. זיי האָבן אָבער נישט באַרעכנט, אַז מיט אַ טאָפּעלן פאַרראַט וועלן זיי זיך פּאָליטיש ליקווידירן. אויב זיי האָבן אונזער גרופּע מיט אַ זעץ אין רוקן צייטווייליק אָפּגעשוואַכט, האָבן זיי אָבער זיך גופא פאַרמשפּט אויף אַ פּאָליטישן טויט. דער XV-טער צוזאַמענפאָר האָט באַשטימט אויסצושליסן די אָפּאָזיציע אין איר גאַנצן צוזאַמענשטעל. די אויסגעשלאָסענע זענען געשטעלט געוואָרן צו דער דיספּאָזיציע פון דער ג פּ או.

דריי און פערציקסטער קאַפּיטל

די פֿאַרשיקונג

וועגן מיין פאַרשיקונג קיין צענטראַל-אַזיע וועל איך דאָ ברענגען די אומגעקירצטע דערציילונג פון מיין פרוי.

„דעם 16-טן יאַנואַר 1928: איינדערפרי פּאַקט מען שוין די זאַכן. איך האָב אַ העכערע טעמפּעראַטור, דער קאָפּ טוט מיר וויי פון פיבער און שוואַכקייט—אין כאַאָס פון די זאַכן, וואָס מען האָט נאָר וואָס געבראַכט פון קרעמל און די זאַכן, וואָס מען האַלט איצט אין פּאַקן, כדי זיי מיטצונעמען מיט זיך. אַ מישמאַש פון מעבל, קאַסטנס, וועש, ביכער און אומענדלעכע באַזוכער—פריינט, וואָס קומען זיך געזעגענען. אונזער דאָקטאָר און פריינט פּ. א. געטיע גיט מיר אַ באַיווע עצה, אַז מען זאָל אָפּלייגן די נסיעה צוליב מיין פאַרקילונג. ער האָט זיך נישט געגוג קלאָר פאָרגעשטעלט די באַדייטונג פון אונזער נסיעה און די באַדייטונג פון איר נדחה. מיר האָבן געהאָפט, אַז אין וואַגאָן וועל איך גיכער קומען צו די כוחות, ווייל אין די באַדינגונגען פון די „לעצטע טעג", איז עס אינדערהיים לגמרי געווען אוממעגלעך. פאַר די אויגן טראָגן זיך פאַרביי כסדר נייע פּנימער, און צווישן זיי אַ סך אַזעלכע, וואָס איך זע איצט צום ערשטן מאָל. מען נעמט זיך אַרום, מען דריקט זיך די הענט, מען דריקט אויס מיטגעפיל און מען ווינטשעוועט... דער כאַאָס ווערט נאָך גרעסער דורכדעם, וואָס מען הייבט אָן טראָגן בלומען, ביכער, קאָנפעקטן, וואַרעמע זאַכן און ד. גל. דער לעצטער טאָג פון טאַראַם,

שפּאַנונג, אויפֿרעגונג ענדיקט זיך. די זאַכן האָט מען אָפּגעפֿירט צום וואָקזאַל. צום וואָקזאַל זענען אויך אַרויסגעפֿאָרן די פֿריינט. אונזער פֿאַמיליע בלייבט זיצן אין עסצימער, גרייט צום פֿאָרן. מיר וואַרטן אויף די אַגענטן פֿון ג פּ או. מיר קוקן אויפֿן זייגער... ניין... האַלב צען... קיינער קומט אָבער נישט. צען. די שעה, ווען עס גייט אָפּ דער צוג. וואָס איז געשען? האָט מען משנה געווען דאָס פֿאָרן? עס קלינגט דער טעלעפֿאָן. פֿון ג פּ או איז מען אונז מודיע, אַז אונזער אָפּפֿאָר איז אָפּגעלייגט געוואָרן, די סיבה אָבער זאָגט מען נישט. „אויף ווי לאַנג?“ פֿרעגט ל. ד. „אויף צוויי טעג,“ ענטפֿערט מען אים, „איר פֿאָרט איבערמאָרגן.“ אין אַ האַלבער שעה אַרום קומען צו לויפֿן מבשׂרים פֿון וואָקזאַל, פֿריער יוגנטלעכע, דערנאָך ראַקאָווסקי און אַנדערע. אויפֿן וואָקזאַל איז געווען אַ ריזיקע דעמאָנסטראַציע. מען האָט געוואַרט, געשריגן: „זאָל לעבן טראָצקי.“ אָבער טראָצקין זעט מען נישט. וואו איז ער? פֿאַרן וואַגאָן, וואָס איז באַשטימט פֿאַר אונז, שטייט זייער אַן אויפֿגערעגטער המון. די יונגע פֿריינט האָבן אַוועקגעשטעלט אויפֿן דאַך פֿון וואַגאָן אַ גרויס בילד פֿון ל. ד. דער עולם האָט עס באַגריסט מיט אַ באַגייסטערטן „הוראַ.“ דער צוג האָט אַ ציטער געטאָן. זיך אַ רוק געטאָן פֿאָרויס, איינמאָל. נאָכאַמאָל... און פּלוצלונג געבליבן שטיין. די דעמאָנסטראַנטן זענען פֿאַרלאָפֿן דעם וועג פֿון לאָקאָמאָטיוו, זיך געקלאַמערט אָן די וואַגאָנעס, אָפּגעשטעלט דעם צוג, געפֿאָדערט טראָצקין. צווישן דער מאַסע האָט זיך פֿאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז די אַגענטן פֿון ג פּ או האָבן אינדערשטיל אַריינגעפֿירט טראָצקין אין וואַגאָן און לאָזן נישט, אַז ער זאָל זיך ווייזן פֿאַרן המון. אויפֿן וואָקזאַל האָט געהערשט אַן אומבאַשרייבלעכע אויפֿרעגונג. עס איז געקומען צו צוזאַמענשטויסן מיט דער מיליץ און די אַגענטן פֿון ג פּ או, אויף ביידע זייטן זענען געווען געליטענע; עס זענען פֿאָרגעקומען אַרעסטן. דעם צוג האָט מען אָפּגעהאַלטן אויף אַ שעה אָנדערטהאַלבן. אין אַ ווײַלע אַרום האָט מען צוריקגעבראַכט פֿון וואָקזאַל אונזער באַגאַזש. די פֿריינט האָבן נאָך לאַנג געהאַלטן אין איין טעלעפֿאָנירן, זיך דערוויסן, צי מיר זענען אינדערהיים און זיי האָבן דערציילט פֿון די געשעענישן אויפֿן וואָקזאַל. שפּעט נאָך האַלבער נאַכט זענען מיר ערשט געגאַנגען שלאָפֿן. נאָך די אויפֿרעגונגען פֿאַר די לעצטע טעג האָבן מיר אָפּגעשלאָפֿן ביז עלף אַ זייגער אינדערפֿרי. קיינער האָט נישט טעלעפֿאָנירט. אַלץ איז געווען

רואיק. די פרוי פון דעם עלטערן זון איז אַוועק צו דער אַרבעט:
נאָך געווען גאַנצע צוויי טעג צייט. מיר האָבן אָבער קוים באַוויזן
צו פרישטיקן, ווי ס'האָט זיך דערהערט אַ קלונג ביי דער טיר. עס
איז אַריין פ. וו. ביעלאָבאָראָדאָוואַ... דערנאָך מ. מ. יאָפע. נאָך אַ
קלונג—און די גאַנצע וואוינונג איז אָנגעפילט געוואָרן מיט אַגענטן
פון ג פּ או אין אוניפאָרמען און אין ציוויל-קליידער. ל. ד. האָט
מען דערלאַנגט אַן אָרדער וועגן זיין אַרעסט און אַז ער ווערט תיכף
ומיד אַרויסגעשיקט אונטער אַ וואַך קיין אַלמאַ־אַטאַ. און די צוויי
טעג, וועגן וועלכע די ג פּ או האָט מיטגעטיילט נעכטן אין אָוונט?
ווידעראַמאָל אַ שווינדל! דידאָזיקע מיליטערישע ליטרע המצאה האָט
מען אָנגעווענדט, כּדי אויסצומיידן ביים אָפּפאָר אַ נייע דעמאָנסטראַ-
ציע. דער טעלעפאָן קלינגט אָן אַן אויפהער. ביים טעלעפאָן שטייט
אָבער אַן אַגענט, און מיט אַ גאַנץ גוטמוטיקער מינע לאָזט ער נישט
ענטפערן. דורך אַ צופאַל אָבער געלינגט אונז איבערצוגעבן ביעלאָ-
באָראָדאָוון, אַז דאָס הויז איז באַזעצט פון ג פּ או און אַז מען
פירט אונז אַוועק מיט געוואַלד. שפּעטער האָט מען אונז מודיע
געווען, אַז אויף בוכאַרינען איז אַרויפגעלייגט געוואָרן די „פּאָליטישע
ליטונג” אַרויסצוטראַנספּאָרטירן ל. ד. פון שטוב. דאָס האָט פול-
שטענדיק האַרמאָנירט מיט סטאַלינס מאַכינאַציעס... די אַגענטן האָבן
זיך דייטלעך אויפגערעגט. ל. ד. האָט זיך אָפּגעזאגט פרייוויליק צו
פאָרן. ער האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט, כּדי אויפצוקלערן די
לאַגע. עס האָט זיך, נעמלעך, געהאַנדלט אין דעם, וואָס דאָס פּאָ-
ליטביוראָ האָט זיך באַמיט צוצוגעבן דער פאַרשיקונג, לפּחות, פון די
אָנגעזעענסטע אָפּאָזיציאָנערן, דעם כאַראַקטער פון אַ פרייוויליקן
הסכם. אין דעם זין האָט מען פאָרגעשטעלט דעם גירוש פאַר די
אַרבעטער. מען האָט דעריבער געדאַרפט צעשטערן דידאָזיקע לעגענ-
דע און באַווייזן די זאַך, אַזוי ווי זי איז, און דווקא אין אַזאַ פאָרם,
אַז מען זאָל נישט קאָנען מער שווייגן אָדער פאַרקריפּלען. דערפון
טאַקע שטאַמט ל. ד.ס פעסטער באַשלוס צו צווינגען דעם קעגנער,
ער זאָל עפנטלעך אָנווענדן געוואַלדמיטלען. מיר האָבן זיך צוזאַמען
מיט אונזערע צוויי געסט פאַרשפאַרט אין אַ צימער. מיט די אַגענטן
פון ג פּ או האָט מען פאַרהאַנדלט דורך דער פאַרשלאָסענער טיר.
זיי האָבן נישט געוואוסט וואָס צו טאָן, האָבן זיך כּסדר טעלעפאָניש
פאַרשטענדיקט מיט זייער נאַטשאַלסטוואָ, באַקומען אינסטרוקציעס און

צולעצט געמאָלדן, אַז זיי וועלן אויפֿברעכן די טיר, ווייל זיי מוזן אויספֿירן דעם באַפֿעל. ל. ד. האָט דערווייל דיקטירט אַן אינסטרוקציע פֿאַר דער ווייטערדיקער האַלטונג פֿון דער אָפּאָזיציע. מיר האָבן נישט געעפֿנט די טיר. עס האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ פֿון אַ האַמער, די טיר־שויב איז צעטראַסקעט געוואָרן אויף שטיקלעך, עס האָט זיך אַדורכגערוקט אַן אָרעם אין אַן אוניפֿאָרם. „שיסט אין מיר, חבר טראָצקי, שיסט,“ האָט קישקין, אַ געוועזענער אָפֿיציר, וואָס האָט נישט איינמאָל באַגלייט ל. ד. אויף זיינע פּראָגנאָזן־נסיעות, פֿאַרטאַראַראַמט און אויפֿגערעגט אַ פּאָר מאָל אַ זאָג געטאָן. „רעדט נישט קיין נאַרישקייט, קישקין“, האָט אים ל. ד. רואיק געענטפֿערט. „קיינער האָט נישט בדעה אין אייך צו שיסן, טוט אייער זאַך.“ זיי האָבן אויפֿגעשלאָסן די טיר און זענען אַריינגעקומען אויפֿגערעגטע, מטושטשע. דערזען, אַז ל. ד. גייט נאָך אַרום אין שטעקשיך, האָבן זיי אויפֿגעזוכט זיינע שיך און האָבן אים אָנגעטאָן. נאָכדעם האָבן זיי אָפּגעזוכט דעם פּעלץ, דאָס היטל... און אים ווידער אָנגעטאָן. ל. ד. וויל זיך אָבער נישט רירן פֿון אָרט. נעמען זיי אים אויף די הענט. געשווינט וואַרף איך אַרויף אויף זיך דעם פּעלץ, די באָטן... מיר לויפֿן אים נאָך. הינטער מיר האַקט זיך באַלד צו די טיר. הינטער דער טיר הערט זיך אַ טומל. מיט אַ געשריי שטעל איך אָפּ די וואַך, וואָס טראָגט ל. ד. פֿון די טרעפּ און פֿאָדער אַרויסצולאָזן די זין. דער עלטערער גייט מיט אונז אין פֿאַרשיקונג. די טיר האָט זיך געעפֿנט, פֿון דאָרט שפּרינגען אַרויס אונזערע ביידע זין און צוזאַמען מיט זיי אויך די צוויי געסט, ביעלאָבאָראָדאָוואַ און יאָפֿע. אַלע האָבן זיי זיך דורכגעקריגן מיט כּוח. סעריאָזשאַ האָט בעת־מעשה אָנגעווענדט די מיטלען פֿון אַ ספּאָרטסמאַן. אַראָפּלאָזנדיק זיך פֿון די טרעפּ, קלינגט ליאָוואַ אין אַלע טירן און שרייט: „מען טראָגט דעם חבר טראָצקי.“ צעשראָקענע פּנימער באַווייזן זיך אין די טירן פֿון די וואוינונגען און אויף די טרעפּ. אין דעמדאָזיקן הויז וואוינען בלויז אָנגעזעענע סאָוויעטישע טוער. דער אויטאָ איז אָנגעפּראָפּט מיט מענטשן. סעריאָזשאַס פֿיס געפֿינען קוים אַן אָרט. ביעלאָבאָראָדאָוואַ פֿאָרט אויך מיט אונז. מיר פֿאָרן איבער די מאָסקווער גאַסן. ס'איז אַ גרויסער פֿראָסט. סעריאָזשאַ איז אָן אַ היטל, נישט באַוויזן אין איילעניש עס מיטצונעמען. אַלע זענען אָן קאַלאָשן, אָן הענטשקעס. מען פֿאָרט אַזוי ווי מען שטייט און גייט, אָן אַ וואַליזקע,

אפילו אָן אַ האַנטבייטל. מען פירט אונז נישט אויפן קאַזאַנער וואָקזאַל, נאָר עפּעס גאָר אין אַן אַנדער ריכטונג—באַלד שטעלט זיך אַרויס, אַז מיר פאָרן צום יאַראָסלאַווער וואָקזאַל. סיעראָזשאַ פּרוּווט אַרויסשפּרינגען פון אויטאָמאָביל, כּדי איבערצוגעבן אונזער שנור, אַז מען שיקט אונז אַרויס. די אַגענטן האָבן פעסט אַ נעם געטאָן סיעראָזשאַן פאַר די הענט און גענומען בעטן ל. ד., ער זאָל אים נישט לאָזן שפּרינגען פון אויטאָ. מיר זענען געקומען אויפן וואָקזאַל, וואָס איז אינגאַנצן געווען אָפּגעליידיקט פון מענטשן. די אַגענטן האָבן אַרויסגעטראָגן ל. ד. אויף די הענט פון אויטאָ, ווי פריער פון דער וואוינונג. ליאָוואַ שרייט צו די איינציקע באַן-אַרבעטער: „זעט, ווי מען טראָגט אַוועק דעם חבר טראָצקי.“ אַן אַגענט פון ג פּ או, וואָס האָט אַמאָל באַגלייט ל. ד. אויף זיינע יאַגד־נסיעות, כאַפּט אָן ליאָוואַן ביים קאָלנער. „זעט נאָר דאָס קוועקזילבער,“ האָט ער אויסגערופן מיט חוצפּה. סיעראָזשאַ האָט אים געענטפערט מיט אַ פּאַטש פון אַ געניטן ספּאָרטסמאַן. מיר זענען אין וואַגאָן. ביי די טירן פון אונזער קופּע און ביי די פענסטער שטייט אַ וואַך. די איבעריקע קופּעס זענען פאַרנומען מיט די אַגענטן פון ג פּ או. וואוהין פאָרן מיר? דאָס ווייסן מיר נישט. די זאַכן האָט מען אונז נישט צוגעשטעלט. דער לאָקאָמאָטיוו מיט אונזער איינציקן וואַגאָן האָט זיך גערירט אין וועג אַריין. ס'איז צוויי אַ זייגער ביי טאָג. עס שטעלט זיך אַרויס, אַז מען פירט אונז אויף אַן אומוועג צו אַ קליינער פאַרוואָרפענער סטאַנציע, וואו אונזער וואַגאָן ווערט צוגעטשעפּעט צום פּאָסט־צוג, וואָס גייט אָפּ פון מאָסקווע, פונם קאַזאַנער וואָקזאַל, קיין טאַשקענט. פינף אַ זייגער האָבן מיר זיך צעזעגנט מיט סיעראָזשאַן און ביעלאָבאָראָדאָוואַן, וואָס האָבן מיטן אַנטקעגנקומענדיקן צוג געדאַרפט אַרויספאָרן צוריק קיין מאָסקווע. מיר זענען געפאָרן ווייטער. איך האָב געפיבערט. ל. ד. איז געווען מונטער, כּמעט פריילעך געשטימט. די לאַגע האָט זיך אויפגעקלערט. די אַלגעמיינע אַטמאָספערע איז געוואָרן רואיקער. די וואַך האָט זיך באַצויגן אויפמערקזאַם און העפלעך. מען האָט אונז איבערגעגעבן, אַז אונזער באַגאַזש גייט מיטן צווייטן צוג און וועט אונז אָניאָגן אין פרונזע (די לעצטע באַן־סטאַנציע), דאָס הייסט אויפן ניינטן טאָג פון אונזער נסיעה. מיר פאָרן אָן וועש און אָן ביכער. און מיט וואָס פאַר אַן אויפמערקזאַמקייט און ליבע האָבן סערמוקס און פּאָזנאַנסקי געפּאַקט אונזערע ביכער,

זאָרגעוודיק זיי סאָרטירט—די אויפן וועג, יענע צו דער אַרבעט אויף דער ערשטער צייט, ווי פינקטלעך סערמוקס האָט אײַנגעפּאַקט דאָס שרייבגעצייג פאַר ל. ד., קענענדיק אויסגעצייכנט זיין געשמאַק און זיינע געוווינהייטן. וויפל נסיעות האָט ער פאַר די רעוואָלוציע־יאָרן דורכגעמאַכט מיט ל. ד. אַלס סעקרעטאַר און סטענאָגראַף. ל. ד. האָט אונטערוועגס שטענדיק געאַרבעט מיט אַ דרייפאַכיקער ענערגיע, זיך באַנוצנדיק מיט דער געלעגנהייט, וואָס עס שטערן אים נישט קיין טעלעפאָנען און קיין באַזוכער; די הויפּטשוועריקייטן פון דער אַרבעט זענען תמיד לכתחילה געפאַלן אויף גלאַזמאַנען און שפּעטער אויף סערמוקסן. און איצט האָבן מיר זיך געפונען אויף אַ ווייטער נסיעה אָן אַ שום בוך, אָן אַ בלייפעדער און אָן אַ בויגעלע פּאַפּיר. פאַרן אָפּפאָרן האָט אונז סיעראָזשאַ פאַרשאַפט דאָס בוך פון סעמיאָנאָוו־טיאַנשאַנסקין—אַ וויסנשאַפטלעך ווערק איבער טורקעסטאַן,—אונטערוועגס האָבן מיר געהאַט בדעה זיך צו באַקענען מיט אונזער קינפטיקן וואוינאָרט, וועגן וועלכן מיר זענען געווען גאַנץ ווייניק אינפאָרמירט. אָבער אויך סעמיאָנאָוו־טיאַנשאַנסקי איז פאַרבליבן אין דער וואַליזע אין מאָסקווע צוזאַמען מיט אַ סך אַנדערע זאַכן. מיר זענען געזעסן אין וואַגאָן מיט ליידיקע הענט, פונקט ווי מיר וואָלטן, אַ שטייגער, אַריבערגעפאָרן פון איין טייל שטאָט אין אַ צווייטן. אין אָוונט האָבן מיר זיך אויסגעצויגן אויף די בענק, דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויפן עלנבויגן. ביי דער האַלבאָפענער טיר פון קופּע איז כסדר געשטאַנען אַ וואַך.

וואָס האָט אונז אָפּגעוואַרט אין דער צוקונפט? וואָס פאַר אַ כאַראַקטער וועט אָננעמען אונזער נסיעה? און די פאַרשיקונג? אין וואָס פאַר אַ באַדינגונגען וועלן מיר דאָרט אַריינפאַלן? די התחלה האָט נישט פאָרגעזאָגט קיין שום גוטע זאַכן אין דער צוקונפט. און דאָך האָבן מיר זיך געפילט זייער רואיק. דער וואַגאָן האָט זיך שטיל געשאָקלט. מיר זענען געלעגן אויסגעצויגן אויף די בענק. די האַלבאָפענע טיר האָט אונז דערמאַנט אָן אַ תפיסה־רעזשים. מיר זענען געווען אויסגעמאַטערט פון די אַלע איבערראַשונגען, פון דער אומבאַשטימטער לאַגע, פון דער אָנשטרענגונג פאַר די לעצטע טעג, און האָבן זיך איצט אויסגערוט. אין וואַגאָן איז געווען שטיל. די וואַך האָט געשוויגן. איך האָב זיך געשפּירט נישט אינגאַנצן געזונט. ל. ד. האָט זיך באַמיט ווי ווייט מעגלעך צו פאַרלייכטערן מיין לאַגע; ער

האָט אָבער קיין זאַך נישט געהאַט, חוץ זיין מונטערער, פריינטלעכער שטימונג, וואָס האָט זיך איבערגעגעבן אויך מיר. מיר האָבן אויפגעהערט צו באַמערקן די אַרומיקע סביבה און האָבן זיך געקוויקט מיט דער רואיקייט. ליאָוואַ איז געווען אינם דערבייאיקן קופּע. אין מאָסקווע האָט ער זיך אַריינגעטאָן מיט לייב און לעבן אין דער אָפּאָזיציע־אַרבעט. איצט איז ער געגאַנגען מיט אונז אין פאַרשיקונג, כּדי צו פאַרלייכטערן אונזער לאַגע, און האָט אפילו נישט באַוויזן זיך צו געזעגענען מיט זיין פרוי. פון איצט אָן איז ער געוואָרן אונזער איינציקער קאָנטאַקט מיט דער אויסערלעכער וועלט. אין וואַגאָן איז כּמעט געווען פינסטער, די סטעאַרין־ליכט האָבן שטאַר געברענט איבער דער טיר. מיר האָבן זיך באַוועגט קיין מזרח.

וואָס ווייטער פון מאָסקווע, אַלץ העפלעכער איז געוואָרן די וואַך. אין סאַמאַר האָבן זיי אונז געקויפט וועש, זייף, ציינפּראָשעק, בערשטלעך און ד. גל. מיטאָגן פאַר אונז און פאַר דער וואַך האָט מען באַזאָרגט אויף די וואָקזאַלן. ל. ד., וואָס האָט שטענדיק געמוזט האַלטן אַ שטרענגע דיעטע, האָט איצט געגעסן אַלץ און אויפגעמונטערט מיך און ליאָוואַן. מיט חידוש און שרעק האָב איך מיך צו אים צוגעקוקט. די זאַכן, וואָס מען האָט פאַר אונז איינגעקויפט אין סאַמאַר, האָבן באַקומען ספּעציעלע נעמען, למשל: מענזשינסקי — האַנטוך, יאַגאָדע (מענזשינסקיס פאַרטרעטער) — זאָקן און ד. גל. אַ דאַנק דידאָזיקע נעמען, האָבן די אָנגעקויפטע זאַכן באַקומען אַ פריילעכערן כאַראַקטער. מחמת די שניישטורעמס איז דער צוג געגאַנגען מיט אַ גרויסער פאַרשפּעטיקונג. דאָך אָבער האָבן מיר זיך טאָג־אויס, טאָג־איין פאַררוקט טיפער אין אַזיע.

פאַרן אָפּפאָרן האָט ל.ד. געפאָדערט, מען זאָל אים דערלויבן מיטצונעמען זיינע צוויי אַלטע מיטאַרבעטער. מען האָט אים אָבער אָפּגעזאָגט דערין. סערמוקס און פּאָזנאַנסקי האָבן דאַן באַשלאָסן צו פאָרן זעלבשטענדיק, אין דעמזעלבן צוג מיט אונז. זיי האָבן פאַרנומען אַ פּלאַץ אין אַן אַנדער וואַגאָן, זענען געווען עדות פון דער דעמאָנסטראַציע, אָבער זיי האָבן נישט פאַרלאָזן זייערע פּלעצער, זייענדיק זיכער, אַז מיר פאָרן אַוודאי מיט דעמדאָזיקן צוג. אין אַ קורצער צייט אַרום האָבן זיי זיך אָבער אַרומגעזען, אַז מיר זענען נישטאָ, האָבן זיי אויסגעשטיגן אין אַריסי און אונז אָפּגעוואַרט מיטן

צווייטן צוג. דאָ האָבן מיר זיי געטראָפן. געזען האָט זיי בלויז איין ליאָוואַ, ווייל ער האָט געהאַט אַ געוויסע באַוועגונגס-פרייהייט, אָבער האַרציק געפרייט האָבן מיר זיך אַלע. דאָס איז מיין זונס אַ נאָטיץ, וואָס איז טאַקע געמאַכט געוואָרן באַלד אויפן אָרט: „באַגינען גיי איך אַראָפ אויף דער סטאַציע, אפשר וועל איך דאָ געפינען צומאָל די חברים, וועגן וועלכע מיר האָבן דעם גאַנצן וועג נישט אויפגעהערט צו רעדן, און זיך אַלץ באַאומרואיקט וועגן זייער גורל. און אָט זענען טאַקע ביידע דאָ: זיצן זיך אין בופעט ביי אַ טישל און שפילן אין שאָך. ס'איז מיר שווער איבערצוגעבן מיין שמחה. איך גיב זיי אַ וואונק, זיי זאָלן צו מיר נישט צוגיין: ווען איך בין אַריינגעקומען אין בופעט, האָט זיך, ווי תמיד, אָנגעהייבן אַ פאַרשטאַרקטע באַוועגונג פון די אַגענטן. איך איל מיך צוריק אין צוג, — איך וויל אינפאָרמירן וועגן מיין אַנטדעקונג. אַלע פרייען זיך. אַפילו ל. ד. קאָן נישט זיין אויף זיי אין כעס, כאָטש זיי האָבן נישט אויסגעפירט זיין אינסטרוקציע, און אָנשטאָט צו פאָרן ווייטער, זענען זיי געזעסן דאָ און געוואַרט, ביי אַלעמען אויף די אויגן: אַן איבעריקע ריזיקע. זיך צונויפגערעדט מיט ל. ד., שרייב איך אָן אַ צעטעלע, וואָס איך קלער זיי איבערצוגעבן, ווען עס וועט ווערן פינסטער. די אינסטרוקציע איז אַזאַ: פאָזנאַנסקי זאָל תיכף אַרויספאָרן אַליין קיין טאַשקענט און דאָרט וואַרטן אויף אַ סיגנאַל. סערמוקס, ווידער, זאָל אַרויספאָרן קיין אַלמאַ-אַטאַ, נישט אַריינטרעטנדיק מיט אונז אין קיין שום פאַרקער. סערמוקסן איז מיר געלונגען צו באַשטעלן אויף אַ זעאונג הינטערן וואָקזאַל, אין אַ פאַרבאָרגענעם ווינקל, וואו עס זענען נישטאָ קיין לאַמטערנעס. געקומען איז פאָזנאַנסקי. מיר געפינען אָבער נישט איינער דעם צווייטן, מיר רעגן זיך אויף, און דערנאָך, ווען מיר באַגעגענען זיך, איילן מיר זיך אויך און קאָנען זיך נישט צוזאַמענרעדן. איך זאָג: „זיי האָבן איינגעבראָכן די טיר, געשלעפט אים אויף די הענט". ער פאַרשטייט נישט ווער עס האָט געבראָכן, צו וואָס האָבן זיי געשלעפט. געבן צו פאַרשטיין, דערקלערן — איז קיין צייט נישטאָ, מען קאָן אונז כאַפן. די זעאונג האָט אונז בכלל גאָרנישט געגעבן..."

נאָך דער אַנטדעקונג, וואָס ליאָוואַ האָט געמאַכט אין אַריסי, זענען מיר געפאָרן ווייטער מיטן באַוואוסטזיין, אַז אין דעמזעלבן צוג געפינט זיך אַ טרייער פריינט. דערפון ווערט פריילעך אויף

דער נשמה. אויפן צענטן טאָג האָבן מיר באַקומען אונזער באַגאַזש און באַלד טאַקע אַרויסגענומען סעמיאָנאָוו־טיאַנשאַנסקין. מיר לייענען מיט אינטערעס וועגן דער נאַטור, דער באַפעלקערונג, וועגן די עפּל־גערטנער; און דער עיקר אָבער — דאָרט איז אַן אויסגעצייכנטער אָרט פאַר יאַגד. מיט פאַרגעניגן נעמט אַרויס ל. ד. די שרייב־מכשירים, וואָס סערמוקס האָט איינגעפּאַקט. קיין פּרונזע (פּישפּעק) זענען מיר אָנגעקומען באַגינען. דאָס איז די לעצטע באַן־סטאַנציע. עס איז געווען אַ גרויסער פראָסט. דער ווייסער, ריינער, געשמאַקער שניי, באַגאָסן מיט זונשטראַלן, האָט פאַרבלענדט די אויגן. מען האָט אונז געבראַכט וואַליקעס און פעלצן. איך האָב מיך געשטיקט אין די שווערע קליידער, דאָך אָבער איז מיר אונטערוועגס געווען קאַלט. דער אויטאָבוס האָט זיך לאַנגזאַם געשלעפּט איבער דעם שניי־באַלייגטן סקריפּעדיקן וועג, דער אייזקאַלטער ווינט האָט געשטאָכן אין פּנים. אָפּגעפאָרן ביי אַ דרייסיק קילאָמעטער, האָט מען זיך אָפּגעשטעלט. סאיז געווען פינסטער און עס האָט זיך געדאַכט, אַז מיר שטייען אין אַ מיטן שניי־מדבר. צוויי וואַכזעלנער (באַגלייט האָבן אונז אַ מאַן צוועלף, פופצן) זענען צו אונז צוגעקומען און ווי פאַרשעמט אונז מיטגעטיילט, אַז דער נאַכטלאַגער איז דאָ נישט אַזאַ „פייגלדיקער". מיט גרויס מי זענען מיר אַרויסגעקראָכן פון אויטאָבוס, אָנגעטאַפּט אינדערפינסטער די שוועל און די נידעריקע טיר פון דער פּאָסט־סטאַנציע, אַריין אינעווייניק און מיט פאַרגעניגן אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די פעלצן. אין הייזל איז אָבער געווען קאַלט, נישט געהייצט. די קליינע פענסטערלעך זענען אינגאַנצן פאַרפרוירן געוואָרן. אין ווינקל איז געשטאַנען אַ גרויסער רוסישער אויוון, ליידער, אָבער, אויך אַ קאַלטער, ווי אייז. מיר האָבן זיך דערוואַרעמט מיט טיי. צוגעביסן. פאַרפירט פאַוואָליע אַ שמועס מיט דער באַלעבאָסטע פון דער סטאַנציע, אַ קאָזאַטשקע. ל. ד. האָט זי גענוי אויסגעפרעגט וועגן דעם לעבנסשטייגער אין דידאָזיקע מקומות און אויך וועגן יאַגד. אַלץ איז אינטערעסאַנט, און בעיקר די אומבאַוואוסטקייט — מיט וואָס דאָס אַלץ וועט זיך ענדיקן. מיר האָבן זיך מכין געווען צום שלאָפן. די וואַך האָט זיך געמאַכט אַן אָרט דערביי. ליאָווע האָט זיך איינגעאָרדנט אויף אַ באַנק. איך און ל. ד. האָבן זיך אַוועקגעלייגט אויפן גרויסן טיש און אונטערגעבעט אונטער זיך די פעלצן. אַז מיר האָבן זיך שוין ווי עס איז איינגעלייגט

אין דעם קאַלטן פינסטערן חדר מיטן נידעריקן סופיט, האָב איך זיך־
פלוצלונג צעלאַכט אויפן קול: „אַ האָר נישט ענלעך צו אונזער דירה
אין קרעמל!” ל. ד. און ליאָוואַ האָבן מיר פלייסיק צוגעהאָלפן. באַ-
גינען האָט מען זיך געלאָזן ווייטער אין וועג אַריין. דעם שווערסטן
טייל וועג האָט מען נאָך ערשט געהאַט דורכצומאַכן. די נסיעה אי־
בערן באַרג־פאַס קורדאַי. אַ ברענענדיקער פראָסט. די הלבשה איז
ממש אַן אומדערטרעגלעכע משא, פונקט ווי אַ וואַנט וואָלט דיך צו־
געדריקט. אויף דער צווייטער סטאַציע האָבן מיר זיך ביים טיי־
דורכגעשמועסט מיטן שאָפער און דעם אַגענט פון ג פ או, וואָס
איז אונז אַרויסגעפאָרן אַנטקעגן פון אַלמאַ-אַטאַ. ביסלעכווייז האָט
זיך פאַר אונז כסדר אַנטפלעקט אַ טייל נאָך אַ טייל דאָס פרעמדע
אומבאַקאַנטע לעבן... דער וועג איז פאַרן אויטאָמאָביל געווען אַן אומ-
געהייער שווערער, די אויגעטראָטענע וועג-גלאַטקייט איז ערטערווייז
אָנגעשאָטן געוואָרן מיט פאַסן שניי. דער שאָפער האָט געשיקט גע-
פירט די מאַשין, האָט גוט געקענט די אייגנשאַפטן פונם וועג, האָט
זיך אונטערגעוואַרעמט מיט אַ כוסה. דער פראָסט האָט זיך קעגן נאַכט
פאַרשטאַרקט. דער שאָפער האָט געפילט, אַז אין דעמדאָזיקן שניי-מדבר
איז אַלץ אָפּגעהאָנגען פון אים און האָט זיך דעריבער פריי אַראָפּ-
גערעדט פון האַרצן, אַרויספאָרנדיק מיט אַן אומזשענירטער קריטיק
אויף נאַטשאַלסטוואָ און אויף דער אָרדענונג... די נאַטשאַלסטוואָ פון
אַלמאַ־אַטאַ, וואָס איז געזעסן דערביי, האָט אים אַפילו אַ ביסל צו־
געחנפעט: אַבי ער זאָל שוין דערפירן. דריי אַ זייגער ביינאַכט איז
די מאַשין געבליבן שטיין. אַרום אונז איז געווען שטאָקפינסטער.
מיר זענען אָנגעקומען אויפן אָרט. וואוהין? עס האָט זיך אַרויסגע-
שטעלט, אַז אויף דער גאָגאָל-גאַס, אין האָטעל „דזשעטיסאַ”, וואו
די מעבלירטע צימערן האָבן נאָך באמת געמוזט שטאַמען פון גאָגאָלס
צייטן. מיר האָבן באַקומען צוויי צימערלעך. די דערבייאיקע צימערן
האָבן פאַרנומען די וואַך און די לאָקאַלע אַגענטן פון ג פ או.
ליאָוואַ האָט קאָנטראָלירט דעם באַגאַזש, — און עס האָט זיך אַרויס־
געוויזן, אַז עס פעלן צוויי וואַליזעס מיט וועש און ביכער, מסתמא
געבליבן שטעקן אין שניי. מיר זענען ווידעראַמאָל געבליבן אָן
סעמיאָנאָוו-טיאַנשאַנסקין. עס זענען פאַרלאָרן געגאַנגען ל. ד.ס קאַרטן
און ביכער וועגן כינע און אינדיע, און עס זענען פאַרלאָרן געגאַנגען

די שרייב־מלשירים. פופצן פאַר אויגן האָבן נישט געקאָנט איינהיטן די וואַליזעס...

ליאָוואַ האָט זיך אויפן צווייטן טאָג באַגינען אַרויסגעלאָזט אויף אַן אויסשפּירונג. ער האָט זיך באַקאָנט מיט דער שטאָט, קודם־כּל מיט דער פּאָסט און טעלעגראַף, וואָס האָבן אין אונזער לעבן פּאַרנומען דעם מיטלפּונקט. ער האָט אויך געפונען אַן אַפּטייק. ער האָט אומדערמידלעך אַרומגעזוכט אַלע נויטווענדיקע זאַכן, ווי פּענעס, בליישטיפטן, ברויט, פּוטער, ליכט... נישט איך און נישט ל. ד. זענען די ערשטע טעג נישט אַרויס פון צימער. שפּעטער פלעגן מיר אין אָוונט אַ ביסל שפּאַצירן. אונזער גאַנצער קאָנטאַקט מיט דער אויסער־לעכער וועלט איז אָנגעהאַלטן געוואָרן דורכן זון. מיטאָג האָט מען אונז געטראָגן פון אַ דערבייאיקן רעסטאָראַן. ליאָוואַ איז גאַנצע טעג אַרומגעגאַנגען. מיט גרויס אומגעדולט האָבן מיר אים תמיד אָפּגע־וואַרט. ער פלעגט ברענגען צייטונגען, פאַרשיידענע אינטערעסאַנטע ידיעות וועגן די זיטן און מנהגים פון דער שטאָט. מיר זענען גע־ווען אומרואיק וועגן דעם, ווי אַזוי סערמוקס איז פאַרפאָרן. און אָט, אויפן פערטן טאָג נאָך אונזער קומען, האָבן מיר פּלוצלונג דערהערט אין קאָרידאָר אַ באַקאַנטע שטימע. ווי טייער איז זי אונז געווען! מיט שפּאַנונג האָבן מיר זיך צוגעהערט הינטער דער טיר צו סער־מוקס ווערטער, צו זיין טאָן, צו זיינע טריט. מיט זיין קומען האָבן זיך געעפנט פאַר אונז נייע פּערספּעקטיוון. ער האָט באַקומען אַ צימער — אַ טיר קעגן אַ טיר מיט אונז. איך בין אַרויס אין קאָרי־דאָר. ער האָט זיך פונדערווייטנס געגריסט... פאַרפירן אַ שמועס האָבן מיר זיך נאָך נישט באַשלאָסן, אָבער אינדערשטיל זיך גע־פרייט, וואָס מיר האָבן אים ביי דער זייט. צומאָרגנס האָבן מיר אים בגניבה אַריינגעלאָזט צו אונז אין צימער, אין איילעניש אים מיטגעטיילט פון אַלץ, וואָס עס איז פאָרגעקומען און געמאַכט פּלע־נער וועגן אונזער געמיינזאַמער צוקונפט. דידאָזיקע צוקונפט איז אָבער געווען זייער אַ קורצע. נאָך דעמזעלבן טאָג, צען אַ זייגער אין אָוונט, איז געקומען דער פינאַל. אין האָטעל איז געווען שטיל. איך בין מיט ל. ד. געזעסן ביי זיך אין צימער, די טיר אין קאַלטן קאָרידאָר איז געשטאַנען האַלב אָפן, ווייל דער אייזערנער אויוון האָט אומדערטרעגלעך אָנגעברענט די לופט. ליאָוואַ איז געזעסן ביי זיך אין צימער. מיר האָבן דערהערט אין קאָרידאָר שטילע, פאַר־

זיכטיקע, ווייכע טריט פון וואָליקעס און אַלע דריי האָבן באַלד אָנ־געשפּיצט די אויערן (ווייל ליאָוואַ, ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, האָט זיך אויך צוגעהערט און האָט זיך גלייך אָנגעשטויסן, וואָס דאָ קומט פאָר). „זיי זענען געקומען", האָט אַ בליץ געטאָן אין באַ־וואוסטזיין. מיר האָבן געהערט, ווי מען איז, נישט אָנקלאַפּנדיק, אַריין צו סערמוקסן אין צימער, ווי מען האָט געזאָגט: „איילט זיך צו!" און ווי סערמוקס האָט געענטפערט: „קאָן איך נאָך אָנטאָן די וואָליקעס?" ער האָט געטראָגן שמעקשיך. ווידער ווייכע טריט, קוים צום הערן, און נאָכדעם פונדאָסניי אַ טיף שטילשווייגן. שפּעטער האָט דער פּאָרטיער צוגעשלאָסן די טיר פון סערמוקס צימער. מער האָבן מיר אים נישט געזען. עטלעכע וואָכן נאָכאַנאַנד האָט מען אים אָפּ־געהאַלטן אין קעלער פון ג פּ או אין אַלמאַ־אַטאַ צוזאַמען מיט קרי־מינעלע פאַרברעכער אויף אַ הונגער־פּאַיאָק, דערנאָך האָט מען אים אַרויסגעשיקט קיין מאָסקווע, אַרויסגעבנדיק 25 קאָפּיקעס אַ טאָג אויף זיין פּראָוויאַנטירונג. דאָס האָט אפילו נישט געקלעקט אויף טרוקן ברויט. פּאָזנאַנסקין, ווי מיר האָבן זיך שפּעטער דערוואוסט, האָט מען גלייכצייטיק אַרעסטירט אין טאַשקענט און אויך אַוועקגעשיקט קיין מאָסקווע. אין אַ דריי חדשים אַרום האָבן מיר באַקומען פון זיי ידיעות—שוין פון דער פאַרשיקונג. דורך אַ גליקלעכן צופאַל זענען זיי, פאָרנדיק פון מאָסקווע קיין מזרח, אַריינגעפאַלן אין איין וואַגאָן, און די פלעצער האָבן זיי אויך געהאַט קעגן איינאַנדער. צייטווייליק צעשיידט, האָבן זיי זיך אויף אַ ווײַלע געטראָפן, כדי באַלד ווידער זיך צו שיידן: מען האָט זיי פאַרשיקט אין פאַרשיידענע ערטער.

אַזוי־אַרום איז ל. ד. געבליבן אָן זיינע מיטאַרבעטער. די קעג־נער האָבן זיך אומברחמנותדיק אָן זיי נוקם געווען פאַר זייער טרייען דינסט לטובת דער רעוואָלוציע, גייענדיק האַנט ביי האַנט מיט ל. ד. דעם ליבן, באַשיידענעם גלאַזמאַנען האָט מען נאָך אין יאָר 1924 דערפירט צו זעלבסטמאָרד. סערמוקסן און פּאָזנאַנסקין האָט מען פאַרשיקט. בוטאָוון, דעם שטילן, אַרבעטזאַמען בוטאָוון האָט מען אַרעסטירט, געפּאַדערט פון אים פאַלשע באַווייזן, און דערפירט אים פריער צו אַן אומענדלעכן הונגערשטרייק און נאָכדעם צום טויט אין תּפיסה־שפּיטאָל. אַזוי־אַרום האָט מען סוף־כל־סוף אויסגעראָט דעם „סעקרעטאַריאַט", צו וועלכן ל. ד. שונאים האָבן זיך באַצויגן מיט אַ מיסטישן האַס, ווי צו דעם מקור פון אַלדאָס בייז. די שונאים

האָבן געהאַלטן, אַז ל. ד. איז שוין איצט אין וויטן אַלמאַ-אַטאַ אינגאַנצן אומבאַוואָפנט. וואָראָשילאָוו האָט זיך אפילו עפנטלעך באַרימט: „אויב ער וועט דאָרט אפילו שטאַרבן, וועט מען זיך אויך אַזוי גיך נישט דערוויסן.״ ל. ד. איז אָבער נישט געווען אומבאַוואָפנט. מיר זענען געווען אַ קאָאָפּעראַציע פון דריי מענטשן. אויפן זון איז בעיקר געלעגן די אַרבעט צוריקצושטעלן אונזערע באַציונגען מיט דער אויסערלעכער וועלט. ער האָט אָנגעפירט מיט אונזער קאָרעספּאָנדענץ. ל. ד. פלעגט אים רופן אַמאָל אויסערן־מיניסטער, אַמאָל, ווידער, פּאָסט־ און טעלעגראַף־מיניסטער. און די קאָרעספּאָנדענץ האָט באַלד אָנגענומען אַ גרויסן מאַסשטאַב, און זי איז מיט איר גאַנצער משא געפאַלן אויף ליאָוואַן. דערצו איז אויף אים אויך געלעגן די פונקציע פון אונזער שמירה, חוצדעם איז ער געווען באַשעפטיקט מיטן צושטעלן ל. ד. די נויטיקע מאַטעריאַלן פאַר זיינע אַרבעטן: ער האָט זיך געגראָבן אין די אַלטע שאַפעס פון די ביבליאָטעקן, אויסגעפונען אַלטע צייטונגען און געמאַכט פון זיי אויסצוגן. ער האָט געפירט אַלע אונטערהאַנדלונגען מיט דער לאָקאַלער מאַכט, האָט זיך באַשעפטיקט מיטן אָרגאַניזירן דעם יאַגד און האָט אַכטונג געגעבן אויפן יאַגד־הונט און אויפן געווער. חוצדעם, האָט ער אַליין פלייסיק שטודירט די ווירטשאַפטלעכע געאָגראַפיע און שפּראַכן.

אין עטלעכע וואָכן אַרום נאָך אונזער אָנקומען האָט זיך שוין ל. ד.ס וויסנשאַפטלעכע און פּאָליטישע אַרבעט געפונען אין פולן גאַנג. שפּעטער האָט ליאָוואַ אפילו געפונען אַן איבערשרייבערין אויפן מאַשינדל. די ג פ או האָט איר נישט געשטערט, אָבער זי האָט זיך מתחייב געווען מיטצוטיילן וועגן אַלץ, וואָס זי האָט ביי אונז געשריבן. עס וואָלט באמת געווען זייער אינטערעסאַנט צו הערן די אינפאָרמאַציעס פונם דאָזיקן מיידל, וואָס איז נאָך ווייניק אויסגעפּרואווט געוואָרן אין קאַמף קעגן טראָצקיזם.

שיין איז געווען אין אַלמאַ־אַטאַ דער שניי, ווייס, זויבער, טרוקן: מען גייט און מען פאָרט דאָרט ווייניק און ער דערהאַלט דאָרט דעם גאַנצן ווינטער זיין פרישקייט. אין פרילינג פאַרבייטן אים די רויטע מאָנבלומען. וואָס פאַר אַ מענגעס מאָנבלומען—ריזעדיקע טעפּיכער, קילאָמעטער־לאַנגע סטעפּ־שטחים, זענען באַדעקט מיט זיי, אַלץ איז רויט. זומער הייבן זיך אָן די עפּל, דער באַרימטער אַלמאַ־אַטאַ־אַפּאָרט, וואָס איז גרויס און אויך רויט. אין שטאָט איז נישט

געוועזן קיין וואַסערלייטונג, קיין באַלייכטונג, קיין אויסגעבּרוקירטע גאַסן, אין צענטער, אויפן מאַרק, אין שמוץ, אויף די מאַגאַזינען־טרעפּלעך האָבן זיך די קירגיזן געוואַרעמט אויף דער זון און גענישטערט בײַ זיך אויפן לײַב. די מאַלאַריע האָט שטאַרק געבּושעוועט. די פּעסט האָט זיך אויך געלאָזט הערן. אין די זומער־חדשים האָט זיך באַוויזן אַן אומגעהײַערע צאָל משוגענע הינט, און די צײַטונגען פלעגן נישט זעלטן מיטטיילן פון צרעת־פאַלן אין דערדאָזיקער געגנט... און דאָך האָבן מיר דעם זומער גוט פאַרבראַכט. מיר האָבן אָנגעדונגען אַ שטוב בײַ אַ גערטנער, אין די פאָרבערגלעך, מיט אַן אָפענער פּאַנאָראַמע אויף די שנייבאַדעקטע בערג — אַ געבּירגצווײַג פון טיאַן־שאַן. צוזאַמען מיט אונזער באַלעבאָס און זײַן פאַמיליע האָבן מיר נאָכגעהיט דאָס רײַף ווערן פון די פּירות און גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין זייער זאַמל־אַרבעט. דער גאָרטן האָט פאַר אונזערע אויגן דורכגעמאַכט עטלעכע אַנטוויקלונגס־עטאַפּן. תּחילת איז ער געווען באַדעקט מיט ווײַסע בלומען. שפּעטער זענען די ביימער געשטאַנען שווער־אָנגעלאָדענע מיט טיף אַראָפּגעלאָזטע צווײַגן, אָנגעשפּאַרט אויף שטעקנס. דערנאָך זענען די פּירות געלעגן, ווי בונטע טעפּיכער אונטער די ביימער, אויף שטרוי־מאַטראַצלעך, און די ביימער, באַפרײַט פון זייער לאַסט, האָבן ווידער אויפגעהייבן אינדערהויך זייערע צווײַגן. און אין גאָרטן האָט געשמעקט מיט צײַטיקע עפּל, מיט צײַטיקע באַרנעס, און עס האָבן געזומט בינען און וועספּן. מיר האָבן געפּרעגלט אײַנגעמאַכץ.

אין די יוני־ און יולי־חדשים האָט דאָרט אין הייזל, וואָס איז געשטאַנען אין עפּלגאָרטן, אונטער אַ געפלאָכטענעם אַאיר־דאַך, געברענט די אַרבעט אונטער די הענט — עס האָט כּסדר געקלאַפּט די שרײַבמאַשין, וואָס איז אין דידאָזיקע מקומות אַן אויסערגעוויינלעכע דערשײַנונג. ל. ד. האָט דיקטירט די קריטיק פונם קאָמאַינטערן־פּראָגראַם, האָט געמאַכט אויסבעסערונגען און עס ווידער געגעבן איבערצושרײַבן. די פּאָסט איז געווען אַ גרויסע — צען, פופצן בריוו אַ טאָג, מיט כּלערליי טעזיסן, קריטיקן, אינערלעכער פּאָלעמיק און נײַעס פון מאָסקווע; אַ גרויסע צאָל טעלעגראַמעס וועגן פּאָליטישע פראַגן און וועגן אונזער געזונט. גרויסע וועלט־פראַגן זענען אויסגעמישט געוואָרן מיט קליינע לאָקאַלע ענינים, וואָס האָבן דאָ, איבעריקנס, אויסגעזען אויך זייער גרויס. סאָסנאָווסקיס בריוו האָבן תּמיד באַ־

האַנדלט אַקטועלע פראַגן, און זיך אײסגעצייכנט מיט זייער לעבע־דיקן טאָן און שאַרפקייט. ראַקאָווסקיס מערקווירדיקע בריוו האָט מען איבערגעשריבן און אַוועקגעשיקט זיי צו די אַנדערע. דאָס קליינע צימערל מיטן נידעריקן סופיט איז געווען אָנגעשטעלט מיט טישן, אויף וועלכע עס זענען געלעגן אָנגעוואָרפן מאַנוסקריפטן, פּאַפּקעס, צייטונגען, ביכער, אויסצוגן, אויסשניטן. ליאָוואַ איז גאַנצע טעג נישט אַרויס פון זיין צימער, וואָס האָט זיך געפונען לעבן פערדשטאַל: ער האָט געשריבן אויף דער מאַשינקע, קאָרעגירט די בויגנס, וואָס די מאַשיניסטין האָט איבערגעשריבן, אַריינגעלייגט זיי אין קאָנווערטן, אַוועקגעשיקט די פּאָסט, אָפּגענומען די קאָרעספּאָנדענץ, אויסגעזוכט די נויטיקע ציטאַטן. די פּאָסט פלעגט אונדז ברענגען פון שטאָט אַ ספּעציעלער שליח, אַן אינוואַליד, רייטנדיק אויף אַ פערד. אָוונטצייט פלעגט זיך ל. ד. אָפּטמאָל מיט דער ביקס און מיטן הונט אויפהייבן אין די בערג. אַמאָל פלעג איך אים באַגלייטן, אַמאָל ליאָוואַ. מען פלעגט זיך צוריקקערן מיט וואַכטלען, ווילדע טויבן, באַרגהינער אָדער פאַזאַנען. אַלץ איז געגאַנגען גוט ביז דעם נייעם אָנפאַל פון מאַלאַריע.

אַזוי האָבן מיר אָפּגעלעבט אַ יאָר אין אַלמאַ־אַטאַ, אין דער שטאָט פון ערדציטערנישן און פאַרפלייצונגען,ביים פוס פונם טיאַן-שאַנער געבירג, אויף דער גרענעץ פון כינע, 250 קילאָמעטער ווייט פון אַן אייזנבאַן, און פיר טויזנט קילאָמעטער פון מאָסקווע, אין דער געזעלשאַפט פון בריוו, ביכער און דער נאַטור.

ניעט געקוקט אויף דעם, וואָס מיר האָבן זיך אויף יעדן טריט און שריט אָנגעשטויסן אויף פאַרבאָרגענע פריינט—דערציילן וועגן דעם איז נאָך צו פרי—זענען מיר אָבער אויסערלעך געווען איזאָ־לירט פון דער גאַנצער אַרומיקער באַפעלקערונג, ווייל יעדער איינער, וואָס האָט זיך נאָר געפרואווט קומען מיט אונדז אין באַרירונג, איז תיכף באַשטראָפט געוואָרן און טיילמאָל אפילו זייער האַרב..."

* *

*

צו דער דערציילונג פון מיין פרוי באַדאַרף מען נאָך צוגעבן עטלעכע אויסצוגן פון דער דעמאָלדיקער קאָרעספּאָנדענץ. דעם 28-סטן פעברואַר, באַלד נאָך מיין קומען, האָב איך געשריבן צו עטלעכע

פאַרשיקטע פריינט: „צוליב דעם, וואָס די קאַזאַקסטאַנער רעגירונג טראָגט זיך איבער קיין אַלמאַ־אַטאַ, זענען דאָ אַלע וואוינונגען שטרענג באַרעכנט. ערשט נאָכדעם, ווי איך האָב מיך טעלעגראַפיש געווענדט קיין מאָסקווע לויט די הויכראַנגישע אַדרעסן, האָט מען אונז, צולעצט, נאָך אַ דריי־וואָכיקן אויפהאַלט אין האָטעל, געגעבן אַ וואוינונג. מען האָט געמוזט קויפן כאָטש עפּעס מעבל, פאַרריכטן די איינגעפאַלענע פליטע און בכלל זיך פאַרנעמען מיט אויפבוי־אַרבעט, אמת, נישט לויט דער געפּלאַנטער אָרדענונג. דאָס איז אינגאַנצן געפאַלן אויף נאַטאַליאַ איוואַנאָוונאַן און אויף ליאָוואַן. די דאָזיקע אויפבוי־אַרבעט איז אָבער עד־היום נישט פאַרענדיקט, ווייל די פליטע וויל זיך נישט אָנוואַרעמען...

איך באַשעפטיק מיך דאָ פיל מיט אַזיע: מיט איר געאָגראַפיע, עקאָנאָמיע, געשיכטע און דאָסגלייכן... עס פעלן מיר אָבער שטאַרק די אויסלענדישע צייטונגען. איך האָב שוין געשריבן אין עטלעכע ערטער, געבעטן, מען זאָל מיר כאָטש צושיקן נישט קיין גאַנץ פריישע. די פּאָסט קומט אַהער מיט גרויסע פאַרשפּעטיקונגען און, אַפּנים, זייער אומרעגלמעסיק...

זייער אומקלאָר איז די ראָל פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין אינדיע. די צייטונגען האָבן געבראַכט ידיעות וועגן די אַרויסטרעטונגען מצד די „אַרבעטער־און פּויערים־פּאַרטייען״ אין פאַרשיידענע פּראָווינצן. דער נאָמען אַליין רופט שוין אַרויס אַ באַרעכטיקטע אומרואיקייט. דער גאָמינדאַן איז דאָך אויך זיינערצייט דערקלערט געוואָרן פאַר אַן אַרבעטער־און פּויערים־פּאַרטיי. זאָל זיך דאָ נאָר די געשיכטע נישט איבערחזרן פּונקטלעך.

דער ענגליש־אַמעריקאַנישער אַנטאַגאָניזם האָט סוף־כל־סוף אַרויסגעוויזן זיין אמתן פרצוף. איצט, ווי עס שיינט, הייבן אָן סטאַלין און בוכאַרין צו פאַרשטיין, וועגן וואָס דאָ האַנדלט זיך. אונזערע צייטונגען באַהאַנדלען אָבער די פראַגע זייער פשוט, פאַרשטעלנדיק די לאַגע אויף אַזאַ אופן, אַז דער ענגליש־אַמעריקאַנישער אַנטאַגאָניזם, וואָס ווערט כסדר פאַרשאַרפט, וועט כלומרשט אוממיטלבאַר דערפירן צו אַ קריג. מען קען זיין גאַנץ זיכער, אַז אין דעמדאָזיקן פּראָצעס וועלן נאָך פאָרקומען פאַרשיידענע אומוואַנדלונגען. דער קריג וואָלט פאַר ביידע פּאַרטנירן געווען אַ צו ריזיקאַליש שפּיל. זיי וועלן נאָך נישט איינמאָל זיך באַמיען צו קומען

צו אַ פרידלעכן אויסגלייך. בכלל אָבער גייט די אַנטוויקלונג מיט דיזנשריט צו אַ בלוטיקן פינאַל.

אונטערוועגס האָב איך צום ערשטן מאָל איבערגעלייענט מאַרקסעס פּאַמפלעט „הער פאָגט". כּדי אָפּצולייקענען קאַרל פאָגטס אַ טוץ רכילותדיקע באַהויפּטונגען, האָט מאַרקס אָנגעשריבן אַ בוך פון צוויי הונדערט געדיכטע פאַרדרוקטע זייטן און אָנגעזאַמלט דאָקו־מענטן, פאַקטן פון עדות־זאָגער, אַנאַליזירנדיק דירעקטע און אומ־דירעקטע באַווייזן... וואָס, אַ שטייגער, ווען מיר וואָלטן זיך אונ־טערגענומען אין אַזאַ מאַסשטאַב אָפּצולייקענען די רכילות פון די סטאַליניסטן, וואָלטן מיר אַוודאי געדאַרפט אַרויסגעבן אַ טויזנט־בענ־דיקע ענציקלאָפּעדיע..."

אין אַפּריל האָב איך מיך געטיילט מיט די „אַדעפּטן" וועגן מיינע פריידן און ליידן בנוגע דעם יאַגד:

„איך האָב מיך אַוועקגעלאָזט מיט מיין זון צום טייך אילי, מיטן פעסטן באַשלוס אויסצונוצן דעם פרילינגס־סעזאָן ביזן סוף. דאָסמאָל האָבן מיר גענומען מיט זיך געצעלטן, וואָליקעס, פעלצן און ד. גל., כּדי נישט צו נעכטיקן אין די יורטעס... ס'איז אָבער ווידער אַרויסגעפאַלן אַ שניי און ווידער האָבן אויסגעבראָכן פרעסט. דידאָזיקע טעג, קאָן מען זאָגן, זענען געווען טעג פון גרויסע נסיונות. ביינאַכט פלעגט דער פראָסט דערגיין ביז 8—10 גראַד. און דאָך האָבן מיר גאַנצע ניין מעת־לעת נישט אַריינגעשמעקט אין אַ שטוב. אַ דאַנק די וואַרעמע וועש און די וואַרעמע מלבושים, האָבן מיר כּמעט נישט געליטן פון פראָסט. די שטיוול זענען איבער נאַכט דאָך איינגעפרוירן געוואָרן, מען האָט זיי געמוזט ביים לאַגער־פייער אויפטייען, אַנדערש זענען זיי נישט אַרויף אויף די פיס. די ערשטע טעג איז דער יאַגד געפירט געוואָרן אויף אַ זומפּ־שטח, דערנאָך אויף דער אָפענער יעזשערע. אויף אַ קליינעם בערגל האָב איך מיר איינגעאָרדנט אַ געצעלט, וואו איך פלעג פאַרברענגען 12—14 שעה אין מעת־לעת. ליאָוואַ איז געשטאַנען אונטער דיביימער, צווישן דעם טייכאַאיר.

צוליב דעם שלעכטן וועטער און אומאיינהייטלעכן פלי פונם געפליגל, איז דער יאַגד, אַלס אַזעלכער, נישט געלונגען. מיר האָבן געבראַכט העכער פערציק קאַטשקעס און אַ פּאָר גענז. דאָך אָבער האָט מיר די נסיעה פאַרשאַפט אַ סך תענוג, בעיקר דערמיט, וואָס

איך האָב מיך צייטווייליק פאַרוואַנדלט אין אַ באַרבאַר: געשלאָפן אונטערן פרייען הימל, געגעסן אויף דער פרישער לופט שעפּסנפלייש, געקאָכט אין אַן עמער, זיך נישט געוואַשן, זיך נישט אויסגעטאָן און במילא נישט אָנגעטאָן, זיך געוואָרפן פון פערד גלייך אין טייך אַריין (דאָס איינציקע מאָל, ווען מיר איז אויסגעקומען זיך אויסצוטאָן אונטער דער ברענענדיקער נאָכמיטאָג־זון), פאַרבראַכט כמעט 24 שעה אויף אַ קליינעם בריקל צווישן וואַסער און טייכאַאיר—אַזעלכע זאַכן לעבט מען איבער גאַנץ זעלטן. געקומען בין איך אַהיים אָן אַ רמז פון אַ פאַרקילונג. און דווקא אינדערהיים האָב איך מיך פאַרקילט און אָפּגעלעגן אַ וואָך נאָכאַנאַנד...

די אויסלענדישע צייטונגען האָב איך איצט אָנגעהייבן באַקומען פון מאָסקווע און פון אַסטראַכאַן, פון ראַקאָווסקין. היינט האָב איך פון אים באַקומען אַ בריוו. ער באַאַרבעט פאַרן אינסטיטוט פון מאַרקס־ענגעלס די טעמע איבער סען־סימאָניזם. חוץ דעם, שרייבט ער זיינע זכרונות. ווער עס איז נאָר עטוואָס באַקענט מיט ראַקאָווסקיס לעבן, דער קאָן זיך לייכט פאָרשטעלן, וואָס פאַר אַ גרויסן אינטערעס עס שטעלן מיט זיך פאָר זיינע מעמואַרן."

דעם 24־סטן מאַי האָב איך געשריבן צו פּרעאָבראַזשענסקין, וואָס האָט זיך שוין דאַן געוואַקלט אַהין און אַהער: „איך האָב באַקומען אייערע טעזן און נישט געשריבן ווייל זיי צו קיינעם קיין איין וואָרט. אייערנעכטן האָב איך דערהאַלטן פון קאַלפאַשאָוו פאָלגנדיקע טעלעגראַמע: „מיר וואַרפן אָפּ ענדגילטיק פּרעאָבראַזשענסקיס פאָרשלאַגן און קריטיק. ענטפערט תיכף. סמילגאַ, אַלסקי, נעטשאַיעוו." נעכטן האָב איך באַקומען אַ טעלעגראַמע פון אוסט־קולאָם: „מיר האַלטן פּרעאָבראַזשענסקיס פאָרשלאַגן פאַר נישט קיין ריכטיקע. ביעלאָבאָראָדאָוו, וואַלענטינאָוו." נעכטן האָב איך דערהאַלטן פון ראַקאָווסקין אַ בריוו, אין וועלכן ער לויבט אייך נישט, און דריקט אויס זיין באַציונג צו סטאַלינס „לינקן קורס" מיט דער ענגלישער פאָרמולע: „וואָרט און שטיי אויף דער וואַך." נעכטן האָב איך אויך געהאַט בריוו פון ביעלאָבאָראָדאָוון און וואַלענטינאָוון.ביידע זענען זיי שטאַרק צעטראָגן צוליב ראַדעקס בריוו קיין מאָסקווע, וואָס איז דורכגעדרונגען מיט זויערע שטימונגען. זיי זענען לגמרי אש להבה אויף אים. אויב זיי גיבן איבער ריכטיק ראַדעקס בריוו, בין איך מסכים מיט זיי. איך מיין, אַז מען טאָר נישט צובאַמקען די אימפּרעסיאָניסטן.

זינט איך האָב מיך צוריקגעקערט פונם יאַגד, דאָס הייסט זינט די לעצטע מערץ-טעג, זיץ איך כסדר אין שטוב, ביי אַ בוך, אָדער מיט דער פעדער אין האַנט, בערך פון זיבן-אַכט אַ זייגער אינדערפרי ביז צען אַ זייגער אין אָוונט. איך קלויב מיך טאַקע צו מאַכן אויף עטלעכע טעג אַ הפסקה: איצט איז נישט די צייט פון יאַגד, און דעריבער קלערן מיר מיט נאַטאַליאַ איוואַנאָוונאַ און סעריאָזשען (ער איז איצט ביי אונז) זיך אָוועקצולאָזן אויף אַ פישפאַנג צום טייך אילי. אַ באַריכט וועגן דעם וועט איר באַקומען צו דער ריכטיקער צייט.

צי איז פאַר אייך קלאָר, וואָס איז אַזוינס פאָרגעקומען אין פראַנקרייך בעת די וואַלן? איך פאַרשטיי לעת-עתה גאָרנישט. די „פראַוודאַ" האָט אַפילו נישט געבראַכט די אַלגעמיינע צאָל פון די אָנטיילנעמער אין פאַרגלייך מיט די פאַראַיאָריקע וואַלן, אַזוי, אַז מען קאָן נישט וויסן, צי האָט זיך דער פראָצענט קאָמוניסטן פאַרגרעסערט אָדער פאַרקלענערט. איך האָב, איבעריקנס, בדעה דורכצושטודירן די דאָזיקע פראַגע לויט די אויסלענדישע צייטונגען, און דאַן וועל איך אייך שרייבן וועגן דעם".

דעם 26-סטן מאַי האָב איך געשריבן צו מיכאַאיל אָקודזשאַוואַ, איינער פון די אַלטע גרוזינער באָלשעוויקעס: „אויף וויפל סטאַלינס נייער קורס צייכנט אָן די אויפגאַבן, שטעלט ער מיט זיך זיכער פאַר אַ פרואוו צוצוגיין נעענטער צו אונזער פּאָזיציע. אין דער פּאָליטיק דעצידירט אָבער נישט בלויז וואָס, נאָר אויך ווי און ווער. די וויכטיקסטע קאַמפן, וואָס וועלן דעצידירן דעם גורל פון דער רעוואָלוציע, שטייען נאָך פאָרויס...

מיר האָבן תמיד געהאַלטן, און נישט איינמאָל גערעדט דערפון, אַז דעם פּראָצעס פון דער פּאָליטישער ירידה פון דער הערשנדיקער פראַקציע קאָן מען זיך נישט פאָרשטעלן אַלס אַ כסדר פאַלנדיקע קרומע ליניע. און די ירידה קומט דאָך נישט פאָר ערגעץ אינדער-לופטן, נאָר אין אַ קלאַסן-געזעלשאַפט מיט טיפע אינערלעכע רייבונגען. די גרויסע פּאַרטיי-מאַסע איז לגמרי נישט איינהייטלעך און שטעלט מיט זיך בלויז פאָר על-פי-רוב אַ פּאָליטיש רוי-שטאָף. אונטערן דרוק פון די קלאַסן-שטויסן, פון רעכטס און פון לינקס, זענען דיפערענצי-רונגס-פּראָצעסן אין איר אומפאַרמיידלעך. די שאַרפע געשעענישן, וואָס זענען פאַרלאָפן אינם לעצטן פעריאָד פון דער פּאַרטיי און וואָס מיר

מיט אייך טראָגן זייערע פּאָלגן, זענען בלויז אַ פאָרשפּיל צו דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון די געשעענישן. פונקט ווי די אוווערטיור פון אַן אָפּערע כאַפּט לכתחילה אַרום די מוזיקאַלישע טעמען פון דער גאַנצער אָפּערע און גיט זיי צו אַ געפּרעסטן אויסדרוק, אַזוי האָט אויך אונזער פּאָליטישע „אוווערטיור" אַרומגעכאַפּט פּאָרויס יענע מעלאָדיעס, וואָס וועלן זיך אַנטוויקלען אין דער צוקונפט אין זייער גאַנצן אומפאַנג, דאָס הייסט מיט דער באַטייליקונג פון טרו-מייטן, קאָנטראַבאַסן, פּויקן און אַנדערע אינסטרומענטן פון דער ערנסטער קלאַסן-מוזיק. די אַנטוויקלונג פון די געשעענישן באַשטע-טיקט מיט אַן אַבסאָלוטער אומבאַשטרייטבאַרקייט, אַז מיר זענען גע-ווען און בלייבן גערעכט נישט בלויז בנוגע די בטלנים און פלוידער-זעק, ווי, אַ שטייגער, די זינאָוויעווס, קאַמעניעווס, פּיאַטאַקאָווס און אַנדערע, נאָר אויך בנוגע די טייערע פריינט פון „לינקס", די אולטרא-לינקע טומלערס, אויף וויפל זיי זענען נוטה אָנצונעמען די אוווערטיור פאַר דער אָפּערע, דאָס הייסט צו האַלטן, אַז אַלע גרונט-פּראָצעסן אין דער פּאַרטיי און דער מלוכה זענען שוין פאַרענדיקט, און אַז דער טערמידאָר, וועגן וועלכן זיי האָבן געהערט צום ערשטן מאָל פון אונז, איז שוין אַ געשעענער פּאַקט... מען דאַרף זיך נאָר נישט דענערווירן, נישט רייסן שטיקער גלאַט אין דער וועלט אַריין פון זיך און פון אַנדערע, נאָר זיך לערנען, אָפּוואַרטן, קוקן מיט ביידע אויגן און נישט דערלאָזן, אַז אונזער פּאָליטישע ליניע זאָל זיך באַ-דעקן מיטן זשאַווער פון פערזענלעכער אויפרעגונג — אָט ווי אַזוי מיר דאַרפן זיך האַלטן".

דעם 9-טן יוני איז אין מאָסקווע געשטאָרבן מיין טאָכטער און הייסע געזינונגס-חברטע נינאַ. זי איז אַלט געווען 26 יאָר. איר מאַן האָט מען אַרעסטירט קורץ פאַר מיין פאַרשיקונג. זי האָט נישט אויפגעהערט צו פירן די אַרבעט פון דער אָפּאָזיציע, ביז זי האָט זיך אַוועקגעלייגט. זי איז קראַנק געוואָרן אויף דער גאַלאָפּירנדיקער שווינדזוכט און האָט אין פאַרלויף פון עטלעכע וואָכן פאַרענדיקט מיטן לעבן. דער בריוו, וואָס זי האָט מיר אַרויסגעשיקט פון שפּיטאָל, איז געגאַנגען 73 טעג און איז אָנגעקומען שוין נאָך איר טויט.

ראַקאָווסקי האָט מיר דעם 16-טן יוני טעלעגראַפירט: „בעכטן האָב איך באַקומען דיין בריוו וועגן נינאַס שווערער קראַנקהייט. איך האָב טעלעגראַפירט קיין מאָסקווע צו אַלעקסאַנדרא געאָרגיעוונאַן

(ראַקאָווסקיס פרוי). היינט האָב איך זיך דערוואוסט פון די צייטונ־גען, אַז נינאַ האָט געענדיקט איר קורצן רעוואָלוציאָנערן לעבנסוועג. איך בין אינגאַנצן מיט דיר, טייערער פריינט. ס'איז זייער שווער, וואָס מיר זענען צעשיידט דורך אַן אומענדלעכן שטח. איך נעם דיך פעסט אַרום אַ סך מאָל, כריסטיאַן".

אין צוויי וואָכן אַרום איז אָנגעקומען פון ראַקאָווסקין אַ בריוו:
„טייערער פריינט, עס טוט מיר שרעקלעך ווי דאָס האַרץ פאַר נינאָטשקען, פאַר דיר, פאַר אייך אַלע. שוין לאַנג טראָגסטו דעם שווערן קרייץ פון אַ רעוואָלוציאָנערן מאַרקסיסט, אָבער איצט לעבסטו איבער צום ערשטן מאָל דעם אומענדלעכן צער פון אַ פאָטער. מיט מיין גאַנצער נשמה בין איך מיט דיר, און טרויער שטאַרק דערויף, וואָס איך בין פון דיר אַזוי וויינט...

„סעריאָזשאַ האָט דיר אַוודאי פאַרציילט וואָס פאַר אַ זינלאָזע מיטלען מען האָט אָנגעווענדט קעגן דיינע פריינט, נאָכדעם, ווי מען האָט זיך אַזוי אומגעלומפּערט נאַריש באַגאַנגען מיט דיר אין מאָסקווע. אין אַ האַלבער שעה אַרום נאָך דיין אָפּפאָרן בין איך געקומען צו דיר אין וואוינונג. אין אויפנאַמצימער — אַ גרופּע פריינט, מייסטנס פרויען, צווישן זיי מוראַלאָוו. „ווער איז דאָ דער בירגער ראַקאָוו־סקי?" דערהער איך אַ שטימע. „דאָס בין איך, וואָס פאַרלאַנגט איר?" „קומט מיט מיר!" מען פירט מיך אַריין דורכן קאָרידאָר אין אַ קליינעם צימער. ביי דער טיר באַפעלט מען: „די הענט אינדער־הויך". אַדורכגענישטערט מיינע קעשענעס, אַרעסטירט מען מיך. אַ זייגער פינף האָט מען מיך באַפרייט. מוראַלאָוו, וואָס האָט אויך דורכגעמאַכט דיזעלבע פּראָצעדור, האָט מען פאַרהאַלטן ביז שפּעט אינדערנאַכט... „זיי האָבן ממש פאַרלאָרן די קעפּ", האָב איך מיר געזאָגט, און האָב געשפּירט נישט קיין צאָרן, נאָר בושה פאַר מיינע אייגענע חברים".

דעם 14־טן יולי האָב איך געשריבן ראַקאָווסקין. „טייערער כריסטיאַן געאָרגיעוויטש, איך האָב דיר, ווי אַ סך אַנדערע פריינט שוין אַ גאַנצע אייביקייט נישט געשריבן, און זיך בלויז באַגרענעצט מיטן איבערשיקן געוויסע מאַטעריאַלן. נאָכדעם, ווי מיר האָבן זיך צוריקגעקערט פונם טייך אילי, וואו איך האָב צום ערשטן מאָל באַ־קומען די ידיעה וועגן נינאַס שווערן צושטאַנד, זענען מיר גלייך אַריבערגעפאָרן אויף אַ זומערוואוינונג. דאָ האָבן מיר אין עטלעכע

טעג אַרום באַקומען די ידיעה וועגן נינאַס טויט... דו פאַרשטייסט, וואָס דאָס האָט באַטייט... מען האָט אָבער נישט געטאָרט פאַרלירן קיין צייט, געמוזט אומבאַדינגט צוגרייטן אונזערע דאָקומענטן צום VI-טן קאָנגרעס פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל. דאָס איז געווען נישט לייכט. פון דער צווייטער זייט אָבער, האָט גראָד די נויטווענדיקייט פאַר יעדן פּרייז צו פאַרענדיקן דידאָזיקע אַרבעט געווירקט ווי אַ זענעפט-פּליאַסטער און געהאָלפן אַריבערצוטראָגן דיליידן פאַר די ערשטע שווערע וואָכן.

אין יולי האָבן מיר געוואַרט אויף זינושקען (די עלטערע טאָכטער). צום באַדויערן אָבער זענען מיר געווען געצוואונגען דערפון זיך אָפּצוזאָגן. געטיע האָט קאַטעגאָריש געפאָדערט, אַז זי זאָל תיכף אַרויספאָרן אין דער סאַנאַטאָריע פאַר טובערקולאָזע. ביי איר האָט זיך שוין לאַנג אָנגעהייבן דער פּראָצעס פון דער קראַנקהייט, אָבער דאָס, וואָס זי האָט גאַנצע דריי חדשים צייט אויפגעפּאַסט נינושקען, אויף וועלכער די דאָקטוירים האָבן שוין אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט, האָט אינגאַנצן אונטערגעגראָבן איר געזונט...

איצט וועגן די אַרבעטן צום קאָנגרעס. איך האָב באַשלאָסן אָנצוהייבן מיט דער קריטיק פון פּראָגראַם־פּראָיעקט אין צוזאַמענהאַנג מיט די אַלע פראַגן, וואָס שטעלן אונז אין קעגנזאַץ צו דער אָפּיציעלער לייטונג. אין רעזולטאַט איז אַנטשטאַנען אַ בוך פון עלף דרוקבויגן. בכלל האָב איך אונטערגעפירט אַ סך־הכל פון דעם, וואָס עס איז געווען די פּרוכט פון אונזער קאָלעקטיווער אַרבעט פאַר די לעצטע פינף יאָר, זינט לענין איז אַוועק פון דער פּאַרטיי־לייטונג און עס האָט זיך אָנגעהייבן די הערשאַפט פונם הפקרדיקן עפּיגאָנענטום, וואָס האָט לכתחילה געלעבט פון די צינזן פון אַלטן קאַפּיטאַל און וואָס האָט אָבער אינגיכן גענומען פאַרשווענדן אויך דעם קאַפּיטאַל גופא.

אין צוזאַמענהאַנג מיט מיין אַפּעל צום קאָנגרעס האָב איך באַקומען עטלעכע צענדליק בריוו און טעלעגראַמעס. די שטימען־סטאַטיסטיק איז נאָך נישט פאַרענדיקט. לכל־הדעות האָבן זיך פון בערך הונדערט שטימען בלויז דריי אַרויסגעזאָגט פאַר פּרעאָבראַזשענסקיס טעזיסן...

עס איז זייער מעגלעך, אַז סטאַלינס בלאָק מיט בוכאַרינען און ריקאָוון וועט נאָך אויפן קאָנגרעס שפּילן די ראָל פון אַ כלומרשטער

איינהייט, כדי צו מאַכן דעם לעצטן האָפענונגסלאָזן פּרואוו, אונז צו באַדעקן מיט דעם „לעצטן" קבר־שטיין. אָבער דווקא דידאָזיקע נייע אָנשטרענגונג און איר אומפאַרמיידלעכער דורכפאַל, קאָנען אומגעהייער פאַרשנעלערן דעם פּראָצעס פון דער דיפערענצירונג אין בלאָק גופא, ווייל אויפן צווייטן טאָג נאָכן קאָנגרעס וועט זיך נאָך דייטלעכער אַוועקשטעלן די פראַגע: „וואָס ווייטער?" וואָס פאַר אַן ענטפער וועט געגעבן ווערן אויף דערדאָזיקער פראַגע? נאָכן פאַרפאַסן די רעוואָלוציאָנערע סיטואַציע אין דייטשלאַנד אין יאָר 1923, האָבן מיר נאָך געהאַט אַלס קאָמפּענסאַציע אַ זייער טיפן אולטראַ־לינקן זיגזאַג פון די יאָרן 1924—1925. דער אולטראַ־לינקער קורס זינאָוויעווס איז אויפגעגאַנגען אויף אַ רעכטן הייוון, דער קאַמף קעגן די אָנהענגער פון אינדוסטריאַליזירונג, דער ראָמאַן מיט ראַדיטשן, לאַפאָלעטן, מיטן פויערים־אינטערנאַציאָנאַל, מיטן גאָמינדאַן א. אַז. וו. ווען דער אולטראַ־לינקער קורס האָט אומעטום געבראָכן דעם קאַרק, האָט זיך אויף דעמזעלבן רעכטן הייוון אויפגעהייבן דער רעכטער קורס. עס איז לגמרי נישט אויסגעשלאָסן קיין פאַרברייטערטע רעפּראָדוקאַציע פון דעמזעלבן אויף אַ נייעם עטאַפּ, דאָס הייסט אַ נייער אולטראַ־לינקער פעריאָד, וואָס שטיצט זיך אויף דיזעלבע אָפּאָרטוניסטישע השערות. די פאַרבאָרגענע עקאָנאָמישע קרעפטן קאָנען אָבער אונטערברענגען דידאָזיקע אולטראַ־לינקע ריכטונג און געבן דעם קורס אַ דעצידירנדיקע ווענדונג אויף רעכטס."

אין אויגוסט האָב איך געשריבן צו אַ גאַנצער ריי חברים: „איר האָט אוודאי געמומען אין אַכט דעם פאַקט, אַז אין אונזערע צייטונגען געפינט מען גאָרנישט די אָפּקלאַנגען, וועלכע עס רופן אַרויס די געשעענישן אינערהאַלב אונזער פאַרטיי אין דער אייראָפּעישער און אַמעריקאַנישער פּרעסע. שוין דאָס אַליין באַרעכטיקט צו גלויבן, אַז דידאָזיקע אָפּקלאַנגען אַנטשפּרעכן נישט די באַדערפעניש פון דעם „נייעם קורס". איצט האָב איך שוין וועגן דעם נישט בלויז השערות, נאָר קלאָרע באַווייזן פון דער פּרעסע גופא. דער חבר אַנדרייטשין האָט מיר צוגעשיקט אַ צייטל, אַרויסגעריסן פונם פעברואַר־נומער פון אַמעריקאַנישן זשורנאַל „ניישען" (נאַציע). שילדערנדיק בקיצור אונזערע לעצטע געשעענישן, שרייבט דערדאָזיקער אָנגעזעענסטער, לינק־דעמאָקראַטישער אָרגאַן:

„דאָס אַלץ רוקט אַרויס אויפן ערשטן אָרט די פראַגע: ווער פאַרטרעט די דורכפירונג פון באָלשעוויסטישן פּראָגראַם אין רוסלאַנד, און ווער—די אומפאַרמיידלעכע רעאַקציע קעגן איר. דער אַמעריקאַנער לעזער האָט שטענדיק געהאַלטן, אַז לענין און טראָצקי פאַרטרעטן איין זאַך, און די קאָנסערוואַטיווע פרעסע, ווי אויך די מלוכה־לייט זענען געקומען צו דערזעלבער מסקנה. אַזוי, למשל, האָט דער ניו־יאָרקער „טיימס" געזען די הויפּט־סיבה פאַר זיין שמחה צו ניי־יאָר אין דעם פאַקט, וואָס טראָצקי איז מיט מזל אויסגעשלאָסן געוואָרן פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי, און האָט דערביי פּראָסט־פּשוט דערקלערט, אַז די „פאַרטריבענע אָפּאָזיציע האָט געפאָדערט, מען זאָל פאַרנייטיקן די אידעען און באַדינגונגען, וואָס האָבן אָפּגעשניטן רוסלאַנד פון דער מערב-ציוויליזאַציע." כמעט אַלע גרויסע אייראָפּעישע צייטונגען האָבן געשריבן אין דעמזעלבן נוסח. סער אָסטין טשעמבערלען האָט געזאָגט אויף דער גענפער קאָנפערענץ, אַז לויט די באַריכטן אין די צייטונגען קאָן ענגלאַנד נישט פירן קיין שום אונטערהאַנדלונגען מיט רוסלאַנד, „כל זמן טראָצקי איז נאָך נישט צוגעשטעלט געוואָרן צו דער וואַנט." טשעמבערלען מוז איצט זיכער זיין צופרידן מיט טראָצקיס גירוש... לכל הדעות, זענען די פאַרטרעטער פון דער רעאַקציע אין אייראָפּע אַלע איינשטימיק אין זייערע אויספירונגען, אַז טראָצקי און נישט סטאַלין איז זייער געפערלעכסטער קאָמוניסטישער שונא." דאָס זאָגט גענוג, נישט אמת?...

אַ ביסל סטאַטיסטיק פון מיין זונס נאָטיצן. פון אַפּריל ביז אָקטאָבער 1928 האָבן מיר איבערגעשיקט פון אַלמאַ-אַטאַ בערך 800 פּאָליטיש בריוו, דערונטער אַ ריי גרעסערע אַרבעטן, און אומגעפער 550 טעלעגראַמעס. באַקומען האָבן מיר העכער 1000 פּאָליטישע בריוו, גרעסערע און קלענערע, ביי אַ 700 טעלעגראַמעס, מייסטנס קאָלעקטיווע. דאָס אַלץ איז געגאַנגען דער עיקר אין די ערטער פון דער פאַרשיקונג, אָבער פון דער פאַרשיקונג האָבן זיך די בריוו אַריינגעכאַפּט אויך אין לאַנד. אין די סאַמע גינסטיקע חדשים איז צו אונז דערגאַנגען נישט מער ווי אַ העלפט פון דער קאָרעספּאָנדענץ. חוץדעם, האָבן מיר באַקומען פון מאָסקווע אַ מאָל אַכט, ניין די געהיימע פּאָסט, ד. ה. קאָנספּיראַטיווע מאַטעריאַלן און בריוו, געשיקט דורך

ספעציעלע שליחים; פונקט אַזוי פיל מאָל האָבן מיר אויך איבערגע־שיקט געהיים קיין מאָסקווע. אַ דאַנק דער געהיימער פּאָסט, זענען מיר געווען אינפאָרמירט וועגן אַלע ענינים און מיר האָבן געהאַט די מעגלעכקייט צו רעאַגירן אויף די וויכטיקסטע געשעענישן, ווען אפילו מיט באַדייטנדיקע פאַרשפּעטיקונגען.

מיין געזונטצושטאַנד האָט זיך אין האַרבסט פאַרערגערט. די קלאַנגען וועגן דעם זענען דערגאַנגען קיין מאָסקווע. די אַרבעטער האָבן גענומען שטעלן פראַגן אויף די פאַרזאַמלונגען. די אָפיציעלע באַריכט־אָפּגעבער האָבן נישט אויסגעפונען קיין בעסערע זאַך, ווי אויסצומאָלן מיין געזונט מיט די רויזיקסטע פאַרבן.

דעם 20־סטן סעפּטעמבער האָט מיין פרוי געשיקט אוגלאַנאָוון, דעם דעמאָלדיקן סעקרעטאַר פון דער מאָסקווער אָרגאַניזאַציע, פאָלגנדיקע טעלעגראַמע:

„אין אייער רעדע אויפן פּלענום פונם מאָסקווער קאָמיטעט האָט איר דערמאַנט וועגן דער כּלומרשטער קראַנקהייט פון מיין מאַן ל. ד. טראָצקי. אויף דער באַאומרואיקונג און אויף די פראַ־טעסטן מצד די אומצייטיקע חברים דערקלערט איר מיט אויפרעגונג: „אָט וואָס פאַר אַ מיטלען מען נעמט אָן!” לויט אייערע ווערטער קומט אויס, אַז די אומווירדיקע מיטלען נעמען אָן נישט יענע, וואָס פאַרשיקן לענינס מיטקעמפער און וואַרפן זיי אונטער פאַרשיידענע קראַנקהייטן, נאָר דווקא די, וואָס פראָטעסטירן קעגן דעם. אויף וואָס פאַר אַ גרונט און מיט וועלכע רעכט מעלדעט איר דער פאַרטיי, די אַרבעטער־מאַסן, דער גאַנצער וועלט, אַז די ידיעות וועגן ל. ד.ס קראַנקהייט זענען פאַלשע? איר נאַרט דאָך אָפּ אויף דעם אופן די פאַרטיי. אין אַרכיוו פון צ. ק. געפינען זיך די מיינונגען פון אונזערע בעסטע דאָקטוירים וועגן ל. ד.ס געזונטצושטאַנד. קאָנסיליומס פון דידאָזיקע דאָקטוירים זענען נישט איינמאָל פאָרגעקומען לויט דער איניציאַטיוו פון וולאַדימיר איליאיטש, וואָס האָט זיך באַצויגן צו ל. ד.ס געזונט מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט. דידאָזיקע קאָנ־סיליומס, וואָס זענען פאָרגעקומען אויך נאָך לענינס טויט, האָבן קאָנסטאַטירט, אַז ל. ד. ליידט אויף אַ קאָליט און אויף פּאָדאַגרע, וואָס קומען פון אַ שלעכטן שטאָף־וועקסל. אפשר איז אייך באַוואוסט, אַז אין מאַי 1926 האָט זיך ל. ד. אין בערלין געלאָזט אָפּערירן, הגם אָן דערפאָלג, בדי זיך צו באַפרייען פון אַ העכערער טעמפּעראַטור,

טראָצקי און זיין פאמיליע אין פארשיקונג. אלמא אטא 1928.

וואָס פאַרפאָלגט אים שוין עטלעכע יאָר. קאָליט און פּאָדאַגרע זענען אַזעלכע קראַנקהייטן, פון וועלכע מען קאָן זיך נישט אויסקורירן, בפרט נאָך אין אַלמאַ־אַטאַ. מיט יאָרן, להיפּוך, פּראָגרעסירן זיי. דערהאַלטן דאָס געזונט אויף אַ געוויסער מדרגה איז מעגלעך בלויז ביי אַ נאָרמאַלן רעזשים און ביי אַ ריכטיקער קוראַציע. אין אַלמאַ־אַטאַ זענען ביידע זאַכן אוממעגלעך. וועגן דער נויטווענדיקייט פון אַזאַ רעזשים און אַזאַ קוראַציע קאָנט איר זיך אינפאָרמירן ביים פאָלקסקאָמיסאַר פאַר געזונטהייט סעמיאַשקאָ, וואָס האָט זיך נישט איינמאָל באַטייליקט אין די קאָנסיליומס אויף דער פאַראָרדענונג פון וולאַדימיר איליאיטש. חוצדעם, איז דאָ ל. ד. קראַנק געוואָרן אויף דער מאַלאַריע, וואָס ווירקט, פון איר זייט, אי אויפן קאָליט, אי אויף דער פּאָדאַגרע און רופט אַרויס פּעריאָדיש שטאַרקע קאָפּ־שמערצן. עס טרעפן וואָכן און חדשים, ווען דער צושטאַנד איז אַ גינסטיקערער, און דערנאָך קומען וואָכן און חדשים פון שווערע יסורים. אַזוי איז די פּאַקטישע לאַגע. איר האָט פאַרשיקט ל. ד. לויטן אַרטיקל 56 אַלס „קאָנטער־רעוואָלוציאָנער.“ מען וואָלט עס נאָך געקאָנט פאַרשטיין, ווען איר וואָלט, אַ שטייגער, דערקלערט, אַז ל. ד.ס געזונטצושטאַנד אינטערעסירט אייך נישט. אין דעם פאַל, וואָלט איר, לפּחות, געווען קאָנסעקווענט—מיט יענער פאַרניכטנדיקער קאָנסעקווענץ, וואָס אויב מען וועט זי נישט אָפּשטעלן, וועט זי אַריינלייגן אין קבר נישט בלויז די בעסטע רעוואָלוציאָנערן, נאָר אויך די פּאַרטיי און די רעוואָלוציע גופא. אָבער אונטערן דרוק פון דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג פון די אַרבעטער האָט איר, קענטיק, נישט דעם מוט צו זאָגן אָפן, אַז טראָצקיס קראַנקהייט איז אייך דווקא אויף דער האַנט, ווייל זי קאָן אים שטערן צו טראַכטן און שרייבן, לייקנט איר פּשוט אָפּ דידאָזיקע קראַנקהייט. אַזוי האַנדלען אויך אין זייערע אַרויסטרעטונגען קאַלינין, מאָלאָטאָוו און אַנדערע. דער פאַקט, וואָס איר זענט געצוואונגען צו געבן דער מאַסע אַן ענטפער אויף דערדאָזיקער פראַגע און איר באַמיט זיך אויף אַזאַ אומווירדיקן אופן דערפון זיך אַרויסצודרייען, באַווייזט קלאָר, אַז דער אַרבעטערקלאַס גלויבט נישט אין דער פּאָליטישער רכילות, וואָס איר פאַרשפּרייט וועגן טראָצקין. דער אַרבעטער־קלאַס וועט אויך נישט גלויבן אייערע ליגנס וועגן ל. ד.ס געזונטצושטאַנד.

נ. י. סיעדאָוואַ־טראָצקאַיאַ.

פיר און פערציקסטער קאַפּיטל

דער גירוש

אין אָקטאָבער 1928 האָט זיך אונזער לאַגע שאַרף געענדערט. אונזער קאָנטאַקט מיט די געזינונגס־חברים, פריינט, אפילו קרובים אין מאָסקווע איז פלוצלונג איבערגעריסן געוואָרן. בריוו און טעלעגראַמעס האָבן אינגאַנצן אויפגעהערט אָנצוקומען. אויף דער מאָסקווער טעלעגראַפן־סטאַציע האָט זיך אָנגעזאַמלט, ווי מיר האָבן זיך שפּעטער אויף אַ באַזונדערן אופן דערוואוסט, הונדערטער טעלעגראַמעס, באַזונדערס אין יאָרטאָג פון דער אָקטאָבער־איבערקערעניש. דער רינג אַרום אונז האָט זיך אַלץ ענגער איינגעפּרעסט.

אין פאַרלויף פון יאָר 1928 איז די אָפּאָזיציע, נישט געקוקט אויף דער ווילדער העצע, אָפן געוואַקסן, דער עיקר אין די גרויסע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען. דאָס האָט געפירט דערצו, אַז עס זענען פאַרשאַרפט געוואָרן די רעפּרעסיעס און בפרט איז באַזייטיקט געוואָרן די קאָרעספּאָנדענץ אפילו צווישן די פאַרשיקטע חברים. מיר האָבן זיך געריכט, אַז נאָך דעם וועלן קומען ווייטערדיקע רעפּרעסיעס, און האָבן קיין טעות נישט געהאַט.

דעם 16־טן דעצעמבער האָט מיר אַ באַפולמעכטיקטער פון ג פּ או, וואָס איז ספּעציעל אַראָפּגעקומען פון מאָסקווע, איבערגעגעבן אין נאָמען פון דערדאָזיקער אינסטיטוציע פאָלגנדיקן אולטימאַטום: כּדי אויסצומיידן אַזעלכע מיטלען, וואָס קאָנען מיך לגמרי „איזאָלירן פון פּאָליטישן לעבן״ טאָר איך מער נישט אָנפירן מיטן

קאַמף פון דער אָפּאָזיציע. די פראַגע וועגן אַ גירוש קיין אויסלאַנד איז נישט באַרירט געוואָרן—עס האָט זיך געהאַנדלט—אויף וויפיל איך האָב פאַרשטאַנען, וועגן מיטלען אין לאַנד גופא.

אויף דעמדאָזיקן „אולטימאַטום" האָב איך געענטפערט מיט אַ בריוו אויפן נאָמען פון צ. ק. פון דער פּאַרטיי און דעם פּרעזידיום פון קאָמאינטערן. איך האַלט פאַר נויטיק צו ברענגען דאָ דעם וויכ־טיקסטן טייל פון דעמדאָזיקן בריוו:

„היינט, דעם 16־טן דעצעמבער, האָט מיר דער באַפולמעכ־טיקטער פון דער ג פּ או־קאָלעגיע, וואָלינסקי, איבערגעגעבן מונד־לעך, אין נאָמען פון דערדאָזיקער קאָלעגיע, פאָלגנדיקן אולטימאַטום:

„די אַרבעט פון אייערע געזינונגס־חברים אין לאַנד—אַזוי האָט ער כמעט ווערטלעך דערקלערט—האָט אָנגענומען אין דער לעצטער צייט אַן אָפענעם קאָנטר־רעוואָלוציאָנערן כאַראַקטער; אייערע לעבנס־באַדינגונגען אין אַלמאַ־אַטאַ גיבן אייך די מעגלעכקייט אָנצו־פירן מיט דערדאָזיקער אַרבעט; צוליב דעם האָט די קאָלעגיע פון ג פּ או באַשלאָסן צו פאָדערן פון אייך אַ קאַטעגאָרישע פאַרפליכטונג אָפּצושטעלן אייער טעטיקייט; אין קעגנפאַל—וועט די קאָלעגיע זיין געצוואונגען צו ענדערן אייערע לעבנס־באַדינגונגען אויף אַזאַ אופן, אַז איר זאָלט לגמרי אָפּגעשניטן ווערן פון פּאָליטישן לעבן, וואָס אין צוזאַמענהאַנג דערמיט וועט מען אויך מוזן אויפהייבן די פראַגע וועגן ענדערן אייער וואוינאָרט."

איך האָב דערקלערט דעם באַפולמעכטיקטן פון ג פּ או, אַז איך קאָן נאָר געבן אַ שריפטלעכן ענטפער, ווען איך זאָל באַקומען פון אים אַ שריפטלעכע פאָרמולירונג פונם ג פּ או־אולטימאַטום. איך זאָג מיך אָפּ פון אַ מונדלעכן ענטפער צוליב דער איבערצייגונג, וואָס שטיצט זיך אויף דער דערפאַרונג פון דער גאַנצער פאַרגאַנגענהייט, אַז מיינע ווערטער וועלן ווידער בייזוויליק איבערגעדרייט ווערן, כדי אַריינצופירן אין אַ טעות די אַרבעטער־מאַסן פון ססס"ר און פון דער גאַנצער וועלט.

אומאָפּהענגיק אָבער דערפון, ווי עס וועט ווייטער האַנדלען דער קאָלעגיע פון ג פּ או, וואָס שפּילט דאָ נישט קיין זעלבסט־שטענדיקע ראָל, נאָר פירט אויס טעכניש דעם אַלטן און מיר לאַנג באַקאַנטן באַשלוס פון סטאַלינס ענגערער פראַקציע, האַלט איך פאַר גויטווענדיק באַקאַנט צו מאַכן דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער

קאָמוניסטישער פּאַרטיי פונם סאָוויעטן־פאַרבאַנד און דעם עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל מיט דעם פאָלגנדיקן:

די מיר געשטעלטע פאָדערונג זיך אָפּצוזאָגן פון פּאָליטישער טעטיקייט, הייסט זיך אָפּצוזאָגן פונם קאַמף פאַר די אינטערעסן פון אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט, וואָס איך פיר אומאויפהערלעך צוויי און דרייסיק יאָר נאָכאַנאַנד, ד. ה. אין פאַרלויף פון מיין גאַנצן באַוואוסטזיניקן לעבן. דער פרואוו פאָרצושטעלן דיזאָזיקע טעטיקייט אַלס „קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע", שטאַמט פון יענע, וועלכע איך באַשולדיק פאַר די אויגן פון אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט, אַז זיי טרעטן מיט די פיס די יסודות פון מאַרקסעס און לענינס לערע, אַז זיי פאַרלעצן די היסטאָרישע אינטערעסן פון דער וועלט־רעוואָלוציע, אַז זיי ברעכן די טראַדיציעס און געבאָטן פון אָקטאָבער און אַז זיי גרייטן צו דעם טערמידאָר אומבאַוואוסטזיניק, וואָס איז נאָך געפערלעכער.

זיך אָפּזאָגן פון פּאָליטישער טעטיקייט וואָלט געהייסן—אויפהערן דעם קאַמף קעגן דער היסטאָרישער בלינדקייט פון דער היינטיקער לייטונג פון וו קפּ, וואָס דורך איר אָפּאָרטוניסטישער אומפעאיקייט צו פירן אַ פּראָלעטאַרישע פּאָליטיק אין גרויסן מאַסשטאַב, לייגט זי נאָך ארויף אויף די אָביעקטיווע שוועריקייטן פון סאָציאַליסטישן אויפבוי אַלץ מער און מער פּאָליטישע שוועריקייטן.

דאָס וואָלט געהייסן זיך אָפּזאָגן פון קאַמף קעגן דעם דערשטיקעדיקן פּאַרטיי־רעזשים, וואָס שפּיגלט אָפּ דעם וואַקסנדיקן דרוק פון די פיינטלעכע קלאַסן אויפן פּראָלעטאַרישן אַוואַנגאַרד.

דאָס וואָלט געהייסן אויף א פּאַסיוון אופן שלום ווערן מיט דער ווירטשאַפטלעכער אָפּאָרטוניסטישער פּאָליטיק, וואָס גראָבט אונטער און צעטרייסלט די זיילן פון דער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט, האַלט אויף זיין מאַטעריעלע און קולטורעלע אַנטוויקלונג, און דערלאַנגט גלייכצייטיק אומברחמנותדיקע קלעפּ דעם בונד פון די אַרבעטער און האָרעפּאַשנע פּויערים—דעמדאָזיקן יסוד פון דער סאָוויעטן־מאַכט.

פון יאָר 1923, ד. ה. זינט דעם ביישפּילאָזן צוזאַמענברוך פון דער דייטשער רעוואָלוציע, באַקומט כסדר קלעפּ לענינס פּאַרטייפליגל. די קראַפט פון דיזאָזיקע קלעפּ שטייגט גלייכצייטיק מיט די

ווייטערדיקע מפלות פון אינטערנאַציאָנאַלן און סאָוויעטישן פּראָלעטאַריאַט אלס רעזולטאַט פון דער אָפּאָרטוניסטישער לייטונג.

דער טעאָרעטישער שׂכל און די פּאָליטישע דערפאַרונג באַווייזן, אַז דער פּעריאָד פון היסטאָרישער ירידה, פון ריקצוג, ד. ה. פון רעאַקציע, קאָן קומען נישט בלויז נאָך אַ בירגערלעכער, נאָר אויך נאָך אַ פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע. זעקס יאָר לעבן מיר אין ססס"ר, אין די באַדינגונגען פון אַ שטייגנדיקער רעאַקציע קעגן דעם אָקטאָבער. און דערמיט אַליין ווערט אויך אָפּגערייניקט דער וועג פאַרן טערמידאָר. דער בולטסטער און פאַרענדיקטסטער אויסדרוק פון דער דאָזיקער רעאַקציע אינערהאַלב דער פּאַרטיי איז — די ווילדסטע העצע און די אָרגאַניזירטע פאַרניכטונג פונם לינקן פליגל.

אין אירע לעצטע פּרוּוון זיך אַנטקעגנצושטעלן די אָפענע טערמידאָריאַנער, לעבט דער וויל סטאַלינס פראַקציע מיט די גייסטיקע שערבלעך און ברעקלעך פון דער אָפּאָזיציע. שעפעריש איז זי אָנמעכטיק. צוליב דעם קאַמף קעגן לינקס האָט זי אינגאַנצן פאַרלאָרן די שטאַנדהאַפטיקייט. איר פּראַקטישע פּאָליטיק איז אָן אַ שטאַנג, איז האָלץ, איז פול מיט סתירות, טויג צו גאָרנישט. די טומלדיקע קאַמפּאַניע קעגן דער רעכטער געפאַר איז אויף דריי פערטל בלויז אָן אָנשטעל און דינט קודם־כּל דערצו כּדי צו פאַרשלייערן פאַר די מאַסן דעם אמת פאַרניכטנדיקן קריג קעגן די באָלשעוויקעס־לעניניסטן. די וועלט־בורזשואַזיע און דער וועלט־מענשעוויזם היילן ביידע גלייך דעם דאָזיקן קריג: די „היסטאָרישע גערעכטיקייט” האָבן דידאָזיקע ריכטער שוין לאַנג צוגעמשפּט סטאַלינען.

ווען נישט דידאָזיקע בלינדע, פחדנותדיקע, און אומפעאיקע פּאָליטיק פון צוצופּאַסן זיך צו דער ביוראָקראַטיע און צום קליינבירגערטום, וואָלט די לאַגע פון די אַרבעטנדיקע מאַסן אויפן צוועלפטן יאָר פון דער דיקטאַטור זיכער געווען אַ פיל גינסטיקערע, די מיליטערישע פאַרטיידיקונג אָן אַן ערך אַ שטאַרקערע און זיכערע. דער קאָמאינטערן וואָלט געשטאַנען גאָר אויף אַן אַנדער הויך און נישט אָפּגעטרעטן כּסדר פאַר דער פאַרעטערישער און זיך פאַרקויפנדיקער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע.

די אומהיילבאַרע שוואַכקייט פון דער אַפּאַראַט־רעאַקציע ביי איר גאַנצער אויסערלעכער מאַכט, באַשטייט אין דעם, וואָס זי ווייס נישט, וואָס זי טוט. זי פירט אויס די באַשטעלונג פון די פיינטלעכע

קלאַסן. ס'איז נישטאָ קיין גרעסערע היסטאָרישע קללה פאַר אַ פראַקציע, וואָס איז אַרויס פון דער רעוואָלוציע און גראָבט זי אַליין אונטער.

די גרעסטע היסטאָרישע קראַפט פון דער אָפּאָזיציע, ביי איר איצטיקער אויסערלעכער שוואַכקייט, באַשטייט אין דעם, וואָס זי האַלט די האַנט אויפן דופק פונם וועלט־געשיכטלעכן פּראָצעס, זעט דייטלעך די דינאַמיק פון די קלאַסן־כוחות, זעט פאָר דעם מאָרגעדיקן טאָג און גרייט אים באַוואוסטזיניק צו. זיך אָפּזאָגן פון פּאָליטישער טעטיקייט וואָלט געהייסן זיך אָפּזאָגן פון דער צוגרייטונג פון דעם מאָרגעדיקן טאָג.

די דראָאונג צו ענדערן די באַדינגונגען פון מיין עקזיסטענץ און צו איזאָלירן מיך פון דער פּאָליטישער טעטיקייט קלינגט אַזוי, ווי איך וואָלט איצט נישט געווען פאַרשיקט אויף 4000 קילאָמעטער פון מאָסקווע, 250 קילאָמעטער פון אַן אייזנבאַן און אומגעפער אויף אַזאַ שטח פון די מערבדיקע מדבר־פּראָווינצן פון כינע, אין אַ געגנט, וואו די געפערלעכסטע מאַלאַריע טיילט איר ממשלה מיט צרעת און פּעסט. פונקט, אַ שטייגער, ווי סטאַלינס פראַקציע, וואָס די ג פּ או איז איר אוממיטלבאַרער אָרגאַן, וואָלט שוין נישט געטאָן אַלץ, וואָס זי האָט נאָר געקאָנט, כדי מיך צו איזאָלירן נישט בלויז פון פּאָליטישן, נאָר אויך פון יעדן אַנדערן לעבן. די מאָסקווער צייטונגען גייען אַהער אין אַ משך פון צען טעג ביז אַ חודש און מער. בריוו דערגייען צו מיר, ווי אַ זעלטענער אויסנאַם, נאָכדעם, ווי זיי האָבן זיך אַ חודש, צוויי און דריי אַרומגעוואַלגערט אין די שופלאָדן פון ג פּ או און אין סעקרעטאַריאַט פון צ ק.

די צוויי נאָענטסטע מיטאַרבעטער מיינע נאָך פאַר דער צייט פון בירגערקריג, די חברים סערמוקס און פּאָזנאַנסקי, וואָס האָבן זיך פריי־ווילליק באַשלאָסן מיך צו באַגלייטן אויף מיין פאַרשיקונגס־פונקט, האָט מען תיכף נאָך זייער קומען אַרעסטירט, אַריינגעוואָרפן אין אַ קעלער צוזאַמען מיט קרימינעלע אַרעסטאַנטן און נאָכדעם זיי אַרויסגעשיקט אין די וויטסטע ווינקלען פון צפון. דער בריוו פון מיין האָפנונגסלאָז קראַנקער טאָכטער, וואָס איר האָט זי אויסגעשלאָסן פון דער פּאַרטיי און דערווייטערט פון דער אַרבעט, איז פון מאָסקווער שפּיטאָל געגאַנגען צו מיר גאַנצע דריי און זיבעציג טעג, אַזוי, אַז מיין ענטפער איז שוין געקומען נאָך איר טויט. דעם בריוו וועגן

דער שווערער קראַנקהייט פון מײַן צווייטער טאָכטער, וואָס איר האָט אויך אויסגעשלאָסן פון דער פּאַרטיי און דערווייטערט פון דער אַרבעט, האָט מען מיר צוגעשטעלט פון מאָסקווע מיט אַ חודש צוריק אויפן דריי און פערציקסטן טאָג. טעלעגראַפישע אָנפראַגן וועגן געזונט־צושטאַנד קומען על־פּי־רוב נישט אָן אויף דעם אָנגעגעבענעם אַדרעס. אין דערזעלבער און נאָך אין אַן ערגערער לאַגע געפינען זיך טויזנטער אויסגעצייכנטע באָלשעוויקעס־לעניניסטן, וואָס זייערע פאַרדינסטן פאַר דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע און פאַרן אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט זענען אָן אַן ערך גרעסער, ווי די פאַרדינסטן פון יענע, וואָס האָבן זיי פאַרשפאַרט אין די תּפיסות אָדער פאַרשיקט.

צוגרייטנדיק כּסדר אַלץ נייע שווערע רעפּרעסיעס קעגן דער אָפּאָזיציע, פּרואווט זיך די ענגערע פראַקציע סטאַלינס—וועלכן לענין האָט נאָך אין זיין „צוואה" אָנגערופן „ברוטאַלער און אומלאָיאַלער", בעת זיינע דאָזיקע מעלות האָבן זיך נאָך נישט געהאַט אַנטוויקלט אויף קיין הונדערטסטן טייל—, כּסדר אונטערצורוקן דער אָפּאָזיציע עפּעס אַ „פאַרבינדונג" מיט די שונאים פון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור. אין אַן ענגערן קרייז זאָגן די הייגטיקע פירער: „דאָס איז נויטיק פאַר דער מאַסע." און טיילמאָל נאָך ציגישער: „דאָס איז פאַר די טפשים." מיין נאָענטסטן מיטאַרבעטער, געאָרגי וואַסיליעוויטש בוטאָוון, וואָס איז פאַר דער גאַנצער צייט פון בירגערקריג געווען סעקרעטאַר פון רעוואָלוציאָנערן קריגסראַט פון דער רעפּובליק, האָט מען אַרעסטירט און געהאַלטן אין אומדערהערטע באַדינגונגען; פון דעמדאָזיקן ריינעם, באַשיידענעם מענטשן און אומבאַפלעקטן פּאַרטייטוער האָט מען געפּרואווט אויספּרעסן אַ באַשטעטיקונג פאַר דער ריכטיקייט פון פאַרויסבאַוואוסטע, געפעלשטע, אימיטירטע, אומעכטע באַשולדיקונגען אין גייסט פון די טערמידאָריאַנישע אַמאַלגאַמעס. בוטאָוו האָט געענטפערט מיט אַ העלדישן הונגערשטרייק, וואָס האָט זיך געצויגן בערך 50 טעג און וואָס האָט אים אין סעפּטעמבער דאָס יאָר דערפירט אין תּפיסה צום טויט. געוואַלד־מיטלען, קלעפּ, פיזישע און מאָראַלישע ענוים־קשים ווערן אָנגעווענדט קעגן די בעסטע באָלשעוויסטישע אַרבעטער פאַר זייער טריי אָפּהיטן די געבאָטן פון אָקטאָבער. אַזוי זענען אויס די אַלגעמיינע באַדינגונגען, וואָס לויט דער מיינונג פון דער ג פּ אוּ־קאָלעגיע „שטערן זיי איצט נישט" דער פּאָליטישער אַרבעט פון דער אָפּאָזיציע בכלל און מיין פּערזענלעכער אַרבעט בפרט.

די נאַרישע דראָונג צו ענדערן דידאָזיקע באַדינגונגען אין זין פון אַ ווייטערדיקער איזאָלירונג, באַטייט נישט עפּעס אַנדערש, ווי דער באַשלוס פון סטאַלינס פראַקציע צו פאַרבייטן די פאַרשיקונג אויף אַ תּפיסה. דערדאָזיקער באַשלוס, ווי איך האָב שוין פריער געזאָגט, איז פאַר מיר נישט קיין סיורפּריז. אָנגעמערקט אין דער פּערספּעקטיוו נאָך אין יאָר 1924, ווערט דערדאָזיקער באַשלוס ביסלעכווייז, טריט ביי טריט, דורכגעפירט אין לעבן, כּדי אינדערשטיל צוצוגעוואוינען די דערדריקטע, אָפּגענאַרטע פּאַרטיי צו סטאַלינס מעטאָדן, וואָס זייער ברוטאַלע אומלאָיאַלקייט איז איצט אויסגעוואַקסן אין אַ פאַרסמטער אומרגנווירדיקער ביוראָקראַטיע.

אין דער „דערקלערונג", וואָס מיר האָבן צוגעשטעלט דעם VI־טן קאָנגרעס, האָבן מיר, ווי פאָרויסזעענדיק דעם אולטימאַטום, וואָס איז מיר היינט איבערגעגעבן געוואָרן, בוכשטעבלעך געשריבן: „פּאָדערן פון רעוואָלוציאָנערן אַזאַ מין אָפּזאָג (פון פּאָליטישער טעטיקייט, ד. ה. פון דינען דער פּאַרטיי און דער וועלט-רעוואָלוציע) וואָלט נאָר געקאָנט אַ דורך און דורך קאָרומפּירט בעאַמטענטום. איינגיין אויף אַזאַ פאַרפּליכטונג וואָלטן געווען אימשטאַנד נאָר מיאוסע רענעגאַטן."

איך קאָן אין דידאָזיקע ווערטער גאָרנישט ענדערן.

יעדערן דאָס זייניקע. איר ווילט אויך ווייטער דורכפירן די סוגעסטיעס פון די קלאַסן־כּוחות, וואָס זענען פיינטלעך דעם פּראָלעטאַריאַט. מיר ווייסן אונזער חוב. מיר וועלן אים דערפילן ביזן סוף. ל. טראָצקי. דעם 16-טן דעצעמבער 1928, אַלמאַ־אַטאַ."

נאָך דעמדאָזיקן ענטפער איז אַוועק אַ חודש צייט אָן שום ענדערונגען. אונזערע פאַרבינדונגען מיט דער אויסערלעכער וועלט, ווי אויך די אומלעגאַלע מיט מאָסקווע, זענען אינגאַנצן אָפּגעשניטן געוואָרן. אין משך פון יאַנואַר האָבן מיר באַקומען בלויז מאָסקווער צייטונגען. וואָס מער מען האָט דאָרט געשריבן וועגן קאַמף קעגן די רעכטע, אַלץ זיכערער האָבן מיר געוואַרט אויפן קלאַפּ קעגן די לינקע. דאָס איז דער מעטאָד פון דער סטאַלינשער פּאָליטיק.

דער מאָסקווער שליח פון ג פּ אָו, וואָלינסקי, איז געזעסן די גאַנצע צייט אין אַלמאַ־אַטאַ און געוואַרט אויף אינסטרוקציעס.

דעם 20־סטן יאַנואַר איז ער אַראָפּגעקומען צו מיר אין דער באַגלייטונג פון מערערע באַוואָפנטע אַגענטן פון **גפּאו**, וואָס האָבן באַזעצט אַלע טירן, און האָט מיר איבערגעגעבן דעמדאָזיקן אויסצוג פון פּראָטאָקאָל צוזאַמענגעשטעלט אין **גפּאו** דעם 18־טן יאַנואַר 1929: „**אויסגעהערט**: דעם ענין פון בירגער טראָצקי, ליעוו דאַווידאָוויטש, לויטן אַרטיקל 58/10 פון שטראָף־קאָדעקס וועגן דער באַשולדיקונג אין קאָנטער־רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין דער אָרגאַניזירונג פון אַן אומלעגאַלער אַנטי־סאָוויעטישער פּאַרטיי, וואָס איר אַרבעט ווערט אין דער לעצטער צייט אָנגעווענדט אויף דער פּראָוואָצירונג פון אַנטי־סאָוויעטישע אַרויסטרעטונגען און אויף דער צוגרייטונג פון אַ באַוואָפנטן קאַמף קעגן דער סאָוויעטן־מאַכט. **באַשלאָסן**: אַרויסצושיקן דעם בירגער טראָצקי, ליעוו דאַווידאָוויטש, פון די גרענעצן פון **סססר**.‟

ווען מען האָט נאָכדעם געפאָדערט פון מיר, איך זאָל מיך אונטערשרייבן, אַז מען האָט מיר איבערגעגעבן דעמדאָזיקן באַשלוס, האָב איך אָנגעשריבן: „דער באַשלוס פון **גפּאו**, וואָס איז פאַרברעכעריש לויטן תוך און אומגעזעצלעך לויט דער פאָרם, איז מיר איבערגעגעבן געוואָרן דעם 20־סטן יאַנואַר 1929. טראָצקי.‟

איך האָב דעם באַשלוס אָנגערופן פאַרברעכעריש, ווייל ער באַשולדיקט מיך, באַוואוסטזיניק פאַלש, אין אַ באַוואָפנטן קאַמף קעגן דער סאָוויעטן־מאַכט. דידאָזיקע פאָרמולע, וואָס סטאַלין האָט זי געמוזט האָבן, כדי צו באַרעכטיקן דעם גירוש, איז שוין אַליין די ביזוויליקסטע אונטערגראָבונג פון דער סאָוויעטן־מאַכט. ווען עס זאָל זיין ריכטיק, אַז די אָפּאָזיציע, אָנגעפירט דורך די לייטער פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, דורך די בויער פון דער סאָוויעטן־רעפּובליק און דער רויטער אַרמעע, גרייט צו אַ באַוואָפנטע אומשליידערונג פון דער סאָוויעטן־מאַכט, וואָלט דאָס אַליין באַטייט, ווי קאַטאַסטראָפאַל עס איז די לאַגע אין לאַנד. צום גליק, איז דידאָזיקע פאָרמולע פון **גפּאו** נישט מער ווי אַ חוצפּהדיקער שקר. די פּאָליטיק פון דער אָפּאָזיציע האָט נישט קיין שום שייכות מיט דער צוגרייטונג פון אַ באַוואָפנטן קאַמף. מיר אָריענטירן זיך אויסשליסלעך און פעסט אויף דער איבערצייגונג פון דער טיפער לעבנספעאיקייט און עלאַסטישקייט פון דעם סאָוויעט־רעזשים. אונזער וועג איז דער וועג פון דער אינערלעכער רעפאָרם.

אויף מיין פֿאָדערונג, אַז מען זאָל מיר מיטטיילן ווי און וואו־
הין מען האָט בדעה מיך אַרויסצושיקן, האָב איך באַקומען אַן ענט־
פֿער, אַז דאָס וועט מיר נאָך אין די גרענעצן פֿון אייראָפּעאישן
רוסלאַנד מיטטיילן אַ פֿאָרשטייער פֿון ג פּ או, וואָס פֿאָרט אונז
אַנטקעגן. צומאָרגנס האָט מען דעם גאַנצן טאָג געהאַלטן אין איין
פּאַקן די זאַכן, כּמעט אויסשליסלעך מאַנוסקריפּטן און ביכער. פֿאַר־
בייגייענדיק וועל איך באַמערקן, אַז די אַגענטן פֿון ג פּ או האָבן
נישט אַרויסגעוויזן קיין שאָטן פֿון פּיינטשאַפֿט. פּונקט פֿאַרקערט.
דעם 22־סטן באַגינען זענען מיר—איך, מיין פֿרוי, מיין זון און די
וואַך—שוין געזעסן אין אויטאָבוס, וואָס האָט אונז אויפֿן גלאַט־איינ־
געטראָטענעם שנייוועג דערפֿירט ביזן באַרגפּאַס פֿון קורדאַי. אויפֿן
באַרגפּאַס איז דער וועג געווען פֿאַרשאָטן מיט שניי. עס האָט שטאַרק
געשנייט. דער מעכטיקער טראַקטאָר, וואָס האָט אונז געזאָלט אַדורכ־
פֿירן איבערן קורדאַי, איז אַליין געבליבן שטעקן אין שניי, צו־
זאַמען מיט די זיבן אויטאָמאָבילן, וועלכע ער האָט מיטגעשלעפּט.
בעת די שניי־זאַוויערוכעס זענען אויפֿן באַרגפּאַס פֿאַרפֿרוירן געוואָרן
זיבן מענטשן און אַ גאַנץ היפּשע צאָל פֿערד. מען האָט זיך געמוזט
איבערזעצן אין שליטנס. אין העכער זיבן שעה האָט מען קוים
אַדורכגעמאַכט דרייסיק קילאָמעטער. לענגאויס דעם מיט שניי פֿאַר־
וויטן וועג האָבן זיך אַרומגעוואַלגערט אַ סך שליטנס מיט אַרויס־
טאַרטשנדיקע האָלאָבליעס, אַ סך מאַטעריאַלן פֿאַר דער טורקעסטאַ־
ניש־סיבירישער אייזנבאַן, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין בויען, אַ סך
נאַפֿט־פֿעסער, וואָס זענען פֿאַרזונקען געוואָרן אין שניי. מענטשן און
פֿערד האָבן זיך אויסבאַהאַלטן פֿון די שניי־זאַוויערוכעס אין די נאָענטע
קירגיזישע ווינטער־הייזלעך. אַריבערגעקומען דעם באַרגפּאַס, האָבן
מיר זיך צוריק אַריינגעזעצט אין אויטאָמאָביל, און אין פּישפּעק
האָבן מיר זיך שוין איבערגעפּעקלט אין צוג. די מאָסקווער צייטונ־
גען, וואָס זענען אונז אַנטקעגנגעקומען אין וועג, האָבן עדות גע־
זאָגט, אַז עס ווערט צוגעגרייט די עפֿנטלעכע מיינונג צו דעם גירוש
פֿון די אָפּאָזיציע־פֿירער קיין אויסלאַנד. אין ראַיאָן פֿון אַקטיובינסק
איז אונז מיטגעטיילט געוואָרן דורך דער דירעקטער לייטונג, אַז
קאָנסטאַנטינאָפּאָל איז באַשטימט געוואָרן פֿאַר אונזער פֿאַרשיקונגס־
פּונקט. איך פֿאָדער, מען זאָל מיר דערלויבן זיך צו זען מיט צוויי
מיטגלידער פֿון מיין פֿאַמיליע, מיט מיין צווייטן זון און דער שנור,

וועלכע געפינען זיך אין מאָסקווע. מען ברענגט זיי אַראָפּ אויף דע־סטאַציע ריאַזשסק, וואו זיי וואַרפן זיך אונטער דעמזעלבן רעזשים, וואָס מיר. דער נייער פאַרטרעטער פון ג.פּ.או, בולאַנאָוו, וויל מיך איבערצייגן אין די מעלות פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל. איך זאָג מיך קאַטעגאָריש אָפּ פון זיי. בולאַנאָוו שמועסט זיך דורך מיט מאָסקווע דורך דער דירעקטער ליטונג. דאָרט האָט מען פאָרויסגעזען אַלץ, אויסער די מניעות, וועלכע קאָנען אַרויסקומען פון דעם, ווען איך זאָל, אַ שטייגער, נישט וועלן פרייוויליק אַרויספאָרן קיין אויסלאַנד. אונזער צוג, וואָס איז אַזויאַרום אַראָפּגעשלאָגן געוואָרן פון זיין באַשטימטער ריכטונג, שלעפּט זיך שלעפּעריק פאָרויס, שטעלט זיך אָפּ אויף אַ פאַרוואָרפענעם אייזנבאַן־צווייגל, לעבן אַ קליינער, טויטער סטאַציע, און שטאַרבט דאָרט אָפּ צווישן צוויי יונגע שיטערע וועלדלעך. אַזוי פאַרגייט אַ טאָג נאָך אַ טאָג. עס וואַקסט די צאָל ליידיקע קאָנסערוון־פּושקעס אַרום אונזער צוג. ווראָנעס און קראָען פאַרזאַמלען זיך דאָ אין גרויסע מחנות און ווילן זיך אָנלעבן אַרום אונז. וויסט. איינזאַם. קיין האָזן זענען דאָ נישטאָ: אין האַרבסט האָט זיי אויסגעראָטן אַ ווילדע עפּידעמיע. דערפאַר אָבער האָט א פוקס דערפירט זיינע ווייכע שפּורן ביזן סאַמע צוג. דער לאָקאָמאָטיוו מיט איין וואַגאָן פאָרט יעדן טאָג צו אַ גרעסערער סטאַציע און ברענגט מיטאָגן און צייטונגען. אין אונזער וואַגאָן הערשט אַ גריפּע. מיר לייענען נאָכאַמאָל אַנאַטאָל פראַנס און די רוסישע געשיכטע פון קליוטשעווסקין. איך באַקען זיך צום ערשטן מאָל מיט איסטראַטין. דער פראָסט דערגרייכט ביז 38 גראַד רעאָמיור, אונזער לאָקאָמאָטיוו שפּאַצירט אַרום איבער די שינעס, כדי נישט איינצופרירן. אין דער לופט רופן זיך איבער ראַדיאָ־סטאַציעס און פרעגן זיך אָן, וואו מיר געפינען זיך. מיר הערן נישט דידאָזיקע פראַגן, מיר שפּילן אין שאָך. נאָר ווען מיר זאָלן אפילו הערן, וואָלטן מיר אויך נישט געקאָנט ענטפערן. געקומען אהער אינמיטן נאַכט, האָבן מיר נישט געוואוסט, וואו מיר געפינען זיך.

אַזוי זענען אַוועק צוועלף טעג און צוועלף נעכט. דאָ האָבן מיר זיך דערוואוסט פון די צייטונגען וועגן נייע אַרעסטן פון עטלעכע הונדערט מאַן, דערונטער 150 מאַן פון דעם אַזויגערופענעם „טראָצקיסטישן צענטר“. עס זענען אָנגערופן פאָלגנדיקע נעמען:

קאַוטאַראַדזע, דער פריערדיקער פּאַרזיצנדער פון סאָוויעט פון די פאָלקסקאָמיסאַרן אין גרוזיע; מדיוואַני, דער געוועזענער האַנדלס־פאַרטרעטער פון ססםר אין פּאַריז; וואָראָנסקי, אונזער בעסטער ליטעראַטור־קריטיקער, און אַנדערע. אַלץ אַלטע פּאַרטיי־אַרבעטער, אָרגאַניזאַטאָרן פון דער אָקטאָבער־איבערקערעניש.

דעם 8־טן פעברואַר דערקלערט בולאַנאָוו: „נישט געקוקט אויף דער שטאַרקער השתדלות מצד מאָסקווע, האָט זיך די דייטשע רעגירונג קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט אייך אַריינצולאָזן קיין דייטשלאַנד. מיר האָט מען געגעבן אַן אַנטגילטיקן באַפעל אייך צוצושטעלן קיין קאָנסטאַנ־טינאָפּאָל.״ „איך וועל אָבער פרייוויליק נישט פאָרן און דאָס דער־קלערן אויף דער טערקישער גרענעץ.״ „דאָס וועט די זאַך נישט ענ־דערן, ווייל איר וועט סיי ווי סיי געבראַכט ווערן קיין טערקיי.״ „הייסט עס, אַז איר האָט אַן אָפּמאַך מיט דער טערקישער פּאָליציי, אַריבערצוטראַנספּאָרטירן מיך מיט געוואַלט איבער דער גרענעץ קיין טערקיי?״ אַן אויסווייכנדיקער זשעסט: „מיר זענען נאָר אויס־פירער.״

נאָך אַ צוועלפטאָגיקער הפסקה לאָזט זיך אונזער וואַגאָן אין באַוועגונג. אונזער קליינער צוג וואַקסט, ווייל עס וואַקסט כּסדר דע קאָנוואָי. פון וואַגאָן האָבן מיר נישט קיין מעגלעכקייט אַרויסצוגיין די גאַנצע צייט פון אונזער רייזע, אָנהייבנדיק פון פּישפּעק. מיר פאָרן איצט מיט דער גאַנצער שנעלקייט אויף דרום, שטעלן זיך אָפּ נאָר אויף קליינע סטאַציעס, כּדי אָנצונעמען וואַסער און ברען־מאַטעריאַל. דידאָזיקע שטרענגע פאָרזיכטסמיטלען זענען אַרויסגערופן געוואָרן דורך דער דערינערונג פון דער מאָסקווער דעמאָנסטראַציע בעת מיין אַרויסשיקונג אין יאַנואַר 1928. אונטערוועגס ברענגען אונז די צייי־טונגען דעם אָפּקלאַנג פון דער נייער גרויסער קאַמפּאַניע קעגן די טראָצקיסטן. צווישן די שורות מערקט מען דעם קאַמף פון די אָנפירער בנוגע מיין אַרויסשיקן. די סטאַלינשע פראַקציע איילט זיך. זי האָט אויף דעם געפונג מאַטיוון. זי איז אָבער געצוואונגען צו באַזייטיקן נישט בלויז פּאָליטישע, נאָר אויך פיזישע מניעות. אָפּצוטראַנספּאָר־טירן אונז פון אָדעס איז באַשטימט דער דאַמפער „קאַלינין״. ער איז אָבער איינגעפרוירן. אַלע באַמיאונגען פון די אייזברעכער זענען געבליבן אָן דערפאָלג. מאָסקווע איז געשטאַנען ביים טעלעגראַפן־

דראָט און האָט געיאָגט. מיט דער גרעסטער איילעניש איז צוגע־גריט געוואָרן דער דאַמפער „איליטש". קיין אָדעס איז אונזער צוג געקומען דעם 10־טן פעברואַר ביינאַכט. איך האָב ארויסגעקוקט דורכן פענסטער אויף די מיר באַקאַנטע ערטער: אין דערדאָזיקער שטאָט האָב איך פאַרבראַכט זיבן שול־יאָרן. אונזער וואַגאָן האָט מען צוגע־פירט ביזן דאַמפער. עס איז געווען אַ מוראדיקער פראָסט. נישט גע־קוקט אויף דער טיפער נאַכט, איז דער האַפן געווען אַרומגערינגלט דורך אַגענטן און מיליטער פון דער גפּאו. דאָ האָבן מיר זיך גע־מוזט אָפּגעזעגענען מיט אונזער יונגערן זון און דער שנור, וואָס האָבן פאַר די לעצטע צוויי וואָכן מיטגעמאַכט אונזער אַרעסט. דורכן פענסטער פון וואַגאָן האָבן מיר געקוקט אויפן דאַמפער, וואָס האָט אויף אונז געוואַרט, און זיך דערמאָנט אָן אַן אַנדער דאַמפער, וואָס האָט אונז אויך אַוועקגעפירט אויף אַן אָרט, וועלכן מיר האָבן נישט אויסגעוויילט. געווען איז עס אין מערץ 1917 ביי גאַליפאַקס, וואו די ענגלישע קריגסמאַטראָסן האָבן מיך פאַר די אויגן פון די צאָל־רייכע פּאַסאַזשירן אַוועקגעטראָגן אויף די הענט צום נאָרוועגישן דאַמפער „כריסטיאַניאַפיאָרד". אונזער פאַמיליע איז דאַן געווען אין דעמזעלבן צוזאַמענשטעל, נאָר אַלע מיט צוועלף יאָר יונגער.

אָן משא און אָן פּאַסאַזשירן האָט „איליטש" זייגער איינס ביי־נאַכט פאַרלאָזן דעם ברעג. אויף א שטח פון גאַנצע זעכציק מייל האָט אונז אַן אייזברעכער געמאַכט אַ וועג. דער שטורעם, וואָס האָט דאָ געווילדעוועט, האָט אונז פארכאַפּט נאָר מיט זיין לעצטן אויס־ברוך. דעם 12־טן פעברואַר זענען מיר אַריינגעפאָרן אין באָספאָר. דעם טערקישן פּאָליציי־אָפיציר, וואָס איז אין ביוק־דערע אַרויף אויפן דאַמפער צו קאָנטראָלירן די פּאַסאַזשירן—אויסער מיין פאַ־מיליע און די אַגענטן פון גפּאו, זענען אויפן שיף קיין פּאַסאַזשירן נישט געווען—האָב איך דערלאַנגט איבערצושיקן דעם פּרעזידענט פון דער טערקישער רעפּובליק קעמעל־פּאַשא, פאָלגנדע דער־קלערונג:

„זייער געערטער הער. ביים טויער פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָב איך דעם כבוד אייך צו מעלדן, אַז צו דער טערקישער גרענעץ בין איך געקומען לחלוטין נישט מיט מיין אייגענעם ווילן, און איבער־גיין דידאָזיקע גרענעץ קאָן איך נאָר אונטערוואַרפנדיק זיך דעם גע־

וואַלט. איך בעט אייך, הער פרעזידענט, אַנטקעגנצוקומען מיינע אנטשפּרעכנדיקע געפילן. ל. טראָצקי. 12־טער פעברואר 1929.״

קיין פּאָלגן האָט די דאָזיקע דערקלערונג נישט געבראַכט. דער דאַמפער איז אריינגעפאָרן ווייטער אין האַפן. נאָך אַ נסיעה פון 22 טעג, דורכמאַכנדיק א שטח פון 6000 קילאָמעטער, האָבן מיר זיך געפונען אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל.

פינף און פערציקסטער קאַפּיטל

דער פּלאַנעט אָן אַ וויזע

מיר געפינען זיך אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, פריער אין בנין פון קאָנסולאַט, דערנאָך אין א פריוואט־וואוינונג. עטלעכע שורות פון מיין פרויס נאָטיצן בנוגע דעמדאָזיקן ערשטן פּעריאָד: „עס לוינט זיך אפשר גאָרנישט אָפּצושטעלן אויף די קליינע אַוואַנטורעס, וואָס זענען אַנטשטאַנען אין צוזאַמענהאַנג מיט אונזער באַזעצן זיך אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. קליינע אָפּנאַרערייען און קליינע געוואלט־אַקטן. איך וויל באָר איבערגעבן איין עפּיזאָד. נאָך אין צוג, אונטערוועגס קיין אָדעס, ווען דער באַפולמעכטיקטער פון ג פּ או, בולאנאָוו, האָט פּלומרשט געמאכט פאַרשיידענע פּראָפּאָזיציעס (לגמרי צוועקלאָזע) בנוגע אונזער זיכערקייט אין אויסלאנד, האָט אים ל. ד. איבערגעשלאָגן מיט די ווערטער: „לאָזט מיטפאָרן מיט מיר אַהער מיינע מיטארבעטער, סערמוקסן און פּאָזנאַנסקין,—דאָס וואָלט געווען אין אַ געוויסער מאָס דאָס איינציקע ווירקזאמע מיטל.״ בולאַנאָוו האָט תיכף איבערגעשיקט דידאָזיקע ווערטער קיין מאָסקווע. אויף איינער פון די ווייטערדיקע סטאַציעס האָט ער פייערלעך געבראַכט דעמדאָזיקן ענטפער פון מאָסקווע, אַז די ג פּ או, דאָס הייסט די פּאָליטביוראָ, איז מסכים דערצו. ל. ד. האָט צו אים געזאָגט לאַכנדיק: „איר וועט סיי ווי אָפּנאַרן.״ בולאַנאָוו, ווי עס שיינט, טיף באַליידיקט, האָט אויסגעשריען: „דעמאָלט וועט איר מיך אָנרופן טויגעניכץ!״ „צו וואָס זאָל איך אייך באַליידיקן,—האָט געענטפערט ל. ד.—אָפּנאַרן וועט נישט איר, אָפּנאַרן

ווען סטאַלין." קומענדיק קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָט זיך ל. ד. אינפאָרמירט מכּח סערמוקסן און פּאָנאַנסקין. אין עטלעכע טעג אַרום האָט אַ פאַרטרעטער פון קאָנסולאַט געבראַכט אַ טעלעגראַפישן ענטפער פון מאָסקווע: „מען וועט זיי נישט אַרויסלאָזן." אַזוי האָט אויסגעזען אַלץ."

דאָס, וואָס עס האָט זיך אַ שאָט געטאָן אויף אונז דורך דער פּרעסע גלייך נאָך אונזער אָנקומען קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, איז געווען אַן אומענדלעכע קייט פון קלאַנגען, השערות און פאַנטאַסטישע מעשיות וועגן אונזער גורל. די פּרעסע פאַרטראָגט נישט קיין בלויזן אין איר אינפאָרמאַציע און איז ביי איר אַרבעט נישט קאַרג. כּדי עס זאָלן אויסוואַקסן די זוימען, וואַרפט די נאַטור אויפן ווינט טויזנטער זריעה־קערנדלעך. אַזוי האַנדלט אויך די פּרעסע. זי כאַפּט אונטער און טראָגט פאַנאַנדער קלאַנגען, פאַרמערנדיק זיי אָן אַ סוף און אָן אַן עק. הונדערטער און טויזנטער ידיעות שטאַרבן אָפּ, ביז דער אמתער נוסח ווערט באַשטעטיקט. אָפטמאָל געשעט עס ערשט מיט יאָרן שפּעטער. עס פּאַסירט אָבער אויך, אַז פאַרן אמת קומט בכּלל נישט די צייט.

וואָס עס איבערראַשט דערעיקר אין אַלע אַזעלכע פאַלן, ווען די געזעלשאַפטלעכע מיינונג איז לעבהאַפט פאַראינטערעסירט, דאָס איז די מענטשלעכע פאַלשקייט. איך רייד וועגן דעם אָן אַ שום מאָראַלישער פאַרביטערונג, גיכער מיט אַ טאָן פון אַ נאַטורפאָרשער, וואָס קאָנסטאַטירט פאַקטן. דאָס באַדערפעניש, ווי אויך די געוווינהייט צו זאָגן ליגן, שפּיגלען אָפּ די סתירות פון אונזער לעבן. מען מעג באַהויפּטן, אַז צייטונגען זאָגן נאָר אין אויסנאַמספאַלן דעם אמת. דערמיט וויל איך לגמרי נישט באַליידיקן די זשורנאַליסטן זיי אונטערשיידן זיך נישט שטאַרק פון אַנדערע מענטשן. זיי זענען נאָר זייער שפּראַך־רער.

זאָ״אַ האָט געשריבן וועגן דער פראַנצויזישער פינאַנסן־פּרעסע, אַז זי איז איינגעטיילט אין צוויי גרופּן: די, וואָס לאָזט זיך קויפן, און די אַזויגערופענע „אומפאַרקויפלעכע", ד. ה. אַזעלכע, וואָס פאַרקויפט זיך נאָר אין אויסנאַמספאַלן און פאַר זייער גרויסע סומעס. ענלעכס קאָן מען אויך זאָגן וועגן דער ליגנערישקייט פון דער פּרעסע בכּלל. די געלע גאַסן־פּרעסע זאָגט כּסדר ליגן, אומבאַדענקלעך און אומברחמנותדיק. אָבער צייטונגען ווי „Times" אָדער

„Temps“ זאָגן ביי אַלע אומוויכטיקע און גלייכגילטיקע אומשטענדן דעם אמת, כדי צו האָבן די מעגלעכקייט אין נויטיקע פאַלן אָפּצונאַרן די עפנטלעכע מיינונג מיטן גאַנצן אויטאָריטעט.

דער „Times“ האָט שפּעטער געבראַכט די ידיעה וועגן דעם, אַז איך בין געפאָרן קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל נאָך אַ פאַרשטענדיקונג מיט סטאַלינען, כדי דאָ צוצוגרייטן די מיליטערישע דעראָבערונג פון די לענדער אויפן נאָענטן מזרח. דער זעקסיעריקער קאַמף צווישן מיר און די עפּיגאָנען איז געשילדערט געוואָרן ווי אַ פּשוטע קאָמעדיע מיט לכתחילה פאַרטיילטע ראָלן. „ווער וועט עס גלויבן?“ וועט פרעגן אַן אָפּטימיסט—און זיך טועה זיין. אַ סך וועלן עס גלויבן. טשערטשיל וועט אפשר זיין צייטונג נישט גלויבן. אָבער קלאַינס וועט זיכער גלויבן, לפּחות נאָר בלויז טיילווייז. דערין באַשטייט דאָך דער מעכאַניזם פון דער קאַפּיטאַליסטישער דעמאָקראַטיע, ריכטיקער געזאָגט, דאָס איז איינע פון אירע וויכטיקסטע טרייבפעדערן, אָבער דאָס אַלץ נאָר פאַרבייגייענדיק. וועגן קלאַינסן וועל איך נאָך ריידן.

באַלד נאָך אונזער קומען קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָב איך אין איינער פון די בערלינער צייטונגען געלייענט די רעדע פון פרעזידענט פון דייטשן רייכסטאַג, וואָס ער האָט געהאַלטן לכּבוד דעם צענטן יאָרטאָג פון דער ווייִמאַרער נאַציאָנאַל-פאַרזאַמלונג. די רעדע האָט זיך געענדיקט מיט פאָלגנדע ווערטער: „אפשר וועלן מיר נאָך דערגיין דערצו, צו געבן דעם הער טראָצקי דאָס פרייהייטלעכע אַזיל. (לעבהאַפטער בייפאַל מצד דער מערהייט).“

די ווערטער פון הער לעבע זענען פאַר מיר געווען אַ פולשטענדיקע איבערראַשונג, ווייל אַלץ, וואָס עס איז פריער פאָרגעקומען, האָט געגעבן אַ גרונט צו קלערן, אַז די דייטשע רעגירונג האָט געלייזט די פראַגע וועגן מיין איינרייזע-באַווילּיקונג קיין דייטשלאַנד אין נעגאַטיוון זין. אַזוי האָט לכל-הפּחות געקלונגען די קאַטעגאָרישע באַהויפּטונג פון די אַגענטן פון דער סאָוויעט-רעגירונג. דעם 15-טן פעברואַר האָב איך אַרויסגערופן דעם פאַרטרעטער פון ג פּ או, וואָס האָט מיך באַגלייט קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, און אים געזאָגט: „איך מוז קומען צום באַשלוס, אַז מען האָט מיך פאַלש אינפאָרמירט. לעבעס רעדע איז געהאַלטן געוואָרן דעם 6-טן פעברואַר. פון אָדעס זענען מיר ערשט אָפּגעפאָרן מיט אייך קיין טערקיי דעם

10־טן ביינאַכט. משמעות, אַז לעבעס רעדע איז שוין דאַן אין מאָסקווע געווען באַקאַנט. איך רעקאָמענדיר אייך, תיכף צו טעלעגראַפירן קיין מאָסקווע און פאָרלייגן, אַז אויפן סמך פון לעבעס רעדע זאָלן זיי זיך ווירקלעך ווענדן קיין בערלין וועגן אַ וויזע פאַר מיר. דאָס וועט זיין דער אַמווייניקסטן שענדלעכער וועג פאַר דער ליקווידאַציע פון יענער אינטריגע, וואָס סטאַלין האָט בלי־ספק צוגעגרייט אַרום דער פראַגע וועגן מיין איינרייזע־באַוויליקונג קיין דייטשלאַנד.״ אין צוויי טעג אַרום האָט מיר דער באַפולמעכטיקטער פון ג פ או געבראַכט פאָלגנדיקן ענטפער: „אויף מיין טעלעגראַמע קיין מאָסקווע, האָט מען מיר נאָר באַשטעטיקט, אַז די דייטשע רעגירונג האָט נאָך אָנהויב פעברואַר קאַטעגאָריש אָפּגעוואָרפן די ביטע וועגן אַ וויזע; אַ נייע ווענדונג האָט לגמרי נישט קיין זין. לעבעס רעדע טראָגט נישט קיין פאַראַנטוואָרטלעכן כאַראַקטער. אויב איר ווילט קאָנטראָלירן, גיט אָן אַליין אַ בקשה וועגן אַ וויזע״.

צו דערדאָזיקער שילדערונג האָב איך נישט געהאַט קיין צוטרוי. איך האָב געהאַלטן, אַז דער רייכסטאַג־פּרעזידענט איז זיכער בעסער אינפאָרמירט וועגן די כוונות פון זיין פאַרטיי און פון זיין רעגירונג, ווי די אַגענטן פון ג פ או. נאָך דעמזעלבן טאָג האָב איך טעלעגראַפירט צו לעבען, אַז אויפן גרונט פון זיינע ווערטער האָב איך זיך געווענדט אין דייטשן קאָנסולאַט מיט דער ביטע וועגן אַ וויזע. די דעמאָקראַטישע און סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פרעסע האָט נישט אָן שאָדנפרייד אונטערגעשטראָכן דעם פאַקט, וואָס אַן אָנהענגער פון דער רעוואָלוציאָנערער דיקטאַטור מוז זוכן אַן אַזיל אין אַ דעמאָקראַטיש לאַנד. אייניקע האָבן אפילו אויסגעדריקט די האָפענונג, אַז דידאָזיקע לעקציע וועט מיך אָנלערנען אָפּצושאַצן העכער דעם ווערט פון די דעמאָקראַטישע אינסטיטוציעס. מיר איז נאָר געבליבן אָפּצוואַרטן די ווירקלעכע רעזולטאַטן פון דערדאָזיקער לעקציע.

דאָס דעמאָקראַטישע אַזילרעכט באַשטייט, פאַרשטייט זיך, נישט אין דעם, וואָס אַ רעגירונג ווייזט אַרויס גאַסטפריינטלעכקייט נאָר אירע אידייענס־חברים—דאָס האָט דאָך אויך אַבדול־האַמיד געטאָן. עס באַשטייט אָבער אויך נישט אין דעם, וואָס די דעמאָקראַטיע לאָזט אַריין פאַרטריבענע נאָר מיט דער דערלויבעניש פון יענער רעגירונג, וועלכע האָט זיי פאַרטריבן. אַזילרעכט באַשטייט (אויפן פאַפּיר) אין דעם, וואָס די רעגירונג גיט אַ מקום־מקלט אויך אירע קעגנער,

בתנאי, אַז זיי זאָלן אָפּהיטן די גרעניצן פון לאַנד. איך האָב, זעלבסט־פאַרשטענדלעך, געקאָנט אָריינפאָרן קיין דייטשלאַנד נאָר אַלס אויס־געשפּראָכענער קעגנער פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער רעגירונג. דעם קאָנסטאַנטינאָפּאָלער פאַרטרעטער פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּרעסע, וואָס האָט ביי מיר גענומען אַן אינטערוויו, האָב איך געגעבן די נויטיקע דערקלערונגען, וועלכע איך ברענג דאָ אין דיזעלבע אויסדרוקן, ווי איך האָב זיי אויפגעשריבן גלייך נאָך אונזער געשפּרעך:

„אַזוי ווי איך באַמי זיך צו באַקומען אַן איינרייזע־באַוויליקונג קיין דייטשלאַנד, וואו דער רוב פון דער רעגירונג באַשטייט פון סאָציאַל־דעמאָקראַטן, בין איך קודם־כּל פאַראינטערעסירט אויפצו־קלערן דייטלעך מיין שטעלונג צו דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. אויפן דאָזיקן געביט האָט זיך קיין זאַך נישט געענדערט. מיין באַציונג צו דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע איז געבליבן די פריערדיקע. נאָך מער, מיין קאַמף קעגן סטאַלינס צענטריסטישער פּראַקטיק איז נאָר אַן אָפּשפּיגלונג פון מיין אַלגעמיינעם קאַמף קעגן דער סאָציאַל־דעמאָ־קראַטיע. אומקלאָרקייט אָדער נישט דערזאָגטקייט דאַרף נישט איך, נישט איר.

„עטלעכע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע צייטונגען באַמיען זיך צו גע־פינען אַ סתירה צווישן מיין פּרינציפּיעלער שטעלונג צו דער פראַגע פון דער דעמאָקראַטיע און מיין בקשה וועגן אַן איינרייזע־באַוויליקונג קיין דייטשלאַנד. דאָ איז נישטאָ קיין שום ווידערשפּרוך. מיר „ליי־קענען" לגמרי נישט אָפּ די דעמאָקראַטיע, ווי עס „לייקענען זי אָפּ" (מיט ווערטער) די אַנאַרכיסטן. די בירגערלעכע דעמאָקראַטיע האָט, אין פאַרגלייך מיט די פריערדיקע מלוכה־פאָרמען, געוויי־סע מעלות. זי איז אָבער נישט אייביק. זי מוז אָפּטרעטן איר אָרט דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפטס־אָרדנונג. די בריק צו דער סאָ־ציאַליסטישער געזעלשאַפטס־אָרדנונג איז די דיקטאַטור פון פּראָלע־טאַריאַט.

„אין אַלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער באַטייליקן זיך די קאָמו־ניסטן אין פּאַרלאַמענטאַרישן קאַמף. די אויסנוצונג פון אַזילרעכט אונטערשיידט זיך נישט פּרינציפּיעל פון דער אויסנוצונג פון וואַל־רעכט, פון פּרעסע־ און פאַרזאַמלונגס־פרייהייט א. אַז. וו."

אויף וויפל איך ווייס, איז דערדאָזיקער אינטערוויו נישט

פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן. קיין וואונדער איז עס, אייגנטלעך, נישט. אָבער אין דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פּרעסע האָבן זיך דערווייל געהערט שטימען וועגן דעם, אַז מען מוז מיר געבן אַזילרעכט. איינער פֿון די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע אַדוואָקאַטן, דאָקטאָר ק. ראָזענפֿעלד, האָט זיך אונטערגענומען, לויט אייגענער איניציאַטיוו, צו אונטערהאַנדלען מיט דער רעגירונג וועגן מיין איינרייזע-באַוויליקונג קיין דייטשלאַנד. ער האָט זיך אָבער גלייך אָנגעשטויסן אויף אַ ווידערשטאַנד, ווייל אין עטלעכע טעג אַרום האָב איך באַקומען פֿון אים אַ טעלעגראַפֿישע אָנפֿראַגע, צי בין איך מסכּים זיך אונטערצוּוואַרפֿן געוויסע באַשרענקונגען אויף דער צייט פֿון מיין אויפֿהאַלטן זיך אין דייטשלאַנד. איך האָב געענטפֿערט: „איך האָב בדעה צו לעבן לגמרי איזאָלירט, אויסערהאַלב בערלין; לגמרי נישט אַרויסצוטרעטן אויף קיין שום עפֿנטלעכע פֿאַרזאַמלונגען; זיך צו באַשרענקען מיט שריפֿטשטעלערישער טעטיקייט אין די ראַמען פֿון די דייטשע געזעצן.“

אויף אַזאַ אופֿן האָט זיך דאָ שוין מער נישט געהאַנדלט וועגן קיין ד ע מ אָ ק ר אַ ט י ש ן אַזילרעכט, נאָר וועגן רעכט, אונטער אַן א ו י ס נ אַ ם ס צ ו ש ט אַ נ ד צו לעבן אין דייטשלאַנד. די לעקציע פֿון דעמאָקראַטיע, וואָס עס האָבן זיך געקליבן מיר צו דערלאַנגען מיינע קעגנער, האָט אַזוי אַרום גלייך באַקומען אַן ענגערן היקף. אָבער אויף דעם האָט זיך דער ענין נישט אָפּגעשטעלט. אין עטלעכע טעג אַרום האָב איך באַקומען אַ נייע טעלעגראַפֿישע אָנפֿראַגע: „צי וואָלט איך נישט וועלן קומען קיין דייטשלאַנד אויסשליסלעך צוליב קוראַציע-צוועקן?“ איך האָב געענטפֿערט טעלעגראַפֿיש: „איך בעט צו געבן מיר לכל-הפּחות די מעגלעכקייט, צו פֿאַרברענגען אין דייטשלאַנד די פֿאַר מיר דרינגענד נויטווענדיקע קוראַציע-צייט.“

אויף דעם עטאַפּ איז שוין, הייסט עס, דאָס אַזילרעכט צונויפֿגעשרומפּן געוואָרן אין אַ רעכט אויף קוראַציע. איך האָב אָנגערופֿן די נעמען פֿון אַ גאַנצער ריי באַרימטע דייטשע דאָקטוירים, וואָס האָבן מיך באַהאַנדלט אין פֿאַרלויף פֿון די לעצטע צען יאָר און וואָס אין זייער הילף נויטיק איך זיך איצט נאָך מער, ווי ביז איצט.

אַרום פּסח-צייט האָט זיך אין דער דייטשער פּרעסע אַדורכגעריסן אַ נייער נאָטיץ: „אין די רעגירונגס-קרייזן הערשט די מיינונג, אַז טראָצקי איז נאָך לגמרי נישט אַזוי קראַנק, אַז ער זאָל זיך

אומבאַדינגט נויטיקן אין דער הילף פון די דייטשע דאָקטוירים און די דייטשע קורערטער. דעם 31־סטן מערץ האָב איך טעלעגראַפירט דעם דאָקטאָר ראָזענפעלד: „לויט די צייטונגס־באַריכטן בין איך נישט געווען האָפנונגסלאָז קראַנק, אַז מען זאָל מיך קאָנען אַריינלאָזן קיין דייטשלאַנד. איך פרעג: צי האָט מיר לעבע פּראָפּאָנירט דאָס רעכט אויף אַ אזיל — אָדער דאָס רעכט אויפן בית־הקברות? איך בין גרייט זיך אונטערצוּוואַרפן יעדער אונטערזוכונג פון יעדער דאָקטוירים־קאָמיסיע. איך פאַרפליכט זיך, נאָכן ענדיקן די קוראַציע תיכף צו פאַרלאָזן דייטשלאַנד.”

אויף אַזאַ אופן איז דער דעמאָקראַטישער פּרינציפּ אין משך פון עטלעכע וואָכן אונטערגעוואָרפן געוואָרן אַ דרייפאַכיקער פאַרקירצונג. דאָס אַזילרעכט האָט זיך לכתחילה פאַרוואַנדלט אין אַ וואוין־רעכט אונטער אַן אויסנאַמס־צושטאַנד; דערנאָך — אין אַ רעכט אויף קוראַציע; ענדלעך, אין אַ רעכט צו באַקומען אַן אָרט אויפן בית־הקברות. אָבער דאָס האָט באַטייט, אַז אָפּשאַצן די מעלות פון דער דעמאָקראַטיע אין זייער גאַנצן היקף וואָלט איך געקאָנט נאָר אַלס בר־מינן.

קיין ענטפער אויף מיין טעלעגראַמע איז נישט געקומען. אָפּ־וואַרטנדיק עטלעכע טעג, האָב איך ווידער טעלעגראַפירט קיין בערלין: „איך באַטראַכט דאָס אויסמיידן אַן ענטפער אַלס אומלאָיאַלע פאָרם פון אַן אָבזאָג.”

נאָך דעם האָב איך ערשט דעם 12־טן אַפּריל, ד. ה. אין צוויי חדשים אַרום, באַקומען אַ מעלדונג, אַז די דייטשע רעגירונג האָט אָפּגעוואָרפן מיין בקשה וועגן אַן איינרייזע־באַוויליקונג. מיר איז נישט געבליבן קיין אַנדער אויסוועג, ווי טעלעגראַפירן דירעקט צום רייכסטאַג־פּרעזידענט לעבע. „איך באַדויער, וואָס איך האָב נישט באַקומען די מעגלעכקייט צו שטודירן פּראַקטיש די מעלות פון דע־מאָקראַטישן אַזילרעכט. טראָצקי.”

דאָס איז די קורצע און באַלערנדיקע געשיכטע פון מיין ערשטן פּרואוו צו געפינען אין איראָפּע אַ „דעמאָקראַטישע” וויזע.

פאַרשטייט זיך, אַז ווען מען וואָלט מיר יאָ געגעבן אַזיל־רעכט, וואָלט עס נאָך אַן און פאַר זיך אויף דאָס מינדסטע נישט דערשיטערט די מאַרקסיסטישע טעאָריע פון קלאַסן־שטאַט. דער רע־זשים פון דער דעמאָקראַטיע דריקט מיט זיך נישט אויס די אייגענע

גענוגנדיקע פרינציפן, נאָר די רעאַלע באַדערפעניש פון הערשנ־
דיקן קלאַס; ווי אַ פועל יוצא פון זיין אינערלעכער לאָגיק, נעמט
אַרום דערדאָזיקער רעזשים אויך דאָס אַזילרעכט. געבן אַן אַזיל אַ
פּראָלעטאַרישן רעוואָלוציאָנער שטייט לגמרי נישט אין קיין שום
סתירה צום בירגערלעכן כאַראַקטער פון דער דעמאָקראַטיע. איצט
איז אָבער דידאָזיקע אַרגומענטאַציע לחלוטין איבעריק, ווייל עס איז
קלאָר, אַז אין דייטשלאַנד, וואָס ווערט רעגירט דורך סאָציאַל-דעמאָ־
קראַטן, עקזיסטירט קיין אַזילרעכט בכלל נישט.

דורך דער גפּאו האָט מיר סטאַלין דעם 16־טן דעצעמבער
פאַרגעלייגט זיך אָפּצוזאָגן פון יעדער פּאָליטישער טעטיקייט. בעת
דער דיסקוסיע אין דער פּרעסע איבער דער פּראַגע וועגן אַזילרעכט
איז פון דער דייטשער זייט געשטעלט געוואָרן דיזעלבע באַדינגונג ווי
אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט. דאָס באַטייט, אַז די רעגירונג מילער־
שטרעזעמאַן האַלט פאַר געפערלעך און שעדלעך דיזעלבע אידעען,
קעגן וועלכע עס קעמפן סטאַלין און זיינע טעלמאַנס. סטאַלין די־
פּלאָמאַטיש, טעלמאַן אַגיטאַטאָריש האָבן געפאָדערט פון דער סאָציאַל־
דעמאָקראַטישער רעגירונג, מיך נישט אַריינצולאָזן קיין דייטשלאַנד,—
ווי ס׳ווייזט אויס, לטובת די אינטערעסן פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָ־
לוציע. פון דער אַנדערער זייט האָבן טשעמבערלען, גראַף וועסטאַרפּ
און נאָך אַנדערע פון יענעם לאַגער געפאָדערט, אַז מען זאָל מיר
נישט געבן קיין וויזע — אין די אינטערעסן פון דער קאַפּיטאַליסטי־
שער אָרדנונג. הערמאַן מילער איז אויף אַזאַ אופן געווען אין דער
לאַגע גלייכצייטיק צו פאַרשאַפן די נויטיקע באַפרידיקונג זיינע פאַר־
טנערן פון רעכטס און זיינע פאַרבינדעטע פון לינקס. די סאָציאַל-
דעמאָקראַטישע רעגירונג איז געוואָרן דער צונויפבינדנדיקער קייטן-
רינג פון אינטערנאַציאָנאַלן איינהייטספראָנט קעגן דעם רעוואָלוציאָ-
נערן מאַרקסיזם. כדי זיך צו שאַפן אַ בילד פון דאָזיקן איינהייטס-
פראָנט, איז גענוג זיך צו דערמאָנען די ערשטע שורות פון קאָמו־
ניסטישן מאַניפעסט פון מאַרקס און ענגעלס: „פאַר דער הייליקער
העצע קעגן דאָזיקן געשפענסט (דעם קאָמוניזם) האָבן זיך פאַראיי-
ניקט אַלע כוחות פון דער אַלטער אייראָפּע,—דער פּויפּסט און דער
צאַר, מעטערניך און גיזא, די פראַנצויזישע ראַדיקאַלן און די דייי־
טשע פּאָליציסטן.״ די נעמען זענען אַנדערע, דער אינהאַלט אָבער
דערזעלבער. דאָס, וואָס די דייטשע פּאָליציסטן זענען איצט סאָציאַל־

דעמאָקראַטן, ענדערט דעם ענין לגמרי גאָרנישט. פּאַקטיש באַשיצן זיי דאָסזעלבע, וואָס עס האָבן באַשיצט די פּאָליציסטן פון די האָהענצאָלערס.

די פאַרשיידנאַרטיקייט פון די מאָטיוון, מחמת וועלכע די דעמאָקראַטן זאָגן אָפּ אַרויסצוגעבן וויזעס, איז זייער גרויס. די נאָרוועגישע רעגירונג מאָטיווירט איר אָפּזאָג אויסשליסלעך מיט איר פריינטשאַפטלעכער זאָרג פאַר מיין זיכערקייט. עס איז מיר קיינמאָל נישט איינגעפאַלן, אַז איך זאָל האָבן אין אָסלאָ איבערגעגעבענע פריינט אויף אַזעלכע הויכע פּאָסטנס. די נאָרוועגישע רעגירונג איז, זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַן אויסגעשפּראָכענע אָנהענגערין פון אַזיל־רעכט, פּונקט ווי די דייטשע, פראַנצויזישע, ענגלישע און אַלע אַנדערע. דאָס אַזילרעכט איז, ווי באַוואוסט, אַ הייליקער און אומדערשיטערלעכער פּרינציפּ. נאָר דער פאַרטריבענער מוז קודם־כל צושטעלן אין אָסלאָ אַ צייגניש, אַז קיינער וועט אים נישט דערמאָרדן, דאַן וועט מען אים אַרויסווייזן גאַסטפריינטלעכקייט... זעלבסטפאַרשטענדלעך, אויב עס וועלן נישט זיין קיין אַנדערע שטערונגען.

די ביידע דעבאַטן אין סטאָרטינג (נאָרוועגישער רייכסטאַג) איבער מיין וויזע שטעלן מיט זיך פאָר אַן אומפאַרגלייכלעכן פּאָליטישן דאָקומענט. דאָס לייענען אים האָט מיך לכל־הפחות באַפרידיקט טיילווייז, פאַר אָפּזאָגן מיר די וויזע, נאָך די אַלע באַמיונגען פון מיינע פריינט אין נאָרוועגיע.

דער נאָרוועגישער פּרעמיער האָט זיך אין דער פראַגע וועגן מיין וויזע קודם־כל דורכגעשמועסט מיטן שעף פון דער געהיים־פּאָליציי, וואָס זיין קאָמפּעטענץ אין דעמאָקראַטישע פּרינציפּן — איך באַמערק עס פאָרויס — איז אומבאַשטרייטבאַר. לויטן באַריכט פון הער מאָווינקל, האָט דער שעף פון דער געהיים־פּאָליציי פאַרטרעטן די מיינונג, אַז ס'איז אַ סך שכלדיקער צו לאָזן טראָצקיס שונאים זיך אָפּצורעכענען מיט אים נישט אויף דער טעריטאָריע פון דער נאָרוועגישער מלוכה. דערדאָזיקער געדאַנק איז, אמת, נישט געווען אַזוי קלאָר פאָרמולירט, אָבער פאַקטיש האָט ער געהאַט דעמדאָזיקן זין. דער יוסטיץ־מיניסטער האָט ווידער פון זיין זייט דערקלערט דעם נאָרוועגישן פּאַרלאַמענט, אַז דאָס שיצן טראָצקין וואָלט צו שווער באַלאַסטעט דעם נאָרוועגישן בודזשעט. דער פּרינציפּ פון

שטאַטס-עקאָנאָמיע, אויך איינער פון די אומבאַשטריטענע דעמאָקראַטישע פּרינציפּן, איז דאָסמאָל געשטאַנען אין אַן אויסגעשפּראָכענער סתירה מיטן אַזילרעכט. די מסקנה איז לכל הדעות געווען אָט די: אויסזיכט אויף אַזיל האָט אַמווייניקסטן דער, וואָס נויטיקט זיך דערין צוממערסטן.

פיל גייסטרייכער האָט געהאַנדלט די פראַנצויזישע רעגירונג: זי האָט זיך פּשוט באַצויגן אויף דעם, אַז מאַלוויס באַפעל, מיך אַרויסצושיקן פון פראַנקרייך, איז נאָך עד-היום נישט בטל געוואָרן. אַ פולשטענדיק אומבאַזיגבאַרע שטערונג אויפן וועג פון דער דעמאָקראַטיע! איך האָב שוין פריער דערציילט, ווי אַזוי די פ־אַנצויזישע רעגירונג האָט, נישט געקוקט אויף מאַלוויס עד־היום נישט אַנולירטן באַפעל, געשטעלט צו מיין דיספּאָזיציע אירע אָפיצירן און ווי אַזוי ס'האָבן מיך באַזוכט פראַנצויזישע דעפּוטאַטן, געזאַנדטע און אַ מיניסטער־פּרעזידענט. אָבער דידאָזיקע דערשיינונגען האָבן זיך אָפּגעשפּילט, ווי עס שיינט, אויף צוויי זיך נישט באַרירנדיקע שטחים. איצט איז די לאַגע אַזוי: פראַנקרייך וואָלט מיר זיכער געגעבן אַן אַזיל, ווען אין די פּאָליציי־אַרכיוון וואָלט זיך נישט געפונען קיין באַפעל וועגן מיין גירוש פון פראַנקרייך לויט דער פאָדערונג פון דער צאַרישער דיפּלאָמאַטיע. עס איז באַוואוסט, אַז אַ פּאָליציי־באַפעל איז אַ מין פּאָליאַר־שטערן: נישטאָ לגמרי קיין מעגלעכקייט נישט אים אָפּצושאַפן, נישט אים איבערצורוקן אויף אַן אַנדער אָרט.

ווי די מעשה זאָל נישט זיין, איז דאָס אַזילרעכט אויך פון פראַנקרייך פאַרטריבן. וואו זשע איז דאָך דאָס לאַנד, וואו דאָסדאָזיקע רעכט האָט געפונען... זיין אַזיל? אפשר ענגלאַנד?

דעם 5־טן יוני 1929 האָט די אומאָפּהענגיקע אַרבעטער־פּאַרטיי, וואָס מאַקדאָנאַלד איז אירער אַ מיטגליד, אָפיציעל און לויט אייגענער איניציאַטיוו מיך איינגעלאַדן קיין ענגלאַנד אויף אַ פּאָרטראַג אין דער פּאַרטיי־שול. די פון גענעראַל־סעקרעטאַר אונטערגעשריבענע איינלאַדונג לויטעט: „מיר קאָנען זיך נישט פאָרשטעלן, אַז נאָך דער שאַפונג פון אַן אַרבעטער־רעגירונג, זאָלן קאָנען אַנטשטיין וועלכע נישט איז שטערונגען בנוגע אייער קומען קיין ענגלאַנד צוליבן אויבנדערמאָנטן ציל." די שוועריקייטן זענען אָבער דאָך אַנטשטאַנען. מען האָט מיר נישט בלויז פאַרבאָטן צו האַלטן אַ פּאָרטראַג פאַר

מאַקדאָנאַלדס געזינונגס-חברים, נאָר אפילו זיך צו באַנוצן מיט דער הילף פון די ענגלישע דאָקטוירים. די וויזע האָט מען מיר קאַטע-גאָריש אָפּגעזאָגט. קלאַינס, דער לייבאָר-פּאָליציי-מיניסטער, האָט פאַר-טיידיקט דעמדאָזיקן אָפּזאָג אין פּאַרלאַמענט. ער האָט דערקלערט דעם פילאָזאָפישן מהות פון דער דעמאָקראַטיע מיט אַזאַ פּשטות, וואָס וואָלט פאַרשאַפט פיל כּבוד אַ מיניסטער פון קאַרל דעם צווייטן. דאָס אַזילרעכט באַשטייט, לויט קלאַינסן, נישט אין רעכט פון פאַרטריבענעם צו פאָדערן אַן אַזיל, נאָר אין רעכט פון דער מלוכה, דערין אָפּצוזאָגן. קלאַינס פעסטשטעלונג איז מערקווירדיק דערמיט, וואָס זי ליקווידירט מיט איין האַנטבאַוועגונג די יסודות פון דער אַזויגערופענער דעמאָקראַטיע. אַן אַזילרעכט אין גייסט פון קלאַינסן האָט אין צאַרישן רוסלאַנד תּמיד עקזיסטירט. בעת דעם פּערסישן שאַך איז נישט געלונגען אויפצוהענגען אַלע רעוואָלוציאָ-נערן, און ער האָט געמוזט פאַרלאָזן די גרענעצן פון זיין טייער פאָטערלאַנד, האָט אים ניקאָלאַי דער צווייטער נישט בלויז געגעבן אַן אַזיל, נאָר אים אפילו אין אָדעס זייער קאָמפּאָרטאַבל איינגע-אָרדנט. אָבער קיינעם פון די אירלענדישע רעוואָלוציאָנערן איז נישט איינגעפאַלן צו זוכן אַן אַזיל אין צאַרישן רוסלאַנד, וואָס איר קאָנ-סטיטוציע האָט לחלוטין באַזירט אויף קלאַינס פּרינציפּ: די בירגער דאַרפן זיין צופרידן מיט דעם, וואָס די מלוכה-מאַכט גיט, אָדער נעמט אָפּ. מוסאָליני האָט דאָ נישט לאַנג געגעבן אַזילרעכט דעם אַפגאַניסטאַנישן פאַדישאַך אין פולשטענדיקן הסכּם מיטן דאָזיקן פּרינציפּ.

דער פרומער מיסטער קלאַינס האָט לפּחות געדאַרפט וויסן, אַז די דעמאָקראַטיע האָט אין אַ געוויסער מאָס געירשנט דאָס אַזילרעכט פון דער קריסטלעכער קירך, וועלכע האָט עס, פון איר זייט, צוזאַ-מען מיט אַ סך אַנדערע זאַכן, איבערגענומען פון היידנטום. פאַרפאָלגטע פאַרברעכער האָבן בלויז געדאַרפט אַריינדרינגען אין טעמפּל, אָפּט-מאָל נאָר אָנרירן דעם טירדינג, און זענען שוין געווען געשיצט קעגן די פאַרפאָלגער. אויף אַזאַ אופן האָט די קירך באַטראַכט דאָס אַזילרעכט אַלס דאָס רעכט פון פאַרפאָלגטן אויף אַזיל, אָבער נישט אַלס ווילקיר פון היידנישע גייסטלעכע און קריסטלעכע געצן-פּרי-סטער. איך האָב ביזאַהער געהאַלטן, אַז די פרומע לייבאָריסטן, וואָס זענען אַזוי ווייניק באַהאַוונט אין סאָציאַליזם, זענען לפּחות

מומחים אין די קירכלעכע טראַדיציעס. איצט קום איך צו דער אי־בערצייגונג, אַז דערין זענען זיי אויך עם־הארצים.

פאַרוואָס אָבער איז קלאַינס שטיין געבליבן ביי דער ערשטער התחלה פון זיין טעאָריע וועגן מלוכה־רעכט? אַ שאָד. דאָס אַזילרעכט איז דאָך נאָר איין באַשטאַנדטייל פון סיסטעם פון דער דעמאָקראַטיע. נישט לויט זיין היסטאָרישער אַנטשטייאונג און אויך נישט לויט זיין יורידישער נאַטור אונטערשיידט ער זיך פון פרייהייט פון וואָרט, פאַרזאַמלונגען א. א. וו. מיסטער קלאַינס וועט, האָפנטלעך, באַלד קומען צו דער מסקנה, אַז די פרייהייט פון וואָרט באַטייט אויך נישט דאָס רעכט פון די בירגער אַרויסצוזאָגן דעם אָדער יענעם געדאַנק, נאָר דאָס רעכט פון דער מלוכה, צו פאַרבאָטן אירע בירגער צו האָבן וועלכע נישט איז געדאַנקען. בנוגע דער פריי־הייט פון שטרייקן האָט שוין פאַקטיש די ענגלישע געזעצגעבונג גע־צויגן דידאָזיקע מסקנה.

קלאַינס צרה איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער איז געווען געצוואונגען צו באַגרינדן זיינע האַנדלונגען עפנטלעך, ווייל אין דער לייבאָריסטישער פּאַרלאַמענטס - פּראַקטיקע האָבן זיך געפונען דעפּוטאַטן, וועלכע האָבן געשטעלט דעם מיניסטער, אמת, העפלעכע, אָבער זייער אומבאַקוועמע פראַגן. אין דערזעלבער אומבאַקוועמער לאַגע איז אויך אַריינגעפאַלן דער נאָרוועגישער פּרעמיער. דאָס דייטשע מיניסטעריום איז געווען געשיצט קעגן אַזאַ אומבאַקוועמלעכ־קייט. אין גאַנצן רייכסטאַג האָט זיך נישט געפונען קיין איין דעפּו־טאַט, וואָס זאָל זיך פאַראינטערעסירן מיט דער פראַגע וועגן אַזיל־רעכט. דערדאָזיקער פאַקט ווערט באַזונדערס באַמערקונגסווערט, ווען מען דערמאָנט זיך, אַז דער פּאָרזיצנדער פון רייכסטאַג האָט, אונטער אַפּלאָדיסמענטן פון דער מערהייט, צוגעזאָגט מיר צו געבן אַזילרעכט, נאָך איידער איך האָב וועגן דעם געבעטן.

די אָקטאָבער-רעוואָלוציע האָט נישט פּראָקלאַמירט קיין שום אַבסטראַקטע פּרינציפּן פון דער דעמאָקראַטיע, און אויך נישט דאָס אַזילרעכט. דער סאָוויעט־שטאַט האָט זיך אָפן געשטיצט אויפן רעכט פון רעוואָלוציאָנערער דיקטאַטור. דאָס האָט נישט געשטערט וואַנ־דערוועלדן, ווי אויך אַנדערע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, צו קומען אין דער סאָוויעט־רעפּובליק און אפילו קיין מאָסקווע אין דער ראָל פון פאַר־טיידיקער פון יענע פּערזאָנען, וואָס האָבן אויסגעאיבט טעראָריסטישע

אַטענטאַטן אויף די פירער פון דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע.

עס זענען געקומען צו אונז אויך די היינטיקע ענגלישע מיניסטאָרן. איך קאָן זיך נישט דערמאַנען אָן די אַלע, וואָס זענען געקומען—און איך האָב נישט ביי דער האַנט קיין שום אינפאָרמאַציע־מעגלעכקייטן,—אָבער איך ווייס, אַז צווישן זיי זענען געווען סנוידען און מיסיס סנוידען. דאָס איז געווען בערך אין יאָר 1920. זיי זענען אויפגענומען געוואָרן נישט פשוט אַלס טוריסטן, נאָר טאַקע אַלס געסט, וואָס עס איז אפשר טאַקע געווען איבערפליסיק. אין גרויסן טעאַטער האָט מען זיי אָפּגעגעבן אַ לאָזשע. איך דערמאַן זיך אָן דעם אין צוזאַמענהאַנג מיט אַ קליינעם עפּיזאָד, וואָס עס שאַדט נישט דאָ צו דערציילן. איך בין גראָד געקומען קיין מאָסקווע פון פראָנט מיט געדאַנקען, וואָס זענען געווען זייער ווייט פון די ענגלישע געסט; איך האָב אפילו נישט געוואוסט ווער די געסט זענען, וויל קיין צייטונג האָב איך כמעט נישט געלייענט,—איך בין געווען פאַרנומען מיט אַ סך אַנדערע דאגות. אָן דער שפּיץ פון דער קאָמיסיע, וואָס האָט מקבל פּנים געווען סנוידען, מיסיס סנוידען און דוכט זיך, אויך בערטראַם רעסעל, וויליאַמסען און נאָך אַ גאַנצע ריי אַנדערע, איז געשטאַנען לאַזאָווסקי. טעלעפאָניש האָט ער מיר איבערגעגעבן, אַז די קאָמיסיע פאָדערט איך זאָל קומען אין טעאַטער, וואו עס געפינען זיך די ענגלישע געסט. איך האָב געפּרואווט זיך אַרויסצודרייען, לאַזאָווסקי איז אָבער צוגעשטאַנען, באַהויפּטנדיק, אַז די קאָמיסיע האָט אַלע פולמאַכטן פון פּאָליטביוראָ, און איך מוז דינען פאַר די איבעריקע אַלס ביישפּיל פון דיסציפּלין. קעגן מיין ווילן בין איך אַהין אַוועק. דאָס טעאַטער איז געווען איבערפולט. אויפן פראָנט האָבן מיר דאַן געהאַט נצחונות. דאָס טעאַטער האָט שטורמיש אַפּלאָדירט לכבוד די נצחונות. די ענגלישע געסט האָבן מיך אַרומגערינגלט און אויך אַפּלאָדירט. צווישן זיי האָט זיך געפונען מיסטער סנוידען. איצט שעמט ער זיך זיכער מיט זיין דעמאָלדיקער אַוואַנטורע. אָבער אויסשטרייכן קאָן מען עס נישט. אָבער אויך איך וואָלט געווען צופרידן, ווען איך קאָן עס אויסשטרייכן, וויל מיין „פאַרברידערונג" מיט די לייבאָריסטן, איז געווען נישט בלויז אַ מיספאַרשטענדעניש, נאָר אויך אַ פּאָליטישער פעלער. זיך אָפּפאַרטיקנדיק וואָס גיכער מיט די געסט, בין איך אַוועק צו לענינען. ער איז געווען אויפגערעגט: צי איז עס אמת, אַז איר האָט זיך באַוויזן אין דער

לאָזשע צוזאַמען מיט דידאָזיקע אדונים? (לענין האָט זיך באַנוצט מיט אַן אַנדער וואָרט.) איך האָב זיך פאַררופן אויף לאַזאָווסקין, אויף דער קאָמיסיע פון צ. ק. אויף דער דיסציפּלין, און בעיקר דערויף, וואָס איך האָב קיין אַנונג נישט געהאַט, ווער די געסט זענען. לענין איז געווען עמפּערט קעגן לאַזאָווסקין און דער גאַנצער קאָמיסיע בכלל, און איך האָב זיך אַ צייט נאָכאַנאַנד נישט געקאָנט מוחל זיין דידאָזיקע אומפּאָזיכטיקייט.

איינער פון די הייַנטיקע ענגלישע מיניסטאָרן איז, ווי מיר שיינט, עטלעכע מאָל געקומען קיין רוסלאַנד, לכל הדעות האָט ער זיך אין דער סאָוויעט־רעפּובליק, אויסגערוט, געלעבט אויף קאַווקאַז, לעמאַכט מיר אַ באַזוך. דאָס איז געווען מיסטער לענסבערי. דאָס לעצטע מאָל האָב איך זיך מיט אים געזען אין קיסלאָוואָדסק. מען האָט מיך דרינגענד געבעטן צו קמען כאָטש אויף אַ פערטל שעה אין „דערהאָלונגסהויז”, וואו עס האָבן געוואוינט מיטגלידער פון אונזער פאַרטיי און עטלעכע אויסלענדער. ביי אַ גרויסן טיש זענען געזעסן עטלעכע צענדליק מענטשן. דאָס איז געווען עפּעס אַ מין באַשיידענער באַנקעט. דעם ערשטן פּלאַץ האָט פאַרנומען דער גאַסט לענסבערי. דער גאַסט האָט נאָך מיין אַריינקומען געהאַלטן אַ „ספּיטש” און דערנאָך געזונגען: „For he‘s a jolly good fellow“ (ווייל ער איז אַ לוסטיקער גוטער חבר). אָט וואָס פאַר אַ געפילן מיסטער לענסבערי האָט מיר אויסגעדריקט אויף קאַווקאַז. ער וואָלט זיכער אויך צופרידן געווען, ווען ער קאָן זיי הייַנט פאַרגעסן...

איך מוז מודה זיין, אַז איבערשיקנדיק אַ בקשה וועגן אַ וויזע, האָב איך מיט ספּעציעלע טעלעגראַמעס דערמאַנט סנוידענען און לענסבערין, אַז זיי האָבן געגעסן פון די סאָוויעט־רוסישע און אויך מיין פּערזענלעכע גייסטפריינטשאַפט. מיינע טעלעגראַמעס האָבן נישט געהאַט אויף זיי קיין שום איינדרוק. דערינערונגען האָבן אין דער פּאָליטיק פּונקט אַזאַ ווערט, ווי דעמאָקראַטישע פּרינציפּן. מיסטער סידניי וועב און מיסיס בעאַטריסע וועב האָבן מיר אויפן סאַמע פריינטשאַפטלעכן אופן אָפּגעשטאַט אַ וויזיט דאָ גאָרנישט לאַנג, אָנפאַנג מאַי 1929, שוין אין פּרינקיפּאָ. מיר האָבן גערעדט וועגן דער ווארשיינלעכקייט פון איבערנעמען די מאַכט דורך דער אַרבעטער־פּאַרטיי. איך האָב, ווי כלאחר־יד, באַמערקט, אַז תיכּף ווי עס וועט געשאַפן ווערן מאַקדאָנאַלדס רעגירונג, וועל איך פאָדערן אַ וויזע

קיין ענגלאַנד. מיסטער וועב האָט זיך אויסגעדריקט אין דעם זין,
אַז די רעגירונג וועט עווענטועל נישט זיין גענוג שטאַרק און אויך
נישט גענוג פריי צוליב איר אָפּהענגיקייט פון די ליבעראַלן. איך
האָב געענטפערט, אַז אַ פּאַרטיי, וואָס איז נישט גענוג שטאַרק צו
טראָגן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר אירע מעשים, האָט נישט קיין
רעכט איבערצונעמען די מאַכט. אגב, האָבן אונזערע שאַרפע חלוקי־
דעות נישט געשטערט [sic: געבויטיקט] זיך אין אַ נייער רעוויזיע. וועב איז אַריין
אין דער רעגירונג. איך האָב געפאָדערט אַ וויזע. מאַקדאָנאַלדס רע־
גירונג האָט מיר די וויזע אָפּגעזאָגט, אָבער לגמרי נישט דערפאַר,
ווייל די ליבעראַלן האָבן איר געשטערט דורכצופירן אין לעבן איר
דעמאָקראַטיזם. פונקט פאַרקערט: די לייבאָר־רעגירונג האָט אָפּגעזאָגט
מיר צו געבן די וויזע, נישט געקוקט אויף די פּראָטעסטן פון
די ליבעראַלן. דעמדאָזיקן שנוי האָט מיסטער וועב נישט געקאָנט
פאָרויסזען. מען מוז דאָך באַמערקן, אַז דעמאָלט איז ער נאָך נישט
געווען לאָרד פּאַספילד. אייניקע פון דידאָזיקע מענטשן קען איך
פּערזענלעך. וועגן די איבעריקע קאָן איך אורטיילן לויט אַנאַלאָגישע
פאַרגלייכונגען. איך האַלט, אַז כ׳האָב וועגן זיי אַ ריכטיקע פאָרשטע־
לונג. דידאָזיקע מענטשן זענען דערהויבן געוואָרן דורכן אויטאָמאַ־
טישן וואַקסן פון די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, איבערהויפּט נאָך דער
וועלט־מלחמה, און דורך דער פּאָליטישער דערשעפּונג פון ליבעראַ־
ליזם. זיי האָבן לחלוטין פאַרלוירן יענעם נאַאיוון אידעאַליזם, וואָס
אייניקע פון זיי האָבן פאַרמאָגט צוריק מיט אַ 25—30 יאָר. אָנשטאָט
דעם האָבן זיי דערוואָרבן פּאָליטישע רוטין און די נישטאיבער־
קלויבערישקייט אין מיטלען. לויט זייער גינסטיקן האָריזאָנט זענען
זיי אָבער געבליבן דיזעלבע ווי געווען: פּחדנותדיק, קליינבירגערלעך
און אין זייער אַרט דענקען אָן אַן ערך צוריקגעשטאַנענער, ווי די
פּראָדוקציע־מעטאָדן פון דער ענגלישער קוילן־אינדוסטריע. היינט
האָבן זיי דערעיקר מורא דערפאַר, אַז די מיוחסדיקע הויפּקרייזן און
די גרויסקאַפּיטאַליסטן קאָנען זיי נאָך נעמען נישט ערנסט. און עס
איז גאָר קיין וואונדער נישט: קומענדיק צו דער מאַכט, האָבן זיי
ערשט רעכט דערפילט די אייגענע חסרונות. זיי פאַרמאָגן נישט די
אייגנשאַפטן פון די אַלטע רעגירונגס־קליקעס, וואו טראַדיציע און
הערשאַפטס־געוואוינהייטן זענען איבערגעגאַנגען פון דור צו דור און
האָבן גאַנץ אָפט פאַרביטן פאַרשטאַנד און טאַלענט. זיי פאַרמאָגן

אָבער אויך נישט דאָס, וואָס וואָלט זיי געקאָנט פאַרשאַפן די אמתע מאַכט, ד. ה. דעם גלויבן אין די מאַסן, און די פעאיקייט צו שטיצן זיך אויף אייגענע כּוחות. זיי האָבן מורא פאַר די מאַסן, וואָס האָבן זיי דערהויבן צו דער מאַכט, פּונקט ווי זיי שרעקן זיך פאַר די קאָנסערוואַטיווע קלובן, וואָס זייער גלאַנץ פּאַראַליזירט זייער אָרעמע איינביל־דונגס־קראַפט. כּדי צו רעכטפערטיקן זייער אריינטריט אין דער רע־גירונג, מוזן זיי באַווייזן די אַלטע הערשנדיקע קלאַסן, אַז זיי זענען נישט, חלילה, סתּם רעוואָלוציאָנערע פּאַרוועניס—ניין; זיי פאַרדינען פולשטענדיקן צוטרוי, זענען געטריי דער קירך, דעם קעניג, דער לאָרדן־קאַמער, די טיטלען, ד. ה. נישט בלויז דעם הייליקן פּריוואַט־אייגנטום, נאָר אויך דעם גאַנצן מיסט פון מיטלאַלטער. אָפּצוזאָגן אַ רעוואָלוציאָנער אַרויסצוגעבן אים אַ וויזע איז פאַר זיי פאַקטיש אַ גליקלעכער צופאַל, כּדי צו קאָנען באַווייזן אַן איבעריק מאָל זייער רעספּעקט־געפיל פאַר די אַלטע לעבנספאָרמען. עס פרייט מיך זייער, וואָס איך האָב זיי פאַרשאַפט דידאָזיקע געלעגנהייט. ס׳קאָן אַמאָל צונוץ קומען. אין דער פּאָליטיק, ווי אין דער נאַטור, גייט קיין זאַך נישט פאַרלוירן...

מען דאַרף נישט דערצו קיין גאָר שטאַרקע פאַנטאַזיע, כּדי צו קאָנען זיך פאָרשטעלן דעם שמועס פון מיסטער קלאַינס מיט דעם אים אונטערליגנדן שעף פון דער פּאָליטישער פּאָליציי. בעתן דאָזיקן שמועס האָט זיך קלאַינס געפילט, ווי אויף אַן עקזאַמען; ער האָט זיך געשראָקן אַרויסצוווייזן זיך פאַרן עקזאַמענאַטאָר אַלס נישט גענוג פעסט, לאָיאַל, קאָנסערוואַטיוו. דער שעף פון דער פּאָליטישער פּאָ־ליציי האָט נישט געדאַרפט ׳זיך שטאַרק מי געבן דערצו, כּדי אונ־טערצוזאָגן קלאַינסן יענעם באַשלוס, וואָס וועט אויפן אַנדערן טאָג אַרויסרופן די גאַנצע סימפּאַטיע פון דער קאָנסערוואַטיווער פּרעסע. אָבער די קאָנסערוואַטיווע פּרעסע לויבט נישט אויף אַ פּשוטן אופן. זי לויבט דורך בייסנדיקן שפּאָט. זי באַמיט זיך לגמרי נישט צו פאַרבאָרגן איר פאַראַכטונג קעגן מענער, וואָס יאָגן זיך אַזוי געמיין נאָך כּבוד. קיינער וועט, למשל, נישט זאָגן, אַז דער „דיילי עקס־פּרעס" געהערט צו די קלוגסטע איינריכטונגען פון דער וועלט. און דאָך האָט דידאָזיקע צייטונג געפונען די גיפטיקסטע ווערטער, לויבנ־דיק די לייבאָררעגירונג דערפאַר וואָס זי האָט אַזוי גוט פאַרהיטן

דעם „לייכט־געקרענקטן מאַקדאָנאַלד״ פון אַ שטילן רעוואָלוציאָנערן באָבאַכטער הינטער זיין רוקן.

און דידאָזיקע מענטשן זאָלן דאָס זיין באַרופן צו לייגן דעם גרונדשטיין פאַר אַ נייער מענטשלעכער געזעלשאַפט? ניין, זיי זענען נאָר דער פאָרלעצטער רעזערוו פון דער אַלטער געזעלשאַפט. איך זאָג די פאָרלעצטע, ווייל די לעצטע זענען די מאַטעריעלע רע־פּרעסיעס.

איך מוז מודה זיין, אַז דאָס איבערלופטערן די מערב־אייראָ־פּעישע דעמאָקראַטן, וואָס איך האָב דורכגעפירט אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פראַגע וועגן אַזילרעכט, האָט מיר, דרך־אגב, פארשאַפט נישט ווייניק לוסטיקע מאָמענטן. טיילמאָל האָט זיך מיר אויסגעוויזן, ווי איך זאָל בייוואוינען אַן אינסצעניזירונג פון אַ „פּאַראייראָפּע־אישטן״ איינאַקטאָר: „די פּרינציפּן פון דער דעמאָקראַטיע.״ דעם טעקסט וואָלט געקאָנט אָנשרייבן בערנאַרד שאָו, ווען מען זאָל צו דער פאַביער־פּאָליטיק וואָס רינט אין זיינע אָדערן, צומישן כאָטש אייניקע פּראָצענט בלוט פון זשאָנאַטאַן סוויפט. אָבער ווער עס זאָל נישט זיין דער מחבר פון טעקסט, בלייבט די פּיעסע מערקווירדיק באַלערנדיק: אייראָפּע און אַוויזע. וועגן אַמעריקע איז שוין אָפּגערעדט. די פּאַרייניקטע שטאַטן זענען נישט נאָר דאָס שטאַרק־סטע, נאָר אויך דאָס סאַמע פּחדנותדיקע לאַנד. דאָ נישט לאַנג האָט הוווער דערקלערט זיין ליידנשאַפט צו פישפאַנג מיטן דעמאָקראַטישן כאַראַקטער פון דערדאָזיקער באַשעפטיקונג. ווען דאָס זאָל זיין ריכ־טיק — אין וואָס איך בין מסופק — איז דערדאָזיקער ספּאָרט איינס פון די קליינע רעשטלעך פון דער דעמאָקראַטיע, וואָס האַלטן זיך נאָך אין די פּאַרייניקטע שטאַטן. קיין אַזילרעכט עקזיסטירט שוין נישט דאָרט פון לאַנג. אייראָפּע און אַמעריקע אָן אַוויזע. אָבער דידאָזיקע צוויי קאָנטינענטן באַהערשן די גאַנצע וועלט. עס הייסט אַלזאָ — דער פּלאַנעט אָן אַ וויזע.

פון פאַרשידענע זייטן ווערט מיר דערקלערט, אַז מיין אומ־גלויבן אין דער דעמאָקראַטיע איז מיין שווערסטער חטא. וויפיל אַרטיקלען און אפילו ביכער זענען שוין אָנגעשריבן געוואָרן אויף דערדאָזיקער טעמע. אָבער קוים בעט איך, אַז מען זאָל מיר געבן כאָטש אַ קליינע אָנשויאונגס־לעקציע וועגן דעמאָקראַטיזם, געפינען זיך נישט קיין בעלנים דערויף. אויפן גאַנצן פּלאַנעט איז נישטאָ

קיין וויזע! היינט פאַרוואָס זאָל איך גלויבן, אַז די אומגעהייער גרעסערע פראַגע—דער שטרייט צווישן באַזיצנדיקע און באַזיצלאָזע—קאָן ווערן געלייזט אונטערן שטרענגסטן אָפּהיטן די פאָרמען און זייטן פון דער דעמאָקראַטיע?

צי האָט אָבער די רעוואָלוציאָנערע דיקטאַטור געבראַכט יענע רעזולטאַטן, וואָס מען האָט פון איר דערוואַרט?—הער איך פרעגן. געבן דערויף אַן ענטפער קאָן מען נאָר מיט דער אָפּשאַצונג פון דער דערפאַרונג פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע און מיטן פּרואוו אָנצומערקן פאַר איר ווייטערדיקע פּערספּעקטיוון. פאַר אַזאַ אַרבעט זענען די זייטן פון אַן אויטאָביאָגראַפיע נישט דאָס פּאַסנדע אָרט. איך וועל מיך באַמיען צו געבן דעמדאָזיקן ענטפער אין אַ ספּעציעל בוך, איבער וועלכן איך האָב שוין געאַרבעט אין דער צייט פון מיין אויפהאַלטן זיך איז צענטראַלאַזיע. איך קאָן אָבער נישט פאַרענדיקן די שילדערונג פון מיין לעבן, נישט אַרויסזאָגנדיק זיך—לכל־הפּחות אין אייניקע צענדליק שורות—פאַרוואָס איך גיי אומבאַדינגט ווייטער אויף מיין אַלטן וועג.

דאָס, וואָס עס איז געשען פאַר די אויגן פון מיין דור, וואָס דערגרייכט איצט די רייפקייטס־יאָרן אָדער דערנענטערט זיך צו דער עלטער, קאָן מען סכעמאַטיש פאָרשטעלן אין אַ געוויסער מאָס אויף אַזאַ אופן: אין פאַרלויף פון עטלעכע יאָרצענדליקן—דער סוף פון פאָריקן און דער אָנהויב פון איצטיקן יאָרהונדערט—איז די אייראָפּעאישע באַפעלקערונג דורך דער אינדוסטריע האַרט דיסציפּלינירט געוואָרן. אַלע זייטן פון דער סאָציאַלער דערציאונג זענען געווען אונטערגעוואָרפן דעם פּרינציפּ פון דער אַרבעטס־פּראָדוקטיוויטעט. דאָס האָט געבראַכט די גרעסטע רעזולטאַטן און כלומרשט געשאַפן פאַר די מענטשן נייע מעגלעכקייטן. אָבער פאַקטיש האָט עס נאָר דערפירט צו דער וועלט־מלחמה. אמת, אַדאַנק דער מלחמה האָט זיך די מענטשהייט איבערצייגט, אַז זי איז נאָך לגמרי נישט דעגענערירט, אדרבה, אַז אַנטקעגן דעם קרעכצן פון דער בלוטלאָזער פילאָזאָפיע, איז זי דווקא פול מיט לעבן, קרעפטן, מוט און אונטערנעמונגס־לוסט. דידאָזיקע מלחמה האָט באַוויזן דער מענטשהייט מיט אַן אויסערגעוויינלעכער בולטקייט איר טעכנישע מאַכט. פונקט, למשל, ווי אַ

מענטש זאָל זיך אָוועקשטעלן קעגן אַ שפּיגל, וועלנדיק אַדורכשניידן זיך מיט אַ ראַזירמעסער די קעל, כּדי פעסטצושטעלן, אויב זיינע אָרגאַנען פון דער קעל זענען אין אָרדנונג.

נאָכן פאַרענדיקן די מלחמה פון 1914—1918, איז געוואָרן פּראָקלאַמירט: פון איצט אָן איז דער העכסטער מאָראַלישער חוב צו היילן די וואונדן, וואָס דאָס גורם זיין צו זיי איז אין די פיר פאַרגאַנגענע יאָר דערקלערט געוואָרן ווי דער העכסטער מאָראַלישער חוב. פּלייס און שפּאָרזאַמקייט האָבן נישט נאָר צוריק באַקומען זייער רעכט, נאָר אויך אַרומגעכאַפּט געוואָרן מיט דעם שטאָלענעם צוואַנג פון דער ראַציאָנאַליזירונג. מיט דער אַזויגערופענער „רעפאָ־ראַציע” פירן אָן דיזעלבע קלאַסן, פּאַרטייען און אפילו פּערזאָנען, וואָס האָבן אָנגעפירט מיט דער צעשטערונג. דאָרט, וואו עס איז פאָר־געקומען א שנוי אין פּאָליטישן רעזשים, ווי, למשל, אין דייטשלאַנד, שפּילן ביים מלוכה־אויפבוי די ערשטע ראָלן די יעניקע פּערזאָנען, וואָס האָבן ביי דער פאַרוויסטונג געשפּילט די צווייטע און דריטע ראָלן. אין דעם באַשטייט, אייגנטלעך, דער גאַנצער שנוי.

די מלחמה האָט איינגעשלונגען אַ גאַנצן דור, ווי עס שיינט, נאָר כּדי צו שאַפן אַ הפסקה אין זכרון פון די פעלקער און נישט צו לאָזן דעם נייעם דור דירעקט צו שפּירן, אַז, אייגנטלעך, באַשעפ־טיקט ער זיך בלויז מיטן איבערחזרן דאָס אַלטע, נאָר אויף אַ הי־סטאָריש העכערער מדרגה, וואָס קאָן דערפאַר ברענגען נאָך געפער־לעכערע פאָלגן.

דער אַרבעטער־קלאַס אין רוסלאַנד האָט, אונטער דער לייטונג פון די באָלשעוויקעס, אונטערגענומען אַ פּרואוו איבערצובויען דאָס לעבן אויף אַזאַ אופן, וואָס זאָל אוממעגלעך מאכן דידאָזיקע פּעריאָ־דיש זיך איבערחזרנדיקע ווילדע שגעון־אָנפאַלן פון דער מענטשהייט און שאַפן די יסודות פאַר אַ העכערער קולטור. דאָס איז דער זין פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. פאַרשטייט זיך, אַז דידאָזיקע אויפ־גאַבע, וואָס זי האָט זיך געשטעלט, איז נאָך נישט געלייזט; די לייזונג פון דערדאָזיקער אויפגאַבע איז, לויט איר מהות, אויסגערעכנט אויף צענדליקער יאָרן. נאָך מער, די אָקטאָבער־רעוואָלוציע מוז מען נעמען אַלס אויסגאַנגס־פּונקט פון דער נייעסטער געשיכטע פון דער מענטשהייט אין איר גאַנצן היקף.

ביים סוף פון דער דרייסיקיעריקער מלחמה האָט די דייטשע

רעפּאָרמאַציע געמוזט אויסזען, ווי אַן אונטערנעמונג, וואָס ווערט געפירט דורך מענטשן, וועלכע האָבן זיך אַרויסגעריסן פון אַ משוגעים־הויז. ביז צו אַ געוויסן גראַד איז עס ווירקלעך אַזוי געווען: אייראָפּע האָט זיך אַרויסגעריסן פון מיטלאַלטערלעכן קלויסטער. ס'איז זיך נישט משער צו זיין דאָס מאָדערנע דייטשלאַנד, ענגלאַנד, די פּאַרייניקטע שטאַטן, די גאַנצע מענטשהייט בכלל, אָן דער רע־פאָרמאַציע מיט די אומצייליקע קרבנות, וואָס זי האָט געפאָדערט. אויב קרבנות זענען בכלל דערלאָזבאַר,—הגם ביי וועמען האָט מען אייגנטלעך צו בעטן אַן ערלויבעניש?—זענען עס נאָר די, וואָס באַ־וועגן פאָרויס די מענטשהייט.

דאָסזעלבע קאָן אויך געזאָגט ווערן וועגן דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. דער רעאַקציאָנער און פּעדאַנט טען האָט זיך איינגע־בילדעט, אַז ער מאַכט גאָט ווייס וואָס פאַר אַ טיפזיניקע אַנטדעקונג, פּעסטשטעלנדיק, אַז עטלעכע יאָר נאָכן קעפּן לודוויק דעם XVI־טן איז דאָס פראַנצויזישע פאָלק אָרעמער און אומגליקלעכער געווען, ווי בעתן אַלטן רעזשים. דאָס איז טאַקע די זאַך, וואָס אַזעלכע גע־שעענישן, ווי די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציע, קאָן מען נישט מעסטן מיטן מאַסשטאַב פון „עטלעכע יאָר.” אָן דער גרויסער פראַנ־צויזישער רעוואָלוציע, וואָלט דאָס גאַנצע נייע פראַנקרייך געווען אוממעגלעך, און טען גופא וואָלט געשטאָרבן ווי אַ שרייבער ביי איינעם פון די פּאַכטערס פון אַלטן רעזשים, אָנשטאָט צו וואַרפן שמוץ אויף דער רעוואָלוציע, וואָס האָט פאַר אים געעפנט אַ וועג צו דער נייער קאַריערע.

נאָך אַ גרעסערע היסטאָרישע דיסטאַנץ פאָדערט די אָקטאָבער־רעוואָלוציע. באַשולדיקן זי אין דעם, וואָס זי האָט אין משך פון צוועלף יאָר נישט געבראַכט דעם אַלגעמיינעם פרידן און דעם וואוילשטאַנד, קאָנען נאָר טעמפּע מוחות און בייזוויליקע מענטשן. נעמט מען די מאַסשטאַבן פון דער דייטשער רעפאָרמאַציע און דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, וואָס שטעלן מיט זיך פאַר צוויי עטאַפּן אין דער אַנטוויקלונג פון דער בירגערלעכער רעוואָלוציע, אויף אַ דיסטאַנץ פון כמעט דריי יאָרהונדערטן, דאַרף מען באמת נתפּעל ווערן פון דעם, אַז דאָס אָפּגעשטאַנענע און איינזאַמע רוסלאַנד האָט צוועלף יאָר נאָך דער איבערקערעניש געזיכערט די פאָלקסמאַסן אַזאַ דורכשניטלעכן עקאָנאָמישן מצב, וואָס שטייט נישט נידעריקער, ווי

ערב דעם קריג. דאָס אַליין איז שוין אין אַ געוויסער מאָס אַ וואונ־דער. אָבער דער זין פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע באַשטייט, נאַ־טירלעך, נישט אין דעם. זי איז דער פּרוּוו פון אַ נייער געזעל־שאַפטלעכער אָרדנונג. דערדאָזיקער פּרוּוו קאָן זיך ענדערן, אָננע־מען נייע פאָרמען, און אפשר אויך פון גרונט־אויס זיך ענדערן. ער וועט אויפן פונדאַמענט פון דער נייער טעכניק אָננעמען אַ גאַנץ אַנדערן כאַראַקטער. אָבער נאָך אייניקע צענדליק יאָר און שפּעטער, נאָך יאָרהונדערטן, וועט זיך די נייע געזעלשאַפטס־אָרדנונג אַרומ־קוקן אויף דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע פּונקט אַזוי, ווי דער בירגער־לעכער רעזשים קוקט איצט צוריק אויף דער דייטשער רעפאָרמאַציע אָדער אויף דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. דאָס איז אַזוי קלאָר, אַזוי אומבאַזיגבאַר, אַזוי אומדערשיטערלעך, אַז אפילו די געשיכטס־פּראָפעסאָרן וועלן דאָס באַגרייפן, אמת, ערשט נאָך אַ גאַנצער ריי פון יאָרן.

נו, און ווי האַלט עס מיט אייער פּערזענלעכן גורל? איך הער דידאָזיקע פראַגע, אין וועלכער נייגיריקייט איז געמישט מיט איראָ־ניע. דאָ קאָן איך נישט צוגעבן קיין סך דערצו, וואָס עס איז שוין געזאָגט געוואָרן אין דאָזיקן בוך. איך קאָן נישט מעסטן אַ היסטאָ־רישן פּראָצעס מיט אַ מאַסשטאַב פון אַ פּערזענלעכן גורל. להיפּוך, איך שאַץ אָפּ מיין פּערזענלעכן גורל נישט בלויז אָביעקטיוו, נאָר אפילו סוביעקטיוו טראָג איך אים איבער אין אומצעטיילבאַרן צוזאַ־מענהאַנג מיט דעם גאַנג פון דער סאָציאַלער אַנטוויקלונג.

זינט מיין גירוש האָב איך כסדר געלייענט אין צייטונגען גע־דאַנקען אויף דער טעמע וועגן דער „טראַגעדיע", וואָס מיך האָט געטראָפן. איך קען אָבער נישט קיין שום פּערזענלעכע טראַגע־דיע, איך קען נאָר דעם טויש פון צוויי אָפּשניטן פון דער רעוואָ־לוציע. אַן אַמעריקאַנישע צייטונג, וואָס האָט געדרוקט מיינעם אַן אַרטיקל, האָט צוגעגעבן צו אים אַ טיפּישע באַמערקונג אין דעם זין, אַז נישט געקוקט אויף די קלעפּ, וואָס דער מחבר האָט באַקו־מען, איז ער דאָך, ווי מען זעט עס אַרויס פון אַרטיקל, געבליבן ביים קלאָרן פאַרשטאַנד. איך קאָן נאָר באַוואונדערן דעם פּיליסטע־רישן פּרוּוו צו קאָנסטרואירן אַ צוזאַמענהאַנג צווישן דער אורטיילס־קראַפט און אַ רעגירונגס־פּאָסטן, צווישן גלייכגעוויכט פון דער נשמה און דער קאָניונקטור פון טאָג. איך האָב פון אַזאַ מעגלעכקייט נישט גע־

וואוסט און ווייס נישט עד־היום. אין תפיסה, מיטן בוך אָדער מיט דער פּעדער אין דער האַנט, האָב איך איבערגעלעבט פּונקט אַזעלכע שעהן פון העכסטער באַפרידיקונג, ווי אויף מאַסן־פאַרזאַמלונגען פון דער רעוואָלוציע. די מעכאַניק פון דער מאַכט האָב איך גיכער גע־שפּירט אַלס אַן אומפאַרמיידלעכע לאַסט, ווי אַלס אַ גייסטיקע באַ־פרידיקונג. אָבער ס'איז אפשר אַ סך גלייכער, אַז וועגן דעם זאָלן רעדן אַנדערע.

דעם 26־סטן יאַנואַר 1917 האָט ראָזאַ לוקסעמבורג געשריבן פון תפיסה צו אירער אַ פריינדין: „דאַסדאָזיקע פולשטענדיקע זיך אויפלייזן אין דער באַנאַליטעט פון טאָג איז מיר בכלל אומפאַר־שטענדלעך און אומדערטרעגלעך. קוק זיך צו, למשל, ווי אַ געטע האָט זיך מיט קילער געלאַסנקייט געשטעלט העכער איבער די זאַכן. שטעל זיך נאָר פאָר, וואָס ער האָט געמוזט איבערלעבן: די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציע, וואָס פון דער נאָענט האָט זי זיכער גע־מוזט אויסזען ווי אַ בלוטיקער און פולשטענדיק צוועקלאָזער פאַרס, און דערנאָך פון 1793 ביז 1815, אַן אומאויפהערלעכע קייט פון מלחמות... איך פאָדער נישט, אַז דו זאָלסט דיכטן ווי אַ געטע, אָבער זיין לעבנסאויפפאַסונג—דער אוניווערסאַליזם פון די אינטערעסן, די אינערלעכע האַרמאָניע—דאָס קאָן זיך יעדער פאַרשאַפן, אָדער לפּחות שטרעבן דערצו. און אויב דו וועסט זאָגן: געטע איז דאָך נישט געווען קיין פּאָליטישער קעמפער,—בין איך ביי דער מיינונג, אַז אַ קעמפער מוז ערשט שטאַרק שטרעבן צו שטיין העכער פון די זאַכן, ווען נישט, פאַרזינקט ער איבערן קאָפּ אין יעדן שמוץ—פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב דערביי אין זין אַ קעמפער פון גרויסן סטיל...” (זייטל 192—193).

הערלעכע ווערטער! איך האָב זיי גראָד מיט עטלעכע טעג צו־ריק צום ערשטן מאָל געלייענט, און זיי האָבן מיר מיט איינמאָל די געשטאַלט פון ראָזאַ לוקסעמבורג געמאַכט נענטער און ווערטפו־לער, ווי פריער.

לויט זיינע אָנזיכטן, לויט זיין כאַראַקטער און זיין גאַנצער וועלטאָנשויאונג איז מיר פרודאָן, דעררדאָזיקער רובינזאָן קרוזאָ פון סאָציאַליזם, לגמרי פרעמד. פרודאָן איז אָבער פון נאַטור געווען אַ קעמפער, ער האָט פאַרמאָגט די גייסטיקע אומאייגענוציקייט, די פעיקייט צו פאַראַכטן די אָפיציעלע עפנטלעכע מיינונג, און, דערצו

האָט אין אים געבראַכט אַן אייביק פייער פון אַלזייטיקן וויסנס־דראַנג. דאָס האָט אים געגעבן די מעגלעכקייט זיך אויפצוהייבן העכער איבערן פּערזענלעכן לעבן מיט זיינע עליות און ירידות, ווי בכלל איבער דער ווירקלעכקייט פון זיין צייט.

דעם 26־סטן אַפּריל 1852 האָט פּרודאָן געשריבן פון תּפיסה צו זיינעם אַ פריינט: „די באַוועגונג איז אָן שום ספק נישט רעגלמעסיק און גייט נישט מיט קיין גלייכן וועג, די טענדענץ בלייבט אָבער אייביק דיזעלבע. דאָס, וואָס עס ווערט געטאָן פון צייט צו צייט דורך יעדער רעגירונג לטובת דער רעוואָלוציע, בלייבט אומבאַריר־באַר; דאָס, וואָס מען פּרוּווט צו טאָן, כּדי צו שאַדן איר, פאַרגייט ווי אַ וואָלקן; איך לעב־איבער דידאַקיקע קאָמעדיע, און וועלכער איך פאַרשטיי יעדעס בילד; איך לעב־איבער דידאַקיקע אַנטוויקלונג פון לעבן אין אוניווערזום, פּונקט ווי איך זאָל דערויף באַקומען אַ רמז פון אויבן; דאָס, וואָס אַנדערע דערדריקט, הייבט מיך כּסדר אויף העכער, באַגייסטערט און שטאַרקט מיך; ווי זשע קאָנט איר וועלן, אַז איך זאָל קלאָגן אויף מיין גורל, באַשולדיקן די מענטשן און זיי פאַרפלוכן?! דער שיקזאַל — איך לאַך פון אים; און וואָס שייך די מענטשן, זענען זיי צו גרויסע עם־הארצים, צו שטאַרק פאַרשקלאַפט, אַז איך זאָל זיך קאָנען פון זיי באַליידיקן.“

הגם דידאַקיקע ווערטער האָבן אַ בייגעשמאַק פון אַ געוויסן קירכלעכן פּאַטאָס, זענען זיי פונדעסטוועגן זייער גוטע ווערטער. איך שרייב זיך אויף זיי אונטער.

אינהאַלט צום ערשטן באַנד

		זייט
	הקדמה	3
קאַפּיטל		
1	יאַנאָווקע	15
2	די שכנים—די ערשטע שולע	48
3	היים און שולע	67
4	ביכער און די ערשטע קאָנפליקטן	92
5	דאָרף און שטאָט	118
6	דער איבערברוך	137
7	מיין ערשטע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציע	151
8	מיינע ערשטע תפיסות	165
9	די ערשטע פאַרשיקונג	178
10	דאָס ערשטע אַנטלויפן	190
11	די ערשטע עמיגראַציע	200
12	דער פּאַרטיי-קאָנגרעס און די שפּאַלטונג	211
13	דער צוריקקער קיין רוסלאַנד	231
14	דאָס יאָר 1905	244
15	פּראָצעס, פאַרשיקונג, פליטה	261
16	די צווייטע עמיגראַציע און דער דייטשער סאָציאַליזם	281
17	די הכנות צו אַ נייער רעוואָלוציע	305
18	דער אָנהויב פון קריג	322
19	פּאַריז און צימערוואַלד	335
20	דער גירוש פון פראַנקרייך	348
21	איבער שפּאַניע	356
22	אין ניו-יאָרק	373
23	אינם קאָנצענטראַציע-לאַגער	386

אינהאַלט צום צווייטן באַנד

קאַפּיטל		זייט
24	אין פּעטראָגראַד	5
25	וועגן די רכילות-טרייבער	21
26	פון יולי צום אָקטאָבער	37
27	די נאַכט, וואָס דעצידירט	50
28	דער טראָצקיזם אין יאָר 1917	61
29	בײַ דער מאַכט	68
30	אין מאָסקווע	87
31	די אונטערהאַנדלונגען אין בריסק	105
32	דער שלום	128
33	אַ חודש אין סוויאַזשסק	149
34	אין צוג	170
35	די פאַרטיידיקונג פון פּעטראָגראַד	168
36	די מיליטערישע אָפּאָזיציע	203
37	חלוקי-דעות וועגן דער קריגס-סיטואַציע	223
38	דער איבערגאַנג צו דער נײַער עקאָנאָמישער פּאָליטיק (נעפּ) און מײַנע באַציונגען צו לענינען	236
39	לענינס קראַנקהייט	249
40	די פאַרשווערונג פון די עפּיגאָנען	275
41	לענינס טויט און די אָפּנייגונג פון דער מאַכט-פּאָזיציע	293
42	דער לעצטער פּעריאָד פון קאַמף אין דער פּאַרטיי גופא	315
43	די פאַרשיקונג	344
44	דער גירוש	370
45	דער פּלאַנעט אָן אַ וויזע	383